STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00649

# FUN BEYDE ZAYTN GETO-MOYER

Feigele Peltel Miedzyrzecki

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Ida Shrut Fisher*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



וולאַדקע

וולאַדקע –

פייגעלע פעלטעל מיענדזיזשעצקי

# פון ביידע זייטן



# געטאָ-מויער

ארויסגעגעבן דורכן

בילדונגס-קאָמיטעט פון אַרבעטער-רינג

# ON BOTH SIDES OF THE GHETTO WALL

## FUN BEYDE ZAYTN GETO-MOYER

By

WLADKA—F. PELTEL MIEDZYRZECKI

Copyright, 1948, by
Farlag Workmen's Circle of the
Educational Committee of the Workmen's Circle
175 E. Broadway, New York 2, N. Y.

Printed in U. S. A. by
The Shoulson Press, New York
255

געווידמעט מיינע אומפֿאַרגעסלעכע עלטערן:
חנה און שלומה פעלטעל, שוועסטער העניע
און ברודער חיים, וועלכע האָבן געטיילט דעם
גורל פון מיליאָנען יידישע היטלער־קרבנות
— אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן פון
טרעבלינקע.

די הכנסה פון דעם דאָזיקן בוך איז
באַשטימט פאַר דעם קינדער־פאָנד
ביים יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט.

# אינהאַלט

„וולאַדקע״ — פאָרוואָרט פון ג. כאַנין ........ 7
אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן ........ 13
ביי די שעפער ........ 21
לעבנס־שיינען ........ 28
אין די הענט פון דער יידישער פאָליציי ........ 34
מיינע נאָענטסטע צווישן די געכאַפּטע ........ 40
ביים אומשלאַג פּלאַץ ........ 52
„פּרייוויליקע״ ........ 55
אין שאָפּ ........ 60
אין די נעגל פון טויט ........ 70
די שוואַרצסטע טעג אין וואַרשעווער געטאָ ........ 79
אַ נייער רוף — אַנטקעגנשטעלן זיך ........ 87
אַרויס פון געטאָ ........ 95
מיינע ערשטע שריט אויף דער אַרישער זייט ........ 105
שאַנטאַזשיסטן — „שמאַלצאָווניקעס״ ........ 112
וואו קריגט מען געווער? ........ 120
דער געהיימער שמוגל פון געווער ........ 126
צוריק אין געטאָ ........ 132
יידישע קינדער אויף דער אַרישער זייט ........ 141
אַכצנטער יאַנואַר — די ערשטע שלאַכט ........ 150
אַ ווענדפּונקט ........ 154
אַ פּראָוואָקאַטאָר ........ 159
די לעצטע צוגרייטונגען ........ 167
דער געטאָ ברענט ........ 175
קאַמף און אומקום פון וואַרשעווער געטאָ ........ 188

געטאָ־אויפשטענדלער אויסערן געטאָ ........ 202
אַבראַשאַ בלום ........ 212
אין דאָרף ........ 223
פרישע יידישע קרבנות ........ 228
יידישע הילפס־אַרבעט אויף דער אַרישער זייט ........ 236
געהיימע דירות ........ 244
פוילישע פריינד ........ 251
יידן־אַריער ........ 259
דאָס לעבן פון באַהאַלטענע יידן ........ 269
אין גוטע מעלינעס ........ 278
ביי יידישע פאַרטיזאַנער ........ 284
פאַלשע דאָקומענטן און נייע באַהעלטענישן ........ 293
צווישן קעמפער פון טשענסטעכאָווער געטאָ ........ 300
אין די קאָניעצפּאָלער וועלדער ........ 306
דאָס לעבן גייט אָן ........ 311
הילף אין די לאַגערן — טשענסטעכאָוו ........ 322
יידן־לאַגער אין ראַדאָם ........ 330
ערב אַ דעצידירנדיקער צייט ........ 340
יידן אין וואַרשעווער אויפשטאַנד ........ 343
ווען מען איז געקומען צוריק... ........ 355

אַ רייע פון די בילדער וואָס
געפינען זיך אין בוך זיינען
אויסגעבאָרגט פון י.ו.א.
הילע געצייכנט פון י. שלאָס.

# פאַרוואָרט

## ז ו ל א ַ ד ק ע

מיט אַ געפיל פון הייליקן ציטער ברענגען מיר דאָס בוך דערינגע־רונגען געשריבן פון דער באַשיידענער געטאָ־העלדין „וולאַדקע". מיט אומגעפער צוויי יאָר צוריק איז וולאַדקע געקומען קיין אַמעריקע. זי איז געווען איינע פון די ערשטע, וועלכע האָט די „פאָרווערטס" לייענער דערציילט נישט נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי יידן זיינען אויסגעראָטן גע־וואָרן אין געטאָ, נאָר אויך ווי אַזוי זיי האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד; ווי אַזוי זיי האָבן געקעמפט קעגן דעם שונא וועלכער האָט אומגעבראַכט 6 מיליאָן יידן.

וולאַדקע איז נישט נאָר געווען אַן עדות פון דער שוידערלעכער טראַגעדיע און פון העראָאישן קאַמף נאָר זי אַליין האָט סיי אין געטאָ, סיי אויף דער אַרישער זייט דעם קאַמף מיטן שונא געפירט.

וולאַדקע, אָדער ווי איר ריכטיקער נאָמען איז פייגעלע פעלטעל־מיענדזיזשעצקי איז אַלט געווען 17 יאָר, ווען היטלער האָט באַהערשט פוילן און אַריין קיין וואַרשע. זי איז אַ קינד פון נישט רייכע עלטערן. איר ערשטע בילדונג האָט זי באַקומען אין די יידיש־וועלטלעכע שולן און אין דער בונדישער קינדער אָרגאַניזאַציע „סקיף". שוין אין די יונגע יאָרן האָט זי אַרויסגעוויזן אַ סך פּיאיקייט, מוט און כאַראַקטער.

פון די ערשטע טעג פון דער היטלער אָקופּאַציע, איז פייגעלע (די שפּעטערדיקע וולאַדקע) געווען אַ מיטגליד פון אומלעגאַלן קאָמיטעט פון יוגנט־בונד „צוקונפט", וועלכע האָט אַנטוויקלט אַ פאַרצווייגטע אונטער־ערדישע אַרבעט. פייגעלע האָט געפירט יוגנט קרייזלעך, אָנגעפירט מיט קינדער ווינקעלעך, אָנגעפירט שמועסן וועגן יידישער ליטעראַטור, באַ־טייליקט זיך אין פאַרשפּרייטן די אומלעגאַלע סאָציאַליסטישע פּרעסע; אויסער דעם האָט זי געהערט צו אַ יוגנט גרופּע, וואָס האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו פלעגן אין פאַרמאַכטן געטאָ די יידישע קולטור און שפּראַך. אין פרייע שעה'ן האָט זי געהיים געלערנט דעם קורס פון מיטל־שול.

פייגעלע פעלטעל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „וולאַדקע", ווען זי איז פון דער בונדישער אונטערערדישער באַוועגונג אַרויסגעשיקט גע־וואָרן אויף דער אַרישער זייט. אַדאַנק איר „גוטן" (אַרישן) אויסזען,

פליסיקן פוילישׂ, מוטיקער האַלטונג און פאַרשידנאַרטיקסטע אחריותפולע שליחותן, וועלכע זי האָט אויסגעפירט פאַרן יידישן אונטערערד, האָט וולאַדקע זיך געפונען אין כסדרדיקער באַוועגונג. זי האָט מיט די געצייליטע יידישע טויער אויף דער אַרישער זייט געשמוגלט דורכן געטאָ־מויער געווער פאַר דער יידישער קאַמפס אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. זי האָט געהאָלפן יידן אַרויסקריגן זיך פון געטאָ און זיי אויסבאַהאַלטן ביי קריסטן. זי האָט אַלס קוריערין פון יידישן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט, געטראָגן הילף און אַ מוטיק וואָרט אין די פאַרוואָרפנסטע באַהעלטעניש און בונקערס. זי האָט געזוכט און געפונען וועגן ווי צו קאָמוניקירן און צו העלפן די רעשטלעך יידן אין די אַרבעטס־לאַגערן און אין די וועלדער.

אין אָט דער דאָזיקער טעטיקייט אירער, אַליין זייענדיק פאַרשטעלט אַלס קריסטין, האָט וולאַדקע געקראָגן אַ ברייטע מעגלעכקייט צו אָב־סערווירן די האַלטונג פון דער פוילישער באַפעלקערונג, צווישן וועלכער די יידן האָבן דורות לאַנג געלעבט און אויף וועמענס אויגן זיי זיינען איצט אַזוי גרויזאַם און שוצלאַז געשאָכטן געוואָרן. זי האָט גע־אָטעמט די לופט פון ברענענדיקן געטאָ; זי האָט צוגעזען אומצייליקע בילדער פון איבערמענטשלעכסטע שרעק און פיין, זי איז געווען אַן עדות פון אומצייליקע פאַלן פון ליכטיקן און אייביק לויכטענדיקן העראָ־איזם. מיט איין וואָרט, — פון צווישן די לעבן געבליבענע איז זי איינע פון די זייער ווינציקע וואָס האָט געהאַט די מעגלעכקייט אַריינ־צוזאַפן אין זיך אַזוי פיל פאַרשיידנאַרטיקע בילדער פון אונדזער ריזיקער טראַגעדיע.

דער בילדונגס קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג האָלט פאַר זייער וויכטיק צו ברענגען וואָס מער פון אָט די בילדער ווי אַ זכרון לדורות, און ער האָט דעריבער באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ בוך פון וולאַדקען מיט אַ שילדערונג פון אירע איבערלעבונגען.

ווען דער בילדונג־קאָמיטעט האָט פאָרגעשלאָגן וולאַדקען אַרויסצו־געבן אַ בוך מיט אירע דערינערונגען, האָט זי זיך לכתחילה פון דעם קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז עס איז בויטיק צו וואַרטן ביז עס וועט קומען גאָר אַ גרויסער קינסטלער וואָס וועט ראוי זיין צו שילדערן אָט די טראַגישע תקופה פון יידישן לעבן, אָדער, ביז אַ קאָמפּעטענטער היסטאָריקער וועט פון פּערספּעקטיוו פון צייט, און אויפן גרונט פון אַלע מעגלעכע צוטריטלעכע מאַטעריאַלן, געבן דער וועלט דעם אַלזייטיקן בילד פון זעקס יאָר יידיש לעבן, פּייניקן געראַנגל און טויט אונטער היטלערן.

צווייטנס, ביי איר בעסטן ווילן, קען זי נאָר שילדערן די סביבה אין וועלכער זי האָט זיך געפונען, און עס קען מאַכן דעם איינדרוק, דורך

אַזאַ שילדערונג, אַז דער קאַמף איז געפירט געוואָרן פון איינצלנע מענטשן, אָדער פון דער אָדער יענער גרופּע. דאָס איז אַ פאַלש בילד און גלייכצייטיק אַ חילול השם לגבי אַלע אומגעקומענע יידן, ווייל אַלע יידן האָבן אויף זייער אופן יעדע מינוט פון טאָג געקעמפט מיטן שונא. דער אומגעקומענער ייד איז נישט געגאַנגען צו דער שחיטה ווי אַ שטילער שעפּס. דער שונא האָט זיך אָנגעטראָפן אויף ווידערשטאַנד און געראַנגל, האָס און קללה זיינען אים געוואָרפן געוואָרן אין פּנים אַריין.

„איך, — האָט אונדז וולאַדקע געזאָגט — קאָן שרייבן נאָר וועגן זאַכן וואָס איך אַליין האָב איבערגעלעבט, געהערט און געזען. און אויך דאָ איז מיין פּעדער צו שוואַך אויף אָפּצושפּיגלען די טיפקייט פון די איבערלעבונגען, און דאָס וואָס איך האָב געהערט און געזען זיינען דאָך בלויז טראָפּנס אין ים פון דער גרויזאַמער טראַגעדיע."

עס האָט ביים בילדונגס־קאָמיטעט גענומען צייט, ביז מען האָט וולאַדקען איבערצייגט, אַז צו די גרויסע חובות, וואָס מיר זיינען שולדיק די טראַגיש־פאַרשניטענע פון אונדזער פאָלק, געהערט אויך דער חוב קודם־כל צו פאַרצייכענען פּשוט און ריכטיק, אויפן סמך פון באַווייזן פון אויטענטישע עדות, די מגילה פון זייער פיין און העלדישקייט. דעסטאָ מער איז דאָס דער חוב פון אַזאַ ווי וולאַדקע, וועלכע האָט צוליבן כאַ־ראַקטער פון איר טעטיקייט געהאַט באַזונדערע מעגלעכקייטן פיל צו זען און צו הערן. מיר האָבן אונטערגעשטראָכן אַז אויך פאַרן קינסטלער און היסטאָריקער, איצטיקן און צוקונפטיקן, איז גראָד נויטיק אַז דאָס בוך זאָל אַרויס.

וועגן דער אַרבעט פון וולאַדקען, וועגן איר הייליקער איבערגעגעבנ־קייט, וועגן איר מסירות־נפשדיקייט, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס באַ־וואונדערונג, האָבן מיר, די אַמעריקאַנער אַרבעטער־טוער, זיך דערוואוסט פון די ערשטע אונטערערדישע באַריכטן, וואָס ס'האָט אַרויסגעשיקט פון אָקופּירטן פּוילן דער פאַרשטאָרבענער פאַרזיצער פון צ. ק. פון „בונד" און פאַרשטייער פון יידישן קאָאָרדיניר קאָמיטעט „מיקאַליי בערעזאָווסקי (לעאָן פיינער). אין די באַריכטן איז צוזאַמען מיט די פאַרצווייפלטע הילפס־רופן דערציילט געוואָרן וועגן דער אָפּ־פערווייליקייט, הילף און רעטונגס אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן, און אַלס ביישפּיל איז דערמאָנט געוואָרן דער נאָמען פון וולאַדקען. ביז דער ענדע פון קריג האָבן מיר נישט געוואוסט, ווער די דאָזיקע לעגענדאַרע וולאַדקע איז, איר אמתן נאָמען האָט ח' לעאָן פיינער צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים נישט דערמאָנט. ערשט נאָך דער באַפרייאונג איז דאָ באַקאַנט געוואָרן דער סוד, אַז די „לעגענדאַרע" וולאַדקע, איז די יעניקע, וועלכע אַ ריי טוער האָבן דאָ געקענט ווי די געוועזענע שילערן פון די

יידיש־וועלטלעכע פאָלקס־שולן, און אַמאָליקע „סקיף"־ און „צוקונפט"־טוערין, די יונגע און באַגייסטערטע פ י י ג ע ל ע פ ע ל ט ע ל.

נישט איין מאָל איז וולאַדקע געווען אין די נעגל פון שונא און אַלע מאָל האָט איר צוגעשפּילט דאָס גליק. נייך, נישט נאָר גליק, נאָר אויך איר מוטיקייט, און דערפאַר האָט זי זיך פון שונא'ס הענט אַרויס־געריסן.

אין דעם בוך גייען אַריין איינקע אַרטיקלען וואָס וולאַדקע האָט געדרוקט אין „פאָרווערטס" און אַ גרויסע צאָל נייע זאַכן וואָס זיינען אין ערגעץ נישט געווען געדרוקט. אַפילו די אַרטיקלען וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס" זיינען פון איר פאַרן בוך גרינטלעך באַאַרבעט געוואָרן, און עס זיינען צו די אַרטיקלען צוגעגעבן געוואָרן אַ סך נייע פאַקטן און איבערלעבונגען.

דאָס בוך נעמט אַרום אַ פּעריאָד פון אומגעפער צוויי מיט אַ האַלב יאָר, פונעם 22־טן יולי 1942 ביז דער באַפרייאונג אין אָנהייב 1945. דאָס זיינען די צוויי און אַ האַלב יאָר אין דער יידישער געשיכטע, וועלכע זיינען אויסגעפילט מיט דער גרעסטער טראַגישקייט און דער גרעס־טער העלדישקייט. דאָס איז דער פּעריאָד פון ערשטן טאָג פון דער מאַסן־דעפּאָרטאַציע פון וואַרשע, פון די צוגרייטונגען צום געטאָ אויפ־שטאַנד, דעם אויפשטאַנד גופא און פון די איבערמענטשלעכע באַמיאונגען פון יידישן קאָאָרדינירקאָמיטעט אויפצוהאַלטן ביים לעבן כאָטש די רעשטלעך, — ביז דעם טאָג, ווען די נאַצי־מערדער זיינען ענדלעך פאַר־טריבן געוואָרן פון פּוילן, און ווען עס האָט זיך פאַר יעדן איינציקן, ווי אויך פאַר דער גאַרער וועלט אַנטפּלעקט דער ריזיקער יידישער בית־עולם, וועלכן זיי האָבן איבערגעלאָזט.

די שרייבערין שילדערט מיט איינפאַכע ווערטער, מיט זעלטענער, און ווי מען פילט דאָס, מיט איבערמענטשלעכער געצוימטקייט, דאָס וואָס זי האָט, דורך אָט דער צייט געזען און איבערגעלעבט פון ב י י ד ע ז י י ט ן ג ע ט אָ מ ו י ע ר.

די דאָזיקע איינפאַכע, אוממיטלבאַרע ווערטער, גיבן ווי ווייט מעגלעך אַן אָביעקטיוון אַלזייטיקן בילד פון אומגליק און דערהויבונג פון אַ פאָלק. זיי גליען מיט מאָנונג, זיי פאַראייביקן פאַר דורות פאַקטן, וואָס טאָרן נישט פאַרגעסן ווערן.

דער בילדונגס־קאָמיטעט ברענגט דאָס בוך צו די לייענער מיט דער גרעסטער צופרידנקייט. הגם דאָס בוך אַליין איז אַ בוך פון צער, איז ער אָבער אויך אַ בוך פון העראָאישקייט.

וולאַדקע איז אַ קינד פון יידישן אַרבעטער און פאָלקס לעבן. זי איז נישט די איינציקע. אין אַלע ווינקלעך פון יידישן אומקום, אין אַלע

געטאָס, אין אַלע לענדער וועלכע היטלער האָט באַהערשט זיינען געוועזן העלדישע וואָלאַדקעס אין די טויזנטער. אַ ריזיקע מערהייט פון זיי איז אומגעקומען, געציילטע זיינען ניצול געוואָרן.

ווען איר זיצט און רעדט מיט וואָלאַדקען, דערציילט זי אייך וועגן די פאַרשניטענע העלדן מיט אַ געפיל פון הייליקייט און ערפורכט. ווייניק רעדט וואָלאַדקע וועגן זיך. אָבער אַזוי פיל רעדט זי וועגן אַנדערע...

זאָל דאָס בוך פון וואָלאַדקען, דאָס בוך פון העלדישקייט און ווידערשטאַנד דינען ווי אַ ביישפיל פאַר אַלע די, וועלכע וועלן דאָס בוך לייענען, און זאָלן זיי אין א י ר שטאַרקייט שעפּן אויך שטאַרקייט פאַר זיך.

זאָל וואָלאַדקע זיין אַ ביישפּיל פאַר אונדז אַלעמען.

נ. כאַנין.




# פלאַן פון ווארשעווער געטאָ

—— גרענעצן פון געטאָ פון 18 אָק־טאָבער 1940.

—•— גרענעצן נאָך די ערשטע אַק־ציעס 1942.

א — צענטראַלער געטאָ. ב — בערש־טער־געביט. צ — שעפער־געביט. ד — קליינער געטאָ.

## קאַפּיטל איינס

# אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן

צוויי און צוואַנציקסטער יולי 1942. עס איז פאַרטאָג. עס הערט זיך דאָס עפּענען און פאַרמאַכן פון טירן און אַ שנעל געלויף איבער די שטיגן. דער הויף, לעשנא 72, איז שוין וואַך. דאָס לויפן די שכנים מסתמא זיך דערוויסן, צי עס איז פאַראַן פרישע נייעס. דער געטאָ פיבערט איצט מיט דעם לעצטן גרויסן אַרעסט. ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין האָבן יידן נעכטן אַרומגערעדט די באַאומרואיקנדיקע ידיעה, אַז דייטשן האָבן זיך באַוויזן אין דער יידישער קהילה און האָבן פאַרהאַלטן זעכציק אָנגעזעענע באַאַמטע פון פאַרשיידענע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטי־טוציעס.

— דאָס וועט שוין מיט זיך עפּעס ברענגען — האָט מען דער־שראָקן געפּרואווט טרעפן. שוין מער ווי צוויי וואָכן, ווי מיר לעבן אין אומרואיקער שפּאַנונג. עס גייען אַרום פאַרשיידענע שלעכטסאָנזאָגנדיקע קלאַנגען. זיי שטאַמען מערסטנס פון דער פירמע קאָן און העלער — אַ האָנדלסאונטערנעמונג, געפירט דורך צוויי יידישע געשטאַפּאָווצעס. זיי האָבן דאָס אַרויסגעלאָזט דעם קלאַנג וועגן טראַנספּאָרטן, וואָס דער דייטש וויל אַרויספירן פון געטאָ. וואוהין מען וועט פירן וויס קיינער נישט, מען שמועסט נאָר, אַז די, וועלכע וועלן זיין באַזאָרגט מיט אַרבעט, וועט מען שוינען. פון דער קהילה לייקנט מען אָפּ די דאָזיקע ידיעות; די דייטשן האָבן נאָך גאָרנישט פאַראָרדנט, דאָס זיינען אויסגעטראַכטע מעשות. אָבער וואָס מער מען גריבלט זיך אין די לעצטע געטאָ־געשע־עניש, אַלץ שטאַרקער ווערט די אומרואיקייט. אָן אַ פאַרוואָס ווערן טאָג און נאַכט, אויף דער גאַס אָדער אין די וואוינונגען, דערשאָסן יידן. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען יידישע יונגעלייט געכאַפּט פון דער גאַס אַראָפּ און ערגעץ אַרויסגעפירט. קיין שום ידיעות זיינען פון זיי נישט אָנגעקומען. איצט, ווידער, די נעכטיקע געשעעניש.

די אומרואיקייט יאָגט מיך אַרויס פון שטוב.

דער הויף איז פול מיט שכנים. מען האָט מורא זיך צו זאַמלען אין גאַס, שטייט מען גרופּקעסווייז ביי די טויערן און מען שמועסט.

די נערוועזע באַוועגונגען, די דערשראָקענע בליקן זאָגן עדות, אַז דאָס רעדט מען וועגן אַרעסט. די געשפּרעכן ווערן געפירט זייער שטיל. אַ מאָדנע געדריקטקייט הערשט אין הויף. אַפילו דאָס קליינוואַרג איז נישט טומלדיק. די קינדער פּלאָנטערן זיך שוויגנדיק צווישן די פיס פון די דערוואַקסענע. די געזומלען ווערן וואָס אַ מאָל אַלץ גרעסער. עס קומען צו לויפן פון די שטובן פרישע יידן.

— ווייס מען שוין עפּעס נייעס? — פרעגן זיי צעטראָגן.

עס איז נאָך פרי, קיין פרישע ידיעות זיינען נאָך נישטאָ.

— היינט וועט זיכער עפּעס פאָרקומען — פּרואוון טרעפן עטלעכע שכנים.

— מיטן ריידן וועט איר אַליין אַרויסברענגען דאָס אומגליק.

— יאָ אַרויסברענגען, נישט אַרויסברענגען, דאָס וואָס דאַרף קומען, וועט אונדז סיי ווי טרעפן — ענטפערן נערוועזע שטימען. אַלע זיינען אויפגערעגט. פון איין געזעמל דערטראָגט זיך די שטים פון אַן עלטערן מאַן:

— יידן, שרעקט זיך נישט, איר וועט זען, מיט גאָטס הילף, וועלן מיר די נייע גזירה אויך איבערקומען.

פשוטע, געוויינלעכע טרייסט־ווערטער, וואָס מען הערט אַזוי אָפט אין געטאָ. נאָך וואָס טאָקע זיך לאָזן מיטרייסן מיט דער פּאַניק־שטימונג? — טראַכט איך. אַזוי פיל האָבן מיר שוין דורכגעמאַכט. שוין באַלד צוויי יאָר, ווי מיר זיצן אין פאַרמאַכטן געטאָ, אויסגעשטאַנען באַליידיקונגען, געראַנגלט זיך מיטן הונגער, מיט קראַנקהייטן, מיטן טויט. אַלע צרות ווי עס איז נישט איבערגעטראָגן, זאָל מען זיך איצט פאַרלירן?

מיינע געדאַנקען רייסט איבער אַ ראַשיקע באַוועגונג. דאָס האָט זיך באַוויזן דער קהילה־באַאַמטער פרידמאַן, אַ שכן פון הויף. זיין בלייך צעשראָקן פּנים און זיין האַסטיקער גאַנג ציען צו אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. ווייס ער שוין עפּעס שלעכטס? — עטלעכע פּרובירן אים פאַרהאַלטן, אַנדערע רינגלען אים אַרום און פאַרשטעלן אים דעם וועג.

— זאָל ער אַ מינוט זיך אָפּשטעלן — בעט מען זיך ביי אים. ער אַרבעט אין דער קהילה און ווייס זיכער עפּעס גענויערס. אַ נידעריקער, אַן אויסגעמאַטערטער שטייט ער פאַרלוירן, אַרומקוקנדיק זיך מיט צעטומלטע בליקן. ענדלעך הערט זיך זיין טרוקענע שטים:

— יאָ, מען וועט אַרויספירן און דאָס וועט זיך גאָר שנעל אָנהייבן.

אַ שטיל געמורמל גייט דורך צווישן די צוהערער. דער קהילה־באַאַמטער רעדט ווייטער:

— מען וועט נעמען אין דער ערשטער ריי די יידן פון די „פּונקטן“,

וואָס האָבן געגאָסן פון געזעלשאַפטלעכער שטיצע, און די אַרעסטירטע פון גענשער טורמע.

אייניקע אַטעמען לייכטער אָפּ. הייסט עס, אַז די וועלכע וואוינען אין אייגענע וואוינונגען און זיינען צו קיינעם דערווייל נישט אָנגעקומען נאָך הילף, מיינט מען נאָך נישט.

— און די וועלכע האָבן ערגעץ אָנגעגעבן אַ ביטע, וועט מען אויך נעמען? — פרעגט צעטומלט אַ פרוי.

— זעט נאָר וועגן וואָס מען פרעגט זיך דאָ! מען וועט זיכער נעמען נאָך עטלעכע טויזנט און עס וועט צוריק שטיל ווערן — ענטפערט איר אַ נערוועזע שטים.

דער קהילה־באַאַמטער צוקט פאַרלוירן מיט די אַקסלען.

— זיי דאַרטן וויסן אויך נישט געגוי — רופט ער זיך אָן. דאָס מיינט ער זיכער די קהילה־טוערס, די „גרויסע קעפּ".

— איז ווער ווייס יאָ? — דענערווירן זיך די שטייענדיקע יידן. — עס גייט אויף אונדז אָן אומגליק. און עס איז נישטאָ אַפילו, ווער עס זאָל עפּעס זאָגן, עפּעס אויפקלערן!

דער עולם איז צערודערט. עטלעכע שכנים לויפן שנעל אין זייערע שטובן דערציילן די בשורה זייערע נאָענטסטע. אַנדערע ווידער לויפן אויף דער גאַס. אפשר ווייס שוין די גאַס עפּעס געגויערס? פיל שכנים שטייען ווייטער אַרום דעם קהילה־מאַן און פרואוון פון אים אַרויסקריגן נאָך ידיעות. אין דער קהילה זיינען אַלע צעטומלט — דערציילט ער. עס קומען דאַרט פאַר געהיימע זיצונגען, נאָר וואָס עס ווערט אויף זיי גערעדט, ווייס ער נישט.

דאָס קלעפּן אַרום אים וועט שוין מער גאָרנישט געבן. איך לאָז זיך אַרויס אין גאַס. עס איז אַ שוואַכע באַוועגונג. פון יעדן טויער קומען אַרויס נייגעריקע גרופּקעלעך יידן. אַלעמענס בליקן זיינען געווענדט צום געטאָ־טויער אויף ראָג לעשנאָ און זשעלאַזנע. דאַרטן דרייט זיך איצט אַרום אַ גרעסערע באַוואָפנטע דייטשישע וואַך. די פּלוצלונגדיקע שטאַרקע באַוואַכונג וואַרפט אָן אַ שרעק. ביי אַ קליין קרעמל פון צוקערלעך, פּאַפּיראָסן שטייט אַ רעדל יידן. זיי הערן זיך אויפמערקזאַם צו צו דעם וואָס עס דערציילט אַ צוועלף־יאָריק ייִנגל:

ס'איז אַ שמוגלער, איינער פון די פיל קינדער־שמוגלערס, וואָס פאַרדינען זייער שטיקל ברויט דורך אַרויסגנבענען זיך פונעם געטאָ־מויער און איינהאַנדלען ביי קריסטן אַ ביסל עסנוואַרג. היינט, ווי שטענדיק, האָט ער געוואָלט זיך אַרויסקריגן פון געטאָ. ער איז שוין געווען אין אַלע ווינקעלעך, וואו עס איז נאָר מעגלעך זיך אַדורכצושטופּן. אָבער אומזיסט. דער גאַנצער מויער איז היינט אַרומגעשטעלט מיט דייטשן

און אוקראַינער. עס איז אַ מורא אַפּילו נאָענט צוצוגיין. דער קליינער האָט שיעור נישט באַצאָלט מיטן לעבן, זוכנדיק אַ וועג ווי אַרויסצוקריכן.

אָבער פּלוצלונג ווערט אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט אָפּגעווענדט: פאַרביי אונדז מאַרשירן צוויי געשלאָסענע גרופּן פון יידישער פּאָליציי. זיי גייען מיט האַסטיקע טריט אין מיטן גאַס. גלייך נאָך זיי פאָרן נאָך עטלעכע ליידיקע טראַנספּאָרט־וועגענער.

— וואָס דאַרף דאָס באַטייטן?

דער פּאַפּיראָסן־פאַרקויפער ווייס שוין צו דערציילן, אַז די יידישע פּאָליציי האָט געקראָגן אויף דעם היינטיקן טאָג ספּעציעלע פאָראָרדע־נונגען. עטלעכע אַזעלכע גרופּן האָבן שוין דורכמאַרשירט אונדזער גאַס. אויך דייטשישע פּאַטרולן האָט ער היינט פרי געזען. און ווי אַ באַשטע־טיקונג פון זיינע רייד שניידט די לופט דורך אַ הילכיקע פייפעריי פון אַ דורכפאָרנדיקן אויטאָ מיט דייטשן. עס ווערט אַ געלויף אין די טויערן, מען האָט מורא. ווי נאָר דער אויטאָ פאַרשווינדט, זיינען שוין אַלע צוריק אויף דער גאַס. מען פילט אין דער לופטן, אַז עפּעס רוקט זיך אָן, עפּעס אַזעלכעס וואָס איז ערגער פון אַלץ וואָס מיר האָבן ביז איצט דורכגעמאַכט.

מיך הייבט פון אָרט. איך וויל זיך אַריינכאַפּן צו דער מאַמען. זי וואוינט אויך אויף לעשנאָ גאַס, — אין נומער 66. בלויז דריי הייזער טיילן מיך אָפּ פון איר. שנעל לויף איך דורך דאָס שטיקל וועג אויפן הויף. דאָ שטייען אויך רעדלעך. אָט בין איך שוין אויף די געדרייטע שטיגן, נאָך אַ ווייל — כ׳בין אין שטוב. די מאַמע קוקט מיך דער־שראָקן אָן.

— איז עפּעס געשען? — פרעגט זי ענגדלעך.

איך באַרואיק זי — ניין, עס איז גאָרנישט. בלויז קלאַנגען גייען אַרום. מען ווייס גאָרנישט אויף זיכער. זי הערט מיך אויפמערקזאַם אויס און רופט זיך אָפּ:

— פאַרפאַלן, נישטאָ קיין סך כח זיך איבערצונעמען, וואָס עס וועט זיין מיט אַלע, וועט זיין מיט אונדז.

זי האָט נאָר אַ ביסל זאָרג צוליב איר פּוס וואָס זי האָט צעבראָכן אין אָנהייב קריג. אָבער אויב זי וועט נאָר זיין צוזאַמען מיט אירע קינדער, וועט זי זיך אין אַ צווייטער שטאָט אויך אַן עצה געבן.

זייער פיל יידן טראַכטן, אַז דאָס אַרויספירן מיינט בלויז מגולגל ווערן אין אַן אַנדער שטאָט. עפּעס אַנדערש קאָן מען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן. דער וואַרשעווער געטאָ האָט דאָך חדשים לאַנג געזען איבער די גאַסן די געפּאַקטע אויטאָס מיט די אַריינגעטריבענע יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך. גלייבט מען דעריבער אַז אויך מיט אונדז וועט דאָס זעלביקע פּאַסירן. די מאַמע האָט שנעל שלום געמאַכט מיט דעם

וואָס דאַרף קומען. ווי שטענדיק, אויך איצט, אין דעם גרויסן אומרו, פּרוּווט זי זיך טרייסטן און צוגעוואוינען דעם געדאַנק צום אומפאַר־מיידלעכן.

זי איז זייער שטאַרק באַאומרואיקט וועגן זעכצן־יאָריקן ברודער מיינעם, חיים, און וועגן דער אַ ביסל עלטערער שוועסטער, העניע. ביידע זיינען נאָך נישט פאַרזיכערט מיט קיין אַרבעט. זיי לויפן גאַנצע טעג אַרום און האָבן נאָך דערווייל גאָרנישט געפונען. אַ לאַנגע ווײַלע זיצן מיר שווייגנדיק. עס דריקט אויף אונדז ביידן ווי אַ בלייענע שווערקייט.

אין הויף איז עפּעס טומלדיק געוואָרן. מען רופט, מען קלאַפּט מיט די טירן. איך באַוויז נישט צוצוגיין צום פענצטער, ווי עס פּראַלט זיך אויף די טיר און עס לויפט אַריין פאַריאָכמעדט אונדזער שכנטע זאַכער־מאַן. זי וואוינט קעגן איבער דער מאַמען. איר מאַן איז אין אָנהייב קריג אַוועק קיין רוסלאַנד און זי איבערגעלאָזן מיט דריי קליינע קינדער.

— האָט איר שוין געהערט? — רופט זי אויס צעטראָגן, — פּלאַ־קאַטן זיינען דאָ! פּלאַקאַטן וועגן אַרויספאָרן!

מיר בלייבן אַ ווײַלע אָן לשון. זיינען טאַקע די קלאַנגען געווען אמתע — לויפט דורך אַ געדאַנק. די מאַמע פאַלט צו צו דער שכנטע און הייבט איר אָן צו בעטן מיט אַ ציטערדיקער שטים:

— דערציילט, וואָס שרייבט מען דאָרטן, דערציילט!

די שכנטע ענטפערט נישט, זי לויפט איבער דער שטוב, ברעכט פאַרצווייפלט מיט די הענט און יאָמערט אויפן קול:

— וואָס טוט מען, וואָס טוט מען מיט די קינדער?

איך לויף אַראָפּ זען די פּלאַקאַטן. די גאַס איז שוואַרץ פון מענטשן. פון אַלע טויערן לויפט מען. בליץ־שנעל איז צו אַלעמען דערגאַנגען די נייעס. ביי די ווענט, וואו עס זיינען אָנגעקלעפּט די נאָך נאַסע פּלאַכטעס געדרוקטע פּאַפּיר, איז פול מיט מענטשן. מ׳שטויסט זיך. יעדער וויל זיין פאָרנט, בעסער זען, אַליין מיט די אייגענע אויגן איבערלייענען. מען וויל קיינעם נישט גלייבן, אַפילו נישט דעם, וואָס איז נאָר וואָס אַוועקגעגאַנגען פון פּאַפּיר. יעדער איינער קאָן דאָך לויט זיין שטייגער זיך אויסטייטשן. בעסער אַליין, אַליין זיך איבער־צייגן. צוזאַמען מיט אַנדערע שטויס איך זיך אויך. איך עס זיך איין אין די שורות מיט די אויגן. עס גייט מיך נישט אָן, וואָס מען שטופּט מיך, וואָס אַרום איז טומלדיק. איך שלינג מיט האַרצקלאַפּעניש די געדרוקטע ווערטער. איין מאָל, צוויי מאָל, וואָס לענגער איך לייען, אַלץ מער מישט זיך מיר אין קאָפּ. די אותיות שפּרינגען פאַר די אויגן, שווער צו באַנעמען דעם אינהאַלט. איך פּרוּוו נאָך אַ מאָל לייענען, ענדלעך הייבן פאַרשיידענע זאַצן אָן ביסלעכוויז אַריינצודרינגען אין מוח. אייניקע פון זיי געדענק איך נאָך ביז היינט:

„אויפן באַפעל פון דער דייטשישער מאַכט ווערן אַלע יידן פון וואַרשע אָן אונטערשייד פון עלטער און געשלעכט איבערגעזידלט. דער דאָזיקער פאַראָרדענונג אונטערליגן נישט די, וועלכע זיינען באַשעפ־טיקט אין דייטשישע שעפער, אין דער יידישער קהילה, אין דער יידי־שער פּאָליציי און אין יידישן שפּיטאָל. יעדער אויסגעזידלטער ייד האָט דאָס רעכט מיטצונעמען מיט זיך 15 קילאָגראַם באַגאַזש, ווערטפולע זאַכן, געלט, און שפּייז אויף דריי טעג. יעדן איינעם, וואָס וועט זיך נישט אונטערוואַרפן דער דאָזיקער פאַראָרדענונג דראָט טויט־שטראָף". אונטערגעשריבן איז געווען: יודענראַט.

איצט איז די אומרואיקייט נאָך מער געשטיגן. די אימה און שרעק זיינען געוואָרן נאָך גרעסער; אַ פיינלעכער פיבער האָט אַלעמען אַרומ־גענומען. ס'איז אַ פאַקט: מען וועט טאַקע אַרויספירן. די גאַס איז ווי אַן אויפגעבראַוזטער ים. אָן אויפהער שטופּט מען זיך אַרום די אויפ־געקלעפּטע מודעות. מען וויל נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל לייענען. עפּעס איז שווער צו באַגרייפן, אַז דאָס איז טאַקע אמת. אויף דער גאַס זאַמלען זיך רעדלעך. אַלע זיינען צעטומלט. יידן פּרוּוון זיך קלאָר מאַכן דאָס נאָר וואָס געלייענטע. איצט שעפּטשעט מען שוין מער נישט, מען קאָן שוין ריידן. די גזירה איז שוין באַוואוסט. פון אַלע זייטן הערן זיך כסדר דערשראָקענע פראַגן: וואוהין וועט מען פירן? וויפל וועט מען נעמען? אָבער ווער קאָן דערויף ענטפערן, אַז אין די פּלאַקאַטן שרייבט מען וועגן דעם גאָרנישט?

— עס וועט דויערן בלויז עטלעכע טעג און ס'וועט אַדורך, — פּרוּוון זיך אַנדערע באַרויקן. מען וועט דאָך אַ גאַנצע שטאָט יידן נישט אַרויספירן!

אָט אַזעלכע טרייסט־ווערטער הערן זיך אויפן גאַס. אַ סך לויפן צו דער יידישער קהילה נאָך אויפקלערונגען. אַנדערע ווידער יאָגן זיך צו משפחה, צו זייערע באַקאַנטע, איבערצורעדן, עפּעס באַשליסן. מען דאַרף זיך איילן, די פאַראָרדענונג איז שוין אַריין אין קראַפט. עס פאַרמאַכן זיך געוועלבלעך. פון די שויפענצטער פאַרשווינדן פּראָדוקטן. דער האַנדל ווערט כמעט אין גאַנצן איבערגעריסן. די גאַסן ווערן פריי פון בעטלערס, זיי זיינען פאַרשוואונדן, זיי האָבן מורא. מען רעדט, אַז זיי, די בעטלערס, דאַרפן גיין אויפן ערשטן פייער. אַ סך וויסן שוין צו דערציילן פון גרייטע וואַגאָנען, וואָס וואַרטן אויף זייטיקע רעלסן. איך דריי זיך אַרום אַ צעטומלטע אויפן גאַס, כ'גיי פון איין געזעמל צום צווייטן און אין קאָפּ האַקט ווי מיט האַמערס: מען וועט אַרויס־פירן, מען וועט אַרויספירן! פאַרשיידענע געדאַנקען פליען אַדורך. אָט דערמאָנט זיך מיר: איך האָב מיט אייניקע טעג צוריק געטראָפן ביי מיינע מיטוואוינערס דעם חבר מיכעלסאָן, אַ טיכטיקן געזעלשאַפט־

לעכן טוער, אַן אָנגעזעענער בונדיסט. און ער האָט, אַזוי זיך, צווישן אַנדערן, באַמערקט: — צי וועט מען מיט די אַרויסגעפירטע יידן נישט טאָן דאָס זעלבע וואָס מיט די יידן פון כעלמנאָ? — אַ שוידער גייט מיר דורך. דריי יידישע באַגרעבער, אַנטלאָפענע פון כעלמנאָ, האָבן מיט חדשים צוריק אויפגעטרייסלט דעם געטאָ. זיי האָבן דערציילט שוידער־לעכע זאַכן ווי יידן ווערן פאַרגאַזט. מען האָט זיי יאָ און נישט גע־גלייבט. דאָך איז דאָן נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז מיט אונדז קאָן געשען דאָס זעלביקע. ניין, עס איז אוממעגלעך, אַז דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, זאָל אַזעלכעס קאָנען פּאַסירן!

מיינע מחשבות ווערן איבערגעריסן דורך אַ געשריי פון פאַרביילויפנ־דיקע ייִנגלעך. מען פירט אַרויס די „גענשואווקע" (יידישע טורמע אויף גענשע 24.). הייסט עס, אַז עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן. מען וואַרט גאָרנישט. אַ סך לויפן אין יענער ריכטונג, איך צוזאַמען מיט זיי. ענדלעך בין איך אויף עק לובעצקע און גענשע גאַס. עס שטייען שוין דאָ הונדערטער יידן. יידישע פּאָליציאַנטן היטן דעם צוגאַנג צום תפיסה־טויער. מען טאָר זיך נישט דערנענטערן צום טראָטואַר, וואו עס געפינט זיך די תפיסה. דאָרט שטייען לייזיקע טראַנספּאָרט־וועגע־נער. עטלעכע אַזעלכע וועגענער זיינען שוין אַריינגעפאָרן אינעווייניק — דערציילן די, וועלכע שטייען שוין לענגער. ווידער האָט זיך געעפנט דאָס טויער, אַ פרישער וואָגן איז אַריינגעפאָרן.

אַרום הערן זיך שטילע געוויינען. מענער בייסן זיך די ליפּן, פרויען קנייפּן זיך די פּנימער און ברעכן פאַרצווייפלט מיט די הענט. דאָס זיינען זיכער משפּחה־מענטשן, וואָס האָבן הינטער די פאַרמאַכטע טויערן זייערע נאָענטסטע. מערסטנטייל זיצן דאָרטן יידן, וועלכע מען האָט געכאַפּט ביים שמוגלען פּראָדוקטן. דורך דער געדיכטער שטייענדיקער מענטשן־מאַסע שטופּט זיך אַלע פּאָר מינוט אַדורך אַ פרוי אָדער אַ מאַן מיט אַ פּעקעלע. זיי ווילן זיין פון פאָרנט, אפשר וועלן זיי קאָנען אין דער לעצטער מינוט דערלאַנגען דעם אַרויספאָרנדיקן אַ ביסל וועש, אָדער אַ שטיקל ברויט. שווייגנדיק, מיט באַדויערנדיקע בליקן, קוקט מען זיי נאָך. זיי האָט שוין דאָס אומגליק געטראָפן. פאַרביי מיר האָבן זיך אַדורכגעשלייכט צווי וויינענדיקע מיידעלעך: זייער מאַמע איז דאָרטן — וויזן זיי אין דער ריכטונג פון תפיסה־טויער. ביי עטלעכע יידן באַווייזן זיך טרערן אין די אויגן. די צווי פאַרלאָזענע קינדער דערמאָנען זיי, מן הסתם, אָן זייער אייגענעם קליינוואַרג.

אַ לאַנגע צייט דויערט דאָס שטיין. דאָס טויער איז נאָך אַלץ פאַר־מאַכט. פּלוצלונג — אַ געשטופּעריי. די לופט ווערט פאַרהילכט מיט פאַרצווייפלטע געשרייען. אַ וואָגן מיט יידן איז אַרויסגעפאָרן און אייניקע האָבן, ווייזט אויס, דערקענט זייערע נאָענטסטע. גלייך הייבט

די יידישע פּאָליציי אָן פונאַנדערצוטרייבן דעם עולם. מיט אַ מאָל — דייטשן, דייטשן, זיינען אַרויס פון תפיסה־טויער! — עס ווערט אַ מורא־דיקע מהומה, אַלע הייבן אָן לויפן צו אַ דערבייאיקן הויף. אין געלויף הערט זיך דייטלעך אַ הויך געוויין, וואָס ווערט ביסלעכוויז פאַרטויבט דורך דער טראַסקעריי פון אַן אַוועקפאָרנדיקן וואָגן.

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן.

קאַפּיטל צוויי

# ביי די שעפּער

מען לייענט און לייענט די פרישע פּלאַקאַטן און ס'איז אַלץ זיך שווער פאַרצושטעלן, אַז עס האָט זיך טאַקע שוין אָנגעהויבן. אין דער שטיל פּרוּווט זיך יעדער טרייסטן, אַז עס וועט שנעל אַדורכגיין. עס איז דאָך נאָר אַ פראַגע פון 60—70 טויזנט יידן. אַזוי שמועסט מען דאָך אין די גמינע־קרייזן. קיינער וויל זיך אָבער נישט געפינען צווישן די „יעניקע". וואָס שנעלער איינשאַפן זיך אַרבעט, באַזאָרגן זיך מיט „שיינען" — דאָן, ווי די דייטשישע פאַראָרדענונגען זאָגן, איז מען געזיכערט, דאָן פאַרבלייבט מען אין געטאָ. דער געטאָ גלייבט אין דעם געשריבענעם וואָרט: אַרבעטער וועט מען נישט אַרויספירן.

אַריינקריגן זיך אין אַ דייטשישער פאַבריק איז זייער שווער, די צאָל פרייע אַרבעטס־פּלעצער איז באַגרענעצט. מען דאַרף האָבן געלט צו באַצאָלן דעם אַרבעטס־געבער אָדער פּראָטעקציע ביי די יידישע מייסטערס. עס איז אויך גוט, אויב מען קען זיך פאַרבינדן מיט אַן אַרבעטער, וועלכער איז שוין אַ לענגערע צייט באַשעפטיקט אין אַ דייטשישער פאַבריק און קען פון אינעווייניק העלפן, זאָגן אַ גוט וואָרט. אויב דאָס אַלץ איז נישטאָ, בלייבט דער לעצטער שאַנס — אַן אייגענע ניי־מאַשין. פאַרן פרייז פון אָוועקגעבן אַן אייגענע מאַשין קען מען זיך אַמאָל אַריינקריגן אין אַ שאַפ. זיינען טאַקע די גאַסן לעשנאָ, פּראָסטע, נאָוואָליפּקי, דאָרט, וואו עס געפינען זיך די דייטשישע שעפּער, באַלאַגערט פון יידן. די דייטשישע שעפּער פאַרגרעסערן איצט זייערע אָפּטיילונגען. פון באַגינען, ווי נאָר עס איז דערלויבט צו ווייזן זיך אין גאַס, זאַמלען זיך שוין ביי די פאַרמאַכטע פאַבריקס־טויערן גרופּעס מענטשן. וואָס פריער מען קומט, אַלץ נענטער איז מען צו דער טיר און אַלץ גרעסערע אויסזיכטן האָט מען אַריינגעלאָזט צו ווערן. די וואָס וואַרטן נישט, לויפן צעטראָגן פון איין אָרט צום צווייטן, נישטערן, זוכן, אַבי נאָר ערגעץ אויסצוגעפינען אַרבעט און זיך געפינען צווישן די אויסגעוויילטע, צווישן די, וואָס בלייבן.

יעדן טאָג עפענען זיך פרישע שעפּער, אָפט אַזעלכע, וואָס האָבן גאָר ניט קיין דערלויבעניש צו עקזיסטירן. געווּוּג, אַז עמיצער זאָל צונויפ־

שלעפּן אַ ביסל מאַשינען, האָבן עטלעכע פרייע צימערן און אָנהייבן אַרויסגעבן שיינען, אַז גלייך זאָלן יידן אַהין אָנהייבן צו שטראָמען. מען כאַפּט זיך אָן אין דער קלענסטער מעגלעכקייט. עס געפינען זיך שווינדלערס, וואָס דרוקן פאַלשע אַרבעטס־קאַרטן און פאַרקויפן עס פאַר הויכע פרייזן. אַן אַרבעטס פּלאַץ איז איצט אַן אַרטיקל מיט וועלכן מען האַנדלט. ווער עס גיט מער, דעם פאַרקויפט מען.

נאָענט פון מיין הויז, אויף לעשנאָ 70 געפינט זיך טעבענס שאַפּ, איינער פון די גרעסטע דייטשישע שעפער. יעדן פאַרטאָג לויף איך צוגלייך מיט פיל אַנדערע יידן צו די נאָך פאַרמאַכטע טירן מיט דער האָפענונג אפשר וועל איך זיך דאָרטן אַריינקריגן. אין איינעם אַ פאַרטאָג האָב איך דאָרטן באַגעגנט שרה סאַמאָראָק פון פאַוויע 7, מיין מורטערס בעסטע חברטע. זי האָט מיך אָנגערופן אָן אַ זייט, שנעל זיך אַרומגעקוקט און נאָך שנעלער אָנגעהויבן נישטערן אין איר בוזים. פאַרשטעלנדיק מיט איר קוישל די האַנט, האָט זי מיר געוויזן צוויי בריליאַנטענע רינגעלעך און אַ גאָלדן קייטעלע. „דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב. איך מיין, אַז פאַר דעם וועלן זיי מיך מיט מיין מאַן אַריינעמען".

— זי האָט מיט אומרואיקע בליקן געוואַרט אויף מיין באַשטעטיקונג. זיכער האָט זי גוטע שאַנסן — בעסערע ווי די, וואָס שטייען דאָ און האָבן גאָרנישט צו געבן. זי איז נישט איינע, פיל יידן שלעפּן מיט זיך די לעצטע שטיקלעך צירונג, ווערטפולע שטוב־זאַכן צו די שעפער. אָבער וואָס זאָלן טאָן די אַלע, וואָס האָבן דאָס נישט, די וועלכע פאַרמאָגן נישט קיין נויטיקע באַקאַנטשאַפטן, נישט קיין מאַשינען און נישט קיין צירונג? אַזעלכע האָבן גאָרנישט וואָס צו פאַרלירן. זיי שטעלן זיך גלייך מיט אַנדערע אין דער ריי, פרואוונדיק זייער מזל. אפשר וועט מען עפּעס אויספועלן דורך באַווייזן די פאַך־קענטענישן? אויך איך שטעל זיך אין דער ריי. קיין מאַשין האָב איך נישט, קיין געלט אויך נישט, אָבער נייען קען איך גוט. וועט זיך גאָרנישט געפינען פאַר מיר, קען אפשר עפּעס זיין פאַרן ברודער, פאַר דער מוטער, מען מוז פרואוון...

דער טאָג שטעלט זיך אַ הייסער. אָן אויפהער קומען צו פרישע מענטשן צום שאַפּ. אַ טייל שלעפּן מיט זיך מאַשינען, אַנדערע ווידער האַלטן קינדער אויף די הענט. אייניקע טראָגן מיט זיך איינגעלייגטע זיך־בענקלעך. „מען דאַרף דאָ אָפּשטיין אַ גאַנצן טאָג, איז ווי עס מאַכט זיך, בעסער די קינדער האָבן נעבן זיך", פאַרענטפערט זיך אַ יונגע פרוי. זי האַלט אויף איין האַנט אַ קליין מיידעלע און מיט דער צווייטער שלעפּט זי אַ קינדער־וועגעלע מיט נאָך אַ קלענערס. וואָס אַמאָל קומען צו מערער יידן, עס ווערט ענגער, דער געדראַנג ווערט גרעסער. מען שטויסט זיך, אַלע ווילן זיין נענטער צו דער נאָך פאַרמאַכטער טיר. די היץ איז גרויס, דער שווייס גיסט זיך מיט געדיכטע טראָפּנס פון די

אויסגעמאַטערטע פאַרזאָרגטע פנימער. דאַרע קינדערלעך, מיט פאַר־טריקנטע ליפעלעך פון דער היץ, שאַרן זיך צווישן די פיס פון די דערוואַקסענע. זיי טומלען נישט, זיי שפּילן זיך נישט. מיט איבערגע־שראָקענע אויפגעריסענע אייגעלעך פאָלגן זיי נאָך די באַוועגונגען פון די עלטערן, צוהערנדיק זיך מיט אַ טיפן ערנסט צו די אַרומיקע געשפּרעכן. דאָס קליינוואַרג פילט גוט די וויכטיקייט פון דעם וואַרטן דאָ.

נישט ווייט פון מיר באַמערק איך פלוצלונג אַ באַקאַנט געזיכט. אַנקע וואָלקאָוויטש. זי איז אַ פאַרשפּרייטערין פון דער אומלעגאַלער בונדישער פּרעסע. איך וואוין צוזאַמען מיט איר אין איין דירה. די לעצטע טעג לויפט זי אַרום צעטראָגן. איר איינציק פינף־יעריק יינגעלע לאַרי געפינט זיך איצט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע הינטער וואַרשע. זי ווייסט נישט וואָס צו טאָן. צי זאָל זי אים אָפּנעמען און ברענגען צו־פירן אין געטאָ, אָדער אים דאָרטן ווייטער לאָזן? אין מיעדזעשין איז דערווייל רואיק. — וואָס טוט מען? — פרעגט זי פאַרצווייפלט יעדן באַקאַנטן, ווען זי טרעפט נאָר אָן. איצט זוכט זי עמיצן. אירע אויגן וואַנדערן אומרואיק איבער די וואַרטנדיקע יידן. זי האָט מיך באַמערקט.

— האָט איר דאָ נישט געזען מיינע שוועסטער? פרעגט זי דע־נערווירט.

— ניין, איך האָב זיי נישט באַמערקט. זי וואוינט צוזאַמען אין איין צימער מיט נאָך דריי שוועסטער, וועלכע מען האָט אַרויסגעטריבן פון דער שטאָט וואָצלאַוועק. נעכטן איז איינער פון זיי געלונגען פאַרן פּרייז פון אַ ניי־מאַשין צו באַקומען אַרבעט אין שאָפּ. אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך אין שטוב געהערט אַ באַהאַלטן שלוכצן. זיי זיינען פיר און בלויז איינע קען זיין פאַרזאָרגט. ווער זאָל דאָס זיין די איינע, די אויס־דערווילטע? דאָס איינציק דעראָבערט אַרבעטס־אָרט האָט אַריינגעבראַכט צווישן די שוועסטער אַ שטומע פאַרצווייפלונג. היינט פאַרטאָג זיינען זיי אַלע פיר געלאָפן צו די שעפער פּרוּוון ווייטער גליק.

— האָט איר שוין עפּעס פאַר זיך דערליידיקט? — פרעג איך אַנקען.

— ניין, נאָך גאָרנישט, איך לויף אַרום ווי משוגע, טראַכטנדיק וועגן לאַרין. וואָס זאָגט איר, אפשר אים פאַרט אָפּנעמען?

ווער קען דען געבן אַן עצה, ווער קען דען אין דער גרויסער צערודערונג עפּעס העלפן, אַז אַליין איז מען צעטומלט? אַנקע וואַרט אפילו נישט אויף קיין ענטפער. מאַכנדיק זיך אַ וועג צווישן עולם, וואַרפט זי מיר צו אַ געזעגענונגס־וואָרט.

— ס'איז מיר אוממעגלעך דאָ איינצושטיין, איר וועט זען מיינע שוועסטער, זאָגט זיי, כ'בין געלאָפן צום טעלעפאָן הערן, וואָס דאָרטן קומט פאָר.

זי פאַרשווינדט.

אַ סך מוטערס לויפן אַזוי צעטראָגן אַרום, זאָרגנדיק זיך וועגן גורל פון זייערע קינדער. טייל וואָלטן געקענט זיך אַריינקריגן אין אַ שאַפּ, האָבן זיי נישט וואו איבערצולאָזן די קינדער. אָט זע איך ווי אונדזער שכנטע זאַכערמאַן שטופּט זיך דורך דער צענויפגעדריקטער גרופּע מענטשן. זי האָט שאַנסן פאַרן פרייז פון איר ניי־מאַשין צו באַקומען אַ פּאָסטן. אירע דריי קינדער לאָזט זי יעדן טאָג ביי אַן אַנדערע שכנטע. איצט שטופּט זי זיך אַ פאַריאַכמערטע דורך אין איר ריי. מן־הסתּם נעווען אין שטוב כאַפּן אַ בליק אויף איר קליינוואַרג. זי ציטערט איבער זיי. זי בעט יעדן פון די שכנים, וועלכע זי זעט, מען זאָל אין אַ מהומה נישט פאַרגעסן אירע קינדער.

אַרום מיר ווערט נאָך ענגער. ס'קומען כסדר צו פרישע מענטשן. איך שטיי אַ צוזאַמענגעקוועטשטע אין דער ריי, קוים וואָס מען קען אָטעמען. די אומגעדולדיקייט וואַקסט. ענדלעך הערט זיך אַ געשריי: מען לאָזט אַריין! גלייך גיט זיך דער פאַרזאַמעלטער עולם אַ ריר. עס ווערט אַ געדראַנג. אַלע שפּאַרן איז דער ריכטונג פון דער טיר. מען טראָגט מיך ממש אין דער לופטן. אַרום זיך זע איך בלויז רוקנס און עלנבויגנס. קינדער וויינען, פרויען בעטן, מען זאָל אין געדראַנג נישט צעקוועטשן דאָס קליינוואַרג. קיינער לייגט נישט קיין אַכט אויף זיי. די מענטשן־כוואַליע שטויסט זיך ווייטער. עס הערט זיך אַ טראַסק פון אַ פאַרמאַכטער טיר, דער געדראַנג לאָזט נאָך. מען בלייבט שטיין. איך כאַפּ אַ קוק אַרום זיך, שלעכט. כ'בין גאָר אין גאַנצן אָן אַ זייט פון דער טיר. מען האָט מיך, מיט פיל אַנדערע, אַרויסגעשטויסן פון דער ריי.

— די וואָס האָבן עלנבויגנס וועלן זיך שטענדיק אַריינקריגן! — הער איך הינטער זיך אַ באַקאַנטע שטים. נעבן מיר שטייט די פרוי זאַכערמאַן. זי האַלט דאָס קעפּל פון דער מאַשין און סאַפּעט שווער. — פון פאַרטאָג אָן האָב איך געהיטן די ריי און צום סוף געבליבן אין דרויסן. אומזיסט דאָס ווייטערדיקע וואַרטן, זיי וועלן שוין די טיר נישט עפענען.

פאַרלוירענע, קוקן מיר זיך ביידע אָן. וואָס טוט מען ווייטער? בלייבן שטיין קען זיך דאָך איבערחזרן די זעלבע זאַך. אפשר זאָל מען פּרובירן לויפן אויף פּראָסטע גאַס? דאָרט טיילט מען צעטעלעך פאַרן אַריינגאַנג. קען זיין מען זאָל זיך אַמאָל אַריינקריגן. נישטאָ וואָס צו פאַרלירן. מען דאַרף פּרוּוון ערגעץ אַנדערש.

די יידן אַרום זיינען פאַרמאַטערט און אויפגערעגט. פון פאַרטאָג אָן צו שטיין אין אַזאַ גרויסער היץ, אָן אַ ביסן אין מויל! דאָס קען דאָך דעם שטאַרקסטן אַוועקלייגן! פרוי זאַכערמאַן, איך און נאָך עטלעכע שטופּן זיך שנעל אַרויס פון דער ענגער מאַסע און מיר לויפן אויף פּראָסטע.

אויף די גאַסן איז אַ גרויסע באַוועגונג. יידן איילן אין פאַרשיידענע ריכטונגען, פיל מיט פאַרדעקטע „קעפּלעך״ פון ניי־מאַשינען. טייל פאָרן אויף ריקשעס *), אַנדערע שלעפּן מיט זיך קליינע שטופּ־וועגעלעך. אַלע לויפן, אַלע זיינען פאַריאָגט און אַלע זיינען צעטראָגן. דורך די געטאָ־גאַסן טראָגט זיך פון צייט צו צייט שנעל אַדורך אַן אויטאָ מיט עטלעכע דייטשן. אָפט זעט מען מאַרשירן געשלאָסענע גרופּן פון דער יידישער פּאָליציי. דערזעענדיק זייערע גראַנאַטענע מונדירן, בלייבן די פאַרביי־גייענדיקע יידן אַ מינוט שטיין. געשפּרעכן ווערן איבערגעריסן און מיט דערשראָקענע בליקן, פול מיט אומרואיקייט, פאָלגט מען נאָך זייערע טריט. וואו וועלן זיי זיך אָפּשטעלן? וועלכעס הויז וועלן זיי „בלאָקירן״ **), — אַרומרינגלען?!

יעדע ווילע לויפט פאַרביי אַן אַנדער פאַרוויינטע פרוי אָדער אַ מאַן, פון וועמען מען האָט זיכער נאָר וואָס צוגענומען אַ נאָענטן מענטשן. נישטאָ קיין צייט זיך אומצוקוקן אויף זיי, מען דאַרף איילן, באַוויזן צו דערליידיקן פאַר די נאָענטסטע און פאַר זיך. מיר זיינען ענדלעך פאָרן שאָפּ אויף פּראַסטע. פונקט ווי אויף לעשנע זיינען אויך דאָ די זעלביקע רייען און דער זעלביקער געדראַנג. דאָ פּרואוון נאָך עטלעכע יידישע פּאָליציאַנטן ווי עס איז איינצוהאַלטן אַ ביסל אָרדענונג. מיר שטעלן זיך אין דער ריי. לאַנג קומט נישט אויס צו וואַרטן. עס עפנט זיך די טיר און עס לויפן אַרויס עטלעכע אויפגערעגטע יידן. דער שטייענ־דיקער עולם פּרואווט זיי פאַרהאַלטן, אויספרעגן ווי זעט עס דאָרט אויס, וועמען נעמט מען צו, וואָס דאַרף מען זאָגן ביים פאַרשרייבן? די יידן רייסן זיך פון זיי אַוועק. זיי ווילן נישט ריידן, זיי ווייסן פון גאָרנישט. איינס, וואָס מ׳דערוויסט זיך יאָ, איז, אַז מ׳האָט זיי צוגענומען צו דער אַרבעט. זיי ווילן אָבער קיין שום פּרטים קיינעם נישט דערציילן. שנעל לויפן די „גליקלעכע״ אַהיים, אַלע אַרום זיינען זיי מקנא.

ווידער זיינען צוויי אַרויסגעקומען. אויף די פאַרשוויצטע פּנימער מערקט זיך אַ שמייכל. ווייזט אויס, מען האָט זיי אויך אָנגענומען. זיי רופן עמיצן אַרויס פון דער ריי און שושקען זיך מיט אים. קיינער פון די שטייענדיקע הערט נישט וואָס זיי ריידן. עס איז אַ סוד. וואָס אַן אמת, וואונדערט מען זיך נישט אויף דעם. דער אופן פון באַקומען אַרבעט איז היינט די וויכטיקסטע זאַך, איז פאַרוואָס־זשע זאָלן זיי אַלעמען דער־ציילן? בפרט אַז זיי גופא זיינען שוין פאַרזאָרגט. ווי נאָר מען באַקומט

---

*) ריקשע — אַ וועגעלע אויף איבערצופירן מענטשן אָדער סחורות, געפירט דורך אַ מענטשן. דער פירער רופט זיך „ריקשאַזש.״

**) בלאָקירן — אַזוי האָט אין געטאָ געהייסן דער אַקט, ווען אַ הויז אָדער עטלעכע הייזער ווערן אַרומגערינגלט פון פּאָליציי; די איינוואוינער ווערן אַרויס־געפירט צום „אומשלאַג־פּלאַץ,״ פון וואַנען מען דעפּאָרטירט זיי.

דאָס צעטל צו אַרבעטן, אַזוי טיילט מען זיך באַלד אָפּ פון די נישט פאַרזיכערטע. צי שרעקן זיי זיך, אַז די קנאה־בליקן זאָלן זייער שוועד־דערראָבערט גליק נישט צעשטערן? איך זע דאָ ווידער די פרוי סאָמאָ־ראַק, זי איז נאָר וואָס אַרויס פון דער פאַבריק, שנעל גיי איך צו צו איר. זי וועט מיר שוין אַלץ קענען אויפקלערן. אָבער ווען איך שטעל זי אָפּ, קוקט זי מיך אָ ווילדע אָן פאַרוואונדערט, ווי איינער זאָגט, ווי קום איך דאָ אַהער. אויף מיינע פראַגן, ווי אַזוי האָט זי זיך דאָ אַריינ־געקריגן, ווייל זי נישט ענטפערן. זי איז אומרואיק, הייבט זיך אָן אַרומ־צוקוקן און געזעגנט זיך שנעל. מיין מאַמעס נאָענטסטע חברטע! מיט אייניקע, שעה'ן פריער האָט זי מיט מיר געוואָלט ריידן, דעמאָלט האָט זי אַליין געזוכט אַן עצה, איצט איז זי שוין אַן אַנדערע... זי איז שוין אַ באַזאָרגטע.

אַ לאַנגע צייט זיינען מיר נאָך געשטאַנען פאַר דעם פאַבריקס־טויער. קיינעם האָט מען שוין מער נישט אַריינגעלאָזט. די דרייען אַרום דעם שאָפּ זיינען געוואָרן שיטערער. יידן זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. עס איז שוין שפּעט נאָכמיטאָג. דאָס וואַרטן האָט גאָרנישט געגעבן. אַ הונגעריקע, אַ דערשלאָגענע שלעפּ איך זיך מיט דער פרוי זאַכערמאַן צוריק אַהיים. אַוועק אַ טאָג מיט גאָרנישט.

נאָענט פאַר אונדזער הויז שטעלן אונדז פּלוצלונג אָפּ אויפטרייסלענ־דיקע געשרייען. דורך דער גאַס פאָרן דורך עטלעכע וועגענער. זיי זיינען אָנגעפּאַקט מיט יידן. טייל שטייען, טייל זיצן — כמעט יעדער פון די פאַרנדיקע האַלט אַ זעקל נעבן זיך — דאָס ביסל אייגנטום, וואָס מען האָט אין דער לעצטער מינוט באַוויזן מיטצונעמען. טייל זיינען שטום און קוקן מיט אויסגעלאָשענע אויגן אויף דער גאַס. אַנדערע וויינען, ברעכן מיט די הענט און בעטן זיך עפּעס פאַרצווייפלט ביי די יידישע פאָליציאַנטן, וואָס פאָרן מיט זיי מיט. עטלעכע פרויען רייסן זיך די האָר פון קאָפּ, אַנדערע טוליען קראַמפּהאַפט צו זיך די קינדער. די קינ־דער זיצן איינגעקאָרטשעט אויף די צעוואָרפענע פעקלעך, קוקן דער־שראָקענע אויף די דערוואַקסענע און שווייגן. נאָכן לעצטן וואָגן לויפט נאָך מיט אויסגעשטרעקטע הענט אַ וויינענדיקע יונגע פרוי. „מיין קינד, גיט מיר צוריק מיין קינד!" — שרייט זי מיט אַ האַרצרייסנדיקער שטים. פון דער גרופּע פאָרנדיקע ענטפערט איר אַ דין וויינענדיק קולעכל:

— מאַמעשי, מאַמעשי...

די גאַס איז ווי עלעקטריזירט. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם פאָלגט מען נאָך דאָס לויפן פון דער מוטער. זי איז שוין מיד, אירע פיס פּלאָנטערן זיך, אָבער זי שטייט נישט אָפּ. זי יאָגט זיך נאָכן וואָגן. אַ פאָליציאַנט אויפן וואָגן בויגט זיך איין צום פורמאַן, רוימט אים עפּעס

איין אין אויער. די פערד פארשנעלערן זייער טראָט. שנעלער, שנעלער קייקלט זיך דער וואָגן. די געשרייען מאַכן גליווערן דאָס בלוט. וואָס מער דער וואָגן דערווייטערט זיך פון דער נאָכלויפנדיקער מוטער, אַלץ אַ גרעסערער פאַרצווייפלונגס־געוויין שניידט דורך די לופט. די וועגע־נער פאַרקירעווען אין דער קאַרמעליצקאַ גאַס. מען הערט שוין שוואַך דאָס געוויין פון די אַרויסגעפירטע. אין דער לופטן הערט זיך אָבער נאָך אַלץ די שטים פון דער בעטנדיקער מוטער.

— מיין קינד, מיין קינד גיט צוריק!...

מיר שטייען ווי צוגעשמידטע צום אָרט. די פרוי זאַכערמאַן וויינט, יאָ, זי טראַכט זיכער וועגן אירע קינדער. דאָ האָט זיך נאַקעט און בולט אַנטפּלעקט אונדזער ווירקלעכקייט. מיר לויפן צו די שעפער, מען רייסט זיך נאָך אַרבעט, מען איז פאַריאָגט מיט דעם איינציקן געדאַנק פון פאַרזיכערן זיך און דערוויל שלעפּט מען אַוועק טאָג־טעגלעך זעקס־זיבן טויזנט יידן. כמעט אומבאַמערקבאַר פאַר אונדז אַליין ווערן געפירט די „אַקציעס".

ווידער הייבן אָן צו מאַטערן פראַגן, וועגן וועלכע מען האָט נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן אין משך פון טאָג. וואָס טוט מען? די בלאָקאַדעס וועלן זיך דאָך נישט אָפּשטעלן בלויז ביי די „פּונקטן" און ביי די „טויטן־הייזער"! די אַקציע קען זיך דאָך אויסברייטערן, זי קען אונדז אויך דערגרייכן. ווי אַזוי פאַרזאָרגט מען זיך? — דאָס איז געוואָרן די זאָרג וואָס האָט איבערוועלטיקט יעדן איינעמס געפילן און געדאַנקען.

קאַפּיטל דריי

# לעבנס-שײַנען

עס זיינען אַדורך עטלעכע טעג זינט דעם 22־טן יולי, די „אַקציעס" זיינען שוין אין פולן ברען. די בלאַקאַדעס נעמען ביסלעכוויז אַרום כמעט אַלע געטאָ־הייזער. צערונען זיינען געוואָרן די אילוזיעס, אַז דאָס אַרויספירן וועט זיך סוף כל סוף ענדיקן. קיינער רעדט שוין נישט וועגן 60—70 טויזנט יידן. אין אָנהייב האָבן מיר זיך געפרייט מיט יעדן טאָג, וואָס איז אַוועק, גלייבנדיק, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף פון די דעפּאָרטאַציעס. איצט ווייס מען שוין, אַז דאָס אַרויספירן וועט נישט אָפּגעשטעלט ווערן. פרישע פּלאַקאַטן האָבן שוין וועגן דעם מודיע געווען.

דייטשן פאָרן אויף אויטאָס מיט אַ פּייפעריי איבער די געטאָ־גאַסן און שיסן אָן שום סיבה אין יידישע פענצטער און אויף צופעליקע פאַר־בייגייער. ווי נאָר מען באַמערקט פון דערווייטנס אַן אויטאָ מיט אַן אַרויסגעשטעקטע ביקס, ווערט אַ געלויף אין די טויערן. די גאַס ווערט שנעל אָפּגעליידיקט, אַלע באַהאַלטן זיך.

אַכט אַ זייגער אינדערפרי הערט זיך איבער די געטאָ־גאַסן דער אָפּקלאַנג פון טריט פון דער מאַרשירנדיקער יידישער פּאָליציי — אַ סימן, אַז עס הייבט זיך אָן. באַלד פאַרקלענערט זיך די באַוועגונג אין גאַס, מ'האָט מורא אַרויסצוגיין. מען קען קיינמאָל נישט וויסן וועלכעס הויז אָדער גאַס־אָפּשניט וועט פלוצלונג אַרומגערינגלט ווערן פון דער פּאָליציי. כסדר זעט מען פאָרן גרויסע טראַנספּאָרט־וועגענער מיט וויינענדיקע פאַרצווייפלטע יידן. דאָס פירט מען אָן אויפהער צום „אויס־זידלונגס־פּונקט", וואו עס וואַרטן שוין גרייטע באַן־וואַגאָנען. די מורא פאַר דעם, וואָס קען מיט אונדז פאָרקומען, טעמפּט אָפּ אונדזערע געדאַנ־קען. נאָר וועגן איין זאַך איז מען בכוח צו טראַכטן — ווי אַזוי זיך איינצוואָרדענען, כדי נישט אַרויסגעפירט צו ווערן. דאָס איבעריקע איז נישט וויכטיק. אַפילו דער נאַגנדיקער הונגער פאַרנעמט נישט איצט דעם אויבנאָן. די שרעק מאַכט אונדז טויב און גלייכגילטיק צו דעם, וואָס קומט פאָר אַרום אונדז. מען דרייט זיך אַרום ווי אין אַ הינער־

פלעט. דאָס איינציקע, וואָס טרייסלט אונדז אָפּט אויף, איז דאָס ספּאָנ־מאַטישע געוויין פון אַן אַרויסגעפירטן. אָבער דאָס אויך נישט אויף לאַנג. מען מוז געדענקען וועגן זיך, אַליין זיך ראַטעווען, ווייל ווען נישט — קענסטו זיין דער קרבן.

עס גייט אַ טאָג נאָך אַ טאָג און עס ווערט נישט רואיקער. די אַקציע קומט וויטער פאָר. וואָס אַמאָל קומען אָן אַלץ מער שרעקנדיקע ידיעות. מיט אַ פּאָר טעג צוריק, דעם 23־טן יולי האָט מען זיך דער־וואוסט וועגן טויט פון אַדאַם טשערניאַקאָוו, דעם פּרעזעס פון דער יידישער גמינע. ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. צוליב וואָס ער האָט עס געטאָן, וויס מען נישט. טייל יידן טייטשן אויס, אַז ער האָט זיך איינגעבראָכן און אַ סוף געמאַכט מיט זיך. אַנדערע ווידער זאָגן, אַז די דייטשן האָבן אים געצוואונגען דאָס צו טאָן. ווי עס זאָל נישט זיין, איז דער טויט פון פּרעזעס פון דער קהילה פאַר אונדז אַ געהיימניש, עס האָט אונדז גאָרנישט אויפגעקלערט. מיר האָבן וועגן דעם שנעל אויפגעהערט צו טראַכטן. מיר מוזן געדענקען וועגן זיך, וועגן אונדזערע אייגענע, וועגן די נאָענטסטע.

אין שטוב האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז בעת מיין אָפּוועזנהייט איז עמיצער פון מיינע חברים געווען און געבעטן איך זאָל אין די פרימאָרגן־שעה'ן זיך וויזן מיט פאָטאָגראַפיעס פון מיר און פון מיינע נאָענטסטע אין לאָקאַל פון נאָוואָליפּקי 25.

אויף נאָוואָליפּקי 25 געפינט זיך אַ ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער יידישער זעלבסט־הילף „זשיטאָס", איינע פון די געציילטע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אין געטאָ געהאַט אַ רעכט צו פירן אַ פּאַרצוויגטע הילפס־טעטיקייט פאַר יידן. מעגלעך, אַז דאָרטן וועל איך באַגעגענען חברים און אפשר אויך דערליידיקן אַן אַרבעטס־קאַרטע. כ'איל צום אָפּגערעדטן פונקט.

עס איז נאָך פרי, אויף די גאַסן איז אַ גרויסע באַוועגונג, יידן גייען נישט, נאָר לויפן — ווער אין שאָפּ צו דער אַרבעט, ווער זוכן אַרבעט און ווער עפּעס קויפן. אַלע יאָגן זיך. די גאַס איז נערוועז, מען פילט עס אין די האַסטיקע באַוועגונגען און די איילעדיקע טריט פון די פאַרבייגייער. איצט, אין די פרימאָרגן־שעה'ן, איז נאָך רואיק. די דייטשן און די יידישע פּאָליציי גרייטן זיך ערשט צו די אַקציעס. דאַרף מען אַריינכאַפּן און אויסנוצן די דאָזיקע שעה'ן. איך לויף אויך. ביים ראָג קאַרמעליצקע און נאָוואָליפּקי באַגעגן איך צביהלע וואַקס, אַ יונ־געטשקע אומלעגאַלע טוערין, אַ 17־יעריק, שיין, שלאַנק מיידל, וועלכע האָט דורך דער גאַנצער צייט פון געטאָ מיטגעאַרבעט מיט דער אומלע־גאַלער סאָציאַליסטישער קינדער־אָרגאַניזאַציע — „סקיף". צביה איילט זיך אויך. זי האָט וויכטיקעס צו דערליידיקן און זי מוז עס באַוויזן

צו טאָן, איידער עס הייבן זיך אָן די אַקציעס. שעפּטשענדיק גיט זי מיר צו וויסן, אַז זי דאַרף שנעל פונאַנדערטיילן עטלעכע אַרבעטס־קאַרטן פאַר יוגנטלעכע. מיר געזעגענען זיך.

איידער איך באַוויז אָפּצוגיין פון איר עטלעכע טריט, הער איך ווי עמיצער רופט מיך. איך קוק זיך אום. יאַנעק בילאַק. אויך אַ יונגער מיטאַרבעטער אין „סקיף". ער פירט אַ ריקשע. וואָס טוט ער דאָ? — איך באַקום אָן ענלעכן ענטפער. אויך ער האָט אַרבעטס־קאַרטן פונאַנדערצעטיילן. ער האָט פאַר די, וועלכע וואוינען אַ ביסל ווייטער. מיט זיין ריקשע קען ער שנעלער דאָרט אַהין קומען. און צווישנס, דערקלערט ער, קוים אַפילו כאַפּט אים אין מיטן וועג אָן „אַקציע", ווערט מען אים פון דער ריקשע נישט אַוועקנעמען. די דייטשן דאַרפן דאָך האָבן די ריקשעס אויף אַרויסצופירן אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ". אויך ביי בילאַקן האָב איך נישט געפרעגט ס'אַרא קאַרטן זיי טראָגן דאָס פונאַנדער. איך וועל זיך זיכער דערוויסן אויבן, אין דער הויך, אין לאָקאַל.

און אָט בין איך שוין אין לאָקאַל פון דער יידישער זעלבסט־הילף. די אָפענע גרויסע צימערן זיינען פול מיט מענטשן. אַ געדיכטער רויך פון סיגאַרעטן טראָגט זיך אין דער לופטן. עס איז דאָ טומלדיק. מען דעבאַטירט, מען פרעגט, מען ענטפערט, מען ווייזט קאַרטן. אַלע באַוועגן זיך, קענען נישט איינשטיין אויף איין אָרט, גייען אַהער און אַהין פון איין צימער אין צווייטן. די אויפרעגונג פון גאַס פילט זיך אויך דאָ. יעדע ווילע פרעגט מען אַן אַנדערן אַריינקומענדיקן פון דער גאַס: — רב ייד, עס איז שטיל אין דרויסן? — דערווייל שטיל — קומט אָן ענטפער. מען באַרואיקט זיך און נאָך עטלעכע מינוט פרעגט מען ווייטער די זעלביקע פראַגע אַ ניי־צוגעקומענעם.

פון הינטער די פאַרמאַכטע טירן אין די זייטיקע צימערן טראָגט זיך אַ קלאַפּן פון שרייב־מאַשינקעס. וואָס טוען דאָ אַזוי פיל יידן? אויף וואָס וואַרטן זיי? גראָד קומט אַרויס אַ ייד פון צווייטן צימער, איך הער ווי מען פרעגט אים: נו, וואָס זאָגט מען דאָרטן עפּעס נייעס? — זיי וויסן גאָרנישט, ענטפערט ער. — וואָס הייסט, זיי וויסן נישט! — רעגט זיך אויף דער פרעגנדיקער. — מ'קומט דאָך דאָ אַהער אַרויף זיך עפּעס צו דערוויסן, אַן עצה הערן און דאָ שווייגט מען...

איך שטופּ זיך דורכן עולם און זוך מיינע חברים. אָט זיינען זיי. חבר אַבראַשע בלום רעדט מיט אַבראַמעק באַרטנשטיין. חבר אַבראַשע בלום איז די נשמה פון אומלעגאַלן „בונד", איינער פון זיינע וויכטיקסטע פירער. אַ הויכער, אַ טונקעלער, מיט אַ לענגלעך ערנסט געזיכט, מיט אַ וואַרעמען בליק, וואָס איז שטענדיק פול מיט דואיקער פאַראינטערעסירונג צו יעדן, וואָס רעדט מיט אים. אַפילו איצט, אין דער אַלגע־

מיינער צערודערונג, שטראַלט פון אים אַ וואַרעמע רואיקייט. אַבראַמעק באַרטנשטיין איז איינער פון די וויכטיקסטע טוער פון דער אומלעגאַלער סאָציאַליסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט”. איך האָב מיט אים אַ צייט געאַרבעט אין וואַרשעווער קאָמיטעט פון „יוגנט־בונד צוקונפט”.

איך דערנענטער זיך צו זיי. אַ האַרציקע באַגריסונג. עס פאַלן עטלעכע פריינדלעכע אַלגעמיינע פראַגן און ווייטער ווערט פאָרגעזעצט דער שמועס, וואָס איז, ווייזט אויס, איבערגעריסן געוואָרן צוליב מיין באַווייזן זיך. איך הער זיך נייגעריק צו און ביסלעכווייז ווערט מיר קלאָר דער ענין מיט די קאַרטן. עס איז געלונגען אַרויסצוקריגן פון דער יידישער גמינע אַ צאָל פיקטיווע אַרבעטס־קאַרטן פאַר אַרבעטסלאָזע יוגנטלעכע. דאָס קען דערווייל ראַטעווען פון אַרויספירן. אַזעלכע קאַרטן וערן אנערקענט דורך דער יידישער פּאָליציי. עס ווערן אויך געמאַכט באַמיאונגען צו אָרגאַניזירן אַרבעטס־וואַרשטאַטן, וואו מען זאָל קענען פאַרזיכערן באַדראָטע יוגנטלעכע פון דער „אויסזידלונג”. מוז מען אָבער אָנקומען צו דער קהילה און ס'איז נישטאָ מיט וועמען צו רעדן. נאָכן זעלבסטמאָרד פון פרעזעס הערשט דאָרט אַ גרויסע אומאָרדענונג.

עס קומט צו ד״ר רינגעלבלום. דער באַקאַנטער יידישער היסטאָריקער און אָנפירער פון דער לינקער פועלי־ציון אָרגאַניזאַציע. ער רופט אַוועק אַבראַשען, רעדט מיט אים עפּעס. אַבראַשע קערט זיך צוריק אום, פרעגט אויף מיינע פּאָטאָגראַפיעס, נעמט זיי צו, הייסט אָנשרייבן די פערסאָנאַליעס און גייט אַוועק צוזאַמען מיט רינגעלבלומען. דאָס גייען זיי ביידע דערליידיקן נאָך אַרבעטס־קאַרטן.

אַבראַמעק רעדט מיט מיר וועגן דער אַלגעמיינער הילפלאָזיקייט, וואָס הערשט ביי אַלע געזעלשאַפטלעכע טוערס. זיי ווילן עפּעס העלפן, לייכטער מאַכן דעם אומגליק, אָבער די מעגלעכקייטן זיינען קליין. די דייטשן האָבן איצט אומעטום באַשטימט פרישע מענטשן. די, וואָס האָבן פריער געהאַט אַן איינפלוס אויפן געטאָ זיינען באַזייטיקט געוואָרן. ער האַלט, אַז דאָס בעסטע מיטל קעגן די אַקציעס איז אויסבאַהאַלטן זיך, נישט לאָזן זיך אַרויספירן. די דייטשן דאַרף מען נישט גלייבן, מען דאַרף זיך באַמיען פאַרבלייבן אין געטאָ. דאָ ווייס מען כאָטש וואָס מיר האָבן און אויף וואָס מען קען רעכענען. זיין שטים איז נערוועז. ער איז אויך אומרואיק. ער גלייבט נישט פיל אין די פיקטיווע אַרבעטס־קאַרטן, וואָס מען גיט יוגנטלעכע. עס איז בעסער ווי גאָרנישט אָבער קיין פאַרזיכערונג איז עס נישט. די אומלעגאַלע טוער באַמיען זיך איינהאַלטן דעם קאָנטאַקט צווישן זייערע מיטגלידער, זיי פרואוון כאָטש מיט אַן אַרבעטס־קאַרטע אַרויסהעלפן. אָבער יעדן טאָג דערוויסט מען זיך וועגן נייע אַרויסגעפירטע. מען איז שוואַך, הילפלאָז אַנטקעגן דעם, וואָס האָט אונדז געטראָפן.

עס קומט צו אונדז צו קובא זילבערבערג, אַ יוגנט־טוער, וועלכער האָט זיך דערנענטערט צו דער אומלעגאַלער יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע „צוקונפט" ערשט אין געטאָ. קובא האָט גוטע נייעס. זיין פאָטער, אַ רייכער סוחר פון גענשע גאַס, עפנט צוזאַמען מיט נאָך עט־לעכע יידן אַ שניידער־אָפּטיילונג פון טעבענס שאָפּ. ער וועט דאָרטן קענען אַריינשטופּן עטלעכע באַקאַנטע אָן שום געלט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס דאַרפן זיין שניידער. ער מוז נאָך היינט קריגן זייערע נעמען. אַבראַמעק דערפרייט זיך מיט דער ידיעה. אַרבעטן ביי טעבענסן הייסט זיין פאַרזיכערט. זאָל עס זיין כאָטש פאַר אַ קליינער צאָל.

דערוויל ווערט אַ באַוועגונג צווישן עולם. יידן לויפן צו די פענצטער. פאָליציי איז דאָ אויף דער גאַס. עס ווערט אַ מהומה. אַ סך פאַרלאָזן שנעל דעם לאָקאַל. אַנדערע לויפן צעטומלט פון איין צימער אין צווייטן, זוכנדיק אַן אָרט זיך צו באַהאַלטן. אַ טייל דרייען זיך אַרום די פאַרמאַכטע טירן פון די אַרבעטס־צימערן און ווילן זיך אַהין אַריינ־קריגן. דאָרטן איז אַ ביסל זיכערער, מען קען זיך אויסמישן מיט די באַאַמטע און אָנגיין פאַר אַ נויטיקן אָנגעשטעלטן. אַלע זיינען אויפ־גערעגט. די בליקן לויפן צעשראָקן פון איינעם אויפן אַנדערן.

איך מוז שנעל אויפזוכן אַבראַשען, אפשר האָט ער שוין פאַרטיק מיין קאַרטע? ענדלעך קריג איך זיך אַריין צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידן אין אַן אַרבעטס־צימער. נישט דרייסטע פאַרהאַלטן מיר זיך ביי דער טיר. מען קוקט צעטומלט אויף די אומרואיקע באַאַמטע, אויף די דענער־ווירטע דירעקטאָרן און מען וואַרט. — זאָל מען אונדז זאָגן, וואָס מיר האָבן צו טאָן, רעדט עמיצער הויך, מיר האָבן דאָך אַרבעטס־קאַרטן!... קיינער ענטפערט נישט. די דירעקטאָרן און באַאַמטע האָבן מורא: דאָ האָבן זיך פאַרזאַמלט אַזוי פיל יידן און זיי גופא קענען נאָך פון דעם ליידן; שטויסן זיי דעריבער די פרעמדע פון די צימערן. יידן לאָזן זיך אָבער נישט. זיי ווילן פאַרבלייבן. דאָ פילן זיי זיך זיכער. — וואָס זיינען מיר ערגער פון אייך? — פאַרטיידיקט זיך איינער, וואָס געפינט זיך ביי דער טיר. — מיר ווילן אויך נישט ווערן אַרויסגעפירט. די באַאַמטע לאָזן נאָך, זיי קענען זיך סיי ווי נישט געבן קיין עצה. יעדער האָט איצט זיך אין זינען. קיינער קוקט זיך שוין אויף קיינעם נישט אום. אַ ליאַדע מינוט קאָנען „זיי", — די כאַפּערס — אַריינקומען. אַ באַגאַסענע מיט שווייס האָב איך זיך קוים דערשלאָגן צום טישל, וואו עס זיינען געשטאַנען ד"ר רינגעלבלום און חבר אַבראַשע. זיי האָבן פונאַנדערגעטיילט אייניקע יידן קאַרטן.

אויך איך האָב באַקומען פאַר מיר און פאַר מיין מוטער מיטן ברודערל קאַרטן אַלס באַאַמטע פון „זשיטאָס". כ'האָב זיך אַ ביסל באַרו־איקט. פאַרט וועט זיין עפּעס צו וויזן. אַ שטיקל פּאַפּיר קען דאָך היינט

אויך זיין אַ פאַרזיכערונג. מען דאַרף עס נאָר שנעל באַזאָרגן די שטוביקע, דאָרטן קען מען אַמאָל אויך „בלאָקירן". איך געזעגן זיך מיט אַבראַשען, אַבראַמעקן, קובאַן און לויף אַראָפּ צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע יידן פון די שטיגן. צו שפּעט. דער טויער איז געשלאָסן. עס דרייט זיך שוין דאָ אַרום אַ יידישער פּאָליציאַנט. ער וויל קיינעם נישט אַרויסלאָזן אויף דער גאַס. מיר בעטן אים, ווייזן אים די קאַרטן, דערקלערן, אַז מיר האָבן זייער וויכטיקע אַרבעטס־ענינים צו דערליידיקן. אַרויסגעוואָרפענע רייד. ער האָט אַ באַפעל און ער מוז אים אויספירן. וואָס זאָל מען טאָן? צוריק אַרויפגיין אויבן? — דאָך פרואווט מען נאָך אַ מאָל איבער־ריידן. אַ ייד רופט אָוועק דעם פּאָליציאַנט אָן אַ זייט, שטעקט אים עפּעס אַריין אין דער האַנט. יענער עפנט דעם טויער, כאַפּט אַ קוק אין דרויסן און הייסט אונדז גיין.

די גאַס איז פּוסט, די טויערן — פאַרמאַכט. צוויי הייזער ווייטער שטייט אַ גרויסע גרופּע יידישע פּאָליציאַנטן און הערט די באַפעלן פון זייער עלטסטן. ביים ראָג קאַרמעליצקע שטייט אַ קאָרדאָן פּאָליציי. לייי־דיקע טראַנספּאָרט־וועגענער פאָרן טראַסקענדיק איבערן ברוק. זיי וועלן באַלד אָנהייבן. נאָר וואָס שנעלער פון דאַנען זיך אַרויסקריגן! דער קירצסטער וועג איז צו קאַרמעליצקע. אַלע איילן אין דער ריכטונג. ביים ראָג פאַרהאַלט מען אונדז:

— וואוהין? מען טאָר נישט אַרויסגיין! —

ווידער ווייזט מען די קאַרטן, ווידער קלערט מען אויף, מען בעט; מען לאָזט דורך. איצט בלייבט נאָך דורכצולויפן עטלעכע גאַסן. ענדלעך בין איך אין שטוב! ערשט איצט אָטעם איך אָפּ פרייער. הייסט עס, אַז די פיקטיווע קאַרטן האָבן טאַקע אַ ווערט!...

## קאַפּיטל פיר

# אין די הענט פון דער יידישער פּאָליציי

די יידישע פּאָליציאַנטן זיינען גרויסע יחסנים אין געטאָ. די דייטשן פאַרלאָזן זיך אויף זיי. זיי פירן איצט דורך די אַקציעס, קאָנטראָלירן די אַרבעטס־קאַרטן, לאָדעווען די נישט אַרבעטנדיקע יידן אויף וועגענער און פירן זיי צו די וואַגאָנען. צו דער יידישער פּאָליציי האָט מען קיינמאָל צופיל האַרץ נישט געהאַט. אַפילו אין די, אַזוי גערופענע, רואיקע געטאָ־צייטן פלעגן זיי מאַכן שווער דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן דורכן שטרענג אָפּהיטן די דייטשישע פאַראָרדענונגען. איצט זיינען זיי געוואָרן נאָך פרעמדער און פיינטלעכער. מען האָט מורא פאַר זיי און גלייכצייטיק איז מען זיי מקנא. זיי, די פּאָליציאַנטן, זיינען פאַרזאָרגט. אַפילו זייערע משפחות האָבן די דייטשן פאַרזיכערט, זיי דראָט נישט די געפאַר אַרויסגעשיקט צו ווערן.

געווען איז עס אַ נאָכמיטאָג, אין דער ערשטער וואָך פון די דעפּאָרטאַציעס, איך בין דאַן גראָד געווען מיט דער מאַמען אין שטוב. פלוצלונג האָבן עטלעכע צענדליק יידישע פּאָליציאַנטן אָפּגעשלאָסן דאָס הויז און מיט געשריי און ליאַרעם זיך געלאָזן איבער די שטיגן. אַלע יידן האָט מען געהייסן תיכף פאַרלאָזן זייערע וואוינונגען און זיך זאַמלען אויפן הויף. דער איבערפאַל פון פּאָליציי האָט אַלעמען צעטומלט. איבערגעשראָקן, צעמישט האָט מען שנעל אָנגעהויבן צו כאַפּן, וואָס מען האָט געהאַט אונטער דער האַנט און געוואָלט עס מיט זיך מיטנעמען. „איר וועט באַווייזן עס צונעמען, ווען די וועגענער וועלן קומען", האָבן אונדז אויפגעקלערט די געהילף־פּאָליציאַנטן מיט ווייסע בענדער אויף די אָרעמס, אויף וועלכע עס איז געווען אַ שוואַרצער אויפשריפט „יידן־ראַט". דאָס זיינען געווען גמינע־באַאַמטע, וועמען מען האָט צוגעטיילט צו העלפן דורכפירן די „אויסזידלונג".

אָן פּראָטעסט, מיט דערשראָקענע הכנעהדיקע בליקן האָט מען אויפגענומען די בייזע געשרייען און דאָס ברוטאַלע אַראָפּשטויסן פון די שטיגן. מיט אַ זיכערקייט פון אויסדערוויילטע, האָבן די יידישע פּאָליציאַנטן מיט רוגזה געשלעפּט פון די שטיבן אַלטע לייט, קראַנקע און קינדער. זיי איז גאָרנישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז מען קען זיי אַליין

אַמאָל פּונקט אויף דעם זעלביקן אופן שלעפּן. כּאָטש אַ סך פון די הויף־איינוואוינער האָבן געהאַט אַרבעטס־קאַרטן צו ווייזן, זיינען כּמעט אַלע פּנימער געווען טויט־בלייך פון שרעק. משפּחות האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, איינער האָט זיך געטוליעט צום צווייטן, וועלנדיק זיך באַרו־איקן מיט דער היימישער באַקאַנטקייט פון די אייגענע.

עלטערע יידן האָבן זיי געשטעלט פון הינטן, ביי די מויערן. יינגערע פון פאָרנט. קינדער האָבן זיך געקלאַמערט אָן די דערוואַקסענע. אויפ־גערעגט, צעטראָגן, מיט קלאַפּנדיקע הערצער האָט מען זיך אויסגע־שטעלט אין רייען און געוואַרט אויף דער קאָנטראָל. פאַרביי אונדז האָבן זיך חוצפּהדיק דורכגעשטופּט עטלעכע פּרויען און מיט אַ טומלדיקער זיכערקייט אַרומגערינגלט עטלעכע יידישע פּאָליציאַנטן, ווייזנדיק זיי פּאַפּירלעך. „זיי וועט מען גלייך אָפּלאָזן, זייערע מענער זיינען פּאָלי־ציאַנטן", — האָט דער עולם אַרום געמורמלט. און ווירקלעך, ווי נאָר די פּאָליציאַנטן האָבן געכאַפּט אַ קוק אויף די אויסגעשטרעקטע פּאַפּיר־לעך, האָבן זיי תּיכף געביטן דעם טאָן צו די פרויען. שוין אָן געבייזער, מיט אַ פריינדלעכן אויסדרוק אויפן פּנים, האָבן זיי מיט אַ לייכטער, האַנט־באַוועגונג געוויזן זיי אַ פרייען וועג צוריק צו זייערע וואוינונגען. בליקן פול מיט קנאה זיינען נאָכגעלאָפן נאָך די אַוועקגייענדיקע פרויען.

אַרום דעם עלטסטן פון דער פּאָליציי זיינען נאָך געבליבן שטיין דריי יידן. הינטער מיר האָט דער עולם געשעפּטשעט, אַז דאָס זיינען די גבירים פון הויף. מיר האָבן זיך אָריענטירט אין וואָס עס גייט. זיי ווילן געבן „לאַפּוּווקע". די יידישע פּאָליציי קען מען איבערקויפן. פאַר געלט קען מען זיך פון זייערע הענט אַרויסדרייען. זיי שטעלן סיי ווי צו דעם געפּאָדערטן מענטשן־קאָנטינגענט. עס ווערן געכאַפּט אַנדערע, אַזעלכע, וואָס קענען מיט גאָרנישט „באַרעכטיקן" זייער זיין אין געטאָ — נישט מיט קיין געשטעמפּלט פּאַפּירל און נישט מיט קיין געלט. מיט אָן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָבן מיר געוואַרט אויף די רעזולטאַטן פון זייער געשפּרעך. אויב די פּאָליציי וועט נעמען געלט, וועט די קאָנטראָל זיכער זיין אַ לייכטערע, האָב איך געטראַכט. אַ שמייכל אויף די פּנימער פון די דריי יידן האָט געוויזן, אַז עס איז געלונגען.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די קאָנטראָל. שנעל גייען זיי פון איינעם צום צווייטן, קוקן שווייגנדיק אויף די קאַרטן, וואָס יידן רוקן אונטער. וויל עמיצער עפּעס אויפקלערן, זיך פרעגן, אָדער גאָר פאַרענטפערן, — „נישט ריידן ווען מען פרעגט נישט!" — שרייען זיי און מיט אָנגע־צויגענע פּנימער זעצן זיי ווייטער פאָר זייער אַרבעט. איך שטיי נעבן דער מאַמען און מיין ברודערל. אַ פּאָליציאַנט האָט געכאַפּט אַ קוק אויף אונדזערע קאַרטן און געגאַנגען ווייטער. מיט וואָס וועט זיך עס ענדיקן? די קאָנטראָל האָט אויפגעהערט. עטלעכע יידן שטעלט די

פּאָליציי אַוועק אין אַ זייט, זיי האָבן גאָרנישט וואָס צו ווייזן, אָבער חוץ זיי האָבן דאָך אויך אַנדערע נישט געהאַט קיין קאָרטן. צי האָט מען אָט די אָפּגעטיילט פון אונדז, ווייל זיי זיינען גראָד די אָרעמסטע פון הויף? לויפט דורך אַ געדאַנק. פון וואַנען ווייס עס די פּאָליציי? אַרום מיר איז אַ זשומעריי. מען רעדט, אַז כדי אָפּצוראַטעווען אַנדערע, האָבן די געמוזט גיין. פון דער גרופּע אויסגעטיילטע, קען איך גוט בלויז עטלע־כע. די צוויי עלטערע מיידלעך צירל און סימע, שוועסטער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט קלעפּן פּאַפּירענע בייטלעך, און רב אברהם מיט דער משפחה, אַ געוועזענער דראָזשקאַזש, וואָס האָט פאַרן געטאָ געוואוינט אויפן זעלביקן הויף וואו מיר, אויף בזשעסקע 11. זיי, די אויסגעטיילטע, האָט די פּאָליציי באַפוילן תיכף צו גיין נאָך זייערע פּעקלעך און זיך מאַכן גרייט צו לאָדעווען אויף די אָנקומענדיקע פורן. דער איבעריקער עולם האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט — הייסט עס, אַז מיר זיינען פריי.

די יידן פון דער אָפּגעקליבענער גרופּע רירן זיך נישט פון אָרט. איינגעדאַרטע, בלויז הויט מיט ביינער, מיט אויסגעלאָשענע בליקן בעטן זיי זיך רחמים ביי דער פּאָליציי, מען זאָל זיי איבערלאָזן גלייך מיט אַלע. איינע, אַן אַלטיטשקע, כאַפּט כסדר אָן די האַנט פון אַ פּאָליציאַנט און, טרייסלענדיק זיך פאַר שרעק, ווייזט זי מיט אַ ציטערדיקער האַנט אין אונדזער ריכטונג:

„לאָזט מיך, פּאַניע לעבן, דאָרט שטייט מיין טאָכטער. לאָזט מיך מיט איר. אַליין וועל איך אומקומען".

אברהם דעם דראָזשקאַזשעס טאָכטער, פּאַניע, האַלט פעסט איר יונג שוועסטערל ביי דער האַנט און טענהט וויינענדיק הויך, צום עלטסטן:

— איר זעט דאָך, ווי מיר זעען אויס. אין אַ פרעמדער שטאָט וועט מען דאָך גלייך אויסגיין, האָט רחמנות...

אומזיסטע רייד! די גראַנאַטענע מונדירן בלייבן טויב צו זייער געוויין. בלויז עטלעכע פון די פּאָליציאַנטן קענען נישט צוזען דעם צער פון די אומגליקלעכע און גייען אַרויס פון הויף.

ווי פאַרשטיינערטע זיינען מיר געשטאַנען פון דערוויטנס, נעבן מיר האָט עמיצער, שעפּטשענדיק, געבעטן: „רבונו של עולם, זאָל זיך עס שוין אַמאָל ענדיקן". קיינער פון די קנאַפּע הונדערט און פופציק פאַרזאַמלטע יידן האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. קיין איינער האָט נישט געמאַכט קיין פרוואו צו העלפן. יעדער איינער האָט מורא געהאַט צו ריזיקירן מיט דעם נאָר וואָס צוגעטיילטן גליק פון פאַרבלייבן. שטום איז מען געשטאַנען, דאַנקענדיק גאָט אין האַרצן, וואָס מען געפינט זיך נישט צווישן יעניקע. רעזיגנירטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, האָבן די

אָפּגעטיילטע יידן געלאָזט צונעמען פון זיך זייער ביסל אָרעמקייט, די געבראַכטע קיישלעך און זעקלעך. און אַליין, אָן וועמענס הילף, זיך שווערלעך אַרויפגעצויגן אויף דעם וואַרטנדיקן וואָגן. ערשט איצט האָט זיך פון אייניקע פון זיי געהערט אַ האַרצרייסנדיק געוויין. שטייענדיק אויפן וואָגן, האָבן זיי אויסגעדרייט די קעפּ אין אונדזער ריכטונג און אונדז אַ לאַנגע ווײַלע אָנגעקוקט.

וויפל פּיינלעכע פאַרצווייפלונג האָט זיך געמאָלן אין זייער בליק! אַ שטומער פאַרוואורף האָט אַראָפּגעשריען פון זייערע געזיכטער. מיר זיינען געשטאַנען ווי פאַרגליווערט. אַ געפיל פון שולד האָט געברענט. פּאָליציי האָט געהייסן פאָרן. די צוגענומענע האָבן צום לעצטן מאָל זיך אַרומגעקוקט. שטומערהייט האָבן זיי געזעגנט די גרויע הויזמויערן, וואו זיי האָבן אָפּגעפּינצטערט זייער לעבן. עמיצער האָט עפּעס אַרויפגעוואָרפן אויפן וואָגן, וואָס איז מיט טראַסקעריי אַרויסגעפאָרן פון הויף.

אַ קורצע ווײַלע זיינען אַלע נאָך געבליבן ווי פאַרגליווערט אויף די ערטער. מען האָט קוים געגלייבט, אַז עס האָט זיך שוין טאַקע פאַרענדיקט. הגם אַלע זיינען נאָך געווען אונטערן איינדרוק פון נאָר וואָס געשעענעם, האָבן די פאַרבליבענע מיט צופרידנקייט אַרומגעכאַפּט זייערע נאָענטסטע: — אַבי מיר זיינען געבליבן...

„פאַרוואָס האָט קיין איינער זיך נישט באַמיט צו העלפן? — מאַטערט מיך דער געדאַנק, — פאַרוואָס האָט קיינער, און אויך איך, זיך נישט איינגעשטעלט פאַר זיי? — איך פּרואוו אַליין פאַרשרייען, פאַרענטפערן מיין גרויס פּחדנות־געפיל. „מיר האָבן דאָך נאָר אַ גאָר קליינעם שאַנס צו בלייבן. קיינער וויל זיין שאַנס צופיל נישט איינשטעלן."

אָט דערמאָנט זיך מיר אַ פּיינלעך בילד. דאָס איז געווען אויף זאַמענהאָף, ראָג נאָוואָליפּיע. פּאָליציי האָט אָנגעהויבן פאַרהאַלטן די דורכגייערס און קאָנטראָלירן זייערע קאַרטן. יידן וואָס האָבן גאָרנישט געהאַט צו ווייזן, פלעגט מען אַרויפשלעפּן אויף די שוין־וואַרטנדיקע וועגענער.

מיין אַרבעטס־קאַרטע האָט מיר אַרויסגעהאָלפן, מען האָט מיך דורכגעלאָזט. ווען כ'האָב זיך שנעל אָנגעהויבן דערווייטערן פון דעם אָרט, האָט אַ יאָמערדיק געשריי מיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט. די גאַס האָט אַזש אויפגעציטערט. איך האָב זיך אומגעקוקט און ווי צוגעשמידט געבליבן שטיין אויפן אָרט. אַ מיטליאָריקע פרוי האָט זיך געראַנגלט מיט צוויי פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן זי געשלעפּט אין דער ריכטונג פון שטייענדיקן וואָגן. די פרוי האָט זיך פאַרצווייפלט געריסן פון זייערע הענט. צעשויבערט, מיט אַ פלאַמענדיק געזיכט, האָט זי זיך מיט איין האַנט געקלאַמערט אין דעם דערבייאיקן גאַז־לאַמטערן, מיט דער צווייטער האַנט

האָט זי זיך געוועדט. די פּאָליציאַנטן האָבן זי געצויגן, געשלעפּט, געריסן פון איר פּאַסן. די פרוי האָט נישט נאָכגעגעבן. זי האָט עקשנות־דיק זיך אָנגעהאַלטן אָן איר אָנשפּאַר און נישט אויפגעהערט צו שרייען:

— באַנדיטן, הינט, איר וועט מיך פון דאַנען נישט נעמען!...

איר געשריי האָט געמאַכט גליווערן דאָס בלוט.

אַ גרופּע שטייענדיקע יידן האָבן אין דער שטיל געשאָלטן די פּאָליציי, אָבער געבליבן אומבאַוועגלעך אויף די ערטער.

צו דער פרוי זיינען צוגעקומען נאָך עטלעכע גראַנאַטענע מונדירן, אָפּגעשטופּט זי פון לאַמטערן און געפּרואווט זי אַרויפזעצן אויף אַ ליידיקן וואָגן. זי האָט זיך געוועדט, געקאָפּעט מיט די פיס, געשפּיגן אויף אירע אָנגרייפער און פאַרצווייפלט געשריגן. די פּאָליציי איז אָבער שטאַרקער געווען. ווען די פרוי איז שוין געווען אויפן וואָגן, האָט זי זיך אַ ביסל איינגעשטילט. אַ קורצע ווײַלע איז זי געלעגן אומבאַוועגלעך. ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז די פּאָליציי איז זי שוין איינגאַנצן בייגעקומען, האָט זי אָבער פּלוצלונג ווידער אָנגעהויבן זיך ראַנגלען. ווידער האָבן אירע פאַרצווייפלטע יאָמער־געשרייען דורכגעשניטן די לופט. איצט האָט זי געהאַלטן אין איין איבערחזרן: „יידן, האָט רחמנות, העלפט מיר, איך האָב קליינע קינדער אין שטוב, העלפט מיר...״ קיין שום ענטפער איז נישט געקומען. די צוקוקער זיינען געבליבן שטום. אַ רעזיגנירטע, האָט די פרוי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שטיל אָנגעהויבן העשען.

פונקט אַזוי האָבן געהעשעט צוויי קינדערלעך, וועלכע מען האָט אַ מינוט שפּעטער אַרויפגעצויגן אויף דעם זעלביקן וואָגן. זיי, די קינדער, אַ 12־יאָריק מיידעלע מיט אומגעפער אַ 10־יאָריק שוועסטערל, האָבן נישט פּראָטעסטירט. זיי האָבן נישט געשריען. געהאָרכזאַם האָבן זיי געלאָזט זיך אַרויפזעצן אויפן וואָגן, האַלטנדיק זיך כסדר פאַר די הענטלעך. די קינדער האָבן כסדר אומרואיק זיך אַרומגעקוקט. זיי האָבן עמיצן געזוכט, אפשר די מאַמען? טוליענדיק זיך איינס צום צווייטן האָבן זיי שטיל געוויינט. עס האָט געריסן דאָס האַרץ. אַפילו דער פּאָליציאַנט אויפן וואָגן האָט זיך נישט געקענט גלייכגילטיק צוהערן צום קינדערשן געוויין. ער האָט עפּעס אָנגעהויבן זוכן אין די קעשענעס, גלעטנדיק נאָכלעסיק די צוזאַמענגעדריקטע קעפּלעך.

דער וואָגן איז ביסלעכווייז פול געוואָרן. אַלץ נייע קרבנות האָט מען אַרויפגעצויגן. אַלע האָבן זיך אָבער געוועדט. קיינער האָט נישט נאָכגעגעבן. זיי האָבן געבעטן, איינגעטענה'ט, טייל האָבן אַפילו געשטופּט געלט דער פּאָליציי. עס האָט נישט געהאָלפן — פון וואָגן האָט מען קיינעם נישט אַראָפּגעלאָזט. פון דערווייטנס האָבן יידן אומרואיק געזוכט צווישן די צוגענומענע, צי עס געפינט זיך נישט אַמאָל אַן אייגענער, אַ נאָענטער. ווען דער וואָגן האָט אָנגעהויבן פאָרן איז דאָס געוויין, דאָס

פאַרצווייפלטע רופן נאָך הילף געוואָרן נאָך שטאַרקער. עס האָט געלע־כערט דעם מוח.

די גאַס האָט מיט אומעטיקע באַדויערנדיקע בליקן נאָכגעקוקט די צוגענומענע. קיינער האָט אָבער נישט געוואַגט זיך דערנענטערן צום וואָגן. ערשט ווען ער איז שוין געווען ווייט, האָבן יידן זיך אַ לאָז געטאָן אויפהייבן די אַראָפּגעוואָרפענע צעטעלעך. דאָס האָבן די צוגענומענע געבעטן מודיע זיין זייערע משפחות.

דאָס איינציקע וואָס בלייבט צו טאָן ווען מען קריגט אַזאַ קוויטעלע, איז לויפן פּריוואַט צו אַ יידישן פּאָליציאַנט. די יידישע פּאָליציי קען פאַרן לאָדעווען אין די וואַגאָנען דורך זייטיקע וועגן עמיצן אַרויספירן פון אומשלאַג־פּלאַץ. אמת, זי דאַרף דאָס אַזוי טאָן, אַז די דייטשן זאָלן נישט זען. אָפּטמאָל געלינגט זיי די דאָזיקע אַרבעט. כדי אָנצוקומען צו אַ יידישן פּאָליציאַנט, דאַרף מען האָבן קאַנטשאַפט, פּראָטעקציע און קודם כל געלט.

גלייך נאָך דעם ווי עס הערן אויף די „בלאָקאַדעס" און די יידישע פּאָליציאַנטן קערן זיך צוריק אום אין זייערע וואוינונגען, טרעפן זיי שוין נעבן די טירן אומרואיק־וואַרטנדיקע יידן, וואָס זיינען געקומען בעטן פאַר זייערע קרובים. יעדער פון די וואַרטנדיקע האָט עפּעס גע־בראַכט. אויב נישט קיין געלט איז כאָטש אַ ווערטפול שטיקל צירונג. אַבי יענער זאָל נאָר ווערן עפּעס טאָן. מיט געשוואָלענע אויגן פון וויינען וואַרט מען אָנגעשטרענגט מען זאָל אַריינלאָזן. כאָטש אין האַרצן ברענט אַ שנאה צו דעם „גראַנאַטענעם מונדיר", וואָס האָט אפשר ערשט מיט איי־ניקע שעה צוריק אַליין געהאָלפן זייערע נאָענטסטע שלעפּן אין די וועגענער, רעדט מען אָבער איינגעהאַלטן, מיט שטילן געוויין, דער „מונדיר" זאָל זיך נאָר נישט דענערווירן. גליקלעך איז דער, ביי וועמען דער פּאָליציאַנט נעמט צו עפּעס אַלס משכון. דאַן איז שוין דאָ אַ שטיקל האָפענונג. מערסטנטייל גייען אָבער די יידן אַוועק מיט גאָרנישט, דער פּאָליציאַנט האָט פאַר זיי נישט קיין צייט.

ביי אונדז אין הויז וואוינט אַזאַ געלטנעמער; הערן זיך טאָקע יעדע נאַכט פון זיין דירה יאָמערדיקע קולות פון די צעבראָכענע, פאַרצווייפלטע קרובים. דאָס געוויין ווערט באַגלייט פון אַ דענערווירטן געבייזער, וואָס פאָדערט זיי אויף שנעל זיך פונאַנדערצוגיין.

אמת, עס זיינען געווען פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן נישט געקענט מיט־מאַכן די דאָזיקע שענדלעכע שפּיל און האָבן גלייך אין די ערשטע טעג זיך צוריקגעצויגן, כדי נישט דאַרפן אנטיילנעמען אין דער „אַקציע". אַלע איבעריקע אָבער, אַפילו די, וואָס האָבן אַמאָל געהאָלפן איינעם אָדער צוויי, זיינען דורך די געטאָ־יידן באַטראַכט געוואָרן ווי פיינט, שונאים, פאַר וועלכע מען דאַרף זיך אויסהיטן.

קאַפּיטל פינף

# מיינע נאָענטסטע צווישן די געכאַפּטע...

עס איז איבער אַ וואָך זינט דעם אָנהייב פון דער דעפּאָרטאַציע. די „אַקציע" האָט זיך דורך דער צייט צעוואָקסן. עס נעמען שוין אין איר אָנטייל אויך דייטשן און אוקראַאינער. פּריוואַטע יידישע פאַבריקן ווערן ליקווידירט און די אַרבעטער ווערן אַרויסגעפירט. טייל לעבנס־שיינען ווילן שוין די דייטשן נישט אָנערקענען. צווישן זיי אויך אַ סך פון דער יידישער גמינע. די קאַרטן, וועלכע איך האָב באַקומען מיט עטלעכע טעג צוריק, זיינען שוין אויך נישט גילטיק. בלויז די אַרבעטער פון די דייטשישע פאַבריקן קענען בלייבן אין געטאָ. אַלע איבעריקע יידן דאַרפן זיך פריינוויליק צושטעלן צום טראַנספּאָרט־פּלאַץ. דער גלויבן אין די דייטשישע צוזאָגן וועגן אַרבעט האָט זיך געשטאַרקט. יידןריידן וועגן בריוו, וואָס זיינען אָנגעקומען אין געטאָ פון די אַרויסגעפירטע. די דאָזיקע קאַרטלעך זיינען טאַקע די איינציקע גרוסן. מאָדנע קלאַנגען גייען אָבער אַרום... מען רעדט, אַז די יידן, וואָס האָבן די קאַרטלעך געקריגן, האָבן זיך צוליב דער דייטשישער צענזור, לכתחילה אָפּגערעדט מיט די אַרויסגעשיקטע, אַז זיי זאָלן שרייבן אין אַ פאַרשטעלטער שפּראַך. די בריוו זיינען כלומרשט גוטע, אָבער דאָס מיינט גאָר שלעכטס.

קיינעם איז נאָך דעמאָלט נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז דאָס האָבן די דייטשן, פאַר דער טויטן־סטאַציע טרעבלינקע, געצוואונגען זייערע קרבנות אַהיים גוטע בריוולעך. די ידיעות זיינען פאַרנעפּלטע. דאָך וויל מען גלייבן אין דער באַרואיקונג, ווייל אַנדערש וועט זיין נאָך שווערער דאָס אַלץ אַריבערצוטראָגן.

ערשט מיט צוויי טעג צוריק, (דעם 29־טן יולי) האָבן פרישע פּלאַקאַטן גערופן יידן פריינוויליק זיך צושטעלן צום „אומשלאַג־פּלאַץ", פריינוויליקע וועלן באַקומען דריי קילאָגראַם ברויט און איין קילאָגראַם מאַרמעלאַד.

— אויב די דייטשן טיילן שוין ברויט, איז אַ סימן, אַז מען נויטיקט זיך אין אונדז, — האָט געטראַכט דער עולם, — ווען נישט וואָלטן זיי דאָך נישט געפּטרט אַזוי פיל מעל.

דער פאַרלאַנג כאַטש איין מאָל אָפּעסן צו זאַט און די כסדרדיקע דייטשישע צוזאָגן וועגן אַרבעט פאַרטרייבן דעם געדאַנק, אַז די ברייט־לעך זיינען בלויז אַ מיטל אויף אַריינצונאַרן אין די וואַגאָנען.

פאַר די, וואָס צווייפלען אין די אַלע צוזאָגענישן און האָבן דערביי נישט קיין שום שוך־פּאַפּירל, בלייבט איין אויסוועג — אויסבאַהאַלטן זיך. אָבער אַפילו דאָס אויסבאַהאַלטן זיך איז גאָרנישט קיין פּשוטע זאַך. די באַהעלטעניש וואו מען פאַרשטעקט זיך, מוז זיין אַ גוטע. יעדער באַהאַלטענער, ווען מען אַנטדעקט, ווערט גלייך דערשאָסן.

איך זע איצט בולט פאַר זיך די געשטאַלט פון ברוך זיפערמאַן. אין דער ערשטער צייט פון געטאָ האָב איך אַ געוויסע צייט ביי אים געוואוינט. מיר האָבן צוזאַמען אין די ווינטערדיקע געטאָ־נעכט גע־האָלפן אַרויסגעבן די אונטערערדישע בונדישע פּרעסע.

ער האָט שטענדיק אַכט געלייגט אויף זיין אויסערלעכן אויסזען, געדענקט צו זיין פּאַסיק אָנגעטאָן. גאָר אַנדערש אָבער האָט ער אויס־געזען, ווען איך האָב אים דאָס לעצטע מאָל באַגעגנט: שמוציק, אָפּגע־לאָזן, מיט אַ געל אויסגעצויגן געזיכט און מיט אַ ווייסן פאַרבלוטיקטן באַנדאַזש אַרום קאָפּ. מיט אַ טרוקענער הייזעריקער שטים האָט ער בקיצור דערציילט וואָס מיט אים האָט פּאַסירט:

די דייטשן האָבן אָפּגעשלאָסן נאַוואָליפּיע גאַס. ער האָט זיך געפונען אויף דער גאַס אין אַ דירה צוזאַמען מיט זיין פרוי, מיט זיין קליין יינגעלע און מיט דער פאַמיליע באַרנבוים. חבר באַרנבוים איז לאַנגע יאָרן געווען סעקרעטאַר פון סאָציאַליסטישן האַנטווערקער־פאַר־איין. בעת אַקציעס פלעגן זיי זיך פאַרשליסן אין זייער וואוינונג און זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן. די טיר פון דער וואוינונג איז געווען אַן אייזערנע, שווער געווען זי אויפצוברעכן.

אויך דאָס מאָל, ווען די דייטשן האָבן געריפן: „אַלע יודן אַרונ־טער", האָבן זיי גוט פאַרשלאָסן די טיר און זיינען פאַרבליבן אין שטוב. ווי שטענדיק האָט מען דאָס מאָל אויך געקלאַפּט אין דער טיר עטלעכע מאָל, געפּרוּווט זי עפענען, אָבער אָן דערפאָלג — די טיר האָט זיך געהאַלטן. באַלד האָבן זיי אָנגעהויבן אונטערשיידן אַ געקלימפּערריי ווי פון שטיקער אייזנס. שווערע טריט האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן זייער וואוינונג. גלייך האָט זיך פון דרויסן אָנגעהויבן אַ טראַסקעריי אין דער טיר. גראָבע שטימען אין דייטש האָבן געריפן, מען זאָל תיכף עפענען. קיינער פון די פינף יידן האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. זיי זיינען פאַרגליווערט געזעסן אויף זייערע פלעצער און געוואַרט.

וועט די טיר אימשטאַנד זיין אויך איצט צו באַשיצן?

דאָס טראַסקעריי איז געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער. די דייטשישע אויסגעשרייען בייזער און העכער, די טיר האָט אָנגעהויבן

שווער צו קרעכצן. נייך, זי האָט נישט אויסגעהאַלטן. עטלעכע צעיו־שעטע אוקראַאינער האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטוב. באַפוילן אַלע־מען אויפצוהייבן די הענט. יעדן איינעם באַזוכט, צוגעבנדיק דערביי קלעפּ. ווען זיי האָבן שוין ביי יעדן געהאַט צוגענומען וואָס עס איז זיי געפעלן געוואָרן, האָבן זיי געהייסן אַלע צורוקן זיך נאָענט צו דער וואַנט און האָבן אויסגעשטרעקט די ביקסן. זיפערמאַן האָט נישט גע־גלייבט, אַז זיי וועלן טאַקע שיסן. ער האָט געמיינט, אַז דאָס וויל מען זיי נאָר אָנשרעקן. אַ קנאַלעריי האָט איבערגעריסן זיינע געדאַנקען. ער איז געפאַלן באַגיסנדיק זיך מיט בלוט. וואָס ווייטער איז געשען, ווייס ער נישט.

ווען ער איז געקומען צו זיך, זיינען שוין קיין אוקראַאינער נישט געווען. אַרום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. ער איז געלעגן נעבן זיין דערשאָסענער פרוי און יינגעלע. אַ ביסל ווייטער זיינען געלעגן טויט זיינע צוויי פריינד באַרנבוים. פון קאָפּ און פון אויער איז אים געררו־נען בלוט. נאָך שווערער מי האָט זיך אים קוים איינגעגעבן אַליין זיך אַראָפּצושלעפּן אויפן הויף, וואו עטלעכע פאַרבליבענע יידן האָבן זיך פאַרנומען מיט אים, פאַרבונדן אים די וואונד, געגעבן שטאַרקונגס־טראָפּנס. און ער לעבט. ער דרייט זיך איצט אַרום ווי אויף יענער וועלט. ער וואַרט אויף אַ בעסערע קויל.

רייזל מאַלינאָווסקי, ווען מען מאַן איז מיט אַ יאָר שפּעטער אומגע־קומען אין לאַגער טראַווניק, האָט אויך געוואוינט אויף נאָוואָליפּיע גאַס. ווען די דייטשן האָבן בלאָקירט איר הויז, איז זי געלאָפן מיט אַ גרופּע שכנים זיך אויסבאַהאַלטן אויפן בוידעם. לײדער האָט זי שוין נישט באַוויזן זיך גוט צו פאַרשטעקן. אוקראַאינער האָבן זי דעריאָגט און אויפן בוידעם דערשאָסן צוזאַמען מיט די שכנים. פון זייערע טויטע הענט האָבן זיי נאָכדעם אַראָפּגעצויגן די זייגערלעך.

זינט אָנהייב אויגוסט פירט די „אַקציע", די אַזוי גערופענע פאַר־ניכטונגס־קאָמאַנדע „איינזאַץ רעינהאַרדט" די זעלבע, וועלכע האָבן דורכ־געפירט די „אויסזידלונג" אין לובלין. יעדע בלאָקאַדע ווערט באַגלייט מיט אַ ווילד שיסעריי.

מיר האָבן געהאַט בדעה צו מאַכן אַ באַהעלטעניש ביי אונדזער שכנטע זאַכערמאַן אין דער וואוינונג. זי האָט דריי צימערן, האָבן מיר איינעם געוואָלט פאַרמאַסקירן מיט אַ שאַנק. ביינאַכט, ווען מיר זיינען שוין געווען גרייט די שאַנק איבערצורוקן, האָט די שכנטע פּלוצלונג חרטה געקריגן: זי האָט מורא, — טאָמער וועלן זיי אויסגעפינען, בלייבט נישט קיין שום רעטונג. אַזוי קען כאָטש זיין אַ האָפענונג מען זאָל זיך דערשלאָגן צו אַ צווייטער שטאָט.

ווידער זיינען מיר אין דער לופטן. נישט קיין אַרבעט, נישט קיין

קאַרטן און נישט קיין באַהעלטעניש. די מאַמע מיטן ברודער פּלעגן זיך אָפּט פאַרשטעקן אין קעלער, וואָס געפינט זיך אין דער פּאָלקס־קיך, אויף נאָוואָליפּיע 12, וואו די שוועסטער אַרבעט, האָט מען אויך דעם קעלער אויפגעדעקט. אַ נס איז געווען, וואָס גראָד דעם טאָג האָבן זיי באַשלאָסן צו בלייבן אין שטוב. די מאַמע האָט שוין נישט קיין כוח זיך צו ראַנגלען. זי זעט אויס ווי אַ לעבעדיקער מת. קוים וואָס זי האַלט זיך אויף די פיס.

— מיר וועלן דאָך סיי ווי אַריינפאַלן אין זייערע הענט, איז אפשר בעסער גלייך זיך צוצושטעלן — פּרואווט זי אונדז נישט דרייסט פאַרלייגן.

דער ברודער איז שוין איינשטימיק מיט איר. דער הונגער מאַטערט אים, ער קען זיך נישט קיין עצה געבן. דאָך קען קיינער ביי זיך נישט פועלן צו פאַרלאָזן די שטוב. אַ סך אונדזערע שכנים, איבערהויפּט די אָרעמערע, די, וועלכע מען האָט שוין איינמאָל אַרויסגעטריבן, האָבן עס שוין געטאָן. זיי זיינען מיט זייערע קינדער און פּעקלעך אַליין אַוועק אויפן אומשלאַג־פּלאַץ.

די מורא פאַר דאָס אומבאַקאַנטע, וואָס קומט נאָך די וואַגאָנעס, לאָזט אונדז זיך נישט אַנטשליסן. מען וועט נאָך ווייטער פּרואוון אַנגיין מיט דעם געראַנגל, עס וועט זיך דאָך פאָרט מוזן אַמאָל ענדיקן. היינט, דעם 2־טן אויגוסט, האָט זיך ווידער פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אונדזער גאַס־אָפּשניט זאָל בלאָקירט ווערן דורך דייטשן. אַלע הייבן אָן פיבערן, אַפילו די פּאָליציייִשע משפחות ציטערן. די דאָזיקע ידיעות שטאַמען טאַקע פון דער יידישער פּאָליציי גופא. עטלעכע פון זיי זיינען איבערפרי געקומען צולויפן וואָרענען זייערע אייגענע. גלייך האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט די גאַנצע גאַס. אַלע הויז־איינוואוינער לויפן איצט אַרום צעטראָגן. שווער צו געפינען אַ גוט אָרט, וואו זיך צו פאַרשטעקן. אונדזער הויף איז שוין דורכגעגאַנגען עטלעכע בלאָקאַדעס. אַ סך באַהעלטענישן זיינען שוין אויסגעפונען געוואָרן. דאָך לויפן יידן אויף די ביידעמער, אין די קעלערן, מען זוכט; דער וואָס געפינט עפּעס אויס וועט זיך נישט מיט יעדן טיילן מיט זיין סוד. מען האָט מורא צופיל יידן זאָלן זיך מיט אַמאָל באַהאַלטן. שושקעט מען זיך בלויז מיט איינצלנע, מיט די נענטערע.

יעדערער וויל זיך האַלטן נאָענט פון דער שטוב: טאָמער דאַרף מען טאַקע גיין, זאָל מען כאָטש קענען מיטנעמען מיט זיך אַ פּאָר זאַכן. מיר האָבן פּרובירט לויפן צו דער שוועסטער אין קיך אַריין. ווען מיר זיינען שוין געווען ביי קאַרמעליצקע, איז דער טייל פון גאַס פּלוצלונג בלאָקירט געוואָרן. מיר האָבן געמוזט זיך אומקערן. ס'איז אומהיימלעך צו געפינען זיך אין מיטן העלן טאָג אויף דער גאַס. וויניק

מענטשן זעט מען, די געוועלבלעך זיינען פאַרמאַכט. די פאַרבייגייערס זיינען מערסטנס יידישע פּאָליציאַנטן. אָפטער זעט מען דורכפאָרן ריקשעס אָדער ליידיקע טראַנספּאָרט־וועגענער. מיר האָבן פרייער אָפּגע־אָטעמט, ווען מיר האָבן זיך געפונען נאָענט פון דער מאַמעס שטוב. איך שלעפּ די מוטער מיטן ברודער אין הויז, וואו איך וואוין, אויף לעשנא 72. דאָרטן זיינען דאָ מער באַקאַנטע, איז בעסער זיך צו האַלטן צוזאַמען.

די אומרואיקייט יאָגט פון איין אָרט צום צווייטן. איך לויף צו אַנקע וואָלקאָוויטש; זי קען בעסער דעם הויף, אפשר ווייס זי פון אַ באַהעלטעניש. יאָ, זי ווייס, נאָר מען וויל זי אַליין אויך נישט צולאָזן. אַמבעסטן איז זיך צו האַלטן נאָענט פון דריטן הויף. אויפן דריטן הויף, אין פאַרטער געפינט זיך אַ ליידיקע וואוינונג, פון וועלכער מען האָט מיט עטלעכע טעג צוריק אַרויסגעפירט אַ גאַנצע פאַמיליע. דורך דעם אָפענעם פענצטער פון דער דאָזיקער וואוינונג קען מען זיך אַריינקריגן אין אַ צווייט הויז, אויף נאָוואָליפּיע גאַס. בעת אַ בלאָקאַדע דאַרף מען נאָר שנעל צושטעלן אַ בענקעלע צום פענצטער און נאָך שנעלער דורכקריכן; ווער מען זיין געניג פלינק, קען געלינגען זיך צו ראַטעווען.

עטלעכע צענדליק יידן דרייען זיך שוין אומרואיק אַרום נעבן דער ליידיקער וואוינונג. ס'איז אוממעגלעך, אַז אַלעמען זאָל געלינגען אין דער ריכטיקער צייט זיך דורכצושטופּן. קיין אַנדער אויסוועג איז אָבער פאָרט נישטאָ, זעצט מען זיך אויף די שטיגן, פון וואַנען עס וועט זיין נענטער צום „רעטונגס"־פּונקט. אַלע יידן, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום, זיינען אַנגעשטרענגט, אויפגערעגט, צעטראָגן. יעדע ווײַלע לויפט מען צום טויער כאַפּן אַ קוק אויף דער גאַס, צי דערנענטערט זיך נישט אַמאָל דאָס אומגליק. הערט זיך אין דרויסן אַ פייפעריי, הייבט מען גלייך אָן צו לויפן: דייטשן! ניין, נישט צו אונדז, די אויטאָס זיינען בלויז פאַרבייגעפאָרן. ווידער הייבט מען אָן שפּרייזן איבערן הויף. זעלטן ווער עס רעדט מיט עמיצן. די מורא פאַר דעם, וואָס דאַרף אַ ליאַדע מינוט זיך אָנרוקן, נעמט צו דאָס לשון. אַביסל רואיקער האַלטן זיך די, וואָס האָבן גוטע אַרבעטס־קאַרטן, אַרום זיי שטויסן זיך כסדר יידן און ווייזן זייערע פּאַפּירלעך. זיינען זיי גוט? קען מען זיך אויף זיי שטיצן? וואָס קענען יענע זאָגן? זיי פּרוּוון נאָר טרייסטן. דאָס איז לייכט צו טאָן, — זיי אַליין זיינען דאָך זיכער ביי זיך.

דערווייל איז שטיל. פון אַ טייל אָפענע פענצטער דערטראָגט זיך דער ריח פון זופּ. אַ טייל פּרוּוען כאַפּן אַריין די דאָזיקע פאָר מינוט אויף צוגרייטן עפּעס עסן. דאָס דערמאָנט אָן אייגענעם הונגער: פון נעכטן ביינאַכט גאָרנישט געגעסן. בלויז אויף איין מאָל אין טאָג געפינט

זיך עפּעס צו נעמען אין מויל אַריין. מיין ברודער ווערט אומרואיק. די מאַמע פּרואווט אים איינגעמען:

— וואַרט, נישט ווייט איז שוין די נאַכט, מען וועט עס דורכקומען...

צווישן זיך האָט מען אָפּגעמאַכט, אַז אויב מען וועט כאַפּן עמיצן פון אונדז, זאָל דער געכאַפּטער זיך באַמיען צו פאַרהאַלטן זיך אויפן אומשלאַג־פּלאַץ, — נישט צו ווערן טראַנספּאָרטירט פון די ערשטע. דער וואָס וועט ניצול ווערן, מוז ווידער אַלץ טאָן, כדי זיי פון דאָרטן אַרויס־צושלעפּן.

עס איז שוין נאָכמיטאָג. דער עולם הייבט זיך אָן פונאַנדערצוגיין אין די שטובן. אויב ביז איצט איז נישט געווען קיין בלאָקאַדע, וועט שוין מסתמא היינט גאָרנישט זיין. אויך די מאַמע מיטן ברודער האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אין שטוב אַריין. זיי ווילן עפּעס איבערבייסן.

גלייך נאָך זייער אַוועקגיין האָט זיך עס אָנגעהויבן. איך בין גראָד געשטאַנען אויף די שטיגן, ווי ס'איז געוואָרן אַ בהלה — אַ בלאָקאַדע! אָנשטאָט צו לויפן, ווי אַ סך האָבן עס שוין געטאָן, צום פּענצטערל און זיך דורכשטופּן אין צווייטן הויז, האָב איך אין גרויס צערודערונג גענו־מען גאָר לויפן אויף די שטיגן. אַנדערע לויפנדיקע יידן האָבן מיך כסדר אונטערגעשטופּט: — שנעלער, שנעלער, נישט פאַרשטעלן דעם וועג! — די טיר פון מיין שטוב איז אָפן. אַריינגיין אָדער צוריקלויפן צום פּענצטערל? — שלאָג איך זיך מיט דער דעה. אַנקעס שוועסטערס קומען צולויפן, זיי ווילן פאַרמאַכן די טיר. איך שטופּ זיך אַריין אין שטוב, כאַפּ אַ בליק דורכן פּענצטער, שוין צו שפּעט, זיי זיינען שוין דאָ אויפן הויף. עס הערן זיך שוין די באַקאַנטע גרילצנדיקע געשרייען: „אַלע יודן רונטער!" וואָס טוט מען? אַרויסגיין? דער רוקזאַק ליגט גרייט צו נעמען. ניין, מיר וועלן בעסער פאַרשליסן די טיר און וואַרטן. וועט מען קלאַפּן, וועלן מיר עפענען און דאַן ערשט גיין. עס קען זיך גראָד אַזוי מאַכן, דער דייטש זאָל בעת דער קאָנטראָל אונדזער טיר נישט דערזען. די געשרייען אין הויף ווערן העכער. מיר הערן דאָס שנעלע לויפן איבער די שטיגן. אונדזערע שכנים גייען אַראָפּ.

שטילערהייט, אויף די שפּיץ פינגער, כדי נישט צו פאַרראַטן, אַז עמיצער איז דאָ אין שטוב, טוען מיר אָן די מאַנטלען. מען שיסט. אַ בראַזג פון צעבראָכענע שויבן, הייזעריקע הויכע געשרייען. אונדזערע פּענצטער זיינען אָפן, „לייגן זיך אויף דער פּאָדלאָגע!" — רופט עמיצער פון די שטוביקע. מיר בייגן זיך פאַרזיכטיק אַראָפּ. ווידער שיסט מען. זיצנדיק אויפן דיל זעט מען דייטלעך וואָס עס קומט פאַר קעגנאיבער אויפן דאַך. אויף דער איינציקער גלייכער שינע, וואָס ציט זיך אין סאַמע מיטן דאַך, אָפּטיילנדיק איין הויז פון צווייטן, קריכן איינגעהויקערטע יידן. עס איז אַ געפערלעכער וועג. אַן איבעריקער ריר, אַן אומגע־

שיקטע באַוועגונג און מען וועט אַראָפּפאַלן אונטן און צעשמעטערט ווערן. די יידן קריכן, האַלטנדיק אין איין אויסדרייען די קעפּ אויף צוריק. עמיצער האָט זיך פאַרבאַהאַלטן הינטערן קוימען, אַ שאָס. מען האָט אים, ווייזט אויס, דערזען...

האַסטיקע שווערע טריט הערן זיך אויף די שטיגן. זיי זיינען אַריין צו דער שכנטע. עס דערטראָגט זיך דורך דער וואַנט אַ בייזער געשריי, אַ רוקעריי פון מעבל און אַ בעטנדיק געוויין פון אַ פרוי. די שכנטע האָט ביי זיך אַ קראַנקן פאָטער. עס דויערט אַ פּאָר מינוט. מען הערט שאַרנדיקע טריט איבער די שטיגן, דאָס גייט זיכער דער קראַנקער. איצט קלאַפּט מען ביי אונדז אין טיר: איך כאַפּ אַ בליק אויף די אַנוועזנ־דיקע, אַלע זיינען טויט־בלייך. קיינער רירט זיך נישט. דאָס קלאַפּן ווערט אַלץ האַסטיקער, ווידער קוקן מיר זיך איבער. איינע פון אַנקעס שוועס־טערס הייבט זיך פּאַמעלעך אויף און דערנענטערט זיך פאַרזיכטיק, אויף די שפּיץ פינגער, צו דער טיר. לאַנגזאַם שטעלן מיר זיך אויף, קיינער רעדט נישט קיין וואָרט. פון דרויסן זעצט מען שוין מיט די קאָלבעס אין טיר. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם קוקט מען אויף דער שוועס־טער וואָס שטייט נעבן דער טיר. וועט זי עפענען? יאָ, זי האָט אויפגעשלאָסן. דריי אוקראַינער לויפן אַריין מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן אין די הענט. — שנעלער אַרונטער! — שרייען זיי, כאַטש גוט וואָס זיי שיסן נישט. זיי לויפן ווילד איבער דער שטוב, זוכן אין שאַנק, צעוואַרפן דאָס בעט, קוקן אונטערן טיש. קיינער האָט זיך נישט אויס־באַהאַלטן.

שווייגנדיק נעמען מיר אונדזערע פּעקלעך, מיר גייען. — שנע־לער, שנעלער, נישט פאַרהאַלטן זיך, — יאָגט אונטער אַ פרישׂ אַנקו־מענדיקער אוקראַינער. פון אַנדערע שטיגן איילן אויך גרופּקעלעך יידן מיט פּעקלעך. מיר זיינען שוין אויפן הויף. דאָ באַלעבאַטעווען אוקראַי־נער, דייטשן און יידישע פּאָליציי. מען שטויסט אונדז אין דער ריכטונג צום טויער. דער אַספאַלט איז ערטערווייז באַשפּריצט מיט פרישע טראָפּנס בלוט. אַ שטיק קרעכצן דערטראָגט זיך פון דער נאָענט. רעכטס, האַרט ביים מויער, ליגט עמיצער אין אַ קאַלוזשע בלוט. דער קאָפּ פון פאַר־וואונדעטן איז אויסגעדרייט צו דער וואַנט. אוממעגלעך צו דערקענען ווער דאָס איז. אַ ייד לויפט צו מיט אַן אויסגעשטרעקט שטיקל פּאַפּיר צו די עטלעכע שטייענדיקע דייטשן. ער ווייזט זיי דאָס פּאַפּירל און בעט זיך עפּעס ביי זיי, מען הערט נישט וואָס, מען זעט נאָר דעם רעוואָלווער אין דעם דייטש'ס אויפגעהויבענער האַנט. אַ וויטיקלעך וואָיען דערטראָגט זיך צו אונדז. דאָס שלאָגט דער דייטש דעם יידן.

פון הינטן שטויסט מען, מיר מוזן צואיילן די טריט. אַ שטאַרקער שטופּ — און אָט איז די גאָס. דער טראָטואַר, וואו מיר שטייען, איז



דייטשישע בלאָקאַדע — יידן ווערן אַרויסגעטריבן פון זייערע היימען אויף אַוועקצושיקן אין די גאַז־אויוונס

איבערפילט מיט אַרויסגעטריבענע יידן. ס'איז אַ רוישנדיקער קעסל, אַלץ איז אויסגעמישט, עלטערן, קינדער, וואַליזעס, פעקלעך. די מענטשן־מאַסע וויגט זיך אין אַלע ריכטונגען. אַ שטילער, איינגעהאַלטענער געוויין. אַ ביסל ווייטער הערט מען רופן נעמען. איינער קלאַמערט זיך אין צווייטן: נאָר זיך נישט פאַרלירן אין דעם גיהנום! אַ טייל ברענגען אין אָרדענונג זייער גאַרדעראָב, אין געאייל האָט מען עס נישט באַוויזן צו טאָן. אַנדערע בעטן, מען זאָל זיי העלפן צובינדן זייערע פעקלעך, מען דאַרף פאָרן דייטש לייטיש אויסזען. דער גרעסטער טייל אָבער שטייט שווייגנדיק. מיט דערשראָקענע אויגן קוקן זיי אַנגעשטרענגט אויף די שטייענדיקע אין אַ זייט אָפיצירן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַרויסלייענען פון די אָנגעפרעסענע רואיקע געזיכטער, וואָס עס דאַרף באַלד געשען.

די ענגשאַפט אויף דער גאַס איז גרויס, ס'איז אוממעגלעך צו מאַכן אַ שריט. מען איז צוזאַמענגעקוועטשט צווישן רוקנס, פלייצעס, עלנבויגנס און פעקלעך. נישטאָ קיין רייד וועגן אויפזוכן די מאַמען מיטן ברודער. מאָדנע פאַרלוירן פיל איך זיך. אין דעם דאָזיקן געדראַנג דערפילסטו ערשט די גאַנצע הילפלאָזיקייט. וואָס זיינען מיר? גאָר־נישטן, אַ צונויפגעטריבענע מאַסע, מיט וועלכער מען קאָן אַלץ טאָן. ביזט אין גאַנצן ווי געליימט. רעאַגירסט נישט אויף דעם שטופּן, נישט אויף די בייזע דייטשישע געשרייען און אוודאי נישט אויף דעם כסדרדיקן טרעטן אויף די פיס. אַ מאָדנע אַפּאַטיע באַפאַלט דיך — זאָל שוין זיין וואָס עס וויל, אַבי זאָל עס זיך שוין ענדיקן.

פלוצלונג הערן זיך הויכע אויסגעשרייען: „צוגרייטן די אַרבעטס־שיינען צו קאָנטראָל"! ווידער ווערסטו אַביסל אויפמערקזאַמער. אַ פרישער געדראַנג, יעדער איינער, וואָס האָט נאָר אַ שטיקל פּאַפּיר, וויל זיין פון די ערשטע.

אַ גרופּע דייטשן, וואָס שטייען ביים ראַנד פון טראָטואַר, פירן שוין דורך די קאָנטראָל. זיי כאַפּן אַ שנעלן בליק אויף די פּאַפּירלעך, אויף דעם מענטש — און עס פאַלן באַפעלן: לינקס, רעכטס, לינקס... ווי נאָר דער דייטש האָט אַרויסגעזאָגט דעם אורטייל, פירן שוין צוויי פּאָלי־ציאַנטן אָפּ דעם יידן אויפן געהעריקן אָרט. רעכטס איז די צווייטע זייט טראָטואַר, לינקס — דער מיטן וועג. שנעל רוקן זיך פאַרביי דעם בליק אויסגעשטרעקטע ציטערדיקע הענט מיט פּאַפּירלעך. לינקס, לינקס, רעכטס, לינקס, קלינגט אין די אויערן. דער דייטש לייענט אַפילו נישט די קאַרטן. אַ קורצער שאַרפער בליק און ווייטער, ווייטער, שנעלער. עס ווערט טונקעלער, אַ סך יידן וואַרטן נאָך, דער געדראַנג ווערט נאָך גרעסער. אַנקעס שוועסטער מיטן קינד שאַרן זיך פאַרביי, זיי האָבן, דוכט זיך, גוטע אַרבעטס־קאַרטן. לינקס, לינקס, — מיט אַ קינד איז נישט אַזוי גוט צוצוגיין. עטלעכע פּאָליציאַנטן פירן זיי שוין אַוועק. זי פּראָ־

טעסטירט נישט, אַ רעזיגנירטע גלייכגילטיקייט קוקט אַראָפּ פון איר דערשראָקן געזיכט.

אָט איז דער לערער יוליאַן וויעליקאָווסקי מיט ווייב און קינד. דער לערער יוליאַן האָט מיך געלערנט אין דער פאָלקס־שול אויף מילע 51. ער איז באַליבט געווען ביי די קינדער צוליב זיין פריילעכקייט און שיין זינגען. אין די אָוונטן פלעגט ער זיך אָפּגעבן מיט סקיף־אַרבעט. דורך דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה האָט ער אומדערמידלעך גע־אַרבעט ביים אָרגאַניזירן אין געטאָ קינדער־קיכן, שול־קורסן און קינדער־קלובן. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט קינדער. איצט פירט ער זיין קליין מיידעלע פאַר דער האַנט. דער לערער גייט פאַמעלעך, לייכט נאָכשלעפּנ־דיק זיין הינקעדיקע פוס. אויף זיינע פּלייצעס איז אָנגעהאַנגען אַ גרויסער רוקזאַק. מיט איין האַנט האַלט ער דאָס הענטל פון זיין פיר־יאָריק מיידעלע, מיט דער צווייטער האַנט, אויף וועלכער ס'איז אָנגעהאַנגען זיין שטעקן, פירט ער אונטערן אָרעם זיין איבערגעשראָקענע, בלייכע פרוי. זיי זיינען געבליבן שטיין פאַרן דייטש. דער דייטש האָט זיי שוין פריער באַמערקט. האַסטיק טוט ער אַ שמיץ אָוועק דאָס אויסגעשטרעקטע שטיקל פּאַפּיר, וואָס דער לערער האָט אים אונטערגערוקט און שרייט מיט רוגזה: לינקס! אַ ווילדע בלייבן אַלע דריי שטיין מיט אויפגעריסענע אויגן, זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען. — לינקס, דאָנערוועטער! חזרט זיך ווידער איבער דער דייטשישער געבייזער. לאַנגזאַם לאָזט דער לערער וויעליקאָווסקי אַרויס זיין האַנט פון דער פרויס אָרעם, בויגט זיך פאַמעלעך אַראָפּ צו זיין קינד און מיט ציטערדיקע הענט הייבט ער עס אויף פון דער ערד. צוטוליענדיק עס פעסט צו זיך, לאָזט ער זיך שווייגנ־דיק אָוועקפירן אויף לינקס, זיין פרוי גייט אים שטיל נאָך...

פון לינקס רייסן זיך פון די הענט פון דער ידישער פּאָליציי פרויען און מענער. אַן אומאויפהערלעך געוויין באַגלייט זייערע ראַנגלענישן, זיי ווילן נישט אַרויסגעפירט ווערן. זיי ווילן בלייבן מיט די אייגענע, פון וועלכע מען האָט זיי נאָר וואָס אָפּגעשיידט.

ווידער זע איך אַ באַקאַנט פּנים אַנטקעגן דעם דייטש. אַן איינ־וואוינער פון אונדזער הויף. אינדערפרי האָט מיר דער זעלביקער ייד געוויזן אַ פּאַפּירל מיט אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ וואַרשטאַט, דאָס פּאַפּירל האָט געהאַט אַ דייטשן שטעמפּל. זיי וועלן שוין זיכער דורכגיין, — טראַכט איך. אויך דער ייד מוז זיין ביי זיך זיכער. ער דערלאַנגט זיין צעטל דעם דייטש און מיט אַ לייכטער האַנט־באַוועגונג ווייזט ער אויף זיין 10־יאָריקן זון און אויף דער פרוי, וואָס שטייט דערנעבן. „מאַן רעכטס, פרוי און קינד לינקס!" קומט שנעלער ענטפער. שטעלט זיך שוין ידישע פּאָליציי גרייט פונאַנדערצוטיילן זיי. דער מאַן לאָזט זיך נישט רירן פון אָרט. ער טענהט איין צום דייטש, ווייזט אים נאָך אַ מאָל

זיין צעטל, ער בעט — אומזיסט. ער לאָזט אָבער נישט אָוועקנעמען פון זיך זיין פרוי מיטן זון. פעסט האַלט ער זיי צו און מיט טרערן אין די אויגן בעט ער די צוויי יידישע פּאָליציאַנטן וואָס שטייען נעבן אים, זיי זאָלן אים לאָזן זיינע נאָענטסטע, ער האָט דאָך גוטע פּאַפּירן. מוטער און קינד וויינען אָן אויפהער, קלאַמערן זיך פעסט אין מאַנס הענט און מיט שטילן געבעט אין די אויגן קוקן זיי פול מיט דערוואַר־טונג אויף די פּאָליציאַנטן. ניין. עס העלפט גאָרנישט. די פּאָליציי האָט אַליין מורא פאַר די דייטשן. אַ יאָמערלעכער אויסגעשריי, — און מען שטופּט זיי שוין צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע יידן צו דער גרויסער פאַרצווייפלטער מאַסע, וואָס דאַרף אַרויסגעפירט ווערן.

שנעלער גייט אָן די קאָנטראָל. עס דערנענטערט זיך מיין ריי. קיין גוטע אַרבעטס־קאַרטע האָב איך נישט. דאָס איינציקע, וואָס איך פאַרמאָג איז אַ קליין שטיקעלע פּאַפּיר, וואָס כ׳האָב באַקומען פון מיין פריינד קובא זילבערבערג. דאָס איז אַ דערלויבעניש אַריינצוגיין אין אַן אַפּטיי־לונג פון טעבעונס אַ שאָפּ און זיך דאָרטן רעגיסטרירן. קיין אַרבעט־צייגעניש איז עס נישט, אָבער ס׳איז גאָר נישטאָ וואָס צו פאַרלירן און עפּעס ווייזן דאַרף מען דאָך. איך שטיי נעבן דעם דייטש. אַ רויט אָנגע־לאָפן געזיכט ווענדט זיך צו מיר. כ׳ווייז מיין שטיקל פּאַפּיר. דער דייטש דרייט עס אַ ווײַלע אין ביידע זייטן, גיט מיר אַ שפּיזיקן קוק־אָן און עס פאַלט אָן איראָנישע פראַגע: „דאָס איז דיין אַרבעטס־שיין?" — „יאָ, דאָס איז מיין אַרבעטס־קאַרטע פון טעבענס שאָפּ." אָפּגעזאָגט דעם ליגן, וואַרט איך מיט אומגעדולד אויפן אורטייל. פאַקטיש ווייס איך דאָך, וואוהין מען וועט מיך פירן. ווידער שפּיזן מיך דורך דעם דייטשס אויגן, — רעכטס! הער איך. איך גלייב נישט די אייגענע אויערן. בין איך טאַקע צווישן די געראַטעוועטע? אַ פּאָליציאַנט פירט מיך שוין צו דער צווייטער זייט טראָטואַר.

דאָ איז אַ סך לויזער, נישטאָ שוין דער געדראַנג פון פריער. פון דאַנען קען מען אויך גוט זען אַלץ וואָס טוט זיך אַרום. איך פּרואוו מיט די אויגן דורכדרינגען די גרויסע מענטשן־מאַסע. אפשר וועל איך ערגעץ דערזען די מאַמען מיטן ברודער. כמעט אַלע, וואָס שטייען נעבן מיר, זוכן מיט די אויגן זייערע קרובים. יעדערער האָט עמיצן געלאָזט אויף דער צווייטער זייט. אייניקע רייסן זיך, זיי ווילן דאָרטן צוריקגיין, צוריק זיין מיט זייערע נאָענטסטע. די אוקראַינער היטן, זיי לאָזן נישט. קיינער רעדט צווישן זיך נישט אויס קיין וואָרט. פאַרטאָן אין אייגענעם ווייטיק פאָלגט מען נאָך וואָס עס טוט זיך אויף דער אַנדערער זייט.

די סעלעקציע גייט ווייטער אָן. עס פאָרן אָן וועגענער און טראַמ־ווייען. די טראַמווייען שטעלן זיך ווי אַ וואַנט צווישן אונדז. מיר קענען איצט נאָר זען ווי אינווייניק ווערן די וואַגאָנען אָנגעפילט מיט מענטשן.

ביי די טירן אויף די טרעפּלעך שטעלן זיך אוקראַינער, מיט אויסגע־שטרעקטע ביקסן. פון אונדזער גרופּע רייסן זיך ווייטער יידן צו די וואַגאָנען. האַרצרייסנדיקע געשרייען טראָגן זיך אין דער לופטן. די טראַמ־ווייען רירן פון אָרט. אויפמערקזאַם פאָלגט מען נאָך די פאַרביילויפנדיקע אָפענע פענצטערלעך. זיי זיינען פול אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן. עס שווינדלט פאַר די אויגן, אַזוי פיל קעפּ, אוממעגלעך אונטערצושיידן איינעם פון צווייטן. אומרואיק שפּרינגט דער בליק פון איין פענצטער אויפן צווייטן. אפשר וועט מען פאָרט דערקענען אַן אייגענעם? פלוצ־לונג דערטראָגט זיך פון אַ פאַרבייפאָרנדיקן וואַגאָן אַ באַקאַנטע שטים, דוכט זיך עס איז מיין ברודער, ער רופט מיין נאָמען: „פייגע, פייגע...״ איך זוך אים מיט די אויגן, איז עס טאָקע ער? שווער צו זען פון דער־ווייטנס, מען מוז צוגיין, איידער דער וואַגאָן פאַרשווינדט. איך דערפיל אויף מיין אַקסל אַ שווערע האַנט. אַן אוקראַינער האַלט מיך. דאָ שטיין, נישט לויפן!

עס פאָרן שוין פאַרביי די לעצטע וואַגאָנען און וועגענער. זיי פאַרקירעווען אויף דער זשעלאַזנע גאַס. דער טומל האָט מיט אַמאָל אויפגעהערט. דער צווייטער טראָטואַר איז איצט ליידיק. נאָענט פון רינשטאָק, אָפּגערוקט איינער פון צווייטן, ליגן צוויי טויטע יידן. אַרום וואַלגערן זיך צעטראָטענע שטיקלעך וועש. אין סאַמע מיטן וועג ניש־טערן עטלעכע אוקראַינער אין אַ זעקל, וואָס עמיצער פון די אָוועקגעפירטע האָט געלאָזן. די דייטשן זאַמלען זיך אַרום זייערע אויטאָס. זייער גרילצנ־דיק געלעכטער קלינגט אימהדיק אין דער אויסגעליידיקטער גאַס. מיר, די קליינע צאָל אויסגעטיילטע יידן, שטייען שטום און קוקן נאָך אַלץ פאַר־שטיינערט אין דער ריכטונג פון דער גאַס, וואו עס זיינען פאַרשוואונדן די רויטע וואַגאָנען מיט אונדזערע נאָענטסטע.

קאַפּיטל זעקס

# ביים אומשלאָג-פּלאַץ

האָט מען שוין מיינע אויך צוגענומען. וואָס הייבט מען אָן צו טאָן? צו וועמען גייט מען, וואו קערט מען זיך? —

צערודערט לויף איך מיט מיין שוועסטער אַרום איבערן געטאָ. מיר זיינען שוין געווען ביים יידישן פּאָליציאַנט, וואָס וואוינט ביי אונדז אין הויז, ביי אייניקע באַקאַנטע, פריינט, געווען אין יידישן קאָמיסאַריאַט, געזוכט קאָנטשאַפט, פּראָטעקציע, געוויינט, זיך געבעטן און גאָרנישט דערליידיקט. וואָלטן מיר געהאַט דאָלארן, ווערטפולע זאַכן, וואָלט זיך אפשר עמיצער געפונען וואָס וואָלט אונדזערע צוריקגעברענגט אַהיים. ליידער האָבן מיר גאָרנישט.

דרייען מיר זיך איצט אַרום צעבראָכענע, פאַרצווייפלטע נעבן „אומשלאַג-פּלאַץ" אויף זאַמענהאָף-דזשיקע און וואַרטן. אפשר וועט מען זיך פאַרט עפּעס דערוויסן? דאָ דרייען זיך אַ סך אַזעלכע ווי מיר. אָט איז אַ באַקאַנטער, דער שניידער מינץ, וואָס וואוינט אויף די זעלבע שטיגן, וואו אונדזער מאַמע. ער האָט פאַר אונדז גרוסן.

מינץ אַרבעט ביי טעבענסן אין דער נאַכט-שיכט. בעת דער נעכטיקער בלאָקאַדע האָט מען אים, צוזאַמען מיט זיין פרוי און צווי שוועסטער, אַוועקגעשלעפּט צום „אומשלאַג-פּלאַץ". אַ גאַנצע נאַכט איז ער דאָרט געווען. צום גליק איז היינט אינדערפרי געקומען אויפן פּלאַץ זיין דייטשישער דירעקטאָר, אינטערווענירט ביי דער אָרטיקער דייטשישער וואַך און אַ גאַנצע גרופּע טעבענס-אַרבעטער האָט מען צוריקגעשיקט אַהיים. ער איז געווען צווישן די אויסדערוויילטע.

מינץ האָט דאָרט געזען אונדזעריקע און געבראַכט פון זיי אַ בריוול. אַן אָפּגעריסן קליינטשיק שטיקל פּאַפּיר באַשריבן מיט אַ בלייער — מיין ברודערס כתב...

אין געציילטע שורות גיט מיר מיין ברודער, חיים, צו וויסן אַז זיי שטעלן זיך גלייך אין דער ריי נאָך ברויט. זיי קענען שוין לענגער נישט אויסהאַלטן דעם הונגער און דורשט. זיי מוזן זיך צואיילן, ווייל שפּעטער, ווען מען וועט גיין אין די וואַגאָנען, קען אַמאָל אויספעלן ברויט. און —

דאָס אַלץ... דאָס איז געווען דאָס לעצטע, וואָס איז צו מיר דערגאַנגען.
בולט שווימט פאַר מיינע אויגן אויף די פּוסטע שטוב אונדזערע, דאָס האַלב־צעשיטע שקאַרמיצל קאָרן־מעל, וואָס האָט זיך געוואַלגערט צווישן אַנדערע צעוואָרפענע זאַכן אויפן טיש און דער ליידיקער טעלער מיטן גלאָז וואַסער, וואָס איז געשטאַנען דערנעבן. די מאַמע האָט שוין נישט באַוויזן צו מאַכן די קליסקעלעך. יאָ, צוויי טעג, ווי זיי האָבן גאָר־נישט געהאַט אין מויל...

איך וויל זיך דערוויסן נאָך עפּעס, זאָל ער זאָגן ווי עס זעט דאָרטן אויס, ווי האַלטן זיי זיך? שווער איז מיר צו מאַכן רעדן. ער איז אַזוי דערשלאָגן, אַז יעדעס וואָרט, וואָס ער רעדט, וויינט ער ממש אויס.

— אַ ים פון מענטשן איז דאָרטן דאָ, — שלוכצט ער — אומעטום איז פול מיט קינדער, אַלטע לייט, פרויען, מענער, אַלץ איז אויסגע־מישט צוזאַמען. אָבער אין דער גרויסער געדיכטעניש איז מען עלנט ווי אַ שטיין, פאַרלאָזן פון אַלץ און פון אַלעמען. יעדער טראַכט דאָרטן נאָר וועגן זיך. יעדער איז פאַרצווייפלט. נישטאָ צו וועמען צו ריידן, נישטאָ וועמען צו בעטן; נישטאָ קיין וואַסער, גאָרנישט, גאָרנישט איז דאָרטן דאָ.

ער וויינט. מיר פרעגן שוין מער גאָרנישט, נאָר וויינען צוזאַמען מיט אים אויף אונדזער אייגענעם אומגליק...



„יידן אויפן „אומשלאג״־פּלאַץ, פאַרן לאָדעווען אין די טויט־וואַגאָנען.

ווען איך בין אַ פאַרצווייפלטע געלאָפן, צום צווייטן מאָל, צום „אומ־שלאַג־פּלאַץ״ מיט אַ קליין פּעקעלע עסן, וואָס איך האָב געוואָלט באַזאָרגן

צו דער מאַמען, האָב איך ביי ראָג זאַמענהאָף און ניסקע באַגעגנט פרוי זאַכערמאַן, דער מאַמעס שכנטע. נעכטן, ווען זי איז געווען ביי „טעבענסן" אין שאָפּ און געאַרבעט, האָבן די דייטשן צוגענומען פון שטוב אירע דריי קינדערלעך. זי האָט אַן אַרבעטס־קאַרטע, און זי האָט געמאַכט אַלע באַמיאונגען זיי אַרויסצונעמען אָבער אָן דערפאָלג. באַהאַנגען מיט פעקלעך איז זי מיט שנעלע טריט געגאַנגען אין מיטן וועג, האַלטנדיק דעם קאָפּ פאַרריסן, אַנגעשטרענגט, ווי זי וואָלט אין דער ווייט עפּעס געזען. זי איז געגאַנגען זיך צושטעלן צו אירע קינדערלעך. כ'האָב זי פאַר־האַלטן, געבעטן אַ מינוט צוואַרטן. איך וויל אַ בריוועלע אָנשרייבן און איר עס מיטגעבן צוזאַמען מיט פעקעלע עסן, אפשר וועט זי מיינע נאָך טרעפן. אַ לאַנגע ווײַלע האָט זי מיך צעחידושט אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט נישט פאַרשטאַנען וואָס איך רייד צו איר. פּלוצלונג האָט זי זיך אַ נער־וועזן ריס געטאָן פון אָרט, אַ כאַפּ געטאָן פון מיר דאָס פעקעלע און זיך אָפּגערופן: „ניין, לענגער קען איך נישט וואַרטן! איך מוז זיך איילן, דאָרט ווײַנט זיכער מיין קליין מיידעלע!" ביים דערמאָנען דעם נאָמען פון איר צוויי־יאָריק מיידעלע האָבן זיך אין אירע צעטומלטע אויגן באַ־וויזן טרערן. זי האָט געביסן די ליפּן, זיך געוואָלט באַהערשן און נישט געקענט. „וועער ווייסט, צי איך וועל זיי נאָך טרעפן?" — האָט זי ווײַנענדיק זיך אַליין געפרעגט. זי האָט האַסטיק אויפגעהויבן דאָס קוישל און אָנגעהויבן גיין.

— און איר וואָס? — האָט זי מיך פּלוצלונג געפרעגט.

כ'ווייס אַליין נישט וואָס איר צו ענטפערן. נישט איינמאָל האָב איך שוין מיט דער שוועסטער געטראַכט וועגן צושטעלן זיך צו דער מאַמען מיטן ברודער און צוזאַמען מיט זיי אַוועקפאָרן. אָבער עפּעס קענען מיר זיך נישט אַנטשליסן. די שרעק פאַרן אומבאַקאַנטן האַלט אונדז אָפּ.

— כ'וועל נאָך דאָ בלייבן, אפשר וועט פאַרט זיך מאַכן עפּעס אַ געלעגנהייט זיי אַרויסצוראַטעווען — רוף איך זיך נישט דרייסט אָפּ.

איבער איר ווײַנענדיק פּנים איז אַדורך אַ פאַרביטערטע גרימאַסע:

— אומזיסט אייער מי, איך האָב אויך געפּרוּווט.

נישט וואַרטנדיק שוין אויף קיין ענטפער, האָט זי פּלוצלונג זיך איבערגעבויגן און מיר אַ קוש געטאָן. „נו, מיר וועלן זיך שוין מן הסתם נישט זען".

זי איז אַוועק. איך בין אַ פאַרקלעמטע געבליבן שטיין און ווײַנענדיק איר נאָכגעקוקט ביז זי איז פאַרשוואונדן הינטערן געטאָ־מויער.

איך האָב איצט בולט דערפילט, אַז צוזאַמען מיט דער גוטער, האַר־ציקער פרוי איז אויך אַוועק אויף שטענדיק איר שכנטע — מיין מאַמע מיט דעם ברודערל און אַז איך וועל זיי שוין קיינמאָל מער נישט זען!...

## קאַפּיטל זיבן

# „פּריוויליקע"

עס איז שווער פאַרצושטעלן זיך, אַז עס זיינען בלויז אַוועק אַ צען טעג זייט דעם אָנהייב פון די דעפּאָרטאַציעס. מען האָט דאָך שוין דורכגעלעבט אַזויפיל...

צענדליקער טויזנטער יידן זיינען שוין געוואָרן אַרויסגעפירט. ניש־טאָ פון זיי קיין שום קלאָרע ידיעות, מען רעדט פאַרשיידנס. טייל יידן מיינען, אַז די אַרויסגעפירטע זיינען טאַקע ערגעץ־וואו אָנגעקומען אויף אַרבעט. מען רופט אָן די שטאָט סמאָלענסק, וואָס געפינט זיך נאָענט פון דייטש־רוסישן פראָנט. מען זאָגט, אַז מען זאָל זיי האָבן געפירט אַהין צו מאַכן שוץ־גראָבנס. פאַראַן אָבער איצט אַלץ מער יידן, וואָס גלייבן אין די שרעקלעכע פרישע קלאַנגען, אַז אַלע דייטשישע צוזאָגן זיינען בלויז ליגנס, דאָס איז בלויז אָפּנאַרעריי און אַז דאָס אַרויספירן מיינט פאַקטיש איין זאַך — טויט!. שווער איז וועגן דעם צו טראַכטן. צווישן די אַרויסגעפירטע געפינען זיך דאָך די נאָענטסטע, די, מיט וועלכע מיר זיינען ערשט נעכטן געווען צוזאַמען... ניין, זיי מוזן לעבן, זיי מוזן זיכער ערגעץ זיין!...

בייטאָג, ווען עס קומען פאָר בלאָקאַדעס, ווען די גאַסן זיינען ווי אָפּגעשטאָרבן, קען מען זען גיין איינצלנע יידן, גרופּקעלעך: עלטערן, קינדער, אין מיטן וועג אָן שום באַוואַכונג, באַלאָדן מיט זעקלעך, קיישלעך, וואַליזעס; מען שלעפּט דאָס לעצטע ביסל אָרעמקייט מיט זיך. זיי ציען אַלע אין איין און דערזעלביקער ריכטונג — צום אומשלאַג־פּלאַץ... טייל גייען לאַנגזאַם מיט אָראָפּגעלאָזטע קעפּ; אַנדערע נערוועז מיט אומרואיקע דערשראָקענע אויגן, איילן זיך שנעל, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז עפּעס זאָל זיי נישט צוריקרופן. קיינער פאַר־האַלט זיי נישט. מען לאָזט זיי אומגעשטערט גיין. דאָס זיינען די „פריי־וויליקע" קרבנות, וואָס שטעלן זיך אַליין צו.

כמעט קיינער אין געטאָ וואונדערט זיך נישט אויף דעם דאָזיקן שטילן דעזיגנירטן גאַנג. פון די באַהעלטענישן אָדער פון די שעפער קוקט מען זיי נאָך מיט טיפן ווייטיק און אָפט אַפילו מיט שטילער באַ־וואונדערונג...

— זיי האָבן כוח געהאַט צו באַשליסן.

אויסזיכטסלאָז קוקט אויס דער מאָרגן. קיין שום שאַנס איז נישטאָ צו קענען זיך מיט עפּעס פאַרזיכערן. פאַרמאַטערט פון די שווערע געטאָ־צייטן, איינגעדאַרט אָדער געשוואָלן פון נישט עסן, צעבראָכן פון דער כסדרדיקער שרעק געכאַפּט צו ווערן, האָבן אַ סך יידן לענגער נישט געקענט אָנגיין מיטן גראַנגל. זיי האָבן זיך איינגעבראָכן. די דייטשישע ראַפינירטע טאַקטיק האָט טיילווייז דערגרייכט איר ציל. דער הונגער האָט געטריבן פאַרשמאַכטע יידן צו דער ברויט־שטעלע, וואו מען האָט, פאַרן לאָדעווען אין די וואַגאָנען, באַקומען אומזיסט 3 קילאָ ברויט. עס האָבן געלאָקט די דריי שוואַרצע ברייטלעך, זיי זיינען אין דער פאַנטאַזיע פון די הונגעריקע אויסגעוואַקסן און פאַרשטעלט אַלץ, אַפילו די אומרואיקע שרעק פאַרן אומבאַקאַנטן. מען האָט אין דער טראַגישער אומבאַהאָלפנקייט געלאָזט זיך פאַרוויגן מיט די באַרואיקנדיקע צוזאָגן, וועלכע האָבן געשפּייזט אַ שטילע האָפענונג, אַז אפשר, דאָך, מיינען די דייטשן טאַקע אַרבעט.

מיר קומען אויפן זינען: יאַקוב קאַץ, — אַן אינטעליגענטער פרי־זירער־אַרבעטער פון דער שטאָט קאַליש, סעקרעטאַר פון אָרטיקן „בונדישן" קאָמיטעט. אין 1940 האָט מען אים, צוזאַמען מיט זיין פרוי און צוויי מיידעלעך, אַרויסגעיאָגט פון קאַליש אין וואַרשעווער געטאָ אַריין. זיי האָבן צוערשט זיך געוואַלגערט אויפן פּליטים־פּונקט אויף לעשנאָ 14. קאַץ האָט שווער געאַרבעט, קוים געקענט זיך אויסהאַלטן. געליטן הונגער, קעלט, ווי נישט איז געשטופּט די געטאָ־טעג, גלייבנדיק מען וועט סוף כל סוף אַלץ איבערלעבן. אין איינעם פון די ערשטע טעג פון דער אַקציע האָב איך קאַצן צופעליק באַגעגנט אויף דער גאַס. אַ פאַרשמאַכטער האָט ער מיר איבערגעגעבן, אַז זיין פרוי קלייבט זיך צוצושטעלן. און איר וואָס? — האָב איך, נישט גלייבנדיק, איבערגעפרעגט. קאַץ האָט דאָך געלייענט די אונטערערדישע פּרעסע, ער האָט קיינמאָל נישט געגלייבט די דייטשישע צוזאָגן, איז וואָס־זשע איז פּלוצלונג מיט אים געשען?

— מען הונגערט, נישטאָ קיין כוח אויסצוהאַלטן! — האָט ער פינצטער געענטפערט. — מיר וועלן דאָ סיי ווי שטאַרבן.

זיין געל אויסגעצויגן פּנים, די טיף איינגעפאַלענע אויגן האָבן באַשטעטיקט זיינע רייד. מיט אַ טאָג שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער איז שוין אין געטאָ נישטאָ.

איך דערמאָן זיך אויך אַ פרוי אַן אלמנה, אַ שטענדיקע איינגייערין אין אונדזער שטוב, וועמעס מאַן איז אין קריג אָפּגעשטאָרבן. איך געדענק בלויז איר נאָמען — חוהלע. זי האָט געוואוינט אויף מילע 48. חוהלע פלעגט זיך דערנערן פון גיין איבער די שטובן און אָנבאָטן איר אַרבעט אַלס נייטאָרין פאַר אַ ביסל זופּ, אַ שטיקל ברויט. אַ נאַכט נאָכ־

דעם ווי מ'האָט צוגענומען די מאַמען מיטן ברודערל, האָט חוהלע זיך באַוויזן אין דער מאַמעס וואוינונג. גראָד האָט זי מיך געטראָפן אין שטוב. אַ קליינע, אַן איינגעדאַרטע, מיט אַ קיישל אויף דער האַנט, איז זי נישט אַריין, געבליבן שטיין אויף דער שוועל און זיך געפרעגט אויף דער מאַמען. זי וויל דאָס לעצטע מאָל בעטן אַ פּאָר זלאָטעס. אַ קליינע נדבה. זי מוז זיך שוין צושטעלן, לענגער קען זי זיך שוין נישט אויס־באַהאַלטן, זי הונגערט.

— איך פאַרשטייט, איך וועל דאָך קריגן דריי קילאָ ברויט, — האָט זי מיר אויפגעקלערט. — און אפשר וועל איך נאָך אין אַ פרעמדער שטאָט געפינען אַ שטאָך אַרבעט.

ווען זי האָט זיך דערוואוסט וועגן אונדזער אומגליק, האָבן אירע אויסגעלאָשענע אויגן געגעבן אַ מאָדנעם גלאַנץ. זי האָט זיך דערפרייט. אויב אַזוי מוז זי איילן, זי וויל נאָך באַוויזן צו טרעפן אונדזערע. עס איז לייכטער צו פאָרן מיט אייגענע. זי איז שנעל אַוועק. דער אָרעמער אויסגעהונגערטער פרוי איז גאָרנישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז זי איילט זיך אַזוי צום טויט.

נישט שטענדיק האָט בלויז דער הונגער באַשטימט ביים פרייוויליקן צושטעלן זיך. עס זיינען אַוועק יידן, וועלכע האָבן געהאַט די מעגלעכ־קייטן צו בלייבן אין געטאָ. זיי האָבן פאַרמאָגט גוטע געזיכערטע אַר־בעטס־קאַרטן און געהאַט דעם איינציקן שאַנס צו בלייבן לעבן — אַן אָרט אין אַ דייטשישן שאָפּ. זיי זיינען אויך נישט געווען צוזאַמענגע־בראָכן פון די שווידערלעכע לעבנס־באַדינגונגען. פאַרקערט, זיי האָבן זיך פאַרביסן געווערט, געהאַט דעם שטאַרקן ווילן צום לעבן און דאָך זיינען זיי אַליין אַוועק צו די וואַגאָנען.

אַבראַמעק באַרטנשטיין, דער טיכטיקער יוגנט־טוער פון אונטער־ערדישן „בונד", האָט זייער גוט געוואוסט, וואָס עס דערוואַרט די אַרויס־געפירטע. ער האָט געאַרבעט ביי רעריכן אין שאָפּ אויף נאָוואָליפּיע 74, געהאַט אַן אַרבעטס־קאַרטע און געקענט בלייבן. בעת דער גרויסער אַקציע אויף מילע גאַס, ווען עס האָט זיין פרוי מיטן אייך־יאָריקן מיידעלע ערעלע, געדראָט אַרויסגעשיקט צו ווערן, האָט ער פאַרלאָזט זיין שאָפּ, דאָס איינציקע דעמאָלט זיכערע אָרט, און אַוועק מיט דער פרוי און קינד זיך אויסבאַהאַלטן. עטלעכע טעג זיינען זיי מיט נאָך אַ גרופּע יידן געלעגן פאַרשטעקט אויף אַ בוידעם. דאָס קינד האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די שווערע לופט און עס האָט אָפּט געוויינט. די באַהאַלטענע יידן האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס געוויין קען דערהערט ווערן און — דאַן זיינען זיי אַלע פאַרפאַלענע. די עלטערן האָבן געמוזט צוליבן קינד פאַרלאָזן די באַהעלטעניש. אויף דער גאַס זיינען געווען דייטשן, וואָס האָבן סאָרטירט די מענטשן. נישט אַרבעטנדיקע — לינקס, אַרבעטנדיקע

— רעכטס. אַבראַמעק האָט געהאַט אַ גוטע אַרבעטס־קאַרטע. ער האָט זי אָבער נישט געוויזן. שווייגנדיק האָט ער געשפּרייזט נעבן זיין פרוי און קינד. אין אַנבליק פון טויט האָט ער זיי ניט געוואָלט פאַרלאָזן.

און אָט איז יורעק בלאַנעס, איינער פון די שפּעטערדיקע אויפשטאַנד־קעמפער. ער איז בעת אַ דייטשישער אַקציע צוזאַמען מיט זיין ברודער לושעק (דער שפּעטערדיקער באַרימטער יינגסטער מיטגליד פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע) געוואָרן אַוועקגעפירט צום טראַנספּאָרט־פונקט. פאַרן לאַדעוועז אין די וואַגאָנען איז פאָרגעקומען אַן איבער־סאָרטירונג, אַ סעלעקציע. יונגע מענער האָט מען דאָן אויסגעטיילט און צוריק אַוועקגעפירט אויף די אַרבעטס־פּלעצער. יורעק האָט געהאַט שאַנסן. ער איז אַלט געווען 22 יאָר און איז דערצו געווען אַ גוטער אויטאָמעכאַניקער. אָבער מיט אים איז געווען זיין קליין ברודערל, און דעם קליינעם וואָלט מען צוזאַמען מיט אים נישט דורכגעלאָזט. גראָד האָט אים דאָן באַמערקט אַ דייטש פון זיין פאַבריק. ער האָט יורעקן אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט און זיך צו אים געווענדעט:

— דו ווערסט נאָך צוניץ קומען אין דער אַרבעט.

— „און מיין ברודערל?" האָט אים יורעק געפרעגט.

— ער מוז פאָרן — איז געקומען דער ענטפער.

— אויב אַזוי בלייב איך מיט אים, ער וועט זיך אָן מיר קיין עצה נישט געבן.

און יורעק מיטן ברודערל זיינען אַריינגעשטופּט געוואָרן אין וואַגאָן. דער צוג איז געלאָפן אין דער ריכטונג פון טרעבלינקע. ער מוז זיך ראַטעווען איידער מען שטעלט זיך אָפּ אויף דער טויטן־סטאַציע! אליין קען מען אַמאָל דורך אַ לאָך אַרויסשפּרינגען, אָבער אין צווייען איז כמעט ווי אוממעגלעך. עס געלינגט יורעקן צו מאַכן אַן עפענונג אין וואַגאָן. מיט איין האַנט האָט ער געהאַלטן דאָס ברודערל, מיט דער צווייטער האַנט האָט ער זיך דורכגעשטופּט דורך דער עפענונג. ביידע זיינען צוזאַמען געשפּרונגען פון פאָרנדיקן צוג. עס איז זיי געלונגען. זיי זיינען געבליבן לעבן. עטלעכע וואָכן האָבן זיי אַרומגעוואַנדערט איבער שטעט־לעך, ביז זיי האָבן זיך צוריקדערשלאָגן קיין וואַרשע. איך האָב זיי באַגעגנט גלייך נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך אַריינגעשמוגלט אין געטאָ אַריין. ביידע ברידער האָבן זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אָן דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און זיך באַרימט געמאַכט מיט זייער העלדישקייט אין וואַר־שעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

אַזוי האָבן געהאַנדלט אַ סך, אַ סך אַנדערע באַקאַנטע און אומבאַ־קאַנטע העלדן.

אויף גענשע 13, אין דער וואוינונג פון מאַניע וואַסער (פרוי פון אָנגעזעענעם בונדישן טוער, מיטגליד פון פאַר־מלחמהדיקן בונדישן צ. ק.)

האָב איך דורך אַ פענצטער פון אַ באַהעלטעניש געזען מאַרשירן דאָס יתומים־הויז פון יאנוש קאָרטשאַק. די קינדער זיינען געגאַנגען באַר־וועסע מיט אָנגעהאנגענע רויטע קאַצן, אַרומגערינגלט דורך דייטשן און אוקראַינער. די קליינע קינדערלעך האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענטלעך. פאַראויס האָט געשפּרייזט אַן איינגעבויגענער עלטערער מאַן — יאנוש קאָרטשאַק, דער באַוואוסטער פּעדאַגאָג. ער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט זיין קליינוואַרג פרייוויליק צום טויט. דאָס איז געווען דער טאָג, ווען די דייטשן האָבן זיך פאַרנומען מיטן ליקווידירן די קינדער־אַנשטאַלטן אין געטאָ.

שפּעטער האָט מען דערציילט, אַז ווען מען האָט די קינדער געלאָ־דעוועט אין די וואַגאָנען, האָט דער וואַך־זשאַנדאַרם געוואָלט קאָרטשאַקן פריילאָזן און אַרויספירן פון אומשלאַג־פּלאַץ. דער אַלטיטשקער האָט זיך נישט געלאָזט איבעררעדן. „מיין אָרט איז מיט זיי!" — האָט ער געענטפערט, און איז אַריין מיט די קינדער אין די וואַגאָנען...

איך וויל דאָ אויך דערמאָנען מיין יינגערע אַכצן־יעריקע שוועס־טער, העניע פעלטעל, וואָס האָט מיט איר פשוטער מענטשלעכער האַנד־לונג פאַרדינט, אַז איר אָנדענק זאָל אויפגעהיט ווערן.

קורץ נאָכדעם ווי מען האָט אונז צוגענומען די מוטער מיטן ברודערל, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די גאַס נאַוואַליפּיע, וואו עס געפינט זיך די פאַלקס־קיך, אין וועלכער די שוועסטער האָט געאַרבעט, דאַרף בלאָקירט ווערן. איך בין שנעל אַוועק צו איר און געבעטן, זי זאָל פאַרלאָזן די אַרבעט און צוזאַמען מיט מיר גיין זיך אויסבאַהאַלטן. מיר זיינען דאָך געבליבן בלויז צוויי פון אונדזער גאַנצער פאַמיליע! זאָלן מיר זיך כאָטש האַלטן צוזאַמען! אָדער עס וועט געלינגען זיך אויסצובאַהאַלטן, אָדער מען וועט אונדז צוזאַמען נעמען. זי האָט שווייגנדיק אויסגעהערט מיינע רייד און מיט אַ ציטערדיקער שטים זיך אָפּגערופן: — ניין, זי קען נישט פאַרלאָזן די אַרבעט, די קיך קאָכט דאָס לעצטע ביסל פּראָדוקטן פאַר די קינדער־אַנשטאַלטן פון די שכנותדיקע גאַסן. די קינדער וואַרטן דאָך אויפן ביסל זופּ! — האָט זי שוין שטאַר־קער צוגעגעבן, וועלנדיק זיך אַליין מאַכן קוראַזש. —

זעענדיק מיין אומרו, האָט די שוועסטער געפּרואווט מיך פאַרזי־כערן, אַז די דייטשן וועלן פון קיין אַרבעטס־פּאָסטן נישט אַראָפּנעמען. עס האָט נישט געהאָלפן מיין בעטן, דאָס צושטיין, די שוועסטער איז פאַר־בליבן.

דעם זעלביקן טאָג האָבן די דייטשן זי, צוזאַמען מיטן גאַנצן קיך־פּערסאָנאַל, אַוועקגעפירט צו די וואַגאָנען.

## קאַפּיטל אַכט

# אין שאַפּ

איך בין שוין איצט איינע אַליין. די מאַמע, ברודער און שוועסטער זיינען אַוועקגעפירט אין דער פיינלעכער אומבאַוואוסטקייט. מיין האַרץ ציטערט שוין נישט אַזוי ווען עס קומט פאַר אַן „אַקציע". איך האָב זיך שוין נישט וואָס צו שרעקן. מיינע האָט מען מיר שוין „פאַרזאָרגט"...

עס קומען די ערשטע אַנטלאָפענע פון טרעבלינקע און דערציילן גרוילגעשיכטעס. ס'איז פשוט אוממעגלעך צו גלייבן, אַז אַזוי האָט מען טאַקע געטאָן מיט מיין מאַמען, מיט דער שוועסטער און ברודערל. בעסער נישט צו טראַכטן. ניין, זיי לעבן זיכער ערגעץ. אָפּטמאָל באַדויער איך שטאַרק, וואָס כ'בין נישט אַוועק צוזאַמען מיט זיי. נאָך וואָס דאָס מאַטערן זיך און אויסהיטן זיך געכאַפּט צו ווערן, אַז מען זעט סיי־ווי נישט קיין אויסוועג? דאָס האַרץ איז ווי פאַרשטיינערט און נישט איין מאָל וואָלט מען מיך שוין געכאַפּט, ווען נישט מיינע חברים, די איינציקע נאָענטע וואָס זיינען מיר פאַרבליבן — מיט וועמען איך האָב צוזאַמענגעאַרבעט נאָך פאַרן קריג אין „סקיף" און אין „צוקונפט" און אין געטאָ אין דער סאָציאַליסטישער אונטערערדישער באַוועגונג. זיי האָבן מיך אין מיין גרויסן אומגליק נישט פאַרלאָזן. איינציקע טעג נאָך דעם, ווי מען האָט אַלעמען פון מיין משפחה אַוועקגעפירט צום אומשלאַג־פּלאַץ, איז געקומען צו מיר אַ היים צולויפן קובא זילבערבערג, אַ סאָציאַליסטישער טוער צווישן דער שטודירנדיקער געטאָ־יוגנט. ער האָט פאַר מיר אַן אַרבעטס־פּלאַץ און איך מוז זיך גלייך מעלדן אין זיין טאַטנס שאַפּ אויף מוראַנאַווסקע 38. אויפן וועג, פאָרנדיק אין אַ ריקשע, האָט מיר קובא מיט צופרידנקייט צו וויסן געגעבן, אַז דער שאַפּ וועט זיין אַן אָפּטיילונג פון „טעבענס", און אַז עס איז אים שוין געלונגען איינצואָרדענען דאָרטן עטלעכע חברים. דעם אמת זאָגנדיק האָט די פּלוצלונגדיקע שוץ וויניק וואָס געענדערט מיין שטימונג. עס איז מיר געווען אַלץ איינס. קובא האָט ווי געלייענט מיינע געדאַנקען, ער האָט מיך געפּרוּווט טרייסטן. עס איז נאָך נישט אַלץ פאַרלוירן. מען וועט עס דורכהאַלטן. דער האַרציקער בחור האָט גאָרנישט פאַראויסגעפילט, אַז אין דריי טעג

אַרום, ביים ברענגען אַ צווייטן חבר אין שאַפּ אַריין, וועט מען אים אַליין אויך כאַפּן און אָוועקפירן קיין טרעבלינקע.

דער שאַפּ, אין וועלכן איך האָב געדאַרפט אַרבעטן, האָט זיך נאָך געהאַלטן אין אָרגאַניזירן. אין דריי גרויסע צימערן, וואו עס זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט מאַשינען, טישן און לאַנגע בענק, האָט זיך געטומלט מיט יידן. מען האָט הויך געשמועסט, זיך געדרייט פון איין צימער אין צווייטן און כסדר פאַרהאַלטן די ביורא־מענטשן מיט איין און דער זעלבער פראַגע:

— ווען וועט מען שוין אָנהייבן נייען?

דורך דעם פאַרזאַמלטן עולם פלעגן יעדע ווײַלע דורכלויפן דענער־ווירטע די שאַפּ־אייגנטימער, זילבערבערג, העלפגאָט און פרידמאַן, אַלע געוועזענע מאַנופאַקטור־סוחרים, און פלעגן זיך בעטן ביים מייסטער:

— שטעלט שוין עפּעס איין, קוים מאַכט זיך עפּעס איז מען דאָך אין אַ סכנה!

עס האָט געדויערט עטלעכע טעג ביז מען האָט ווי עס איז איינ־געשטעלט די אַרבעט. אַ סך בעלנים האָבן זיך געוואָלט אַריינקריגן אין שאַפּ, אָבער שניידער פאַכלייט זיינען צווישן זיי געווען ווייניק. האָט מען טאַקע אין די ערשטע טעג געמוזט לערנען דעם עולם ווי מען האַלט אַ נאָדל אין האַנט. עלטערע, גרויע קעפּ האָבן אויפמערקזאַם געהאָרכט די אָנווייזונגען פון די ייִנגערע, געריסן זיך צוליב אַ פּאָר הויזן. אין דער ערשטער צייט זיינען געווען טעג, ווען לענג־אויס די אַרבעטס־טישן זיינען געשטאַנען רייען פון פרויען וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ פלאַק, וואו זיך אַנידערצוזעצן. קוים האָט זיך עמיצער פון די שטענ־דיקע אַרבעטער אויף אַ ווײַלע אויפגעהויבן, האָט גלייך אַ שטייענדיקע פאַרכאַפּט דאָס אָרט. עס האָט זיי נישט איבערצייגט קיין שום בעטן אָדער אויפווייזן, אַז מען זיצט שוין דאָ לענגער. „איך וויל אויך נייען" — איז געווען דער ענטפער. מען האָט זיך אַרומגעקריגט, געווײנט, געבערענגט פון דער היים אייגענע זיץ־בענקלעך. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. אַרום די טישן זיינען נאָך אַלץ געווען צענדליקער פרויען, וואָס האָבן זיך נישט געהאַט וואו אַהין צו טאָן. מען האָט זיי געמוזט באַזייטיקן. אַממערסטן פאַרעקשנט האָבן זיך געהאַלטן די עלטערע פרויען. זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז עלטערע האָבן ביי די דייטשן קנאַפּע שאַנסן.

סוף־כל־סוף האָט יעדערער געפונען אַן אָרט און מען האָט אָנגע־הויבן אַרבעטן, אָבער אָט איז אין שאַפּ אָנגעקומען אַ פרישע באַאומ־רואיקנדיקע ידיעה. די באַציאונגען מיט טעבענסן זיינען קאַליע געוואָרן, עס קומען נישט אָן קיין פרישע ליפערונגען פון סחורה. אונדזער זיכער־קייט הענגט אויף אַ האָר. עס דראָט דער שאַפּ זאָל זיך פאַרמאַכן. פאַר־צווייפלטע זיצט מען ביי די שטומע מאַשינען און מען חזרט צום הונ־

דערטסטן מאָל איבער די אונטערגעהערטע געשפּרעכן פון די אָפּיס־אַרבעטער: טעבענס האַלט נישט דעם אָפּמאַך, ער וויל פריש געלט, ער הייסט באַגרענעצן די צאָל אַרבעטער. עס לויפן אַוועק טעג אין גאָרנישט. דאָך קומט מען יעדן טאָג אין שאָפּ אַריין. עס איז זיכערער צו זיצן ביי מאַשינען, ווי צו זיין אין שטוב; און אַזוי, זיצנדיק אָן אַרבעט, האָט מען זיך דערוואָרט אויף אַ דייטשישער אַקציע.

ווען דער דאָזיקער געפאַר האָט אונדז צו וויסן געגעבן אַ יידישער פּאָליציאַנט, וועמענס פרוי עס האָט געאַרבעט ביי אונדז אין זאַל. גלייך האָט דער גאַנצער שאָפּ אויפגעוואַכט. שנעל איז מען געלאָפן צו דעם קליינעם שטויס מיט צוגעשניטענע סחורה, געכאַפּט וואָס עס האָט זיך געלאָזט, אַוועקגעלייגט לעבן זיך און אָנגעהויבן נייען סתם אין דער וועלט אַריין. עלטערע פרויען האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרבן די באַקן, יונגערע — ברענגען זיך אין אָרדענונג. די מאַמעס, וואָס האָבן געהאַט מיט זיך קינדער, זיינען ווי משוגע אַרומגעלאָפן פון איין אָרט צום צווייטן און געזוכט אַ פּלאַץ, וואו זיי צו באַהאַלטן. ביי אונדז אין זאַל זיינען בלויז געווען צוויי אַזעלכע פרויען. זיי האָבן די צוויי קינדער אַריינגעשטופּט אין אַ שענקל, וואו מיר האָבן געהאַלטן די מאַנטלען, דאָרטן זיי אַרומגעדעקט און געהייסן ליגן שטיל. עטלעכע פון אָפּיס זיינען אַריינגעקומען צו אונדז, גענומען שטיקלעך סחורה און זיך צוגע־זעצט צו די צעבראָכענע מאַשינען, וואָס זיינען געשטאַנען אין עק זאַל. אַלע זיינען געווען אָנגעשטרענגט און באַמיט זיך צו שאַפן דעם איינ־דרוק, אַז עס גייט אַ פיבערהאַפטע אַרבעט. עס זאָל זיך נאָר איינגעבן די שפּיל! דערווייל איז שטיל. עס דערגייען פון דער גאַס ווייטע קולות. קיינער וואַגט נישט צוצוגיין צום פענצטער. יעדער איז צוגעשמידט צו זיין אָרט.

— זיי זיינען שוין אויפן הויף — לויפט אַריין אַ פאַרסאַפּעטער דער יידישער פּאָליציאַנט; ער איז איצט דער אויספירער.

די מאַשינען הייבן אָן צו קלאַפּן, אַלע זיינען פאַרטאָן אין דער אַרבעט. דאָך פילט זיך אַ פיינלעכע שטילקייט. מען הערט ווי עס עפנט זיך די שאָפּ־טיר, דערנאָך — שווערע האַסטיקע טריט.

— זיי זיינען דאָ — רופט דער מייסטער אויס מיט אַ געדריקטער שטים. — קיינער זאָל נישט קוקן צו דער טיר, אַרבעטן!

עס רוישן די מאַשינען, עס האַקט אין די שלייפן און עס ציטערט דאָס האַרץ. ווען זיי זיך כאַפּן, אַז די גאַנצע אַרבעט איז אָן אָנשטעל? עס דערנעענטערן זיך טריט. עמעצער עפנט די טיר. איך כאַפּ אַ קוק. עטלעכע אוקראַינער און דייטשן שטייען אויפן שוועל. זיי אָבסערווירן דעם זאַל. קיין וואָרט ווערט נישט אַרויסגערעדט.

— זיינען דאָ אַלע אַרבעטער? — פרעגט אַ גראָבע שטים אין דייטש.

— יאָ, אַלע — פאַלט אָן ענטפער.

— באַהאַלט זיך קיינער נישט אויס? — פרעגט די זעלביקע שטים ווייטער.

— ניין — קלערט זיי אויף דער מייסטער.

די דייטשן גייען איבערן זאַל, שטעלן זיך ביי די קליידער־שענק, גייען ווייטער, צעוואַרפן אַ פעקל פאַרטיקע סחורה, זוכן דאָרטן. מען טאָר צו פיל נישט קוקן, ביי דער טיר שטייען נאָך עטלעכע דייטשן און אָבסערווירן אונדזערע באַוועגונגען. די מאַשינען לויפן, די קעפ זיינען איבערגעבויגן, מען נייט. ענדלעך, אַ קלאַפ מיט דער טיר. די דייטשן זיינען אַרויס. אונדזער זאַל איז דערווייל בשלום איבערגעקומען. אָבער עס איז נאָך נישט דער סוף. די דייטשן גייען איבער די אַנדערע זאַלן. מיר מוזן ווייטער אָנגיין מיט אונדזער שפיל. פלוצלונג פאַרהילכט די לופט אַ קינדעריש געוויין. מיר רייסן איבער דאָס נייען און הערן זיך איין. — זיכער געפונען אַ פאַרבאַהאַלטן קינד — דאָס געוויין איז איצט אויסגעמישט מיט אַ יאָמערדיקן בעטן פון אַ פרוי.

— אַרבעטן, אַרבעטן — בעט זיך ביי אונדז דער מייסטער.

די הענט לייגן זיך שוין נישט. מען איז אָנגעשטרענגט אויפצו־כאַפן יעדן קלאַנג פון די אַנדערע צימערן. אַ נייער געלאַף פון טריט. עס רייסט זיך ווידער אויף אונדזער טיר. צוויי אוקראַינער לויפן אַריין און זוכן אונטער די טישן, שטולן און מאַשינען, וואַרפן איבער נאָך אַ מאָל דאָס פעקל פאַרטיקע סחורה און לויפן אַרויס. מיר אָטעמען אָפ. זיכער געזוכט ביי אונדז קינדער. גוט וואָס זיי איז נישט איינגעפאַלן צוצוגיין צום שאַנק! במשך פון עטלעכע מינוט הערט זיך פון צווייטן צימער אַ דייטש געבייזער. מיר קאָנען נישט אונטערשיידן וואָס מען רעדט. עס ווערט צוריק שטיל. זיי זיינען אַוועק. מיר רירן זיך נאָך אַלץ נישט פון די ערטער, מען דאַרף האָבן געדולד, זיי קאָנען צוריקקומען. עס גייען אַדורך לאַנגע מינוטן, אָבער קיינער ווייזט זיך נישט צו אונדז. ענדלעך הערט זיך די באַקאַנטע שטים פון יידישן פאָליציאַנט: — זיי זיינען אָפגעפאָרן.

ערשט איצט ווערט אַ טומל, מען וויל זיך דערוויסן וועמען האָט מען גענומען, וויפל און ווי אַזוי. מען האָט צוגענומען עטלעכע עלטערע לייט, וואָס זיינען געזעסן ביי די טישן, אַן אַכט־יאָריק מיידעלע, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דעם שטויס פאַרטיקע סחורה און איר מוטער. די שאַפ־פירערס האָבן מורא, — די דייטשן האָבן פאַרצייכנט, אַז מען באַהאַלט דאָ אויס קינדער. עס קאָנען זיין פאָלגן. אַלע זיינען צעררודערט.

— אַז נעמט מען שוין אַרויס פון די שעפער, איז עק וועלט — טענהן

צעשראָקענע אַרבעטער, — קיין שום פאַרזיכערונג איז דאָך שוין נישטאָ.
איידער מיר האָבן געהאַט צייט צו קומען צו זיך פון דעם ערשטן דייטשישן באַזוך, איז פאָרגעקומען אין שאַפּ אַ צווייטע דייטשישע בלאָקאַדע, וועלכע האָט שוין געמאַכט אַ סך אַ גרעסערע שחיטה. יענעם טאָג בין איך גראָד נישט געווען אין שאַפּ צוליב מיינע געשוואָלענע פיס. לעצטנס זיינען מיינע פיס געוואָרן ווי צוויי קלעצער, אָנגעלאָפן, געשוואָלן, זיי האָבן מיר געשטאָכן און כ'האָב נישט געקאָנט אָנטאָן די שיך. געקומען איז עס פון קנאַפּ עסן. מאַניע וואַסער, ביי וועמען איך האָב זיך אויפגעהאַלטן, האָט מיר געעצהט איין טאָג צו בלייבן אין דער באַהעלטעניש — אין אַ פאַרשטעלטן צימער — אויף געגנשע 13 און איבערליגן אין בעט, אפשר וועט בעסער ווערן. איך האָב געפאָלגט. צומאָרגנס, ווען כ'בין צוריקגעקומען אין שאַפּ, האָט געפעלט אַ דריטל אַרבעטער. די דייטשן זיינען געווען און צוגענומען כמעט אַלע עלטערע מענער, פרויען און קינדער, וועלכע זיי האָבן אויסגעפונען אין די באַהעלטענישן. די נייע שחיטה האָט אונדז שוין אין גאַנצן צערודערט.
יאָ, שוין גאָרנישט קאָן אונדז אויסהיטן פון דער סכנה אַרויסגעפירט צו ווערן, אַפילו נישט דער דייטשישער שאַפּ.

דאָך קלאַמערט מען זיך ווייטער אין דער נישט־אַרבעטנדיקער פאַבריק, דאָס איז פאָרט דאָס איינציקע אָרט, וואָס האָט אַ רעכט צו האָבן ביי זיך יידן. אפשר וועט מען דאָך איבערלאָזן אַ געוויסע צאָל אַרבעטער און אפשר וועל איך גראָד זיין צווישן די גליקלעכע! — אַזוי טראַכט יעדער איינער. מיר דערוויסן זיך, אַז אין אַנדערע שעפער קומט פאָר דאָס זעלביקע. אויך דאָרטן האָבן זיך באַוויזן דייטשן. נישטאָ אָבער קיין צייט צופיל צו טראַכטן. ווידער מוז מען שטיין אויף דער וואָך. עס זיינען דאָ פרישע פאַראָרדענונגען פון אונדזערע פייניקער, פרישע נייעס.
ווידער זיינען מיר צערודערט. „דער קליינער געטאָ" ווערט ליקווידירט. אַלע, וואָס וואוינען אין דרום־טייל פון געטאָ, פון כלאָדנע גאַס אָן, מוזן צווישן 9־טן און 10־טן אויגוסט, אין משך פון 24 שעה, פאַרלאָזן זייערע וואוינונגען. בלייבן קענען נאָר די, וואָס אַרבעטן אין דער פירמע „טעבענס" און „דערינג". אַלע נישט־אַרבעטנדיקע, אַפילו די משפחה־מיטגלידער פון די, וועלכע זיינען באַשעפטיקט אין די אויבנדערמאָנטע שעפער, מוזן זיך אויך צושטעלן צום אומשלאַג־פּלאַץ אויף סטאַווקי. דער, וואָס וועט נישט אַרבעטן און וועט זיך געפינען אויפן געביט פון „קליינעם געטאָ", וועט דערשאָסן ווערן. איידער מיר האָבן נאָך באַוויזן אויפצונעמען די דאָזיקע ידיעה, איז שוין דאָ אַ פרישע באַקאַנטמאַכונג: ביזן 20־סטן אויגוסט מוזן געוויסע גאַסן פון גרויסן געטאָ אויסגעליידיקט ווערן, אַלע דאַרפן זיך פון דאָרט אַרויסציען.

דייטשישע שעפער מוזן זיך קאָנצענטרירן אין אָנגעוויזענע גאַסן, וואו עס וועלן אויך געשאַפן ווערן וואוינונגס־בלאָקן פאַר די אַרבעטער. יעדער איינער, וואָס איז באַשעפטיקט אין אַ דייטשישער אונטערנעמונג, מוז וואוינען און זיך געפינען אויפן פּלאַץ פון זיין אַרבעט, אויב נישט ווערט ער „אויסגעזידלט" (אַרויסגעשיקט). אויך אונדזער שאָפּ דאַרף זיך פאַר־אייניקן מיט אַנדערע קלענערע טעבענס־פאַבריקן און זיך איבערציען אויף לעשנאָ 80 אין לאָקאַל פון געוועזענעם שפּיטאָל. דערנעבן, אויף נאָוואָליפּיע 69, דאַרף זיין אונדזער וואוינונגס־הויז. אַ צעטומלעניש, אַ לויפעניש; משפחות, וואָס אַרבעטן אין פאַרשיידענע שעפער, מוזן זיך פונאַנדערטיילן — מאַן באַזונדער, פרוי באַזונדער. די, וועלכע האָבן נישט קיין אַרבעטס־פּלאַץ, ווייסן נישט וואו זיך איבערצוציען. שעפער רייסן זיך איבער צוגעטיילטע הייזער. מען פאַרכאַפּט וואָס עס לאָזט זיך. ס'קומט דערנאָך יידישע פּאָליציי און הייסט פאַרלאָזן די וואוינונגען. אַלע זיינען צעטומלט. קיינער ווייס נישט, וואו מען מעג, וואו מען טאָר נישט וואוינען. דער „קליינער געטאָ" ציט זיך איבער אין „גרויסן". מען איילט זיך מיט וועגעלעך, פּעקלעך, זעקלעך, קליינע קינדער טראָגט מען איבער באַהאַלטענערהייט. זיי זיינען נישט קיין אַרבעטער און האָבן נישט קיין רעכט צו זיין דאָ. יעדע ווילע שטעלט זיך אָפּ אַן אַנדערער צע־טומלטער ייד און פרעגט דערשראָקן:

— קאָן מען ווייטער גיין? —

מען ציטערט, מען זאָל בעת מעשה נישט אַריינפאַלן אין אַ בלאָ־קאַדע און אַרויסגעפירט ווערן. די אַקציעס קומען פאַר כסדר. עס פאָרן וועגענער מיט מאַשינען, טישן, בענק — דאָס ציען זיך איבער די שעפער. אינדערפרי און פאַרנאַכט, ווען די אַקציעס קומען נישט פאַר, זיינען די גאַסן פול מיט איילענדיקע יידן. מען טראָגט מיט זיך מיט דאָס סאַמע נויטיקסטע. שנעל האָט מען שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז אַלץ מוז מען איבערלאָזן. די זאַכן שפּילן איצט נישט קיין שום ראָל, די הויפּטזאַך איז אַריינצוקריגן זיך ערגעץ אויף אַן אָרט און ווייטער קאָנען אָנגיין מיטן געראַנגל. אויף די טראָטואַרן קאָן מען זען ליגן דעשאַסענע יידן, מן הסתם געוואָלט אַנטלויפן פון אַ בלאָקאַדע. עס וואַלגערן זיך צעבראָכענע שטיקלעך מעבל, צעריסן בעטגעוואַנט, אַלטע טעפּלעך, קינדער־שיכלעך, — זאַכן אויף וועלכע קיינער קוקט זיך איצטער נישט אום. נישטאָ קיין צייט, מען מוז זיך יאָגן, באַווייזן צו דער אָנגע־מערקטער צייט צו פאַרכאַפּן ערגעץ אַן אָרט. אינעם הויז, וואָס איז פאַר אונדז באַשטימט געוואָרן איז אַ שטופּעריי. מען קריגט זיך און מען שלאָגט זיך איבער וואוינונגען. עס זיינען דאָ ווייניק צימערן, פאַרשפּע־טיקטע מוזן זיך אַריינציען אין שטובן, וואָס זיינען אָן פענצטער און אָן טירן.

ביי צוויי וואָכן האָט אָנגעהאַלטן דאָס איבערציִען זיך. די מערדער האָבן אין דער דאַזיקער צייט ווייטער געטאָן זייער „אַרבעט”. אָן אויפ־הער, טאָג־איין, טאָג־אויס, האָבן זיי אָפּגעשלאָסן גאַסן, אַריינגעכאַפּט די איילענדיקע יידן ווי אין אַ נעץ און אַרויסגעפירט פרישע טויזנטער נאָך טרעבלינקע.

דאָס הויז, וואו מיר זיינען אַריין אין געווען אַ פירשטאָקיקער פינצטערער און וויסטער קאַסטן מיט אָפּגעשיילטע שמוציקע ווענט, פון וועלכע עס האָט אַראָפּגעשריגן די אַלט־באַזעסענע אָרעמקייט.

די דייטשן האָבן פון דאָרט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אַרויסגעפירט כמעט אַלע איינוואוינער. ווען מיר זיינען אַריין אין די וואוינונגען, האָט זיך נאָך געפילט דער אָטעם פון די, וועלכע זיינען נאָר וואָס אַוועק. אויף די צעוואָרפענע בעטן זיינען געלעגן פאַרשיידענע שטיקלעך וועש. אין צעעפנטע שענק, קאָמאָדן און שופלאָדן האָבן זיך געוואַלגערט אַלטע קליידער, שיך און גלאָזוואַרג. אַ פיינלעכע עלנטקייט האָט געוויעט פון אַלץ.

גאָר אַנדערש האָט דאַקעגן אויסגעזען דאָס נייע אָרט פון אונדזער שאָפּ. אַ מאָדערנע ווייסע געביידע מיט אַ גערטנדל, וואו עס האָט זיך פריער געפונען דאָס יידישע געטאָ־שפּיטאָל. לאַנגע קאָרידאָרן מיט פיל טירן און שטיגן, וואָס פירן אין גרויסע זאַלן. אַ גרויסע שפע ליכט איז אַריינגעדרונגען דורך די ברייטע הויכע פענצטער און האָט געשטאָכן אונדזערע רויט־געשוואָלענע אויגן. מיר האָבן אין די רחבותדיקע צימערן זיך געפילט אומהיימלעך. עפּעס האָבן מיר אין זיי אויסגעזען קליין, פאַר־לוירן. עס האָט געיאָגט אַ פרעמדקייט פון די גלעזערנע טירן, פון די ווייסע ווענט, וועלכע האָבן אַזוי נישט האַרמאָניזירט מיט אונדזער פאַר־חושכ'טן געמיט. פיל היימישער האָט מען זיך שוין געפילט אין דעם פאַרשטויבטן ענגן שאָפּ אויף מוראַנאָווסקע גאַס. דאָרט זיינען מיר שוין געווען באַקאַנט מיט יעדן ווינקעלע, מיט די זייטיקע ווענגן, מיט די בוי־דעמער. אין פאַל פון אַן אַקציע איז געווען וואו זיך אויסצובאַהאַלטן. דאָרט איז מען געווען צוזאַמען אויסגעמישט מיט אַלע איבעריקע הייזער, נאָענט מיט דער גאַס, מיט אַרומיקע יידן. דאָ אָבער איז אונדזער שאָפּ אָפּגע־טיילט פון אַרום מיט אַ דראָטענעם פּאַרקאַן. מיר מעגן זיך נאָך באַוועגן אין אונדזער צוגעטיילטן הויז. ביים אַריינגיין און אַרויסגיין פון שאָפּ מוז מען גוט געדענקען, אַז עס קוקן דיר נאָך מערדערישע דייטשישע אויגן.

עס האָט ווידער גענומען אַ ביסל צייט ביז מיר האָבן זיך איינגע־לעבט אין די גענענדערטע באַדינגונגען. ווי אַן אויטאָמאַט, אָבער מיטן שטענדיקן אומרו אין האַרצן, פלעגט מען זיך פּאַרטאָג אויפהייבן און איילן צו דער גרופּע, וואָס מאַרשירט נאָך זיבן אַ זייגער אין שאָפּ.

אין שאָפּ האָט זיך געררודערט פאַר דער אַרבעט. אַרבעטער זיינען געגאַנגען איבער די זאַלן און פאַרקויפט ברויט, וואורשט, וואָס זיי האָבן איינגעהאַנדלט ביי קריסטלעכע שמוגלערס. אַ טייל האָבן זיך געחשבונט מיט די רייכע שאָפּ־יידן וועגן שטוב־זאַכן, וואָס זיי האָבן גענומען צו פאַרקויפן. אַנדערע ווידער האָבן זיך דערציילט די לעצטע מלחמה ידיעות. „מען קאָן גאָרנישט וויסן, עס קאָן דאָך מיט אַ מאָל קומען די ישועה" — האָט מען זיך פּרובירט טרייסטן. אַנדערע ווידער האָבן איבערגעגעבן וועגן פרישע אומגליקן, וואָס האָבן אין געטאָ פּאַסירט: מען האָט נעכטן דערשאָסן עטלעכע יידן, באַקאַנטע זיינען געוואָרן אַרויסגעפירט, דייטשן זיינען שוין ווייטער געווען אין דער גמינע א. א. וו.

פון דעם פרימאָרגנדיקן הו־האַ, פון די קורצע אָפּגעהאַקטע פראַגן און די ציטערדיקע ענטפערס, פון כסדרדיקן לויפן האָט זיך אַרויסגע־פילט די נאָגענדיקע אימה פאַר דעם אָנקומענדיקן טאָג. וואָס וועט ער מיט זיך ברענגען? אָט הערט זיך אַ הויך קלינגען. דער האַנדל הערט אויף, דער טומל שטילט זיך איין. שנעל צעלויפט מען זיך אין די זאַלן פאַרכאַפּן דעם אַרבעטס־פּלאַץ. ס'הייבט זיך אָן דער אַרבעטסטאָג. אַ נייע יאָגעניש. שנעל, שנעל מוזן לויפן די מאַשינען, מען מוז באַוויזן צו מאַכן די באַשטעלונג צו דער צייט. אויב נישט, האָט מען צו טאָן מיטן דירעקטאָר מורמאַן, — דעם הויכן עלעגאַנטן גרויען דייטש, וואָס קוקט אויס ווי זיין שטייפער געקראָכמאַלעוועטער קראַגן, וויס, בלישטשנדיק, נישט בויגעוודיק און קאַלט. די שפּיזיקע אויגן פון דעם דייטש דערזעען יעדע קלייניקייט אויפן זאַל. ווערט אָן אַרבע־טער קראַנק, מוז ער בעטן גאָט, אַז מורמאַן זאָל זיין לידיקע מאַשין נישט באַמערקן, ווייל אַנדערש קאָן מען זיך ריכטן אויף אַ וויזיט פון אַ ווערקשוץ. און קוים איז די קרענק נישט מיט קיין הויכן פיבער און דער דייטש האָט זי נישט אָנערקענט, ווערט מען באַשטראָפט ביז טראַנס־פּאָרטירט צו ווערן צו די וואַגאָנען.

אויסגעמאַטערט פון הונגער, צוזאַמענגעבראָכן פון ווייטיק, דער־שעפּט פון דער כסדרדיקער מורא — איז מען נישט בכוח אויסצואַרבעטן די באַשטימטע אַרבעטס־נאָרמע. מען נייט און נייט, ביז עס הייבט אָן שווינדלען פאַר די אויגן. אַרום ווערט אַלץ שוואַרץ, מען פאַלט אָפּט אין חלשות. יעדן טאָג חלשן עטלעכע פון אונזער זאַל ביי דער אַרבעט. די שטאַרקערע מוזן דאָן נעמען אויף זיך די גאַנצע נאָרמע און צו דער צייט זי אויספאַרטיקן. פּאַמעלעך ציט זיך די צייט, דער טאָג איז אומענדלעך לאַנג, דאָס האַקן פון די מאַשינען הערט נישט אויף. דער קאָפּ איז שווער, דער גומען טריקנט, די אויגן ברענען און מען זעט גאָרנישט, מען פילט גאָרנישט, אויסער די זעלנערישע גרינע הויזן און די נאָדל וואָס לויפט צען סענטימעטער אין דער ברייט, צען סענטי־

מעטער אין דער לענג. מען שטעפּט און שטעפּט, עס וואַקסן קעסטעלעך און קעסטעלעך: זיי זיינען איצט אונדזער גאַנצער האָריזאָנט.

מיט אומגעדולד וואַרט מען אויף דער נאַכט, ווען מען וועט קאָנען מיט דער ביסל צוגעטיילטער שיטערער זופּ גיין אהיים אָפּעסן, און זיך אַריינוואַרפן אין בעט. ווי גוט וואָלט געווען, ווען מען דאַרף זיך שוין מער קיין מאָל נישט אויפהייבן און מער שוין נישט יאָגן. עס טרעפט אָבער אויך, אַז די אַזוי געגאַרטע נאַכט ווערט אונדז צוגענומען — די דייטשישע פּראָדוקציע דאַרף זי האָבן. דאָן מוז מען אַרבעטן דרייסיק שעה אָן איבעררייס.

איינע אַזאַ נאַכט האָט זיך מיר גוט איינגעקריצט אין זכרון. ווען מיר האָבן זיך, ווי געוויינלעך, נאָך דער אַרבעט אויפגעהויבן פון די ערטער און געוואָלט גיין נאָך זופּ, האָט זיך באַוויזן מורמאַן. מיט אַ בייזער שטים האָט ער אַלעמען געמאָלדן, אַז מיר מוזן בלייבן און ווייטער אַרבעטן. דאָס איז אַ שטראָף. מיר האָבן נישט צוגעשטעלט די נויטיקע נאָרמע. מיר האָבן ווייטער געמוזט דרייען די מאַשין. ביז האַלבער נאַכט איז נאָך אונדזער אַרבעט ווי עס איז געגאַנגען. וואָס שפּעטער, — אַלץ שווערער איז געוואָרן צו באַהערשן דעם שלאָף. קיינער האָט אָבער נישט געוואָגט אַוועקצולייגן כאָטש אויף אַ ווײַלע דעם קאָפּ אויף דער מאַשין. מורמאַן איז געווען וואַך, ער האָט געהיט. ווי אַ קאַץ פלעגט ער זיך אַריינשאַרן אין זאַל און שווייגנדיק אָבסערווירן די אַרבעט. מיט אַ בייטש אין האַנט האָט ער שטיל געלויערט אויף זיין קרבן. אין אונדזער זאַל האָט מען אויסגעפונען אַן אָרט, וואו זיך אַ ווײַלינקע צו־צושפּאַרן. דאָס איז געווען אין שענקל, צווישן דער אויסגעפּאַרטיק־טער סחורה, דאָרטן פלעגט מען זיך טיף איינגורן, פאַרדעקן זיך מיט עטלעכע פּעק הויזן און מען האָט געקאָנט שלאָפן. יעדע האַלבע שעה איז געווען אַ צווייטנס ריי. מורמאַן איז שוין צום וויפלטן מאָל געווען ביי אונדז אין זאַל און גאָרנישט באַמערקט. ווידער האָט ער זיך באַוויזן. דורכגעגאַנגען פאַרביי די מאַשינען, אַרונטערגעקוקט אונטער די שטולן, אונטער די טישן. קיינער שלאָפט נישט, אַלע אַרבעטן. פלוצלונג איז אים איינגעפאַלן צו באַקוקן די פאַרטיקע סחורה. אַ הויכער „אַהאַ" קלינגט אָפּ אין זאַל — ער האָט געפּאַקט. גלייך הערט זיך דאָס סווישטשן פון זיין בייטש. אַ שטיל קרעכצן דערטראָגט זיך פון דאָרטן. דאָס צערייצט נאָך מער דעם דייטש. ער וואַרפט נערוועז די פאַרטיקע סחורה פון שענקל און הערט נישט אויף צו שמייסן. זיין פּנים איז רויט, דאָס מויל פול מיט שוים — אַ צעיושעטער הונט. קיינער פון זאַל רירט זיך נישט. עס הערשט אַזאַ פאַרגליווערטע שטילקייט, אַז יעדער שמיץ הילכט אָפּ ווי אַ שרייענדיקע קללה. דער דייטש איז מיד געוואָרן. אַ סאַפּענדיקער גלייכט ער זיך אויס, גייט שווייגנדיק צו צום מייסטער, גיט

אים אַ שמיץ איבערן פּנים און פּאַרלאָזט דעם זאַל. ערשט ווען עס האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ פון דער טיר, האָבן זיך אַלע גלייכצייטיק אַ ריס געטאָן פון די ערטער. אין שענקל איז געלעגן אַ פּאַרחלשטע די זעכצן יאָריקע רייזל, די יינגסטע אַרבעטערין ביי אונדז אין זאַל. איר קאָפּ און דאָס פּנים זיינען געווען פול מיט דינע אָנגעלאָפּענע קישקעלעך, פון דער נאָז איז איר גערונען בלוט. עס האָט גענומען עטלעכע מינוט ביז מען האָט זי אָפּגעמינטערט. אויך פון אַנדערע זאַלן זיינען צו אונדז דערגאַנגען קרעכצן און יאָמערן פון געשמיסענע.

אַזוי האָט אויסגעזען דאָס לעבן אין די „רואיקע" צייטן צווישן איין סעלעקציע און דער צווייטער.

## קאַפּיטל ניין

# אין די נעגל פון טויט

פינף חברים וואוינען מיר אין איין דירה און האַלטן זיך צוזאַמען. צווישן זיי איז יאַנקל גרושקע, מיין האַרציקער חבר, מיט וועמען איך האָב דורכגעמאַכט די שווערסטע געטאָ־צייטן. מיר האָבן צוזאַמען מיטגעאַרבעט אין דעם אונטערערדישן וואַרשעווער „צוקונפט"־קאָמיטעט, געפירט געהיימע קרייזלעך און געהאָלפן אָרגאַניזירן קינדער־ווינקעלעך.

יאַנקל האָט כמעט קיינמאָל נישט געהאַט קיין אייגענעם לעבן. ער האָט פאַר זיך ווייניק וואָס געזאָרגט. אַלע זיינע געדאַנקען, אַלע כוחות האָט ער אַוועקגעגעבן דער בונדישער אַרבעט. אַ טיף־גלייביקער איבער־געגעבענער סאָציאַליסט, האָט ער אין דער מינדעסטער קלייניקייט, אין דער געוויינלעכסטער זאַך, וואָס ער האָט באַדאַרפט אויספירן, אַריינגעלייגט האַרץ און נשמה. זיין אויפריכטיקער שטאַרקער גלויבן אין גערעכטיקייט, אין מענטשלעכקייט, מיט וועלכע ער אַליין איז געווען אַזוי דורכגעזאַפּט, האָט אים אָפּטמאָל אַוועקגעטראָגן פון דערווירקלעכקייט.

— ער האָט באַדאַרפן געבוירן ווערן אין אַן אַנדער וועלט — פלעגן חברה זיך איבער אים וויצלען.

יאַנקל איז צוליב זיין האַרציקייט, גוטסקייט און איבערגעגעבנקייט שטאַרק באַליבט געווען ביי זיינע חברים.

אין די שווערע טעג פון דער „אויסזידלונג", ווען מען האָט מיט ציין און נעגל געדאַרפט קעמפן פאַר יעדער שעה לעבן, האָט דער מוטיקער חבר זיך פאַרלוירן. רייסן זיך וועגן אייגענעם לעבן — דאָס איז נישט געווען זיין נאַטור. פאַרשמאַכט, אויסגעהונגערט, אויסגעמאָגערט, פלעגט ער גאַנצע טעג אָפּזיצן שווייגנדיק אין שטוב. אים איז שוין אַלץ געווען גלייכגילטיק, ס'האָט אים גאָרנישט אינטערעסירט. אַ מאָדנע טויטקייט האָט געוויעט פון דעם אַזוי רירעוודיקן יאַנקל. אים האָט אפילו נישט געצויגן אין בערשטער־שאָפּ, וואו ער האָט געאַרבעט און געווען טיילווייז פאַרזיכערט פון אַרויספירן.

— נאָך וואָס טויג דאָס גאַנצע ראַנגלען זיך? — פלעגט ער אָפּט איבערחזרן.

יאָ, ער האָט בולט פאַראויסגעפילט דעם טויט און מיט אַ רעזיג־נירטער רואיקייט איז ער אים גרייט געווען אויפצונעמען.

אַ גאָר אַנדערער טיפּ איז געווען עדזשע רוס. מיט דעם ברוין־האָריקן גוטן מיידל בין איך צוזאַמען געגאַנגען אין דער יידישער שול און צוזאַמען זיך דערצויגן אין „סקיף" און „צוקונפט". זי האָט מיט אַלע כוחות זיך געריסן צום לעבן, זי האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט די כסדר־לויערנדיקע געפאַרן. זי האָט זיך געקלאַמערט אָן יעט־וועדער מינדסטער מעגלעכקייט צו פאַרבלייבן לעבן. איר מאַן הענעך רוס, איינער פון די וויכטיקסטע בונדישע יוגנט־טוער פאַרן קריג און אויך אין געטאָ, איז געווען דער טאָן־געבער אין שטוב. אַ שלאַנקער, פלינקער מיט ברענענדיקע קלוגע אויגן, שטענדיק מיט אַ וויץ, שטענדיק מיט אַ שטאַרק וואָרט. — ער האָט אונדז געהאַלטן.

דער פערטער, שלמה פּאוו — אַ טיכטיקער סאָציאַליסטישער יוגנט־טוער פריער אין לאָדזש, שפּעטער, אין געטאָ; אַן אינטעליגענ־טער, שטאָלצער מענטש. זינט אָבער מ׳האָט אַוועקגעפירט זיין פרוי, דרייט ער זיך פאַרשעמט אַרום אין שטוב, זעלטן ווען ער רעדט, ער איז איצט מאָדנע פאַרלוירן און אומבאַהאָלפן.

איצט טיילן מיר אונדזער געמיינזאַמען גורל. ווען מען איז צוזאַ־מען איז לייכטער צו לעבן, צו הונגערן און צו ראַנגלען זיך מיט דער כסדר־לויערנדיקער געפאַר אַרויסגעפירט צו ווערן.

אונדזער וואוינונג האָט צוויי טונקעלע צימערן. דער אַריינגאַנג פון איין צימער איז פאַרשטעלט מיט אַ ברייטער שאַנק, אין וועלכער מיר האָבן פון הינטערשטן ווענטל אַרויסגענומען צוויי ברעטלעך און געמאַכט אַן עפענונג. בעת אַ געפאַר קריכט מען דורך דער דאָזיקער עפענונג אין צווייטן צימער און דאָרטן באַהאַלט מען זיך. אין די אָוונטן, ווען מיר קומען צוריק פון דער אַרבעט, וואַרטן שוין כמעט שטענדיק אויף אונדז חברים פון די שכנותדיקע שטיבער. נאָך דעם, ווי דאָס איבערציען האָט זיך איינגעשטילט, פּרוּווט איינער דעם צווייטן אויפזוכן. קיין סך פריינד זיינען שוין נישט געבליבן. אַ טייל זיינען אין דעם בערשטער־שאָפּ אויף שווענטאָ יערסקע, אַ טייל אין דער פאַבריק ביי רעריכן אויף נאָוואָ־ליפּיע, אַ ביסל ביי שולצן, און עטלעכע ביי טעבענסן אויף לעשנאָ. דאָס גיין פון איין שאָפּ אין צווייטן איז שטרענג פאַרבאָטן, דאָך ריזיקירט מען און מען לויפט פון איינעם צום צווייטן זיך דערוויסן וואָס עס הערט זיך.

היינט איז ביי אונדז טומלדיק, עס האָבן זיך געוויזן עטלעכע פריינד. אַלע פרייען זיך. זיבן אונדזערע חברים האָבן זיך געראַטעוועט פון טויט. דער קליינער משהלע קויפמאַן, וועמען דער בונדישער צ. ק.

אין ווילנע האָט אַנהייב קריג געשיקט אַרבעטן אין וואַרשע, דערציילט דעם גרויסן נס.

עס איז ביי זיי אין שאָפּ, ביי רעריכן, געווען אַן אַקציע. די דייטשן זיינען געקומען אַרויסנעמען עטלעכע הונדערט מאַן. משהלע האָט זיך צוזאַמען מיט אַ גרופּע פריינד אויסבאַהאַלטן. מען האָט זיי אָבער געכאַפּט און אַזוי ווי טויזנטער אַנדערע געלאָדעוועט אין די וואַגאָנען. אין זיין וואַגאָן איז ער געווען צוזאַמען מיט חייקע בעלכאַטאָווסקאַ, גוטע בלאַנעס (ביידע שפּעטערדיקע אויפשטאַנד־קעמפער), וועלוול ראַזאָווסקי, (איינער פון די אָנפירער פון דער אומלעגאַלער סאָציאַליסטישער קינדער־באַוועגונג „סקיף״) און נאָך דריי פאַבריק־מיידלעך. דער צוג איז שנעל געלאָפן אין דער ריכטונג פון טרעבלינקע. עס איז געווען פאַרנאַכט. דער וואַגאָן איז געווען געפּאַקט, ענג, דושנע. זיי, די זיבן, האַלטן זיך צוזאַמען, זיי ווילן פּרואוון זיך ראַטעווען. לאַנג נישט געטראַכט, אַרויסגעריסן אַ ברעטל פון וואַגאָן־פענצטערל, געמאַכט אַ קליינע עפענונג און זיי פּרובירן זיך דורכצושטופּן דורך דער לאָך. מען האָט ריזיקירט. דער ערשטער איז געשפּרונגען משהלע קויפמאַן. גלייך נאָך אים לויט דער ריי, די מיידלעך. וועלוול האָט יעדן איינעם געהאָלפן אַרויסשטופּן זיך דורך דער עפענונג און איז אַליין געשפּרונגען דער לעצטער. מען האָט נאָכגעשאָסן. איינער האָט וועגן צווייטן גאָרנישט געוואוסט. ווען דער צוג איז שוין לאַנג געהאַט אַפּגעפאָרן, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן זוכן. זיי האָבן זיך אָפּגעפונען לענג־אויס די באַן־שינעס. אַלע זיבן האָבן געלעבט. עס איז געווען נאַכט. זיי האָבן נישט געהאַט וואו צו גיין. די פּוילישע גאַסן זיינען זיי געווען פרעמד, האָבן זיך אַלע צוריק אַריינגעגנבעט אין געטאָ און צוריק אַוועק אין שאָפּ. איצט דריקט מען מיט פרייד משהלעס הענט, מען גראַטולירט אים. אַ קלייניקייט, אַזאַ גליק! זיבן מאַן זאָלן זיך גאַנצערהייט אַרויסרייסן פון די נעגל פון טויט!

אונדזער פריינט זיך האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. מאַלינאָווסקי, אַ לאָדזשער צוקונפט־טוער, (אומגעקומען שפּעטער אין טראַווניקי בעת שטעלן אַ ווידערשטאַנד די דייטשן), איז אַריינגעקומען אין מיטן דערציילן, און איבערגעגעבן וועגן דער גרויסער שחיטה, וואָס איז אין זעלביקן טאָג פאָרגעקומען ביי אים אין שאָפּ, ביי שולצן. הונדערטער אַרבעטער האָט מען אַרויסגעפירט, מען האָט אויפגעהאַקט באַהעלטענישן, געשלעפּט יעדן איינעם, וואָס איז נאָר נישט געווען ביי דער אַרבעט. מאָרגן־איבערמאָרגן איז די ריי אויף טעבענס שאָפּ. די דייטשן האָבן זיך איצט פאַרנומען אויף די שעפער, זיי האָבן באַגרענעצט די צאָל אַרבעטנדיקע אין געטאָ.

עס באַהערשט אַן אומרואיקייט. ווער ווייס, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען? — און צי וועט דאַן אויך אונדז געלינגען, אַזוי ווי משהלען,

צו שפרינגען פון צוג? אָבער דערוויַיל לעבט מען און דערוויַיל פרייט מען זיך מיט די געראַטעוועטע.

מיר האָבן פּאָר אַ גאַסט נאָך אַ געראַטעוועטן: עלע לינדער, געוועזן אַ „סקיף" טוער אויף פּראַגע, איז אַנטלאָפן פון טרעבלינקע, אים איז געלונגען דורך אַ נס זיך צו ראַטעווען. ער אַליין קאָן נישט באַגרייפן, ווי אַזוי ער האָט זיך געקאָנט אַרויסקריגן פון שווידערלעכן גיהנום. קיין סך וויל ער נישט ריידן. — בעסער, אַז מען ווייס נישט אַלץ — ענטפערט ער מיט אַ מאָדנעם בליאַסק אין די אויגן. ער איז אין אַ געוויסן טאָג אַרויפגעקומען צו אונדז אין שטוב אויף עטלעכע מינוט. קיינער פון די שטוביקע וואַגט אים נישט צו שטעלן קיין פראַגן, כאָטש עס ברענט דער נייגער. ווי אַזוי איז דאָס דאַרטן, און ווי אַזוי איז ער אַנטלאָפן? עמעצער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ זאָץ:

— נו, דערציייל עפּעס, עלע!

אַ ווײַלע איז אין שטוב געוואָרן טויט־שטיל. שווייגנדיק, האָבן מיר געווענדט אונדזערע אויגן אויף דעם בלייכן אויסגעצויגענעם פּנים פון געראַטעוועטן עלען און געוואַרט. עלע האָט אָנגעהויבן ריידן.

ער איז צוזאַמען מיט זיין פרוי ליבע און זייער איין יאָריק מיידעלע אַרויסגעפירט געוואָרן פון יידישן שפּיטאָל, וואו ער האָט אַ לאַנגע צייט געאַרבעט. נאָכן אַראָפּגיין פון די וואַגאָנען אין טרעבלינקע האָט מען זיי צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע יידן, אונטער אַ האָגל פון מוראדיקע קלעפּ, געיאָגט צום פּלאַץ, וואו עס געפינט זיך די „באָד". נישט וויַיט פון אַריינגאַנג זיינען זיי געבליבן שטיין. פרויען און קינדער האָט מען געהייסן זיך אָפּטיילן און שנעל זיך אויסטאָן; מענער — וואַרטן. ווידער קלעפּ, ווידער שמיץ, האַרץ־רייסנדיקע געוויינען, מען זעגנט זיך. ליבע טוט שנעל אויס איר קינד און זיך. זי איז שוין גרייט. שוין אַ נאַקעטע כאַפּט זי אָן עלען פאַר דער האַנט און וויינענדיק זאָגט זי אים:

— עלע, מיר וועלן זיך שוין קיין מאָל נישט זען.

— וואָס האָט ער איר געקאָנט זאָגן? אַז זיין האַלדז איז געווען אויסגעטריקנט און קיין וואָרט האָט ער פון זיך נישט געקאָנט אַרויס־ברענגען. עלע רייסט איבער, ער שלינגט עטלעכע מאָל אַראָפּ שפּייעכץ, גלייך ווי עס וואָלט אים אויך איצט געשטיקט. קיינער פון די שטוביקע גיט זיך נישט קיין ריר. — „יאָ, דאָס זיינען געווען אירע לעצטע ווער־טער" — זעצט ער וויַיטער פאָר. אַ דייטש האָט זי אָפּגעשטופּט פון אים. ער האָט געזען, ווי אַזוי זי איז מיט אַנדערע נאַקעטע פרויען אַריינגע־שטופּט געוואָרן אין עפּעס אַ געביידע.

עלע האָט, פּונקט ווי זיין פרוי ליבע, געוואוסט וואוהין מען טרייבט זיי. אין עטלעכע מינוט אַרום וועט זיין די ריי אויף די מענער. ער

וויל זיך אַרויסקריגן פון דעם מענטשן־גיהנום, ער וויל נישט אומקומען. אין קאָפּ האַקט, די אויגן זוכן אַן אָרט וואו צו אַנטרינען, צו ראַטעווען דאָס לעבן. זיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ גרויסן באַרג מיט קליידער. אפשר דאָרטן? — איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק. אָבער ווי אַזוי, אַז אַרום איז פול מיט דייטשן און אוקראַאינער? — שנעלער אויסטאָן זיך — שרייען שוין דייטשישע שטימען. עס איז אַ שטופּעריי, מען שלאָגט, מען שיסט, נישטאָ וואָס צו פאַרלירן. אָדער עס וועט אים געלינגען אַריינצודרייען זיך אין דעם הויפן קליידער, אָדער ער איז אַ פאַרלוירענער. ביים אויסטועז זיך, שטופּט ער זיך דורך נעענטער צום באַרג. די דערנעבנדיקע דייטשן זיינען פאַרנומען מיט אַנדערע יידן. אַ שפּרונג — און ער ליגט שוין אין דעם באַרג קליידער און וואַרט. האָט מען אים געזען? ער הערט דאָס שלעפּן זיך פון פיס, יאָמערדיקע געשרייען, קרעכצן, עס ווערט שטיל. צו זיין באַרג איז קיינער נישט צוגעקומען. אים געלינגט שפּעטער צוצושאַרן זיך צו אַ גרופּע יידן, וואָס זיינען באַשעפטיקט ביים באַגראָבן מתים. עטלעכע טעג אַרבעט ער מיט זיי און זוכט צווישן די טויטע זיין פרוי און קינד. אַ געוויסן טאָג שיקט מען אים מיט אַן אַרבעטס־גרופּע סאָרטירן קליידער פון די אומגעבראַכטע. עלע באַשליסט דאָ, צו מאַכן אַ פּרואוו פון אַנטלויפן. ער בלייבט אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ ווידער פאַרשטעקט אין אַ באַרג קליידער. ער ליגט אַ היפּשע צייט. ווען עס איז שוין לאַנג שטיל געוואָרן ריזיקירט ער אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ. עס איז שוין פינצטער. פאָרזיכטיק האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אָנגעשפּיצט די אויערן, קיין שום סימן פון אַ נאָענטן לעבעדיקן נפש. פון דער זייט פון זיין באַהעלטעניש האָט ער געזען קאָנטורן ווי פון אַ באַן. דאָרטן דאַרף מען זיך אַריינקריגן. פון ליגן ווייטער אין דעם באַרג וועט גאָרנישט ווערן. פּאַמעלעך האָט ער זיך אַרויסגעקייקלט פון די קליידער, זיך אַ לאַנגע ווײַלע איינגעהערט, אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אַרום. פאָרזיכטיק האָט ער זיך געשאַרט אין דער ריכטונג פון די שאָטנס. ער האָט זיך נישט גענאַרט. טאַקע וואַגאָנען. עטלעכע זיינען שוין געווען אָנגעלאָדעוועט מיט קליידער. עלע איז אַריין אין איינעם, זיך גוט איינגענורעט און ווייטער געוואַרט. באַגאָסן מיט אַנגסטן איז ער דאָרט אָפּגעלעגן אַ נאַכט מיט אַ טאָג, ביז ער האָט זיך ענדלעך דערוואַרט. די באַן האָט גענומען פאָרן. אָבער נישט לאַנג, ער האָט געהערט ווי מען האָט עפּעס אָפּגעטשעפּעט וואַגאָנען. זיינעם — אויך. עס האָט נאָך אַ ביסל געדויערט און ווידער האָט ער דערפילט ווי ער פאָרט. נאָך אַ לאַנגער צייט פון פאָרן, האָט ער ריזיקירט זיך צו רירן פון אָרט. פּאַוואָליע האָט ער זיך צוגעשאַרט צו דעם וואַגאָן־ווענטל און אָנגעהויבן אַרויסקוקן דורך די שמאָלע שפּאַרונעס צווישן די הילצערנע ברעטלעך. פאַר זײַנע אויגן זיינען פאַרבייגעלאָפן

פעלדער, הייזקעס, בוימער. די באַן איז שוין ווייט פון טויטן־לאַגער, ער איז שוין געראַטעוועט.

עלע לינדער איז אַרויסגעשפרונגען פון וואַגאָן, קיינער האָט אים נישט געכאַפּט, ער איז געבליבן גאַנץ. האָט זיך דערשלאָגן קיין פּראַגע. אייניקע טעג האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט פון איין קריסטלעכן פריינד צום צווייטן, געפּרואווט זיך ביי זיי איינאָרדענען, קיינער האָט אָבער נישט געוואָלט אים אויסבאַהאַלטן. זיי האָבן מורא געהאַט. איז ער צוריקגעקומען אין געטאָ.

עלע האָט געענדיקט זיין דערציילן. ער האָט זיך שנעל אויפגעהויבן, געזאָגט אַ גוטע נאַכט און אַוועק. קיינער האָט אים נישט געפּרואווט פאַרהאַלטן. מיר זיינען פאַרגליווערטע געזעסן אויף די ערטער און שווייגנדיק זיך אָנגעקוקט. יאָ, מיר האָבן שוין פריער געהערט, וואוהין עס גייען די אַלע אַרויסגעפירטע יידן. אָבער איצט, נאָך זיין דערציילן, זעט מען דעם טויטן־לאַגער בולטער.

קיינער איז די דאָזיקע נאַכט נישט געשלאָפן, קיינער האָט אָבער אויך נישט גערעדט. שווייגנדיקע האָט מען זיך געדרייט אויף די געלעגערס און געטראַכט וועגן איין און דעם זעלביקן, — וועגן עלע לינדערס נס.

דער ערשטער האָט די נאַכט־שטילקייט איבערגעריסן הענעך:

— מען מוז זיך באַזאָרגן מיט „מעלדע־קאַרטן".

הענעך האָט רעכט. די ביז־איצטיקע אַרבעטס־דערלויבענישן זיינען וויניק וויכטיק. אין שאָפּ שטרייכט מען כסדר אונטער, אַז די, וועלכע וועלן האָבן מעלדע־קאַרטן מיט שטעמפּלען פון די ס. ס., וועט מען זיכער נישט אַרויספירן. דאָס זיינען אייזערנע דאָקומענטן, וועלכע די דייטשן אָנערקענען. שוין עטלעכע טעג ווי מיר איילן צו דעם שאָפּ־אָפּיס, ער זאָל אונדז באַזאָרגן מיט אַזעלכע קאַרטן. אָבער נישט מען הערט און נישט מען זעט.

— אַמבעסטן איז אַליין צו גיין אין אַרבעטס־אַמט — רופט איך זיך אָפּ.

— מאָרגן דאַרף זיך עמעצער פון אונדז אַהין אַרויסכאַפּן און פּרואוון דאָס דערליידיקן. מיר דאַרפן מיט אַלעם זיין באַזאָרגט — רעדט ווייטער הענעך.

די אַרבעט אין שאָפּ האָט זיך ווידער איינגעשטעלט, קיין שום ספּעציעלעס האָט מען נישט פאַראויסגעזען. איך האָב פונדעסטוועגן באַשלאָסן זיך אַריינצוכאַפּן אין אַרבעטס־אַמט. עס איז זייער נאָענט, קעגנאיבער אונדזער שאָפּ. אין דער געביידע פון קאָלעגיום (פּוילישע מענער גימנאַזיע), מען דאַרף בלויז אַריבערלויפן דעם וועג. כ'האָב זיך פאַרשטענדיקט מיט מיינע חברים, שנעל דורכגעגאַנגען דעם לאַנגען

פאַבריק־קאַרידאָר. קיינער האָט מיך נישט באַמערקט. אויך ביים פאַבריק־טויער האָב איך נישט געהאַט קיין שוועריקייטן, דער ווערקשוץ האָט מיך אַרויסגעלאָזט.

טראָץ דער אַרבעט־שעה איז אין קאַלעגיום איצט טומלדיק. דאָ דרייען זיך אַרום הונדערטער אינטערעסאַנטן. מערסטנטייל זיינען עס יונגע מענער, וואָס האָבן נישט קיין באַשעפטיקונג און ווילן זיך פאַר־שרייבן אויף דייטשישע „פלאַצוואוקעס". אַ סך זיינען דאָ אויך געקומען, פונקט ווי איך, נאָך די מעלדע־קאַרטן. צווישן זיי געפינען זיך „מאַכערס", וואָס קענען די באַאַמטע און דערליידיקן זייערע געשעפטן פאַר געלט. זיי שטויסן זיך די ערשטע. קיינער וויל נישט וואַרטן. יעדערער איילט זיך. אויף אַלעמענס פנימער זעט זיך אַן אומרואיקייט. פלוצלונג ווערט אַ געלויף איבער די שטיגן.

— אַ בלאָקאַדע, דייטשן זיינען דאָ! — שרייט עמעצער אַריין אין אונדזער זאַל.

איך בלייב שטיין ווי געליימט. ס'אַראַ מזל איך האָב דאָס! אַרויס־געכאַפּט זיך אויף עטלעכע מינוט פון שאַפּ און אַריינגעפאַלן. וואָס טוט מען? צוריק לויפן איז נישט מעגלעך. די דייטשן זיינען דאָך ביים אַריינגאַנג. בלייבן אויפן אָרט? וועט מען דאָך מיך צונעמען. באַהאַלטן זיך? אָבער וואו?

די באַאַמטע האָבן איבערגעריסן די אַרבעט, ס'איז אַ מהומה, אַ גע־לויפעריי. איך הייב אָן צו לויפן אויף די שטיגן אַלץ העכער און העכער. איך בלייב אַ פאַרסאַפּעטע שטיין אויפן זעקסטן שטאָק. נישטאָ שוין מער קיין שטיגן. דאָ זיינען די וואוינונגס־צימערן פון די באַאַמטע. איך בעט זיך ביי איינע פון זיי זי זאָל מיך אַריינלאָזן אין צימער. אַרויס־געוואָרפענע רייד. די באַאַמטע האָבן מורא, זיי זיינען שטאַרק איבערגע־שראָקן. דאָס ערשטע מאָל, ווי די דייטשן זיינען געקומען צו זיי. עמעצער האָט מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און וויל מיך אַראָפּיאָגן פון דאַנען.

— קיין פרעמדע טאָרן דאָ נישט זיין — קלערט מיר אויף אַ צערודערטער מאַן. ער שלעפּט מיך צו די שטיגן. איך בעט, רייס זיך פון אים, זאָל ער מיך אָפּלאָזן. — איך וויל נישט פאַרגאַזט ווערן — שריי איך הויך. פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען אַזאַ כוח זיך אַנט־קעגנצושטעלן, ווייס איך אַליין נישט. אפשר עלע לינדערס דערציילן האָט מיר צוגעגעבן חוצפה. דערווייל דערהערט זיך פון אונטן דאָס רופן פון דער יידישער פאָליציי. אַלע באַאַמטע מוזן שנעל אַראָפּגיין. מען לאָזט מיך צורו. אַלע לויפן איבער די שטיגן. איך בלייב אַליין אין אַ לאַנגען, שמאָלן קאָרידאָר, וואָס איז פול מיט פאַרמאַכטע טירן. צו מיר דער־טראָגט זיך אַן אמפעריי פון עטלעכע יידן מיט אַ יידישן פאָליציאַנט. די יידן רייסן זיך אַרויפצוגיין נאָך העכער. אין קאָפּ האַקט ווי מיט האַמערס.

וואָס טוט מען? ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך? דאָ שטיין טויג נישט, מען קאָן מיך גלייך דערזען און צונעמען. איך פּרואוו די טירן. אַלע פאַרשלאָסן, נאָר די סאַמע לעצטע לאָזט נאָך. איך גיי אַריין אין אַ גרויסן פּוסטן צימער. קיינער איז דאָ נישטאָ, עס שטייען דאָ צוויי לאַנגע בענק, איין שרייבטיש און אַ שטול. איך זוך מיט די אויגן אַן אָרט, וואו זיך צו באַהאַלטן. מיין בליק פאַרהאַלט זיך אויף צוויי קליינע אויפגעמאַכטע שענקלעך, אין וועלכע עס שטייען פאַרשיידענע מעדי־קאַמענטן. דאָרטן, הינטער די טירלעך קריך איך אַרונטער. איך האָב פּרובירט אויפכאַפּן וואָס עס טוט זיך אונטן. בלויז ווייטע, פאַרדעמפטע קולות זיינען צו מיר דערגאַנגען. אַ פייפעריי, עטלעכע שאָסן און אַ מאָדנע שטילקייט האָט אַלץ אַרומגענומען. די פיס ווערן מיר שטייף, כ'האָב מורא זיך צו געבן אַ ריר, מען זאָל נישט דערהערן. עס ציט זיך די צייט, קיינעם זעט מען נישט צוריק. אין קאָפּ איז אַ מיש־מאַש. נישט איך טראַכט און נישט איך קאָן מיר עפּעס פאָרשטעלן. אַלע מיינע חושים זיינען אָנגעשטרענגט צו הערן. מען גייט. ווער? דייטשן, צי די באַאַמטע? איך פּרואוו דערקענען לויט די טריט. ניין, דאָס זיינען לייכטע, לאַנגזאַמע טריט. מן הסתם באַאַמטע. מען עפנט די טיר פון צימער, וואו איך געפין זיך. נאָך אַ מינוט פון אָנגעשטרענגטער דער־וואַרטונג הער איך ווי אַ פרויען־שטימע רעדט:

— אַזאַ גהינום איז נאָך ביי אונדז קיין מאָל נישט געווען.

כ'בין אַרויסגעקראָכן פון מיין באַהעלטעניש. פון די אַריינגע־קומענע דערוויס איך זיך, אַז די דייטשן האָבן צוגענומען אַלע אינטערע־סאַנטן און אַ גרויסע צאָל באַאַמטע. עס איז געווען אַ שטרענגע סעלעק־ציע. ווידער איז מיר געלונגען אַרויסצורייסן זיך פון זייערע הענט, אויס־צומיידן דעם טויט. אַ צעבראָכענע האָב איך זיך אומגעקערט צוריק אין שאַפּ. ביי דער אַרבעט איז געווען אַ ביסל אומרואיק. אַלע האָבן געוואוסט וועגן דער גרויסער מהומה אין קאָלעגיום. אַ סך האָבן עס געזען דורכן פענצטער און מען האָט מורא געהאַט, אַז די דייטשן זאָלן נישט אַריין אין שאַפּ. אָבער געשען איז ביי דער אַרבעט גאָרנישט.

— ווי אַזוי האָסטו זיך פון זיי אַרויסגעדרייט — האָבן מיך געפרעגט מיינע פריינד.

און איידער איך האָב באַוויזן צו ענטפערן, האָט עמעצער פון זאַל שטיל אויסגערופן:

— מען פירט שוין ווידער, דאָס מאָל פון קליינעם געטאָ!

אַ סך רייסן זיך אָפּ פון די מאַשינען, לויפן צו די פענצטער און קוקן שווייגנדיק אַרויס.

איך און עדזשע שטייען צוזאַמען. אונדזערע בליקן לויפן אומרו־איק איבער דער מאַרשירנדיקער מענטשן־מחנה. אַ ריזיקער שוואַרצער

פליסנדיקער שטראָם. עס פאָרן ריקשעס מיט קראַנקע, עס גייען פרויען, מענער, קינדער, אַלטע, יונגע. אַלע זיינען אַרומגערינגלט מיט דייטשן און אוקראַאינער. עס שאַרן זיך פאַרביי פנימער אַפּאַטישע, רעזיגנירטע, אומרואיקע, דערשראָקענע, אָדער גאָר אָנגעצויגענע און פאַרביסענע. מיר זוכן צווישן די טויזנטער געזיכטער אַ באַקאַנט פנים. עס הייבט אָן צו שווינדלען פאַר די אויגן, אַלע פנימער האָבן זיך אויסגעמישט, מען זעט שוין בלויז קעפּ, פעקלעך, רוקנס — איין באַוועגלעכע כוואַליע. קיי־נער פון די גייענדיקע יאָמערט נישט, קיינער שרייט נישט. אַ געדריקטע שטילקייט הערשט. בלויז טריט הערן זיך. טריט לאַנגזאַמע, טריט שווע־רע, האַסטיקע, און לייכטע, דראָבנע טריטעלעך פון קינדער. מען גייט און מען גייט. דער אָפּקלאַנג פון שטומען גיין קלינגט אימהדיק אָפּ אויף דער אָפּגעליידיקטער גאַס. עס דוכט זיך, ווי די טריט וואָלטן אויס־געקלאַפּט זייער לעצטע דראָענדיקע וואָרנונג: געדענק! געדענק! געדענק! מיט אונדז ענדיקט זיך עס נאָך נישט! און מען גייט ווייטער. קיינער טאָר נישט אָפּשטיין. קיינער טאָר זיך נישט פאַרהאַלטן. עס שטויסן די אויסגעשטרעקטע ביקסן, אויף די איינגעבויגענע פלייצעס לאָזן זיך אַראָפּ האַרטע פויסטן. וויפל האָט עס געפעלט, אַז אויך איך זאָל זיין איינע פון די גייענדיקע?

— אָבער דו האָסט גליק — רופט זיך פּלוצלונג אָן עדזשע, גלייך ווי זי וואָלט געלייענט מיינע געדאַנקען.

יאָ, איך האָב גליק, איך בין נאָך דאָ.

## קאַפּיטל צען

# די שוואַרצסטע טעג אין וואַרשעווער געטאָ

אַ נאַכט אין סעפּטעמבער. עס וועקט מיך אויף אַ טומל. ס'איז נאָך טונקל. וואָס קומט פאָר? אפשר אַ נאַכט אַקציע? ביז איצט האָבן די דייטשן געפירט די אויסראָטונג בלויז בייטאָג. אָבער געשען קען אַלץ. פאַרזיכטיק וועק איך מיינע חברים. אַלע קריכן מיר שטילער־הייט אַריין אין דער באַהעלטעניש, אין צווייטן צימער. איינער גייט אויסשפּירן.

שטיל גיי איך אַראָפּ אויפן הויף. קיין דייטשן זעט מען נישט. אָבער עפּעס אַ צו גרויסע בהלה. וואָס איז געשען?!

אַ נייע פאַראָרדענונג: זיבן פרי וועלן זיין פּלאַקאַטן, געטאָ־נייעס. שווער און פיינלעך ווערט אויפן האַרץ, ווען מען דערהערט דאָס דאָזיקע וואָרט. שוין זעקס וואָכן ווי עס קומט פאָר די אויסזידלונג — און כסדר פרישע פאַראָרדענונגען. טעג, וואָכן ווי דער מוח איז אָנגעשטרענגט אויף איין פּונקט: נישט לאָזן זיך כאַפּן, נישט לאָזן זיך פירן צום אומשלאַג־פּלאַץ!...

אין דער פרי — די פּלאַקאַטן זיינען דאָ:

אַלע איבערגעבליבענע יידן פון געטאָ, פון אַלע שעפּער און פאַבריקן דאַרפן זיך אויפזאַמלען אויף די גאַסן: מילע, וואָלינסקע און לובעצקעגאָ. דאָרטן וועט זיין דער אָפּקלייב פון די אַלע, וואָס וועלן מעגן ווייטער בלייבן אין געטאָ. יעדער ייד, וואָס וועט נאָך צען אַ זייגער אינדערפרי נישט זיין אויפן באַשטימטן פּלאַץ, וועט דערשאָסן ווערן. מען דאַרף נעמען מיט זיך אויף דריי טעג ברויט.

אַ שרעקלעכער אומרו באַהערשט אַלעמען. אַ פרישע סעלעקציע און דערצו מיט אַזאַ גרויסן פאַרנעם! עלטערע מענטשן באַהאַלטן זיך אין קעלערס. טייל פּרויען פאַרבן זיך דאָס געזיכט. יינגערע טוען אָן פרישע קליידער, מען פּוצט זיך, מען זאָל נאָר אויסזען גוט און אויסנעמען ביים דייטש. ער זאָל דורכלאָזן.

איך לויף צו מיינע חברים אין אַ צווייטן שאָפּ. וואָס טוען זיי? קיינער ווייס נישט. אַ טייל טראַכטן וועגן באַהאַלטן זיך. עס איז

דאָך פשוט. וויפל מאָל האָבן מיר זיך שוין אַזוי אויסבאַהאַלטן! וויפל מאָל זיינען מיר אַזוי געלעגן אויף בוידעמס, פאַרשטעלטע צימערן, איינגעהאַלטן דעם אָטעם, אַז מען זאָל חלילה נישט דערהערן. דאָס איז דאָך אַ טאָג־טעגלעכע זאַך און אַזוי געוויינלעך...

היינט אָבער איז אַנדערש. היינט קען דאָס פאַרשטעקן זיך דויערן מער ווי אַ טאָג און אפשר וועט מען שוין בכלל נישט קענען אַרויס פון באַהעלטעניש?

מיר, שטוביקע, אַנטשליסן זיך צו גיין צו דער אַרבעט. אפשר וועלן מיר האָבן מזל. מיר זיינען דאָך אַלע יונגע.

עס איז שוין האַלב נאָך צען. יידן לויפן ווי צעמישט, ווילד קוקן זייערע אויגן. שרעק און פחד לייענט מען אַראָפּ פון יעדנס געזיכט. אין גרויסן הו־האַ, אין געלויף מיט פעקלעך און זעקלעך, זוכט מען ברויט. קיינער האָט נישט קיין זאַפּאַסן. איך האָב ביי זיך הונדערט זלאָטעס. איך זוך מיט די אויגן אַ הענדלער. דאָס זיינען געוויינלעך יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען באַשעפטיקט אויסערן געטאָ, אין געהיים ברענגען זיי אַ ביסל ברויט.

כ'דערזע פון דער וווייטנס אַ קרענצל יידן. זיי שלאָגן זיך און רייסן זיך איבער עפּעס. איך לויף אויך צו. קיין ברויט באַווייזט איך שוין נישט צו כאַפּן. איך רוק בלויז אַריין דעם פאַרקויפער מיין לעצטן הונדערטער און וואַרט. אַלע גייען זיך פונאַנדער. איך בלייב. דער פאַרקויפער קוקט מיך אָן און פרעגט, צי דער הונדערטער איז מיינער.

— יאָ, — ענטפער איך. ער ציט אַרויס פון הינטער דער פּאָלע אַ שוואַרץ ברויט.

— זעסט, — זאָגט ער — דאָס האָב איך באַהאַלטן פאַר זיך. נאַר נעם, איך וועל זיך שוין אַן עצה געבן.

אַ גליקלעכע לויף איך אַהיים און וויז די חברים מיין געווינס. מיר צעטיילן דאָס ברויט צווישן זיך, מאַכן די לעצטע צוגרייטונגען. דערווייל קומען אַרויף חברים פון אַנדערע שטעפּער. מען קומט זיך זען, געזעגענען. שטום, מיט פייכטע אויגן, דריקן מיר זיך די הענט. יאַנקל גרושקא גייט צום בערשטער־שאָפּ, וועלוול ראַזאָווסקי און משהלע קויפמאַן — צו רעריכן, הענעך, עדזשע און איך — צו אונדזער שניידער־וואַרשטאַט. פאַוו גייט זיך אויסבאַהאַלטן. יעדער אין אַן אַנדער ריכטונג. ווער ווייסט, צי מיר וועלן זיך נאָך זען?

מיר זיינען כמעט די לעצטע אַראָפּ פון שטוב. דער הויף, די גאַסן זיינען ליידיק, פּוסט. טירן און פענצטער שטייען אָפן, עס וואַלגערן זיך זאַכן, שטיקלעך מעבל, צעריסענע ציכן, וועש. עס זעט אויס ווי נאָך אַ פּאָגראָם, און דערביי — אַזאַ פּוסטקייט, אַזאַ טויטע שטילקייט. נישט לאַנג צוריק, סך הכל מיט אייניקע מינוטן, האָט זיך דאָ געטומלט, עס

האָט געררוישט, ווי אין אַ בינשטאָק. איצט איז שטיל, קיין שום באַוועג־גונג. אויף די גאַסן דרייען זיך שוין אַרום דייטשן, זיי הייבן אָן די קאָנטראָל. מיט די קאָלבעס האַקן זיי אויף טירן, צעברעכן שויבן, קריכן אין אַלע לעכער און זוכן, צי ס'האָט זיך נישט עמיצער באַהאַלטן.

מיר פאַרשנעלערן די טריט. אָט זיינען מיר שוין אין שאָפּ. דאָ איז פול מיט מענטשן. אויף די שטיגן, אין די זאַלן, ביי די מאַשינען — אומעטום איז געפּאַקט. אַלע אַרבעטער זיינען געקומען.

ביים אַריינגאַנג שטייען ס. ס., אוקראַינער און דער דייטשישער דירעקטאָר — מורמאַן. אין איין האַנט האַלט ער אַ בייטשל, אין דער צווייטער אַ פּעקל קאַרטן. דאָס זיינען אונדזערע לעבנס־שיינען.

מיר שטעלן זיך צו פיר אין אַ ריי. אָבער באַלד ענדערט מען די אָרדענונג. דאָ הייסט מען זיך אויסדרייען, אַנידערזעצן, אויפשטעלן זיך מיט דעם פּנים צום טויער. מען מושטירט אונדז אין אַלע זייטן. ענדלעך בלייבן מיר שטיין אין איין פּאָזיציע. מען הייבט אָן טיילן.

עס ווערט אַ שרעקלעכע שטופּעריי. יעדער איינער שטויסט זיך. מען וויל זיין וואָס שנעלער פאַרבײַ. — טאָמער פעלן אויס קאַרטן. יעדע־רער איז פאַרנומען מיט זיך. עס האַנדלט זיך וועגן לעבן. מען שרייט, מען וויינט. מענטשן קושן זיך, געזעגענען זיך. אַלץ קאָכט זיך. פרויען מאַכן די לעצטע צוגרייטונגען. קעמען זיך צו, ווישן אויס די פייכטע אויגן, ציען אַרויף אַ שמייכעלע אויפן בלייכן געזיכט און מיט אַ געמאַכטן לייכטן טריט דערנענטערט מען זיך צום דייטש.

נישט אַלע מאַכן עס גוט. נישט יעדן געלינגט אָפּצונאַרן די יאָרן און נישט יעדער געפעלט אים. — פאַרצווייפלטע געוויינען פאַרהילכן די לופט. נישט אַלע באַקומען קאַרטן.

די מענטשן־כוואַליע טראָגט מיך, קוים וואָס איך כאַפּ דעם אָטעם. איך זע פאַר זיך און הינטער זיך אַ צונויפגעפּרעסטע מענטשן־מאַסע, וואָס דריקט אין איין ריכטונג.

פּלוצלונג דערהערן זיך עטלעכע שאָסן. עס ווערט אַרום מיר לויזער. די כוואַליע גיט זיך אַ וויג און בלייבט שטיין פאַרגליווערט.

— ס'איז גאַרנישט, — הער איך אַ שטים אין דייטש — איר יידן, האָט זיך אַ ביסל צו שטאַרק געאיילט, האָט מען עטלעכע דערשאָסן. מען דאַרף זיין רואיק און געלאַסן. אַלע וועט מען דערליידיקן, נאָר סאָליד זיך פאַרהאַלטן! — אַזוי באַרואיקט דער ס. ס.־פירער.

איך שטיי נישט ווייט פונעם דייטש. צעמישט און מיט אַ ציטער אין האַרצן דערנענטער איך זיך צו אים. איך שטרעק אויס מיין האַנט. איך דריי אַוועק דעם קאָפּ, בעסער אים נישט אָנקוקן. אַ סעקונדע שטיי איך אַזוי. איך פיל זיין בליק אויף זיך, באַלד, באַלד וועט זיך אַנטשיידן מיין גורל. לעבן אָדער... רעזיגנירט הייב איך שוין אָן צוריקציען מיין

האַנט, ווי איך דערפיל אין איר דאָס קאַרטל. איצט הייב איך אויף די אויגן. איך דריי זיך אויס צו הענעכן און עדזשען. זיי שטייען ווייטער. זיי האָבן געזען, עפּעס פיל איך זיך ווי שולדיק.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר עס ווערט מיר אַזוי שווער, אַזוי שלעכט. אָט בין איך איינע מיט מיין שיין, און דאָרטן — מיינע נאָענטע, די איינציק־איבערגעבליבענע חברים, זיי וואַרטן נאָך. איך לאָז זיך אַראָפּ אויפן טראָטואַר און טרערן הייבן מיר אָן רינען פון די אויגן. נאָכוואָס דאָס אַלץ? און אַז איך האָב שוין אַפילו די קאַרטע? מוז איך זיין די לעצטע וואָס דאַרף איינזאַם אַליין אומקומען? — איך קען זיך נישט באַהערשן. עפּעס האָט זיך ביי מיר אָפּגעריסן, עפּעס איז אין מיר פאַרגעקומען.

איך פיל נישט, ווי עס דערנענטערן זיך צו מיר מיינע צוויי חברים, אויך זיי האָבן באַקומען קאַרטן, איך פיל אויך נישט ווי דער צוג הייבט אָן גיין. געשלאָסן, לאַנגזאַם, מיט די קאַרטן אין די הענט, שפּרייזט מען דורך די ליידיקע, פוסטע גאַסן. די זון שיינט העל און ברענט די פאַר־שוויצטע פנימער. פינצטער און חושך איז אָבער אויפן געמיט.

מיר גייען. אָט זיינען מיר ביי ראָג סמאָטשע און גענשע. דאָ שטייען געדיכטע שפּאַלערן פון דייטשן, אוקראַאינער און יידישע פּאָליציי. דאָס איז די גרענעץ־ליניע פון זאַמל־פונקט. מיר גייען אַריין אין מענטשן־גיהנום: אָסטראָווסקע, וואָלינסקע, לובעצקע, מילע. אַ ים פון מענטשן. טויזנטער, טויזנטער. די גאָסן זיינען פול, די הויפן, די שטובן; אומעטום מענטשן; גרויס און קליין, אַלט און יונג, אַלץ צונויפגעמישט. מיר פאַרהאַלטן זיך אויף מילע גאַס. דאָ איז אונדזער פונקט. פון דאַנען דאַרף מען נאָכאַמאָל סאָרטירן. איך פּרואוו אויפזוכן באַקאַנטע פנימער. שווער, אַזוי פיל מענטשן, עס איז אוממעגלעך זיך צו באַוועגן.

מען דאַרף זיך נישט פאַרלירן. יעדער שאַפּ האַלט זיך צוזאַמען. אָבער נישט אַלע יידן זיינען אין שעפּער. איך טרעף עטלעכע פריינד. מען באַגריסט זיך, געציילטע ווערטער, עטלעכע אויפקלערונגען און מיר זעגענען זיך שווייגנדיק. אַ באַדריקטקייט און אָפּהענטיקייט פילט זיך ביי יעדערן.

פּאָו האָט זיך באַוויזן. ער וויל בעסער זיין מיט אונדז, אָבער ער איז נישט געווען אין שאָפּ, האָט ער נישט קיין קאַרטע. מיר זוכן אַן עצה. מיט וואָס קענען מיר אים העלפן? אַז אַליין ווייס מען גאָרנישט, אַליין זיינען מיר הילפלאָז און צעבראָכן. מען ווערט פאַרלוירן אין ים פון מענטשן. ער שטעלט זיך אַ ביסל ווייטער פון אונדז. קיינער ווייס נאָך נישט, ווער עס ווערט געראַטעוועט צי מיט קאַרטן צי אָן קאַרטן. אַלץ איינס מוז מען נאָך איין מאָל דורכגיין אַ קאָנטראָל.

אויף די טראָטואַרן, אויף טרעפּלעך און צווישן פּעקלעך וואַלגערן זיך קינדער און אַלטע לייט. קינדער אָן אויפזיכט שאַרן זיך אין אַלע ווינקעלעך. אַלטע לייט שלאָפן פאַרמאַטערט. די היץ איז גרויס, דער דורשט ברענט. ווער קוקט זיך אָבער אום אויף די קינדער? אַליין, פאַרוואָרלאָזט, דרייען זיך אַרום די קליינע יידעלעך אין גרויסן מענטשן־גיהנום. אַ סך זיינען אָן עלטערן; זיי האָבן זיי פאַרלוירן אָדער פאַר־לאָזן, געבנדיק די עלטערן אַ שאַנס זיך צו ראַטעווען. אויב מען האָט קינדער — איז דער גורל געחתמעט.

מוטערס רייסן זיך פאַרצווייפלט די האָר פון קאָפּ, פּאַקן די קינדער אין די רוקזעק, פאַרשטעלן מיט שמאַטעס און הענגען זיי אָן אויף די פּלייצעס. דאָס איז מעגלעך מיט קליינוואַרג, אָבער די גרעַ־סערע, די וואָס האָבן אַכט־צען יאָר? — זיי פאַרשטייען. זיי פרעגן נישט און ריידן נישט. די צעהיצטע, פאַרשוויצטע קערפּערלעך רייסן זיך אַליין אָפּ פון די עלטערן. זיי ווילן נישט שטערן. וויפל געטריי־שאַפט, פאַרשטענדעניש און האַרץ! ווי שכלדיק און רירנדיק פּרוּאוון זיי איבערצוציגן זייערע מאַמעס, זיי זאָלן גיין פאַראויס און זיי, די קליינ־וואַרג, וועלן זיך שוין ווי עס איז דורכדרייען.

דער הילצערנער פאַרקאַן מיט דעם שמאָלן דורכגאַנג ביי זאַמענ־האָף גאַס איז אַרומגעשטעלט מיט הונדערטער ס. ס., אוקראַינער, זשאַנ־דאַרמען און געשטאַפּאָ. זיי באַפעלן: לינקס, רעכטס, מ׳טיילט פונאַנדער משפחות, מען רייסט אָפּ עלטערן פון קינדער. די דייטשישע מערדער אַרבעטן ווי מאַשינען. דאָס שטעקעלע בויגט זיך נאָר פון איין ריכטונג אין דער צווייטער. מען דאַרף זיך איילן, עס זאָל נאָר נישט ווערן שפּעט. דער וועג אויף לינקס איז באַקאַנט, דאָרטן שטייען שוין הונדער־טער וואַגאָנען גרייט, לינקס איז — טרעבלינקע.

הינטער מיר הער איך אַ שטיל געשפּרעך. אַ צען יאָריק ייִנגל האַלט זיך אָן אָן פאָטער.

— איך האָב עפּעס מורא, טאַטע, זיי וועלן אונדז צעשיידן.

דער פאָטער איז צעטומלט, מיט צעעפנטע אויגן פאַרשט ער דעם פאַרקאַן. ער זעט ווי קינדער גייען אויף לינקס. אָבער ער האַלט דעם יינגלס האַנט און פּרוּאווט אים באַרואיקן. עפּעס שושקען זיי זיך. דאָס בחורל פאַרשווינדט אויף אייניקע מינוט און קומט צוריק.

— טאַטע, זיי זיינען שוין נישטאָ.

מן־הסתם איז געשיקט זיך אויסבאַהאַלטן און דער קליינער האָט שוין קיינעם נישט געטראָפן. מיר שטייען אַלע אין דער ריי. דער געשפּרעך ווערט איבערגעריסן. מען שיסט. אַלע הייבן אָן לויפן. די אין רייען קניען אַנידער. איך קני אויך. עס ווערט שטיל. עס הערט זיך נאָר דאָס קרעכצן פון די פאַרוואונדעטע. עס דויערט ביי אַ דרייסיק

מינוט. מען הייבט זיך צוריק אויף. צוריק לעבט אויף דער מענטשן־גיהנום. הינטער מיר שטייען נאָך אַלץ פּאָטער און זון.

— איך וועל גיין, טאַטע, ראַטעווע דו זיך.

— וואוהין גייסטו? — כאַפּט ער אים פאַרן אַקסל. זיינע אויגן זיינען פול מיט טרערן.

איך דריי אויס דעם קאָפּ. עס שטיקט מיר אין האַלדז. כ'האָב מורא זיך אָנצורופן. אפשר וועט מיין עצה גאָר גורם־זיין, מען זאָל ביידע אַרויספירן? דאָך קען איך זיך נישט איינהאַלטן און פּרוביר נישט דרייסט:

— ר' ייד, אפשר ציט איר אַרויף אייער מאַנטל, נעמט אים אונטער דער פּאַלע, זאָל ער זיך איינקאָרטשען, מיר וועלן אייך דאָ פּרוּוון פאַרשטעלן פון הינטן און פון פאָרנט.

— גלייך באַדויער איך וואָס, כ'האָב זיך אַריינגעמישט, אָבער פאַרפאַלן. דער ייד קוקט אויף אונדז, זיין מוח באַגרייפט עס נישט. ווי אַזוי? — מען הייבט אָן גיין. די ריי באַוועגט זיך. דער קליינער האַלט אין איין איבערחזרן:

— טאַטע, טאַטע, וואָס טוט מען?

— אַ סוף, ייד, גענומען זאָל ווערן — צעשרייט זיך הענעך — ווערט מיר דאָ נישט קיין פילאָזאָף. געהערט אַן עצה איז — געטאָן!

דער ייד נעמט דעם קליינעם. הענעך בינדט אים אַרום מיט אַ שטריק אַרום דעם טאַטנס טאַליע. מיר העלפן אַרויפציען דעם מאַנטל, גלייכן אויס די פאַלדן. הענעך מיט עדזשען, זיין פרוי, שטעלן זיך פון איין זייט, איך — פון דער צווייטער זייט. מיר נעמען דעם יידן אַרום פון אַלע זייטן. פאַרן דורכגיין דעם טויער קוועטשן מיר זיך צונויף. מיט אַ ציטער דערנענטערן מיר זיך צום אַרויסגאַנג.

די מענטשן אַרום אונדז האָבן מורא. קוים דערשנאַפּט מען, קען מען די גאַנצע גרופּע שיקן אויף לינקס. אַלע שווייגן אָבער.

און אָט זיינען מירביים טויער. הויך, אין דער רעכטער האַנט, האַלטן מיר די לעבנס־קאַרטן. ווידער זיך אָפּגעשטעלט. מען לאָזט פאַר אונדז דורך אַן אַנדער שאָפּ. מען שטופּט אונדז אויף צוריק. צונויפגעדריקט פון אַלע זייטן וואַרט מען אין אַנגסטן ביז מען וועט ווייטער הייסן גיין. פון די רייען רוקן זיך אַרויס מענטשן און ציען זיך צוריק, זיי האָבן מורא. זיי האָבן געזען, ווי מען נעמט צו די קאַרטן פון עלטערע אויסגעמאַטערטע און מען גיט זיי אָפּ יינגערע. זיי לויפן זיך באַהאַלטן. פון פענצטערס, באַלקאָנען קוקט מען, ווי אַזוי עס גייט צו די קאָנטראָל. מען דאַרף לערנען, נישט זיין פון די ערשטע. מיר אָבער אין דער ריי שטייען פאַרשמאַכטע, מיט שרעק אין האַרצן, און וואַרטן. באַלד וועט זיין די אַנטשיידונג. לעבן אָדער... ניין, נישט טראַכטן. האַלטן זיך, האָבן אַן אויסזען. מיר גייען.

פאַר אונדז און פון ביידע זייטן זאַמענהאָף שטייען שפּאַלערן פון דייטשישע געשטאַפּאָ און העכערע ס.ס.־אָפיצירן. זיי קוקן, קאָנטראָלירן און שלעפּן אַרויס פון די רייען. מיר דאַרפן דורכגיין צווישן זיי. איצט זיינען אונדזערע בליקן אָנגעשטעלט אויפן שטעקעלע פון דייטש. נעבן אים שטייט דער דייטשישער הויפּט־אייגנטימער פון אונדזער שאָפּ, טעבענס אַליין.

מיר קוקן אויפן דייטשן שטעקעלע, ר ע כ ט ס — ווייזט עס.



יידן אויפן וועג צו דער גרויסער סעלעקציע אויף מילע גאַס, וואו די דייטשן באַשטימען: ווער צום לעבן, ווער צום טויט.

מיר שטופן דעם יידן שנעל אַריבער אויף דער צווייטער זייט, אויף דער שמאָלע מילע גאַס. דאָ זיינען מיר געראַטעוועט. פאַר האָט אין דער לעצטער מינוט אויך באַקומען אַ קאַרטע. אוקראַינער באַוואַכן אונדז. צען מינוט גייען מיר אויף דער אויסגעליידיקטער שמאָלע מילע גאַס. מען טאָר זיך נישט אָפּשטעלן. דער ייד קוקט זיך אום אין אַלע זייטן, קנעפּלט אויף דעם מאַנטל, קושט דאָס קעפּעלע פון קינד און וויינט.

— ר׳ ייד, אַ ביסל פאָרזיכטיקער, דער אוקראַינער איז נאָענט.

מיר פאַרשטעלן שנעל דעם טאַטן און גייען ווייטער.

אויף גענשע־זאַמענהאָף דערזע איך פלוצלונג אַן אַלטיטשקע גיין איינע אַליין. וואו האָט זי זיך גענומען? זיכער געבליבן אין שטוב און איצט זוכט זי אַ באַהעלטעניש. פאָלג איך, פול מיט שרעק, נאָך אירע לאַנגזאַמע טריט. מען זאָל זי נאָר נישט באַמערקן. אָבער וואו? די גאַס איז פוסט און זי וואַרפט זיך אין די אויגן. גראָד פאָרן פאַרביי

צוויי דייטשישע אויטאָס. מען האָט זי דערזען! אַ יונגער דייטש שפּרינגט אַרויס, רופט די אַלטיטשקע. זי הערט נישט, זי שפּרייזט איר וועג. דער דייטש יאָגט זי אָן, כאַפּט אַרויס דעם רעוואָלווער און שיסט אויס צוויי מאָל. די אַלטיטשקע פאַלט אין אַ קאַלוזשע בלוט. אַ רואיקער גייט דער דייטש צוריק אַריין אין זיין מאַשין און פאָרט אָפּ.

שנעל האָט זיך דאָס אַלץ אָפּגעשפּילט. מיר קענען נישט צוגיין צום טויטן קערפּער. די אוקראַינער לאָזן נישט. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ שאַרט מען זיך פאַרביי דער אַלטיטשקער.

אַ גאַנצע וואָך פון 6־טן ביזן 12־טן סעפּטעמבער האָט געדויערט דאָס סאָרטירן. ספּעציעלע קאָלומנעס ס. ס. און אוקראַינער האָבן גע־זוכט אין די וואוינונגען, גענישטערט אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך. וואו זיי האָבן נאָר עמיצן געפונען, האָבן זיי אים דערשאָסן אויפן אָרט. יידן זיינען אומגעקומען אין די באַהעלטענישן פון הונגער און דורשט. אָן אויפהער האָבן זיך געצויגן שוואַרצע וועגענער, וועלכע האָבן געקליבן די טויטע פון די גאַסן. אַ וואָך צייט האָט געדויערט דער שוידער־לעכער מענטשן־גיהנום. עס זיינען אין דער דאָזיקער קורצער צייט אַרויסגעפירט געוואָרן ביי זעכציק טויזנט יידן און פיר טויזנט זיינען אומ־געקומען אויפן אָרט פון קוילן אָדער פון הונגער.

## קאַפּיטל עלף

# אַ נייער רוף — אַנטקעגנשטעלן זיך

צוריק אין שאָפּ. ס׳אַראַ שרעקלעכן חורבן ס׳האָט אָנגעמאַכט די גרויסע אויסראַטונג — די ס ע ל ע ק צ י ע א ו י ף ד ע ר מ י ל ע ג אַ ס! אַזוי פיל מענטשן פעלן, אַזוי פיל באַקאַנטע, נאָענטע זיינען אַוועק! ערשט נעכטן זיך געזען, היינט זיינען זייערע אַרבעטס־פּלעצער ליידיק. מיר ציילן מיט די אויגן די איבערגעבליבענע און עס שטיקט אין האַלדז. די שטילקייט אין זאַל ווערט כסדר איבערגעריסן דורך אַ ספּאַזמאַטישן געוויין. יעדע מינוט דערמאַנט זיך אַן אַנדערער אין זיין אומגליק, באַהאַלט דעם קאָפּ צווישן די הענט און שלוכצט:

— עס ווילט זיך נישט נייען. נאָך וואָס? סיי־ווי־סיי נעמט מען צו. נאָך וואָס זיך ווייטער נאַרן, אַז די דייטשן דאַרפן גאָרנישט אונדזערע אַרבעטס־הענט!

דער דייטשישער דירעקטאָר מורמאַן לויפט דענערווירט איבער די זאַלן. ווען ער טרעפט אָן שלאָגט ער און שרייט: אויב די מאַשינען וועלן זיך נישט דרייען שליסט ער דעם שאָפּ. טעמפּ און אָפּהענטיק נעמט מען אָן זיינע דראָאונגען. מיר זיינען גלייכגילטיק.

אין די אָוונטן לויף איך אויפן געביט פון שולץ־שאָפּ זיך דער־ וויסן, ווער ס׳איז געבליבן. אומעטום איז דער חורבן גרויס. מען האָט אין דעם „קעסל" צוגענומען אַ סך חברים. צווישן זיי אויך: אַבראַמעק באַרטנשטיין מיט פרוי און קינד, מאַניע וואַסער מיט דער טאָכטער, אַנקע וואַלקאָוויטש, מיכעלסאָן און יאַנקל גרושקאַ. זיי אַלע האָט מען געשיקט אויף „לינקס" צוזאַמען מיט אַנדערע חברים פון דעם בערשטער־ שאָפּ.

כאָטש דער אומגליק איז גרויס און דער יאוש דריקט און פּרעסט אויף דער נשמה, גייט אָבער דאָס לעבן ווייטער אָן. **ווי איז צום לעבן!** אָן אַ ברעקל האָפענונג, פול מיט ווייטיק, פילט מען באַשיינפּערלעך, ווי מען ווערט כסדר אָפּגענאַרט, פאַרפירט ביז דעם לעצטן ראַנד פון טויט־אָפּגרונט.

אָט אין דער דאָזיקער צייט, ווען מען זעט נישט פאַר זיך קיין

שום רעטונג, ווען מען ווייס, אַז אויף אַלעמען וואַרט איין און דער זעלבער גורל — דער וועג קיין טרעבלינקע, הערט מען אַלץ אָפטער צווישן די פאַרבליבענע געטאָ־יידן מיינונגען :

— אויב שוין אומקומען, זאָל זיין מיט ווירדע, זאָל כאָטש דער שונא באַצאָלן אַ טייערן פּרייז פאַר אונדזער לעבן ! —

אַ פּונקט, וואָס האָט פון לאַנג געטליעט נאָך אין די שווערע, רואי־קע געטאָ־צייטן, הייבט אָן אַלץ שטאַרקער אויפצופלאַקערן :

— אַנטקעגנשטעלן זיך ! ...

דער געדאַנק וועגן אַנטקעגנשטעלן זיך דעם דייטש איז אַנטשטאַנען אַ סך פריער. שוין אין אָנהייב 1942־טן יאָר, ווען עס זיינען דער־גאַנגען ידיעות וועגן אויסמאָרדן יידן פון וואָלינער, לעמבערגער און ווילנער געגנטן, זיינען זיך יידישע פאַרשטייער פון פאַרשיידענע אונ־טערערדישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס צוזאַמענגעקומען און אַרומגע־רעדט די פראַגע וועגן שאַפן אַן איינהייטלעכן קאַמפּס־בלאָק, וואָס זאָל צוגרייטן דעם געטאָ צו אַן אַקטיוון אַרויסטריט קעגן דייטש. פאַר אייניקע איז דאָן שוין קלאָר געווען, אַז דער דייטשישער מעטאָד פון פאַרניכטונג וועט זיך נישט באַגרענעצן צו די יידן פון די מזרח־געביטן פון פּוילן, ער וועט וואַרשיינלעך אַרומנעמען וואַרשע און אַנדערע געטאָס.

געווען אָבער דאָן פאַרשטייער, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז אַזאַ אַרויס־טריט איז פּריצייטיק, אַז מען קאָן נישט נעמען די אחריות פאַר פול־שטענדיקער פאַרניכטונג פון אַלע אָן אויסנאַם יידן, וואָס קאָן קומען כלומרשט אַלס שטראָף פון די דייטשן. מען האָט אויך געטענהט, אַז אַ געלונגענער ווידערשטאַנד קען נאָר פאַרקומען אין אַ פאַרשטענדיקונג און צוזאַמענאַרבעט מיט פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס .

און כאָטש עס איז דעמאָלט נישט געקומען צו קיין צווישנפּאַרטיי־אישער פאַרשטענדיקונג, זיינען אָבער ביי דעם אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק פון ציוניסטן און קאָמוניסטן, וואָס האָט זיך דאָן געשאַפן און ביים „בונד״, אַנטשטאַנען באַזונדערע געהיימע „פינפטלעך״ פון יוגנטלעכע, וועמען מען האָט געגעבן אַ מיליטערישע אויסשולונג.

דער צווייטער פּרוּאוו פון צווישן־פּאַרטייאישער פאַרשטענדיקונג איז געמאַכט געוואָרן אין חודש יולי 1942, ווען אין וואַרשע האָט זיך אָנגעפאַנגען די דייטשישע אויסזידלונג. ווידער איז געשטאַנען די פראַגע וועגן ווידערשטאַנד און ווידער איז צו קיין קאָנקרעטער טאַט נישט געקו־מען. ס'איז שווער געווען פאַר די יידישע פאַרשטייער אַרויספירן אין טויט־קאַמף, די יעניקע, וואָס האָבן געהאָפט צו בלייבן לעבן. דער געטאָ האָט דאָן געגלייבט, אַז עס איז בלויז אַ פראַגע פון אַרויספירן 60—70 טויזנט, די איבעריקע טיילן פון דער באַפעלקערונג וועלן דאָך בלייבן.

איז ווי־זשע קען מען אויף זיך נעמען די רעכט פון איינשטעלן דעם גאַנצן וואַרשעווער געטאָ צוליבן אַקטיוון ווידערשטאַנד?

די אויסזידלונג איז דערווייל אָנגעגאַנגען. דורך דער גאַנצער צייט פון דער דעפּאָרטאַציע האָבן זיך געהערט מוטיקע רופן פון דער אומלעגאַלער יידישער באַוועגונג — „בונד", „החלוץ" „דרור", „השומר הצעיר", קאָמוניסטן און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, — מען זאָל נישט גלייבן דעם דייטש, אָט די שטימען האָבן געוואָרנט, אַז דאָס אַרויספירן באַדייט טויט און האָבן גערופן זיך אַנטקעגנשטעלן. די וואָרנונג איז אָבער נישט געהערט געוואָרן. דער ווילן צו לעבן איז ביי אַלעמען געווען אַזוי שטאַרק, אַזוי עקשנותדיק, אַז ער האָט פאַרשטעלט די שווידערלעכע ווירקלעכקייט.

קעמפן מיטן דייטש, דאָס באַדייט דאָך טויט! — און דעם געדאַנק האָט מען געטריבן פון זיך.

ניין, אַזוי פיל זיך געמאַטערט — ווילט זיך נישט אומקומען! לעבן, לעבן! ביי אַלע באַדינגונגען! ווייל אפשר דאָך...

אַזוי האָט די האָפענונג, אַז מען וועט טראָץ אַלעמען אפשר איבערהאַלטן, כמעט אינגאַנצן פאַרטויבט די שטים פון די אויבן־אויסגערעכנטע אָרגאַניזאַציעס.

עס טויכט אויף אין מיין זכרון אן איינצלנער פאַל ביי אונדז אין שאָפּ, ווען מען האָט פּרובירט צו וואָגן:

אונדזער שאָפּ איז פּלוצלונג אַרומגערינגלט געוואָרן פון דייטשן און אוקראַינער. עס איז געוואָרן אַ בהלה, די אַרבעט איז איבערגעריסן געוואָרן. דער עולם איז זיך צעלאָפן איבער די זאַלן זוכן ערטער, וואו זיך צו באַהאַלטן. אַלע האָבן געציטערט פאַר דער אָנקומענדיקער „סעלעקציע". ס'איז נישט געווען וואו זיך צו פאַרשטעקן. גוטע באַהעלטענישן זיינען געווען נאָר עטלעכע און די האָבן פאַרכאַפּט די שאָפּ־אָנפירונג. פאַרצווייפלטע האָט מען זיך צוריק אומגעקערט צו די מאַשינען. פּ אַ ו ל, ה ע נ ע ך, ע ד ז ש ע און איך האָבן באַשלאָסן צו בלייבן אין זאַל, נישט לאָזן זיך אַוועקנעמען פון אַרבעטס־פּלאַץ אפילו ווען מען וועט שיסן. הענעך איז אַרויף אויף אַ שטול און אָנגעהויבן שנעל אַרויסוואַרפן פון זיך ווערטער:

— איר ווייסט דאָך וואוהין מען שיקט אַרויס! טויט דערוואַרט אונדז! פאַרבלייבט דאָ אין זאַל! ווען די דייטשן וועלן קומען, זאָל זיך קיינער נישט רירן פון די ערטער! איר הערט?! נישט לאָזן זיך אַרויספירן!...

ווען ער האָט געענדיקט, האָט אין זאַל געהערשט אַ טויטע שטילקייט. איינער האָט דעם צווייטן פאַרחידושט אָנגעקוקט און עפּעס זיך נישט געקענט גלייבן. איך אַליין האָב זיך אויך געוואונדערט אויף הענעכס דרייסטקייט:

אין אונזער זאַל זיינען דאָך דאָ פאַרשיידענע מענטשן! אַ סך זיינען דאָך פרעמדע, פשוטע אַרבעטער!

ס'איז געווען שווער צו דערגיין פון זייער עקשנותדיקן שוויגן, צי זיי שטימען איין אָדער נישט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילע שושקע־ריי. מיר פיר זיינען געזעסן שטום, געקוקט אויפן זאַל און געוואַרט.

אין קאָרידאָר איז געוואָרן אַ געלאָף. די טיר האָט זיך געעפנט און אַ נערוועזע שטים האָט אַריינגעשריען: „די דייטשן זיינען שוין אויפן פאַרטער, אַלע דאַרפן אַראָפגיין אויפן הויף!"

אַ סעקונדע האָבן זיך איבערגעקוקט צעשראָקענע אויגן, גלייך האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן צו די טירן. מיר זיינען אַליין געבליבן אין זאַל. נאָך עטלעכע מינוטן זיצן האָבן מיר זיך אויך אויפגעהויבן און אַרויס צוזאַמען מיט אַנדערע אויפן הויף.

צום גליק האָט אין יענעם טאָג די דייטשישע סעלעקציע זיך באַגרענעצט בלויז צום פאַרטער. אָבער מיר האָבן דאַן געזען, ווי די מורא פאַר אויפגעבן דעם שפּליטער פון האָפענונג אויף ווייטער בלייבן לעבן, אז זי איז שטאַרקער ווי די שרעק פאַר סעלעקציע. דער טראַגי־שער געראַנגל, די כסדרדיקע קלעפּ, האָבן צעטרייסלט דעם גלויבן אין אייגענעם איך. מיר האָבן זיך געפילט הילפלאָז. אונדזער גורל איז אינגאַנצן געווען אָפּהענגיק פון דייטשישן ווילקיר.

אין אַ געוויינלעכן אומרואיקן טאָג אַרום עטלעכע און צוואַנציקסטן אָקטאָבער קום איך אַ היים פון שאַפּ. אין שטוב וואַרט אויף מיר אַ קורץ בריוול. חבר אַבראַשאַ בלום וויל זיך זען מיט מיר.

אַבראַשאַ בלום אַרבעט ביי די בערשטער. ער איז דער אָנגע־זעענסטער פירער און די נשמה פון דער אומלעגאַלער בונדישער אַרבעט. שוין עטלעכע מאָל, ווי מען האָט אים געשלעפּט צו די וואַגאָנען. ער האָט זיך אָבער אַלעמאָל אַרויסגעדרייט. איצט רופט ער מיך. מסתמא איז עס אַ וויכטיקער ענין.

איך עס שוין גאָרנישט נאָר לויף שנעל אַראָפּ אויף דער גאַס. כ'מוז וואַרטן אויף די גרופּן, וואָס אַרבעטן אויסערן געטאָ, זיי זאָלן מיך מיט־נעמען. אַליין טאָר מען נישט גיין.

בליך־שנעל, דער גרופּן־פירער זאָל מיך נישט זען, גנבע איך זיך אַריין אין דער ריי. געוויינלעך טאָרן אין דער גרופּע נישט זיין קיין מענטשן פון אַנדערע אַרבעטס־פּלעצער. עס דערוואַרט נאָך אַלעמען אַ צווייטע קאָנטראָל, וואָס קומט פאַר אין געטאָ גופא ביי זאַמענהאָף־גענשע גאַס.

דער פריערדיקער געטאָ איז איצט איינגעטיילט אין צוויי טיילן. איין טייל איז דאָרט, וואו עס זיינען די פאַבריקן און וואוינונגס־בלאָקן פון „טעבענס", „שולץ" און „רעריך". דער צווייטער טייל איז דער אַזוי־

גערופענער „ווילדער געטאָ". דאָרטן וואוינען די „פּלאַצוואָוקאַשעס", די וואָס אַרבעטן אויף דער אַרישער זייט און די וואָס האָבן נישט קיין שעפער און באַהאַלטן זיך אויס, די אַזוי־גערופענע „ווילדע".

מיר מאַרשירן דורך ליידיקע אָפּגעשטאַרבענע גאַסן. סמאָטשע, נאַוואָליפּקי, זאַמענהאָף — דאָ וואוינט איצט קיינער נישט. די פיר־שטאָקיקע הייזער שטייען איצט ליידיק, פינצטער און פאַרחושכט. פּוסט און טרויעריק קוקן די שוואַרצע אָפענע פענצטער־לעכער. אַן אומעט ווייעט פון דאָרטן.

— ווי לאַנג איז דאָס געווען, ווען די דאָזיקע גאַסן זיינען געווען איבערפולט מיט יידן? מען האָט דאָ געאַרבעט, געהאַנדלט, געמאַכט פּלענער, געגלייבט און געהאָפט, אַז מען וועט סוף־כל־סוף בייקומען דאָס שלעכטס. היינט איז דאָ פּוסט, טויט, נישטאָ שוין קיין יידן. זיי זיינען אַוועקגעשלעפּט געוואָרן אין די גאַז־אויוונס!...

עס איז שוין גוט טונקל געווען, ווען איך בין אָנגעקומען אויף מילע 5. דאָ, אין דער וואוינונג פון חבר פּילאָזאָף, אַ געוועזענעם בונ־דישן יוגנט־טוער פון לאָדזש, האָב איך געדאַרפט טרעפן דעם חבר אַבראַשאַ.

אין פּילאָזאָפס קליין צימערל האָבן שוין געוואַרט עטלעכע חברים, אַלטע גוטע פריינט, געצייכלטע איבערגעבליבענע יוגנט־טוער פון דער אומלעגאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איך האָב זיך שוין לאַנג מיט זיי נישט געזען. כמעט יעדער אַרבעט אין אַן אַנדערער דייטשישער פאַבריק.

אָט איז לייבל שפּיכלער, מיטגליד פון אומלעגאַלן וואַרשעווער „צו־קונפט"־קאָמיטעט. ער דערציילט משהלע קויפמאַן און וועלוול ראָזאָוו־סקין מיט שטילער געצווימטער פרייד, ווי אַזוי עס האָט זיך אים איינ־געגעבן צו פאַרזיכערן זיין פיר־יעריק יינגעלע.

לייבל אַרבעט אויסערן געטאָ, אין אַ דייטשישער אַמוניציע־פאַבריק. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט אַ פּוילישן אַרבעטער און נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען לסוף געפּועלט, אַז יענער זאָל פאַר אַ סומע געלט אויסבאַהאַלטן זיין קינד.

— ליידער זיינען דאָ זייער שוואַכע אויסזיכטן פון קענען זיך ביי פּאָליאַקן איינאָרדענען, זיי האָבן שטאַרק מורא — דערקלערט לייבל.

פּילאָזאָף, וואָס פאַרהענגט גראַד דאָס פענצטער מיט אַ טונקעלער טוך, דערציילט וועגן זיינע אייגענע דערפאַרונגען מיט קריסטן. ער אַרבעט אויך אויסערן געטאָ אין אַ דייטשישן שוסטער־וואַרשטאַט און דאָרטן וויזן גראַד די פּוילישע פאַבריקס־חברים אַרויס אַ פאַראינטערע־סירונג צו די יידישע מיטאַרבעטער. זיי טיילן זיך מיט זייער אָנבייסן,

העלפן זיי אַרויס אין דער אַרבעט און נעמען זיך שטאַרק איבער מיט די געטאָ־געשעענישן. זיי גלייבן, אַז מען וועט נישט אַלע יידן אַרויספירן.

אין אַ ווינקל זיצן פּאַוו און גריליאַק און לייענען אַ דייטשישע צייטונג, וואָס פּילאַזאָפן איז געלונגען אַריינצושמוגלען אין געטאָ אַריין. גריליאַק רעדט זעלטן, ער איז אַ שווייגער, אַן ערנסטער פּאַראַנטוואָרטלעכער מענטש, לאַנג־יעריקער טוער פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. ביידע שמועסן איצט וועגן דייטשישן קריגס־פראָנט. „אויב בלייבן זיי ווינטער שטעקן אין רוסלאַנד, וועלן זיי קיין האַניק נישט לעקן”. — הער איך פּאַווס שטילע שטים. לעבן זיי דרייט זיך מארעק עדעלמאַן, אַן אַקטיווער דרייסטער טוער אויף פיל געביטן פון פּראַקטישער בונדישער אַרבעט. אויך איצט, בעת די אַקציעס, לויפט ער אַרום איבער די גאַסן און באַזאָרגט זיינע נאָענטע חברים מיט געשטעמפּלטע שטיקלעך פּאַפּיר, וואָס קענען אַ מאָל אָפּראַטעווען פון אַרויספירן.

אַלע זיינען צעהיצט, צעטומלט, מען איילט פון איין חבר צום צווייטן, עפּעס פרעגן, ענטפערן, הערן. זעלטן ווען מען טרעפט זיך איצט צוזאַמען, ווילט זיך טאַקע וואָס מער אַריינכאַפּן, דערוויסן. מאָרגן וועט מען דאָך אפשר איינגאַנצן נישט זיין. איצט אָבער נעמט מיך אַרום אַ וואַרעמע היימישקייט, כ'דריי זיך צווישן מיינע פריינד, כאַפּ אויף זייערע אָפּגעהאַקטע זאַצן, עס דערמאָנט אַזוי אין יענע נאָרמאַלע פאַר־מלחמהדיקע צייטן. כאָטש מען איז אַזוי געשמאַק פאַרטאָן אין געשפּרעכן, מערקט זיך אויף אַלע פּנימער אַן אומגעדולדיקייט. אַלע וואַרטן אויף אַבראַשע בלום. ענדלעך באַווייזט ער זיך. זיין הויכע פיגור איז געוואָרן ווי נאָך מער אויסגעצויגן, זיין געזיכט איז בלאַס אָבער רואיק. גלייך ווערן די געשפּרעכן איבערגעריסן. מען פאַרריגלט די טיר. אַבראַשע כאַפּט אַ קורצן ווערטער־אויסטויש מיט אייניקע פון די אַנוועזנדיקע. חברה זעצט זיך אויס. טייל אויפן בעט, אַנדערע אויפן פענצטער. אין צימער הערשט איצט אַ טויטע שטילקייט. אַלעמענס בליקן זיינען געווענדעט צו אַבראַשען. ער הייבט אָן ריידן.

מיר איז אוממעגלעך ווערטלעך איבערצוחזרן אַבראַשעס רייד. פאַר מיר זיינען זיינע אַרויסגעזאָגטע ווערטער געווען ווי אַ כוואַליע, וואָס האָט מיך פאַרגאָסן און אינגאַנצן צעטומלט. כ'געדענק, ווי איך האָב יעדע ווייל געמוזט אין דער שטיל איבערפרעגן מיין שכן און בעטן מיר אויפקלערן אין וואָס עס גייט. עפּעס האָב איך אין אָנהייב נישט געקענט באַגרייפן דאָס נאָר וואָס געהערטע. איך בין גלייך מיט אַלע געזעסן שטיל און אויפמערקזאַם געשלונגען יעדעס וואָרט און דאָך האָב איך זיך נישט געקאָנט צוזאַמענעמען. אַ מאָדנע אָפּגעטעמפּטקייט האָב איך געפילט. די גאַנצע געהיימע פאַרזאַמלונג, די ערנסטע אַטמאָספער, די נייע געהערטע רייד, זיינען געווען אַזוי אַנדערש פון דער קאַשמאַרער

טאָגטעגלעכקייט, אַז עס האָט געדויערט אַ לאַנגע ווײַלע, ביז איך בין בכוח געווען זיך פונאַנדערצוקלייבן אין אינהאַלט און אין צוועק פון דעם דאָזיקן צוזאַמענטרעף.

חבר אַבראַשאַ גיט איבער, אַז עס איז אין געטאָ געשאַפן געוואָרן אַן אַלגעמיינער ייִדישער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט, אין וועלכן עס גייען אַריין פאָרשטייער פון פאַרשיידענע פּאָליטישע גרופּירונגען. דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט פאַר אַן אויפגאַבע: צונויפצונעמען אַלע איבערגעבליבענע כוחות און אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.

— מער טאָר מען זיך נישט לאָזן נעמען, מיט געווער אין האַנט מוז מען זיך אַנטקעגנשטעלן — דער געטאָ וויס שוין וואוהין עס פירט דער וועג פון די וואַגאָנען!...

צווישן דעם קליינעם הייפעלע איבערגעבליבענע ייִדן, וואָס האָרע־וועט אין די ווערקשטאַטן און קלאַמערט זיך נאָך אַלץ אָן דער שוואַכער האָפענונג פון לעבן, הייבט שוין אָן אַלץ מער און מער אַריינצודריגגען דער גרויזאַמער אמת פון גאַז־קאַמערן, טויט־לאַגערן — אומקום!!!

— אָבער אויך אומקומען דאַרף מען קענען — רעדט ווײַטער אַבראַשאַ. דער גאַנצער עולם זיצט ווי צוגעשמידט צום אָרט.

— עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע אונ־טערליגט דעם קאָאָרדיניר־קאָמיטעט. זי וועט דאַרפן אָרגאַניזירן די צוגרייטונגען און דורכפירן די מיליטערישע אויסשולונג, צוגרייטן די ייִדן צום קאַמף.

מיך מאַטערט כסדר איין און די זעלבע פראַגע: וויפל זיינען מיר דאָס געבליבן? אַ קליינטשיק גרופּקעלע צעבראָכענע טוער. וועלן מיר דען זיין בכוח עפּעס צו טאָן?

און גלייך ווי אַן ענטפער קומען חבר אַבראַשעס רייד:

—אמת, מיר זיינען ווייניק, דער גרעסטער טייל פון אונדזערע מיטגלידער און טוער זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן. אָבער מיר זיינען נישט אַליין. אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און גרופּירונגען האָבן זיך אויך שוין אָנגעהויבן צו גרייטן. מיר מוזן איצט פירן די אַרבעט מיט די, וועלכע זיינען געבליבן אין די שעפּער; אין די פאַבריקן, דאָרט, וואו עס אַרבעטן אונדזערע מענטשן, מוז מען אָרגאַניזירן גרופּן, וועלכע מען דאַרף צוגרייטן צו אַן אַקטיוון קאַמף. מען מוז איינשאַפן געווער, אָנקניפּן אַן ענגערן קאָנטאַקט מיט דער אַרישער זייט און ווי ווייט מעגלעך אַרויס־נעמען פון געטאָ פרויען און קינדער, וואָס זיינען אין קאַמף נישט נויטיק.

איך זיץ און הער צו מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. יאָ, נישט איינמאָל בין איך אין מיין ווייטיק, ווען מען האָט פון מיר אַוועקגעריסן מיינע נאָענטסטע, גרייט געווען זיך צו וואַרפן אויפן דייטש. אָבער קיינ־

מאָל איז עס נישט ביי מיר און אויך נישט ביי אנדערע, וועלכע האָבן דאָס זעלבע דורכגעלעבט, דערגאַנגען צו אַ ממשותדיקער טאָט.

איצט גרייט מען זיך צו מעשים. דאָס שטילע כסדר דרעמלענדיקע געפיל, וואָס יעדער האָט געטראָגן ביי זיך אין האַרצן — די נישט געשטילטע נקמה — האָט איצט אָנגענומען בלוט און פלייש; מיר האָבן זיך איינגעלעבט מיטן געדאַנק וועגן טויט, מען האָט אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז אַלע וועגן פירן צו אים. ביי די אָנוועזנדע זיינען די פּנימער פול מיט פאַראַנטוואָרטלעכער ערנסטקייט. אַ העל פייערל האָט זיך אָנגע־צונדן אין זייערע אויגן. צווישן עולם הערשט ווייטער אַ שטילקייט. מען קוקט זיך איבער, אָבער קיינער וואָגט נישט צו נעמען אַ וואָרט. די שטילע ערנסטע אַטמאָספער שטרייכט אַמבעסטן אונטער דעם איינ־דרוק, וואָס אַבראַשעס רייד האָבן איבערגעלאָזט. ניין, נישטאָ קיין ספקות בנוגע דעם געזאָגטן! שוין אויף פריערדיקע צוזאַמענטרעפן האָט מען אַרומגערעדט די דאָזיקע פראַגע.

ביסלעכווייז אַנטוויקלט זיך אַ לעבהאַפטער שמועס וועגן דעם אופן פון אָוועקשטעלן קאַמפּס־גרופּן. עס ווערן באַשטימט חברים, וואָס דאַרפן אין זייערע אַרבעטס־פּלעצער איבערנעמען די פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט, פאַר פאַרווירקלעכן די פריער אויסגערעכנטע אַרבעטן.

ח׳ גרילאַק ווערט צוגעטיילט צום בערשטער־שאָפּ, אברהמטשע פיינער — צו שולצס־שאָפּ, פּאַוו צו „טעבענס״ שאָפּ, מוישעלע קויפמאַן און וועלוול ראָזאָווסקי צו „רעריכס״ שאָפּ. כמעט יעדער פון די אָנוועז־זענדע באַקומט זיין געביט פון אַרבעט. די זיצונג ענדיקט זיך. צעהיצטע, אַ ביסל אויפגערעגטע, שמועסן נאָך די אָנוועזנדע צווישן זיך וועגן די פאַרשטייענדיקע אַרבעטן. מיר האָט מען גאָרניט צוגעטיילט. עפּעס פיל איך זיך אין דער גאַנצער געהויבענער טומלדיקער שטימונג נישט גוט. געבליבן איינע אַליין אָן אַרבעט! איך וויל שוין אַוועקגיין. אַבראַשאַ שטעלט מיך אָפּ.

— הער זיך צו — זאָגט ער — דו זעסט אויס ווי אַ קריסטין, וואָלסט געוואָלט אַריבערגיין אויף דער אַרישער זייט? דאָרטן וועסטו קע־נען עפּעס טאָן. האָסט דאָך געהערט וועגן אונדזער פאַרשטייענדיקער אַרבעט.

— זיכער וויל איך — ענטפער איך צעטומלט — אָבער ווי אַזוי?

— קיינער דאַרף וועגן דעם נישט וויסן. אין אייניקע טעג אַרום וועסטו באַקומען פרישע אָנווייזונגען — ענדיקט אַבראַשאַ.

איך פרעג שוין מער גאָרנישט. איך הייב זיך אויף און מיט פייכטע אויגן דריק איך זיין האַנט.

— איז עס טאַקע מעגלעך, אַז איך זאָל אַרויס פון געטאָ, אַוועקגיין פון שאָפּ, פון די טאָג־טעגלעכע אַקציעס, פון דעם שרעקלעכן געטאָ־גיהנום?

אַ גאַנצע נאַכט טראַכט איך וועגן דער פאַרגעקומענער זיצונג, וועגן חבר אַבראַשעס פאָרשלאָג און וועגן דער געוואָגטער טאַט, וואָס גרייט זיך...

### קאַפּיטל צוועלף

# אַרויס פון געטאָ

עטלעכע וואָכן שפּעטער. עס איז צען אַ זייגער ביינאַכט. איך בין אין שטוב. מען קלאַפּט, איך עפן אויף. אַ הויכער מאַן שטייט אין טיר און פרעגט זיך אויף מיר. איך דערקען נישט ווער דאָס איז. אין קאָרידאָר איז טונקל, נישטאָ קיין ליכט. איך פאַרבעט דעם מאַן אין צימער. און דאָ — ס'אַראַ איבעראַשונג! ס'איז דאָך מיכאל קלעפּפּיש! אַ לאַנג־יעריקער בונדישער טוער אין דער יידישער אַרבעטער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „מאָרגנשטערן", פון פאַך אַן אינזשעניער.

— אָ, מיכאל, וואָס טוסטו איצט, ווי קומסטו אַהער? ביזט דאָך שוין לאַנג אַרויס פון געטאָ! וואָס מאַכט דיין פרוי, דיין קינד? — איך פאַרשיט אים מיט פראַגן.

— איך בין געקומען צו דיר, פייגעלע — איז זיין ענטפער — גרייט זיך צו. אין צוויי טעג אַרום גייסטו אַרויס פון געטאָ. איך וועל אין משך פון די טעג דיר מאַכן פּאַפּירן און פרוואוון איינמעלדן אויף דער פּוילישער זייט.

מיין האַרץ גיט אַ שפּרונג גלייך ווי עס וואָלט שוין געוואָלט אַרויס. איך גלייב קוים מיינע אייגענע אויערן.

— אַלזאָ — רעדט ווייטער מיכאל — זיי גרייט. איך וועל דיך אָפּוואַרטן אַכט פרי ביים געטאָ־מויער. דו דאַרפסט אַרויסגיין מיט אַן אַרבעטס־גרופּע. אַזוי איז אָמבעסטן.

— אָבער מיכאל, אויב איך וועל דיך נישט געפינען, לאָז מיר איבער אַן אַדרעס, איך זאָל האָבן וואו אַריינצוגיין.

מיכאל פאַרטראַכט זיך, זיינע בלויע שמייכלדיקע אויגן ווערן ערנסט.

— זעסט — זאָגט ער — מיר האָבן נאָך קיין שום דירות נישט צוגעגרייט. אַליין וואוין איך ביי עמיצן אין אַ קעלער. אָבער זאָרג נישט, כ'וועל דיר געבן מיין אַדרעס. געדענק אויפן קאָפּ. קיין שום פאַר־שרייבן.

— איך חזר איין די גאַס און דעם נומער פון דעם הויז, וואו מיכאל וואוינט: גורנאָשליאַנסקע נומער 3.

איך בעט מיכאַלן נאָך אַ ביסל צו פאַרבלייבן. ער איילט זיך אָבער. ער מוז זיין ביי די ברשטער, ער דאַרף זיך זען מיט אַבראַשען. עס איז שפּעט. איך באַגלייט אים אַרויס אויף דער גאַס. ער שליסט זיך אָן אין דער לעצטער גרופּע, וואָס קערט זיך אום פון דער אַרבעט און פאַרשווינדט אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

צוויי טעג טיילן מיך אָפּ פון אַרויסגיין פון געטאָ. איך פיבער אינגאַנצן. אויך מיינע אַרבעטס־חברים האָבן געהיימניספולע געזיכטער. זיי אָרגאַניזירן די ערשטע געהיימע קאַמפּס־גרופּע אין „טעבענס" שאָפּ. מיין קאָפּ איז כסדר פאַרנומען מיט געדאַנקען און פּלענער. איך דריי זיך אַרום אַ פאַרטראַכטע ביי דער אַרבעט. אָפּט דערנענטער איך זיך צום פענצטער פון וואַנען עס זעט זיך דער געטאָ־מויער לענג־אויס זשעליאַזנע גאַס און כאַפּ אַ קוק אויף דער צווייטער זייט מויער. ס'איז שווער עפּעס גענויערס צו זען. דאָך באַמערק איך דאָרטן אַ שטענדיקע באַוועגונג ביי מענטשן. קינדער לויפן פריילעכע פון שול. פרויען טראָגן קיישלעך מיט עסנוואַרג. אין דער זעלביקער צייט איז אויף אונדזער זייט אין געטאָ — פּוסט, טויט. קיין לעבעדיקן מענטשן זעט מען נישט. פון צייט צו צייט גייט בלויז דורך אַ דייטשישער זשאַנדאַרם. אַ וויסטע עלנטקייט.

אין פאַבריק שמועסט מען גאַנץ אָפן וועגן אַרויסקריגן זיך פון געטאָ. עס איז דער איינציק־פאַרבליבענער וועג צו ראַטעווען דאָס לעבן. נישט אַלע אָבער קענען אַפילו טראַכטן וועגן דעם. דאָס איז פאַרבונדן מיט אומגעהייערע שוועריקייטן. בלויז געציילטע מעגלעכקייטן זיינען דאָ, ווי אַזוי זיך אַרויסצוקריגן. אַלע זיינען נישט קיין זיכערע און צו אַלע דאַרף מען האָבן אַ סך געלט. ביים אַריבערקריכן דעם מויער מוז מען זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט קריסטלעכע שמוגלערס, וואָס הייסן זיך טייער באַצאָלן. ביים איבערקויפן די דייטשישע וואַך איז מען קיינמאָל נישט זיכער, צי דער דייטש וועט דורכלאָזן אָדער גאָר דערשיסן אויפן אָרט. אַרויסגיין מיט אַ יידישער אַרבעטס־גרופּע, וואָס איז באַשעפטיקט אויסערן געטאָ, איז דערווייל דער בעסטער וועג, אָבער אויך אַ גאַנץ געפערלעכער.

אַ סך יידן האָבן שוין פּרובירט אַרויסגיין פון געטאָ. אין דער ערשטער ריי — די, וואָס האָבן געהאַט געלט און אַ גוטן אַרישן אויסזען. פיל האָט מען געכאַפּט, דערשאָסן אָדער געשיקט אין די וואַגאָנען. און דאָך האָבן די אַלע שוועריקייטן נישט אָפּגעשראָקן. מען האָט געטרוימט וועגן דער צווייטער זייט מויער ווי וועגן דעם איינציקן שאַנס פאַר רעטונג. דעם דאָזיקן חלום, אָבער, האָט געקענט פאַרווירקלעכן בלויז אַ קליינע צאָל יידן.

אין דער פרעמדער וועלט מוז מען האָבן אַן אָרט, וואו די ערשטע טריט אָוועקצושטעלן, מען מוז האָבן וואו צו שלאָפן, מען מוז האָבן קריסט־לעכע באַקאַנטע וואָס זאָלן אַרויסהעלפן מאַכן דאָקומענטן, שאַפן אַ דירה און געפינען אַרבעט. דער עיקר מען מוז האָבן געלט, אַ סך געלט. יעדע מינדסטע לייסטונג מוז ווערן באַצאָלט. יידן האָבן גערעכנט, געחשבונט, געמאַכט פּלענער אויף ווי לאַנג עס קענען סטאַיען די אייגענע געלטער; מען האָט אָנגעהויבן זיך דערמאָנען אַלטע אַדרעסן פון קריסט־לעכע באַקאַנטע. מען האָט אָנגעהויבן זוכן אַ וועג, ווי אַזוי זיך צו פאַרשטענדיקן. יידן מיט אַרישן אויסזען, יידן מיט יידישן אויסזען, יע־דער איינער, וואָס האָט נאָר עמיצן דאָרט געהאַט, האָט געפּיבערט צו געפינען דעם ריכטיקן קאָנטאַקט. ליידער האָט דאָס רוב ווענדונגען פון די פאַרצווייפלטע יידן נישט געטראָפן דעם דערוואַרטן אָפּרוף.

אַ טייל פון די, וואָס זיינען אַרויס אויף דער אַרישער זייט, האָבן זיך נאָך עטלעכע וואָכן צוריקגעקערט אין געטאָ. זיי האָבן זיך נישט געקענט אַן עצה געבן מיטן שאַנטאַזש, וואָס האָט דאָרטן געבושעוועט.

איך לויף אַרום איבערן געטאָ און זוך אַ וועג, וואו אַרויסצוגיין. ניטאָ קיין שום אויסזיכטן. די דייטשישע וואַך איז לעצטנס זייער שטרענג. אויך דער געטאָ־טויער איז געוואָרן לעצטנס שטאַרקער באַוואַכט. עס בלייבט נאָר אַרויסצוגיין צוזאַמען מיט אַן אַרבעטס־בריגאַדע.

די גרופּן־פירער, וואָס אַרבעטן אויסערן געטאָ, האָבן פון צייט צו צייט אַ מעגלעכקייט אַריינצושטעלן אַ פרעמדן מענטשן אויפן אָרט פון אַן אָפּוועזנדיקן אַרבעטער. אַזעלכע מעגלעכקייטן זיינען אַ זעלטנהייט און קאָסטן אַ סך געלט. דאָך מאַך איך די לעצטע צוגרייטונגען. איך דאַרף מיט זיך מיטנעמען דעם לעצטן אומלעגאַלן נומער, וואָס דער אונטער־ערד האָט אַרויסגעגעבן. דאָס איז אַ געטריע באַשרייבונג פון טרעבלינקע מיט אַ מאַפּע, ווי אַזוי דער לאַגער זעט אויס. מיינע שטוביקע, וועלכע ווייסן שוין וועגן מיינע צוגרייטונגען, ראָטן מיר צו באַהאַלטן עס אין די שיך, זיי האַלטן, אַז דאָס איז דאָס בעסטע אָרט. מיט טרערן אין די אויגן געזעגן איך זיך מיט זיי. עטלעכע געציילטע ווערטער, אַ טרוי־עריקער פאַרזיכערונג־שמייכל, אַז קיינער וועט קיינעם נישט פאַרגעסן, דער לעצטער האַנטדרוק און איך בין פאַרטיק. ווער ווייס צי מיר וועלן זיך נאָך זען?

---

5־טער דעצעמבער, 1942, 7 פרי. אויף דער גאַס איז טומלדיק. ס'איז די שעה פון גיין צו דער אַרבעט. פון אַלע גאַסן שטראָמען מענטשן. אַלע איילן זיך. אין סאַמע טומל און געלויף צו דער אַרבעט קומט פאַר אין מיטן גאַס אַ שנעלער אויסטויש־האַנדל. יידן פאַרקויפן זייער לעצט ביסל פאַרמעגן צו די, וואָס אַרבעטן אויף דער פּוילישער זייט: אַ

מאַנטל, אַ קליידל, אַלטע שיך, אַ ציכל — אַלץ וואָס האָט עפּעס אַ ווערט, פאַרבייט מען פאַר אַ שוואַרץ ברויט. די סחורה ווערט דורכגעשמוגלט ביים אַרויסגיין פון געטאָ און פאַרקויפט צו קריסטלעכע הענדלער.

לאַנג זוך איך אַ געלעגנהייט. ענדלעך דערלויבט מיר אַ יידישער גרופּן־פירער פאַר 100 זלאָטעס אַריינצושטעלן זיך אין דער ריי. זיין גרופּע ציילט 40 מענער, איך בין איין פרוי. מיר מאַרשירן געשלאָסן צום געטאָ־מויער. דאָרטן שטייען שוין טויזנטער יידן — מענער, פרויען, יוגנט, — אַלע אַרבעטער.

די וואַך איז אין דער פרי זייער פאַרשטאַרקט. צענדליקער זשאַנדאַרמען קאָנטראָלירן די גרופּן. יעדער איינער מוז דורכגיין דורך זייערע הענט. אַ גרויסער טומל. מען רעדט, מען שרייט. יידן שטופּן זיך, דרייען זיך אין אַלע זייטן, כדי נאָר אויסצומיידן די קאָנטראָל און אומבאַמערקט זיך אַריבערצוכאַפּן אויף דער אַרישער זייט.

ס'איז קאַלט, פראָסטיק. מיר שטייען אָבער געדולדיק. אונדזער ריי איז נאָך ווייט. די קאָנטראָל פאַנגט זיך אָן. מען דערוואַרט מיט שרעק די רעוויזיע, אַלץ איינס, צי מען האָט שמוגל, צי נישט. ס'איז קיין מאָל נישט באַוואוסט מיט וואָס עס קען זיך ענדיקן אַזאַ קאָנטראָל.

צוויי יידן, וועלכע מען האָט נאָר וואָס רעווידירט, לויפן און האַלטן זיך צו זייערע פאַרבלוטיקטע פּנימער. די אויגן זייערע זיינען אָנגעלאָפן. ביי איינעם רינט פון אויער אַ דין רויט שנירעלע... זיי האָבן באַקומען קלעפּ. מ'האָט ביי זיי געפונען אַן איבעריק העמד.

אַן אַנדערער ייד שפּרינגט באַרוועס איבערן שניי. זיינע שיך זיינען געפעלן געוואָרן די דייטשן, האָט מען זיי ביי אים צוגענומען. איצט זוכט דער ייד שמאַטעס אַרומצואוויקלען די פרירנדיקע פיס.

עטלעכע יידן שטייען האַלב־נאַקעט אין מיטן גאַס. זיי ציטערן פאַר קעלט. אָבער דער דייטש איילט זיך נישט. גענוי און גרינדלעך קאָנטראָלירט ער יעדעס שטיקל וועש. ער האָט צייט. אים איז נישט קאַלט.

נישט ווייט פון מיר אַמפּערט זיך אַן עלטערער ייד מיטן דייטש. ער לאָזט נישט אַוועקנעמען פון זיך זיין טאָכטער, וואָס איז אומגעפער 12־13 יאָר אַלט. זי איז אַן אַרבעטערין גלייך מיט מיר — דערקלערט ער דעם דייטש. — אָט איז איר פאַבריקס־קאַרטע!

דער זשאַנדאַרם שטויסט אים ברוטאַל אָפּ. פאַרצווייפלט בלייבט ער שטיין. וואָס טוט מען? ביי וועמען פועלט מען? זיינע בליקן ווענדן זיך בעטנדיק צו די אַרומיקע. קיינער קען אים נישט העלפן. זיין קליינע טאָכטער שטייט שוין אין אַ זייט, ביים הילצערן שטיבעלע, קוקט מיט פּחד אויפן טאַטן און ציטערט.

מען קאָנטראָלירט איצט מיין גרופּע. אַלץ גייט דורך גוט. דער

זשאַנדאַרם איז שוין נישט ווייט פון מיר. פּלוצלונג אַ פראַגע: „וואָס טוט דאָ די פרוי?" איך ציטער אויף. „זי אַרבעט אין דער פאַבריק־קיך" — ענטפערט דער גרופּן־פירער. דער דייטש מעסט מיך אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס, באַטראַכט מיך ווי עפּעס אַ טויט געצייג.

— געפעלסט מיר נישט. גיי אַריין דאָרטן! — ער וויזט מיטן פינגער אויפן הילצערן שטיבעלע.

פון הינטן הער איך אַ שטים: „נישטאָ איר וואָס מקנא צו זיין..."

דאָס בלוט האַקט אין די שלייפן. וואָס טוט מען איצט? דאָרטן קען מען ביי מיר געפינען די ליטעראַטור. דאָן פאַל נישט נאָר איך דורך, נאָר די גאַנצע גרופּע וועט מען פאַרהאַלטן. איך דריי אויס דעם קאָפּ צו מיין גרופּע. פון אַלעמענס אויגן לייען איך אַרויס שרעק און באַדויערן. זיי קענען מיר אָבער גאָרנישט העלפן.

באַלד וואַקסט אויס הינטער מיר אַ יידישער פּאָליציאַנט. איך קוק זיך אַרום אין אַלע זייטן. נישט מעגלעך צו אַנטלויפן. צופיל זשאַנדאַרמען און פּאָליציי. כ'רוף זיך שטיל אָפּ צו מיין באַגלייטער:

— דער דייטש איז נישטאָ, לאָזט מיך געלם ווערן.

יענער קוקט מיך אָן און וואונדערט זיך אויף מיין חוצפּה.

— וואָס מיינסטו, כ'וועל מיין קאָפּ אַוועקגעבן פאַר דיר? דער דייטש קומט גלייך צוריק.

איך ענטפער שוין גאָרנישט, נאָר לאָז זיך שווייגנדיק פירן.

ביים אַריינגאַנג פון הילצערן שטיבל ליגט אַ צעבלוטיקטער ייד. אַ ביסל ווייטער שטייט דאָס דרייצן יאָריק מיידעלע. מען היט עס. שווער ווערט מיר אויפן האַרצן. ווער ווייסט וואָס מיך דערוואַרט? דער פּאָליציאַנט גיט אַ שטויס די טיר און איך בין אינעווייניק.

אַ צעטומלטע בלייב איך שטיין. אין צימערל איז ליכטיק, עס ברענט עלעקטריע. אַ קליין טישל און אַ שטול שטייען אין מיטן. די ווענט זיינען באַשפּריצט מיט בלוט, באַהאַנגען מיט מאַפּעס און מיט בילדער פון נאַקעטע פרויען. אויף דער פּאָדלאָגע, אין אַ קאַלוזשע בלוט, וואַלגערן זיך פאַרשיידענע זאַכן: מאַנטלען, שיך, וועש. ביים קליינעם פענצטערל הענגט אַ בייטש, פאַרענדיקט מיט אַ בלייענעם קעפּל.

איך שטיי ביי דער וואַנט און ריר זיך נישט פון אָרט. איך וואַרט. די טיר עפנט זיך. דער זשאַנדאַרם קומט אַריין. איך פּרוּוו זיך צו באַהערשן, ער זאָל נישט הערן דאָס הויכע קלאַפּן פון מיין האַרץ.

— נאָמען און פאַמיליע?

איך ענטפער.

— וואו אַרבעטסטו?

איך רוף אָן דאָס אָרט, וואו עס אַרבעט די גרופּע, מיט וועלכער איך בין געגאַנגען.

— אַהאַ! נו, איצט ווייז מיר וואָס דו האָסט מיט זיך.

ער ציט פון מיר אַראָפּ דאָס מאַנטל, די קליידער, נעמט זיי אונ־טערן ליכט, טרייסלט אויס די קעשענעס, די פאַלדן, זוכט אין די נעט. ער זאָל נאָר נישט הייסן אויסטאָן די שיך, דאַן בין איך אַ פאַרלוירענע. ביי אַזאַ גרינדלעך זוכן וועט ער זיכער געפינען...

— נו, איצט די שיך!

אַ קעלט גייט מיר דורך די ביינער. שנעל לויפן די געדאַנקען. פאַר־מעלעך, כדי צו געווינען מער צייט, לאָז איך זיך אַרונטער אויף דער פאַדלאָגע און הייב לאַנגזאַם אָן אָפּצושנורעווען די שיך. ער לאָזט נישט אַראָפּ די אויגן פון מיר. זיין בליק שטעכט ווי מיט שפּיזן.

— שנעלער! די שיך! דו הערסט! הער אויף זיך גראַבלען! זעסט די בייטש?!

איך ענטפער נישט, נאָר אויטאָמאַטיש טו איך אויס דעם שוך. ער נעמט אַראָפּ די בייטש און הייבט אָן זיך דערנענטערן צו מיר. איך האַלט איין דעם אָטעם, מאַך צו די אויגן. איך וואַרט אויפן שמיץ.

פּלוצלונג — ס'אַראַ נס — די טיר רייסט זיך אויף. אַ הייזעריקע שטימע שרייט אַריין: — הער לוטענאַנט! קומט שנעל אַרויס! אַ יודע איז אַנטלאָפן.

ער לויפט אַרויס, די טיר פאַרהאַקט זיך. איך בין ווייטער אַליין. איך אָטעם אָפּ. שנעל טו איך זיך אָן, ברענג זיך אין אָרדענונג און פּרוביר אַרויסגיין. ביים טיר פאַרהאַלט מיך דער וועכטער:

— וואוהין?

— צו דער גרופּע — ענטפער איך און מיט אַ געמאַכטער גלייכ־גילטיקייט גיב איך צו: — מען האָט מיך שוין קאָנטראָלירט.

דער וועכטער קוקט מיך אַ ווײַלע אָן. ענדלעך לאָזט ער מיך דורך, כ'בין שוין אויף דער אַרישער זייט. כ'מיש זיך גיך אויס מיט די יידן, וואָס וואַרטן אויפן באַפעל אָוועקצוגיין. מיט די אויגן זוך איך מיכאל קלעפּפּישן. ער האָט געדאַרפט וואַרטן אויף מיר ביים געטאָ־טויער. אָבער איך זע אים נישט. וואָס טוט מען? לאַנג זיך דאָ אַרומדרייען טויג נישט. איך דאַרף וואָס שנעלער פאַרשווינדן, איידער מיין דייטשער קאָנטראָלער קומט צוריק.

ענדלעך באַמערק איך מיין פריערדיקע גרופּע. כ'לויף צו. זיי דערפרייען זיך מיט מיר.

— האָסט גליק — רופט זיך אָפּ דער גרופּן־פירער, ווען ער דער־זעט מיך. — זעלטן ווען מען קומט אַרויס אַזוי אומבאַשעדיקט.

כ'בין צופרידן וואָס אַלע קלעטערן שוין אַרויף אויף דער פור. אַ שמיץ מיט דער בייטש, מיר רירן זיך פון אָרט. מיר פאָרן דורך די פוילישע גאַסן. מענטשן קוקן אונדז נאָך. די ווייסע יידן־בענדער אויף

אונדזערע אַרעמס זאָגן גלייך אָן וועד מיר זיינען. די גאַסן זיינען מיר גוט באַקאַנט. די זעלביקע טראָטוארן און הייזער. עס האָט זיך דאָ גאָר־נישט געענדערט אין פאַרלויף פון די לעצטע צוויי יאָר. עטלעכע פּאָליאַקן לויפן נאָך אונדזער וואָגן. זיי ווילן עפּעס קויפן. קיינער פון אונדז האָט גאָרנישט. עס איז געווען אַ שלעכטע וואָך. אַלץ צוגענומען. מיר דער־ווייטערן זיך פון געטאָ. שוין נישט ווייט איז דער אַרבעטס־פּלאַץ. איך טראַכט אָן אויפהער, ווי אַזוי זיך אָפּצורייסן פון דער גרופּע. כ׳מוז שנעל באַשליסן.

די מיטפאָרער וויסן, אַז איך האָב עפּעס אַ געשעפט צו דערליידיקן אויף אַ פּוילישער גאַס. זיי עצהן מיר אויסצוטאָן דעם יידן־באַנד און שנעל אַראָפּשפּרינגען. כ׳טו אַזוי. איך צי אַראָפּ דעם יידן־באַנד, קוק זיך אַרום אין אַלע זייטן. די גאַס איז אַ ביסל פּוסט. כ׳גיב אַ שפּרונג־אַראָפּ פון וואָגן און היִיב אָן שנעל צו גיין. דערווייל אַלץ גוט. קיינער לייגט נישט קיין אַכט אויף מיר. איך דריי זיך אַריין אין אַ גאַס, פאַרלאַנגזאַם די טריט. ענדלעך בין איך פריי, ווייט פון געטאָ, נאָר אַ ביסל אומרואיק. איך פיל זיך פרעמד אויף דער גאַס פון מיין אייגע־נער שטאָט. פרעמדע מענטשן, ווייטע אומבאַקאַנטע פּנימער. אָבער דאָך איז עפּעס לייכטער אויפן האַרצן. דאָ דאַרף איך מער נישט אַנטלויפן פון קיין „אַקציע״, דאָ איז אַזאַ נאָרמאַלע לעבעדיקע באַוועגונג, גלייך ווי עס וואָלט אין דער זעלבער שטאָט גאָרנישט פאַרגעקומען. איך קען קוים באַגרייפן די שנעלע ענדערונג פון מיין אַרום.

עס פאָרן טראַמווייען, אויטאָס, ראָווערן; געשעפטן זיינען אָפן, מען האַנדלט. מאַמעס לויפן מיט פרישע שמעקעדיקע ברייטלעך, קינדער גייען אין שול אַריין. גאָר אַן אַנדער וועלט, אַ רוישיק קאָכעדיק לעבן.

— און אפשר איז גאָר דאָס פריערדיקע געווען בלויז אַן אויס־טערלישער חלום? — טראַכט איך גייענדיק איבער די וואַרשעווער גאַסן. מאָדנע, ווי מאָדנע ניי און פרעמד זעט מיר דאָס אַלץ אויס.

איך בין פריי, פריי פונעם שאָפּ, פון „סעלעקציעס״, פון דער כסדרדיקער שרעק אַרויסגעפירט צו ווערן — און דאָך פיל איך נישט קיין פרייד. מיין גאַנצער איך איז איין שטיק נייגער. איך שלינג אַלץ אַרום מיר מיט די אויגן. אַזוי לאַנג נישט געזען קיין אמתדיק לעבן! שוין באַלד געהאַט פאַרגעסן, ווי עס האָט אויסגעזען אַפילו...

גורנאָשלאַנסקע 3 — דער אַדרעס פון מיכאל קלעפּפיש. איך לאָז זיך אַראָפּ אין קעלער און קלאַפּ אָן. אַ בלאָנדע קריסטין עפנט. כ׳גיי אַריין. עס לויפט מיר אַנטקעגן מיכאל.

— אָ, ענדלעך ביסטו דאָ! איך האָב דאָך שעה׳ן געוואַרט אויף דיר ביים מויער.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז מיכאל צוזאַמען מיט זיין באַלעבאַס, סטעפאַן מאכאי, האָבן געוואָרט אויף מיר פון פאַרטאָג אָן ביים געטאָ־מויער, זיי אָבער האָבן מיך נישט באַמערקט. זיי זיינען נאָר וואָס פון דאָרטן צוריקגעקומען.

מיר באַגריסן זיך האַרציק. מיר ווערט פרייער אויפן האַרצן. אַ נאָענטער מענטש. אַן אַלטער גוטער חבר אין אַ פרעמדער וועלט.

— כ׳בין געווען זיכער, אַז דו וועסט נישט אַרויסגיין היינט. אַ שרעקלעכע וואָך געווען — רעדט מיכאל און גיסט מיר אָן הייסע טיי. איצט דערפיל איך, ווי געפרוירן און פאַרמאַטערט איך בין. איך קוק זיך אַרום. אַ קליין נידעריק קיכל און אויך אַזאַ קליין צימערל. די קריסטלעכע פאַמיליע באַשטייט פון פיר מאַן. מאַן, פרוי און צוויי קליינ־טשינקע יינגעלעך. דער באַלעבאַס סטעפאַן מאַכאי זיצט פון דער־ווייטנס און קוקט מיט גוטמוטיקע אויגן אויף מיכאלן. ער קען מיכאלן נאָך פון פאַרן קריג. זיי זיינען ביידע געווען באַשעפטיקט אין איין פאַבריק, סטעפאַן ווי אַ שוואַרצער אַרבעטער און מיכאל ווי אַן אינ־זשעניער. איצט איז דער קרעפטיקער קריסט אַ ריקשאַזש און ס׳איז פאַר אים אַ כבוד וואָס ער קען האָבן פאַר אַ לאָקאַטאָר זיין אַמאָליקן אינזשעניער. מיכאל האָט דאָ אַ שמאָלינקע אַלטע קאָזעטקע, וואָס פאַר־נעמט אַ האַלבע קיך. איך באַמערק, אַז מיכאל איז עפּעס טרויעריק. איך שטיי צו צו אים, אַז ער זאָל מיר זאָגן, וואָס עס איז געשען.

ער ענטפערט שטיל.

— מיין שוועסטער גינע איז געשטאָרבן אין אַ שפּיטאָל און היינט איז איר לוויה. אויב דו ווילסט, קענסטו מיט מיר גיין אויפן בית־עולם.

איך דערצייל שוין גאָרנישט וועגן מיין אַרויסגיין פון געטאָ. דאָס פאַרלירט יעדן ווערט אין אָנבליק פון טויט.

גינע קלעפּפיש האָב איך געקענט גוט נאָך פון פאַרן קריג. איך האָב מיט איר אַ געוויסע צייט געאַרבעט אויף פראַגע אין „צוקונפט”, וואו זי האָט אָרגאַניזירט אַ שילער־קרייז. זי איז געווען אַן ערנסטע, ליבלעכע און מיט אַ האַרציקער באַציאונג צו מענטשן. די קינדער פלעגן זיין שטאַרק צוגעבונדן צו גינען. לעצטנס האָט זי געאַרבעט אַלס קראַנקן־שוועסטער. איר באַנעמונג, איר האַרציקע באַציאונג צו מענטשן און איר אייגנאַרטיקע לייכטקייט, מיט וועלכער זי פלעגט אויפנעמען יעדע שווערע סיטואַציע, האָבן זיך פונקט געפּאַסט צו אַזאַ אַרבעט.

מיר גייען צוזאַמען אַרויס פון שטוב. דער ערשטער טאָג אויף דער אַרישער זייט — און שוין זיך אָנגעטראָפן אויפן טויט פון אַ נאָענטן מענטשן. שווייגנדיק, שפּרייזן מיר איבער די פּוילישע גאַסן. מיר מוזן נאָך זיין אין שפּיטאָל. דאָרטן דאַרף מיכאל זיך טרעפן מיט זיין פרוי, רוזשקע פערטישקאָוו. מיר קומען אַהין. נאָך אייניקע מי־

גוטן וואַרטן קומט אָן רוזשקע. איר ליבלעך קלוג געזיכט איז אומע־טיק, זי באַמיט זיך צו באַהערשן די טרערן, וואָס גיסן זיך פון אירע אויגן. אַנגעטאָן אין שוואַרצן, שטעלט זי מיט זיך פאָר איין שטיק ווײ־טיק. עס דערגענטערט זיך צו אונדז אַ פּרוי אין ווייסן, אַ קראַנקן־שוועסטער פון שפּיטאָל. זי גייט אַ וואונק אין אונדזער ריכטונג.. מיר הייבן זיך אויף און גייען איר נאָך. מיר קומען אָן אין מתים־שטיבל. אין אַ קאַסטן, אָנגעטאָן אין ווייסן, ליגט גינע. איך עס זיך איין מיט די אויגן אין איר געזיכט. קיין שום ענדערונגען. זי זעט אויס פּונקט אַזוי, ווי איך האָב זי געזען דאָס לעצטע מאָל אין געטאָ.

אָבער דאַן איז זי געווען רירעוודיק, פול מיט ענערגיע. געהאָלפן ווי אַ שפּיטאָל־פלעגערין אַרויסנעמען יידן פון אומשלאַג־פּלאַץ. אומ־דערמידלעך האָט זי דאַן געאַרבעט. ביינאַכט, איינשטעלנדיק איר אייגן לעבן, האָט זי דורך די דראָטן אַרויסגעגנבעט יידן פון „אומשלאַג"־וואַגאָ־נען. איינמאָל האָט זי שיער נישט באַצאָלט מיטן קאָפּ. אַ יידישער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט זי געכאַפּט ביי דער דאָזיקער אַרבעט. איר מוטיקע און שטאָלצע האַלטונג האָט דעם יידישן קאָמיסאַר אַ ביסל אָפּגעשראָקן. ער האָט זי אָבער גלייך אַנטזאָגט פון איר פּאָסטן. זי איז דאַן צוזאַמען מיטן ברודער מיכאל, דער שוועגערין און זייער איין־יאָריק מיידעלע אַריבער אויף דער אַרישער זייט.

מיינע געדאַנקען רייסט ווידער איבער די פּרוי אין ווייסן. זי גיט אַ ציכן. עמיצער גייט. מיר צלמען זיך איבער. קיינער טאָר זיך נישט דערוויסן וועגן דעם גרויסן סוד, וועגן דעם, אַז אַ יידישע טאָכטער איז, נאָך אַ נישט געלונגענער מאָגן־אָפּעראַציע, געשטאָרבן אין אַ קריסטלעכן שפּיטאָל.

זי מוז ווייטער, אַלס טויטע, פאַרבלייבן ווי מ'האָט זי פאַרשריבן אין די פּוילישע שפּיטאָל־ביכער, אַלס קאַזשימיערא יוזשוויק...

פאַרן טויט האָט גינע גערופן צו זיך דעם פּוילישן גלח, אים אויסגעזאָגט, אַז זי איז אַ יידין און דערציילט אים איר גאַנצע לעבנס־געשיכטע. דער גלח האָט איר צוגעזאָגט, אַז דער סוד וועט ווייטער געהאַלטן ווערן. איצט ליגט זי אַלס קריסטין צווישן קריסטלעכע מתים.

אויפן בית־עולם טרעפן מיר נאָך אייניקע פריינד. צווישן זיי אויך יאַנקל צעלעמענסקי און האַנקע אַלעקסאַנדראָוויטש. צעלעמענסקי איז אַ דרייסטער און טיכטיקער בונדישער טוער אויף דער אַרישער זייט. ער האָט געלעבט אַ שטיקל צייט אין קראָקע אַלס קריסט. פון קראָקעווער געטאָ האָט ער מיט אייניקע טעג צוריק אַרויסגעראַטעוועט דאָס 13 יעריק מיידל האַנע אַלעקסאַנדראָוויטש און צוזאַמען מיט איר געקומען קיין וואַרשע. עס איז אויך דאָ „זיגמונט", זלמן פרידריך, דער בונדישער פאַרבינדלער אויף דער אַרישער זייט. אַ מערקווירדיקע לוויה. ביי אַ

צענדליק מאַן גייען נאָך דעם ארון, צווישן זיי בלויז צוויי קריסטינס, אַנקע וואַנבאַלסקאַ און מאַרישע סאוויצקאַ, די איבעריקע זיינען אַלע יידן.

די קברנים לאָזן אַראָפּ דעם קאַסטן, פאַרשיטן מיט ערד, שטעלן אַוועק אַ צלם און גייען אַוועק.

אַלץ קומט פאַר לויטן קריסטלעכן רעליגיעזן דין. חוץ די לוויה־אנטיילנעמער ווייסט קיינער נישט וועמען מען באַגראָבט.

מיר געזעגענען זיך מיט גינע קלעפּפּיש, איינע פון געציילטע יידן אין וואַרשע, וואָס ווערט געבראַכט צו קבורה, בעת אין דער זעלביקער צייט ווערן צענדליקער טויזנטער פאַרגאַזט, פאַרברענט און קיינער ווייסט נישט, וואו זייער געביין קומט אַהין.

קאַפּיטל דרייצן

# מיינע ערשטע שריט אויף דער אַרישער זייט

מיינע פריינד האָלטן, אַז כ'האָב אַ גוטן אַרישן אויסזען. איך האָב אָבער נישט קיין גוטע פּאַפּירן און נישט קיין אָרט וואו צו וואוינען. איך וואַלגער זיך אַרום אויף פאַרשיידענע ערטער. די ערשטע עטלעכע טעג בין איך געווען אין דער דירה פון דער פאַרשטאָרבענער גינע קלעפּפיש. האָבן די שכנים פון יענעם הויז אָנגעהויבן צו מורמלען, אַז אין זייער הויז ווייזן זיך אַלעמאָל פרישע מענטשן. די באַלעבאָסטע האָט מורא געקראָגן און איך האָב געמוזט אַוועק. איצט וואוין איך ביי מיכאַל קלעפּפּישעס באַלעבאָס, סטעפּאַן מאַכאַי, אויף גורנאָשלאָנסקע 3 אין קעלער. בלויז עטלעכע טעג קען איך דאָרטן זיין. איך באַנוץ זיך מיט אַ פאַלשן אַלטן פּאַס, וואָס מיינע חברים האָבן מיר נאָך געהאַט געמאַכט אין געטאָ אונטערן נאָמען וולאַדיסלאַווא קאָוואַלסקאַ. אין פאַרקירצונג רופט מען מיך „וולאַדקע". איך באַמי זיך צו דערליידיקן אַ מעלדונגס־קוויטל. אויב איך וועל באַר אַזאַ האָבן, וועל איך זיך קענען איינמעלדן אין יעדער קריסטלעכער היים און כ'וועל זיין איינגעאָרדנט.

איך טרעף זיך מיט מיינע פריינד אויף דער אַרישער זייט טאָג־טעגלעך, קיינער פון זיי האָט נאָך נישט קיין גוטע דירה. זיי האָבן ווייניק קאָנטשאַפטן מיט קריסטן און אָן דעם איז שווער זיך אַן עצה צו געבן.

יאַנקל צעלעמענסקי — „צעלעק", שלאָפט אין אַן אַריינפאָר־הויז אויף ווספּולנע גאַס. ער וואוינט אין אַ פאַרחושכטן אָפּגעלאָזענעם צימער צוזאַמען מיט אַ פרעמדן קריסטלעכן בחור. ער איז נישט געמאָלדן און האָט שטאַרק מורא, אַז די שטוביקע זאָלן זיך נישט כאַפּן, אַז ער איז אַ ייִד.

מיכאַל קלעפּפּישן איז נאָך לאַנגע באַמיאונגען געלונגען צו קויפן פאַר אַ סומע געלט ביי אַ קריסטלעכן הויז־אַדמיניסטראַטאָר, אַ מעטריקע און אַן איינמעלדונגס־קוויטל אויפן נאָמען פון אַ קריסט טאַדעאוש מעצנער, וואָס געפינט זיך איצט אין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. אַ צופרידענער האָט זיך מיכאַל איינגעמאָלדן אויף גורנאָשלאָנסקע 3, ווי אַן

אמתער כשרער פּאָליאַק. אין אַ געוויסן פּרימאָרגן, ווען ער איז ווי געוויינלעך געשלאָפן אויף זיין אָרט אין קיך, איז אין קעלער אַראָפּגע־קומען אַן עלטערע קריסטין און זיך געפרעגט אויף טאדעאוש מעצנער, זי איז די מוטער פון דעם יונגן קריסט. שוין איבער אַ יאָר ווי זי זוכט אים אַרום און איצט איז איר ענדלעך געלונגען צו דערגיין זיין אַד־רעס. צום גליק האָט זיך דער באַלעבאָס שנעל געכאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר און געענטפערט דער פרעמדער, אַז איר זון איז איצט נישטאָ, ער איז אַוועקגעפאָרן. מיכאל, שוין אַן איבערגעוועקטער, איז געלעגן אויף דער קאַזעטקע און געציטערט די אַלטע זאָל אַמאָל נישט צוגיין צו אים, כדי צו כאַפּן אַ קוק, צי דער שלאָפנדיקער איז טאַקע נישט איר זון. די קריסטין איז אַוועק, אָבער פון יענעם טאָג אָן קומט זי אָן אויפ־הער זיך דערוויסן צי איר זון איז שוין צוריקגעקומען. זי קאָן גאָרנישט פאַרשטיין, וואָס דער זון באַהאַלט זיך אַזוי אויס פאַר אַן אייגענער מאַמע. מוז מיכאל זיך ווידער זוכן אַ פריש אָרט, וואו צו שלאָפן. מען האָט מורא, אַז די קריסטין קאָן אים אַ מאָל טרעפן און אויפדעקן דעם שווינדל פון אַ פאַלשן זון.

צום בעסטן האָט זיך איינגעאָרדנט זיגמונט (זלמן פרידריך). ער איז אַמלענגסטן אויף דער פּוילישער זייט, האָט שוין אַ ביסל קאַנטשאַפט, איז איינגעמאָלדן און האָט אַ צימער ביי אַ קריסטלעכער אַרבעטער־פאַמיליע. זיין פרוי איז אויך אויסבאַהאַלטן ביי אַ קריסטין און זייער קליין 5 יאָריק מיידעלע עלזע געפינט זיך אין אַ קלויסטער הינטער קראָקע. מען האָט אים שוין עטלעכע מאָל שאַנטאַזשירט, אָבער ער האָט זיך אַרויסגעדרייט. זיגמונט איז איצט דער טעטיקסטער אין ענינים פון אונטערערד. ער קאָן זיך פריי באַוועגן און אים איז דער־פאַר לייכטער צו דערלעדיקן פאַרשיידענע זאַכן.

די באַלעבאַטים פון קעלער ווייסן, אַז מיר אַלע זיינען יידן. ביי טאָג ווילן זיי נישט, אַז עמעצער פון אונדז זאָל זיין אין שטוב, זיי האָבן מורא.

גאַנצע טעג, אַן אונטערשייד פון וועטער, שלעפּן מיר זיך אַרום אין שטאָט און זוכן מעגלעכקייטן פון איינאָרדענען זיך. דערביי מוז מען זיך גוט היטן. אַן גוטע דאָקומענטן קאָן מען זייער לייכט אַריינפאַלן .

ערשט ווען עס ווערט נאַכט קענען מיר זיך ווידער ווייזן אין קעלער. פאַרמאַטערט פון אַ גאַנצן טאָג אַרומדרייען זיך, קלייבט מען זיך צוזאַמען און מען דערציילט זיך די איבערלעבונגען פון טאָג.

אין אַ געוויסן אָוונט דערוויסן מיר זיך, אַז זיגמונט איז ווידער דורכגעפאַלן, ער איז קוים אַנטלאָפן פון זיינע פאַרפאָלגער. כדי זיך אויסצוהיטן מוז ער אויף אַ געוויסע צייט צוריק אַריינגיין אין געטאָ. מיר זיינען איצט דריי, וואָס האַלטן זיך צוזאַמען — מיכאל, צעלעק און איך.

מיר טרעפן זיך עטלעכע מאָל אַ טאָג און לעבן מיט די ידיעות, וואָס קומען פון געטאָ.

נאָך אַ פּאָר טעג זיין אויף דער אַרישער זייט איז אין מיין לעבן פאָרגעקומען אַן ענדערונג. מיכאל האָט ביי זיינס אַ באַקאַנטער קריסטין וואַנדא וונאַראָווסקא אויסגעפונען פאַר מיר אַרבעט אַלס אַ שניידערין. די קריסטין וויס, אַז איך בין אַ יידישע, זי וויזט צו מיר אַרויס אַ וואַרעמע האַרציקע באַציאונג. איצט בין איך שוין פאַרזאָרגט. כ'האָב אַ גאַנצן טאָג וואו צו זיין, פאַרדין אויף מיין אויסהאַלטונג און כ'האָב שוין אויך אַ „מעלדונעק". עס לויפן טעג. איך מאַך באַקאַנטשאַפט מיט קריסטן און באַקען זיך ביסלעכוויין מיט מיין אַרום.

נאָך אַ קנאַפּע צוויי וואָכן זיין אויף דער אַרישער זייט, מעלדעט מיר מיכאל, וואָס אַרבעט איצט אויף זיגמונטס אָרט, אַז חבר מיקאַליי בערעזאָווסקי (ד"ר לעאָן פיינער), דער בונדישער פאָרשטייער פון קאָאָר־דיניר־קאָמיטעט אויף דער אַרישער זייט און דער פאַרבינדער מיט דער פוילישער אומלעגאַלער באַוועגונג, וויל מיך זען.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך בין געווען גליקלעך, וואָס ענדלעך וועל איך זיך קענען באַקענען מיטן חבר מיקאַליי. אין דער בונדישער אַרבעט אויף דער אַרישער זייט איז ער געווען די הויפּט פיגור, די פּערזאָן, אַרום וועלכער עס האָט זיך געדרייט אַלץ, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ שייכות צו אונדזער טעטיקייט און צום געטאָ. אין די געשפּרעכן פון צעלעקן און מיכאלן האָב איך אַזוי פיל מאָל געהערט דערמאָנען זיין נאָמען, אַז טראָץ דעם, וואָס איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען, איז ער מיר אויסגעקומען צו זיין אַן אייגענער נאָענטער מענטש.

איך האָב אים געזאָלט טרעפן אויף סעווערינאָוו גאַס, 6, צווישן צוויי און דריי נאָך מיטאָג, אין דער קיך פון די קאַטוילישע נאָנעס. דאָרט איז דאַן געווען דער טרעף־פּונקט פון דעם קליינעם קרייז אונ־טערערדישע יידישע טוער. אונדזער גרופּע טוער האָט נישט געהאַט קיין ספּעציעלע וואוינונגען וואו צו טרעפן זיך. פלעגט מען אויסנוצן שטילע, עפנטלעכע לאָקאַלן. קוים אָבער האָט מען דערפילט פון אַרום אַ פאַרדאַכט, פלעגט מען שנעל טוישן דאָס אָרט. איך בין אַהין געגאַנגען מיט מיכאלן. סעווערינאָוו איז אַ רואיק געסל מיט ווייניק פאַרבייגייערס. די קיך איז אַ שטילע און געמיטלעכע. אַ קליינער וואַרטע־צימער, וואו מען רויכערט, אַ גאַרדעראָב און צוויי גרויסע זאַלן. אונדזערע פלעגן מערסטנ־טייל עסן אין ערשטן גרויסן זאַל, וואו עס זיינען ביי די פענצטער גע־שטאַנען אַלטע גרינע פּאַלמעס. שטיל, אָן גערויש דערלאַנגען די נאָנעס דעם מיטאָג. אַן איינגעהאַלטענע רואיקייט הערשט דאָ. די קאָנסומענטן זיינען מערסטנטייל פאַראָרעמטע מענטשן פון בירגערלעכן שיכט, אָדער אָפּיס־באַאַמטע. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע קיכן איז דאָ זייער ביליק.

מיכאל וויזט מיר מיט די אויגן אויף עטלעכע זייטיקע טישלעך. אין דער שטיל גיט ער מיר אויפקלערונגען. רעכטס זיצן צוויי מענער, עסן זייער מאָלצייט און שמועסן. איינער אַ יאָר 40 אַלט, מיט אַ טונ־קעלן קאָפּ האָר, מיט אַ לענגלעך אומעטיק פּנים אין באַשיידענער טונ־קעלער באַקליידונג, מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אָרעמען פּוילישן באַ־אַמטן — דאָס איז באַראַווסקי (ד"ר אַדאָלף בערמאַן, פאָרשטייער אויף דער אַרישער זייט פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פירער פון די לינקע פּועלי־ציון). לעבן אים זיצט אַ בלאָנדער הער, מיט פיין פּאַרקעמטע וואָנסעס און אַ רואיקער סאָלידער האַלטונג — דאָס איז „הענריק" (ס. פישגרונט, פאַרן קריג אַ בונדישער טוער אין קראָקע). ביי דער אַנדערער זייט זיצט זיך אַליין אונדזער „צעלעק".

עס דויערט נישט לאַנג, ווי מען מאַכט מיר אויפמערקזאַם אויף אַ פרישן אַריינקומענדיקן גאַסט. מיט אַ זיכערן לייכטן טריט גייט אַריין אין זאַל אַן עלעגאַנטער הויכגעוואַקסיקער עלטערער הער. די זילבערנע האָר, דאָס ראָזע געזיכט, די העלע אויגן און די וואָנסעס פּאַרדרייט אויף אַרויף — מאַכן אים אויסזען ווי אַ פּוילישער פּריץ. דאָס איז ח' מיקאָליי. ער קוקט אַ סעקונדע איבערן זאַל, דערזעט מיכאַלן און דערנעענטערט זיך צו אונדזער טיש. אַ העפלעכע רואיקע באַגריסונג, מען באַשטעלט אַ מיטאָג און עס הייבט זיך אָן אַ שטילער שמועס. ח' מיקאָליי רעדט געמיטלעך, מיט אַ לייכטן שמייכל און מיט אַ פּאַטערלעכער היימישקייט אין זיין שטים. ער האָט שוין געהערט וועגן מיר, ער וויל אָבער אַ ביסל זיך מער דערוויסן וועגן מיין פּער־זענלעך לעבן. איך דערצייל וועגן זיך. ח' מיקאָליי האָלט, אַז אַלס מיידל וועל איך זיך לייכטער קאָנען באַוועגן און כ'וועל נישט ציען קיין ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט.

— אונדזער אַרבעט דאַרף מענטשן — באַמערקט ער מיט אַ שטילער שטים — אָבער מען מוז זיין פּאַרזיכטיק, שטאַרק זיך אויס־היטן, ווייל ווען נישט קאָן אַ מאָל זיין אַ גרויסע קאַטאַסטראָפע. איינער קען דורכפאַלן, אָבער אַ סך קאָנען ליידן.

— אין וואָס דאַרף באַשטיין מיין אַרבעט? — פרעג איך נייגעריק.

— ווי דו ווייסט שוין זיכער, איז אונדזער הויפּט־אַרבעט אָנצו־קניפּן קאָנטאַקטן מיט קריסטן, אויסגעפינען דירות, וואו איינצואָרדענען קינדער און פרויען, ברענגען הילף צו באַהאַלטענע יידן און דער עיקר פּראָוואָן געפינען קוועלן, וואו צו קויפן געווער.

איך הער זיך אויפמערקזאַם צו, אויך מיכאל זיצט שווייגנדיק און הערט זיך איין. ח' מיקאָליי רעדט ווייטער אָבער נאָך שטילער ווי פריער:

— מען דאַרף אַליין, ווי ווייט מעגלעך, זיך שאַפן אַ פעלד פאַר אַרבעט ד. ה. באַמיען זיך שאַפן פרישע קאָנטשאַפטן און דערביי זיין זייער און זייער פּאַרזיכטיק. פאַרשטייט זיך, אַז וועגן יעדן פרישן קריסטלעכן קאָנטאַקט, וועגן יעדער נייער געשאַפענער דירה אָדער

געוועז, וואָס עס געלינגט אײַנצוהאַנדלען, דאַרפסטו פריער אונדז צו־
וויסן געבן.



לעאָן פײַנער („מיקאַליי בערעזאָווסקי"), די
צענטראַלע פיגור פון דער ייִדישער אונטער־
ערדישער אַרבעט אויף דער אַרישער זײַט.

אַ ווײַלע ווערט דער שמועס איבערגעריסן, עס דערנענטערט זיך
די קעלנערין. ווי נאָר זי גייט אַוועק פרעגט ה' מיקאַליי:

— איז דיר אַלעס קלאָר?

דערבײַ קוקט ער אויף מיר מיט אַ לײַכטן שמייכל, ווי ער וואָלט מיר
געוואָלט אָט די אַלע אויסגערעכנטע אַרבעטן פאַרשטענדלעכער מאַכן.

— יאָ, מיר איז קלאָר, אָבער מיט וועמען וועל איך דאַרפן שטיין
אין קאָנטאַקט? — פרעג איך.

— דערווײַל מיט מיר און מיט „הענריקן" — קומט אָן ענטפער.
אַ מינוט בלײַבט ה' מיקאַליי שטיל.

— נו, כ'מיין, אַז דו ווײסט זיך אַן עצה געבן — רופט ער זיך שוין
אָפּ מיט אַן העכערער שטים.

אונדזער געשפּרעך ווערט געענדערט. די קעלנערין ווײַזט זיך
ווידער. מיר עסן דעם דערלאַנגטן מיטאָג און פלוידערן הויך וועגן
וועטער און וועגן דעם געשמאַקן עסן. ווי נאָר מיר בלײַבן אַליין ריידן
מיר זיך נאָך אָפּ, אַז יעדן טאָג מיטאָג־צײַט וועל איך דאָ קאָנען טרעפן

„הענריקן" און ח' „מיקאַליי". אַלע ענינים דאַרף מען דאָ דערליידיקן. ביי ספּעציעלע געשעענישן דאַרף איך קומען צו „הענריקן" אין שטוב אַריין, אויף סענאַטאָרסקע 9. מיכאַל דערליידיקט נאָך עטלעכע זאַכן. די באַגעגעניש איז געענדיקט. אַ שטילער און געמיטלעכער שמועס, וואָס ברענגט אַן איבערברוך אין מיין לעבן און טעטיקייט. איך בין פון היינט אָן אַ שרייבער אין דער אַרבעטס־מאַשין פונעם „אונטערערד".

עס הייבט זיך פאַר מיר אָן אַ נייַ לעבן. דאָ, אין דער דאַזיקער קיך, ווערט אין שטילע, פאַרזיכטיקע געשפּרעכן, געפירט אונדזער אַרבעט. דאָ רעדט מען וועגן קויפן געווער, וועגן שאַפן דירות, וועגן אָנבינדן קאָנטאַקטן מיט דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג. דאָ קומען כמעט אַלע טוערס, וואָס קאָנען מיט זייער אַרישן אויסזען זיך באַוועגן אין גאַס.

אין עטלעכע טעג אַרום, נאָך דער באַגעגעניש, האָב איך געטראָפן דעם פאָרשטייער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אויף דער אַרישער זייט אריה ווילנער — „יורעק".

געשען איז דאָס אַזוי: איך האָב זיך געפונען אין אונדזער קעלער אויף גורנאָשלאָנסקע 3. אַ יונגער קריסט פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, גוט געקליידט, מיט אַ רויטלעך פּנים, קורצער פאַררויסענער נאָז, האָט דעמאָלט אַראָפּגעבראַכט צו אונדזער באַלעבאָס עטלעכע היל־צערנע קעסטעלעך. דער באַלעבאָס האָט אָן אייגן וועגעלע און אָפט ברענגט מען צו אים אַראָפּ פּעקלעך, וועלכע ער דאַרף פאַר אַ געוויסע סומע געלט ערגעץ אָוועקפירן. איך האָב זיך גאָרנישט געחידושט אויף דעם פרעמדנס וויזיט. מאָדנע איז מיר אַ ביסל אויסגעקומען, וואָס מיכאַל, וועלכער האָט זיך אויך געפונען אין שטוב, האָט זיך האַרציק באַגריסט מיטן פרעמדן און שטאַרק צוגערעדט דאָס געשעפט זאָל געמאַכט ווערן. ער קאָן זיין אַ באַקאַנטער קריסט, האָב איך מיר געטראַכט. דער באַלעבאָס האָט געשטעלט אַ פּרייז און ווי געוויינלעך זיך געפרעגט:

— ס'אַראַ סחורה געפינט זיך דאָרט? —

— טשוועקעס — האָט דער פרעמדער געענטפערט.

מען האָט זיך אַ ביסל געדונגען און די טראַנזאַקציע איז געמאַכט געוואָרן. מיכאַל וועט דאַרפן זאָגן, ווען און וואו מען זאָל די קעסטלעך אָוועקפירן. גלייך ווי דער באַלעבאָס איז אַוועק אָפּלייגן די קעסטלעך, האָט דער יונגער „שייגעץ" עפּעס שטיל זיך גענומען שושקען מיט מיכאַלן. ווען זיי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן זעגנען, האָט זיך פון פרעמדן ווי אַרויסגעריסן אַ צופרידענער אויסגעשריי:

— הלוואי זאָלן אָפט זיין אַזעלכע געשעפטן.

דערביי האָט ער געוואָרפן אַ ביסל אַ צעטומלטן בליק אויף מיר, ווי איינער זאָגט: ווער איז זי? מיכאַל האָט אַ שמייכל געטאָן און, ווי אַרויסלייענענדיק דעם פרעמדנס פראַגע, מיך פאָרגעשטעלט:

— וואָלאָדקע, אונדזערס אַ מענטש, נישט לאַנג אַרויס פון געטאָ.

אַ האַרציקער שמייכל, אַ וואַרעמע אויסגעשטרעקטע האַנט און אַ קורצער שטילער זאַץ: „אָ, זייער גוט, עס זאָל זיין מיט גליק" — און דער יונגער קריסט איז אַרויס.

ערשט איצט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער „שייגעץ" איז געווען „יורעק", אריה ווילנער, אַ טוער פון „החלוץ" און דער פאָרשטייער פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אויף דער אַרישער זייט. די עט־לעכע קעסטלעך מיט טשוועקעס זיינען געווען דער ערשטער צענדליק רעוואָלווערן, וואָס מען האָט, נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען געקראָגן פון דער פוילישער אונטערערדישער באַוועגונג.

איך ווער אַ מיטשותף צו סודות, וואָס דאַרפן אָנהייבן אַ נײַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אונדזער גיהנומדיק לעבן.

מיט יעדן טאָג ווער איך אַלץ מער אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט און געפין זיך אין ענגן קאָנטאַקט מיט די וויכטיקסטע, אונטערערדישע טוער.

## קאַפּיטל פערצן

# שאַנטאַזשיסטן — „שמאַלצאַווניקעס"

איך די ערשטע טעג נאָך מיין אַרויסגיין פון געטאָ האָב איך דער־וואַרט אַנצוטרעפן אויף דער אַרישער זייט אַ שטאַרקע פּאַראַינטערע־סירונג מיטן געטאָ־לעבן. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז די קריסטן, וואָס וואוינען נאָר אַ ביסעלע ווייטער און זעען טאָג־טעגלעך דורך זייערע פענצטער די גרויליקע געטאָ־בילדער, פיבערן מיט דעם, וואָס דאָרט קומט פאָר.

איך האָב געוואָלט גלייבן, אַז ביי די פּאָליאַקן איז דאָ אַ שטאַרקער אינטערעס צו העלפן זייערע באַקאַנטע יידן, צו ברענגען הילף די געווע־זענע שכנים, מיט וועלכע מען האָט נישט לאַנג צוריק פריינדלעך געלעבט, געוואוינט און געאַרבעט צוזאַמען, צוזאַמען דערצויגן קינדער, צוזאַמען דורכגעלעבט פריילעכע און שווערע טעג. און איצט, ווען מען ברענגט אומברחמנותדיק אום די יידן, דאַרפן דאָך די פּאָליאַקן אַרויס־ווייזן אַ ביסעלע האַרץ, אַ ביסל מענטשלעך מיטגעפיל און אַ פאַרלאַנג צו העלפן!

איך גיי איבער די וואַרשעווער גאַסן, נישט ווייט פון געטאָ־מויער. עס איז זונטיק. קעגן איבער דעם מויער, אויף פּלאַץ קראַשינסקי, געפינט זיך היינט אַ שפּיל־פּלאַץ. דער פּלאַץ איז פול מיט קינדער און דערוואַקסענע. מען הוידעט זיך, מען טאַנצט, מען פאָרט אויף קאַרו־זעלעס. די לופט איז פול מיט געלעכטער, מונטערער פרייד און געזאַנג. די קליינע קאַפּעלן זיינען איבערפילט מיט צעבאַלעוועטער יוגנט. מען וויל געניסן און הנאה האָבן. איך שטעל זיך אָפּ פון דער ווייטנס און באַ־טראַכט דאָס בילד. איך דריי אַ מינוט אַוועק דעם קאָפּ אויף לינקס און איך דערזע דעם געטאָ־מויער. ווי נאָענט ער איז — בלויז עטלעכע טריט טיילן אונדז אָפּ. צוויי פאַרשיידענע וועלטן אויף איין און דער זעלביקער גאַס.

פּלוצלונג הער איך פון דער צווייטער זייט מויער אַן אָפּהילך פון עטלעכע שאָסן, אַ יאָמערלעך געשריי און עס ווערט גלייך צוריק שטיל. עס איז שוין עמעצער געפאַלן אין געטאָ...

איך כאַפּ אַ קוק אויפן שפּיל־פּלאַץ, צי האָבן זיי געהערט? עטלעכע קריסטן הייבן אויף דערשראָקן די קעפּ, קוקן זיך אומרואיק אַרום, צי

דראַט נישט עפּעס אַ געפאַר ? איינער ווייזט מיטן פינגער אויפן מויער — עס קומט פון דאָרטן.

דער עולם באַרואיקט זיך. אַ יינגער קריסט רופט זיך אָן מיט אַ צופרידענעם שמייכל : „דאָס מיינט מען דאָך די זשידקעס", און האַסטיק גיט ער זיך אַ לאָז נאָך אויף דער הוידעלקע.

דאָס, וואָס קומט פאַר הינטערן מויער, באַדראָט דאָך נישט קיינעם פון די שפּילנדיקע — איז וואָס זיך קימערן ?

די גאַס איז פול מיט שפּאַצירנדיקע מענטשן. עס איז אַ זוניקער ווינטער־טאָג. איך קוק אויף די אויסגעפּוצטע קריסטן, אויף זייער רואיקן גאַנג ; אויף די קליינע קינדערלעך, וועלכע לויפן פאַראויס פאַר טאַטע־מאַמע, און פאַר די אויגן שוועבט מיר כסדר דאָס בילד פון די אויס־געשטעלטע מענטשן־רייען, איבער וועלכע עס הענגט אַ שוואַרצע מער־דערישע האַנט, מיט אַ דין שטעקעלע, וואָס ווייזט אָן אויפהער :

— לינקס, רעכטס ; — לינקס, רעכטס.

מיינע געדאַנקען ווערן איבערגעריסן דורך עפּעס משונהדיקע קולות. פון דער ווייטנס דערזע איך אַ צוזאַמענלויף. צוויי ציווילע עלטערע מענער פירן אין מיטן גאַס אַ יונגען, אָרעם־געקליידטן בחור. זיי האַלטן אים פעסט ביי די אַקסלען, ער זאָל זיך נאָר נישט קענען אַרויסרייסן. דאָס טונקעלע, בלייכע געזיכט און די דערשראָקענע אויגן פון דעם בחור קוקן הילפלאָז אויף די אַרומיקע מענטשן. יעדע ווילע שטעלט ער זיך אָפּ און בעט עפּעס ביי זיינע צוויי באַגלייטערס. יענע שאָקלען בייז מיט די קעפּ אויף ניין און שטויסן אים ווייטער. אַ כאַפּטע שקצימלעך לויפן נאָך און שרייען הויך אויף אַ קול : — זשידזשיע ! פאַרשיווי זשידזשיע !

אַ שוידער לויפט מיר דורך. מען פירט דאָך אַ יידן. שאַנטאַזשיסטן האָבן אים געכאַפּט אויף דער גאַס און לאָזן אים איצט נישט אָפּ. מסתמא האָט דער ייד נישט געהאַט קיין געלט אויסצוקויפן זיך.

איך גיי נאָך פון דער ווייטנס. איך זע ווי אַ קריסט לויפט ערגעץ אַוועק און קערט זיך גלייך אום צוריק צוזאַמען מיט אַ דייטשישן זשאַנ־דאַרם.

דער ייד לאָזט רעזיגנירט אַראָפּ דעם קאָפּ. איצט איז ער שוין אַ פאַרפאַלענער.

דער דייטש שטעלט אָפּ אַ דורכפאָרנדיקע דראָזשקע, שטופּט אַריין דעם יונגן בחור. אַליין זעצט ער זיך פון איין זייט, די מענער — פון דער צווייטער זייט, און זיי פאָרן אָפּ.

דער גורל פון דעם יידן איז אַ געחתמעטער...

די קריסטן אַרום נעמען זיך שטאַרק נישט איבער מיטן נאַר וואָס געזעענעם, זיי שאָקלען מיט די קעפּ, אַ טייל שמייכלען אַ ביסל פאַר־לוירן, און גייען זיך ווייטער זייער זונטיקדיקן שפּאַציר. אַזוי האָט זיך געהאַלטן דער דורכשניטלעכער פּוילישער מענטש אויף דער גאַס.

אָבער פאַרוואָס שווייגן זיי די פּאָליאַקן? צי וואָלטן זיי געווען אויך אַזוי גלייכגילטיק, ווען דאָס פּאַסירט מיט אַן אַנדערן מענטשן, נישט מיט קיין יידן?

איך דריי זיך צעטומלט אַרום אויף דער גאַס. איך קאָן היינט אַ גאַנצן טאָג נישט זיין אין שטוב. מיין באַלעבאָסטע האָט געסט. זי וויל נישט, אַז אירע קרובים זאָלן וויסן, אַז זי האָט אַ יידישן לאָקאַטאָר.

עס איז שוין גאַנץ טונקל ווען איך קום אַ היים. אין שטוב וואַרט אויף מיר „אַניע" (קאַנטשע ווערקצוויג־עלנבויגן), מיינע אַ יוגנט־חברטע. זי איז אומרואיק און איבערגעשראָקן. עס האָט געמוזט עפּעס פּאַסירן. קאַנטשע האָט צוזאַמען מיט איר מאַן, „באַלעק" (חיים עלענבויגן) געאַרבעט הינטער וואַרשע אין דער „מעדעם סאַנאַטאָריע", געווען אויפן פּאָסטן ביז די דייטשן האָבן סוף אויגוסט די קינדער־סאַנאַטאָריע ליקווי־דירט. זיי, צוזאַמען מיט „באַלעקס" שוועסטער, פּערעלע, לערערין פון דער מעדעם סאַנאַטאָריע, האָבן זיך על־פּי־נס געראַטעוועט אויף דער אַרישער זייט. „אַניע" האָט געוואוינט מיטן מאַן ביי אָרעמע קריסטן, געאַרבעט אַלס אַ שניידערין און אַלץ איז געווען אין אָרדענונג. איר איצטיקע דערשיינונג איז אַן אָנזאָג אויף עפּעס שלעכטס.

— נעכטן — הויבט אַניע אָן דערציילן — פאַר איך אַהיים פון דער אַרבעט. איך קוק אַרויס דורכן טראַמוויי־פענצטער. ווען איך דאַרף שוין אַרויסשטייגן, זע איך ווי עמיצער קלאַפּט אין דער טראַמוויי־שויב און רופט מיך מיט דער האַנט אַרויס. עס שטייט באַלעק. ער איז דענערווירט, אָבער צופרידן וואָס ער האָט מיך געטראָפן. ער וואַרט שוין אַזוי עטלעכע שעה. ער וויל מיך וואָרענען, אַז איך זאָל אין שטוב אַריין נישט גיין; דאָרטן וואַרטן שאַנטאַזשיסטן.

„אַניע" רייסט איבער, זי ציטערט פון אויפרעגונג.

— עס ווייזט זיך אַרויס — זעצט זי ווייטער פאָר — אַז אַ קריסט האָט באַלעקן דערקענט אַלס אַ יידן, איז ער אים נאָכגעגאַנגען אַרויף אין שטוב, דאָרטן געפאָדערט געלט און צוגענומען אַלץ וואָס ער האָט נאָר געפונען. אָבער דאָס איז נאָך געווען צו ווייניק, ער האָט באַלעקן גענומען און געפירט צו דער דייטשישער וואַך. אויף דער גאַס האָבן אים שוין באַגלייט צוויי כוליגאַנעס. נישט ווייט פון דער וואַך האָט זיך אָבער באַלעק אַרויסגעדרייט פון זייערע הענט און איז אַנטלאָפן. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז די שאַנטאַזשיסטן קאָנען נאָך אַמאָל קומען אין שטוב אַריין און מיך טרעפן — איז ער געשטאַנען אויף דער סטאַנ־ציע און מיך אָפּגעוואַרט צו וואָרענען.

פאַרצווייפלט גיט זי צו:

— די לעצטע נאַכט זיינען מיר פאַר אַ פאַר זלאָטעס געשלאָפן ביי אַ פרעמדער קריסטין, אָבער איצט האָבן מיר נישט וואו צו גיין.

מיר שווייגן ביידע. קיינער רעדט נישט. דער ענין איז קלאָר. זיי מוזן האָבן אַן אָרט וואו זיך אַהינצוטאָן.

— וואָרט, — באַרואיק איך זי, — איך וועל ריידן מיט מיין באַלעבאָס. פאַר געלט וועט זיך אפשר לאָזן עפּעס מאַכן.

מיין באַלעבאָס איז אַ ביסל בגילופנדיק. אונדזער געשפּרעך דויערט לאַנג. צען מאָל זאָגט ער ניין און יאָ. ענדלעך, נאָך לאַנגע דינגעניש, איז ער מסכּים.

— אָבער נאָר אויף צוויי נעכט, דערנאָך מוזן זיי גיין. געלט פאָראויס באַצאָלט.

זאָל זיין צוויי נעכט. שפּעטער וועט מען זען ווייטער. דערווייל האָבן זיי וואו צו זיין.

שווער איז צו געפינען וואוינונגען. נישט נאָר זיינען נישטאָ קיין דירות אויף אַרויסצוגעמען פרויען און קינדער פון געטאָ, נאָר אַפילו ביי די יעניקע, וואָס זיינען שוין אויף דער אַרישער זייט געווען איינגעאָרדנט, ברענט כסדר דער באָדן אונטער די פיס. ס'איז נישט אַזוי לייכט אָנצוגיין פאַר אַ קריסט. מען מוז זיך היטן מיט יעדער באַוועגונג, מיט יעדן וואָרט, מען זאָל זיך, חלילה, מיט עפּעס נישט פאַרראַטן. די פּאָליאַקן דערקענען זייער לייכט, ווער עס איז אַ ייד. לעצטנס וויסן זיי, אַז יידן פּרוואָון זיך ראַטעווען אויף דער אַרישער זייט. דאָס נוצן אויס יינגע שקצים. זיי האָבן זיך געמאַכט אַ פּראָפעסיע צו „שמאַלצעווען" — שאַנטאַזשירן. ווי נאָר מען טרעפט אַ יידן, איז — גיב אַהער געלט, האָסטו נישט קיין געלט, איז אַ מאַנטל, שיך, אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך נאָר נעמען.

ביי צעלעקן האָט אַ שמאַלצאָווניק אַראָפּגעצויגן די מאַרינאַרקע. ער האָט נישט געהאַט קיין געלט זיך אויסצוקויפן, איז אַ מאַרינאַרקע אויך עפּעס ווערט.

די „שמאַלצאָווניקעס" זיינען געניט און דערקענען גיך באַהאַלטענע יידן. זיי קומען אין די וואוינונגען, אויף דער גאַס, צו דער אַרבעט. אומעטום זיינען זיי פול. זיי זיינען די גרעסטע פּלאָג פאַר יידן אויף דער אַרישער זייט.

און יידן — יידן האָבן מורא פאַרן דייטש, פאַרן טויט, גיבן זיי אַוועק אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר, אַבי צו ראַטעווען דאָס לעבן. און אויב עס טרעפט, אַז דער ייד האָט ביי זיך גאָרנישט, דאַן גיבן די „שמאַלצאָווניקעס" איבער דעם יידן אין די דייטשישע הענט. די זשאַנדאַרמעריע צאָלט:

— אַ הונדערטער פאַר אַ יידיש קעפּל.

די דייטשן וואָלטן געכאַפּט אַ סך ווייניקער יידן אויף דער אַרישער זייט, ווען נישט די פּוילישע מוסרים.

אמת, נישט אַלע פּאָליאַקן זיינען אַזוי. טייל וויזן אַרויס מיטגעפיל. אָבער ווייניק איז זייער צאָל, און קליין איז זייער הילף.

אויך מיכאל מוז זיין פאָרזיכטיק. אים האָט מען שוין אויך שאַנטאַזשירט. ער דאַרף ווייניקער זיך ווייזן אין גאַס. ער איז אַ בלאָנדער,

אַ הויכער, מיט בלויע אויגן, אָבער זיין נאָז איז אַ ייִדישלעכע, אַ ביסל צו לאַנג, און דאָס גיט אים אויס. שוין אין די ערשטע וואָכן פון מיין אַרבעט אויף דער אַרישער זייט האָב איך פאַרזוכט דעם טעם פון אַ שאַנטאַזש. געשען איז דאָס אַזוי: פון געטאָ האָט מען אונדז געגעבן צו וויסן, אַז זיי דאַרפן האָבן פיילכעלעך. די פיילכעלעך זיינען נויטיק פאַר די, וואָס ווערן געכאַפּט אויף אַן אַקציע און געשיקט נאָך טרעבלינקע. ס'איז דאַן פאַראַן בלויז איין אויסוועג — אַנטלויפן פון לויפנדיקן צוג. פאַרזיכטיק הייבט מען אָן מיט די דאָזיקע פיילכעלעך צו פיילן און זעגן די קראַטן פון וואַגאָן־פענצטערל. ווען די אייזערנע שטאַנגען לאָזן נאָך, קאָן מען מאַכן אַ קליינע עפענונג. דאַן דער לעצטער פּרוואוו: אַ שנעלער שפּרונג. און ווען עס געלינגט, איז מען דערווייל געראַטעוועט מיטן לעבן.

מיכאל קלעפּפיש און איך דאַרפן די פיילכעלעך באַזאָרגן.

אין אַ פּראַסטיקן נאָך מיטאָג דרייען מיר זיך אַרום פאַר כמיעלנע 42, ביי אַ דייטשישער פאַבריק. די פיילכעלעך האָבן מיר שוין איינגע־האַנדלט. מיר ווילן זיך צונויפריידן מיט דעם ייִדישן גרופּן־פירער, וואָס אַרבעט דאָרטן, ער זאָל איינעם פון אונדז מיטנעמען, ווען ער קערט זיך אום מיט זיין גרופּע צוריק אין געטאָ. איך היט, צי עס גייט נישט קיין דייטש, כ'גיב אַ צייכן. מיכאל קלינגט אָן ביים פאַבריק־טויער. איך זע ווי ער רוקט אַריין דעם וועכטער אַ מטבע אין דער האַנט אַריין. יענער לאָזט אים אַריין. דער טויער פאַרהאַקט זיך. איך שטיי אויף דער גאַס און וואַרט. אַרום איז שטיל. איך דריי זיך הין און צוריק. כ'ווער אומרואיק. עס געדויערט צו לאַנג. ענדלעך קומט מיכאל אַרויס.

גאָרנישט דערליידיקט. די ייִדישע גרופּע איז שוין עטלעכע טעג נישט געקומען צו דער אַרבעט. אין געטאָ קומען ווייטער פאָר אַקציעס. מען סעגרעגירט איצט די ייִדישע אַרבעטס־בריגאַדעס, וואָס האָבן געאַר־בעט אויף דער אַרישער זייט. מיר דערווייטערן זיך פון דער פאַבריק און טראַכטן ווי אַזוי צו געפינען אַן אַנדער וועג אויף דורכצושמוגלען אונ־דזערע פיילכעלעך. פּלוצלונג דערהערן מיר הינטער זיך טריט. איך דריי זיך האַסטיק אויס, הינטער אונדז שפּרייזן דריי קריסטן. זיי קוקן אונדז נאָך. עס איז קלאָר, — שאַנטאַזשיסטן, „שמאַלצאָווניקעס". זיי ווען אונדז שוין איצט נישט אָפּלאָזן. מיר פאַרשנעלערן די טריט. יענע — אויך. קיין סך געלט האָבן מיר נישט. איך האָב בלויז 10 זלאָטעס; מיכאל — ביי 50 זלאָטעס. דאָס איז צו ווייניק. זיי זיינען דריי, און פאַר צוויי ייִדישע „קעפּלעך" צאָלט די דייטשישע וואָך מער.

גראָד פאָרט פאַרביי אַ טראַמוויי. מיר פּרוואוון אַרויפשפּרינגען. מיכאלן געלינגט עס, ער פאָרט אָפּ. איך לויף פאַראויס. איך מוז זיך אָפּשטעלן. כ'דערפיל אויף מיינע אַקסלען אַ שווערע האַנט. כ'דריי זיך אויס. די זעלבע דריי שקצים, וואָס זיינען אונדז נאָכגעגאַנגען, רינגלען מיך אַרום. דער, וואָס האַלט מיך, איז אַ הויכער יונג, מיט אַ רויטער

באַז און מיט קליינע, אַנגעלאָפּענע אויגן. ער פאַרנויגט זיך פאַר מיר שעלמיש און רופט זיך אָפּ:

— האָסט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער נישט אַזוי שנעל ווערט מען פון אונדז פּטור.

— וואָס ווילט איר פון מיר? — פרעג איך כלומרשט פאַר־חידושט.

— וואָס, קאָנסט אונדז נישט? — מישט זיך אַריין אַ קליין, דאַר מענטשל, מיט שוואַרצע, שפּיזיקע אויגן.

— מיר קאָנען דיך יאָ, וואָס האָסטו געטאָן ביי דער פאַבריק, וואו עס אַרבעטן יידן?

איך פּרואוו זיך פאַרענטפערן:

— איך האָב געזוכט אַרבעט אין דער פאַבריק.

— האַק נישט קיין טשייניק! — רופט זיך אָפּ דער ערשטער. — דו ביסט פון געטאָ, און יענער וואָס איז אַנטלאָפן איז אויך אַ „זשיד".

פאַרבייגייער הייבן זיך אָן אָפּצושטעלן און זיך צוהאָרכן צו אונ־דזער געשפּרעך. עס איז שלעכט. איך הייב אָן רואיק צו שמייכלען און בעט מיינע באַגלייטער, זיי זאָלן בעסער מיט מיר שפּאַצירן, ווי שטיין אויף איין אָרט. איך הייב אָן גיין; זיי לעבן מיר.

— אויב דו ווילסט מיר זאָלן דיך אָפּלאָזן, טאָ גיב אַהער דריי טויזנט זלאָטעס. פאַר יעדן פון אונדז אַ טויזנטער — קענסטו פריי גיין ווייטער.

איין קלייניקייט — דריי טויזנט זלאָטעס! — און איך פאַרמאָג נישט אַפילו קיין האַלבן הונדערטער. איך דריי זיך אַריין אין אַ גאַס, וואו עס איז אַ גרעסערע באַוועגונג. איך זוך מיט די אויגן אַ וועג צו אַנטלויפן. מיינע באַגלייטער טרעטן פון מיר נישט אָפּ אויף קיין איין רגע. עס העלפט נישט מיין ריידן, מיין איבערצייגן, אַז איך בין אַ קריסטין און איך ווייס נישט וואָס זיי ווילן פון מיר האָבן. זיי האַלטן זיך ביי זייערס.

— וואָס מיינסטן, מיר וועלן מיט דיר, „זשידוווקע", שפּאַצירן? גיב אַהער געלט! אויב נישט, איז צו דער דייטשישער וואַך! זיי וועלן דיך שוין קאָנטראָלירן.

אַ ציטער גייט מיר דורך. אויף דער וואַך וועט מען גלייך פעסט־שטעלן, אַז מיינע דאָקומענטן זיינען פאַלשע. דאַן בין איך אַ פאַרלוי־רענע. ווי דרייט מען זיך אַרויס פון זיי?

— גוט, מיר קאָנען גיין, איך וועל אייך דאָרטן ווייזן וואָס עס הייסט מיך חושד זיין און אויספּרעסן געלט — ענטפער איך מיט אַ געמאַכטן גבֿייזער.

מען דאַרף דעם אַנשטעל פירן ביזן סוף, אָדער עס וועט געלינגען, אָדער מען ליגט... שווייגנדיק שפּריז איך פאָראויס. כ'רייד שוין צו זיי מער קיין וואָרט נישט.

איין געדאַנק מאַטערט מיך — אַנטלויפן. אַנטלויפן וואָס שנעלער, איידער מיר דערגרעגנטערן זיך צו דער דייטשישער וואַך.

מיינע באַגלייטער הייבן זיך עפּעס אָן צו שושקען. איך קוק זיך אויף זיי נישט אום, נאָר איך גיי פאָראויס. וואָס איז דאָס? איך הער מער נישט קיין טריט הינטער זיך. איך גיי אַריבער דעם טראָטואַר און דריי פּאַרזיכטיק אויס דעם קאָפּ. „מיינע" טיפּן שטייען ביים ראָג גאַס און קוקן מיר נאָך. אַנטלויפן טויג איצט נישט. בעסער גיין לאַנג־זאַמער, ווי קיין מאָל גאַרנישט. עס ווייזט אויס, אַז זיי זיינען נישט זיכער, צי איך בין אַ יידישקע. איך דריי זיך אַריין צווישן גרויסן עולם פּאַרבייגייער, דערוווייטער זיך וואָס אַמאָל מער. ענדלעך פאַר־ליר איך זיי פון אויג. איצט בין איך אין אַ קליין, שמאָל געסל. איך קוק זיך אַרום, קיינעם פון די דריי זע איך נישט. ערשט איצט הייב איך אָן שנעל צו לויפן. אַרויס פון געסל, אַריין אין אַ טראַמוויי. פון איין טראַמוויי אין אַ צווייטן. עטלעכע שעה בין איך אַזוי אַרומגעפּאָרן איבער דער שטאָט. ערשט ווען איך בין שוין געווען זיכער, אַז קיינער גייט מיר נישט נאָך, האָב איך זיך געלאָזט גיין צום פּונקט, וואו כ'האָב זיך אָפּגערעדט צו טרעפן מיט צעלעקן.

מיר איז דאָס מאָל געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון די „שמאַל־צאָווניקעס", אָבער וויפל יידן געלינגט דאָס נישט?

די פּוילישע „שמאַלצאָווניקעס" הרגענען נישט די יידן אויפן אָרט, אַזוי ווי עס טוען די דייטשן. זיי נעמען בלויז צו דאָס לעצטע ביסל פאַרמעגן, אָן וועלכן מען קאָן זיך נישט אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט. און אַזוי דערפירן זיי דעם פאַרצווייפלטן יידן צום אומקום.

איך האָב זיך, למשל, געטראָפן מיט אַזאַ פאַל: אַ באַקאַנטע אָרנט־לעכע קריסטין בזשעסקאַ פון טאַפּיעלאַ 8, ביי וועמען מיר האָבן אין אַ נויט־פאַל אויסבאַהאַלטן פינף יידן, האָט אונדז מודיע געווען, אַז איר דירה איז אונטער אַ קאָנטראָל פון „שמאַלצאָווניקעס". יעדע פאָר וואָכן ווייזן זיך אין איר וואוינונג פרעמדע יונגען און קאָנטראָלירן צי עס באַהאַלטן זיך נישט אויס קיין יידן. דאָס ציט זיך נאָך פון אירע ערשטע יידישע לאָקאַטאָרן, וואָס האָבן געוואוינט ביי איר.

אָט די ערשטע לאָקאַטאָרן זיינען געווען אַ מוטער מיט אַ דער־וואַקסענעם זון, אַ געוועזענעם יידישן פּאָליציאַנט. ביידע האָבן געהאַט אַ יידישן אויסזען און ביידע האָבן געמוזט כסדר זיין אין שטוב. צו די דאָזיקע יידן פלעגן אַרויפקומען אייניקע קריסטן, טאַקע די זעלבע, וואָס האָבן זיי אַריינגעגעבן אין איר וואוינונג און וואָס פלעגן זיך מיט זיי כסדר פאַרנעמען.

אין אַ געוויסן טאָג זיינען אין איר וואוינונג אַרויפגעקומען „שמאַל־צאָווניקעס" און גלייך אַריין אין צימער, וואו עס האָבן געוואוינט די יידן. זיי זיינען, ווייזט אויס, געווען גוט אינפאָרמירט. ווי די באַלעבאָס־טע האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, האָבן זיי צוגענומען ביי די באַהאַלטענע יידן געלט און צירונג. איר האָבן די שמאַלצאָווניקעס" פאַרזיכערט, אַז

מער וועלן זיי שוין נישט קומען. „די זשידקעס קענען רואיק ווייטער בלייבן וואוינען".

וואָס האָבן די יידן געקענט טאָן? קיין אַנדער דירה, וואו צו גיין, איז נישט געווען, קיין געלט האָבן זיי שוין אויך נישט געהאַט. זיי האָבן געבעטן מען זאָל זיי כאָטש לאָזן פאַרבלייבן נאָך אַ קורצע צייט. זיי וועלן פאַרקויפן אַ ביסל קליידער, קריגן אַ ביסל געלט און פרואוון אויס־געפינען אַ פרישע מעלינע.

עס זיינען אַדורך עטלעכע וואָכן. די „שמאַלצאָווניקעס" זיינען ווייטער געקומען. דאָס מאָל האָבן זיי שוין צוגענומען אַלץ, וואָס האָט נאָר געהערט צו די יידן: געלט, וועש און קליידער. די פאַרצווייפלונג ביי די אויסבאַהאַלטענע איז געווען אומגעהייער. וואָס וועלן זיי איצט טאָן אָן געלט? וואו וועלן זיי גיין, צו וועמען וועלן זיי זיך ווענדן נאָך הילף? —

די באַלעבאָסטע האָט שטאַרק מורא געהאַט, אָבער האָט פאָרט נישט געהאַט קיין האַרץ זיי אַרויסצויאָגן. ביידע, אי די מוטער, אי דער זון, האָבן אָן אויפהער געטרערט וועגן טויט. ספּעציעל האָט געיאָמערט די אַלטע מוטער. זי וויל איר איינציקן זון געבן די מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען. אפשר אָן איר, וועט ער זיך קענען אַן עצה געבן.

ענדלעך האָט זייער קריסטלעכע פריינדין זיי צוגענומען פון איר שטוב. מיט אַ צייט שפּעטער האָט די באַלעבאָסטע זיך דערוואוסט פון דער זעלבער קריסטין, אַז די אַלטע מוטער האָט אַליין זיך גענומען דאָס לעבן. זי איז אַרויס אויף אַ פעלד, הינטער דער שטאָט און דאָרט איינ־גענומען סם — ציאַנקאַלי. זי האָט אַפילו מיט איר טויט קיינעם נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין שוועריקייטן. אַ טויטע איז זי געבליבן ליגן אויף אַ פוסטן פעלד. נישט געווען אַפילו ווער עס זאָל איר קובר זיין. דער זון איז ערגעץ־וואו אַוועק און קיין שום שפּור נאָך זיך נישט געלאָזן.

איך האָב דאָ בלויז דערמאָנט עטלעכע פאַקטן. ווער איז דען בכוח איבערצוגעבן אַלע אָנגעטראָפענע פאַלן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער שווידערלעכער אָנשיקעניש פון יידן אויף דער אַרישער זייט, צו די „שמאַלצאָווניקעס"?

אונדזער יידישע אונטערערדישע הילפס־אַרבעט האָט זיך באַמיט ווי ווייט מעגלעך צו קעמפן מיט דער דאָזיקער שרעקלעכער פּלאָג. מען האָט זיך אַפילו געווענדעט צו אונדזערע פאַרבינדעטע, צו די פּוילישע אונ־טערערדישע טוער זיי זאָלן אין זייער אומלעגאַלער פּרעסע אָנהייבן פירן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט, — מען זאָל ווירקן, אַז די פּאַליאַקן זאָלן באַ־טראַכטן די שאַנטאַזשיסטן פאַר פאַרברעכער, פאַר דייטשישע מיטהעלפער און אַלס אַזעלכע זאָל מען זיי באַשטראָפן. ליידער איז אונדזער פאָדערונג געבליבן אָן דעם געהעריקן ענטפער. די „שמאַלצאָווניקעס" האָבן ווייטער געהוליעט.

קאַפּיטל פופצן

# וואו קריגט מען געווער?

אין באַדינגונגען פון שאַנטאַזש, פון אָפּטמאָל נישט האָבן וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, לאָזן די טוער אויף דער אַרישער זייט אויף קיין איין מינוט נישט אַרויס פון אויג דעם ציל, צוליב וועלכן זיי זיינען געשיקט געוואָרן פון געטאָ. דאָ זיינען פאַראַן ביי אַ צוויי צענדליק יידן, וואָס באַטייליקן זיך אין דער אונטערערדישער אַרבעט. דאָס זיינען געוועזענע אַקטיווע טוערס פון פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען, וואָס האָבן אַן אַרישן אויסזען און קענען זיך דעריבער באַוועגן אויף דער פּוילישער גאַס.

ווי פאַרשטעלטע דרייען מיר זיך אַרום אין דער פּוילישער וועלט. מיר פילן זיך דאָ ווי פרעמדע. אונדזער לעבן, אונדזער גאַנץ וועזן האָבן מיר געלאָזן „דאָרטן" — הינטער די פאַרמאַכטע געטאָ־מויערן. אַלץ איז מיטן דאָרטן פאַרבונדן; דאָס האַרץ, דער געדאַנק, די נשמה, אַלע באַמיאונגען און אַרבעטן.

די גרעסטע פּראָבלעם פאַר דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ און אויך, פאַרשטייט זיך, פאַר אירע פאַרשטייער אויף דער אַרישער זייט, איז — געווער; געווער פאַר די, וועלכע ווילן זיך אַקטיוו אַנטקעגנשטעלן, ווען דער דייטש וועט זיי קומען נעמען...

אויף דעם געביט פון ווידערשטאַנד־אַרבעט זיינען ביי אונדזערע טוערס פאַרשוואונדן אַלע פּאָליטישע חלוקי־דעות. איין וויכטיקע זאַך איז איצטער אַנטשיידנדיק: אַ געפיל, וועגן וועלכן מען רעדט ווייניק, אָבער וואָס נורטעוועט ביי יעדן אין האַרצן און בינדט אונדז נאָך ענגער צוזאַמען: דער דורשט נאָך נקמה. נקמה פאַר אונדזערע נאָענטסטע, וואָס זיינען אַוועק; פאַר די אַלע ליידן און פּייניקונגען, וואָס מיר זיינען דורך דער גאַנצער צייט אויסגעשטאַנען. דאָס דאָזיקע געפיל פאַרבינדט אונדז נאָך פעסטער מיט די צוגרייטונגען פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע („זשאָב").

ווי אַזוי שאַפט מען איין געווער? די הויפּט אָריענטאַציע איז אויף דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג. זי האָט געהיימע מיליטערישע

מאַגאַזינען. זי קען און דאַרף אונדז העלפן. דאָס געווער איז דאָך געצילט קעגן אונדזער געמיינזאַמען שונא — קעגן אָקופּאַנט !

יעדעס מאָל, ווען עס קומט מיר אויס צו גיין זיך זען מיט ח׳ מיקאַליי בערעזאָווסקי, דערמאָנען מיר מיינע חברים, כ׳זאָל נישט פאַר־געסן צו פרעגן, וואו האַלט דאָס מיט דעם דאָזיקן ענין. ח׳ מיקאַליי שטייט אין אַן ענגער פאַרבינדונג מיט דער פּוילישער אונטערערדישער אָנפּי־רונג. דער ענטפער איז שטענדיק איין און דערזעלבער — „זיי זאָגן כסדר צו". ביז איצט האָט דער געטאָ דערהאַלטן פון זיי בלויז איין טראַנספּאָרט, צען רעוואָלווערן. ווייטער גייט עס נישט — מען מוז וואַרטן...

אָפט רייסט זיך ביי אונדז אַרויס מיט פאַרביטערונג די פראַגע: פאַרוואָס העלפט מען אונדז אַזוי ווייניק ?!

גאַנצע טעג לויפט מען אַרום איבער דער שטאָט. מען זוכט און נישטערט. ממש צו יעדן באַקאַנטן פּאָליאַק, וואָס רופט נאָר אַרויס צו זיך אַ ביסל צוטרוי, הייבט מען גלייך אָן צושטיין און בעטן:

— העלפט אונדז שאַפן געווער, מיר וועלן גוט באַצאָלן !!

אונדזערע באַקאַנטשאַפטן מיט די פּאָליאַקן זיינען אָבער שוואַכע און דערצו נאָך צופעליקע. פאַלט מען אָפט אַדורך. קריסטן גיבן אויס, מסרן.

„יורעק", (אריה ווילנער) איז דורכגעפאַלן ביים איינהאַנדלען געווער. אים האָט זיך איינגעגעבן צו קויפן ביי אַ קריסטין אַ גרעסערע צאָל רעוואָלווערן און גראַנאַטן. ווי נאָר ער האָט באַוויזן די וואַליזע מיט דער „סחורה" צו ברענגען צו זיך אין צימער אַריין, איז אָנגעקומען געשטאַפּאָ. זיי האָבן שנעל דורכגעפירט אַ רעוויזיע, געפונען דאָס געווער און אַרעסטירט „יורעקן" מיט די שטוביקע איינוואוינער. מיר זיינען געוועזן איבערצייגט, אַז דאָס שטיקל אַרבעט האָט אָפּגעטאָן די קריסטין, וואָס האָט דאָס געווער פאַרקויפט. טאָשיע אַלטמאַן (פון „השומר הצעיר"), איז געקומען צולויפן מיט דער דאָזיקער נייעס צו אונדז אין קעלער אַריין אויף גורנאָשליאַנסקע 3. מיר זיינען אַלע געבליבן דערשלאָגן. פון די הענט פון דער געשטאַפּאָ איז אוממעגלעך זיך אַרויסצודרייען. מיר זיינען הילפלאָז, נישטאָ קיין שום פאַרבינדונגען מיט דער געשטאַפּאָ. „טאָשיע" וויל אָבער נישט רעזיגנירן, זי איז צוליב דעם ענין ספּעציעל דאָ אַראָפּגעקומען. זי מוז עפּעס טאָן, עפּעס פּרואוון. אפשר וויס עפּעס אונדזער באַלעבאָס. ס׳איז אָבער אַ האָפענונגסלאָזע זאַך.

מיט חדשים שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז „יורעק" (אריה ווילנער), איז אין געשטאַפּאָ שרעקלעך געפייניקט געוואָרן. מען האָט אים צעקאַליעטשעט די הענט, די פינגער פון די פיס, מוראדיק געשלאָגן ער זאָל נאָר זאָגן, ווער עס זיינען זיינע מיטאַרבעטער. ער האָט געשוויגן...

אין זעלבן אַרעסט איז גראַד פאַרגעקומען אַן אָפּקלייב פון יידישע אַרעס־טאַנטן, וואָס מען האָט געזאָלט אַוועקשיקן גלייך אויפן אומשלאַג־פּלאַץ צו די וואַגאָנען, וואָס גייען קיין טרעבלינקע. „יורעקן" האָט זיך עפּעס דורך אַ נס איינגעגעבן אַריינצודרייען זיך אין דער דאָזיקער גרופּע. ער איז שפּעטער טאַקע געשפּרונגען פון פאַרנדיקן צוג, זיך צוריק דער־שלאָגן אין וואַרשעווער געטאָ, אָפּגעלעגן אַ צייט קראַנק און ווען עס איז שפּעטער אויסגעבראָכן דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, האָט ער זיך אין אים אַקטיוו באַטייליקט. „יורעק" (אריה ווילנער), איז געפאַלן בעת די געטאָ־קאַמפן אויף מילע 18, צוזאַמען מיטן הויפּט־שטאַב פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואו עס האָט זיך אויך געפונען דער העל־דישער קאָמענדאַנט פון געטאָ־אויפשטאַנד מ ר ד כ י א נ י ל ע־ו ו י ט ש. די קעמפער האָבן דאָן נישט געוואָלט לעבעדיקערהייט אַריינפאַלן צו די דייטשן אין די הענט און אַליין אַ סוף געמאַכט צו זייער לעבן.

„יורעק" פעלט אויף דער אַרישער זייט. ער איז געווען אַ טיכטיקער און אומדערשראָקענער טוער. איצט פאַרטרעט אים מיכאַל.

אַ גרויס געשעעניש איז פאַר מיר געווען דער ערשטער פאַל, ווען מיר אַליין געלינגט איינצוהאַנדלען אַ רעוואָלווער. מיין באַלעבאָסטעס פּלימעניק האָט מיר פאַרקויפט אַ זיבן־קויליקן רעוואָלווער פאַר צוויי טויזנט זלאָטעס. עס איז דאָס ערשטע מאָל, ווי איך האָב אַזאַ מאַשינדל געהאַלטן אין האַנט. איך האָב עס געדרייט אין אַלע זייטן, געוואָלט וויסן צי עס איז גוט, אָבער וויניק זיך אויף דעם פאַרשטאַנען. איך האָב פונדעסטוועגן באַשלאָסן עס צו קויפן. געטראַכט האָב איך, אַז אויב עס זאָל אַפילו נישט טויגן, וועלן עס די חברים אין געטאָ צורעכט מאַכן. פאַרנאַכט, אין אַ טויער אויף טשערניאַקאָווסקע גאַס, האָב איך עס אָפּגענומען ביים קריסט העניעק דוביעל. אַ ביסל אַן אויפגערעגטע האָב איך שנעל געאיילט אין קעלער, צו ווייזן עס צעלעקן און מיכאַלן. צו מיין גרויס איבערראַשונג האָב איך געטראָפן זיצן ביי מיין באַלעבאָס אַ גאַסט, בערנאַרד גאָלדשטיין, אַ אַנגעזעענער מיטגליד פון אומלעגאַלן בונדישן צ. ק. אין געטאָ און שפּעטער אויף דער אַרישער זייט. איך האָב אים שוין לאַנג נישט געזען. נאָך אין געטאָ איז בערנאַרד געווען אויס־באַהאַלטן, ווייל מען האָט אים אַרומגעזוכט. אויך אויף דער אַרישער זייט האָט ער זיך וויניק געוויזן. איך ווייז אים דאָס געקויפטע מאַשינדל. ער קען זיך גוט אויף געוועהר. צום גליק האָט מען מיך נישט אָפּגע־נאַרט. איצט דאַרף מען זיך פאַרבינדן מיטן געטאָ.

ווי באַוואוסט, טאָר דער געטאָ נישט האָבן קיין שום פאַרבינדונג מיט דער אַרישער זייט. פאַראַן אָבער אין די שעפער אין געטאָ געציילטע דייטשישע טעלעפאָנען, פון וועלכע מען קען ריידן מיט דער גאַנצער

שטאָט. אַזאַ טעלעפֿאָן איז אויך פֿאַראַן אין ביוראָ פֿון בערשטער־שאַפֿ. צוויי מאָל אין טאָג, אין אָפּגערעדטע שעה'ן, זיצט דאָרטן אין ביוראָ עמיצער פֿון אונדזערע געטאָ־חברים און וואַרט אויף אַ טעלעפֿאָן פֿון דער אַרישער זייט. מיר קלינגען אַהין נאָר אין זייער נויטיקע פֿאַלן. מערסטנטייל פֿירן מיר אונדזערע פֿאַרשטעלטע געשפּרעכן פֿון עפֿנטלעכע ערטער, קוים מישט זיך אַריין די טעלעפֿאָן־צענטראַלע (און אַזעלכעס געשעט זייער אָפֿט) און פֿאָדערט אויף דעם נומער פֿון טעלעפֿאָן, הענגען מיר שנעל אויף דאָס טרייבל און ווערן נאָך שנעלער נעלם. אויך דאָס מאָל קלינגט מען אין בערשטער־שאַפֿ און מיר שמועסן זיך דורך פֿאַרשטעלטערהייט, ווען און וואו דער רעוואָלווער דאַרף אַריינגעשמוגלט ווערן. צווישן אַכט און ניין אין אָוונט דאַרף מען עס דערלאַנגען דורך אַ לאָך אין געטאָ־מויער, וואָס געפֿינט זיך אויף שוויענטאָיערסקע און באָניפֿראַטערסקע. דאָרטן וועלן זיי וואַרטן. אויף יענעם פּלאַץ קומט ביינאַכט פֿאָר אַ שמוגל. דעם פּוילישן פּאָליציאַנט, וואָס היט דעם מויער, דאַרף מען עפּעס געבן אין האַנט אַריין און דאַן קאָן מען צוגיין נאָענט צום מויער. דעם רעוואָלווער האָבן מיר איינגעפּאַקט ווי אַ שמוגל־פּעקעלע אין אַ קעסטעלע און אין פּאַפּיר. אונדזער באַלעבאָס האָט עס אַריבערדערלאַנגט דורכן לאָך פֿון מויער, ער האָט נאַטירלעך נישט געוואוסט וואָס דאָרטן געפֿינט זיך און, ווי פֿאַר אַ געוויינלעכן געטאָ־שמוגל, באַקומען פֿאַר דעם פֿינף און זיבציק זלאָטעס.

צעלעקן איז געלונגען איינצוקויפֿן אַ ביסל אַ גרעסערן טראַנספּאָרט. ער האָט זיך באַקענט מיט אַ פּוילישן סאָציאַליסט, אַ „פּעפּעסאָוויעץ", יאַנעק, וואָס האָט אים באַזאָרגט אַן אָרט, וואו צו נעכטיקן ביי זיין מוטער אויף בראָוואַרנע 20. דורך אים איז צעלעקן געלונגען צו באַקומען אַ צוזאָג, אַז ער וועט קענען פֿאַר זעקס טויזנט זלאָטעס קויפֿן דריי רעוואָלווערן און פֿיר שאַכטעלעך דינאַמיט. אונדזער מעלינע האָט זיך שטאַרק געפֿרייט מיט דער דאָזיקער מציאה. אַ קלייניקייט ! קויפֿן מיט אַ מאָל אַזאַ טראַנספּאָרט איז אַ זעלטענהייט. עס זאָל נאָר געלינגען דער שמוגל איבערן מויער. איך לויף זיך זען מיט חבר מיקאָליי. ער דאַרף דעם איינקויף באַשטעטיקן. ווי געוויינלעך, דאַרף איך אים טרעפֿן אויף סעווערינאָוו 6. אָט זיצן מיר שוין ביי איינעם פֿון די טישלעך און שטילערהייט דערצייל איך בקיצור וועגן אונדזער גרויס גליק. יעדעס מאָל, ווען עס גייט עמעצער פֿאַרביי אונדזער טיש, בייטן מיר שנעל די טעמע פֿון געשפּרעך. ח' מיקאָליי שטימט איין. אגב האָט אים שוין צעלעק מיט אַ טאָג פֿריער דערציילט וועגן דעם. מיר וועלן באַקומען די געפֿאָדערטע סומע געלט.

— אָבער צי זייט איר זיכער מיטן קריסט ? — קומט אַ פֿראַגע. ס'איז שווער דערויף צו ענטפֿערן. צעלעקס באַקאַנטער איז אַן

אַקטיווער טוער אין פּוילישן אונטערערד. רעקאָמענדירט האָט דאָך אים איינער פון די פּוילישע אומלעגאַלע סאָציאַליסטישע טוערס. עס זעט אַלץ אויס צו זיין אין אָרדענונג. כאָטש ווער ווייסט ווי ער קען זיך אין דער לעצטער מינוט אויפפירן?

—געדענק, היט זיך — זאָגט זייער שטיל מיקאַליי. — זייט זייער פּאָרזיכטיק.

איך שאָקל באַרואיקנדיק מיטן קאָפּ און בלייב אַליין זיצן ביים טישל. חבר מיקאַליי איז אַרויס אָפּציילן דאָס געלט. נאָך אייניקע מינוטן קומט ער צוריק אַריין, זעצט זיך רואיק אַוועק און לייגט אַנידער אויפן טיש אַ שאַכטעלע סיגאַרעטן. דאָרטן געפינט זיך דאָס געלט. איך לייג דאָס שאַכטעלע אַריין אין טאַש, שטעל זיך אויף און געזעגן זיך. איך דערווייטער זיך פון טישל. ח' מיקאַליי קוקט מיר נאָך מיט פּאָטער־לעכער זאָרג. כ'האָב פאַרשטאַנען זיין אומרואיקייט — מען דאַרף זיך גוט היטן ביים איינקויפן געווער.

מיך האָט מען באַשטימט דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט אָפּצונעמען און אַריבערשמוגלען אין געטאָ אַריין. צעלעק באַקענט מיך מיטן קריסט. יענער איז אַ גוטמוטיקער בחור, וואָס רעדט אַ ביסל צו פיל וועגן זיך און וועגן זיינע אַרבעטן אין פּוילישן אונטערערד. בכלל אָבער רופט ער אַרויס צוטרוי צו זיך.

ער זאָגט מיר צו אַפילו צוצוהעלפן ביים שמוגלען דעם געטאָ־מויער. אויף ראַדנע 18, אין אַ קליין געוועלבעלע, צאָל איך אים אויס דאָס געלט. דערביי מוז איך נאָך מיט אים און מיט זיינע חברים, וואָס זיינען גראָד דאָ אין געוועלבל, אויסטרינקען אַ גלעזעלע. מיר רעדן זיך אָפּ, ווען איך זאָל די סחורה אָפּנעמען.

ליידער האָבן מיר זיך פריצייטיק געפרייט. מיר האָבן די צוגע־זאָגטע רעוואָלווערן נישט באַקומען. בלויז דריי שאַכטעלעך דינאַמיט האָט אונדז יאַנעק געגעבן. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז די סחורה איז „פאַרברענט" געוואָרן. עס איז ביי זיי געווען אַ דורכפאַל און מען האָט אַרעסטירט זיינעם אַ חבר, ביי וועמען עס זיינען געווען די רעוואָל־ווערן. דאָס געלט, וואָס מען האָט אים געגעבן, איז פאַרפאַלן געוואָרן. מער ווי דריי שאַכטעלעך אויפרייס־מאַטעריאַל האָט מען דערווייל פון אים נישט געקאָנט באַקומען. אויך דאָס איז גוט. דריי שאַכטעלעך אויפ־רייס־מאַטעריאַל וועט אין געטאָ אויך צונוץ קומען.

אַ גאָר גרויסער אויפטוער ביים איינהאַנדלען געווער איז געווען „טאַדעק" (טוביה שיינגוט) פון „השומר הצעיר" — אונדזערס אַ פרישער מיטאַרבעטער, — אַ יונגער, פעסטער בחור מיט טונקל־בלאָנדע האָר. ער האָט געטראָגן גרויסע שווערע שטיוול און אַ לאַנגע קורטקע און אויסגעזען ווי אַ דאָרף־שגץ. „טאַדעק" האָט זיך געוויזן אין אונדזער

מעלינע אויף גורנאַשליאַנסקע נאָך „יורעק׳ס" דורכפּאַל. מיר האָבן זיך שנעל מיט אים באַפריינדעט. ער איז געוואָרן אַן אָפטער איינגייער אין אונדזער קעלער און ווען ער האָט אַנגעוואוירן זיין דירה, האָט ער אפילו זיך אַראָפּגעצויגן אַהין וואוינען. „טאַדעק" האָט זיך שנעל פאַרבונדן מיט אונדזערע באַקאַנטע קריסטן און אַנגעהויבן אויף אייגענער האַנט מיט זיי צו האַנדלען. ער איז אָפט געלאָפן צו יאַנעקן אויף בראַוואַרנע 20, האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך דעם באַלעבאָס׳ פּלימעניק העניעק דוביעל און נאָך אין אַנדערע ערטער. דעם אמת זאָגנדיק האָט אונדז אַפילו פאַרדראָסן, ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז טאַדעק האַנדלט אין דער שטיל אין געווער אויף אונדזערע אַלטע קויף־ערטער. וואָס האָט ער זיך אַזוי געהיט און מורא געהאַט צו זאָגן ? אָבער אַזאַ מענטש איז „טאַדעק" געווען. ער איז געווען אַ פּיפּיקער און אַ דרייסטער און פלעגט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום שטערונג. ער האָט זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט אַ רעוואָלווער.

— איך וועל צו זיי אַ לעבעדיקער נישט אַריינפאַלן — פלעגט ער אָפט באַמערקן.

ווי מאָדנע ריכטיק „טאַדעק" האָט פאַראויסגעזען דעם סוף זיינעם ! געווען איז עס מיט חדשים שפּעטער. ער האָט אַנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט קריסטן אויף פּראַגע און האָט באַדאַרפט ביי זיי באַקומען אַ גרעסערן טראַנספּאָרט געווער. אַ לאַנגע צייט האָבן געדויערט די אונטערהאַנד־לונגען און ענדלעך איז געקומען דער טאָג, ווען מען האָט דאָס געווער באַדאַרפן אָפּנעמען. „טאַדעק", צוזאַמען מיט אַ צווייטן חבר קאַזשיק" (ראַטהייזער — אַ געטאָ אויפשטענדלער, וועגן וועלכן מיר וועט נאָך אויסקומען צו שרייבן), זיינען אַוועק קיין פּראַגע, אויף וואַשינגטאָנאַ גאַס נומער 80, כדי קריגן די צוגעזאָגטע סחורה. ווען זיי זיינען אַריין אין דער וואוינונג האָט אַלץ אויסגעזען צו זיין אין אָרדענונג. שנעל האָבן זיי אַנגעהויבן באַקוקן די רעוואָלווערן. פּלוצלונג האָבן זיך דערהערט שטאַר־קע קלעפּ אין טיר און איידער די שטוביקע האָבן זיך אַנגעהויבן אַרומ־זען, האָט זיך אין דער דירה אַריינגעריסן געשטאַפּאָ. דער איינציקער אויסוועג איז געבליבן צו פּרוּוון אַנטלויפן דורכן פענצטער, ווייל די דירה האָט זיך גראָד געפונען אויפן פּאַרטער. מיט רעוואָלווערן אין די הענט האָבן זיך אונדזערע חברים אַנגעהויבן צו שאַרן צום פענצטער. עס האָט זיך דערהערט פון דער אַנדערער זייט אַ שיסעריי. „טאַדעק" און „קאַזשיק" האָבן צוריק געענטפערט. די קוילן זיינען געפלויגן איבער זייערע קעפּ. שיסנדיק זיינען זיי געשפּרונגען דורכן פענצטער. „קאַזשיק" האָט געהאַט גליק, אים איז געלונגען צו אַנטלויפן. „טאַדעקן" אָבער האָט געטראָפן אַ קויל און ער איז געבליבן טויט אויפן אָרט.

זיי האָבן אים קיין לעבעדיקן נישט גענומען ! . . .

### קאַפּיטל זעבצן

# דער געהיימער שמוגל פון געווער

ווען מען פלעגט, נאָך יאָגענישן און טויט־סכנות, איינקויפן עפּעס געווער, פלעגט זיך ערשט שטעלן די האַרבע פראַגע, ווי אַזוי ברענגט מען דאָס אַריין אין געטאָ.

דאָס אַריינקריגן זיך אין געטאָ איז נישט קיין לייכטע זאַך, אָבער אַריבערשמוגלען פּעקלעך איז נאָך שווערער. איז מען אַליין, קען מען זיך מיטכאַפּן מיט אַ ייִדישער אַרבעטס־גרופּע, וואָס אַרבעט אויף דער אַרישער זייט און צוזאַמען מיט איר אַריין אין געטאָ. קוים האָט מען אָבער עפּעס מיט זיך, קען מען שוין אויף דעם דאָזיקן וועג נישט גיין, ווייל ביים געטאָ־טויער קומט פאָר אַ קאָנטראָל און מען קאָן אַריינפאַלן. מוז מען זוכן אַנדערע וועגן. מיר האָבן אַזעלכע וועגן געפונען.

איין רעוואָלווער וואָס מיר האָבן באַקומען דורך פישגרונדן, האָט מיכאל אַליין דורכגעשמוגלט אין געטאָ אַריין. ער האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ קריסטלעכן שמוגלער, אַ באַן־אַרבעטער, וואָס אַרבעט אין געטאָ אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. זיי האָבן זיך צוזאַמענגערעדט און באַשטימט די צייט און דאָס אָרט וואו זיך צו טרעפן.

עס איז געווען אַ פאַרנאַכט. מיכאל איז אַוועק אויפן אָפּגערעדטן אָרט. ער האָט אָבער דעם קריסט נישט געטראָפן. ער האָט באַשלאָסן אַליין אויסצוגעפינען דעם וועג. ביי קריסטן, וועלכע האָבן זיך זיך דאָרטן אַרומגעדרייט, האָט ער זיך דערוואוסט ווי אַזוי מען קען זיך אַריינבאַקומען אין געטאָ. ער האָט געמוזט דורכגיין אַ שטיק אומשלאַג־פּלאַץ, וואו עס האָבן זיך געדרייט די דייטשן וואָס האָבן קאָנטראָלירט יעדן פאַרדעכטיקן. מיכאל האָט געהאַלטן דעם רעוואָלווער אין קעשענע, גרייט זיך צו פאַרטיידיקן, אויב מען וועט אים פאַרהאַלטן. צום גליק איז אַלץ גוט אַדורך. ער האָט זיך בשלום דורכגעשלייכט פאַרביי די דייטשן. אָבער פאַרן ווייטערדיקן שמוגל האָט מען געפונען אַן אַנדערן וועג.

לענג אויס אָקאָפּאָווע און דזשיקע גאַס האָט זיך געצויגן דער געטאָ־מויער. צווישן אָקאָפּאָווע און דזשיקע געפינט זיך אַ קליין געסעלע,

וואָס הייסט פּלאַץ פּאַריסאָווסקי. ביי דעם געסל האָט זיך אַ גרופּע קריסטלעכע הפקר־יונגען איינגעגעבן איבערצוקויפן די וואָך, וואָס היט דעם געטאָ־מויער און דאָרטן פלעגט פאָרקומען דער שמוגל אין געטאָ.

קריסטלעכע הענדלער פון „קערצעליאַק" פלעגן אַריבערקריכן דעם מויער איינקויפן אין געטאָ ביי יידן פאַר שפּאָט־ביליק קליידער, וועש, שיך, קעפּלעך פון ניי־מאַשינען א. ד. גל. און עס אַריבערפירן אויף דער אַרישער זייט. גאַר גרויסע ריזיקאַנטן פלעגן זיך אַריינרייסן אין פאַר־לאָזטע יידישע וואוינונגען, פונאַנדערנעמען די שענק, בעטן, קרעדענסן און עס אַריבערשלעפּן איבערן מויער. אַ קליינער געהיימער האַנדל, צו־זאַמען מיט אַ הפקרדיקן רויב פון יידיש האָב און גוטס, איז אָנגעגאַנגען דורכן געטאָ־מויער. ביסלעכווייז האָבן די דייטשן אויפגעדעקט כמעט אַלע שמוגל־פּונקטן, געשאָסן פיל שמוגלערס און דאָס איבערגיין דעם מויער איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שווערער.

דער ערשטער, וואָס האָט מיר געוויזן דעם שמוגל־פּונקט אויף פּלאַץ פּאַריסאָווסקי, איז געווען דער זעלבער מיכאל קלעפּפיש. מיכאל האָט צוזאַמען מיט יורעק (א. ווילנער) דורכגעשמוגלט דורכן געטאָ־מויער אויף פּלאַץ פּאַריסאָווסקי דעם ערשטן טראַנספּאָרט געווער — ביי אַ צענד־ליק רעוואָלווערן, וועלכע די פאָרשטייער פון דעם יידישן קאָאָרדיניר־קאָ־מיטעט אויף דער אַרישער זייט האָבן באַקומען פון דער פּוילישער אומ־לעגאַלער באַוועגונג.

די רעוואָלווערן זיינען געפּאַקט געוואָרן אין קליינע קעסטעלעך און פון אויבן האָט מען אַרויפגעשיט אייזערנע טשוועקעס. די קעס־טעלעך האָט מען ווי געוויינלעכע סחורה אַרויפגעלייגט אויף אַ וועגעלע. דער טרעגער, וואָס האָט געשטופּט דאָס וועגעלע מיט דער געהיימער סחורה, איז געווען אונדזער באַלעבאָס פון גורנאָשלאַנסקע 3, סטעפאַן מאַכאַי. פון דערווייטנס זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך דעם וועגעלע, מיט רעוואָלווערן אין די קעשענעס, יורעק און מיכאל קלעפּפיש.

דער גאַנצער וועג ביזן מויער איז אַדורך אין אָרדענונג. ערשט אויף דזשיקע, נעבן דעם שמוגל־פּונקט, האָט אַ פּוילישער פּאָליציאַנט פאַרהאַלטן דאָס וועגעלע. ער האָט געפאָדערט אַ צייגעניש אויף רעכט צו פירן סחורה. אַ פּאָר זלאָטעס האָבן אָבער באַלד באַרויקט דעם פּאָלי־ציאַנטס נייגעריקייט און ער האָט זיך אָפּגעטראָגן. מיכאל און יורעק האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט. זיי האָבן צוגעשטופּט דאָס וועגעלע צום געטאָ־מויער. אויף דער צווייטער זייט מויער, אין געטאָ, האָבן שוין אויף דער „סחורה" געוואַרט איבער אַ צענדליק חברים פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַ־ציע. זיי זיינען פריער אינפאָרמירט געוואָרן, ווען דער שמוגל דאַרף פאָרקומען. נאָכדעם ווי פון דער פּוילישער זייט האָט מען אויסגערופן דעם אָפּגערעדטן „פּאַראָל", איז איינער פון די חברים פון געטאָ אַרויפ־

געשפּרונגען אויפן מויער, האָט שנעל געכאַפּט די פּעקלעך „טשוועקעס", וואָס „יורעק", „מיכאל" און „סטעפאַן" האָבן דערלאַנגט און זיי אַראָפּ־געלאָזט אין געטאָ אַריין. וואָלט מען געכאַפּט די קאַמפּס־גרופּע ביי דער דאָזיקער אַרבעט, וואָלטן זיי געענטפערט מיט פייער, האָט מיר מיכאל דערציילט. קיינער וואָלט נישט דערלאָזט, אַז די רעוואָלווערן, אויף וועלכע מען האָט אַזוי לאַנג געוואַרט, זאָלן אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט. צום גליק איז אַלץ אַדורכגעגאַנגען בשלום.

אַט דעם שמוגל־וועג האָב איך שפּעטער אָפט גענוצט. דאָס ערשטע מאָל בין איך געווען מיט מיכאלן אויפן אויבנדערמאַנטן פּלאַץ, ווען מיר האָבן געדאַרפט אַריבערפירן דאָס פּעקל שטאָלענע פייל־כעלעך פאַר דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. איבערגעטאָן ווי אָרעמע הענדלער, האָבן מיר זיך דערנעענטערט צום טויער. איך האָב געהאַלטן דאָס פּעקל און מיכאל איז אַריין אין אַן אַלט, חרוב הויז, וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער דעם געטאָ. אין דעם טויער פון הויז איז געווען דאָס „ביוראָ" פון די קריסטלעכע „מאַכערס". דאָרט האָט מען געמוזט פון פאָראויס איינצאָלן די געפאָדערטע סומע געלט פאַרן אַריבערגיין דעם מויער. נאָכן איינ־צאָלן דאָס געלט האָבן מיר אַ לאַנגע צייט געמוזט וואַרטן ביז אַ יונגער פּאָליאַק האָט אונדז געגעבן אַ צייכן. מיכאל איז שנעל אַרויף אויפן מויער. איך האָב אים אַרויפדערלאַנגט די „סחורה" און ער איז מיטן פּעקל אַרונ־טערגעשפּרונגען אין געטאָ אַריין. איך בין אַוועק אַהיים. אויך דאָן איז אַלץ אַדורכגעגאַנגען בשלום.

דעם אַנדערן מאָל בין איך שוין געגאַנגען צום פּלאַץ פּאַריסאָווסקי אַליין. עס איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן אַריבערצושמוגלען די דריי איינגעקויפטע פּעקלעך דינאַמיט. אַ טויטקייט איז פּונקט דאַן געוועןביים געטאָ־מויער. די גאַס איז געווען ווי אָפּגעשטאָרבן. עס דרייען זיך נישט אַרום די באַקאַנטע שמוגלער־יונגען. עפּעס האָט געמוזט דאָ פּאַסירן. עס לויפט פאַרביי אַן עלטערע קריסטין. איך שטעל זי אָפּ און פרעג:

— פאַרוואָס איז דאָ היינט אַזוי טויט? —

די אַלטע דערציילט מיר:

— אין דער פרי זיינען דאָ דערשאָסן געוואָרן צוויי שמוגלער. מען האָט אַרעסטירט עטלעכע הענדלער. און איצט דרייען זיך דאָ אַרום פאַרשטאַרקטע פּאַטרולן.

קיין באַזונדערע נייעס האָט די אַלטע נישט דערציילט. גאַנץ אָפט פלעגן פאַלן קרבנות ביים שמוגלען. אָבער ווי נאָר עס האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, האָבן די קריסטלעכע „מאַכערס" ווייטער געלאָזט גיין זייער „געשעפט".

וואָס טוט מען איצט? וואַרטן נאָך עטלעכע טעג איז אוממעג־

לעך. אין געטאָ דאַרף מען דעם דינאַמיט. די חברים וואַרטן שוין זיכער אויף מיר. זיי האָבן געזאָלט מיך אָפּנעמען ביים געטאָ־מויער.

טעלעפּאָניש רוף איך אָפּ דעם געטאָ און גיב צו וויסן די חברים, אַז עס קומט היינט נישט פאָר קיין שמוגל אויף דעם אָפּגערעדטן אָרט. איך וועל פּרוּוון דורכשמוגלען דאָס פּעקל דורך פּייפּערס פאַבריק.

אויף אָקאָפּאָווע נעבן גליניאַנע געפינט זיך פּייפּערס לעדער־פאַבריק. זי גרענעצט זיך מיטן געטאָ. פון דאָרטן גנבענען זיך יידן אָפּט אַרויס אויף דער אַרישער זייט. איך דאַרף זיך פאַרשטענדיקן און איבערקויפן דעם פאַבריקס־וועכטער. שלעכט איז, וואָס פּונקט קעגנאיבער דעם פאַבריק־טויער שטייט אַ דייטשישע וואַך. די וואַך היט דעם יידישן בית־עולם, וואָס ציט זיך לענגאויס דער צווייטער זייט אָקאָפּאָווע. זי האַלט אויך אַן אויג אויף פּייפּערס פאַבריק. איך וועל אָבער פּרוּוון. איך קלינג אָן אין דער פאַבריק. דער פאַבריק־וועכטער עפנט מיר דעם טויער. אין טונקעלן קאָרידאָר איז קיינער נישטאָ. איך רייד אַ לאַנגע צייט מיט אים, ער זאָל מיר דערלויבן דורכשמוגלען אַ קליין פּעקל סחורה אין געטאָ אַריין. פון אָנהייב איז דער אַלטער קריסט נישט מסכים. ער האָט שטאַרק מורא פאַר די פאַבריק־אַרבעטער. איך פּרוּוו אים „איבערצייגן" מיט געלט און בראָנפן. ענדלעך שטימט ער איין.

אַ צופרידענע גיי איך אַרויס פון דער פאַבריק און קלינג ווידער אָן אין געטאָ. דורך פאַרשטעלטע רייד גיב איך צו וויסן, אַז זעקס אָוונט זאָל מען וואַרטן אין געטאָ, נעבן פּייפּערס פאַבריק.

צו דער אָפּגערעדטער צייט דריי איך זיך שוין אַרום מיטן פּעקל דינאַמיט נישט ווייט פון דער פאַבריק. עס איז פינצטערלעך. אויף דער גאַס איז איצט אַ שוואַכע באַוועגונג. פאַררוקט אין אַ דערבייאיקן טויער אָבסערוויר איך די וואַך, וואָס שטייט קעגנאיבער. זאָל זיך נאָר דער דייטש אַ ביסל אָוועקרוקן. ווי אויף צו־להכעיס רירט ער זיך נישט פון אָרט. איך מוז נאָך צוואַרטן. בעסער זאָל גוט פינצטער ווערן. אַ היפּשע צייט וואַרט איך אַזוי אויף אַ געלעגנהייט אַריינצושלייכן זיך אומבאַמערקט אין דער פאַבריק.

אָט זע איך, ווי דער וואַך־פּאָסטן דרייט זיך אָוועק פאַררויכערן אַ סיגאַרעט. שנעל לויף איך צו צו דעם פאַבריק־טויער און קלינג האַסטיק אָן. ענדלעך בין איך מיט מיין פּעקל דינאַמיט אינעווייניק. דער וועכטער הייסט מיר גיין נאָך אים. דורך פאַרשיידענע זאַלן, שטיגן קומען מיר אַריין אין אַ קליין צימערל. דאָס צימערל איז פול מיט פּעקלעך און קאַסטנס. איך קוק זיך אַרום און זוך מיט די אויגן דאָס אָרט, פון וואַנען עס דאַרף גיין דער שמוגל. דער וועכטער פאַרשטייט וואָס איך זוך. ער ווייזט מיר מיט דער האַנט אַ ווינקל פון צימער. „גרייט זיך צו", באַמערקט ער און פאַרלעשט די עלעקטריע. עס ווערט פינצטער אין צימער.

איך הער ווי מען רוקט עפּעס פונאַנדער. איך שטרענג אָן מיין בליק אין דער פריער אָנגעוויזענער ריכטונג. ביסלעכווייז אונטערשיידן מיינע אויגן קאָנטורן פון אַ פאַרקראַטעוועט פענצטערל.

— שנעל, גיב אַרויס דיין פּעקל — הער איך דעם וועכטערס באַפעל.

איך גיי פאַרזיכטיק צו צום פענצטערל און קוק אַרויס אין דער נאַכט־פינצטערניש. עס איז שטיל. איך הער נישט קיין שום גערויש...

— צי זיינען שוין מיינע חברים אַוועקגעגאַנגען? — לויפט מיר דורך אַ געדאַנק.

גאַר שטיל רוף איך אויס אונדזער אָפּגערעדטן פּאַראָל:

— „יורעק"!... „יורעק"!...

— ענדלעך ביסטו דאָ — קומט אַ שעפּטשענדיקער ענטפער.

אַ סילוועטקע באַווייזט זיך ביים פענצטער. איך דערקען אין דער פינצטער — עס איז יאַנעק בילאַק. אַ דרייסטער, מוטיקער מיטגליד פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אַ יונגער „צוקונפטיסט". שטענדיק פירט ער אויס די געפערלעכסטע מיסיעס פון זיין קאַמפּס־גרופּע, וואָס געפינט זיך אין בערשטער־שאָפּ. איך נעם מיין פּעקל דינאַמיט און וויל עס אַרויסגעבן. אָבער, אַן אומגליק: דאָס פּעקל איז צו גרויס, עס גייט נישט אַדורך דורך די קראַטן. ווי אַזוי פּאַקט מען עס איצטער איבער שנעל, אַז דער וועכטער זאָל גאָרנישט באַמערקן?

— שנעלער! שנעלער! איילט מען מיך פון דרויסן.

— אַ ווייליינקע... איך מוז איבערפּאַקן — ענטפער איך שטיל.

איך בעט דעם וועכטער ער זאָל מיך אַ רגע לאָזן אַליין. יענער ענטפערט מיר אויפגערעגט:

— גיב אַהער שנעלער, וועל איך דיר צוהעלפן איבערפּאַקן!...

נישטאָ קיין עצה. דער אַלטער איז שוין נעבן מיר. נערוועז לויפן אונדזערע הענט איבער די שאַכטעלעך, איבערן פּאַפּיר. עס דויערט צו לאַנג. איך בין אויפגערעגט. פאַרוואָס האָט דער קריסט נישט געזאָגט איך זאָל מאַכן קליינע שאַכטעלעך? איך וואָלט פאַרשפּאָרט אַזוי זיך צו איילן... מיין מיטהעלפער ציטערט אינגאַנצן. פון דרויסן איילט מען כסדר אונטער.

ענדלעך — מיר זיינען פאַרטיק. איך שטופּ אַדורך די פּעקלעך דינאַמיט דורך די קראַטן. צוויי הענט כאַפּן עס אויף. ווען דאָס לעצטע פּעקעלע איז שוין אַדורך, ווערט דאָס פענצטער גלייך פאַרהאַקט. דער וועכטער צינדט איצט צוריק אָן דאָס ליכט. רויט און פאַרשוויצט שטייט ער. ער איז שטאַרק דענערווירט. מיר שווייגן אַ ווילע.

איך נעם צונויף דאָס איבערגעבליבענע פּאַפּיר מיט אַ ביסל צע־שאָטענעם דינאַמיט־שטויב און רוף זיך אָפּ:

— זעט איר, נישט געדאַרפט זיך אַזוי שרעקן... אַלץ איז גוט אַדורך.

דער קריסט אָטעמט שווער אָפּ.

— ניין, מער ריזיקיר איך נישט! צופיל טויט־שרעק האָב איך געהאַט. —

איך באַצאָל אים 300 זלאָטעס מיט אַ פלעשל בראָנפן און געזעגן זיך מיט אים. דעם אַלטנס האַנט ציטערט נאָך אַלץ. פּלוצלונג פרעגט ער מיך שטיל:

— זאָג מיר דעם אמת, וואָס האָסטו געהאַט דאָרטן אין די פּעקלעך?

— גאָרנישט קיין ספּעציעלעס... עטלעכע שאַכטעלעך פּאַרב...

— נאָר דאָס? — קוקט מיר דער אַלטער פאַרשנדיק אין די אויגן.

— יאָ, נאָר דאָס. — ענטפער איך אים און גיי אַרויס.

דער שמוגל איז געלונגען.

אַזוי האָבן אויסגעזען די וועגן, מיט וועלכע אונדזער „פּאַרב", „טשוועקעס" און אַנדערע שטיקלעך „סחורה" האָבן דערגרייכט די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און געוואָרעמט די האָפענונג אויף מעגלעכן קאַמף און נקמה.

## קאַפּיטל זיבעצן

# צוריק אין געטאָ

חוץ איינקויפן און שמוגלען געווער האָבן מיר אויף דער אַרישער זייט געהאַט נאָך פיל אַנדערע אויפגאַבן. איינע פון זיי איז געווען די ענגע פאַרבינדונג מיטן געטאָ. עס זיינען כסדר געגאַנגען קוריערן אַהין און צוריק. מיכאל, „צעלעק", „טאַדעק" און נאָך אַנדערע, זיינען דאָרטן געווען זייער אָפט. זיי פלעגן איבערשמוגלען אומלעגאַלע ליטע־ראַטור, בריוו און געווער. דאָרטן האָבן זיי באַקומען פאַראָרדענונגען, אָנווייזונגען און זיך צוריקגעקערט אויף דער אַרישער זייט. אויך מיר איז אויסגעקומען אַריינצופירן אין געטאָ געלט, בריוו און אומלעגאַלע פוילישע ליטעראַטור. איך האָב עס געדאַרפט איבערגעבן חבר אבראשע בלום, מיטגליד פון בונדישן צ. ק. זעקס פאַרטאָג בין איך אַוועק צום פּלאַץ פּאַריסאָווסקי. דער שמוגל איז געווען אין פולן ברען, איך האָב דעם הויפּט־שמוגלער איינגעצאָלט 75 זלאָטעס און געוואַרט אויף מיין ריי. אָט שטייט שוין דאָס לייטערל ביים געטאָ־מויער, דער מויער איז פיר מעטער הויך. נישטאָ ווער עס זאָל מיך אונטערהאַלטן. אַ פּעסטער שפּרונג און — איך שטיי שוין אויף דער געטאָ־ערד. גלייך ציִ איך אַרויס מיין ווייס טיכל, בינד אַרום די רעכטע האַנט. דאָס דאַרף אויסזען ווי דער יידן־באַנד, וואָס אַלע יידן אין געטאָ טראָגן. קיינער לייגט נישט קיין אַכט אויף מיר. די עטלעכע יידישע שמוגלערס ביים מויער זיינען געוואוינט צו קריסטלעכע הענדלער. איך אייל צום בערשטער־שאַפּ, פראַנטשישקאַנער 32. דאָרט דאַרף איך טרעפן חבר אַבראַשע בלום און אים אַלץ איבערגעבן.

דערוויטערנדיק זיך פון געטאָ־מויער, דערזע איך פון ווייטנס די חברטע ליובע ביעליצקא מיט זלמן פרידריך. חברטע ליובע ביעליצקא, אַבראַשע בלומס פרוי, איז אָנגעטאָן אין אַ ווייסן פאַרטוך. זי איז נאָך פאַרן קריג געווען דירעקטאָרין פון דער יידישער פלעגערין־שול אין וואַרשע. אויך אין דער גאַנצער צייט פון קריג, און אַפילו בעת דער אויסראָטונגס־אַקציע, האָט די חברטע ליובע נישט פאַרלאָזט איר אַר־בעטס־פּאָסטן. זי רעדט עפּעס מיט „זיגמונטן", (זלמן פרידריך.) זיגמונט

איז געווען דער ערשטער בונדישער קוריער אויף דער אַרישער זייט. ער איז אויך געווען דער, וואָס איז פון צ. ק. פון בונד געשיקט געוואָרן זיך צו דערוויסן, וואוהין מען פירט די דעפּאָרטירטע יידן. זיין גויאישער אויסזען, בלאָנדע האָר, בלויע אויגן און דרייסטע האַלטונג, האָט אים דערמעגלעכט דורכצופירן אַלע שווערע אַרבעטן אויף דער אַרישער זייט. ער האָט געבראַכט די ערשטע ידיעות פון שרעקלעכן טויטן־לאַגער — טרעבלינקע.

„זיגמונט" האָט זיך דעמאָלט פאַרבונדן מיט אַ קריסטלעכן באַן־אַרבעטער, וואָס האָט געאַרבעט אויף דער ליניע וואַרשע־מאַלקין. יענער האָט אים געגעבן אָנווייזונגען און מיט אים דערפאָרן ביז דעם שטעטל סאָקאָלאָוו. דאָ האָט „זיגמונט" געמוזט אָפּשטעלן די רייזע. די באַן ליניע האָט זיך אויף דעם אָרט צעצווייגט און ווייטער האָבן קיין ציווילע מענטשן נישט געטאָרט פאָרן. פון די אָנגעטראָפענע קריסטן האָט ער זיך דערוואוסט, אַז אויך אַ זייטיקער באַן־ליניע פאָרט טאָג־טעגלעך צו דער סטאַציע טרעבלינקע אַ געפּאַקטער צוג מיט מענטשן. דער זעלבער צוג קערט זיך אום צוריק אַ פּוסטער. צומאָרגנס האָט ער צופעליק באַ־געגנט אין דער שטאָט סאָקאָלאָוו אַ לעבעדיקן עדות, אַן אַנטלאָפענעם ייד פון טרעבלינקע. געווען איז דאָס דער בונדיסט עזריאל וואַלאַך פלימעניק פון באַקאַנטן סאָוועטישן דיפּלאָמאַט ליטווינאָוו. פון וואַלאַכן האָט „זיגמונט" זיך שוין גענוי דערוואוסט, וואָס אין דעם טויטן־לאַגער טרעבלינקע קומט פאָר. „זיגמונט" האָט זיינע שוידערלעכע ידיעות געבראַנגט אין וואַרשעווער געטאָ.

שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען אויף דער אַרישער זייט, האָט מען, ווי שוין דערציילט, אים אָנגעהויבן פאַרפאָלגן. אונטערוועלט־טיפּן, וואָס האָבן אים געקענט פאַר אַן אָפּטן געטאָ־איינגייער, האָבן אים אָנגע־הויבן נאָכגיין. ער האָט געמוזט זיך אויסהיטן און צוריק אַריין אין געטאָ, וואו ער האָט פאָרגעזעצט זיין אַרבעט אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

נעבן זיי זע איך אויך אַ קליין פינף־יעריק מיידעלע, וואָס האַלט זיך ביי ליובעס פאַרטוך. איך ווייס נישט צי זאָל איך צו זיי צוגיין, צי נישט. נאָר אָט רופט מיך „זיגמונט". ער האָט מיך באַמערקט. מיר באַגריסן זיך האַרציק. די קליינע קוקט אויף מיר פאַרוואונדערט און שווייגט.

—איז געווען רואיק אויף דער אַרישער זייט? — פרעגט מיך די חברטע ליובע.

— גאַנץ רואיק. — ענטפער איך.

— זעסט, דאָס קינד ווילן מיר אַרויסשיקן אויף דער אַרישער זייט — דערקלערט „זיגמונט".

— ווי אַזוי ווילט איר עס מאַכן?

— די וואָך איז היינט איבערגעקויפט, פאַר אַ גרויסן אָפּצאָל וועט אַ באַקאַנטער קריסט אַרויספירן די קליינע אין אַ ווייטער פוילישער גאַס און דאָרטן זי איבערלאָזן. פרעמדע מענטשן וועלן זען אַן איינזאַם קינד, וועט מען עס אַריינגעמען אין אַ יתומים־הויז. דער באַקאַנטער קריסט וועט פון דערווייטנס קוקן וואוהין מען פירט דאָס קינד. — אַזוי רעדט „זיגמונט".

ליובע גיט צו:

— די קליינע קאָן פויליש, זי ווייס ווי אַזוי זיך צו האַלטן. אפשר וועט מען דאָס מיידעלע אויף אַזאַ אופן ראַטעווען.

וואָס קאָן מען זיי זאָגן? קיין דירה פאַרן קינד איז אויף דער אַרישער זייט נישטאָ. איך קוק אויף דעם קליינעם מיידעלע און טרערן שטיקן אין האַלדז. רואיק, מיט אַן ערנסט פּנימל, שטייט דאָס קינד און הערט זיך צו צו אונדזער שמועס. יעדע ווילע הייבט זי אויף אירע טונקל־ברוינע אויגן צו דער חבר׳טע ליובע. ליובע גלעט איר, שווייגנ־דיק, דאָס קעפּעלע.

די עלטערן פון קינד האָבן די דייטשן צוגענומען. אַ לאַנגע צייט האָט ליובע אויסבאַהאַלטן דאָס מיידעלע ביי זיך. איצט האַלט מען ביי ליקווידירן דעם שפּיטאָל, וואו ליובע וואוינט, וויל זי כאָטש אויף אַזאַ אופן ראַטעווען דאָס קינד.

זיי וואַרטן אַלע דריי אויף אַ צייכן פון שמוגלער. די קליינע איז ערנסט. זי רעדט נישט קיין וואָרט. אירע בליקן וואַנדערן פון איינעם צום צווייטן. צי פאַרשטייט דאָס קינד איר טראַגישע לאַגע? שטיל־שווייגענדיק, געזעגן איך זיך מיט די חברים און מיטן אומבאַקאַנטן מיידעלע. אפשר וועט זיך זייער פּלאַן איינגעבן? די קליינע גייט מיר נישט אַרויס פון קאָפּ.

די גאַסן זיינען כמעט פּוסט. מען זעט ווייניק מענטשן. אַלץ איז וויסט און פאַרוואָרלאָזט. די הייזער שטייען פּוסט און פאַרלאָזן. צעוואָרפן וואַלגערן זיך אַרום פאַרשיידענע שטוב־זאַכן. קיינער דאַרף עס שוין נישט. אויף יעדן צווייטן טריט ליגן צעריסענע ציכן און בערגלעך צעשאָטענע פעדערן. אַלץ איז הפקרדיק און אָפן. יעדער שטיין, יעדע טיר, יעדעס הויז שרייט שטום אַרויס וועגן די שוידערלעכע זאַכן, וואָס שפּילן זיך דאָ טאָג־טעגלעך אָפּ.

נאָענט און ליב זיינען מיר די טויטע געטאָ־גאַסן. פיל ליבער און נעענטער ווי די לעבעדיקייט און לוסטיקייט פון דער אַנדערער זייט מויער, פון דער אַרישער זייט. עס איז איצט אַרבעטס־צייט, — טאָר קיינער אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש זיך נישט געפינען אויף דער גאַס. דייטשישע פּאַטרולן דרייען זיך אַרום. זייער אָפּט מוז איך זיך אויסבאַהאַלטן פאַר זיי אין די פאַרלאָזענע הייזער. איך באַגעגן עטלעכע

יידן, צעשראָקענע, בלייכע און אויסגעמאָגערטע. אַלע מיט אָנגעהאָנגענע טאָרבעס. ווי סימבאָליש זיינען די גרויסע טאָרבעס, וואָס כמעט יעדער ייד טראָגט אויף זיך. וואו ער גייט נאָר, שלעפּט ער מיט די טאָרבע.

בעת די ערשטע טעג פון דער אויסזידלונג, ווען יידן האָבן געגלייבט אין די דייטשישע איינריידענישן, אַז מען פירט זיי אויף אַרבעט, האָט יעדער איינער געטראָגן מיט זיך די נויטיקסטע זאַכן: אַ העמד, אַ האַנטוך, אַ קליידל. איצטער ווייסן שוין אַלע וועגן טויטן־לאַגער טרעב־לינקע. דאָך צעשיידט מען זיך נישט אויף קיין איין רגע מיט דער טאָרבע. קוים כאַפּט מען, זאָל מען כאַטש מיט זיך עפּעס האָבן, אפשר וועט מען עס אַמאָל דאַרפן?...

אייניקע יידן שטעלן מיך אָפּ און פרעגן: צי איך דאַרף נישט אַמאָל קויפן אַן אַלט קליידל, אַ העמד, אָדער אפשר אַ ציבל. פּאָר גראָשנס באַטן זיי אָן זייער סחורה. ניין, איך דאַרף גאָרנישט. אַביסעלע ווייטער דרייט זיך אַרום אַ ייִנגל פון אַ יאָר פערצן, אָנגעטאָן אין צעריסענע שמאַטעס. די האָר צעשויבערט, פיל מיט פעדערן. דאָס פּנים איז גרוי און די אויגן מאָדנע גרויסע און ווילדע. דאָס ייִנגל זוכט עפּעס אויפן טראָטואַר און אין רינשטאָק. אַלע ווײַלע הייבט ער אויף זיינע ווילד־צעשראָקענע אויגן, קוקט זיך אַרום און זוכט ווייטער. אָט האָט ער עפּעס געפונען. ער ווישט עס שנעל אָפּ אין זיינע צעריסענע קליידער און כאַפּט עס אַריין אין מויל. וואָס קען ער איצט געפינען אין די געטאָ־גאַסן, אַז זעלטן ווען עמעצער ווארפט וואָס אַוועק? פלוצלונג שניידט דורך די לופט אַ קינדערשער געשריי:

— זיי גייען! זיי גייען!

אַלע אויף דער גאַס הייבן אָן צו אַנטלויפן. איך לויף נאָך זיי. ווי עס מאַכט זיך, איז בעסער צו זיין פאַרזיכטיק.

די דייטשן זיינען אַדורך, מען גייט ווייטער. חברטע ביעליצקאַ יאָגט מיך אָן. עס מוז נאָך דויערן אַ ביסל צייט ביז דאָס מיידעלע וועט אַרויס־גיין פון געטאָ. זי וועט מיך צופירן צו זיך אין שטוב אויף גענשע 6, אין בלאָק פון יידישן שפּיטאָל. אפשר וועל איך דאָרטן טרעפן איר מאַן אַבראַשען. מיט חברטע ליובען איז זיכערער צו גיין אויף דער גאַס. איר ווייסער פלעגערין־פאַרטוך איז אַ געוויסע באַשיצונג. מיר קומען אַריין אין שפּיטאָל־הויז. עס הערשט דאָ אַ גרויסע אומאָרדענונג. ביי ליובען אין שטוב ליגן געפּאַקטע רוקזעק און פּעקלעך. מען איז דאָרט גרייט יעדע מינוט זיך אַרויסצוציען. מען שמועסט, אַז די דייטשן וועלן דעם שפּיטאָל ליקווידירן. אַבראַשען האָב איך דאָ נישט געטראָפן. איך גיי דעריבער אויף פראַנטשישקאַנער, דאָרט דאַרף ער זיין.

איך שפּאַן ווייטער. איך בין שוין נישט ווייט פון דעם בערשטער־שאַפּ. איך מוז אָבער איצט זיין מער פאַרזיכטיק. עס דרייען זיך דאָ

אַרום מער דייטשן. כדי אויסצומיידן די פּאַטרולן, עצהט מען מיר צו גיין דורך פאַרשיידענע הויפן, טויערן, לעכער. ענדלעך קום איך אַרויס אויף פראַנטשישקאַנער גאַס. דאָ איז שוין אַ ביסעלע אַ גרעסערע באַוועג־גונג. עס איילן יידן פון שאַפּ אין שטוב אַריין. עס דרייען זיך עטלעכע הענדלער מיט אַלטוואַרג. אַממערסטן וואַרפן זיך אין די אויגן יידישע פּאָליציאַנטן. אומעטום זעט מען זיי. אָפּט שטעלט אַ פּאָליציאַנט אָפּ אַ דורכגייענדיקן יידן און קאָנטראָלירט זיין צייגעניש. איז עפּעס נישט אין אָרדענונג, הייבן זיך אָן געלט־דינגענישן. געלט שטעלט שטאַרק צופרידן די יידישע אָרדענונגס־היטער. פון צייט צו צייט וויזט זיך אַ דייטשער וואַך־פּאָסטן. ווי נאָר מען דערזעט דעם דייטשישן מונדיר ווערט פּוסט אויף דער גאַס, יידן אַנטלויפן.

אויף דער גאַס באַגעגן איך לושעק בלאָנעסן. ער איז דאָס יינגסטע ברודערל פון מיינע צוויי שול־חברים יורעק און גוטע בלאָנעס, וועלכע זיינען מיטגלידער פון דער יידישער קאָמפּס־אָרגאַניזאַציע, ער איז דער יינגסטער מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע. אַ קליין, דאַר יינגל; אַ פלינ־קער, פיפיקער און זייער דרייסט.

— גייסט צו אונדזערע? — פרעגט ער אַ דערפרייטער.

— יאָ. — ענטפער איך.

— טאָ קום זשע מיט מיר.

לושעק קען זייער גוט די וועגן און לעכער פון דעם בערשטער שאַפּ. ער גייט פאָראויס. איך נאָך אים. ווידער קריכן מיר דורך בוי־דימער, לעכער און שטיגן. אַ סך יידן גייען דורך די געהיימע וועגן, דאָ איז זיכערער ווי אויף דער גאַס.

צעדראַפּעטע און פאַרשטויבטע קומען מיר ענדלעך אָן צום פונקט. אויפן פערטן שטאָק, אין אַ רואינירטער, אָפּגעלאָזענער וואוינונג, געפינט זיך די קאָמפּס־גרופּע פון בערשטער־שאַפּ. דאָרטן וואוינען און לעבן צוזאַמען אַ צענדליק יונגע חברים. זיי לערנען, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט אַ רעוואָלווער און ווי אַזוי צו שיסן. זיי גרייטן זיך צום לעצטן פאַרמעסט מיטן דייטש. דאָס איז די בונדישע גרופּע ביי די בערשטער. כמעט אַלע פון זיי קען איך. אַלע זיינען מיינע געוועזענע אָרגאַניזאַציע־חברים פון פאַרן קריג — סקיפּיסטן אָדער צוקונפטיסטן. מיט אייניקע בין איך צוזאַמען געגאַנגען אין דער יידישער שול. די חברה נעמט מיך אויף גאַר האַרציק. אָבער עס איז נישטאָ קיין צייט פאַר אַ סך געשפרעכן. חבר אַבראַשאַ בלום איז דאָ.

מיט וואַרעמקייט און אַ צופרידענעם שמייכל דריקט ער מיר די האַנט.

— האָסט געבראַכט נייעס? — פרעגט ער שטיל.

— יאָ, — ענטפער איך.

מיר גייען אַריין אין אַ צווייטן צימער, וואו קיינער איז נישטאָ. דער צימער איז אָנגעוואָרפן מיט ברעטער, טשוועקעס און פּאַפּיר.

ווי נאָר די טיר פאַרמאַכט זיך, צי איך אַרויס דעם דורכגעשמוגלטן בריוו, דאָלאַרן און אומלעגאַלע ליטעראַטור. איך גיב עס איבער אַבראַשען. ער איז צופרידן און פרעגט רואיק:

— ווי איז דיר אַדורך דער וועג?

— גוט. — ענטפער איך.

אַ ווײַלע שוויגן מיר. חבר אַבראַשאַ לויפט דורך מיט די אויגן דעם נאָך וואָס באַקומענעם בריוו. זיין געזיכט ווערט ערנסט און אָנגעשטרענגט. איך לאָז ניט אַראָפּ די אויגן פון אים. ווי ווייניק ער האָט זיך געענדערט. די זעלביקע רואיקייט, די זעלביקע ערנסטקייט, בלויז זיין פּנים איז געוואָרן נאָך בלאַסער און אויסגעצויגענער.

— יאָ, עס איז קלאָר, — רופט ער זיך אָפּ, צונויפלייגענדיק דעם בריוו. — אַליין זיינען מיר אין אונדזערע צוגרייטונגען צום קאַמף. מיר מוזן אַלץ אַליין זיך איינשאַפן.

איך באַמערק, אַז דאָס איינקויפן געווער אויף דער אַרישער זייט איז זייער שווער, אַז מיר האָבן קליינע פאַרבינדונגען...

חבר אבראשאַ ווייס עס. דער געטאָ פּרוואווט אַליין זיך איינשאַפן געווער. אין געטאָ גופא קומט פאַר אַ האַנדל מיט געווער. פאַר גרויסע סומעס געלט קאָן מען דאָ באַקומען רעוואָלווערן ביי קריסטלעכע אָדער אפילו יידישע שמוגלער. אָבער דאָס אַלץ איז נאָך ווייניק צו באַוואָפענען די קאַמפס־גרופּעס. עס איז אַ טראָפּן אין ים. איך פיל ווי נישטיק אונדזערע אויפטועך זיינען אין פאַרגלייך מיט די באַדערפענישן.

מען שמועסט, אַז אויף פרילינג 1943 זאָל וואַרשע ווערן יידן־ריין. דאָס הייסט מען זאָל ליקווידירן דעם געטאָ. חבר אַבראַשאַ רעדט מיט מיר וועגן איינאָרדענען פרויען און קינדער אויף דער אַרישער זייט. מיר מוזן געפינען וואָס מער וואוינונגען; נאָר אויף דער אַרישער זייט זיינען דאָ שאַנסן, אַז כאָטש אַ ביסל קינדער זאָלן בלייבן לעבן.

— צי זעט איר אַ מעגלעכקייט צו שאַפן וואוינונגען אויף דער אַרישער זייט?

— עס איז זייער שווער. פּאָליאַקן האָבן מורא אָדער ווילן סתם נישט ריזיקירן. טאָמער געפינט זיך איינער, וואָס וויל אויסבאַהאַלטן אַ יידן, הייסט ער זיך אַ סך באַצאָלן. — ענטפער איך.

— יאָ, די וועלט איז שטום צו דעם, וואָס ס׳קומט דאָ פאָר. אַלץ מוז מען אַליין טאָן. זייער ווייניק הילף פון אַרום. כמעט ווי אַליין איז דער געטאָ אין זיין גרויסער צוגרייטונגס־אַרבעט.

איך דערצייל וועגן אונדזער אַרבעט, וועגן די שוועריקייטן, וועגן דורכפאַלן.

— אויך דער געטאָ מוז פאַרשטאַרקן זיין פאַרזיכטיקייט — רעדט ווי צו זיך אַליין חבר אַבראַשא. — די דייטשן פילן אין דער לופט, אַז עפּעס גרייט זיך. זיי נישטערן, פירן דורך רעוויזיעס. אַט־די ברעטער, וועלכע ליגן דאָ אין צימער זייגען אויף צו מאַכן אַ באַהעלטעניש. אין פאַל פון אַ דייטשישן וויזיט, זאָל זיין וואו צו באַהאַלטן דאָס געווער. מיר גייען אַריין אין צווייטן צימער, וואו די חברה זייגען דאָ. אַ קליין שטיבל, עטלעכע בעטן, אַן אייזערנע מיט רערן, אַ טישל און צוויי שטולן.

ראַמאַנאָוויטש און דונסקי — צוויי יונגע שוואַרצע בחורים פון 18־20 יאָר מייסטערוועוען ביי אַ רעוואָלווער. „עפּעס האָט ער זיך פאַרהאַקט" — דערקלערט מיר דונסקי.

אָט איז יורעק בלאָנעס, מיין שול־חבר — אַ 22־יעריקער בלאָנדער, שיינער בחור, פון פאַך אַ מעכאַניק. ער האָט געפירט אין געטאָ „סקיף"־קרייזלעך און אָנגעפירט מיט דער קינדער־אַרבעט אין די געטאָ־הויפן. איצט שמירט ער מיט אייל אַ צענומענעם טייל פון אַ פּיסטאָלעט.

און אָט — זיין שוועסטער, גוטע בלאָנעס. זי איז בלויז מיט דריי יאָר עלטער פון ברודער. אַ שוואַרץ, דיק, חנעוודיק מיידל. זי איז פאַרנומען מיט צוגרייטן עסן. גוטע איז דאָס איינציקע מיידל אין דער גרופּע, די ווירטין. זי בעט מיך עסן. איך אייל זיך. איך וויל וואָס גיכער צוריק זיין אויף דער אַרישער זייט. די שטימונג ביי דער חברה איז אַ מונטערע. מען דערציילט זיך פאַרשיידענע עפּיזאָדן. אַלע ווילן אָפּעלירט מען צו דער ווירטין. נישטאָ קיין געדולד צו וואַרטן אויפן עסן.

— זעסט, דאָס ברויט וואָס מיר עסן שטעלט דער בעקער צו ספּעציעל פאַר אונדזער גרופּע, דערקלערט מיר יאַנעק בילאַק.

— וואָס הייסט, ער נעמט נישט קיין געלט? — פרעג איך דערשטוינט.

— ניין, מיר האָבן וויניק געלט, אַלץ מוז גיין אויף געווער. איך און יאַנעק זייגען געגאַנגען צו אים, דערקלערט ווער מיר זייגען און דער בעקער האָט מסכים געווען יעדן טאָג געהיים אונדז צו צושטעלן ברויט.

— אַזוי רעדט יורעק.

— וויס מען שוין אין געטאָ וועגן דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע? — פרעג איך ווייטער.

— נאָך ווי, — רופט זיך אָפּ יונגהייזער, — נאָכן דערשיסן דעם הינטישן קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי, לייקינען, ווייסן אַלע, אַז דאָס איז אונדזער אַרבעט.

— די יידישע געטאָ־מערדער האָבן איצט פאַר אונדז מורא. — באַמערקט גוטע.

עס קומט אַריין מאַרעק עדעלמאַן, דער קאָמענדאַנט פון דער

קאַמפּס־גרופּע אין דעם ראַיאָן פון די בערשטער, דער בונדישער פאַר־שטייער אין דער אַלגעמיינער קאָמענדאַנטור פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַ־ציע. ער איז געקומען צוזאַמען מיט בערלינסקין, אַ פירער אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון די לינקע פּועלי־ציון.

— גוט וואָס דו ביסט דאָ — באַגריסט ער מיך. — מיר האָבן דיר מיטצוגעבן אַ ביסל צירונג. דאַרפסט עס פאַרקויפן אויף דער אַרישער זייט.

— פון וואַנען האָט איר די צירונג? — פרעג איך פאַרוואונדערט.

עס קומט אַן אויפקלערונג. די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט ווייניק מיטלען, זי מוז האָבן אַ סך געלט, בכדי צו קאָנען זיך איינשאַפן געווער; לייגט מען אַרויף אַ געווויסן שטייער אויף באַקאַנטע רייכע יידן אין געטאָ, ספּעציעל אויף אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אין דער צייט פונעם געטאָ אַרויפגעאַרבעט. מען שיקט זיי צו בריוו מיט אַן אָנגעצייכנטער סומע, אַ דאַטע און אָרט, וואו דאָס געלט דאַרף איינגעצאָלט ווערן. איידער מען שיקט עמעצן אַזאַ בריוו, פאָרשן די מיטגלידער צוערשט אויס, צי דער דאָזיקער מענטש קען טאַקע דאָס געלט איינצאָלן. אויף דעם יידן־ראָט, אויף דעם אַפּראָוויזאַציע־אַמט איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ שטייער. דאָס איינמאָנען דאָס געלט איז זייער אַ געפערלעכע זאַך. מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן, צי אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס וואַרט אַמאָל ניט אַן אומגעוואונשענער טיפּ... מאָנט מען די געלטער איין מיט געווער אין דער האַנט. נישט אַלע יידן ווילן פרייווילליק געבן; ווערן אין די שטובן דורכגעפירט רעוויזיעס, אָבער נעמען, נעמט מען אַזוי־פיל, וויפל די אָרגאַניזאַציע האָט באַשטימט.

מאַרעק שלעפט אַרויס פון אונטערן בעט אַ קליין פּעקעלע מיט פאַרשיידענע צירונג־זאַכן. ער קלויבט אויס עטלעכע שטיקלעך, די מער ווערטפולע. ער גיט זיי מיר. מיר דאַרפן זיי פאַרקויפן אויף דער אַרישער זייט און איבערשיקן צוריק דאָס געלט.

איך עס אָפּ און גרייט זיך אין וועג אַריין. יורעק איז מיין באַגלייטער. ער דאַרף מיך צופירן ביזן מויער און העלפן אַריבערגיין אויף דער אַרישער זייט. איך געזעגן זיך מיט דער חברה.

— גיב גוט אַכטונג ביים אַריבערקריכן — גיט צו אַבראַשאַ ביי אַוועקגיין.

איילענדיק, שפּרייזן מיר איבער די גאַסן. עס איז פאַרנאַכט. יידן קערן זיך אום פון דער אַרבעט. נאָענט פון מויער בלייב איך אַ ווײַלע שטיין. יורעק לויפט זיך דערוויסן, צי דער שמוגל גייט. ער קומט באַלד צוריק מיט דער ידיעה, אַז מען מוז אַ ביסל צוואַרטן. מיר גייען אַריין אין אַ „ווילד" פאַרלאָזן הויז אויף שטשענשליווע גאַס, שטעלן זיך פאַרשטעקט אַוועק לעבן פענצטער און וואַרטן. ביים מויער הייבן

זיך אָן צו ווייזן עטלעכע שמוגלערס. איך וויל אַראָפּגיין, יורעק האַלט מיך איין.

— וואַרט אַ ווײַלע, מוזט נישט זיין די ערשטע. —

מיר בלייבן שטיין ביים פענצטער. אָט קריכט שוין דורך אַ פרוי, איצט די צווייטע, זי איז שוין אויפן מויער. פּלוצלונג — אַ שיסעריי. מיר ציען זיך צוריק פון פענצטער. עס ווערט ווידער שטיל. מיר כאַפּן אַ קוק אויף דער גאַס. ס׳איז קיינער נישטאָ. ביים מויער ליגט אין אַ קאַלוזשע בלוט אַ פרוי. ווען יורעק פאַרהאַלט מיך נישט, וואָלט איך געקאָנט זיין אויף איר אָרט — לויפט מיר דורך אַ געדאַנק. מיר וואַרטן, אַראָפּגיין איז אַ מורא. אפשר שטייען ערגעץ די דייטשן? עס איז נאָך אַלץ שטיל. נאָך אַ שעה צייט וואַרטן זעען מיר דורכן פענצטער, ווי עס הייבן זיך צוריק אָן צו באַווייזן מענטשן. צוויי מענער דערנעענטערן זיך צו דער געשאָסענער פרוי, איינער שאָקלט באַדויערנדיק מיטן קאָפּ. זי איז, ווייזט אויס, טויט. עטלעכע מענער נעמען אַריבער דעם קערפּער איבערן מויער. עס איז שטיל. שמוגלערס גייען איבערן מויער.

— נו, אַ גוטן, יורעק! איך וועל איצט ריזיקירן. — איך צי אַראָפּ פון אַרבל דאָס ווייסע טיכל. מיר לויפן שוויגענדיק אַראָפּ אויף דער גאַס. יורעק לויפט שנעל צו צום מויער, שטעלט אונטער די פּלייצעס, איך קלעטער אַרויף. כ׳בין שוין אויפן מויער. אַ האַסטיקער שפּרונג און איך דערפיל די ערד אונטער די פיס.

עס פאַרהאַלט מיך אַ פּוילישער פּאָליציאַנט. איך רוק אים אַריין דאָס פריער אָנגעגרייטע געלט. ער לאָזט מיך גלייך אָפּ. איך דערוווייטער זיך.

ווידער — אַ פרעמדע אין אַ פרעמדער וועלט, אָבער דאָס האַרץ איז פול מיט היימישן ווײ, מיטן זעלבן צער, ספּיקות און האָפענונגען, ווי ביי די, וועלכע כ׳האָב נאָרוואָס איבערגעלאָזט אויף יענער זייט.

## קאַפּיטל אַכצן

# יידישע קינדער אויף דער אַרישער זייט

צוגלייך מיט די פיבערהאַפטע באַמיאונגען איינצושאַפן געווער פאַרן געטאָ, האָבן מיר אויף דער אַרישער זייט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ צווייטע שווערע אַרבעט:

— ראַטעווען יידישע קינדער.

נאָך דער שרעקלעכער אויסראָטונגס־אַקציע, וואָס די דייטשן האָבן אָן אויפהער געפירט, זיינען אין געטאָ געבליבן זייער ווייניק קינדער און פון זיי האָט זיך אונדז איינגעגעבן נאָר אַ קליינעם טייל אַריבערצוברענגען איבערן געטאָ־מויער. ס'איז שווער געווען צו געפינען אַ פּאָליאַק, וואָס זאָל מסכים זיין צו נעמען צו זיך אַ יידיש קינד.

די פּאָליאַקן האָבן זייער וואַרעם און האַרציק אויפגענומען אין ווינטער 1942—1943 די ערשטע טראַנספּאָרטן עוואַקואירטע קריסטלעכע קינדער פון די מזרח־געביטן. מיט ברויט און קליידער זיינען דאָן די קריסטינס געלאָפן צו די פאַרמאַכטע וואַגאָנען העלפן די געפרוירענע פּוילישע קינדער. די זעלביקע פּאָליאַקן זיינען אָבער געווען שטום און טויב צום גורל פון די קינדער פון זייערע נאָענטע געטאָ־שכנים — פון די יידן. נאָר געציילטע האָבן אַרויסגעוויזן אַ מענטשלעכן האַרץ, בלויז איינצעלנע האָבן פאַר גרויסע סומען געלט זיך אַנטשלאָסן אויסצובאַהאַלטן אַ יידיש קינד. דער ווייט־גרעסטער טייל פון דער פּוילישער באַפעלקערונג איז געבליבן גלייכגילטיק.

אונדזערע מענטשן אויף דער פּוילישער זייט האָבן מיט אַלע מיטלען געפּרואווט פּועלן ביי פּאָליאַקן, אַז זיי זאָלן פאַר גרויסע געלט־סומעס אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין שטוב יידישע קינדער. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָבן צוגעהאָלפן די צוויי פרישע יידישע קוריערקעס, וואָס זיינען דורך מאַרעק עדעלמאַן רעקאָמענדירט געוואָרן צו אַרבעטן אויף דער פּוילישער זייט. דאָס זיינען געווען מיידלעך, וואָס האָבן אַליין זיך אַרויסגעראַטעוועט פון געטאָ און האָבן זיך געשטעלט אין רשות פונעם יידישן אונטערערד: — מאַרישע, (בראָנקע פיינמעסער) 24 יאָר אַלט,

אַ געוועזענע טעלעפאָניסטין פון יידישן קינדער־שפּיטאָל און אינקע שוויי־גער, אַ קינדער־דאָקטאָרין פון זעלביקן שפּיטאָל.

לײדער, האָבן מיר אויפן געביט פון ראַטעווען קינדער זייער ווייניק געקענט אויפטאָן. איך וויל בלויז דערמאָנען עטלעכע קינדער, וועמען דער אונטערערד האָט אַרויסגעריסן פון געטאָ און וואָס האָבן זיך איינגע־קריצט אין מיין זכרון. איך זע נאָך איצט פאַר זיך די פּיכטע שטראַלנ־דיקע אויגן פון די מאַמעס, וואָס האָבן אונדז אָפּגעגעבן זייערע קינדער. ווי שווער איז זיי געווען אָפּצולאָזן דאָס קליינע קינדערשע הענטל! אַזוי לאַנג זיי אויסבאַהאַלטן, אַזוי פיל צוזאַמען דורכגעמאַכט — אויסגעמיטן אַלע דייטשישע אַקציעס און דאָך מוז מען זיך צעשיידן... — ווער ווייסט צי זיי וועלן נאָך אַ מאָל קענען אָנקוקן זייערע קינדער?...

מיר האָבן טיף געפילט דעם ווייטיק פון די מאַמעס ביים צעשיידן זיך מיט זייערע קינדער און גלייכצייטיק זייער ציטערדיקע האָפענונג: אפשר וועט דאָך דאָס קינד געראַטעוועט ווערן? אפשר וועט אויף דער אַרישער זייט צו זייער קינד נישט דערגרייכן דעם דייטש'ס האַנט?...

געווען אָבער מאַמעס, וועלכע האָבן בשום אופן נישט געוואָלט זיך שיידן מיט זייער קינד. איך דערמאָן זיך: געווען איז דאָס אין געטאָ: חבר אַבראַשאַ בלום און איך שמועסן מיט ח'טע מאַניע זיגעלבוים, אַר־טור זיגעלבוימס פרוי.

— ח'טע מאַניע — רייד איך צו איר — מיר קענען איצט אַרויס־נעמען אויף דער אַרישער זייט אייער אַרטעקן. פאַר צוויי מענטשן האָבן מיר לײדער נאָך נישט קיין אָרט.

ח'טע מאַניע זיגעלבוים ענטפערט נישט. זי לאָזט שווער אַראָפּ איר בלאַס, אויסגעמאַטערט פּנים. אַ לאַנגע ווײלע שוויַיגט זי.

— ניין, גלייבט מיר, איך קען נישט. איך קען אים נישט אָוועק־געבן... מיין עלף־יאָריקער זון האָט איצט נאָר מיך אַליין... איך היט אים ווי אַן אויג אין קאָפּ... דורך אַלע דייטשישע פייערן בין איך שוין מיט אים דורכגעגאַנגען... ניין. ער וועט אָן מיר אומקומען..

זי אָטעמט שווער. איך שוויַיג. וואָס קען איך איר ענטפערן? איך וויל נאָך אַמאָל פּרוּוון איבערצייגן, זי באַרואיקן, צוזאָגן, אָבער מיין צונג איז געליימט. חבר אַבראַשאַ פּרוּווט מיט זיין רואיקער שטים פאַרזיכטיק אייַנטענהן: עס ווערט אין געטאָ וואָס אַמאָל געפערלעכער. איצט וועט דער געטאָ אַרויס אין קאַמף. זאָל זי זיך גוט באַטראַכטן. עס איז דאָ אַ שאַנס. דאָס קינד קען, אפשר, אויף דער אַרישער זייט געראַ־טעוועט ווערן. זאָל זי דאָך דאָס קינד אָפּגעבן.

חבר'טע זיגעלבוים ענטפערט נישט. אירע אויגן זיינען אַראָפּגע־לאָזן. איך פיל, וואָס עס טוט זיך איצט ביי איר אין האַרצן. איך פּרוּוו,

ווי אַמבעסטן, שילדערן דאָס נייע אָרט, וואו איר זון דאַרף זיך אויסבאַ־האַלטן. דאָס אָרט האָט אויסגעפונען פעליציע מושקאַט, די פרוי פון חבר מושקאַט, דעם מיטגליד פון אומלעגאַלן בונדישן צענטראַל־קאָמי־טעט אויף דער אַרישער זייט. דאָס קינד וועט אָפּגעגעבן ווערן צו אַ פּוילישן טראַמוואַי־אַרבעטער, אַן ערלעכן מענטשן. זי ענטפערט נאָך אַלץ נישט. נאָך אַ שווערן שטיל־שוויגן רופט זי זיך ענדלעך אָפּ, איר שטים ציטערט:

— ניין, איך קען נישט. וואָס עס וועט זיין מיט מיר, וועט זיין מיט מיין זון. אַזוי פיל שוין דורכגעמאַכט צוזאַמען. אפשר וועט אונדז ביידן געלינגען צו בלייבן לעבן... אָדער ביידע וועלן מיר אומקומען...

— ענדיקט זי שעפּטשענדיק.

קיינער איז שוין מער נישט צוגעשטאַנען. מאַניע זיגעלבוים, די מאַמע, האָט זיך פעסט אַנטשלאָסן... זי האָט איר קינד נישט אַוועק־געגעבן. זיי זיינען ביידע אומגעקומען בעתן געטאָ־אויפשטאַנד.

מיר זיינען קיינמאָל נישט געווען זיכער מיט די קינדער, וועמען מ׳האָט אַריבערגענומען איבערן געטאָ־מויער: צי וועט דער „לעבע־דיקער שמוגל" געלינגען, צי דאָס קינד וועט זיך נישט פאַרראַטן, און צי וועט אַמאָל דער קריסט אין דער לעצטער מינוט נישט חרטה קריגן.

צוויי מיידעלעך, נעלי און וולאַדקע (אַ צווילינג), זיינען בשלום אַריבער דעם געטאָ־מויער. מיכאל קלעפּפיש האָט זיי איינגעאָרדנט אין אַ קליין שטיבעלע, ביי דער פאַמיליע דוביעל, אין דער שוין דער־מאָנטער קאַלך־פאַבריק אויף טשערניאַקאָווסקע גאַס. ער אַליין האָט אויך דאָרטן געוואוינט. די דוביעלאָווע, אַן עלטערע גוטמוטיקע קריס־טין, האָט זיך אַ ביסל אַנטוישט. זי האָט זיך געריכט אויף צוויי אַריש־אויסזעענדיקע קינדער, און דאָ האָט זי גאָר באַקומען צוויי יידיש־חנעוודיקע מיידעלעך, מיט ברוינע אויגן און טונקעלע האָר. די צען־יאָריקע מיידעלעך האָבן גוט פאַרשטאַנען, וואו זיי געפינען זיך. זיי האָבן גוט גערעדט פּויליש. מיט קיין וואָרט האָבן זיי נישט דערמאָנט פון געטאָ. דאָך האָט די קליינע נעלי נישט אויפגעהערט צו וויינען.

— איך וויל זיין מיט דער מאַמען — פלעגט זי כסדר איבערחזרן.

איר שוועסטערל, וולאַדקע, פלעגט זי שטילערהייט באַרואיקן. אָבער ביידע האָבן שווער געליטן צוליב דער צעשיידונג מיט זייער מו־טער. די מיידעלעך האָבן אויפגעהערט עסן, נישט גערעדט צו קיינעם קיין וואָרט. באַהאַלטן זיך אין די ווינקעלעך פון שטוב... אומעטיק און דערשלאָגן האָבן זיי זיך געפילט צווישן פרעמדע מענטשן. ווען איך פלעג אַריינקומען, פלעגן די מיידעלעך ווערן לעבעדיקער. זיי האָבן דערוואַרט פון מיר גרוסן און בריוולעך פון דער מאַמען.

— האָסטו עפּעס געבראַכט פאַר אונדז פון דאָרטן? — פלעגן זיי פרעגן, ווי נאָר איך פלעג אַריבערטרעטן די שוועל. אויב איך האָב זיי דערלאַנגט אַ בריוול פון דער מאַמען, איז זייער פרייד געווען נישט צו דערשאַצן. — דערצייל, דערצייל, ווי זעט איצט אויס די מאַמע? — פלעגן זיי מיך בעטן. איך פלעג זיי איבערגעבן מיט אַלע איינצלהייטן די שמועסן מיט זייער מוטער, פעלאַ בליט, אַ לערערין פון די ציש"אָ־שולן און אַ טוערין פון די לינקע פועלי־ציון, וועלכע איך פלעג טרעפן ביי מיינע מיסיעס אין געטאָ.

אַ ביסל האָבן זיך די קינדער באַרואיקט, ווען די דוביעלס האָבן זיך איבערגעצויגן אין אַ פרישער דירה, אויף שוויענטאָיערסקע 21. לענגאויס שוויענטאָיערסקע גאַס האָט זיך געצויגן דער געטאָ־מויער. דער מויער האָט די גאַס צעשניטן אין צוויי טיילן: אַ פּוילישע, די זייט פון קראַשינסקיס גאָרטן, און אַ יידישע, די זייט פון וואַלאָווע. די פענצטער פון דוביעלס וואוינונג זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס. מ'האָט געקענט דורך זיי אַריבערקוקן איבערן מויער און זען וואָס עס טוט זיך אין געטאָ.

איינמאָל קום איך אַרויף צו די קינדער. די מיידלעך לויפן מיר אַנטקעגן מיט פרייד:

— קום שנעלער, שנעלער, וועלן מיר דיר עפּעס וויוזן!

זיי שלעפּן מיך צו צום פענצטער און וויזן מיר אין געטאָ אַ שפּאַציר־נדיקע פרוי. איך קוק זיך גוט איין: דאָס איז דאָך זייער מוטער! מיר מוזן זיך אָבער גלייך צוריקציען פון פענצטער, דער אוקראַינישער וואַך־פּאָסטן האָט אונדז באַמערקט, און אויסגעשטרעקט צו אונדז די ביקס — אַ קלאָרע אָנדייטונג מען זאָל אַוועקגיין, ווען נישט שיסט ער. די דייטשן האָבן פון דער פּוילישער זייט קיינעם נישט דערלויבט צו זיין נאָענט פונעם געטאָ. אפילו נישט אַרויסקוקן דורך אַ פענצטער. די מיידעלעך דערציילן מיר, אַז יעדן טאָג זעען זיי זיך מיט דער מאַמען.

פון וואַנען קען די מאַמע אייערע פענצטער? — פרעג איך זיי פאַר־וואונדערט.

דאָ מישט זיך שוין אַריין די אַלטע דוביעליאָווע. זי דערציילט מיר: איר מאַן האָט אויף עטלעכע טעג באַקומען אַרבעט אין געטאָ. די קינדער האָבן איינמאָל געקויפט ברויט מיט מילך און געבעטן אויפזוכן דאָרט זייער מוטער. דער אַלטער האָט איבערגעגעבן די זאַכן דער מוטער און גלייכ־צייטיק איר געוויזן די פענצטער פון זיין וואוינונג. פון דעמאָלט אָן האָט מען יעדן טאָג געקענט זען אויף וואַלאָווע גאַס, אין געטאָ שפּאַצירן אַליין אַ פרוי. זי פלעגט זיך פאַרזיכטיק אַרומקוקן אין אַלע זייטן. ווען קיינער איז אין דער נאָענט נישט געווען, פלעגט זי פאַרלאַנגזאַמען אירע טריט, פאַררייסן דעם קאָפּ און קוקן איבערן מויער אין דוביעלס פאַרמאַכטע

פענצטער. דאָרט, הינטער די פֿאַרהענגלעך, פֿלעגן אויף איר שוין וואַרטן אירע צוויי מיידעלעך.

— און אַז דער אוקראַינער איז ווייט — רעדט מיט פֿרייד איינע — עפֿענען מיר שנעל דאָס פֿענצטער, רעדן זיך דורך איבערן מויער, אָדער וואַרפֿן אַריבער אַ צעטעלע.

איך קען אָבער נישט טיילן מיט די קינדער זייער פֿרייד. איך בין שטאַרק אומרואיק. ניין, אַזעלכעס דאַרף מער נישט פֿאַרקומען! מען קען זיי כאַפּן ביים פֿענצטער. אַ פֿרעמדער קען באַמערקן. עס קענען דורכפֿאַלן די שטומע באַגעגענישן, און דאַן איז זייער גורל און דער מאַמעס גורל אַ געחתמעטער. די קליינע האָבן אויף מיין פֿאַרבאָט געענטפֿערט מיט שווייגן. זיי האָבן זיך נישט פּרובירט פֿאַרטיידיקן. זייערע טונקעלע אומעטיקע אויגן האָבן געקוקט אויף מיר מיט אַזוי פֿיל ווייטיק. איך האָב שולדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיט פֿאַרדרוס געטראַכט: פֿאַרוואָס מוז איך גראָד זיין די, וואָס צעשטערט די איינציקע פֿרייד פֿון די קינדער און מוטער?...

די מוטער איז אומגעקומען אין מאַידאַנעק, אין מאַי 1943. די קינדער האָבן פֿיל דורכגעמאַכט, אָבער זיי לעבן.

אַלעש בלום איז אַלט געווען זעקס יאָר, ווען די מאַמע האָט אים מיר איבערגעגעבן. ער האָט גוט געקענט ריידן פּויליש, געוואוסט, אַז וועגן דעם געטאָ טאָר ער נישט דערמאָנען, און געדענקט, אַז ער הייסט נישט אַלעש בלום, נאָר אַלעש קאָוואַלסקי. מיט דער מאַמען האָט ער זיך רואיק געזעגנט. אָבער ווי נאָר די מאַמע איז אַוועק, איז אויך אַוועק אַלעש'ס ערנסטקייט. ער האָט געזען פֿאַר זיך אַ שפּרודלדיק לעבן, נישט אַזוי ווי אין געטאָ. האָט ער, ווי יעדעס קינד, כסדר געפּלאַפּלט, געפֿרעגט און נישט אויפֿגעהערט צו ריידן:

— פֿאַרוואָס זיינען דאָ פֿאַראַן אויטאָס, טראַמווייען, און דאָרטן נישט?... פֿאַרוואָס זיינען דאָ פֿאַראַן אַזוי פֿיל געוועלבער מיט גוטע זאַכן, און דאָרטן נישט?...

די כסדרדיקע „פֿאַרוואָסן" האָבן מיך באַאומרואיקט. אין טראַמוויי, אין וועלכן מיר זיינען געפֿאָרן האָבן מענטשן אָנגעהויבן זיך אומקוקן און באַדייטונגספֿול צו שמייכלען. איך האָב געמוזט מיט אים אַראָפּ פֿון טראַמוויי. איך האָב געציטערט דער קליינער זאָל זיך נישט מיט עפּעס פֿאַרראַטן. אַ שטאַרקע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט האָב איך איצט געפֿילט, פֿירנדיק דעם קליינעם ביים הענטל. איך טראָג דאָך איצט נישט קיין געלט, קיין אומלעגאַלע בלעטלעך אָדער אַ פּעקל אַמוניציע. איצט שטייט אין קאָן אַן אומשולדיק קינדעריש לעבן!...

ענדלעך זיינען מיר אָנגעקומען אויף קראַכמאַלנע 83־א, צו מאַריע באַרקאָווסקאַ. אין אַ קליין צימערל, אין פּאַרטער, האָבן געוואוינט צוויי אַלטע קריסטינס, שוועסטער.

אַלעס איז ביי זיי געבליבן בלויז אויף אייניקע טעג. די אַלטע האָבן מורא געהאַט צו האַלטן ביי זיך דאָס קינד. דער קליינער האָט נישט געוויינט, אָבער ער האָט אויפגעהערט רײדן, כסדר געשוויגן. עס האָבן אים נישט אינטערעסירט נישט קיין שפּילערייען, נישט קיין זיסע זאַכן. דאָס קינד איז רואיק געזעסן אויף זיין שטול און מיט שטאַרע אויגן געקוקט אין דער ווייטקייט. אַלעס האָט שטאַרק געבענקט. ווען איך פלעג קומען צו אים מיט אַ ניי פערדעלע, אָדער קלעצלעך, פלעגן אין ערשטן מאָמענט זיך אָנצינדן זיינע ברוינע אייגעלעך, אָבער גלייך פלעגט ער צוריק פאַרגליווערט ווערן. אָפט פלעגט ער מיך פרעגן:

— נאָך לאַנג דאַרף איך וואַרטן צו זען דעם טאַטן און די מאַמען?...

דאָס קינד האָט נישט פּראָטעסטירט, נישט געשריען, נישט געוויינט, נאָר איז כסדר געוואָרן בלאַסער און מאַגערער.

אַן אמתע פרייד איז געווען פאַר מיר, ווען מען האָט געפונען פאַרן קליינעם פרישע באַלעבאַטים. אויף זשאָליבאָזש, אויף ווילסאָנאַ־פּלאַץ, האָט געוואוינט אַן אינטעליגענטע קריסטלעכע פאַמיליע מיט אַ זעקס־יאָריקן זון. זיי האָבן מסכים געווען אויף אַ קורצער צייט צו נעמען צו זיך (פאַר 2,500 זלאָטעס מאָנאַטלעך) דעם קליינעם אַלעס. דער קליינער האָט דאָרטן אויפגעלעבט. ער פלעגט זיך שפּילן מיט זיין קריסטלעכן חבר, און פאַרגעסן אָן דער גאַנצער וועלט. ביינאַכט פלעגט ער זיך אויפכאַפּן, וויינען און מיט שרעק אַריינלויפן צו זיינע באַלעבאַטים אין שלאָף־צימער. אַלעשן האָט עפּעס פאַרפאָלגט, ער האָט זיך געשראָקן. עס איז אויך געלונגען אויסצופּועלן ביי דער באַלעבאָסטע זי זאָל דער־לויבן אַלעס'ס מוטער, וואָס האָט זיך אויך אַרויסגעראַטעוועט פון געטאָ, צו באַזוכן אים פון צייט צו צייט. דעם קליינעם ייִנגעלע איז דאָרט געווען זייער גוט. דאָס „גרויסע גליק" פון זיין אויף אַזאַ גוט אָרט האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. אויף זשאָליבאָזש זיינען פאָרגעקומען אַרעסטן, די באַלעבאַטים האָבן מורא געקראָגן און אָפּגעגעבן דאָס קינד. אַלעס האָט געמוזט איבערוואַנדערן אויף דער פּראָווינץ צו נייע פרעמדע מענטשן. ער לעבט.

פיל לייכטער איז געווען מיט דער אַנדערטהאַלבן־יאָריקער קרישע קלאָג. זי האָט געוואוינט אין פּלודי, הינטער וואַרשע, ביי אָרעמע באַלע־באַטים. אַ באָרוועסע, אָפּגעלאָזן, נישט געוואַשן, האָט זיך די קליינע אַרומגעשאַרט אין שמוציקן, כמעט ליידיקן צימער. זי האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן גיין. די באַלעבאָסטע, אַ דערשלאָגענע שוואַכע קריסטין, האָט זייער ווייניק אַכט געלייגט אויף איר. זי האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט אירע אייגענע קינדער. אַלע זאַכן פון דער קליינער קרישע האָט זי צוגענומען און פאַנאַנדערגעטיילט צווישן אירע קליינ־וואַרג. וויפל קליידעלעך און שיכלעך מען האָט נישט געקויפט פאַר דער קליינינקער קרישקע, פלעגט מען זי שטענדיק טרעפן אַ באָרוועסע

און אַן אָפּגעריסענע. די קליינע האָט אויסגעזען ערגער פון אַלע איבע־ריקע קינדער, כאָטש מען האָט רעגלמעסיק און פּינקטלעך געצאָלט די 2,500 זלאָטעס אַ מאָנאַט. אָבער די אַנדערטהאַלבן־יאָריקע קרישקע האָט זיך וויניק וואָס געגומען צום הערצעלע. זי האָט זיך גוט געפילט אין איר אומוויסנקייט. אויף אַלע עוולות, וואָס מען איז באַגאַנגען קעגן איר, האָט זי געענטפערט מיט אַן אָפּענעם אומשולדיקן שמייכעלע. שטיל און רואיק פלעגט זיך די קליינע שפּילן. מיר האָבן פאַר איר נישט געהאַט קיין אַנדער אָרט. כאָטש מען האָט געוואוסט, אַז דעם קינד איז דאָרטן שלעכט, האָט מען עס געמוזט דערווייל דאָרטן לאָזן. עס איז דאָרטן נאָך אַלץ זיכערער געווען ווי אין געטאָ. דער קליינינ־קערס עלטערן איז געלונגען אַרויסצוראַטעווען זיך פון אַ טראַנספּאָרט, וואָס האָט זיי געפירט קיין טרעבלינקע. זיי זיינען אַוועק צו דער קריס־טין, וואו זייער קינד האָט זיך אויפגעהאַלטן. אָבער בלויז אַ קורצע צייט זיינען זיי געווען צוזאַמען מיט זייער מיידעלע. געשטאַפּאָ האָט זיי אויסגעפונען. מען האָט זיי געמסרט. דאָס קינד איז גראָד געווען אין אַן אַנדער הייזל און אַזוי אַרום ניצול געוואָרן פון דעם דייטש׳ס הענט. די עלטערן זיינען אומגעקומען. עס איז אונדז געלונגען פאַר איר אויס־צוגעפינען אַ פרייש אָרט. זי איז געבליבן לעבן.

די זעקס־יאָריקע עלזע פרידריך און די איין־יאָריקע אירענקע קלעפּפיש, די טעכטערלעך פון מיכאלן און „זיגמונטן", האָט זיך איינ־געגעבן איינצואָרדענען אין אַ קאַטוילישן קלויסטער. די נאָנעס האָבן די מיידעלעך צוגענומען, נישט וויסנדיק זייער אָפּשטאַם. אין יתומים־אַנשטאַלטן, אין די קלויסטערס, איז געווען פאַר יידישע קינדער דאָס זיכערסטע אָרט. אַ טייל נאָנעס פלעגן וויסן אָדער אַפילו דערקענען די יידישע קינדער, אָבער זיי האָבן נישט אויסגעגעבן דעם סוד. ס׳איז אויך נישט געווען קיין מורא, אַז ווען עס וועט אויספעלן געלט, וועט מען די קינדער אַרויסוואַרפן אויף דער גאַס. אין קלויסטערס אָבער איז שווער געווען די קינדער אַריינצוגעבן. דאָס האָבן געמוזט טאָן „ריינע אַריער", וואָס האָבן זיך געקענט מיט די נאָנעס. צום באַדויערן האָבן אַפילו אויף דעם געביט פאַליאַקן אונדז וויניק געהאָלפן.

גאָר אַ שווער אומגליק האָט געטראָפן דעם צוועלף־יאָריקן מיקא פערנסאָן. מיקא איז בשלום אַריבער דעם מויער. ער האָט געאיילט צוזאַמען מיט זיין קריסטלעכן באַגלייטער (דוביעלס זון) צו דער צוגע־גרייטער מעלינע אויף שוויענטאָיערסקע 21, אין זעלביקן הויז, וואו עס האָט זיך אויסבאַהאַלטן די צווי מיידעלעך בליט. ביים לאָקאַטאָר וורובעל האָט זיך איינגעגעבן איינצואָרדענען פאַר אַ סך געלט פיר פערזאָן: פרידריכס פרוי, פאַלע פלינקער, רוטע פערנסאָן און איר זון מיקא. אַלע אויסער מיקאָן זיינען שוין געווען אין דער מעלינע. נישט ווייט פון הויז 21 האָבן מיקאָן מיט זיין באַגלייטער פאַרהאַלטן צוויי פוילישע פּאָליציאַנטן. אַ קורצער ווערטער־אויסטויש און די פּאָליציי האָט זיך

גלייך אַנגעשטויסן ווען זי האָט פּאַר זיך. זיי האָבן דעם ייִדישן און קריסטלעכן ייִנגל אָפּגעפירט אין אַרעסט. עטלעכע טעג האָבן מיר אַלע געלעבט אין טויט־שרעק: צי וועלן די ייִנגלעך נישט אויסגעבן? עס איז געשטאַנען אין געפאַר סיי די פרישע מעלינע, סיי די וואוינונג פון די דוביעלס, וואו די צוויי מיידעלעך זיינען געווען באַהאַלטן. עטלעכע טעג שפּעטער האָט זיך אונדז איינגעגעבן פאַר געלט איבערצוקויפן אַ פּוילישן פּאָליציאַנט, וואָס האָט געהאַט דינסט אין זייער אַרעסט און אַריינצושיקן אַהין פעקלעך שפּייז. די ידיעות, וואָס מיר האָבן באַקומען פון דער תפיסה, האָבן אונדז שטאַרק באַאומרואיקט. אין דעם קליינעם מיקאַס וועש האָט מען געפונען צען רעוואָלווער־קוילן. מען פייניקט דעם צוועלף יאָריקן ייִנגל, ער זאָל אויסזאָגן פון וואַנען די רעוואָלווער־קוילן שטאַמען. ער ווערט מוראדיק געשלאָגן. דער קליינער וויס אָבער נישט פון וואָס צו זאָגן. ער שווייגט. די אויספאָרשער קענען נישט דערגייען, וואו ער האָט אין געטאָ געוואוינט, ווער זיין מאַמע איז און צו וועמען איז ער דאָס געגאַנגען אויף פּוילישע גאַסן. עס וואונדערן זיך שטאַרק די פּוילישע תפיסה־באַאַמטע אויף דעם שטאַרקן און פעסטן כאַראַקטער פון דעם 12־יאָריקן ייִנגל.

— אַ יונגער זשיד זאָל זיך אַזוי האַלטן!...

מיר האָבן זיך נישט געקאָנט דערוויסן, וואָס עס איז מיט דעם קליינעם מיקאַ פאַרגעקומען. פון וואַנען קומען אין זיינע זאַכן רעוואָל־ווער־קוילן? צי האָט מען זיי נישט ספּעציעל אונטערגעוואָרפן, כדי דאָס קינד צו פייניקן און צו צעברעכן? — אָבער מיקאַ ברעכט זיך נישט, ער האַלט זיך העלדיש, ער גיט גאָרנישט אַרויס. די מוטער שיקט אונדז פאַרצווייפלטע בריוו, מען זאָל זען ראַטעווען איר איינציק קינד. מיר זיינען אָבער מאַכטלאָז. קיין שום ספּעציעלן קאָנטאַקט מיט דער פּאָליציי האָבן מיר נישט. ערשט אַ צופעליקע באַגעגעניש פון מיין גע־וועזענעם באַלעבאָס פון גורנאָשלאָנסקע 3, סטעפּאַן מאַכאַי, מיט אַ פּאָלי־ציי־אַגענט, גיט עפּעס האָפענונגען: אפשר — פאַר אַ גרויסער סומע געלט — וועט מען דעם קליינעם קענען אַרויסראַטעווען? און דאָ הייבן זיך אָן טעג און וואָכן פון אונטערהאַנדלונגען, פון צוזאָגענישן, פון שלעפּן געלט און פון אומרואיקע דערוואַרטונגען.

דערווייל שיכורט סטעפּאַן מיט די געהיים־אַגענטן. ער האָט זיך שטאַרק געענדערט. ער פאַרקערט מיט אונטערוועלט־טיפּן. ער איז שוין נישט דער זעלביקער גוטמוטיקער סטעפּאַן, מיט וועמען מיר האָבן אַזוי לאַנג צוזאַמענגעאַרבעט. ער איז שוין נישט דער היימישער באַלעבאָס, וואָס האָט אונדז אַזוי אָפט מענטשלעך אַרויסגעהאָלפן. דאָך רייסן מיר מיט אים נישט איבער די פאַרבינדונג. סטעפּאַן שטייט אין קאָנטאַקט מיט די טונקעלע אַגענטן, „מאַכערס", און אין זייערע הענט ליגט דאָך דער גורל פון מיקאַן.

ענדלעך, נאָך לאַנגע וואַרטענישן, איז געלונגען פאַר אַ גרויסער

סומע געלט אַרויסצוראַטעוועז דעם צוועלף־יאָריקן מיקאַן און זיין קריסט־לעכן באַגלייטער. די רעוואָלווער־קוילן האָט גאָר געהאַט ביי זיך דער קריסטלעכער בחור, וועלכער האָט פאַר מורא זיי באַהאַלטן אין מיקאס זאַכן. אַ פוילישער פאָליציאַנט האָט נאָענט פאַרן אויפשטאַנד אַריינ־געפירט דעם קליינעם נישט געבראָכענעם העלד צוריק אין געטאָ אַריין. פון דאָרטן איז ער צוזאַמען מיט פיל אַנדערע קינדער, וועלכע מיר האָבן נישט באַוויזן צו ראַטעווען, געפירט געוואָרן אויפן באַקאַנטן דייטשישן שליאַך...

## קאַפּיטל ניינצן

# אַכצנטער יאַנואַר — די ערשטע שלאַכט

דעם אַכצנטן יאַנואַר 1943, האָט זיך דערהערט פון געטאָ אַ העפּ־טיקע שיסעריי. מען איז געוואוינט צו הערן פון געטאָ דעם אָפּקלאַנג פון מאַשין־געווער. אָבער דאָס מאָל איז די שיסעריי נישט ווי געוויינ־לעך. זי דויערט צו לאַנג.

מיכאל, צעלעמענסקי און איך לויפן צו צום געטאָ־מויער זיך דער־וויסן וואָס עס איז געשען. נאָענט צוגיין אָבער קאָנען מיר נישט. דער מויער איז אַרומגערינגלט מיט פאַרשטאַרקטע וואַך־פּאָסטנס. אוקראַי־נער און ס. ס.־מענער לאָזן קיינעם נישט דערנענטערן זיך. עס ווערט אונדז קלאָר: אין געטאָ קומט פאָר אַן „אַקציע".

שטענדיק, ווען די דייטשן פירן אַרויס אַ גרעסערע צאָל יידן, ווערט דער מויער ספּעציעל שטאַרק באַוואַכט. מיר פּרוּוון זיך טעלעפאָניש פאַרבינדן מיטן בערשטער־שאָפּ אין געטאָ, אָבער אָן רעזולטאַטן. די טעלעפאָנען ענטפערן נישט.

הילפלאָז און צעטראָגן דרייען מיר זיך אַרום נאָענט פון געטאָ־מויער. מיר ווילן עפּעס אויסשפּירן. מיר באַמיען זיך דורך פאַרשיי־דענע פאַרשטעלטע רייד און שמועסן מיט דער פּוילישער פּאָליציי און מיט פּאָליאַקן, וואָס זיינען נאָענט פון געטאָ, צו דערגיין וואָס אַזוינס עס קומט פאָר אויף יענער זייט. פאַרשיידנס רעדט מען: יידן שיסן, יידן הרגענען דייטשן, יידן לאָזן זיך נישט שלעפּן אין די וואַגאָנען, טויטע דייטשן ליגן אין געטאָ... קיינער ווייס אָבער נישט גענוי. די פּוילישע גאַס איז אומרואיק. מען שושקעט זיך ביי די טויערן. מען הייבט מיט די אַקסלען. ס'איז שווער צו גלייבן אין דעם, וואָס מען דערציילט:

— איז דאָס אמת, אַז יידן הרגענען דייטשן?... עפּעס אויסערגעוויינלעכעס קומט פאָר דאָרטן אויף יענער זייט מויער!... און מיט וואָס קען זיך דאָס ענדיקן פאַר אונדז? — טראַכטן מיט מורא טויזנ־טער פּאָליאַקן, וואָס הערן זיך צו צו די שאָסן אין געטאָ.

פאַרנאַכט הערט דאָס שיסן אויף. מיר האָבן נאָך נישט קיין שום פאַרבינדונג מיט אונדזערע חברים. צוויי טעג זיינען אַוועק אין גוואַל־טיקער אומרואיקייט, ערשט אויפן דריטן טאָג איז געוואָרן שטילער, ווייניקער דייטשן באַוואַכן דעם געטאָ־מויער. נאָר אוקראַינער־פּאָסטנס

זיינען פאַרבליבן. מיר באַשליסן פאַר יעדן פּרייז זיך אַריינצובאַקומען אין געטאָ און זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

אויפן פינפטן טאָג נאָך דער שיסעריי געלינגט מיכאלן אַריבערצו־קריכן דעם מויער. מיט אומגעדולד דערוואַרטן מיר זיין צוריקקומען. ענדלעך קומט ער צוריק און ברענגט אונדז גענויע ידיעות וועגן דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין געטאָ אין די לעצטע עטלעכע טעג:

עטלעכע קאַמפּאַניעס דייטשן זיינען אַריין אין געטאָ דורכצופירן אַ גרויסע „אַקציע". אויפן אומשלאַג־פּלאַץ זיינען שוין געשטאַנען גרייט די וואַגאָנען. ווי געוויינלעך, זיינען די דייטשן אין באַגלייטונג פון אוקראַינער אַוועק אין די הייזער און שעפּער צו כאַפּן יידן. אָבער דאָ האָבן זיי געטראָפן אויף אַ פּוסטקייט. יידן האָבן שוין געוואוסט וועגן דער אַקציע, האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן. אין דעם „ווילדן" געטאָ, דאָס הייסט, דאָרט וואו עס וואוינען „די פּלאַצוואוקאַזשעס", די וועלכע האָבן געאַרבעט אויף דער פּוילישער זייט, איז די דייטשן, נאָך שווערער אַרבעט, געלונגען צונויפצונעמען אַ גרעסערע צאָל יידן. אונטער אַ שטאַרקער וואַך האָט מען זיי געפירט צום אומשלאַג־פּלאַץ. ביים ראָג זאַמענהאָף און מילע האָבן זיך פון דער צוזאַמענגעפּרעסטער מענטשן־מאַסע דער־הערט אויסרופן: „יידן, צעלויפט זיך! ... „שנעלער צעלויפט זיך! ... גלייך האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי. די גרופּע האָט זיך אַ וויג געטאָן און זיך געוואָרפן מיט הענט, פיס, ציינער, עלנבויגנס — מיט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט — אויף די דייטשן. ס'איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע שיסעריי און געשלעג. עס האָבן זיך געקנוילט אויפן טראָ־טואַר דייטשישע מונדירן און אָפּגעריסענע יידישע קליידער. די דייטשן זיינען געוואָרן צעטומלט און דערשראָקן. אויף עפּעס אַזעלכעס האָבן זיי זיך נישט געריכט. ווען זיי האָבן זיך געכאַפּט וואָס עס קומט פאָר און באַמיט מיט נייע פאַרשטאַרקונגען און מאַשין־געווער צו באַהערשן די לאַגע, האָט זיך שוין דאָן כמעט די גאַנצע גרופּע יידן געהאַט צעלאָפן און אויסבאַהאַלטן אין די דערבייאיקע הייזער. אויף די גאַסן זיינען געבליבן פאַרוואונדעטע און טויטע יידן אויסגעמישט מיט די גרויע מונדירן פון די געפאַלענע דייטשן.

דעם דאָזיקן צוזאַמענשטויס האָט אַרויסגערופן אַ גרופּע פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך געפונען צוזאַמען מיט די געכאַפּטע יידן. אָנגעפירט האָט דערמיט דער העלדישער קאָמענדאַנט פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — מרדכי אַנילעוויטש. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס יידן האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און זיך נישט געלאָזט פירן צו די וואַגאָנען.

נאָך אין עטלעכע הייזער, אויף זאַמענהאָף 56, אויף מוראַנאָווסקע 44, אויף מילע 63 און אַנדערע, זיינען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן מיט די דייטשן. דאָרט האָבן געקעמפט די גרופּע פון „דרור" אונטער דער

אָנפירונג פון יצחק צוקערמאַן, אליעזר געלער און אריה ווילנער. זייער גאַנצע באַוואָפענונג איז באַשטאַנען פון פיר רעוואָלווערן און עטלעכע גראַנאַטן. די קעמפער האָבן געלויערט אויף די דייטשן אין די הייזער. דאָרט האָבן זיי טאַקע דערהרגעט עטלעכע דייטשן, צוגענומען ביי זיי דאָס געווער און דורך בוידעמער און לעכער זיך צוריקגעצויגן אויף אַנדערע פּאָזיציעס.

נאָך אַ פאַל פון ווידערשטאַנד איז פאָרגעקומען דעם זעלבן טאָג אין שולץ'ס שאָפּ. עס איז דאָרט אָרפּאַגעקומען אַ גרופּע דייטשישע ס. ס. כדי דורכצופירן אַ גרויסע סעלעקציע, אויסבראַקירן די שוואַכע אַרבעטס־הענט. זיי האָבן אָבער אין שאָפּ געפונען אַ קליינע צאָל אַרבעטער. אויפגע־בראַכט פון דער קליינער צאָל יידן, האָט דער אָנפירער פון די דייטשן צונויפגערופן אַלע אַנוועזנדיקע, זיך אָוועקגעשטעלט צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע ס. ס.־לייט אויף אַ באַלקאָן, אויף נאַוואָליפּיע 44, און אָנגע־הויבן ריידן וועגן „אַרויסברענגען אַ סך אַרבעט", און אַז אויב עס וועט זיין אַ קליינע פּראָדוקציע, וועט ער אַלע יידן אַרויסשיקן פון געטאָ... וועגן טויט, וואָס עס דערוואַרט יעדן, וואָס באַהאַלט זיך אויס..

פּלוצלונג האָבן זיך פון אַנטקעגנאיבערדיקן טויער, דערהערט עטלעכע שאָסן. די קוילן האָבן דורכגעפייפט דורכן באַלקאָן, וואו די ס. ס. איז געשטאַנען. דער דייטש איז פאַרשטומט געוואָרן. עס איז גע־וואָרן אַ גרויסע מהומה, אַ שיסעריי, אַ געלאַף. יידן האָבן זיך באַהאַלטן, אָבי נאָר נישט אַרויסגעפירט צו ווערן. דער בחור, וועלכער האָט געצילט אין ריידנדיקן ס. ס.־פירער, איז געווען אַ מיטגליד פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, רובינשטיין, אַ געוועזענער פאַלקס־שילער, אַ „צו־קונפטיסט". ער און זיינע מיטהעלפער זיינען געווען מיטגלידער פון אַ בונדישער קאַמפּס־גרופּע, אונטער דער אָנפירונג פון אברהם פיינער.

אברהם פיינער, אַ טיכטיקער, דרייסטער, אומלעגאַלער יוגנט־טוער, האָט אין גרויסן כאַאָס זיך נישט פאַרלוירן. זיין גרופּע האָט נישט געהאַט מער ווי דעם איינעם רעוואָלווער. דאָס איז געווען ווייניק אויף צו קעמפן מיטן דייטש. ער אַליין האָט זיך פאַרמאָסטן אַרויסצורייסן די ביקס פון אַ דייטשן זשאַנדאַרם, כדי צו האָבן מיט וואָס צו שיסן. צום אומגליק איז ער געוואָרן אַרומגערינגלט פון דייטשן: זיי האָבן אים געכאַפּט און אומגעבראַכט. אַ טייל פון דער קאַמפּס־גרופּע אָבער איז, צוזאַמען מיט נאָך יידן, געלונגען צו אַנטלויפן.

נאָך אין איניקע פונקטן פון געטאָ האָבן זיך יידן פאַרבאַריקאַ־דירט און נישט צוגעלאָזן צו זיך די דייטשן. מען האָט זיך געווערט מיט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, אָבי נישט געשלעפּט צו ווערן צום „אומשלאַג־פּלאַץ".

נישט די גאַנצע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז אין די טעג אַרויס אין קאַמף. די קאַמפּס־גרופּן זיינען, אין דער גרעסטער טייל, נאָך נישט געווען באַוואָפנט. עס איז נישט געווען קיין געווער, וואָס זאָל דערמעג־

לעכן אַ גרעסערן פּאַרמעסט. דאָך האָבן די דייטשן זייער „אַקציע" גע־מוזט איבעררייסן. דער ווידערשטאַנד איז געווען פאַר זיי אומגעריכט. דאָס ערשטע מאָל, ווען זיי האָבן באַקומען אַ קלאַפּ פון דעם „נעבעכדיקן יודע".

די דייטשן איז דאָך געלונגען אַרויסצופירן אין דעם דאָזיקן טאָג עטלעכע טויזנט יידן פון קליינעם געטאָ און פון די שעפּער. ווידער איז פאָרגעקומען אַ גרויסע שחיטה. אין די לעצטע וואָכן איז שוין געווען אַ ביסל רואיקער, אָבער די אַקציעס האָבן זיך אַלץ נישט אָפּגעשטעלט.

דער געטאָ איז אין דער שטיל שטאָלץ געווען מיט דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען. אין די נשמות און מוחות פון די געשלאָגענע יידן איז פאָרגעקומען אַ מין אויפטרייסלונג, אַן איבערקערעניש. מען האָט זיך צום ווייפלטן מאָל איבערדערציילט די פאַקטן, געשעענישן מיט אַלע איינצל־הייטן, אַלע פּיטשעווקעס. „זיי האָבן זיך דערשראָקן" — פלעגן יידן זיך טרייסטן. אָבער עס איז קלאָר געווען פאַר אַלע אין געטאָ און אויך אויף דער אַרישער זייט, אַז די דייטשן וועלן צוריקקומען. זיי וועלן מיט געהעריקע פאַרשטאַרקונגען פּרובירן זייערס דורכצוזעצן. זיי וועלן פון זייער פּלאַן צו מאַכן וואַרשע „יידן־ריין" זיך נישט אָפּזאָגן.

די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע גיט זיך אָפּ וועגן דעם אַ גענויעם דין וחשבון. דער קאַמף איז איצט אָפן דערקלערט געוואָרן. מען דאַרף זיך שנעל צוגרייטן אויפצונעמען דעם לעצטן דייטשישן פּרואוו. אַרויס־צושיקן פון געטאָ אַלע יידן. די באַוואָפענונג פון דער קאַמפּס־אָרגאַני־זאַציע איז אַ נעבעכדיקע. מיט איינציקע רעוואָלווערן קען מען ווייניק אויפטאָן! ג ע װ ע ר ! ! ג י ט א ו נ ד ז ג ע װ ע ר ! דאָס איז דער ברענענדיקער רוף פון געטאָ.

## קאַפּיטל צוואַנציק

# אַ ווענדפּונקט

נאָך דעם יאַנואַר־אויפשטאַנד האָט די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ באַקומען פון פּוילישן אונטערערד, פון „אַרמיאַ קראַיאָווא״ — (די אומלעגאַלע פּוילישע אַרמיי) אַ טראַנספּאָרט געווער: פופציק רעוואָלווערן און פופציק גראַנאַטן. דאָס איז נאָך אַלץ זייער און זייער ווייניק.

די עטלעכע טוערס אויף דער אַרישער זייט לויפן איצט אַרום ווי משוגע. מען זוכט, מען נישטערט — אַבי נאָר עפּעס צו קריגן: אַ רעוואָלווער, אַ גראַנאַט. אַלע אונדזערע געדאַנקען, חושים זיינען איצט פאַרנומען מיט איין זאַך: שאַפן וואָס שנעלער געווער. אין די אָוונטן קומען מיר זיך צונויף אויף גורנאָשלאַנסקאַ 3 און חלומען הויך אויפן קול: ווי גוט וואָלט עס געווען, ווען מען קען אַזוי אַליין עפּעס אויסאַרבעטן, אַליין מאַכן גראַנאַטן!... דאָס זיינען אָבער נאָר טרוימען. די ווירקלעכקייט איז אַ שווערע. צו קנאַפּ זיינען די פאַרבינדונגען, נאָך קלענער די מעגלעכקייטן; נישטאָ קיין קאַנטשאַפּט, נישטאָ ביי ווע מען צו קויפן...

פון געטאָ איילט מען, מען יאָגט... אַ ספּעציעלער שליח איז אַראָפּגעקומען צו אונדז — יורעק בלאָנעס, קאָמענדאַנט פון אַ בונדישער קאַמפּס־גרופּע. ער איז אין אַ שבתדיקער ווינטער־נאַכט אַריבער דעם געטאָ־מויער. איך האָב אים אומגעריכט געטראָפן אויף סענאַטאָרסקע 9, אין דער וואוינונג פון הענריקן, — חבר פישגרונט. יורעק איז נאָר וואָס געהאַט אַריינגעקומען. זיינע קליידער זיינען געווען צעריסן פון שפּרינגען איבערן מויער, די טונקל־בלאָנדע טשופּרינע צעשויבערט, דאָס געזיכט בלייך און ערנסט.

— יורעק, וואָס טוסטו דאָ? — פרעג איך דערשטוינט.

— איך בין געקומען אין אַ ספּעציעלער שליחות — ענטפערט ער.

ער דערציילט וועגן לעבן אין געטאָ. מען גרייט זיך דאָרטן פיבערדיק צום קאַמף, עס איז דאָ ווייניק געווער.

— איך בין ספּעציעל געקומען צו צואיילן דאָס איבערשיקן געווער — מעלדעט ער מיט אַ פעסטער שטים.

— אָבער יורעק, מיר האָבן נישט ביי וועמען דאָס געווער צו קויפן!

— איך ווייס ניט, ווי אַזוי איר דאַרפט עס מאַכן. אָבער, געדענקט, איר מוזט זיך איילן! עס קען זיין צו שפּעט!

יורעק בלייבט אַ טאָג אויף דער אַרישער זייט. איך פיר אים צו מיר אין דער וואוינונג, אויף גורנאָשלאַנסקע 3. אויף דער גאַס האָב איך מורא צו גיין מיט אים. ער זעט אויס ווי אַ ייד. מען קאָן אים צונעמען...

אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר, מיכאל, צעלעמענסקי און איך, פאַרבראַכט צוזאַמען מיט יורעקן און גערעדט וועגן געטאָ.

— מיר, די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, זיינען איצט כסדר אויף דער וואַך... יעדע מינוט קאָן פאָרקומען אַן אַקציע. געווער גיט אונדז! נאָר אין דעם נויטיקן מיר זיך — דערקלערט מיט פייער אין די אויגן יורעק.

יורעק פיבערט אינגאַנצן, ער פרעגט אונדז גענוי אויס וועגן אונדזערע פאַרבינדונגען מיט קריסטן. ווען ער הערט די ענטפערס, איז דער אַזוי שטענדיק גוטמוטיקער בחור אַזוי דענערווירט, אַז ער קען נישט איינזיצן אויפן אָרט.

— איז עס טאַקע אמת, אַז מיר זיינען אַזוי הילפלאָז און אַליין?

— רעדט ער ווי צו זיך. אים איז שווער צו גלייבן אין אונדזער טראַגישער ווירקלעכקייט. ער האַלט אין איין איבערחזרן:

— זאָגט, פאַרוואָס, פאַרוואָס העלפט מען אונדז אַזוי ווייניק?! —

זיין שטים ציטערט. מיר זיצן שטום. וואָס קענען מיר אים ענטפערן? אַז אַליין שטעלן מיר זיך כסדר די זעלבע פראַגע.

— ווען מען קען עס אַזוי אַליין אויסאַרבעטן — באַמערקט עמיצער שטיל.

מיכאל באַטייליקט זיך ווייניק אין אונדזער שמועס. ער הערט זיך צו און שוויגט. אָפט רייסט ער זיך אויף פון אָרט, הייבט האַסטיק אָן צו שפּרייזן און זעצט זיך צוריק אַנידער.

— זאָג, וואָס טראַכסטו אַזוי? — שטייען מיר אַלע צו צו אים.

ער שמייכלט פאַרשעמט און שוויגט.

פאַרנאַכט פיר איך יורעקן אָפּ צוריק צום געטאָ־מויער. ער גייט צוריק דורכן זעלביקן וועג, דורך וועלכן ער איז געקומען. איך וואַרט פון דערווייטנס, ביי פלאַץ קראַשינסקי און שוויענטאָיערסקע, כדי צו זען, צי אַלץ וועט גוט אַדורך. איך זע ווי ער רעדט מיטן פוילישן פּאָליציאַנט, רוקט אים עפּעס אַריין אין האַנט. יענער דרייט זיך אַוועק. אַט קלעטערט שוין יורעק איבערן מויער. ער איז אַדורך.

וואָס טוט מען? פון וואַנען נעמט מען געווער? דער געדאַנק לאָזט נישט רוען.



מיכאל קלעפפיש, דער זייל פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

צומאָרגנס, ווען איך קום אַראָפּ אויף גורנאשלאָנסקע גאַס אין קעלער אַריין, באַגעגנט מיך מיכאל מיט אַ ביכל פון כעמיע אין האַנט. ער איז פון פאַך אַן אינזשעניער. גראָד איז אין שטוב קיינער נישטאָ.

— קום שנעלער, וועל איך דיר עפּעס אויפקלערן, — רופט מיך מיכאל. ער לייענט מיר פון דעם לערן־ביכל די פאַרבינדונג פון פּאָטאַש, זאַלץ־זויער, בענזין... אין קאָפּ פּלאָנטערן זיך כעמישע פאָרמולעס דורכגעפלאָכטן מיטן געדאַנק, אַז... אפשר קאָן פון דעם עפּעס אַרויסקומען... אַז מען מישט צוזאַמען די אויבנדערמאָנטע שטאָפן באַקומט זיך אַ פליסיקייט, וואָס קאָן ביי אַ שטאַרקן טרייסל אויפרייסן און אָנהייבן ברענען...

— מען דאַרף פּרובירן דאָס מאַכן — האַלט מיכאל אין איין איבערחזרן.

— אָבער מיט וואָס פאַרא מכשירים? — פרעג איך. — מיר האָבן דאָך גאָרנישט!

— מיר וועלן די כעמישע שטאָפן פּרובירן צונויפמישן אין אַ געוויינלעכער פלאַש, אפשר וועט עפּעס אַרויסקומען. — רעדט ער צעהיצט.

— מיינסט, מיכאל, אַז אַזעלכע פּלעשער וועלן גוט זיין פאַר אונדזערע אין געטאָ? פרעג איך שטיל.

— אָ, נאָך ווי!... עס זאָל אונדז נאָר געלינגען דאָס צו מאַכן!

— רופט ער אויס מיט באַגייסטערונג.

ביז שפּעט אין דער נאַכט שטודירט ער די פאַרבינדונג פון פּאָטאַש, זאַלץ־זויער, בענזין. אָבער וואו וועט מען נעמען מאַטעריאַל? נאָך עטלעכע טעג געלינגט אונדז צו קויפן אַ קליין ביסל פון די נויטיקע שטאָפן.

אין דער אָפּוועזנקייט פון די באַלעבאַטים, ווערן די נויטיקע שטאָפן צונויפגעמישט און אַריינגעגאָסן אין אַ פלאַש. די פלאַש ווערט פאַרמאַכט מיט אַ לייוועגטענעם קאָרעק, וועלכן מען דאַרף, אין אַ געהעריקן מאָמענט, אָנצינדן...

ווען אַלץ איז שוין פאַרטיק, אנטשטייט איצט אַ פרישע שוועריקייט: ווי אַזוי פּרובירט מען אויס, צי די פלאַש איז גוט? דאָס עקספּלאָדירן פון דער פלאַש קומט דאָך פאַר מיט אַ שטאַרקן קנאַל! דאָס לאָזט זיך נישט באַהאַלטן, דער קנאַל קאָן ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרומיקע — און דאָס קאָן אונדז דאָך פאַרראַטן.

מיכאלן געלינגט איבערצורעדן זיין נייעם באַלעבאָס, ביי וועלכן ער וואוינט, סטאַניסלאַוו דוביעל, אַז ער זאָל פאַר אַ סומע געלט מסכים זיין צו לאָזן אויספּרואוון די פלאַש. דוביעל וואוינט אין אַ קליין שטיבעלע אין דער קאַלך־פאַבריק וואו ער אַרבעט, אויף טשערניאַקאָווסקע גאַס. ביינאַכט, ווען דוביעלס משפחה שלאָפט און אין דער פאַבריק איז קיינער נישטאָ, אין אַ שמאָלן קאָרידאָר וואו עס שטייט דער גרויסער קאַלך־אויוון — דאָרט צינדט מיכאל פאַרזיכטיק אָן דעם קנויט פון דער פלאַש. די אָנגעצונדענע פלאַש טוט ער אַ וואַרף אין קאַלך־אויוון אַריין. אַ סעקונדע פון געשפּאַנטער דערוואַרטונג... אַ שטאַרקער קנאַל!... דאָס גלאָז צעשפּרינגט זיך און אַ העלער פלאַם כאַפּט אַרום דאָס אָרט פון דער צעגאָסענער פליסיקייט... ס׳איז געלונגען! ס׳איז געלונגען! די פלאַש ברענט! מיכאל איז משוגע פאַר פרייד. שפּעטער אַ ביסל איז ער זיך מודה פאַר מיר, אַז ער האָט שוין איינמאָל אַליין, אין געהיים, פּרובירט מיט אַ פלאַש, עס איז אָבער דאָן גאָרנישט אַרויסגעקומען.

פרייען מיר זיך אַלע, ווי קליינע קינדער... איצט איז דאָך דאָ אַ האָפענונג אַליין אויסצואַרבעטן אַזעלכע פלעשער!... און דאָס זאָל זיין דאָס געווער פאַר דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע!

חבר מיקאָליי מאַכט באַמיאונגען צונויפצופירן מיכאלן מיט אַ פּוילישן אונטערערדישן אָפיציר, אַ קענער און פאַכמאַן פון אַזעלכע אויסאַרבעטונגען. מיט וואָסער פרייד האָט מיר חבר מיקאָליי געמאָלדן

וועגן דעם פּלאַץ און צייט, ווען מיכאל דאַרף זיך מיט דעמדאָזיקן מאַן טרעפן:

— ענדלעך וועלן מיר דערגיין דעם גאַנצן סוד פון אַליין אויס־אַרבעטן געווער!

זעקס פאַרנאַכט, אין קלויסטער אויף פּאַבריטשנע גאַס, האָט זיך מיכאל געטראָפן מיטן פּוילישן חבר „יוליאַן". אין לאַנגע געשפּרעכן האָט „יוליאַן" געלערנט מיכאלן ווי אַזוי אויסצואַרבעטן גראַנאַטן, באָמבעס, ברען־פלאַשן. אַ צופרידענער און סודותפולער פלעגט מיכאל זיך צוריקקערן פון קליינעם קלויסטער, באַלאָדן מיט בראָשורן, אינסטרוקציעס און אָנווייזונגען. גאַנצע נעכט פלעגט ער זיצן און שטודירן. עס פלעגן כסדר געמאַכט ווערן נייע פּרוּוון. די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט באַפולמעכטיקט צו קויפן און אויסצואַרבעטן וואָס מער מאַטעריאַלן. מיר פיבערן מיט די נייע פּרוּוון. אַ קלייניקייט! ניט דאַרפן וואַרטן מיט ליידיקע הענט נאָר אַליין אויסאַרבעטן געווער! מיר מוזן אָבער זיך שטאַרק היטן, זייטיקע זאָלן זיך נישט דערוויסן מיט וואָס מיר פאַרנעמען זיך. אַן אמוניציע־פאַבריק אויף דער אַרישער זייט איז אוממעגלעך איינצואָרדענען. נישטאָ קיין וואוינונג דערויף.

מיכאל קריכט איבערן מויער. אונטער דער נאָז פון די דייטשישע וואַך־פּאָסטנס אָרגאַניזירט ער אין געטאָ קליינע פאַבריקלעך. אין פאַרשיידענע פּונקטן, אומעטום, וואו עס געפינען זיך נאָר גרופּן פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אין באַהאַלטענע שטובן, לערנט ער מיט דער חברה ווי אַזוי אויסצואַרבעטן די ברענענדיקע פלאַשן און גראַנאַטן.

די אַרישע זייט דאַרף איינקויפן די פאַרשיידענע כעמישע שטאָפן און באַזאָרגן עס דורכן מויער. דער געטאָ אַרבעט פון די שטאָפן אויס אויפרייס־מאַטעריאַלן. נישט אַזוי לייכט איז צו קויפן די גרויסע סכומים בענזין, זאַלץ־זויער און פּאָטאַש, וועלכע מען דאַרף האָבן. כדי נישט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַרקויפער, האַנדלען מיר איין די „סחורה" אין פאַרשיידענע געשעפטן און אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט. אָפט מוז מען אָפּן, אויף אַ דראָזשקע, הפקרדיק פירן די „סחורה" איבער דער שטאָט. טאָמער וועט אונדז אַ פּאָליציאַנט פאַרהאַלטן און כאַפּן מיט דער „סחורה" — זיינען מיר פאַרלוירן. אָבער דערווייל גייט צו דאָס איינקויפן בשלום. ערגער איז, אַז מיר האָבן נישט וואו די „סחורה" צו האַלטן. צעלעמענסקי, מיכאל, טאַדעק און איך שלעפּן די פּעק ברען־מאַטעריאַלן און באַהאַלטן עס אונטער די אייגענע בעטן. קיינער זאָל זיך נאָר נישט דערוויסן!

אַן אויפמונטערנדיקער ווענדפּונקט איז איצט פאָרגעקומען אין אונדזער אַרבעט:

— מיר אַרבעטן אַליין אויס געווער.

### קאַפּיטל איין און צוואַנציק

# אַ פּראָוואָקאַטאָר

ווי יעדע אומלעגאַלע אַרבעט, איז אויך אונדזערע, אויף דער אַרי־שער זייט, געווען אויסגעשטעלט אויף פאַרשיידענע געפאַרן. די גרעס־טע געפאַר, וואָס באַדראָט אַן אומלעגאַלע אַרבעט, איז פּראָוואָקאַציע. און אויך ביי אונדז האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ פּראָוואָקאַטאָר, וואָס האָט צוגעשטעלט גענויע ידיעות דער פּוילישער געהיים־פּאָליציי און דער דייטשישער געשטאַפּאָ. אין איין און דער זעלביקער צייט האָבן אָנגעהויבן דורכפאַלן פאַרשידענע וואוינונגען, באַהעלטענישן פון יידן. מיר האָבן באַקומען קלעפּ, איינעם נאָך דעם צווייטן. אין דער ערשטער צייט איז שווער געווען צו געפינען די פאַרברעכערישע האַנט. אין דער שטיל האָבן מיר געהאַט אַ פאַרדאַכט טאַקע אויף אונדזער געוועזענעם באַלע־באָס פון גורנאַשלאַנסקע 3, אויף סטעפאַן מאַכאַי. עס איז אונדז זייער אויפפאַלנדיק געווען, וואָס סטעפאַן האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן. גאַנ־צע טעג איז ער געזעסן אין שטוב, זיך איינגעקויפט נייע קליידער, געגעסן די טייערסטע מאכלים, זיך געוואָרפן מיט געלט אויף רעכטס און לינקס. פון וואַנען נעמט ער אויף דעם?

מיר האָבן געקענט סטעפאַנס פאַרדינסטן. קיינמאָל, אַפילו אין די גוטע, אין די בעסטע צייטן, האָט ער זיך אַזוי ברייט און רייך נישט געפירט. אָבער קיין ספּעציעלע באַווייזן קעגן אים זיינען נישט געווען. אונדז איז געווען שווער צוצולאָזן דעם געדאַנק, אַז אָט דער גוטמוטיקער און האַרציקער סטעפאַן זאָל דאָס זיין דער, וואָס ברענגט אויף אונדז די אומגליקן. סטעפאַן האָט געקענט אַ סך פון אונדזערע מענטשן. ביי אים פלעגן מיר זיך דאָך טרעפן און אָפט איבערנעכטיקן. ער האָט געקענט אונדזער טעטיקייט. ער האָט אויך געוואוסט וועגן אַ גאַנצער ריי וואוינונגען, וואו יידן באַהאַלטן זיך אויס. מיר האָבן אים פאַר־רעכנט פאַר אַן אייגענעם מענטשן. סטעפאַן האָט אונדז געקענט אַ סך שלעכטס טאָן. אָבער צי איז דאָס ער טאַקע דער פּראָוואָקאַטאָר?

פרוי אַננאַ וואַנכאַלסקאַ, פון קזשיזשאַנאָווסקע גאַס 44, האָט גע־

האַלטן ביי זיך אַ 13־יאָריק ייִדיש מיידל. דאָס מיידל האָט געהאַט אַ גלענצנדיקן אַרישן אויסזען. זי האָט זיך פריי און זיכער באַוועגט. קיי־נער האָט זי אין גאָרנישט חושד געווען. זאָשקע ריבאַק האָט מען זי גערופן. אין אַ געוויסן טאָג איז סטעפאַן אַרויפגעקומען צו פרוי אננאַ אין דער וואוינונג. ער איז געקומען דערליידיקן עפּעס אַן אומוויכטיקן ענין. זאָשקע איז געווען אין שטוב. גראָד דעם זעלביקן טאָג בין איך געווען ביי דער פרוי אַננאַ. זי האָט מיר דערציילט פון דעם צופעליקן וויזיט.

— וואָס האָט סטעפאַן דאָ געהאַט צו טאָן? —

צוליב פאָרזיכטיקייט וועגן און אינערלעכן פאַרדאַכט, האָב איך געבעטן דער פרוי אַננאַ אַוועקצושיקן זאָשקען אויף עטלעכע טעג פון שטוב און אויסצורוימען פון שטוב אַלע פאַרדעכטיקע זאַכן. מעגלעך, אַז עס איז גאָרנישט, אָבער בעסער איז צו זיין פאָרזיכטיק. זי האָט מיך געפאָלגט. אין צוויי טעג אַרום, ביינאַכט, זיינען צו איר אין דער וואוינונג געקומען געשטאַפּאָ־אַגענטן, מען האָט דאָרטן אַלץ איבערגעקערט, געזוכט אין אַלע ווינקעלעך, אָבער גאָרנישט געפונען.

צי איז דאָס געווען אַ צופעליקע רעוויזיע?

אַ צווייטער פאַל איז געווען ביי די דוביעלס. אין אַ זונטיק אין דער פרי, זיינען אין דער דוביעל־וואוינונג, וואו עס האָבן זיך אויסבאַ־האַלטן די צוויי מיידלעך בליט, אַרויפגעקומען צוויי געהיים־פּאָליציי־אַגענטן. צום גליק, זיינען די קינדער נישט געווען אין שטוב. זיי זיינען גראָד מיט דער אַלטער דוביעלאָווע אַוועק אין קלויסטער אַריין. די אַלטע קריסטין פלעגט זיי אָפט נעמען אויף אַזעלכע זונטיקדיקע שפּאַ־צירן. די אַגענטן האָבן געזוכט די צוויי יידישע מיידעלעך. דער אַלטער דוביעל האָט מיט זיין קלוגער און דרייסטער האַנדלונג געראַטעוועט די צוויי קינדער. ער האָט מיט אַ רואיקער שטים זיך גלייך מודה געווען, אַז אַזעלכע קינדער זיינען ביי אים געווען אויסבאַהאַלטן. אָבער לעצטנס האָט מען זיי פון אים צוגענומען. און זינט דעם זונס אַרעסט האָט ער אינגאַנצן איבערגעריסן מיט יידישע געשעפטן. צום סוף האָט דער אַלטער מיט קוראַזש פאַרבעטן די אַגענטן אויף בראָנפן אין אַ דער־בייאיקער שענק. די צוויי אַגענטן זיינען שוין געווען אין גאַנצן זיכער, אַז דער אַלטער זאָגט דעם אמת. זיי זיינען אַוועק נאָך איידער די אַלטע דובעליאָווע מיט די קינדער זיינען צוריקגעקומען פון קלויסטער. גלייך נאָך דער געשיכטע האָבן מיר די קינדער אויף אַ געוויסער צייט אַוועק־געפירט ערגעץ אַנדערש.

וועמענס אַרבעט איז דאָס געווען? אויך דעם אַדרעס האָט סטעפאַן געוואוסט.

מיר זיינען געווען צערודערט פון די כסדרדיקע דורכפאַלן. וואָס אַמאָל, איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן ביי אונדז די איבערצייגונג, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ פּראָוואָקאַטאָר; און וואָס אַמאָל, האָט אַלץ מער זיך געשטאַרקט דער פאַרדאַכט קעגן סטעפאַנען.

גאָר אַ שטאַרקער קלאַפּ איז געווען מיכאל קלעפּפּיש׳ס אַרעסט. מיכאל האָט געוואוינט אַליין אויף אַ פרישער דירה אויף פאַנסקע 48. ביינאַכט, אויף דער גאַס, נאָענט פון זיין וואוינונג האָט אים אָפּגעשטעלט אַן אַגענט און אָן שום טענות ומענות געהייסן מיט זיך מיטגיין. מען האָט מיכאלן אַרעסטירט. דורך אַן איבערגעקויפטן פּאָליציאַנט איז אונדז געלונגען צו דערגיין, וואו מיכאל זיצט. אונדז איז אַפילו געלונגען צו שטעלן זיך מיט אים אין אַ שריפטלעכער פאַרבינדונג. אָבער מיט קיין ממשותדיקעס האָבן מיר אים נישט געקענט העלפן. נאָך צוויי וואָכן צייט איז אויך דער קאָנטאַקט איבערגעריסן געוואָרן. פון מיכאלן האָט מען גאָרנישט געהערט.

די אומרואיקייט איז ביי אונדז כסדר געוואקסן. איך האָב געענדערט מיין נאָמען. איך האָב זיך באַזאָרגט מיט פרישע פאַלשע דאָקומענטן, אַלס מיכאלינא וואויטשוק, און געוואוינט אויף פּשעמיסלאָווע 5. די וואוי־נונג האָב איך, ליידער, נישט געקענט ענדערן ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדערע וואו זיך אַריינצוציען. אין אַ נאָסן און טונקעלן צימער האָב איך געוואוינט צוזאַמען מיט דער באַלעבאָסטע און אַן איינגעבויגענער אַלטיטשקע. אַ מאָדנע מיטוואוינערין איז געווען די אַלטע. זעלטן ווען זי פלעגט רעדן, זייער קאַרג זיך דערנערט. און נאָך זעלטענער פלעגט זי אַרויסגיין אויף דער גאַס. שטענדיק האָט זי געהיט די טיר, צי זי איז גוט פאַרשלאָסן. איינמאָל אין וואָך פלעגט קומען אירע אַ טאָכטער זי באַזוכן. איך האָב אָנגעהויבן פאַרדעכטיקן, אַז די צוויי פרויען זיינען יידישע. אויף אַלע מיינע פראַגן האָט די אַלטיטשקע נישט געענטפערט. זי האָט עקשנותדיק געשוויגן. לאַנג האָט די אַלטע מיט מיר נישט געוואוינט. זי האָט זיך אַרויסגעצויגן. ס׳וייזט אויס, אַז זי האָט מורא געקראָגן, אַז איך קען דערגיין, אַז זי איז אַ יידישע.

נאָך דער אַלטערס אַוועקגיין האָב איך ביי דער באַלעבאָסטע גע־פועלט, זי זאָל פאַרדינגען איר ווינקל צו מיינער אַ באַקאַנטער, זאָשקע קערש. זאָשקע איז מיט אַ צייט צוריק אַרויס פון געטאָ. זי האָט באַקו־מען אַרבעט ביי אַ שניידערין, אָבער צו שלאָפן האָט זי נישט געהאַט וואו. זי האָט זיך צו מיר אַריינגעצויגן. אַ פּאָר טעג שפּעטער איז אַרויס פון געטאָ קרישע זלאַטאָווסקאַ, אַ יונגע סטודענטין. מיר האָבן צוזאַמען געאַרבעט אין געטאָ אין „טעבענס״־שאָפּ. אויך זי האָט נישט געהאַט וואו צו זיין. די באַלעבאָסטע האָט מסכים געווען פאַר אַ פּאָר זלאָטעס זי זאָל מיט מיר צוזאַמען שלאָפן. גאָר די לעצטע טעג איז

אין אונדזער וואוינונג צוגעקומען אַ פרישער לאָקאַטאָר. — עס האָט זיך פלוצלונג צוריק באַוויזן — מיכאל קלעפפיש.

מיכאל איז פון זיין אַרעסט אָוועקגעפירט געוואָרן מיט נאָך אַנדערע געכאַפּטע יידן אין געטאָ אַריין. אויף דעם אומשלאַג־פּלאַץ האָט מען די גרופּע יידישע אַרעסטאַנטן גלייך אַריינגעשטופּט אין די פול געפּאַקטע וואַגאָנען. דער צוג איז געפאָרן אויפן באַקאַנטן טרעבלינקער וועג. מיכאל האָט נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. אַ לאַנגע צייט האָט ער געמייסטרעוועט ביים פאַרקראַטעוועטן וואַגאָן־פענצטערל, ביז עס איז אים ענדלעך געלונגען צו מאַכן אַ געהעריקע עפענונג. די יידן פון וואַגאָן האָבן אים שווייגנדיק צוגעהאָלפן. דורך דער עפענונג האָט ער זיך דורכגעשטופּט און געשפּרונגען פון לויפנדיקן צוג אין דער ווייטקייט. ער איז געפאַלן. גלייך האָט זיך דערהערט אַ סעריע שאָסן פון מאַשין־געווער. דאָס האָט נאָכגעשאָסן די אוקראַינישע וואַך, וואָס איז מיט־געפאָרן מיטן צוג. צום גליק האָבן די קוילן נישט געטראָפן. מיכאל האָט זיך אַ לאַנגע צייט נישט גערירט פון אָרט. ערשט ווען דער צוג איז שוין געווען ווייט פון אים, האָט ער זיך פאַרזיכטיק אויפגעהויבן, אָפּגעווישט דאָס פאַרבלוטיקטע פּנים, פאַרבונדן די צעקלאַפּטע פיס, און הינקענדיק צוריק זיך דערשלעפּט קיין וואַרשע. גראָד האָבן צעלעק און איך זיך געפונען אין קעלער אויף גורנאשלאַנסקע 3, ווי עס האָט זיך פלוצלונג געעפנט די טיר און עס האָט זיך באַוויזן מיכאל. מיר האָבן אים דערזען אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד: צעדראַפּעט, צעבלוטיקט, די קליידער צעריסן און די פיס געשוואָלן. צוויי טעג האָט ער זיך נישט געקענט רירן. אויפן דריטן טאָג איז מיכאל ווידער צוגעטראָטן צו אונדזער אונטערערדישער אַרבעט. זיין אַרעסט איז אויך נישט געווען קיין צופעליקער. עמעצער האָט אים אויסגעגעבן. ער האָט נישט געהאַט קיין וואוינונג. מיט שווערער מי איז מיר געלונגען ביי דער באַלעבאָסטע זיך איינצובעטן, זי זאָל אים כאָטש אויף עטלעכע טעג דערלויבן צו נעכטיקן אויף דער פּאָדלאָגע. די באַלעבאָסטע האָט גע־וואוסט, אַז מיר זיינען אַלע יידן, און זי אַליין מיט אירע זין האָבן זיך צוזאַמען מיט אונדז געשטיקט אין דער גרויסער ענגשאַפט פונעם קליינעם צימערל.

אין דער אָנגעשטרענגטער אַטמאָספערע פון דורכפאַלן זעצן מיר ווייטער פאָר אונדזער אַרבעט: מיר קויפן ברען־מאַטעריאַל און שמוגלען עס דורכן געטאָ־מויער, רייסן אַרויס פרויען און קינדער פון געטאָ און באַמיען זיך זיי איינצואָרדענען אויף דער אַרישער זייט. אונדזער וואוינונג איז שטענדיק פול מיט אומלעגאַלע בלעטלעך, נאָטיצן, און פאַלשע, ערשט־געמאַכטע דאָקומענטן. מערסטנס האַלטן מיר עס אין בעט, די באַלעבאָסטע זאָל נישט זען. מיר לעבן איצט אין אַ כסדרדיקער דער־

וואַרטונג פון שלעכטס. די אומאויפהערלעכע דורכפאַלן שטערן אונדזער אַרבעט. דער פּראָוואָקאַטאָר הערט נישט אויף אויסצוגעבן. אין דער שטיל ענדערן מיר די אַדרעסן, וואוינונג־דאָקומענטן. מיר מיידן אויס סטעפּאַנען. ביינאַכט, ווען מיר קומען זיך צונויף, שפּיגלט זיך די אומרואיקייט אָפּ אויף אַלעמענס פּנימער. צי איז עפּעס ווידער נישט פאַרגעקומען?

אין אַ געוויסן קאַלטן ווינטער־פרימאָרגן וועקט מיך אויף אַ שטאַרק קלאַפּן אין טיר. איך כאַפּ אַ קוק אויפן זייגער, ס'איז זיבן פאַרטאָג. אַלע שלאָפן נאָך, בלויז זאָשקע איז שוין אַוועק צו דער אַרבעט.

ווער קען דאָס זיין אַזוי פרי?

דאָס קלאַפּן חזרט זיך איבער. אָט עפנט שוין מיין באַלעבאָסטע די טיר. איך הער ווי אַ הייזעריקע שטים פרעגט: צי וואוינט דאָ וולאַדקאַ קאָוואַלסקאַ? אַ שוידער גייט מיר אַדורך. דאָס פרעגט מען זיך אויף מיר. מען האָט מיך אַרויסגעגעבן — לויפט מיר דורך אַ געדאַנק. און דאָ האָט מען נאָך געטראָפן קרישען און מיכאַלן!

איך הער ווי די באַלעבאָסטע ענטפערט:

— ניין, דאָ וואוינט נישט אַזאַ, דאָ וואוינט אַן אַנדערע. דאָרטן שלאָפט זי.

טריט דערנענטערן זיך צו מיין בעטל. עמעצער רייסט פון מיר די קאָלדרע.

— ווי אַזוי הייסטו?

איך עפן פאַרשלאָפן די אויגן. איבער מיר שטייען אַריבערגע־בויגן צוויי מענער. איינער מיט אַ קאַפּעליוש און שוואַרצע וואָנסעלעך, דער צווייטער אַ קיילעכדיקער אין אַ ספּאָרט־היטל. איך זעץ זיך אויף, כלומרשט פאַרוואונדערט און רייב נאָך אַלץ די אויגן. איך ווייס שוין גענוי וועמען מיר האָבן אין שטוב. די צוויי רעוואָלווערן אין די הענט, די הויכע גלאַנציקע שטיוול, און די גאַנצע האַלטונג ווייזט, אַז דאָס זיינען פּאָליצייי־אַגענטן.

— איך הייס מיכאַלינאַ וואָויטשוק, ענטפער איך.

— דו האָסט נישט קיין טשייניק. מיר ווייסן אויף זיכער, אַז דאָ וואוינט וולאַדקע קאָוואַלסקאַ.

אין קאָפּ האַקט ווי מיט האַמערס. זיי האָבן מיך נאָך אויף זיכער נישט דערקענט. אפשר געדענקען זיי נישט גענוי, ווי אַזוי איך דאַרף אויסזען. איך וועל זיך נישט מודה זיין — באַשליס איך.

— יאָ, זי וואוינט דאָ, אָבער זי איז אַוועק צו דער אַרבעט מיט אַ האַלבער שעה פריער — ענטפער איך זיכער.

דאָס האַרץ ציטערט, צי וועט די באַלעבאָסטע מיך נישט פאַר־שיטן? זי ווייס בלויז, אַז מען רופט מיך וולאַדקע, אָבער וועגן קאָוואַל־

סקא האָט זי נישט געהערט. דער אַגענט פרעגט זי איבער. איך כאַפּ אַ קוק אויף מיינע מיטוואוינער. מיכאל טוט זיך שוויגנדיק אָן. קרישע קוקט אויף דער באַלעבאָסטע. אויך זי וואַרט אויף איר ענטפער.

— מיט צוואַנציק מינוט פריער איז איינע אַוועק צו דער אַרבעט, — הערט זיך דער באַלעבאָסטעס ציטערדיקע שטים. איך אָטעם אַ ביסל פרייער אָפּ.

— שנעלער זיך אָנטאָן. מיר קענען אייער אַרבעט. שנעלער, שנעלער! מיר ווייסן גענוי, אַז איר זיינט אַלע יידן! — יאָגט אונדז אונטער דער גראָבער אַגענט.

מיר טוען זיך שוויגנדיק אָן. פאַרזיכטיק, די אַגענטן זאָלן נישט זען, שלעפּ איך פון מיינע קעשענעס אַרויס אַלע פּאַפּירלעך און פאַרשטעק זיי אונטערן קישן. אונטערן קישן ליגן שוין פון פריער פּוילישע אומלעגאַלע בלעטלעך, אַ פאַלשער אויסלענדישער פּאַס פון אונטערערדישן טוער (מיטגליד פון צ. ק. פון „בונד") בערנאַרד גאָלדשטיין, און נאָך אַנדערע פאַלשע דאָקומענטן. עס זאָל די אַגענטן נאָר נישט איינפאַלן דורכצופירן אַ רעוויזיע! דאַן וועלן מיר אַלע דריי שוין נישט אומקומען מיט אַ לייכטן טויט. אומלעגאַלע טוער טויט מען נישט מיט איין מאָל. מען פּייניקט זיי פריער מיט די שרעקלעכע נאַצי מעטאָדן, זיי זאָלן אויסגעבן זייערע חברים. אין קאָפּ פלאָנטערן זיך מיר פאַרשידענע געדאַנקען: ווי אַזוי קענען מיר זיך פון זיי ראַטעווען? אפשר אונטערהאַנדלען, איבערקויפן פאַר געלט? מען דאַרף פּרוּוון. נישטאָ וואָס צו פאַרלירן. אָבער אָט הער איך ווי מיכאל רעדט מיט זיי. ער פּרוּווט די אַגענטן איבערצייגן די צוועקלאָזיקייט פון אונדזער אַרעסט. וואָס וועלן זיי דערפון האָבן? וולאַדקען האָבן זיי דאָך סיי ווי סיי נישט געטראָפן. און אַזוי וועט זיי כאַטש בלייבן געלט.

אַרויסגעוואָרפענע רייד. עס הערט זיך די שוין באַקאַנטע הייזעריקע שטים:

— איר ווילט מען זאָל אייך אָפּלאָזן פאַר געלט — זייער גוט. זאָגט אונדז בלויז וואו עס אַרבעט וולאַדקע קאָוואַלסקאַ.

קיינער ענטפערט נישט.

— זאָג, וואו אַרבעט דיין מיטשלאָפערין? — פרעגט מיך איינער.

— איך ווייס נישט, ענטפער איך.

— איר ווילט נישט ריידן, איז היידא מיט אונדז, מען וועט אייך שוין אויסלערנען צו עפענען די מיילער.

מיר שטייען שוין אַלע דריי אין די מאַנטלען. האַרט ביי דער טיר רופט זיך אָפּ דער גראָבער אַגענט:

— וויפל געלט האָט איר ביי זיך?

נאָך איידער מיר פּרואוון ענטפערן זוכן זיי שוין אין די טאַשן. זיי זאָלן נאָר נישט אויפהייבן די קישנס. די באַלעבאָסטע שטייט ביי דער קיך און קוקט אויף אונדז מיט באַדויערנדיקע אויגן. זי רעדט נישט קיין וואָרט. נייגעריק ציילן די אַגענטן דאָס ערשט־צונויפגענומענע געלט.

— נו, איצט קענען צוויי בלייבן. איינע גייט מיט אונדז אַלס משכון ביז די וואָלאַדקע וועט זיך אַליין צושטעלן.

מיר קוקן זיך אָ ווײַלע שווייגנדיק איבער. איך באַשליס שנעל:

— גוט, איך גיי מיט אייך — ענטפער איך שטיל.

מיכאל און קרישע ווילן עפּעס זאָגן. איך עפן שנעל די טיר. אַבי נאָר וואָס שנעלער אַרויס פון שטוב. די אַגענטן זאָלן נאָר נישט חרטה קריגן אויף זייער אייגענעם פאָרשלאַג. אַזוי איז בלויז איינע אין זייערע הענט און נישט קיין דריי. איך שפּרייז איבער טשערניאַ־קאָווסקע גאַס, די אַגענטן היטן מיך פון ביידע זייטן. די פריערדיקע נערוועזיטעט האָט נאָכגעלאָזן. איך בין איצט מאָדנע גלייכגילטיק. די זון שיינט העל. עס איז קיל. קיינער קוקט זיך אויף אונדז נישט אום.

— הער נאָר, דו, — ווענדעט זיך צו מיר דער מיטן ספּאָרט־היטל — זאָג אויס וואו די וואָלאַדקע אַרבעט, וועלן מיר דיך אָפּלאָזן.

— איך ווייס נישט — ענטפער איך גלייכגילטיק.

— און וואָס טוט זי נאָך דער אַרבעט? — פאָרשט מען מיך ווייטער.

— זי זאָגט מיר נישט וואָס זי טוט.

איך וועל זיך פאַר זיי נישט מודה זיין. צו וואָס? אַז סיי ווי בין איך אין זייערע הענט. מיר גייען ווייטער שווייגנדיק.

— ווען מען וועט דיך אויסהערן, דערצייל נישט, אַז מען האָט ביי דיר צוגענומען געלט. הערסט? — ווענדט זיך צו מיר מיט אַ דראָענדי־קער שטים דער מיט די וואָנסעלעך.

איך קוק אים אָן און פרעג כלומרשט פאַרוואונדערט:

— פאַרוואָס נישט זאָגן? איר האָט דאָך זיכער נישט וואָס מורא צו האָבן.

זיי ענטפערן מיר נישט. ביים ראָג פאַבריטשנע שטעלן זיך די אַגענטן אָפּ און הייבן זיך אָן עפּעס צו שושקען. מיט אַמאָל — איך גלייב מיינע אייגענע אויערן נישט.

— קענסט אַהיים גיין. מיר דאַרפן דיך נישט. מיר זוכן בלויז יענע.

איך קוק זיי אָן דערשטוינט. איז עס אמת? בין איך טאַקע פריי?

— יאָ!

די אַגענטן לאָזן מיך גיין און דערווייטערן זיך פון מיר. איך קוק זיך אַרום. פון דערווייטנס זע איך די באַקאַנטע סילועטן פון קרישען מיט מיכאלן. זיי זיינען מיר נאָכגעגאַנגען צו זען, וואו מען פירט מיך.

מיר צעקושן זיך פריידיק. אַזוי גאַנץ אַרויסצוגיין פון אַזאַ געפאַר — דאָס איז געווען נישט צו דערוואַרטן.

מיר האָבן נאָך דעם זעלביקן טאָג געמוזט פאַרלאָזן אונדזער וואוינונג. ס'איז נישט געווען וואו צו גיין. דער אַלטער דוביעל האָט אונדז דערלויבט אויף עטלעכע נעכט איבערצושלאָפן אין דער קאַלך־פאַבריק.

אונדזער דורכפאַל איז אויף זיכער געווען סטעפאַן מאַכאַי'ס אַרבעט. נאָר ער איינער האָט געוואוסט דעם אַדרעס פון אונדזער וואוינונג. עס האָט זיך באַשטעטיקט דער חשד, אַז ער איז דאָס דער פּראָוואָקאַטאָר, וואָס ברענגט אויף אונדז כסדר אומגליקן. די אַלע פריער־דערמאָנטע דורכפאַלן זיינען אויך געווען זיין אַרבעט. מיר האָבן אים אַריינגעשיקט דראָאונגס־בריוו. אַז אויב ער וועט נישט אויפהערן אויסצוגעבן, באַקומט ער פון אונדז זיין פאַרדינטע שטראָף. צעלעק האָט זיך אפילו צוזאַמענגערעדט מיט אַ פּאָר טוער פון פּוילישן אונטערערד, מען זאָל סטעפאַנען אַפּרוימען.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר זיך אָבער דערוואוסט, אַז סטעפאַן מאַכאַי, דער פּראָוואָקאַטאָר, איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן. זיי האָבן אים שוין ניט געדאַרפט, זעט אויס, האָבן זיי אים אויף אייביק באַזייטיקט...

### קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

# די לעצטע צוגרייטונגען

אָנהייב פרילינג 1943 גייט אַדורך אונטערן צייכן פון די לעצטע צוגרייטונגען צום געטאָ־ווידערשטאַנד. מיר לעבן איצט אין כסדרדיקער אָנשטרענגונג און אין פיבערדיקער אַרבעט. דער שמוגל דורכן געטאָ־מויער גייט אָן. מ׳ליפערט גרויסע סכומים ברען־מאַטעריאַלן פאַר דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אָן אויפהער גייען אונדזערע שלוחים אַריין און אַרויס פון געטאָ. מיכאל קלעפּפיש רוט נישט. ער איז דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון די געהיימע געווער־פאַבריקן. ער שמוגלט אָפט דעם מויער, כדי צו זען, ווי די אַרבעט ווערט געפירט. אויף דער אַרישער זייט קומען פאָר ספּעציעלע זיצונגען, וואו עס קומען פאָרשטייער פון געטאָ. אין די שמועסן, וואָס מיר קומט אויס צו הערן ביים ח׳ מושקאַט אין דער וואוינונג אויף זשאָליבאָזש — דאָרטן טרעף איך זיך איצט מיטן ח׳ מיקאַליי — ווערט אָפט גערעדט וועגן פוילישן אונטערערד. ח׳ מיקאַליי שטייט מיט זיי אין ענגן קאָנטאַקט. דער געטאָ פאָדערט טראַנספּאָרטן געווער. עס איז אַ צו שוואַכע באַוואָפענונג. מען דאַרף האָבן הילף — אין דער פאָרם פון רעוואָלווערן, גראַנאַטן, ביקסן. די פוילישע אומלעגאַלע באַוועגונג קען אונדז דאָס געבן. אָבער זיי איילן זיך נישט. זיי זאָגן צו און שלעפּן כסדר אָפּ. זיי האָבן מורא — לאָזט וויסן ח׳ מיקאָליי — אַז דער אויפשטאַנד אין געטאָ וועט זיך אַריבערכאַפּן אויף דער צווייטער זייט מויער און וועט פריצייטיק זיך צעפלאַקערן צווישן די פאָליאַקן. דורך דער פאַרמיטלונג פון פוילישן אונטערערד ווערן געשיקט טעלעגראַמעס וועגן הילף קיין לאָנדאָן. דאָרטן געפינט זיך אינעם פוילישן עמיגראַציע־פאַרלאַמענט אַרטור זיגעלבוים, זאָל ער דאָרטן אינטערווענירן, זאָל פון דאָרטן קומען אַ דרוק. מיר פילן אַלע, אַז עס דערנענטערט זיך דער ענדגילטיקער מאָמענט. מען דאַרף זיך איילן, אײַלן, ווייל עס קען ווערן שפּעט.

מיר האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון מיין באַזוך אין די לעצטע טעג פאַרן אויפשטאַנד. געווען איז עס פאַרטאָג. איך בין אַוועק, ווי געוויינלעך, איבערגעטאָן אַלס הענדלערין, אויף פּלאַץ פּאַריסאָווסקי כדי

איבערצושמוגלען עטלעכע שאַכטלעך דינאַמיט. מיין פעקל איז פאַר־פּאַקט מיט דורכגעפעצט פּאַפּיר, עס זאָל מאַכן אַן איינדרוק, אַז דאָרט געפינט זיך פּוטער. איך מוז צוואַרטן אייניקע מינוט. ביים טויער איז איצט אומרואיק. אָבער אָט שטעלט מען שוין צו דאָס לייטערל צום מויער. איך קלעטער מיט מיין פעקל אויף די טרעפּלעך. ווען איך בין שוין אויפן מויער, קוק איך זיך אַרום, צי עס וואַרטן נישט אויף מיר מיינע געטאָ־אַפּנעמערס: יורעק בלאַנעס און יאַנעק בילאַק. זייער אָפּוועזנהייט איז אַ סימן, אַז אין געטאָ איז אומרואיק. איך זע קיינעם נישט. ווי עס זעט אויס, וועל איך זיך מוזן צוריקציען, פּלוצלונג דער־הערן זיך שאָסן. גלייך כאַפּט מען צו דאָס לייטערל. אַלע אַנטלויפן. איך בלייב זיצן אויפן מויער. מיט איין האַנט האַלט איך זיך אָן אין די ציגל, מיט דער צווייטער האַנט — מיין פעקל. אַראָפּשפּרינגען איז אַ געפאַר. איך קען פאַלן און מיין פעקל „פּוטער" קען אויפרייסן. אַרונטער־לאָזן זיך פאַמעלעך, איז נישטאָ ווער עס זאָל מיך אונטערהאַלטן. די שאָסן ווערן וואָס אַמאָל נעענטער. אַרום זעט מען נישט קיין מענטשן. אַלע שמוגלער פון ביידע זייטן מויער זיינען נעלם געוואָרן. מיין פּאָזיציע איז אַ גאַנץ ביטערע, מען קען מיך לייכט זען פון דערווייטנס און איך קען זיין אַ גוט ציל־ברעטל. לאַנג טראַכטן איז נישטאָ וואָס, איך מאַך דעם פּרואוו אַראָפּצושפּרינגען און זאָל זיין וואָס עס וויל. אָבער אָט הער איך פון אונטן די באַקאַנטע שטים פון יורעק:

— וולאַדקע, שנעלער!

— דאָך מיך נישט פאַרלאָזן... גלייך בין איך אויף זיינע פּליי־צעס. ווען כ'בין שוין אויף דער ערד פון געטאָ, דערזע איך פון ווייטן, ווי עס לויפן אין אונדזער ריכטונג דייטשישע זשאַנדאַרמען. יורעק האָט זיי אויך באַמערקט. ער הייבט אָן לויפן, איך נאָך אים. מיר לויפן אַריין אין אַ „ווילד", פאַרלאָזן הויז, וואָס געפינט זיך קעגנאיבער דעם מויער. מיר לויפן שנעל אויף די טרעפּ. פון אונטן הערן מיר געשרייען און שאָסן. מען יאָגט אונדז נאָך. מיר זיינען שוין אויפן בוידעם. אין אַ ווינקל ליגן צעריסן עטלעכע ציכן, דערנעבן אַ באַרג פעדערן. מיר קריכן שנעל דאָרטן אַריין און פאַרשיטן זיך מיט די פעדערן איבער די קעפּ. די טריט ווערן וואָס אַמאָל נעענטער. מען הערט רייד. מען זוכט אונדז. דאָס האַרץ קלאַפּט, צי וועלן זיי צוגיין צו אונדזער בערגל, צי נישט? די דייטשן גייען דורך דעם בוידעם, אָבער אונדזער ווינקל האָבן זיי אויסגעמיטן. אַ לאַנגע צייט זיינען מיר אַזוי געזעסן איינגעקאָרטשעט. עס איז שטיל. מיר באַשליסן, ענדלעך, אַרויסצוגיין פון אונדזער באַהעלטעניש. אויף דער גאַס איז איצט רואיק. פאַרזיכטיק שאַרן מיר זיך לענגאויס די ווענט פון די ליידיקע הייזער. ווייניק מענטשן גייען. אָפט מוזן מיר זיך אויסבאַהאַלטן, כדי נישט אַריינצו־

פאַלן אין די הענט פון די דייטשישע פּאַטרולן. זינט דעםווידערשטאַנד פון די יידן פון 18־טן יאַנואַר, דרייען זיך אין געטאָ אַרום פאַרשטאַרקטע דייטשישע פאַטרולן. יעדער אַנגעטראָפענער ייד ווערט רעווידירט. אויב ער האָט ביי זיך עפּעס אַ פּעקל, ווערט עס קאָנטראָלירט און צוגענומען. מען מוז זיך איצט שטאַרק אויסהיטן. בעסער וואָס ווייניקער גיין דורך די גאַסן. מיר קריכן דורך פאַרשיידענע הייזער, לעכער, בוידעמער און שטובן. ענדלעך קומען מיר אָן אויף דעם געביט פון דעם בערשטער־שאָפּ. דאָ איז איצט אַ שטאַרקע באַוועגונג. יידן לויפן, איילן זיך, מען שלעפּט פּעקלעך, טאָרבעס. אַלע זיינען אויפגערודערט, פאַרשוויצט. עפּעס אַן אומרואיקייט הערשט דאָ.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — פרעג איך יורעקן, מיין באַגלייטער.

— עס איז די טעג באַוואוסט געוואָרן, אַז דער בערשטער־שאָפּ ווערט אַרויסגעפירט פון געטאָ. — קומט זיין ענטפער.

— וואוהין? —

— אין די פלאַקאַטן, וואָס די דייטשישע אינדוסטריעלער האָבן אַרויסגעלאָזט, רעדט זיך וועגן ניי־געשאַפענע אַרבעטס־לאַגערן אין פּאָניאַטאָוו און טראַווניק, — ביידע געפינען זיך הינטער לובלין. אַפילו קינדער קען מען מיטנעמען.

— און מענטשן גלייבן אין דעם? — פרעג איך ווייטער. יורעק באַוויזט נישט צו ענטפערן. עס שטעלט אונדז פלוצלונג אָפּ אַן עלטערע פרוי. איך דערקען זי. דאָס איז אַן אַלטע פריינדין פון אונדזער שטוב. מיר האָבן צוזאַמען געוואוינט אויף פראַגע, — זלאַטע ליכטענשטיין.

איך האָב געהערט, אַז דו ביזט אויף דער פוילישער זייט, — באַגריסט זי מיך פריידיק.

איך באַשטעטיק מיט אַ שאָקל פון קאָפּ. פון וואַנען ווייסט זי דאָס? די פרוי רעדט ווייטער:

— ווייסט מן־הסתם, אַז מיין טאָכטער רוזשקע האָט פאַר דער „אויסזידלונג” געבוירן אַ קינד. דעם מאַן אירן און אונדזער גאַנצע משפחה האָט מען צוגענומען. מיר זיינען ביידע געבליבן מיטן עופעלע. יעדן טאָג נעם איך מיט דאָס קינד צו דער אַרבעט אין אַ האַנט־קיישל פאַרדעקט מיט אַ צייטונג. דער דייטש זאָל עס נאָר נישט באַמערקן. עס האָט אונדז ביז איצט אָפּגעגליקט, אָבער איצט ליקווידירט מען דעם שאָפּ און...

— און איר האָט נישט קיין אָרט וואו זיך אויסצובאַהאַלטן? — שלאָג איך איר איבער די רייד. שטייען אַזוי מיטן פּעקל און אויסהערן אירע רייד איז איצט גאָר נישט זיכער...

— אָט טאַקע אין דעם גייט עס. דעם דייטש גלייבן מיר שוין נישט. פון דעם לאַגער פּאָניאַטאָוו ווילן מיר נישט הערן. מיר האָבן אַ בונקער

צוזאַמען מיט עטלעכע יידן, וויל מען אונדז אָבער מיטן קינד נישט אַריינגעמען. מען האָט מורא, אַז דער קליינער וועט וויינען און פאַרראַטן די באַהעלטעניש.

זי בלייבט אַ ווייל שטיל, אָטעמט שווער אָפּ. איר פּנים איז צעקנייטשט און פול מיט זאָרג.

— איך בעט דיך בלויז, נעם צו דאָס בריוועלע און גיב עס איבער אַ באַקאַנטער קריסטין אין פּראַגע. אפשר וועט זי אונדז עפּעס העלפן.

איך געזעגן זיך מיט איר און זאָג איר צו וואָס שנעלער דעם ענין צו דערליידיקן.

— דער גאַנצער געטאָ באַזאָרגט איצט זיך מיט בונקערס. — קלערט ווייטער אויף יורעק. — מען בויט בייטאָג און ביינאַכט. געהיים גראָבט מען אין די קעלערן, מען בויט אויף די בוידעמער און אין די שטובן. מען וויל זיך אויסבאַהאַלטן. ווען די דייטשן וועלן קומען נעמען, וועלן זיי קיינעם נישט געפינען.

מיר איילן ווייטער. גרופּקעלעך יידן שטייען ביי די ווענט און לייענען עפּעס. מיר שטעלן זיך אַ ווײַלע אָפּ. איך קוק אויף דעם קליינעם שטיקל פּאַפּיר און גלייב נישט מיינע אויגן. דאָס איז דאָך אַן עפנטלעכער אויפרוף פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע! איך ווייז עס יורעקן. ער לייענט און שמייכלט צופרידן. די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע רופט נישט צו פאָלגן די פאַראָרדענונגען פון די דייטשישע אינדוסטריע־לער, נישט שטעלן זיך צו די טראַנספּאָרט־פּונקטן. די נייע לאַגערן פּאָניאַטאָוו און טראַווניקי זיינען נייע טויט־לאַגערן. קיינער טאָר זיך נישט לאָזן אַרויספירן, נאָר אַקטיוו אַנטקעגנשטעלן זיך. איך כאַפּ אַ בליק אויף מיינע מיטלייענערס. זייערע אויגן שלינגען גיריק די ווערטער. יעדע ווײַלע קוקט מען זיך אום, צי עס דראָט נישט קיין געפאַר. איבערגעלייענט, שושקעט מען זיך אין דער שטיל און מען שאָקלט באַדייטונגספול מיטן קאָפּ. מיר גייען ווייטער.

— דעם אויפרוף האָט מען היינט פרי אויפגעקלעפּט, — ער איז נישט דער ערשטער — דערקלערט יורעק מיט צופרידנהייט.

— ווייסן דאָך איצט שוין אַלע וועגן די צוגרייטונגען צום אויפ־שטאַנד, — באַמערק איך שטיל.

— ס'איז מער נישט נויטיק צו באַהאַלטן אונדזער טעטיקייט. סיי ווי ווייסן אַלע יידן וועגן אונדזער אַרבעט.

— און די דייטשן ? —

— די דייטשן ווייסן אויך וואָס עס גרייט זיך. דערפאַר זאָגן זיי צו אַזעלכע גוטע באַדינגונגען אין די לאַגערן.

די דייטשישע אינדוסטריעלער טעבענס און שולץ רופן נישט צו פאָלגן די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, נישט אַנטקעגנצושטעלן זיך די פאַראָר־

דענונגען נאָר לאָזן זיך אַרויספירן, אַנדערש וועט זיין שלעכט... עס גייט דערוייל אַ קעגנזייטיקער פּאַפּירענער קאַמף. אַ געפּעכט מיט ווערטער.

ווידער פאַרהאַלט אונדז עמיצער. געניע בריליאַנטשטיין, אַ שפּיטאָל־פלעגערין. איך קען זי נאָך פון פאַרן קריג.

— וואו איילט איר אַזוי? — פרעגט זי אונדז. זי וואַרט נישט אויף קיין ענטפער, נאָר רעדט ווייטער: — איך לויף זיך דערוויסן וועגן אַ בונקער. אפשר קענט איר מיר עפּעס זאָגן וועגן דעם? כ'ווייס אַליין נישט וואָס צו טאָן: באַהאַלטן זיך אָדער אַריינטרעטן אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע?

זי איז שטאַרק צעטראָגן. נאָך איידער מיר באַווייזן איר עפּעס צו זאָגן, געזעגנט זי זיך מיט אונדז און פאַרשווינדט.

— וויסטו, — רופט זיך אָפּ יורעק — איר ברודער סטאשיא האָט זיך לעצטנס צו אונדז געווענדעט, מיר זאָלן אים אָננעמען אין אונדזער קאַמפּס־גרופּע. ער וויל צוזאַמען מיט אונדז זיך אַקטיוו באַטייליקן אין ווידערשטאַנד.

סטאַשיאָן געדענק איך גוט. צוזאַמען זיינען מיר געווען אויף די זומער־לאַגערן, צוזאַמען געאַרבעט אין דער סאָציאַליסטישער קינדער־באַוועגונג. אין געטאָ איז ער געווען ווייט פון אונדז. איצט, אין שווערסטן מאָמענט, וויל ער צוריק זיין מיט זיינע אַלטע חברים.

מיר זיינען שוין אין הויז, וואו עס וואוינט די קאַמפּס־גרופּע. און אַ פרישע באַגעגעניש, עס לויפט צו אונדז צו איטע וויינטרויב, מיינע אַ פאַבריק חברטע, — מיר האָבן צוזאַמען געאַרבעט אין טעבענס שאָפּ. זי ווייס, אַז כ'האָב אַ שייכות צו דער אונטערערדישער אַרבעט. זי רופט מיך אָוועק פון יורעקן און פרעגט גאָר שטיל:

— דו האָסט געלייענט? — איך שטויס זיך גלייך אָן, אַז דאָס מיינט זי דעם אויפרוף פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

— יאָ, איך האָב געלייענט.

כ'וויל זיך מיט איר שנעל געזעגענען. צופיל באַגעגענישן האָבן מיר היינט.

— וואַרט אַ ווײַלע, — פאַרהאַלט זי מיך, און שעפּטשעט מיר אויפן אויער, — אפשר וויסטו וואו מ'קען קריגן אַ רעוואָלווער?

איך קוק זי אָן פאַרוואונדערט.

— וואָס שטעלסטו מיר עפּעס אַזעלכע פראַגן? — חידוש איך זיך שוין הויך אויפן קול.

— מיין מאַן זוכט שוין עטלעכע וואָכן אַ רעוואָלווער. מיר האָבן אַן אָרט וואו זיך אויסצובאַהאַלטן, וויל מען אָבער, אַז מיר זאָלן האָבן מיט זיך געווער, — דערקלערט אין איין אָטעם איטע.

איך וואונדער זיך שוין נישט אויף דער מאָדנער פראַגע. הייסט

עס, אַז נישט בלויז די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע זוכט געווער, נאָר פּשוטע יידן, וואָס ווילן זיך אויסבאַהאַלטן, באַוואָרגן זיך אויך מיט רעוואָלווערן.

— און אויב דו ווייסט נישט פון קיין רעוואָלווער, איז אפשר קענסטו מיר זאָגן ווי צו קריגן פּראָדוקטן?

— ניין, ליידער ווייס איך נישט. —

אַט אַזעלכע שטימונגען זיינען דעמאָלט געוועזן ביי די יידן אין געטאָ. נישט לאָזן זיך אַרויספירן. באַהאַלטן זיך און פאַרטיידיקן זיך. מען האָט שוין נישט געגלייבט אין די דייטשישע צוזאָגן. אַזוי פיל מאָל האָבן דאָך די דייטשן גענאַרט! דער געטאָ האָט זיך געפילט ווי אַ מיט־שותף צו דעם רוף פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. מען וועט בלייבן אויף אָן אָרט. אמת נישט אַלע טראַכטן אַזוי, אַ טייל ווילן זיך נאַרן, ווייל נאָך גלייבן אין די דייטשישע צוזאָגן אָבער די מערהייט וועט נישט פאָרן. מען וועט זיך פאַרשטעקן און איבערהאַלטן דעם דייטשישן אָנגריף אין באַהעלטעניש און שפּעטער וועט מען זען, וואָס עס וועט זיין. נעפּלהאָפט קוקט אויס די צוקונפט. מען גיט זיך אין דער שטיל אָפּ אַ דין־וחשבון, וואָס דאָס הייסט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם דייטש, נישט פאָלגן זיינע פאַראָרדענונגען. אָבער מען טרייסט זיך, וואָס דער געטאָ האַלט זיך איצט צוזאַמען. די שטילע צושטימונג פון דער געטאָ־באַ־פעלקערונג צו דעם רוף פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, גיט צו מוט. די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — „ז"ש. אָ. ב." איז איצט דער וואָרט־זאָגער אין געטאָ, דער, צו וועמען עס זיינען איצט געווענדעט די אויגן פון דעם גרעסטן טייל געטאָ־יידן.

מיר קומען אַריין אין דער וואוינונג פון דער קאַמפּס־גרופּע, אויף שוויענטאָיערסקע 32. דאָס צימערל, וואו די חברה וואוינט, האָט זיך עפּעס געענדערט. עס שטייען שוין דאָרטן מער בעטלעך, עס דרייען זיך דאָ נייע מענטשן. די טיר רוט נישט קיין איין מינוט. כסדר רופּט מען עמיצן אַרויס אין קאָרידאָר און מען רעדט אין דער שטיל. עס גייען און קומען קוריערן פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. מערסטנס זיינען דאָס יונגע — זיבעצן, אַכצן־יאָריקע מיידלעך פון „השומר־הצעיר" „דרור" און פון „בונד". נישט אַלע זיינען מיר באַקאַנט. זיי זיינען דאָס די פאַרבינדלער פון פאַרשיידענע קאַמפּס־גרופּן אין געטאָ. זיי פירן איבער אין די טאַשן און קיישלעך רעוואָלווערן, גראַנאַטן און פאַרשיידענע אינסטרוקציעס.

אויף די בעטן זיצן מיינע חברים און רייניקן רעוואָלווערן. עס קומט אַריין מרים שיפמאַן, מיינע אַ שול־חברטע. זי איז אַ טיכטיקע איבערגעגעבענע אונטערערדישע טוערין, אַ מיטגליד פון אומלעגאַלן „צוקונפט"־קאָמיטעט. זי איז איצט טעטיק אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַ־ציע. דעם 18־טן יאַנואַר איז אין ווידערשטאַנד־קאַמף אומגעקומען איר

מאַן — אברהם פיינער. מרים אַרבעט אין דעם שאָפּ ביי רעריכן, אויף נאַוואָליפּיע 72. זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ קליין פּעקעלע. זי פּאַקט עס פאַנאַנדער און ווייזט מיט אַ שמייכל אַ דייטשישן מונדיר און עטלעכע דייטשישע היטלען.

— פון וואַנען האָסטו דאָס גענומען?

מרים דערציילט: ביי רעריכן אין דער פאַבריק אַרבעט מען אויס דייטשישע מונדירן. דאָרטן איז טעטיק אַ קאַמפּס־גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון וועלוול ראַזאָווסקי. היטנדיק זיך פאַר די פאַבריק־אַרבעטער, גנבעט מען אין דער שטיל צו דייטשישע מונדירן פאַר דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. כאָטש די דייטשישע וועכטער רעווידירן יעדן אַרבעטער ביים אַהיימגיין, געלינגט איר דאָך פון צייט צו צייט אַרויסצוטראָגן איינ־קע מונדירן. איצט האָט זי נאָך שווערער מי געבראַכט אַזאַ פּעקל פאַר אירע חברים אין דעם בערשטעטער־שאָפּ.

— עס קען אין קאַמף צוניץ קומען. — ענדיקט זי רואיק איר דערציילן. די חברה מעסטן אָן מיט חוזק־ווערטלעך דעם דייטשישן מונדיר. עס פעלט נישט דערביי קיין הומאָר.

איצט ווייזן זיי מיר די פריש־איינגעאָרדנטע געווער־פאַבריק. דאָס איז דער צווייטער צימער פון דער וואוינונג. איך עפן די טיר, עס גיט מיר אַ שלאָג אין פּנים אַ שאַרפע שטיקנדיקע לופט. עס איז דאָרטן טונקל, די פענצטער זיינען פאַרהאַנגען. ווען די אויגן געוואוינען זיך צו צו דער טונקלקייט, זע איך אַ לאַנגן טיש און עטלעכע שטולן, וואָס זיינען באַשמירט מיט פאַרשיידענע כעמישע מאַטעריאַלן.

ביי אַ גרויס פעסל שטייט אַריבערגעבויגן דער 19־יעריקער בחור יונגהויזער און מישט. ער איז אַזוי פאַרטאָן אין דעם מישן, אַז ער מערקט נישט וואָס עס טוט זיך אַרום אים. לעבן אים שטייט זיין חבר פון זעלבן עלטער דונסקי און גיסט אָן ליידיקע פלאַשן מיט אַ געדיכטער פליסיקייט. ער טוט זיין אַרבעט זייער פּאַרזיכטיק, עס זאָל קיין איין טראָפּן זיך נישט אויסגיסן. איז אין אַ פלעשל צופיל אַריינ־געגאָסן, גיסט ער עס איבער. — אַ שאָד יעדעס ביסעלע, — באַמערקט ער הויך. לייבעלע ראַזאָווסקי זיצט נישט ווייט פון פענצטער און מאַכט קנויטן. לייבעלע, וועלוול'ס אינגערער ברודער, איז זייער אַ פּינקטלעכער, עטלעכע מאָל קאָנטראָלירט ער ביים שייך פון פענצטער צי די קנויטן זיינען גוט אַרומגעשווירן. דער דרייצן־יאָריקער לושעק בלאָנעס, צעשטעלט די פאַרטיקע פלאַשן. ער רופט מיך אָוועק אָן אַ זייט און פרעגט: „צי קען מען אפשר שיקן פלאַשן פון דרויסן?" ער איז שטאַרק באַזאָרגט. זיין מיסיע איז צוצושטעלן גלאָזוואַרג. ער קריכט אין אַלע לעכער און ברענגט צושלעפּן פלאַשן. אָבער וואָס אַמאָל איז דאָ ווייניקער. דאָס איז אַ פּראָבלעם, וועלכע ער מוז לייזן.

עס גייט דאָ אַ פאַבריקאַציע אין אַ שנעלן טעמפּאָ. אַרום די ווענט שטייט שוין די פאַרטיקע סחורה; די צאָל וואַקסט פון מינוט צו מינוט. אַלץ ווערט דאָ געמאָסטן און געוואויגן. געצויג אויף ביידע זייטן פון דער וואַנט. איך שטיי אין דער פאַבריק און באַטראַכט שוויַיגנדיק די אַרבעט פון מיינע נאָענטע חברים. עפּעס אַ הייליקע דערהויבנקייט שוועבט אין דער לופטן, אַ פעסטע אַנטשלאָסנקייט קוקט אַראָפּ פון יעדנס פּנים. די שטילקייט רייסט איבער ראַמאַנאָוויטש. ער רעדט מיט פרייד:

— מיר האָבן מיט עטלעכע טעג צוריק אויספּרובירט אין מיטן דער נאַכט אַזאַ פלאַש. האָסט באַדאַרפט הערן דעם קנאַל און זען דאָס העלע גרויסע פייער. דער דייטש, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם וואַך־פּאָסטן האָט זיך, מסתמא, שטאַרק דערשראָקן.

חברה קוקן זיך שמייכלענדיקע איבער. מאַרעק עדעלמאַן און יורעק בלאָנעס קאָנטראָלירן ביידע די דאָזיקע אַרבעט. די נשמה אָבער פון דער קאַמפּס־גרופּע אויף שוויענטאָיערסקע 32 איז אבראשא בלום. ער באַווייזט זיך דאָ עטלעכע מאָל אין טאָג. אויך איצט איז ער דאָ. זיין רואיקע און זיכערע האַלטונג גיט יעדן צו מוט. זיין זאַכלעכקייט און געניט אויג העלפן שטאַרק צו צו־פאַרבעסערן פעלערן, וועלכע ווערן געמאַכט.

איך שמועס מיטן חבר אַבראשאַ. איך פיל אַרויס פון זיינע רייד, אַז יעדע מינוט דערוואַרט איצט די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אַן „אַקציע". פון וואַרשעווער געטאָ וועט מען פּרוּוון אַרויספירן אַלע יידן. די קאַמפּס־גרופּן זיינען איצט אין כסדרדיקער צוגרייטונג. ספּעציעלע וואַך־פּאָסטנס אָבסערווירן אָן אויפהער דעם געטאָ. יעדע צוויי שעה בייטן זיי זיך.

— דעם אַנדערן מאָל, ווען דו וועסט קומען, וועט מען דיר ווייזן אַ גאַנצע ריי בונקערס. טאָמער וועט דער קאַמף געדויערן אַ לאַנגע צייט, זאָלט איר וויסן, וואו מיר געפינען זיך.

נאָך איצט קלינגען מיר די דאָזיקע ווערטער. — איך האָב שוין די בונקערס נישט באַוויזן צו זען.

איך בין אַוועק צוריק צו מיין אַרבעט אויף „יענער זייט", נישט פאַרשטעלנדיק זיך, אַז איך געזעגן זיך דאָס שוין אויף אייביק מיטן געטאָ.

## קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

# דער געטאָ ברענט...

איך גלייב נישט, צי קאָן מען געפינען ווערטער צו שילדערן אַ בילד פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען הינטער די פאַרמאַכטע געטאָ־מויערן און אויף דער אַרישער זייט אין די טעג פון געטאָ־אויפשטאַנד. איך וועל דערציילן ווי ווייט מעגלעך פשוט און טריי, וואָס איך האָב אַליין געזען אויף דער אַרישער זייט און שפּעטער געהערט פון מיינע חברים געטאָ־קעמפער.

אַלע צוגרייטונגען פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ און אירע פאַרשטייער אויסערן געטאָ — זיינען געווען אין ברען.

קיינער האָט נישט געוואוסט גענוי, ווען עס דאַרף פאָרקומען די לעצטע יידן־אַקציע. מען האָט גערעכנט, אַז די דייטשן וועלן זי אַדורכפירן אין סוף אַפּריל און אפשר גאָר אין מאַי. דאָך איז מען געווען גרייט אויפצונעמען דעם קאַמף צו יעדער מינוט.

מאָנטיק, דעם 19־טן אַפּריל, 1943, ערב פסח אינדערפרי דערהערט זיך פון געטאָ אַ העפטיקע שיסעריי. נישט קיין געוויינלעכע שאָסן זיינען דאָס געווען: די קנאַלעריי פאַרהילכט די לופט. שטאַרקע דעטאָנאַציעס טרייסלען די ערד אונטער די פיס. דער געטאָ איז אַרומגערינגלט מיט זשאַנדאַרמען און ספּעציעלע שטורעם־אָפּטיילונגען פון ס. ס. די דייטשן אין פולער קריגס־גרייטונג, מיט העלמען אויף די קעפּ, פאַרנעמען פּאָזיציעס קעגנאיבער דעם געטאָ־מויער. פון באַלקאָנען, פענצטער, דעכער פון דערבייאיקע קריסטלעכע הייזער שטעקן אַרויס לופעס פון מאַשין־געווער. דייטשישע אויסשפּירער קוקן דורך ספּעציעלע לעכער, געמאַכט אין די ציגל פון געטאָ־מויער. די גאַסן לענג־אויס דעם מויער זיינען אינגאַנצן אָפּגעשלאָסן. פאַרשטאַרקטע דייטשישע פּאַטרולן אויף מאָטאָסיקלען פאָרן כסדר אַרום דעם מויער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן!

כאָטש מיר זיינען אַלע געווען צוגעגרייט, אַז עס וועט אויסברעכן, איז דאָך פאַר אונדז די שטאַרקע שיסעריי געקומען פּלוצלונג. פון פריער נישט אָפּגערעדט, איז זיך כמעט דער גאַנצער אַקטיוו פון „בונד" אויף

דער אָרישער זייט, צונויפגעלאָפּן אויף זשוראוויע 24, אין דער וואוי־נונג פון חבר סאַמסאָנאָוויטש (מיטגליד פון צ. ק. פון „בונד"). אַלע זיינען אויפגערעגט. עס איז קלאָר, אַז איצט איז געקומען דער אַזוי לאַנג דערוואַרטער מאָמענט.

— וואָס טוען מיר?

עס ווערט צונויפגעשטעלט אַ בונדישע קאַמפּס־גרופּע אויף דער אָרישער זייט. זי באַשטייט פון: באַלעק (חיים עלענבויגן), טשעסלאַוו (בנימין מיענדזיזשעצקי), סטעפאַן (ס. מירמלשטיין), צעלעק (יאַנקל צע־לעמענסקי) און וולאַדעק. אַלס פירער פון דער גרופּע ווערט באַשטימט י. צעלעמענסקי. מיר דאַרפן באַקומען געווער, געפינען אַ פאַרבינדונג מיטן געטאָ, דורכרייסן זיך דורך די דייטשן און זיך צושטעלן צו דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ.

חבר מיקאַלאַי (ד"ר לעאָ פיינער), פאָרשטייער פון קאָאָרדיניר־קאָמי־טעט, דאַרף זיך פאַרשטענדיקן מיט דער פּוילישער אונטערערדישער באַ־וועגונג. יענע דאַרף אונדז העלפן דעם פּלאַן דורכצוזעצן.

דער ערשטער טאָג איז אַוועק אין וואַרטן אויף אַן ענטפער פון דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג. צו מאָרגנס ביז פאַרמיטאָג איז געווען פאַרהעלטניסמעסיק שטיל. אַרום מיטאָג־צייט האָט זיך פון ביידע זייטן געטאָ־מויער אויפסניי אָנגעהויבן אַ העפטיקע שיסעריי.

דעם געטאָ רינגלען איצט אַרום מער אָפּטיילונגען דייטשן. שווערע האַרמאַטן און קוילן־וואַרפער שטייען אויסגעשטעלט קעגנאיבער דעם מויער אויף פּלאַץ קראַשינסקי, באָניפראַטערסקע און מוראַנאָווסקע, און האַלטן אין איין שיסן. דייטשישע עראָפּלאַנען קרייזן איבערן געטאָ. פון צפון־זייט אויף מוראַנאָווסקע גאַס איז דער הימל באַדעקט מיט שוואַר־צע וואָלקנס רויך. דאָרטן ברענט. פון געטאָ הערט זיך אַן אויפהער אַ קנאַלעריי און שטאַרקע אויפרייסן. די שווערע האַרמאַטן זיינען איצט אָנגע־שטעלט אין דער ריכטונג פון דעם ערשטער־שאָפּ, אויף שוויענטאָיער־סקע גאַס. ווייזט אויס, אַז פון דאָרטן קומט אַ העפטיקער ווידערשטאַנד. די דייטשן שיסן פאַרביסן אין דער דאָזיקער ריכטונג. נאָך יעדן אַרטי־לעריע־שאָס גיט זיך די ערד אַ טרייסל אונטער די פיס. עס פליען שויבן און עס פאַלט דער טינק פון די אַרומיקע הייזער. איך קוק אויף די באַקאַנטע הייזער פון שוויענטאָיערסקע גאַס, אויף די אַראָפּגע־ריסענע שטאָקן, אויף די גרויסע שוואַרצע לעכער, אויף די זיילן שטויב, וואָס הייבן זיך כסדר אויף. וואו זיינען איצט די הונדערטער יידן, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט?...

אַ שטאַרקע טראַסקעריי פאַרהילכט די לופט. אין דער דלוגע, צום געטאָ־מויער אויף נאַלעווקי, פאָרן אַריין טאַנקען מיט אַרויסגעשטרעק־טע לופעס.

אויף די גאַסן, נאָענט פון געטאָ, שטייען טויזנטער פּאָליאַקן. זיי קוקן זיך צו צום קאַמף. פון אַלע עקן וואַרשע שטראָמען מענטשן צום מויער. אַזאַ שלאַכט אין סאַמע האַרץ פון דער שטאָט האָט נאָך וואַרשע נישט געזען.

די פּאָליאַקן ווייזן אַרויס אַ שטאַרקן אינטערעס צו דעם, וואָס עס קומט פאָר הינטער די געטאָ־מויערן. שווער איז זיי צו גלייבן, אַז יידן אַליין קעמפן קעגן דייטש.

— דאָרטן זיינען דאָ „אונדזערע" אָפיצירן — הערן זיך שטימען פון דער אָבסערווירנדיקער פּוילישער מאַסע.

— דאָס האָבן אונדזערע אָרגאַניזירט דעם קאַמף.

די פּוילישע גאַס איז מיטגעריסן. די פּאָליאַקן האָבן זיך גאָרנישט געריכט, אַז די „זשידקעס" זאָלן אַזוי קענען קעמפן. גאָר אַ שטאַרקן איינדרוק מאַכן די דורכפאָרנדיקע אַמבולאַנסן פון רויטן קרייץ.

— אָ, פאַרוואונדעטע דייטשן — הערן זיך שטילע באַגייסטערטע שטימען.

די אַמבולאַנסן מיט די פאַרוואונדעטע אָדער טויטע דייטשן פאָרן אָן אויפהער. זיי פאַרקירעווען זיך אין די דייטשישע מיליטערישע שפּיטאָלן.

ווי נאָר עס הערט זיך אַ העפטיקע שיסעריי פון דער זייט פון געטאָ, צעלויפן זיך די אָבסערווירנדיקע פּאָליאַקן אין גרויס בהלה. די דייטשן ציען זיך אויס אויף דער ערד. די אַרטילעריע שטילט זיך אַ מינוט איין. מען באַהאַלט זיך.

דער געטאָ שיסט. גאָר נאָענט צום מויער, האָבן די דייטשן מורא צוצוגיין. דאָרטן האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אוקראַינער.

נאָך דעם זעלביקן טאָג האָט חבר מיקאָליי אונדז איבערגעגעבן די קורצע ידיעה פון געטאָ: אין מיטן דער נאַכט פון 19־20־טן אַפּריל האָט אים אויפגעוועקט אין זיין וואוינונג אַ קלינגען פון טעלעפאָן. ווען ער האָט גענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל, האָט ער דערהערט די שטים פון חבר אבראשא בלום פון געטאָ. חבר אַבראַשא בלום האָט אים גע־מאָלדן:

„ד ע ר אַ ק ט י װ ו ע ר װ י ד ע ר ש ט אַ נ ד ה אָ ט א ו י ס ג ע ב ר אָ כ ן. אַ ל ע ג ר ו פּ ן פ ו ן ד ע ר ק אַ מ פּ ס־ אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע ב אַ ט י י ל י ק ן ז י ך אָ ר ג אַ נ י־ ז י ר ט א י ן ק אַ מ ף. מ י ר ק ע מ פ ן א י צ ט א ו י פ ן ג ע ב י ט פ ו ן ד ע ם ב ע ר ש ט ע ר־ש אַ ף. ד ע ר ו ו י י ל װ י י נ י ק פ אַ ר ל ו ס ט ן פ ו ן צ װ י ש ן א ו נ ד ז ע ר ע ק ע מ פ ע ר. פ י ל מ ע ר פ ו ן ד י ד י י ט ש ן".

דאָס אַלץ. קיין שום ביטעס, קיין שום פאַרצווייפלונג, קיין שום הילפס־רוף. אַ קורצע מעלדונג פון קאַמפּס־פראָנט.

אין דער נאַכט פון 22־טן אַפּריל, איז געווען אַ צווייטער טעלעפאָנישער געשפּרעך. הייסט דאָס, אַז עס אַרבעט דאָרטן אַ געהיימער טעלעפאָן. מען האָט דאָס מאָל פון געטאָ מיטגעטיילט:

„היינט איז געווען אַ שווערער טאָג. עס איז געפאַלן אין קאַמף מיכאל קלעפּפיש. עס פעלט אונדז אויס אַמוניציע. מיר גוויטיקן זיך אין געווער".

אין מיטן איז דער געשפּרעך איבערגעריסן געוואָרן. עס האָט זיך אַריינגעמישט די טעלעפאָן־צענטראַלע. מער קיין טעלעפאָנען פון חבר אַבראַשא בלום זיינען נישט געווען. וואָס קען מען צוגעבן צו די עט־לעכע אָפּגעהאַקטע זאַצן? זאָלן די געציילטע ווערטער, אַרויסגעזאָגטע בעת דעם קאַמף אין ברענענדיקן געטאָ, אַליין רעדן פאַר זיך. מיכאל קלעפּפיש איז געפאַלן. דער טייערער און האַרציקער חבר, וואָס האָט אַזוי זיך געריסן צום קאַמף און אַזויפיל בייגעטראָגן, אַז דער געטאָ זאָל האָבן מיט וואָס צו קעמפן, — ער לעבט שוין מער נישט. ער איז פון צווישן די ערשטע קרבנות.

דעם 17־טן אַפּריל, צוויי טעג פאַרן געטאָ־אויפשטאַנד איז געווען מיכאלס געבורטס־טאָג. גראָד אין דעם טאָג האָט זיך מיכאלן איינגעגעבן צו קויפן אַ רעוואָלווער. דעם זעלבן טאָג איז אויך געווען דער געבורטס־טאָג פון זיין צוויי־יעריק טעכטערל. אין די פרימאָרגן־שעהען זיינען צעלעמענסקי און איך געווען ביי אים אין שטוב און באַקוקט דעם געקויפטן רעוואָלווער. כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן מיכאלס דעמאָלט־דיקע פרייד. ווי אַ קליין קינד האָט ער דאָס מאַשינדל געגלעט, געצערטלט און געטוליעט צום פּנים.

— ווען דאָס קען אַזוי בלייבן פאַר מיר! — האָט ער אויפן קול געחלומט.

מיר האָבן מיכאלן פאַרגעלייגט, אַזוי ווי היינט איז זיין געבורטס־טאָג, זאָל ער אונדז געבן דעם רעוואָלווער און מיר וועלן אים שוין אַריינ־שמוגלען אין געטאָ אַריין. גלייך האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן אַן אַמפּעריי, אַ רייסעריי, ווער עס זאָל זיין דער אַריינשמוגלער. מיכאל האָט אָבער פון גאַרנישט געוואָלט וויסן, ער איז דער האַר פון דער לאַגע, ער האָט געקויפט דעם רעוואָלווער און ער וועט אים איצט קיינעם נישט אָנפאַר־טרויען, נאָר ער אַליין וועט אים ברענגען אין געטאָ אַריין.

— ווער ווייס, אפשר וועט זיך מיר נאָך איינגעבן מיט בעם דאָזיקן מאַשינדל „זיי" אָנלערנען?

עס האָט נישט געהאָלפן אונדזער צושטיין, מיכאל איז געבליבן

ביי ס'זייניקע. דעם זעלבן טאָג האָט ער דעם רעוואָלווער אַריבערגע־שמוגלט איבערן מויער און געבליבן אין געטאָ. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט פון זלמן פרידריכן, אַז ווען עס איז אויסגעבראָכן דער געטאָ־אויפשטאַנד האָט מיכאל שוין נישט געוואָלט זיך אומקערן אויף דער אַרישער זייט. ענדלעך איז דאָך געקומען דער דורך אים געגאַרטער מאָמענט פון ווידערשטאַנד. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין די שלאַכטן. אין די געפערלעכסטע מאָמענטן פון קאַמף איז ער געווען אין די פאָ־דערשטע רייען. מיכאל האָט געקעמפט אויפן געביט פון בערשטער שאָפּ. דאָרטן, וואו ער האָט אַליין איינגעשטעלט איינע פון די ערשטע געהיימע געווער־פאַבריקלעך.

אויפן דריטן טאָג פון אויפשטאַנד איז ער צוזאַמען מיט זלמן פריד־ריך און מארעק עדעלמאַנען אַוועק אויסשפּירן וואו עס געפינט זיך דעם שונא'ס פּאָזיציעס. אויף אַ בוידעם, ביים איבערגיין פון איין הויז אין צווייטן איז פּלוצלונג די אויסשפּיר־גרופּע באַגעגנט געוואָרן מיט אַ העפּטיקער שיסעריי. באַהאַלטענע דייטשן האָבן געשאָסן פון מאַשין־געווער. זלמן און מארעק האָבן באַוויזן גליקלעכערווייז אָפּצושפּרינגען אין אַ זייט, מיכאל איז געפאַלן. ווען די שיסעריי האָט אויפגעהערט האָבן די חברים געפונען ליגן זיין טויטן קערפּער דורכגעלעכערט פון מאַשין־קוילן.

אַזוי איז אַוועק דער זייל פון געטאָ־אויפשטאַנד, דער האַרציקער אומדערשראָקענער חבר.

מיר לעבן מיט די ידיעות פון געטאָ. אונדזערע אַלע פּלענער אויף דער אַרישער זייט זיינען צעשטערט געוואָרן. דאָס פּוילישע אונטערערד איילט זיך נישט. מען דאַרף וואַרטן, עס מוז דויערן. און אַזוי שלעפּט מען אונדז אָפּ פון טאָג צו טאָג. פאַרביטערט און אויפגערעגט דרייען מיר זיך אַרום אויף די פּוילישע גאַסן און זוכן אַליין אַ קאָנטאַקט מיטן געטאָ.

מיר זיינען נאָך אַלץ אַליין. אַפילו איצט, ווען וואַרשע איז באַגייס־טערט און מיטגעריסן מיטן געטאָ־קאַמף, באַקומט מען נישט קיין שום ממשותדיקע הילף...

דער געטאָ איז אַליין אין געראַנגל, און מיר אויף דער אַרישער זייט זיינען אַליין אין אונדזער הילפלאָזיקייט. מיר האָבן געפּרוואווט ריידן מיט דער פּוילישער פּאָליציי און פייערלעשער וועגן אַריינקריגן זיך אין געטאָ אַריין, אָבער אָן דערפאָלג. דער געטאָ איז שטאַרק באַוואַכט, עס איז אַ פּראָנט ליניע, וועלכע ס'איז אוממעגלעך מיט ליידיקע הענט דורכצו־רייסן. אויפן זעקסטן טאָג פון אויפשטאַנד האָט די שיסעריי אַ ביסל נאָכגעלאָזט. די דייטשן האָבן אַוועקגענומען די פעלד־אַרטילעריע, פאַר־ביטן זי אויף קוילן־וואַרפערס. די אַעראָפּלאַנען הערן נישט אויף צו וואַרפן צינד־באָמבעס. געדעמפטע דעטאָנאַציעס פון באָמבעס און גראַ־

נאָטן־אויפרייסן הערן מיר כסדר פון געטאָ. געדיכטע וואָלקנס רויך מיט רויטע פייער־פלאַמען שלאָגן איצט אַרויס פון אַלע עקן געטאָ. דער געטאָ — ברענט.

אויפן זעקסטן טאָג האָט זיך מיר איינגעגעבן אויף ראָג נאַלעווקי און דלוגע זיך דורכצוקריגן דורך אַ קאָרדאָן דייטשן. נאָך אַ לאַנגער אויס־פאָרשונג און אויסלעגיטימירן, האָט מיר דער דייטש דורכגעלאָזט צו מיין כלומרשטער מאַמען אויף שוויענטאָיערסקע 21. איך האָב גערעכנט, אַז אפשר דורך דעם הויז, וואָס ליגט אַזוי נאָענט פון געטאָ, וועט זיך מיר איינגעבן עפּעס צו דערוויסן. דער גאַנצער אָפּשניט פון נאַלעווקי ביז שוויענטאָיערסקע איז אָפּגעשלאָסן. קיין שום ציווילע מענטשן טאָרן זיך דאָ נישט באַוועגן. פיל דייטשן און אוקראַינער היטן דעם דאָזיקן אָפּשניט. דאָרטן איז דער געטאָ־טויער. עס פאָרן דורך דעם געטאָ־טויער אַריין און אַרויס אויטאָס מיט באַוואָפנטע דייטשן, און אַמבו־לאַנסן פון רויטן קרייץ. האַרט ביים טויער שטייען קליינע אויטאָס מיט העכערע ס. ס.־אָפיצירן. עס איז אַ שטאַרקע באַוועגונג.

עטלעכע מאָל האָבן מיך דייטשן פאַרהאַלטן און געפאָרשט ווער איך בין און צו וועמען איך גיי.

ענדלעך בין איך אין הויז פון די דוביעלס. זייער וואוינונג זעט איצט אויס ווי אַ חורבה. די שטוב איז פול מיט שטויב און סאַזשע. די שויבן פון די פענצטער זיינען אויסגעהאַקט, דאָס מעבל — צעבראָכן, אין די ווענט זעט מען לעכער פון קוילן. די אַלטע דוביעליאָווע איז צעטומלט און דערשראָקן. איר מאַן מוז כסדר אַרומגיין און ווייזן די דייטשן אַלע בוידעמער און קעלערס פון דעם הויז, צי באַהאַלטן זיך אַמאָל נישט אויס קיין יידן. די צוויי יידישע מיידעלעך נעלי און וולאדקע בליט, וועלכע איך האָב געהאַט באַזאָרגט טאַקע ביי די דוביעלס, דרייען זיך אַרום דערשלאָגענע אין שטוב. אַלע ווילע כאַפּן זיי אַ קוק דורכן פענצטער אין געטאָ אַריין און שוויגן. עטלעכע מאָל האָבן די דייטשן געזוכט אין דער וואוינונג באַהאַלטענע יידן. דעם אַלטן איז קוים געלונ־גען אויסצובאַהאַלטן די קינדער. מען מוז די מיידעלעך פון דאָרטן אַרויס־נעמען. איך וויל צוגיין צום פענצטער, נאָר די אַלטע פאַרהאַלט מיך. מען טאָר נישט. נעכטן האָט מען שיעור נישט דערשאָסן איר מאַן. קיין שום פּאָליאַק טאָר זיך נישט ווייזן אין פענצטער. פאַרשטעקט אין אַ זייט, הינטער דער שאַנק, קוק איך אַריבער אין געטאָ אַריין. די צווייטע זייט שוויענטאָיערסקע און וואָלאָווע איז ווי אָפּגעשטאָרבן, קיין לעבעדיקן מענטשן זעט מען נישט. פון דערווייטנס זעט זיך אַ העלער פייער־פלאַם און געדיכטע קנוילן רויך. ערשט ווען איך קוק זיך אויפמערקזאַם איין, באַמערק איך אין געטאָ פון ביידע זייטן, ביים ראָג שוויענטאָיערסקע און וואָלאָווע, פאַרשטעקט הינטער ברעטער, צוויי גרופּקעלעך דייטשן. נעבן



וואַרשעווער געטאָ ברענט.

זיי שטייען עטלעכע מאַשין־ביקסן. זיי לויערן געדולדיק. אויסער דעם מויער, אַן ערך אויף יעדע פופצן טריט, שטייען אין פולער קריגס־גרייטונג דייטשישע און אוקראַינישע וואַכן. לענגאויס דעם מויער פאָרן כסדר פאַרביי מאָטאָסיקלען מיט דייטשן און אויסגעשטרעקטע מאַשין־ביקסן. פון צייט צו צייט הערן זיך סעריעס שאָסן, נישט פון דער גאַס, נאָר פון דער הויך.

— דאָס שיסט מען פון אונדזער דאַך, דאָרטן שטייען אַוועקגעשטעלט מאַשין־ביקסן — דערקלערט מיר דער אַלטער דוביעל — אַ גאַנצע נאַכט ‑קנאַלט עס אַזוי; היינט איז שוין פאַרהעלטניסמעסיק רואיק — גיט ער צו.

— אפשר קען מען דורך דעם הויז איינשטעלן אַ פאַרבינדונג מיט דעם געטאָ? פרעג איך דעם אַלטן.

דער אַלטער שאָקלט מיטן קאָפּ:

— ניין, דאָ איז פול מיט דייטשן. מען קען זיך נישט געבן קיין ריר, אַז זיי זאָלן נישט באַמערקן. איבעריקנס, בלייבט דאָ אַ נאַכט, וועט איר זיך אַליין איבערצייגן.

פלוצלונג דערזע איך אין געטאָ, ווי עטלעכע צענדליק דייטשן לויפן איינגעבויגענערהייט לענגאויס די הייזער פון וואָלאָווע גאַס. זיי האַלטן אין די הענט קענדלעך, שטעלן זיך אָפּ, גיבן אַ גאַס פון די קענדלעך אויף די הייזער און לויפן צוריק אַוועק. אַזוי חזרט זיך איבער עטלעכע מאָל. דער אַלטער דוביעל וואָס שטייט נעבן מיר, האָט עס אויך באַמערקט.

— דאָס ווילן זיי אונטערצינדן די הייזער, רופט ער זיך אָן. — נעכטן האָבן זיי אויך געמאַכט דעם פּרוואו, האָט עס נישט געוואָלט ברענען.

און אייניקע מינוטן שפּעטער לויפן ווידער די דייטשן, וואַרפן לעבן די הייזער ברענענדיקע שמאַטעס און אַנטלויפן. אַ העלער פלאַם כאַפּט אַרום די הייזער און באַלד דערהערט זיך אַ העפטיקע שיסעריי. עס רייסן אויף גראַנאַטן. אַלץ אין שטוב טרייסלט זיך. דאָס פייער ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. די שיסעריי האַלט אָן. פלוצלונג הערן זיך מורא־דיקע הילפס־רופן.

— אָט דאָרט, זעט נאָר — ווייזט דוביעל מיטן פינגער.

אויפן ערשטן שטאָק, אויף אַ באַלקאָן, שטייט אַ פרוי און ברעכט פאַרצווייפלט מיט די הענט. זי פאַרשווינדט און קומט גלייך צוריק. אין איין האַנט שלעפּט זי אַן איבערבעט, אין דער צווייטער — אַ קליין קינד. זי וואַרפט שנעל דאָס איבערבעט איבערן באַלקאָן, כאַפּט דאָס קינד אויף דער האַנט און בויגט זיך האַסטיק אַריבער. אַ סעריע קוילן. דאָס קינד פאַלט איר אַרויס פון דער האַנט און אַליין בלייבט זי אַריבערגעבויגענערהייט הענגען. דאָס האָבן געשאָסן די באַהאַלטענע דייטשן. דאָס

פייער רייסט זיך אויף די העכערע שטאָקן. די קנאַלעריי ווערט וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער. באַלד שווינדלען פאַר די אויגן בילדער וואָס זעען אויס ווי אַ ווילדער קאָשמאַר. איך זע פון מיין פונקט: יידן שפרינגען פון די פענצטער, זיי ווערן דערשאָסן. אין דער לופטן פון דריטן שטאָק פון אַ פענצטער האָבן צוויי יידישע מענער געשאָסן און זיך צוריקגע־צויגן. פון די הייזער, וואָס זיינען אַרומגענומען מיט פייער, לויפן אַרויס ברענענדיקע מענטשן. פון דריטן שטאָק לאָזט עמיצער אַ שטריק. ביים פענצטער שטייט אַ גרופע מענטשן. אַט לאָזט זיך אַ מאַן אַרונטער, נאָך אים אַ צווייטער. אָבער דאָס דייטשישע מאַשין־געווער אַרבעט. די צוויי מענער פאַלן אַראָפ אויפן ברוק. אַ יאָמערלעך געשריי אויסגעמישט מיט אַ קנאַלעריי פון מאַשין־געווער פאַרהילכט די לופט. אין קאָנוואולסיעס קאָרטשן זיך אויפן ברוק קנוילן פאַרוואונדעטע מענטשן. די דייטשן לאָזן נישט שפרינגען פון די פענצטער; די יידן מוזן לעבעדיקערהייט פאַרברענט ווערן אין די פלאַמענדיקע הייזער. ס'איז אוממעגלעך זיך צוצוקוקן צו די שוידערלעכע גיהנום־בילדער. דאָס בלוט ווערט פאַרגליווערט אין די אָדערן. און — מען קען גאָרנישט העלפן. איך צי זיך צוריק פון מיין אָבסערוואַציע־פונקט. די קנאַלעריי הערט נישט אויף. דאָס צימער איז פול מיט רויך. אַלע שווייגן. איך קען אָבער נישט איינשטיין. און ווידער גיי איך צו צו מיין באַהעלטעניש. ביז שפעט אין דער נאַכט אַריין האָט זיך געהערט די שיסעריי. די הילפס־רופן האָבן אויפגעהערט. אין דרויסן איז פון דעם שטאַרקן פייער געווען ליכטיק ווי אין העלן טאָג. עס האָבן געברענט די ראָגאָווע הייזער פון שוויענטאָיערסקע און וואָלאָווע גאַס. דאָס טרוקענע האָלץ האָט געקנאַקט. שטילע קרעכצן האָבן זיך געהערט. די מאַשין־ביקסן פון דאַך און פון דער גאַס האָבן כסדר געשאָסן.

פאַרטאָג האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט. מוראָדיק האָט אויסגעזען דער געטאָ. אויף שוויענטאָיערסקע און וואָלאָווע איז דער ברוק אויסגע־שפרייט מיט טויטע, פאַרסאַזשעטע קערפערס, מיט פאַרבלוטיקטע קינדער, מענער און פרויען. פלוצלונג הייבן זיך אַ טייל קערפערס אָן צו באַוועגן. אַט האָט זיך אַפילו איינער אויפגעהויבן און אָנגעהויבן שאַרן אויפן בויך. אַזוי שאַרנדיק זיך האָט ער זיך דערשלאָגן צו די רויכערדיקע חורבות און איז פאַרשוואונדן. נאָך עטלעכע פרובירן זיך אויפהייבן, אָבער אַט האָט מען פון דער הויך אָנגעהויבן צו שיסן. ס'ווייזט אויס, אַז אויפן דאַך אָבסערווירט מען גוט.

מען קלאַפט אין טיר. איך מוז אַוועק פון מיין פונקט. דער אַלטער דוביעל עפנט גלייך. צוויי דייטשישע אָפיצירן קומען אַריין. ס'איז שוין גרויסער טאָג.

— זיינען דאָ בלויז שטוביקע? — פאַלט אַ פראַגע.

— יאָ, ענטפערט דער אַלטער. — קיין יידן באַהאַלט איר נישט אויס.

— ניין. —

די דייטשישע אָפיצירן קאָנטראָלירן נישט. זיי קוקן זיך אַפילו נישט אום. זיי גייען צו צום פענצטער, עפענען עס אויף, קוקן זיך אַרום און נעמען אַרויס פאָטאָגראַפישע אפאַראַטן.

— אַ גוט אָרט צו אַרבעטן — רופט זיך איינער אָפּ. — מער נישט דאָס פייער איז נאָך אַ ביסל צו שטאַרק.

אַ האַלבע שעה האָבן די דייטשן פאָטאָגראַפירט דורך דוביעלס פענצטער דעם געטאָ. דערביי האָבן זיי נישט אויפגעהערט זיך צו וויצלען און צו חוזקן „פון די „קאַמיש־ליגנדיקע יידן". זיי זיינען אַוועק. די אַלטע בעט מיך, איך זאָל אויך אַוועקגיין. זי האָט מורא. כסדר האַלט זי זיך אין איין צלמען און זאָגן שטילע תפילות. די מיידע־לעך געזעגענען זיך מיט מיר שווייגנדיק. דער אַלטער פירט מיך אָפּ. די שטיגן, דער הויף, די גאַס, זיינען פול מיט דייטשן. יעדער טראָט, יעדע באַוועגונג מיינע ווערט נאָכגעקוקט. איך טאָר נישט קוקן אין דער ריכטונג פון געטאָ. דער דייטש דראָט. און ווידער אַ שטרענגע קאָנטראָל, ווידער דאָס אַריינקוקן אין די אויגן, צי בין איך נישט אַמאָל אַ יידישקע.

נאָך צוויי מאָל בין איך געווען ביי די דוביעלס, מיט עטלעכע טעג שפּעטער. קיין פייער אין געטאָ אויף שוויענטאָיערסקע איז שוין דאַן נישט געווען. פון דערווייטנס נאָר האָבן זיך געזען רויטע פלאַמען און זייל'ן רויך. איך האָב נאָך געזען ליגן עטלעכע טויטע קערפּערס, גע־שוואָלענע און פאַרשוואַרצטע. גראָד אין יענעם טאָג האָט מען אויסגע־פונען אין געטאָ אַ בונקער, וואו יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. איך האָב געזען די גרופּע יידן. זיי זיינען געווען אַרומגערינגלט מיט אוקראַאינער. איינגעבויגענע, מיט וואַקלדיקע טריט, האָבן זיי זיך קוים געשלעפּט. דער ערשטער איז געגאַנגען אַ הויכער מאַן אין בלויזן קאָפּ. אויף דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ קליין מיידעלע. אין דער צווייטער האַנט — אַ קליינעם טשעמאָדאַן. נאָך אים האָבן צוויי מיידעלעך געפירט אַן עלטערן יידן. צום סאַמע סוף איז געגאַנגען אַ פרוי, וועלכע האָט כסדר איינגע־טענהט מיטן אוקראַאינער. זי האָט עפּעס אַראָפּגעצויגן פון דער האַנט און עס אים אַוועקגעגעבן. יענער האָט זיך צעלאַכט און עס איילִיק פאַר־שטעקט אין טאַש. ווען די פרוי האָט ווידער אָנגעפאַנגען צו רעדן, האָט דער אוקראַאינער איר אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער און געגעבן אַ שליידער אָן דער ערד. די גאַנצע גרופּע האָט זיך אָפּגעשטעלט. אָבער נאָר אויף אַ ווײַלע. גלייך האָט מען זי ווידער געטריבן אין דער ריכטונג

פון געטאָ־מויער. די פרוי האָט, מסתמא, געוואָלט איבערקויפן דעם אוקראַינער, ער זאָל זי אָפּלאָזן.

ביים זעלביקן געטאָ־מויער איז געשטאַנען אַ חסידישער ייד מיט אַ באָרד און אַ קליין צען־יאָריק ייִנגעלע. ווייזט אויס, נאָר וואָס געכאַפּט זיי אין געטאָ.

די זשאַנדאַרמען טיילן אָפּ דאָס ייִנגל פון פאָטער. דער קליינער לויפט אָבער צוריק צו און קלאַמערט זיך מיט ביידע הענט אָן דעם טאַטנס פאָלעס. דער דייטש שטרעקט אויס די ביקס, אָבער ער שיסט נישט. ער רייסט איצט ווייטער אָפּ דעם פאָטער פון קינד און שטעלט אים אַוועק אָן אַ זייט. דאָס ייִנגל לויפט ווייטער צו צום פאָטער. דער דייטש לאַכט הויך אויפן קול. דער ייד שטייט צעטומלט. פּלוצלונג כאַפּט דער ייד מיט איין האַנט האַסטיק אַרום זיין קינד, די צווייטע האַנט הייבט ער אויף אין דער הויך און בלייבט אַזוי פאַרגליווערט שטיין. עטלעכע שאָסן. דער טאַטע און זון זיינען אין טויט פאַרבליבן נישט צעשיידט...

דער געטאָ קעמפט נאָך אַלץ. אויפן פינפטן טאָג פון אויפשטאַנד לאָזט דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט אויף דער אַרישער זייט אַרויס אַן אויפרוף אין נאָמען פון קעמפנדיקן געטאָ. דער אויפרוף איז געשריבן געוואָרן אויף זשוראַוויע 24. מיר איז אויסגעקומען דעם מאַנוסקריפּט אַוועקצוטראָגן אויף זשאָליבאָזש אין אַ שפּייז־געוועלבל און פון זעלביקן אָרט אָפּנעמען דעם פּאַק געדרוקטע אויפרופן.

דער אויפרוף איז געשריבן אין פּויליש. ער שטרייכט אונטער די העלדישקייט און מוטיקייט פון די קעמפער, די פאַרביסנקייט פון קאַמף. יעדעס הויז אין געטאָ איז אַ פעסטונג קעגן די דייטשן. די יידישע אויפשטענדלער שיקן איבער פלאַמיקע גרוסן צו אַלע קעמפער קעגן נאַציזם. אין אויפרוף ווערט געזאָגט:

„מיר וועלן נעמען נקמה פאַר די פאַרברעכנס פון דאַכאַו, טרעבלינקע און אָשוויענטשים. עס גייט אַ קאַמף פאַר אונדזער און אייער פרייהייט".

אונטערגעשריבן: „יידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע".

הינטער די מויערן גייט ווייטער אָן דער קאַמף. דער פאַרקער אויף די באַניפּראַטן איז צוליב די געטאָ־קאַמפן אינגאַנצן איבערגעריסן. ווען איך בין מיטן פּעקל אויפרופן געגאַנגען פון זשאָליבאָזש, איז די גאַנצע באַניפּראַטן גאַס געווען פול מיט רויך. אַ שרעקלעכע היץ האָט געשלאָגן פון געטאָ. רויטע פייער־צונגען האָבן געסמאַליעט די שכנישע קריסט־לעכע הייזער. פּוילישע פייערלעשער זיינען געשטאַנען אויף די דעכער און געהיט, אַז דאָס פייער זאָל זיך נישט אַריבערכאַפּן אויף דער צווייטער זייט מויער. כמעט יעדן פאַרבייגייער האָבן די דייטשן אָפּגעשטעלט און רעווידירט.

ביים ראָג קאָנוויקטאָרסקע האָב איך דערזען שטיין אַ גרופּע יידן. ביי זעכציק, מענער, פרויען און קינדער זיינען געשטאַנען מיטן פּנים צו דער וואַנט און מיט אויפגעהויבענע הענט. זשאַנדאַרמען האָבן זיי אַרומגערינגלט מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן. די קליידער ביי די יידן זיינען געווען פאַרשטויבט און צעריסן, די האָר צעשויבערט, די פּנימער בלייכע און אויסגעמאָגערטע, די אויגן צעשראָקענע. צווישן דער גרופּע זיינען געווען עטלעכע קליינע קינדער. די קינדער האָבן אומרואיק געדרייט מיט די קעפּלעך, אַלע ווילן אַראָפּגעלאָזט די אויפגעהויבענע הענטלעך. ערשט אַ שטויס מיט דער קאָלבע פון דער דייטשישער ביקס, האָט געצוואונגען די קינדער אויפסניי די הענטלעך אויפצוהייבן. קיינער פון זיי האָט נישט געוויינט. איז דען מעגלעך צו פאַרגעסן די דערשראָ־קענע אויגן פון די דאָזיקע קינדער, זייערע אויסגעדאַרטע, וואַקלענדיקע קערפּערלעך? וואָס מיט זיי איז געוואָרן, ווייס איך נישט.

מיט דריי טעג שפּעטער, ווען איך בין גאַנץ פרי דורכגעגאַנגען די זעלביקע גאַס, איז אַ רואיקער עולם געשטאַנען קעגנאיבער מוראַנאָ־ווער גאַס און געקוקט אין דער הויך. פּאָליאַקן האָבן געוויזן מיט די פינגער אויף דעם קעגנאיבערדיקן דאַך. פון דאַך זיינען אַראָפּגעהאַנגען מענטשלעכע הענט און פיס. זיי האָבן זיך נישט באַוועגט. איך הער ווי איינער דערקלערט אין דער שטיל:

— אַ גרופּע יידן האָבן זיך אַרויסגעקראָגן פון געטאָ און זיך באַ־האַלטן אויף מוראַנאָווער גאַס, אויף אַ קריסטלעכן בוידעם. די דייטשן האָבן זיי אַנטדעקט און אָנגעהויבן שיסן אויף זיי. די יידן האָבן צוריק געענטפערט מיט פייער. אַלע יידן זיינען זיך צעלאָפן אויף די דערביי־איקע שכנישע דעכער. עס איז גלייך אַראָפּגעקומען אַן אויטאָ מיט באַוואָפנטע דייטשן. אַלע יידן זיינען אומגעקומען.

איצט זעט מען פון די דעכער אַראָפּהענגען הענט און פיס פון טויטע יידן.

אַזוי ציען זיך איינער נאָכן אַנדערן געשפּענסטלעכע טעג. שוין באַלד צוויי וואָכן זייט דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן.

דער געטאָ שטייט אינגאַנצן אין פלאַמען. דער אויפשטאַנד דויערט נאָך אַלץ. די שיסעריי איז שוין נישט אַזוי שטאַרק, אָבער דאָך הערט זי נישט אויף. יעדן פרימאָרגן מאַרשירן אין געטאָ אַריין טויזנטער באַוואָפנטע דייטשן. פאַרנאַכט, אַרום 5 אַזייגער, קערן זיי זיך צוריק. די דייטשישע אַפּאַראַציעס קומען פאַר אין געטאָ נאָר בייטאָג. די שווערע אַרטילעריע האָט מען, אויף דער ביטע פון איבערגעשראָקענע ציווילע דייטשן, צוגענומען. עס פאַרטרעטן זיי אַ גרעסערע צאָל מאַשין־ביקסן. אָן אויפהער פליען איצט אעראָפּלאַנען און וואַרפן אין געטאָ צינד־באָמבעס. עס הערן זיך פון געטאָ כסדר אויפרייסן. ביינאַכט איז שטילער.

ביי די עפענונגען פון די שטאָטישע קאַנאַליזאַציע־רערן שטייען דייטשישע פּאַטרולן און לאָזן אַריין גאַז. — יידן זאָלן זיך נישט קענען ראַטעווען. קריסטלעכע הייזער נאָענט פון געטאָ ווערן דורך די דייטשן אונטערגעצונדן. אַזעלכע הייזער ברענען אויף לעשנאָ, פּשעיאַזד און שוויענטאָיערסקע. דוביעלס הויז איז אויך אַוועק מיטן רויך. אָבער די דייטשן קענען דעם געטאָ נישט באַהערשן. נישט די טאַנקען, נישט די שווערע האַרמאַטן, נישט די באָמבעס פון די עראָפּלאַנען, — קיין שום זאַך האָט נאָך נישט געבראָכן דעם יידישן ווידערשטאַנד. דער געטאָ האַלט זיך. די דייטשן האָבן זיך בלויז אין עטלעכע פּונקטן אַריינגע־ריסן און פון דאָרטן ברענען זיי כסדר די יידישע הייזער.

די ערשטע באַוואונדערונג פון די פּאָליאַקן פאַרן געטאָ איז אַריבער. עס איז געבליבן ביי זיי איצט די שרעק:

— און וואָס ווייטער? מיט וואָס וועט זיך עס ענדיקן פאַר „אונדז"?

איך קען די שוואַכע באַוואָפענונג פון מיינע געטאָ־חברים. ווי אַזוי שטעלן זיי זיך דאָס אַליין אַנטקעגן די נייעסטע קריגס־מכשירים פון שונא?... נישט בלויז באַוואונדערונג פאַר אונדזערע ברידער האָט געלעבט ביי אונדז, הילפלאָזע טוערס אויף דער אַרישער זייט. דער הויפּט־געפיל, וואָס האָט אונדז דאַן באַהערשט איז געווען — שולד; אַ טיפע שולד, פאַרוואָס אונדז איז אויסגעקומען צו זיין אויסער די מויערן. דאָרטן איז אונדזער אָרט, — צווישן דעם רויך, צווישן די פלאַמען און צווישן די קנאַקעדיקע און ברענענדיקע הייזער. מיר קוקן אויף דעם פלאַמיקן רויטן הימל און עס רייסט זיך די ווייטיקלעכע פראַגע:

— פאַרוואָס, פאַרוואָס שווייגט דער אַרום? וואו איז די שטים פון דער וועלט? וואו איז די צוגעזאָגטע הילף פון אונדזערע שכנים?...

אָ, ווען עס קען אַזוי דערהערט ווערן אונדזער שטומער ווייטיק, אונדזער ברענענדיקע פאַרביטערונג, אונדזער גרענעצלאָזער צער פון פאַר־לאָזנקייט — און הילפלאָזיקייט, צוזעענדיק, ווי דער געטאָ קומט אום!... ניין, — קיין שום סימן נישט, אַז זיי ווערן דורך עמיצן דערהערט...

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

# קאַמף און אומקום פון וואַרשעווער געטאָ

איך שרייב דאָס דאָזיקע קאַפּיטל מיט אינערלעכן ציטער און אומרו. כ'וויים, אַז מיר וועט נישט געלינגען אַרויסצוברענגען אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען הינטער די פאַרמאַכטע געטאָ־מויערן. כ'וויים אויך, אַז דאָס וואָס כ'וועל יאָ איבערגעבן, וועט זיין בלויז אַ קליינער ברוכטייל פון שוידערלעכן גיהנומדיקן יידישן אומקום און פון העלדישן עקשנותדיקן קאַמף. אָבער ווי אַזוי קען מען שווייגן? ווי קען מען זיך דאָס איינהאַלטן און נישט פּרואוון כאָטש מיט די אָרעמסטע ווערטער עפּעס דערציילן פון די דאָזיקע גרויליקע און גלייכצייטיק אַזוי העראָישע טעג? האָב איך דאָך דאָרטן, אין דעם ברענענדיקן קעמפנדיקן געטאָ, פאַרלוירן אַזוי פיל, וואָס איז מיר נאָענט און ליב געווען! האָב איך דאָך צוזאַמען מיט אַנדערע מיינסגלייכן, אויפן אָנבליק פון די ריזיקע געטאָ־פלאַמען, זיך געפייניקט און געשטיקט אין אייגענער הילפלאָזיקייט. זאָל־זשע מיר כאָטש דערלויבט זיין איבערצוגעבן מיין אייגן געפיל פון טרויער און שטאָלץ איבער דעם לעצטן ווירדיקן גאַנג פון מיינע אומגעקומענע ברידער.

***

אויפן עלפטן טאָג פון אויפשטאַנד האָט זיך צוויי געטאָ־קעמפער איינגעגעבן דורכצושלאָגן זיך, דורך אַן אונטערערדישן קאַנאַל פון ברענענדיקן געטאָ, אויף דער אַרישער זייט. דאָס זיינען געווען: „זיגמונט" — זלמן פרידריך און „קאַזשיק" — שמחה ראָטהייזער.

איך האָב זיך מיט זיי באַגעגנט נאָכדעם, ווי זיי האָבן אָפּגעגעבן אַ באַריכט דעם קאָאָרדיניר־קאָמיטעט און פאָרשטייער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

קורץ און שוויגנדיק איז געווען מיין באַגריסונג מיט זיי. כ'האָב געקוקט אויף די אויסגעמאָגערטע פּנימער, אויף די שוואַרצע רעדער אונטער די אויגן, אויף די וואַקלדיקע טריט. עפּעס אַן אינערלעכער פיבער האָט געשלאָגן פון זיי, אַ הייליקייט, וועלכע איך האָב מורא געהאַט

צו באַרירן מיט מיינע נייגעריקע פראַגן. זיי האָבן ווייניק גערעדט. דאָס איינציקע, וואָס זיי פלעגן כסדר איבערחזרן, איז געווען — הילף. עס מוז אַלץ געטאָן ווערן, כדי וואָס שנעלער צו ברענגען הילף פאַר די קעמפנדיקע חברים. ווייניק זיינען דאָרטן געבליבן ביים לעבן. אויב די הילף וועט תיכף נישט קומען, וועלן אויך די לעצטע אומקומען.

צוויי טעג האָט זיך „קאַזשיק" אויפגעהאַלטן אין מיין וואוינונג אויף באַראַקאָווע 2. וועגן די געטאָ־קאַמפן האָב איך נישט געוואָגט צו פרעגן און ער האָט אויך געשוויגן. בלויז איינמאָל האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן אַ דעראינערונג. דאָס איז געווען אויפן צווייטן טאָג פון זיין קומען. ביינאַכט, ווען פון אונדזערע פענצטער האָט זיך שטאַרק געזען דער רויטער פלאַם פון ברענענדיקן געטאָ, האָט „קאַזשיק" מיט אַן איינגעהאַלטענער שטים און אינערלעכן שטאָלץ, מיר דערציילט:

ס'איז געווען אויפן צווייטן טאָג פון אויפשטאַנד. ער, צוזאַמען מיט נאָך פיר מאַן, זיינען געשטאַנען אויף דער פּאָזיציע ביים טויער פון בערשטער־שאָפּ, אויף וואָלאָווע 6. פּלוצלונג האָבן זיי דערזען פון דער־ווייטנס מאַרשירן אַן אָפּטיילונג באַוואָפנטע דייטשן. גלייך האָט מען צוואוויסן געגעבן וועגן דעם דעם גרופּן־קאָמענדאַנט הענעך גוטמאַן. שטיל, אָן געריוש און אָן איבעריקער באַוועגונג, האָבן די פינף קעמפער נאָכגעפּאַרשט די טריט פון די דייטשן. ערשט ווען די דייטשן זיינען שוין געווען גאַנץ נאָענט, איז שנעל פאַראייניקט געוואָרן אַ דראָט מיטן עלעקטרישן שטראָם. אַלע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. צי וועט עס אויפרייסן? . . .

אַ שטאַרקער קנאַל האָט זיך דערהערט. דאָס הויז, וואו די קאַמפס־גרופּע האָט געוואוינט, האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. אַ ריזיקער זייל שטויב האָט זיך אַ טראָג געטאָן אין דער לופטן. עס זיינען געפלויגן שטיקער ערד, הענט, פיס, דייטשישע העלמען, אויסגעמישט מיט גלאָז און האָלץ פון די דערבייאיקע הייזער. די ערד איז געווען צעאַקערט אין בערגלעך און גריבער. עס האָבן זיך געוואָלגערט צענדליקער פאַר־וואונדעטע און טויטע דייטשן.

די מינע, וועלכע די קאַמפס־אָרגאַניזאַציע האָט נאָך פון פריער פאַרלייגט אונטערן ברוק, האָט אין דער ריכטיקער צייט אויפגעריסן. אין עטלעכע שעה אַרום האָט די אומבאַשעדיקטע קאַמפס־גרופּע ווידער באַמערקט דייטשן. דאָס זיינען געווען העכערע ס. ס.־אָפיצירן, וואָס זיינען געקומען אויף אַן איינספּעקציע. זיי האָבן אויפגעהויבן שטיקלעך אייזן פון דער ערד, געקוקט, געדרייט עס אין אַלע זייטן און פאַר־חידושט געשאָקלט מיט די קעפּ.

— אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלעס — האָט ער באַמערקט און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

הגם די דייטשן זיינען, אין צווייטן טאָג פון אויפשטאַנד, געווען שוין פיל פאָרזיכטיקער ווי ביים אָנהייב פון קאַמף, איז דער מינע־אויפרייס געווען פאַר זיי אַ ביטערע איבעראַשונג. מיט אַ טאָג פריער, דעם 19־טן אַפּריל, צוויי בייגאַכט, האָבן זיי אַרומגעשטעלט דעם געטאָ־מויער מיט דייטשן, אוקראַינער, לעטן און פוילישע פּאָליצײַ. זיי האָבן זיך זייער פאָרזיכטיק צוגעגרייט צו דער לעצטער „אויסזידלונג". די וואַכן פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט טאָג און נאַכט געהיט יעדע באַוועגונג אַרום געטאָ־מויער, האָט באַמערקט די דאָזיקע שטילע הכנות. שנעל איז די יידישע קאַמפּס־קאָמענדאַנטור אינפאָרמירט געוואָרן וועגן דער געפאַר. עס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן באַפעלן, אינסטרוקציעס און גלייך האָבן אַלע קאַמפּס־גרופּן פאַרנומען זייערע פּאָזיציעס. איבער די געטאָ־גאַסן האָבן זיך שטיל געשלייכט קוריערן פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און געמאָלדן דער יידישער באַפעלקערונג וועגן דער „אַקציע", וואָס רוקט זיך אָן. די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע רופט אַלעמען — נישט לאָזן זיך אַרויספירן, נאָר שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

יידן האָבן אין דער נאַכט־פינצטערניש אָנגעהויבן אַריינקריכן אין די צוגעגרייטע באַהעלטענישן: אין קעלערס, בונקערס, אויף בוידעמער.

אין דער פרי האָבן דורך אַלע געטאָ־טויערן אָנגעהייבן אַריינמאַרשירן באַוואָפנטע דייטשישע קאָלומנעס. די געטאָ־גאַסן זיינען געווען ווי אָפּגעשטאָרבן. ווען אַ גרופּע דייטשן האָבן מיט זיכערן טראָט זיך דערנענטערט צו די גאַסן: נאַלעווקי־געגנשע, האָבן זיך אויף זייערע קעפּ פלוצלונג אַ שאָט געטאָן קוילן, גראַנאַטן און ברען־פלאַשן. דאָס האָט אַזוי זיי אויפגענומען די קאַמפּס־גרופּע פון זכריה אַרטשטיין. די יידישע קעמפער האָבן געשאָסן פון דער הויך, זייענדיק פאַרשטעקט הינטער די פענצטער, באַלקאָנען און מויערן. זיי האָבן געטראָפן אין ציל. די דייטשן האָבן נאָך אַ קורצן קאַמף געמוזט אָפּטרעטן. זיי זיינען אָבער צוריקגעקומען מיט פאַרשטאַרקונגען און עס האָט זיך ווידער אַנטוויקלט אַ העפטיקע שיסערײַ.

די דייטשן האָבן אָן אויפהער געשאָסן פון מאַשין־געווער. זיי האָבן אויפגעשטעלט אויף דער גאַס אַ באַריקאַדע און אויף אַזאַ אופן זיך געוואָלט באַשיצן פון די יידישע קוילן. עס האָט אָבער זיי ווייניק וואָס געהאָלפן. נאָך אַ לענגערן קאַמף האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צוריקציען, איבערלאָזנדיק אויף דער גאַס פיל הרוגים. קיינער פון דער קאַמפּס־גרופּע איז נישט אומגעקומען.

באַרוישט פון ערשטן גרויסן זיג איבערן שונא האָבן זיך די צעפּריידענע אויפשטענדלער איבערגעטראָגן אויף אַן אַנדער פּאָזיציע.

כמעט אין דערזעלבער צייט האָט אַ צווייטע דייטשישע קאָלומנע אַריינמאַרשירט אין געטאָ דורך זאַמענהאָף גאַס. ווי נאָר די דייטשן האָבן

זיך דערנענטערט צו מילע־זאַמענהאָף האָט זיי באַגעגנט אַ הילכיקע שיסעריי פון אַלע פיר זייטן גאַסן. דאָרטן האָבן זיך געפונען די קאַמפּס־גרופּן פון דודל האָכבערג, לייב גרוזאַלץ, מרדכי גראבאס (מערדעק), פאַוועל און בערעק. דער יידישער אָנגריף איז געמאַכט געוואָרן אַזוי האַסטיק און שטאַרק, אַז די דייטשן האָבן אין בהלה אָנגעהויבן זיך פאַרשטעקן אין די טויערן און געוועלבן פון די שכנותדיקע הייזער. זייערע באַהעלטענישן זיינען ווייט נישט געווען קיין זיכערע. די ברען־פלעשער, גראַנאַטן און באָמבעס, געוואָרפן פון די הייזער, האָבן צענדליקער דייטשן אַוועקגעלייגט אויפן אָרט. צעשראָקענע האָבן זיך די גוט־באַוואָפנטע זעלנער אָנגעהויבן צוריקרוקן. אָבער אויך אויפן וועג צוריק האָט מען זיי פאַרפאָלגט. די האָפנונגסלאָזע־לאַגע פון די דייטשישע איבערפאַלער האָבן געדאַרפט ראַטעווען דריי טאַנקען, וואָס זיינען אַריינגעפירט געוואָרן אין קאַמף. די אויפשטענדלער האָבן זיך נישט דערשראָקן. זיי האָבן ווייטער פאַרביסן געקעמפט, עקשנותדיק געשליידערט די גראַנאַטן און אָט האָט אַ גוט געצילטע ברען־פלאַש אָנגעצונדן אַ טאַנק, וואָס איז גלייך אַרומגענומען געוואָרן מיט פלאַמען. די אַנדערע צוויי טאַנקען דערווייטערן זיך פון די הייזער, זיי האָבן מורא עס זאָל זיי נישט טרעפן דער זעלביקער גורל. אונטערן האָגל פון קוילן אַנטלויפן די רעשטלעך פון דער גרויסער דייטשישער קאָלומנע, איבערלאָזנדיק אויף די גאַסן צענדליקער, צענדליקער טויטע. פון די אויפשטענדלער איז בלויז איין קעמפער געפאַלן — יחיאל.

דאָס ערשטע מאָל האָבן די געטאָ־קעמפער זוכה געווען צו זען אַזוי פיל געהרגעטע דייטשן און אויך דאָס ערשטע מאָל האָבן זיי מיט שטאָלץ און הנאה געקוקט אויף דער שרעקלעכער פאַניק, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די דייטשן.

אין זעלביקן טאָג איז אויך פאָרגעקומען אַ פאַרביסענער קאַמף אויף מוראַנאָווער פּלאַץ. נאָך אַ לאַנגען און שווערן געראַנגל איז געלונגען די אויפשטענדלער אָפּצושטויסן דאָרטן דעם שונא און נאָך צו דעראָבערן צוויי מאַשין־ביקסן. די דייטשן האָבן זיך צוריקגעצויגן פון געטאָ. דער ערשטער טאָג פון קאַמף איז געקרוינט געוואָרן מיט אַ פולשטענדיקן זיג פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אויך אויפן צווייטן טאָג האָבן די דייטשן געהאַט באַדייטנדיקע פאַרלוסטן. ווי שוין באַוואוסט האָט אין יענעם טאָג אויפגעריסן די מינע ביים בערשטער שאָפּ. די דייטשן האָבן שפּעטער אָנגעהויבן פאָרזיכטיק זיך אַריינשלייכן אויפן געביט פון בערשטער־שאָפּ און געוואָלט אַריינדרינגען אין די הייזער, זיי האָבן ווידער אָנגעטראָפן אַ העפטיקן ווידערשטאַנד און האָבן זיך געמוזט צוריקציען. ס'איז אוממעגלעך געווען פאַר די דייטשן זיך אַן עצה צו געבן מיט די אויפשטענדלער.

די יידן האָבן גוט געצילט, העלדיש געקעמפט און די גוט־געשולטע דייטשישע אַרמיי האָט נישט געקענט אויסהאַלטן אין אַן אָפענעם גאַסן־קאַמף. די גרויסע צאָל טויטע און פאַרוואונדעטע האָט זיי געוויזן, אַז נישט לייכט וועט זיי אָנקומען צו דערשטיקן דעם יידישן ווידערשטאַנד.



דייטשן באַשיסן פון דער אַרישער זייט מיט שווערע האַרמאַטן די געטאָ־הייזער פון וואַנען עס קומט דער יידישער ווידערשטאַנד.

מורא האָבנדיק אַריינצודרינגען טיף אין געטאָ אַריין האָבן די דייטשישע מערדער אָנגעווענדעט אַן אַנדער מעטאָדע פון קאַמף. זיי האָבן אָנגעהויבן באַשיסן דעם געטאָ פון דרויסן מיט שווערע אַרטילעריע, מיט קוילן־וואַרפערס, מיט ברענענדיקע צינד־באָמבעס, וואָס זיי האָבן געוואָרפן איבערן געטאָ פון עראָפּלאַנען. יעדער פונקט, פון וואַנען

עס איז געקומען דער ווידערשטאַנד, איז אונטערגעצונדן געוואָרן. דורך פייער און האַרמאַטן קוילן, דורך באָמבעס און מינעס האָבן זיי געוואָלט צווינגען די יידן זיך אונטערצוגעבן...

חבר אַבראַשא בלום, וואָס האָט אַליין געקעמפט אין געטאָ און שפּעטער זיך אויפגעהאַלטן אין מיין וואוינונג, האָט מיר געוויסע פאַקטן איבערגעגעבן וועגן יענע אימהדיקע טעג.

עס איז דאַן געווען אַזאַ העליש פייער אין געטאָ, אַז נאַכט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין העלן טאָג. עס האָבן זיך געריסן צום הימל ריזיקע פלאַמען און שוואַרצע קנוילן רויך. הייזער, גאַנצע גאַסן האָבן געפלאַקערט; עס האָט זיך כסדר געהערט דאָס קראַכן פון אָפּגעברענטע בעלקעס און דאָס פאַלן פון שטיקער מויערן און שויבן. דאָס פייער, דער שטיקנדיקער רויך, דער צעגליטער אַספאַלט און די שרעקלעכע היץ, האָט געטריבן די יידן פון די באַהעלטענישן, פון די הייזער, פון די הויפן און פון די גאַסן. מען האָט זיך געוואָלט ראַטעווען. פרויען, מענער און קינדער זיינען געשפּרונגען פון ברענענדיקע פענצטער, געלאָפן דורך גליענדיקע חורבות, געזוכט אַ שטיקל פריי אָרט וואו מען זאָל כאָטש קענען אָטעמען. וואו איז אָבער געווען צו לויפן? אַז אַרום און אַרום האָט געברענט...

דאָס פייער האָט פאַרשלונגען אַלץ מער און מער פרישע שטחים צוזאַמען מיט די לעבעדיקע יידן... נישט געווען קיין וואַסער צום לעשן. די דייטשן האָבן אָפּגעשטעלט דעם צופלוס פון וואַסער און עלעקטריע אין געטאָ.

די הילפס־רופן פון די אַרומגעכאַפּטע מיט פלאַמען האָבן געמאַכט גליווערן דאָס בלוט. די דאָזיקע רופן זיינען בלויז פון צייט צו צייט פאַר־טויבט געוואָרן פון דער קנאַלערייי פונעם דייטשישן מאַשין־געווער.

די אויפשטענדלער זיינען אין די דאָזיקע טעג אַרונטער אונטער דער ערד אין בונקערס און פון דאָרטן ווייטער פאָרגעזעצט דעם קאַמף.

קליינע קאַמפס־פּאַטרולן פלעגן זיך אין דער נאַכט שלייכן דורך רויכערנדיקע הייזער צום שונא׳ס פּאָסטן. די דייטשן האָבן זיך ווייניק געוויזן. כדי מיט זיי צו קעמפן האָבן די אויפשטענדלער געמוזט זיי זוכן און קוים האָט מען זיך יאָ געטראָפן מיטן פיינט, איז ווער עס האָט באַוויזן פריער צו שיסן, דער איז געווען דער זיגער.

מלך פערעלמאַן, וואָס האָט געקעמפט אין צענטראַלן געטאָ אין דער גרופּע פון גרוזאַלצן, האָט אָנגעפירט מיט אַ גרופּע, וואָס איז אַרויס ביינאַכט אויסצופירן אַן אָנפאַרטרויטע מיסיע. פּלוצלונג האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף דייטשן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ העפטיקע שיסעריי פון ביידע זייטן. נאָך עטלעכע מינוטן איז שטיל געוואָרן. די דייטשן זיינען פאַרשוואונדן, אָבער צוויי יידישע קעמפער זיינען געפאַלן

און אויך זייער קאָמענדאַנט — מלך פערעלמאַן איז פאַרוואונדעט גע־וואָרן אין בויך. אַ צייט איז מלך געלעגן אויף דער ערד. ווען די שטילקייט האָט אַלץ אָנגעהאַלטן האָט דער פאַרוואונדעטער קעמפער צוגענומען דאָס געווער פון זיינע געפאַלענע חברים און עס ערגעץ פאַרשטעקט. אַליין, צוהאַלטנדיק זיך מיט די הענט דעם בויך, די געדערים זאָלן נישט אַרויס, האָט ער זיך קוים דערשלעפּט צוריק צום אָרט, וואו עס האָט זיך געפונען דער בונקער פון זיינע קאַמפּס־חברים.

צוליב דער שווערער וואונד האָט מען דעם פאַרוואונדעטן קאָמענ־דאַנט נישט געקענט אַריינגעמען אין בונקער אַריין. מען האָט אים אַנידערגעלייגט אין אַ שכנותדיקן הויז און געלאָזן נעבן אים אַ וואַך. עטלעכע מאָל האָט דער פאַרוואונדעטער זיך געבעטן מען זאָל אים דערשיסן, קיינער פון זיינע חברים איז אָבער נישט געווען בכוח אויס־צופירן זיין פאַרלאַנג. פלוצלונג האָט די וואַך באַמערקט ווי עס דער־נענטערן זיך דייטשן. דער פאַרוואונדעטער קעמפער איז צוגעשטאַנען צו זיינע חברים, זיי געבעטן זיי זאָלן ביי אים צונעמען דאָס געווער און תיכף זיך אומקערן אין בונקער אַריין. דערביי האָט ער באַמערקט, אַז זיין רעוואָלווער קען נאָך אין קאַמף צונוץ קומען. ער איז אַליין געבליבן...

די דייטשן זיינען נאָענט צוגעקומען צום הויז, האָבן מורא געהאַט אַריינצוגיין און האָבן דאָס הויז אונטערגעצונדן און — מלך פערעלמאַן, דער יונגער גרופּן־קאָמענדאַט, איז לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן...

נישט ווייט פון ברענענדיקן הויז אויף שוויענטאָיערסקע 30 האָט זיך געפונען דער בונקער, וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן די קאַמפּס־גרופּן פון בערשטער־שאָפּ און נאָך פיל אַנדערע יידן. פלוצלונג איז אויסגעבראָכן אַ שטאַרקע שיסעריי, די דייטשן האָבן אַטאַקירט דעם בונקער. שוין דאָס צווייטע מאָל ווי זיי גרייפן אָן. איין מאָל האָבן שוין די אויפשטענדלער אין אַ העלדישן קאַמף זיי אָפּגעשטויסן, זיי זיינען אָבער געקומען צוריק מיט פאַרשטאַרקונגען. דער הויפּט־אַריינ־גאַנג פון בונקער ווערט שטאַרק באַשאָסן מיט מאַשין־געווער און באַ־וואָרפן מיט גראַנאַטן. בערעק שניידמיל ווערט פון אַ גראַנאַט שווער פאַרוואונדעט. יידן פּרואוון דורך זייטיקע אַרויסגענג פאַרלאָזן דעם בונקער. די קעמפער בלייבן אויף די ערטער, זיי דאַרפן דעם אָנגריף איינהאַלטן. און אָט הייבן זיך אָן אומצוקערן וואַקלענדיקע יידן... עס שטויסט אויף צוריק — דער גאַז!...

נישט קענענדיק באַהערשן דעם בונקער, האָט דער דייטש אַהין אַריינגעלאָזט גאַז. יידן שטיקן זיך. די שיסעריי פון דרויסן הערט נישט אויף. אַ האָפנונגסלאָזע לאַגע...

אַ באַפעל פון קאָמענדאַנט מאַרעק עדעלמאַן און קעמפער שפּרינגען שנעל אַרויס דורך אַ זייטיקער עפענונג גלייך אויף די שיסנדיקע דייטשן.

אויף אַן אָפענעם פּלאַץ, פּנים אל פּנים מיטן שונא, אַנטוויקלט זיך אַ פאַר־ביסענער קאַמף. די שיסעריי איז אַ העפטיקע, די אויפשטענדלער, כאָטש קליין אין צאָל, און פיל ערגער באַוואָפנט, טרעטן נישט אָפּ פון די ערטער, זיי שיסן מיט די לעצטע קוילן. יורעק בלאָנעס, פירער פון אַ קאַמפס־גרופּע שיסט פאַרעקשנט. עס פאַרפעלן אים קוילן. ער בלייבט אַ סעקונדע שטיין מיטן ליידיקן רעוואָלווער אין האַנט. גלייך בייגט ער זיך איין צו דער ערד, שלייכט זיך שנעל צו צו דעם נאָר־וואָס געפאַלענעם סטאַשיאָ ברילאַנטשטיין, כאַפּט דעם רעוואָלווער פון טויטן חבר׳ס האַנט און שיסט ווייטער. אַ לאַנגע צייט האָט געדויערט דער קאַמף. די דייטשן האָבן זיך איינגעבראָכן און צוריקגעצויגן. זיי איז זיכער גאָרנישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז די אויפשטענדלער האָבן זיך פאַרטיידיקט מיט די לעצטע קוילן.

דער בונקער איז געבליבן פריי. ביז עס וועלן אָנקומען דייט־שישע פאַרשטאַרקונגען, האָבן די יידן דערווייל זיך געקענט ראַטעווען.

אויך אַ צווייטער בונקער, אויף מילע 29, וואו עס האָבן זיך געפונען אייניקע קאַמפס־גרופּן, איז פּלוצלונג אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דייטשן. די דייטשן האָבן אויפגעפאָדערט די יידן זיי זאָלן תיכף אַרויס־גיין. קיינער האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן. דערווייל האָבן די דייטשן דורך וואַרפן אַ גראַנאַט זיך געשאַפן אַן עפענונג אין בונקער אַריין. דורך דער עפענונג האָבן זיי כסדר געשאָסן. אין בונקער איז געוואָרן אַ שטאַרקע מהומה. לייב גרוזאַלץ האָט גערופן די חברים אַרויסצוגיין אין קאַמף, ער האָט דער ערשטער פּרובירט אַרויסצוקריכן דורך דער בונקער־עפענונג און איז דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. דער שונא האָט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער אַטאַקירט די עפענונג.

כדי מען זאָל קענען זיך ראַטעווען דורך אַ זייטיקן אַרויסגאַנג, האָט מען געמוזט פאַרהאַלטן דעם דייטש׳ס אָנגריף, — כאָטש אויף עטלעכע מינוט.

דודל האָכבערג, אַ נייַנצן־יאָריקער פירער פון אַ קאַמפס־גרופּע, וואָס האָט צוזאַמען מיט זיין נאָר־וואָס דערשאָסענעם חבר גרוזאַלץ זיך אויסגעצייכנט נאָך אין ערשטן טאָג פון אויפשטאַנד, אין דעם גאַסן־קאַמף אויף מילע־זאַמענהאָף, האָט אַליין באַשלאָסן צו ראַטעווען די לאַגע. ער האָט זיך געזעגנט מיט זיינע קאַמפס־חברים, אָפּגעגעבן זיין רעוואָלווער צו זיין נאָענטסטן חבר בערל טאַסנקרויט און האָט אַליין מיט זיין אייגענעם קערפּער פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג פון בונקער, וואו די דייטשן האָבן אַמשטאַרקסטן אַטאַקירט. די דייטשישע בעסטיעס האָבן אים אַזוי אַ ליגנדיקן, דערשאָסן. עס האָט געדויערט אַ ביסל צייט, ביז זיי האָבן געקאָנט דעם טויטן קערפּער פון דודל האָכבערג אַוועקרוקן פון דער עפענונג. דורך דער צייט האָבן אָבער די חברים פון דעם אַזוי

געטרײַען קאָמענדאַנט באַוויזן צוריקציען זיך פונעם בונקער. אַזוי האָט דודל האָכבערג אָפּגעראַטעוועט די ייִדן פון בונקער אויף מילע 29, פון אַ זיכערן טויט.

דער ווידערשטאַנד פון די ייִדן האָט זיך אָבער ווײַט נישט באַגרע־נעצט בלויז מיטן צענטראַלן געטאָ. אויך אויף די געביטן פון די שעפּער: שולץ, טעבענס, רעריך, שילינג, וואָס זײַנען געווען אויף די גאַסן נאַוואָליפּקי, נאַוואָליפּיע, סמאָטשע און לעשנע האָבן זיך אויך געפונען קאַמפּס־גרופּן.

זיגמונט איגלאַ, דער געראַטעוועטער אויפשטענדלער, וואָס האָט געקעמפט אויפן געביט פון שולצ׳ס שאָפּ האָט אין די שפּעטערדיקע געשפּרעכן מיר דערציילט:

דאָס אומטערצינדן און ברענען פון דעם צענטראַלן געטאָ, האָט לויט דער דײַטשישער אויסרעכענונג געדאַרפט אָנלערנען און צווינגען די ייִדן פון די שעפּער פרײַוויליק זיך צו שטעלן צום אַרויספירן. די דײַטשישע אינדוסטריעלער האָבן טאָקע עפנטלעך מודיע געווען, אַז ביז אַ געוויסן טערמין קענען ייִדן פרײַ זיך באַוועגן אין גאַס, אײַנפּאַקן די זאַכן און זיך צושטעלן צו די שעפּער, פון דאָרטן וועלן זיי ווערן אַרויס־געפירט אין לאַגערן. אַ צאָל איבערגעשראָקענע און אײַנגעבראָכענע ייִדן האָבן געהאָרכט דעם רוף. די קאַמפּס־גרופּן, וואָס זײַנען גרייט געווען ווײַטער צו פאַרבלײַבן אין געטאָ און זיך נישט לאָזן נעמען, האָבן אָבער די דאָזיקע פרײַע טעג אויסגענוצט פאַר אייגענע פאַרשיידענע אַרבעטן. מאיר שוואַרץ און העניעק קלײַנוויס זײַנען בעת אַן אָנפאַרטרויטע מיסיע פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון די דײַטשן און אָפּגעפירט געוואָרן אויף אַ פאַבריקס־פּונקט, וואו עס האָבן זיך גע־זאַמלט ייִדן צום אַרויספאָרן. בײדע אויפשטענדלער האָבן זיך נישט פאַרלוירן; זיי זײַנען צוגעגאַנגען צום שאָפּ אייגנטימער, אָפּאַליאַן, און אים געמאָלדן, אַז זיי האָבן אַ באַהאַלטענע משפּחה, וואָס וויל אויך אַרויס־פאָרן, זיי האָבן געבעטן, מען זאָל זיי דערלויבן די מענטשן צו ברענגען. אָפּאַליאַן האָט עס איבערגעגעבן די דײַטשן און די לעצטע זײַנען מסכּים געווען. שוואַרץ מיט העניעקן זײַנען צוזאַמען מיט צוויי דײַטשן אַוועק ווײַזן די באַהעלטעניש. זיי האָבן זיך אַרײַנגעדרייט אין אַ טונקעלן טויער און אײדער די צוויי זשאַנדאַרמען האָבן באַוויזן צו אָריענטירן זיך, זײַנען געפאַלן עטלעכע טרעפלעכע שאָסן. די זשאַנדאַרמען זײַנען געבליבן ליגן טויט. בײדע אויפשטענדלער האָבן שנעל אַראָפּגעצויגן דאָס געווער פון די דערשאָסענע און ערשט דאַן דורך בוידעמער זיך צוריקגעקערט צו זייער קאַמפּס־גרופּע.

עס איז אַדורך די צײַט פון פרײַען צושטעלן זיך, און די דײַטשן האָבן אָנגעהויבן מיט געוואַלד דורכפירן די ווײַטערדיקע דעפּאָרטאַציע.

און דאָ, פונקט ווי אין געטאָ, האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַ עקשנותדיקן ווידערשטאַנד.

עס האָבן געקעמפט ביי אַ צענדליק באַוואָפנטע גרופן פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע: אין די הייזער לעשנאָ 74 — די גרופּע פון העניאַק קאַווא, לעשנאָ 76 — פון אליעזר געלער, נאַוואָליפּיע 67 — פון נאָוואָדוואָרסקי, סמאָטשע 8־10 — פון וועלוול ראָזאָווסקי, נאָוואָ־ליפּקי 40 — פון שלמה ווינאָגראַן און אין נאָך אַ גאַנצע ריי אַנדערע הייזער האָבן זיך געפונען קאַמפּס־גרייטע גרופּן. צווישן אַט די גרופּן איז אָנגעהאַלטן געוואָרן אַ כסדרדיקער קאָנטאַקט.

אונטער אַ האָגל פון קוילן פלעגן אומצייליקע מאָל זיך שלייכן דרייסטע קוריערן פון איין הויז אין צווייטן, פונאַנדערטראָגן אינסטרוק־ציעס, ברענגען באַריכטן און פאַרבינדן איין אָפּטרעטנדיקע גרופּע מיט דער צווייטער. אין די דאָזיקע פאַראַנטוואָרטלעכע שליחותן האָבן זיך אויסגעצייכנט מאיר שוואַרץ, לילית, טאָבטשע דאַווידאָוויטש און נאָך אַנדערע.

ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין די הייזער, האָבן די גרופּן זיי אויפגענומען מיט האַנט־גראַנאַטן, באָמבעס און ברען־פלאַשן. אַזוי האָט וועלוול ראָזאָווסקי און שלאָמעק שוסטער אַרויפגע־וואָרפן צוויי שווערע באָמבעס אויף אַ דייטשישן וואָגן מיט זשאַנדאַרמען. אַזוי האָט אויך אליעזר געלער געוואָרפן אַ באָמבע אויף אַ מאַרשירנדיקע דייטשישע קאָלומנע.

אין איינעם אַזאַ פאַרביסענעם קאַמף איז די גרופּע פון אליעזר געלער אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זייטן. די דייטשישע מערדער האָט זיך איינגעגעבן אַריינצוקריגן אין הויז, פון וואַנען עס איז געקומען דער ווידערשטאַנד. די אויפשטענדלער האָבן געשליידערט דורך די פענצטער גראַנאַטן און ברען־פלאַשן און נישט אויפגעהערט צו שיסן אויף די אָנגרייפער, וואָס האָבן פּרובירט אַרויפצוגיין אויף די שטיגן, וואו עס האָט זיך געפונען די קאַמפּס־פּאָזיציע. קיינער פון די קעמפער האָט נישט געוואָלט אַריינפאַלן אין די הענט פון שונא. זיינען זיי געלאָפן פון שטאָק צו שטאָק און מיט אַ מאָל האָבן זיי זיך געפונען אויף אַן אָרט אָן אַן אויסוועג. פון אומעטום האָבן געלויערט די חיהשע מערדער. שנעל איז פאַרבאַריקאַדירט געוואָרן די וואוינונג, וואו עס האָט זיך געפו־נען די קאַמפּס־גרופּע און אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן גיך אַראָפּצולאָזן מיט אַ שטריק דורך אַ פענצטער פון צווייטן שטאָק. אייניקע איז געלונגען אויף אַזאַ אופן זיך צו ראַטעווען.

שימעק העלער, אַ דרייסטער קעמפער, וואָס האָט זיך אויסגעצ־ייכנט אין שיסן אויף דייטשן, האָט שוין לײדער נישט באַוויזן זיך אַרונטערצולאָזן, די שטריק איז איבערגעריסן געוואָרן, ער איז געשפּרונגען

פון צווייטן שטאָק און אין דער לופטן געטראָפן געוואָרן פון אַ דייטשישער קויל.

אויך אויף דעם געביט פון די שעפּער הייבן זיך אָן שרפות. דייטשן צינדן אונטער גאַנצע הייזער, בלאָקן. אויך די אויפשטענדלער לאָזן אַוועק מיטן פייער רייכע דייטשישע מאַגאַזינען. דער פלאַם נעמט אַרום אַלץ פרישע און פרישע גאַסן. צוליבן פייער און שטיקנדיקן רויך מוזן די קעמפער זיך צוריקציען פון יעדער פּאָזיציע.

דעם 29־טן אַפּריל געלינגט אַ גרופּע פון קרוב פערציק מאַן אונטער דער אָנפירונג פון אליעזר געלער, דורך אָן אונטערערדישן „דורכקאַפּ" אַרויסצוקריגן זיך אויף דער אַרישער זייט.

אויף אַגראַדאָווע 27 צווינגען די אויפשטענדלער מיט געווער אין האַנט דעם הויז־וועכטער, ער זאָל זיי אַרויפלאָזן אויפן בוידעם.

דער קאַמף אָבער אין צענטראַלן געטאָ האַלט ווייטער אָן. אין שוואַרצע קנוילן רויך, אין שטיקנדיקער היץ, אַרומגערינגלט אין אַ ים פון פלאַמען לעבן נאָך און קעמפן נאָך יידן. שוין ווייניק אין צאָל, אויך ווייניק אַמוניציע איז פאַרבליבן. שוואַך זיינען די כוחות. נישטאָ קיין עסן, נישטאָ וואָס צו טרינקען, דאָך ראַנגלט מען זיך ווייטער. אַרום איז פייער און פייער!... אַ טשאַד פון אָפּגעברענטע הייזער און פאַרקוילטע קערפּערס... און צווישן די אָפּגעריסענע פאַרסמאַליעטע מויערן, צווישן די גליִענדיקע חורבות, וואו עס וואַלגערן זיך מתים, באַוועגן זיך לעבעדיקע סקעלעטן... די רעשטלעך געטאָ־יידן. זיי אָטעמען נאָך, זיי וואַרטן נאָך אויף עפּעס און... זיי שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

דער ווידערשטאַנד געדויערט שוין באַלענט צו דריי וואָכן. ביי די מיסט־קלייבערס אין בונקער אויף מילע 18 געפינען זיך ביי הונדערט און צוואַנציק יידישע קעמפער צוזאַמען מיטן הויפּט־שטאַב פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דאָרטן געפינט זיך אויך דער הויפּט קאָמענדאַנט — מ ר ד כ י א נ י ל ע ו ו י ט ש. דער שטאַב אַרבעט נאָך. מען גיט נאָך אַרויס אינסטרוקציעס. מען שיקט אַרויס שליחים, וואָס דאַרפן אָנקניפּן קאָנטאַקטן מיט דער אויסערלעכער וועלט. אָבער אָן דערפאָלג, האָפענונגסלאָז איז די לאַגע. פון ערגעץ קיין סימן פון קיין רעטונג... מען וואַרט, מען וואַרט אויפן אומפאַרמיידלעכן סוף!...

אָבער ניין, זיי איז געגעבן געוואָרן גאָר אַן אַנדער טויט, אַ טויט, וואָס האָט זיי נאָך מער דערהויבן און פאַרהייליקט אין די אויגן פון די לעבנגעבליבענע יידן.

דעם אַכטן מאַי בייטאָג האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט דעם בונקער אויף מילע 18. זיי האָבן אויפגעפאָדערט אַלעמען גלייך אַרויסצוגיין פון בונקער. די שמאַטע־קליבערס האָבן זייער רוף געהערט און אַרויס. די קעמפער זיינען געבליבן אין בונקער. מיט געווער אין האַנט זיינען

אַלע געשטאַנען גרייט אויפצונעמען דעם קאַמף. די דייטשן האָבן אָבער מורא געהאַט זיך אַרונטערצולאָזן. זיי האָבן אַריינגעלאָזט אין בונקער גאַז און גלייך נאָכדעם אָנגעהויבן צו באַוואַרפן דאָס אָרט מיט גראַנאַטן. די קעמפער האָבן צוריק געענטפערט מיט פייער. לאַנג אָבער קעמפן האָבן זיי נישט געקענט. דער גאַז האָט אַלץ מער און מער אָנגעפּאַנגען אַריינדרינגען און די אויפשטענדלער האָבן זיך אָנגעהויבן שטיקן. קיינער האָט אָבער נישט געוואָלט לעבעדיקערהייט אַריינפאַלן אין די הענט פון דעם פאַרשאָלטענעם פיינט.

אין בונקער האָט זיך געהערט אַ שיסעריי; דאָס האָבן די אויפשטענדלער געשאָסן צו זיך אַליין. דער ערשטער האָט גערופן צו זעלבסטמאָרד אריה ווילנער. אים האָבן נאָכגעפאָלגט די איבעריקע. די יידישע קעמפער האָבן זיך אַליין דאָס לעבן גענומען. בלויז 21 מאַן איז דורך אַ נס געלונגען צו געפינען אַ זייטיקן דורכגאַנג און זיך אַרויסצוקריגן אין דרויסן.

אַזוי האָבן פאַרענדיקט זייער לעבן די, וואָס האָבן מיט זייער עקשנותדיקן ווילן, מיט זייער דרייסטקייט, מיט זייער דערהויבנקייט מיטגעריסן די געטאָ־יידן און געוויזן זיי דעם וועג פון ווידערשטאַנד, דעם וועג פון קאַמף. עס איז אומגעקומען דער גרעסטער טייל פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און צוזאַמען מיט זיי טויזנטער, טויזנטער יידן...

וועט מען דען קענען אַמאָל אויסרעכענען די צאָל פון אונדזערע קדושים? וועט מען דען קענען ברענגען פאַר דער וועלט דאָס גאַנצע בילד פון דער יידישער גבורה, די העלדישע טאַטן פון די יידן פון פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען, פון פאַרשיידענע שיכטן? אין די טעג פון פיינלעכן גראַנגל, פון העראָאישן ווידערשטאַנד אין די לעצטע גסיסה־טעג פון וואַרשעווער געטאָ זיינען פּאַראייניקט געוואָרן די, וואָס זיינען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט, די, וואָס זיינען אומגעקומען אין די באַהעלטענישן און בונקערס און די, וואָס זיינען העלדיש געפאַלן אין אומגלייכן קאַמף — פאַראייניקט געוואָרן דורך איין ווילן אַנטקעגנצושטעלן זיך, נישט לאָזן זיך אַרויספירן, אומצוקומען מיט ווירדע און כבוד!...

***

דער דייטשישער ס.ס.־גענעראַל סטרופּ, דער פאַרניכטער פון וואַרשעווער געטאָ, האָט אין אַ באַריכט צו זיין העכערער אָנפירונג געמאָלדן, אַז דער וואַרשעווער אויפשטאַנד איז ליקווידירט געוואָרן דעם 16־טן מאַי 1943. אָבער דאָס איז נישט ריכטיק. אַפילו נאָכן אומקום פון הויפּט־שטאַב, נאָכדעם ווי עס האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט נאָך פופציק קעמפער דורך די קאַנאַליזאַציע רערן אויף דער אַרישער זייט, זיינען

אין געטאָ נאָך אַלץ געבליבן קאַמפּס־גרופּן און ציווילע יידן, וועלכע האָבן פאַרגעזעצט דעם קאַמף. לאַנגע וואָכן האָבן זיך נאָך געהערט פון געטאָ איינצלנע שאָסן. לאַנגע וואָכן האָבן דייטשן אויפגעריסן בונקערס, אַרויס־געשלעפּט באַהאַלטענע יידן און זיי אַרויסגעפירט.

דער וואַרשעווער אויפשטאַנד איז איינגעשטילט געוואָרן ערשט מיטן אומקום פון לעצטן קעמפנדיקן געטאָ־ייד.



מרדכי אנילעוויטש, יונגער הויפּט־קאָמענדאַנט פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

## דער לעצטער בריוו פון די קאַמפּס־פּאָזיציעס אין געטאָ

אויפן פינפטן טאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד האָט פון די קאַמפּס־פּאָזיציעס דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, מרדכי אַנילעוויטש, אַרויסגעשיקט אַ בריוו צו זיין פאַרטרעטער **אויף דער** אַרישער זייט. דאָ קומט ווייטער דער ווערטערלעכע טעקסט פונעם בריוו, וועלכער שפּיגלט אפשר צום בעסטן אָפּ די געפילן פון וואונדער־לעכן שטאָלץ און זעלטענער דערהויבונג, מיט וועלכער די געטאָ־אויפ־שטענדלער זיינען געגאַנגען צום קאַמף און צום טויט. אַנילעוויטש האָט געשריבן:

„דאָס וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, קען מען מיט קיין ווערטער

נישט באַשרייבן. מיר גיבן זיך אָפּ אַ דין־וחשבון, אַז דאָס וואָס איז געשען, שטייגט אַריבער אונדזער דרייסטע טרוימען.

די דייטשן זיינען צוויי מאָל געצוואונגען געווען צו אַנטלויפן פון געטאָ. איינע פון אונדזערע אָפּטיילונגען האָט אויסגעהאַלטן אויף איר פּאָזיציע 40 מינוט. אַ צווייטע אָפּטיילונג — 6 שעה. אַ מינע וואָס מיר האָבן פאַרלייגט אויפן געביט פון בערשטער־פאַבריקן האָט אויפגעריסן. עטלעכע פון אונדזער אָפּטיילונג האָבן אַטאַקירט די דייטשן און זיי פאַרטריבן. אונדזערע פאַרלוסטן פון מענטשן זיינען מינימאַלע, דאָס איז אויך אַ זיג! י. איז ביים מאַשין ביקס אומגעקו־מען מיט אַ העלדישן טויט. איך האָב דאָס געפיל, אַז מיר מאַכן אַ גרויסע זאַך. אַז דאָס, אויף וואָס מיר האָבן געוואַרט, האָט אַ דער־הויבענע באַדייטונג.

אָנהייבנדיק פון היינטיקן טאָג, גייען מיר אַריבער אויף אַ טאַקטיק פון פּאַרטיזאַנען־קאַמף. היינט ביינאַכט גייען אַרויס דריי קאַמפּס־אָפּטיילונגען. זיי האָבן צוויי אויפגאַבן: אויסשפּיר און געווער דעראָ־בערונג. געדענקט, דאָס קורץ געווער האָט פאַר אונדז נישט קיין שום באַדייטונג. מיר באַנוצן עס זעלטן. מיר ברויכן דרינגענד: גראַנאַטן, ביקסן, מאַשין־ביקסן און אויפרייס מאַטעריאַלן.

עס איז נישט מעגלעך צו באַשרייבן, אין וואָס פאַרא באַדינ־גונגען עס לעבן די יידן אין געטאָ. נאָר איינצלנע וועלן עס קענען איבערטראָגן, אַלע איבעריקע וועלן פריער אָדער שפּעטער אומקומען. זייער גורל איז געחתמעט. כמעט אין אַלע בונקערס, וואו עס באַ־האַלטן זיך אויס טויזנטער יידן, קען מען קיין ליכט נישט אָנצינדן, ווייל עס פעלט לופט.

זיי געזונט, טייערער, אפשר וועלן מיר זיך נאָך טרעפן! דער טרוים פון מיין לעבן איז שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן. די יידישע זעלבסטשוץ אין געטאָ איז געוואָרן אַ פאַקט. דער יידישער באַוואָפנ־טער ווידערשטאַנד איז צושטאַנד געקומען. איך בין דער עדות פון די דערהויבענע העראָישע קאַמפן פון די יידישע אויפשטאַנדלער.

**מרדכי אַנילעוויטש.**

געטאָ, 23־טן אַפּריל 1943.״

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

# אַבראַשאַ בלום

די שיסעריי אין געטאָ האָט אויפגעהערט. עס האָבן זיך אויסגעלאָשן די שרפות. פּוסט און שטום קוקן אַרויס פון הינטער די געטאָ־מויערן פאַרברענטע, אַראָפּגעריסענע הייזער. פון צייט צו צייט הערן זיך שטאַרקע דעטאָנאַציעס פון עקספּלאָדירנדיקע מינעס. דאָס פאַרניכטן די דייטשן די געפונענע בונקערס אין געטאָ. דער וואַרשעווער געטאָ איז ליקווידירט...

וואָס זיינען מיר, — אַ קליין הייפל איבערגעבליבענע, אָן די יידן אין געטאָ? דער געטאָ איז דאָך געווען די נשמה פון דער גאַנצער אַרבעט! דאָס איז געווען די טרייב־קראַפט צו אַלע אונדזערע אָנשטרענגונגען. מיר האָבן געלעבט און געפיבערט מיט אַלץ, וואָס איז פאַרגעקומען הינטער די געטאָ־מויערן. מיר האָבן זיך געקלאַמערט אַרום די געציילטע, איבערגעבליבענע געטאָ־חברים, אַרום דעם געמיינזאַמען שטאַרקן געפיל, וועלכער האָט אונדז אַלעמען פאַראייניקט — נ ק מ ה!!

איצט איז דאָס אַלץ אַוועק... וואָס בלייבט אונדז?!

מיר מוזן אָבער דערשטיקן אין זיך די יאוש־שטימונגען. ווייטער טראָגן הילף און באַשיצן דאָס לעבן פון דעם ביסל געראַטעוועטע יידן. דאָס איז איצט אונדזער אויפגאַבע.

דער דייטשישער טעראָר האָט זיך איצט נאָך מער פאַרשטאַרקט. די וואַרשעווער גאַסן זיינען געוואָרן מיט פּאַטרולירנדיקע זשאַנדאַרמען, ס. ס. און געשטאַפּאָ. איבער דער שטאָט זיינען אַרומגעפאָרן לאַסט־אויטאָס מיט באַוואָפנטע דייטשן. אָן אויפהער פלעגן פאָרקומען אין פּוילישע הייזער רעוויזיעס און אַרעסטן. אויף די מויערן זיינען אויפגעקלעפּט געוואָרן גרויסע פּלאַקאַטן, וואָס האָבן געוואָרנט פאַר דער „יידן געפאַר": יעדער אַנגעטראָפענער ייד מוז תיכף צוגעשטעלט ווערן צו דער פּאָליציי; די פּאָליאַקן, וואָס וועלן אַרויסווייזן הילף און באַהאַלטן יידן, וועלן דערשאָסן ווערן. ווי אַ וואָרענונג האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן אַ הויז אויף פּלאַץ קאַזשימיעזשא און אויסגעשאָסן אַ גאַנצע קריסטלעכע פאַמיליע, ביי וועמען מען האָט געטראָפן יידן. די

פּאָליאַקן זיינען געווען שטאַרק איבערגעשראָקן. זיי האָבן נאָך געהאַט פאַר די אויגן, דאָס בילד פון ברענענדיקן געטאָ. — פון די דייטשן קאָן מען אַלץ דערוואַרטן — פלעגן זיי מיט מורא איבערחזרן.

און פון זיך זעלבסט, אָן ספּעציעלע פאַראָרדענונגען האָבן אָנגע־הויבן אַנטשטיין אין די פּוילישע הייזער שוץ־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו פאַרהיטן דאָס הויז פון אַ „אומגליק״ — פון יידן. די דאָזיקע קאָמיטעטן פון די פּאָליאַקן גופא זיינען געווען די גרעסטע שטערונג אין אונדזער אומלעגאַלער הילפס־אַרבעט. זיי פלעגן היטן דעם טויער, אַז קיין פרעמדער זאָל זיך נישט אַריינקריגן אומבאַ־מערקט. זיי זיינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער פּוילישער פּאָליציי.

צוליב אָט די מניעות איז אין ערשטן מאָמענט, געווען אומ־מעגלעך צו געפינען אַ פּאַסיקע דירה פאַרן חבר אַבראַשא בלום, ווען ער איז נאָך עטלעכע טעג צוריקגעקומען פון וואַלד און זיך געשטעלט צו דער אומלעגאַלער אַרבעט אויף דער אַרישער זייט.

איך האָב פאַרנומען אַ קליין צימערל אויפן פערטן שטאָק, אויף באַראַקאָווע 2. דער פאַקטישער באַלעבאָס פון דעם צימער איז געווען אַן אָרענטלעכער פּאָליאַק, סטעפאַן ביעשוויאַרקי, ער האָט געוואוסט ווער איך בין און האָט אָפּט אפילו אונדז געהאָלפן אין דער אַרבעט. אין מיין דירה האָט זיך געזאָלט אויפהאַלטן אַ קורצע צייט אַבראַשע בלום.

חבר אַבראַשאַ בלום האָט אָנגעפירט די גאַנצע צייט מיט דער אונטערערדישער בונדישער אַרבעט. ער איז געווען דער שעפער און די נשמה פון די בונדישע קאַמפּס־גרופּן. ער האָט געגרייט און אָרגאַ־ניזירט דעם ווידערשטאַנד און האָט זיך אין אים אַליין באַטייליקט. ער האָט צוזאַמען מיט די לעצטע געראַטעוועטע קאַמפּס־גרופּן, זיך אַרויס־געקראָגן דורכן קאַנאַל אויף דער אַרישער זייט. עטלעכע טעג איז ער געווען אויסבאַהאַלטן אין קאַמפּינאָווער וואַלד, דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט אַ קריסט, וואָס האָט אים געהאָלפן קומען קיין וואַרשע. זיין טיפּיש יידישער אויסזען האָט אים געשטערט זיך פריי צו באַוועגן אויף דער גאַס. ער האָט געמוזט זיך באַטייליקן אין דער אַרבעט, זיצנדיק אין שטוב.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב זיך געפילט שטאָלץ, וואָס ביי מיר וועט כאָטש אַ קורצע צייט זיך אויפהאַלטן חבר אַבראַשע. צו האָבן אַזאַ נאָענטן און האַרציקן גאַסט איז פאַר מיר געווען אַ פרייד.

אַבראַשע האָט זיך וויניק וואָס געהאַט געענדערט. ער איז געווען בלויז אויסגעמאָגערט. די ליפּן צעהאַקט פון היץ, אָבער די האַלטונג די זעלביקע — אַן איינגעהאַלטענע, אַ רואיקע. מען האָט אויף אים נישט געקאָנט דערקענען קיין סימנים פון די שווערע טעג, וואָס ער האָט



ח׳ אבראַשאַ בלום, די לעגענדע פון וואַרשעווער געטאָ.

דורכגעמאַכט אין ברענענדיקן געטאָ. ער האָט אויך אומדערמידלעך געאַר־בעט, געליַיענט, געשריבן, אָדער אָפּגעהאַלטן לאַנג־שעהאיקע קאָנפע־רענצן מיט די מיטגלידער פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט, וואָס פלעגן צו אים אַרויפקומען: מיט „מיקאַלייען״ (דר. פיינער), מיט „אַנטעקן״ (יצחק צוקערמאַן), מיט „הענריקן״ (פישגרונד) און אַנדערע.

אַבראַשען האָט אינטערעסירט יעדע איינצלהייט פון אונדזער טע־טיקייט. אים האָט אינטערעסירט יעדער ייד, וואָס באַקומט פון אונדז הילף, יעדעס קינד, וואָס ווערט דורך אונדז אויסגעהאַלטן; יעדער מענטש, מיט וועלכן מיר שטייען אין פאַרבינדונג. אַלץ איז געווען פאַר אים גלייך וויכטיק. וועגן זיך און וועגן געטאָ האָט ער וויייניק גערעדט.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געהערט פון אַבראַשען וועגן געטאָ־אויפ־שטאַנד, אין יענעם טראַגישן טאָג, ווען עס איז צו אונדז דערגאַנגען די ידיעה וועגן טויט פון פינף אויפשטענדלער: פון „זיגמונטן״ (זלמן פרידריך), יורעקן, לושעק און גוטע בלאָנעס און פייגעלע גאָלדשטיין. אַלע פינף זיינען דורכגעגאַנגען די שווערע געטאָ־טעג; אין רויך און אין פייער זיך געשלאָגן מיטן פאַרהאַסטן שונא; אַרויסגעקראָגן זיך דורך אַ קאַנאַל אויף דער אַרישער זייט און אומגעקומען צוליב אַ מסירה ביים איינאָרדענען זיך אין אַ מעלינע.

ביז שפּעט אין אָוונט האָט מיר דעמאָלט אַבראַשע דערציילט וועגן דער העלדישער האַלטונג פון די געטאָ־קעמפער. אָפט פלעגט זיך אים אַרויסרייסן אַ זאָץ:

מיר האָבן אַליין נישט געוואוסט וואָס מיר פאַרמאָגן...

וויפל ליבשאַפט און שטאָלץ האָבן די דאָזיקע ווערטער אויסגעדריקט!

ס׳פלעגט זיך אָפט טרעפן, אַז אַבראַשע פלעגט גאַנצע טעג זיין אַליין פאַרשלאָסן אין שטוב. איך פלעג מוזן זיין אין גאַס. ערשט ביינאַכט פלעג איך זיך אומקערן אהיים. אין שטוב פלעג איך אים איבערגעבן וועגן דער אָפּגעטוענער טאָג־אַרבעט. ער פלעגט אויפמערקזאַם אויסהערן און מאַכן דערביי טרעפלעכע באַמערקונגען. ביי פרישע אַרבעטן פלעגט ער צועדשט מיך פרעגן: וואָס זאָגסטו דערצו? — און ערשט שפּעטער אַליין אַרויסזאָגן זיין מיינונג.

אַ היימישקייט און פאַרשטענדעניש האָט אויסגעפילט די געשפרעכן מיט אַבראַשען. זיין רואיקע און זיכערע שטים פלעגט מיך איבערצייגן אין דער מעגלעכקייט דורכצופירן די שווערסטע אַרבעטן.

— מען דאַרף פּרובירן — פלעגט ער צוגעבן — אפשר וועט געלינגען.

אָבער דער „אפשר" איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז עס פלעגן פאַרשווינדן אַלע ספקות. ווען איך פלעג אים דערציילן ווי ס׳האָט זיך אונדז איינגעגעבן עפּעס אַן אַרבעט, אָדער אַז ס׳איז געלונגען אַרויסצודרייען זיך פון אַ לויערנדיקער געפאַר, פלעגט זיך באַוויזן אַ צופרידענער שמייכל אויף זיין לענגלעך געזיכט. פשוט און נאָענט האָט ער מיטגעלעבט יעדע קליניקייט פון אונדזער אַרבעט. גאָר אָפט פלעגט ער דערמאָנען די אויפשטענדלער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין וואַלד.

— עס בענקט זיך נאָך זיי — האָט ער זיך איינמאָל מודה געווען און דערביי האָט זיין שטים לייכט אַ ציטער געגעבן.

עס איז אַריבער אַ וואָך, זינט אַבראַשע איז געקומען. אינצווישנצייט האָט אים זיין פרוי, ליובע, צוגעגרייט אַ פּאַסיקע דירה. אין צוויי טעג אַרום האָט ער זיך געדאַרפט איבערציען. ליידער, האָט ער עס שוין נישט באַוויזן...

אין אַ געוויסן אָוונט, ווען איך האָב זיך, אין דער געוויינלעכער צייט, אומגעקערט אַהיים, האָב איך ביי מיין טיר געזען שטיין פינף מענער: דער הויז־וועכטער, דריי ציווילע קריסטן און איין מונדירטן דייטש.

— מען האָט אונדז אויסגעגעבן — איז מיר דורך אַ געדאַנק. — וואָס וועט זיין מיט אַבראַשען?

דער דייטש ווענדעט זיך צו מיר מיט אַ גראָבער שטים:

— שנעלער, גיב אַהער די שליסלען. מיר האָבן שוין גענוג געוואַרט!

איידער ער ענדיקט נאָך דעם זאַץ, האַלט ער שוין מיין טאַש אין זיינע הענט, ציט אַרויס די שליסלען און עפנט די טיר. מען שטופּט מיך אַריין אין דער וואוינונג. אַבראַשען זע איך נישט. מען הייסט מיר צו־גיין צום פענצטער און דאָרטן בלייבן שטיין. מיט רעוואָלווערן אין די הענט זוכן די צוויי מענער אונטערן בעט, אונטערן טיש, אין אַלע ווינקע־לעך. זיי דערנענטערן זיך צו דער שאַנק און עפענען זי אויף. אַ הויכער „אַהאַ" דערהערט זיך פון זייערע מיילער. פון שאַנק שלעפּן זיי אַרויס אַבראַשען...

— דאָס איז דער ייד! — רופט זיך איינער אָפּ.

הייסט עס, אַז זיי האָבן געוואוסט, אַז ביי מיר האַלט זיך עמיצער אויף.

איך כאַפּ אַ בליק צו אַבראַשען. ער איז בלייך אָבער רואיק. מען רעווידירט אים. עס הייבן זיך אָן צו שיטן אויף אונדז פאַרשיידענע פראַגן. דער ערשטער ענטפערט אַבראַשע. ער איז מיט עטלעכע מינוט פריער אַרויפגעקומען אין מיין וואוינונג צום באַלעבאָס. אַזוי ווי ער האָט אים נישט געטראָפן, האָט ער געוואָלט צוואַרטן. דאָס מיידל, דאָס מיינט ער מיך, איז דערווייל אַראָפּגעגאַנגען עפּעס קויפן, און מורא האָבנדיק אים אַליין צו לאָזן, האָט זי אים פאַרשלאָסן.

איך קוק אויף אַבראַשען און וואונדער זיך אויף זיין רואיקער און זאַכלעכער שטים. ווי שנעל ער האָט אויסגעטראַכט דעם ליגן! איצט איז מיין ריי. דער דייטש שטעלט פראַגן. עס מישט זיך מיר אין קאָפּ. איך חזר איבער אַבראַשעס רייד. איך קען אים ניט, איך ווייס ניט וועגן וואָס צו זאָגן.

דער דייטש אין מונדיר דענערווירט זיך. אים געפעלן נישט די ענטפערס. ער שרייט און דראָט מיטן רעוואָלווער, האַקט אין טיש. ענד־לעך הייסט ער אונדז ביידע אויפהייבן די הענט און זיך אַוועקשטעלן ביי דער וואַנט. נאָר אָפּגערוקט פון זיך. ער שטרעקט אויס דעם רעוואָלווער און הייבט אָן ציילן.

איך פאָרש נאָך זיינע הענט־באַוועגונגען. באַלד וועט זיין דער סוף — אָבער ניין, ער לאָזט אַראָפּ די האַנט מיטן רעוואָלווער. ער באַפעלט אַ ציווילן אונדז היטן און אַליין הייבט ער אָן צו זוכן אין די קליידער און בעטגעוואַנט. גראַדע געפינט זיך ביי מיר אַ זעקל מיט זאַכן, וואָס מיין חברטע, קרישע זלאָטאָווסקע, האָט צו מיר אַריינגעשטעלט. זיי שלעפּן פון דאָרט אַלץ אַרויס. דאָס געפונענע געלט מיט נאָך עטלעכע וועריטפּולע זאַכן לייגן זיי אַוועק אויפן טיש. צו אונדז רירן זיי גאָר־נישט. זיי קוקן אַפילו נישט אין אונדזער ריכטונג, אַזוי פאַרנומען זיינען זיי מיטן זוכן. אין אַ געוויסן מאָמענט לויפט אַרויס דער דייטש אין

קאָרידאָר, רופט אַריין דעם הויז־וועכטער, און אָנווייזנדיק אויף אונדז מיטן רעוואָלווער, רופט ער זיך אָן:

— דאָס זיינען יידן, מיר גייען אויף פינף מינוט אַוועק און קומען צוריק מיט אַן אויטאָ זיי צונעמען, זאָלסט זיי היטן.

ער ראַמט שנעל אַראָפּ אַלץ פון טיש, באַהאַלט עס אין קעשענע און הייסט די ציווילע מיטן וועכטער גיין נאָך אים.

איך און אַבראַשע בלייבן אַליין אין צימער. מיר הערן ווי מען פאַרשליסט די טיר. אַ לאַנגע ווײַלע שטייען מיר נאָך אויף די זעלביקע ערטער. ווען הינטער דער טיר ווערט שטילער, לויף איך צו צו דער גאַז־מאַשינקע, וואָס געפינט זיך אין זעלביקן צימער און צינד זי אָן.

— וואָס גייסטו טאָן? — הער איך אַבראַשעס שטים.

— פאַרברענען אַלע אונדזערע פאַרדעכטיקע פּאַפּירלעך; זיי וועלן דאָך צוריקקומען און זיכער נאָך אַמאָל זוכן — ענטפער איך שעפּטשענדיק.

איך ברען און אַבראַשע העלפט מיר שווייגענדיק. ענדלעך זיינען מיר פאַרטיק. איך זעץ זיך אַוועק אויפן צעוואָרפענעם בעט. אין קאָפּ איז פוסט. נישט איך טראַכט, נישט איך פיל עפּעס. אַ מאָדנע אַפּאַטיע און גלייכגילטיקייט. פלוצלונג דערפיל איך אַ לייכטן טרייסל. אַבראַשע שטייט נעבן מיר און רעדט:

— נאָר זיך נישט אונטערגעבן די געדאַנקען!

— אַז איך טראַכט וועגן גאָרנישט — פּרואוו איך זיך פאַרענטפערן.

און אַליין פון זיך, נישט וויסנדיק ווי אַזוי, הייבט זיך אָן צווישן אונדז אַ שטילער געשפּרעך וועגן טויט. ווי מאָדנע עס זאָל נישט אויסזען, אין די דאָזיקע מינוטן פון דערוואַרטונג, האָבן מיר גלייכגילטיק גערעדט וועגן די פאַרשיידענע אופנים פון טויט, וואָס דייטשן באַנוצן. מיר זיינען געווען שוין די פאַרמשפּטע. דער שמועס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. מיר זיינען אַנטשוויגן געוואָרן.

עס לויפט די צייט און קיינער קומט נישט נאָך אונדז. זיי האָבן דאָך זיכער אונדז נישט פאַרגעסן! אין שטוב איז שוין גוט פינצטער. איך צינד אָן דעם עלעקטרישן לאָמפּ. הינטער דער טיר איז שטיל. אויף דער גאַס הערט זיך שוין נישט קיין באַוועגונג. עס איז נאָך דער פּאָליציי־שעה. יעדעס מאָל, ווען איך הער דורכפאָרן אַן אויטאָ, ציטער איך אויף: נאָך אונדז!

— אָבער קיין איין אויטאָ שטעלט זיך נישט אָפּ ביי אונדזער טויער.

— אפשר פּרואוון זיך אַרויסקריגן פון דאַנען? — רייסט אַבראַשע איבער די שטילקייט. גלייך הייבט ער זיך אויף און פּרואווט די טיר; זי איז פאַרשלאָסן. מיר פּרואוון זי אונטערהייבן, אָבער אָן דערפאָלג, זי גיט ניט נאָך. מיר עפענען דאָס פענצטער און פאָרשן דעם דאָך. ער

איז צו הויך, אוממעגלעך זיך אַרויפצוקריגן. מיר זיינען איינגעשלאָסן אין אַ שטייג, אָן אַן אויסוועג. עס איז דאָ בלויז איין וועג — אַראָפּצולאָזן זיך מיט אַ שטריק אויף דער גאַס. אָבער וואו נעמט מען אַזאַ לאַנגן שטריק? מיר געפינען זיך אויפן פערטן שטאָק. אין שטוב זיינען דאָ עטלעכע ליילעכער.

— מיר וועלן פּרוּוון — רופט זיך אָפּ, ווי שטענדיק, אַבראַשע.

מיר הייבן אָן צונויפצובינדן די ליילעכער און אויסצופּרוּוון זייער שטאַרקייט. מיר אַרבעטן שווייגנדיק. די געמאַכטע שנור פעסטיקן מיר צו צו דער צענטראַלער באַהייצונג, וואָס געפינט זיך אונטערן פענצטער.

איצט אַנטשטייט די פראַגע: ווער זאָל זיך דער ערשטער אַראָפּלאָזן? עס איז קלאָר, אַז זיצן און וואַרטן ביז מען וועט נאָך אונדז קומען, איז אַ זיכערער טויט. אַזוי איז אפשר דאָ אַ שאַנס צו לעבן. מיר הייבן זיך אָן אַמפּערן. אַבראַשע שטייט צו, אַז איך זאָל זיך די ערשטע ראַטעווען. איך בין ייִנגער, איך האָב אָן אַרישן אויסזען, איך בין נויטיק צו דער אַרבעט. איך, ווידער, פּרוּוו אים איבערצייגן אין דער וויכטיקייט פון זיין לעבן. ער איז דער פירער; ער האָט אַ פרוי און קינדער; ער וועט זיכער מער נוצן ברענגען, ווי איך; ער מוז זיך צוערשט ראַטעווען. ענדלעך שטימט ער איין.

מיר מוזן וואַרטן ביז דאָס גאַנצע הויז וועט שלאָפן. ביסלעכווייז ווערט אין גאַנצן הויז שטיל. אַבראַשע ברענגט זיך אין אָרדענונג, טוט אויס די שיך און הענגט זיי אָן אויף דעם האַלדז, זיי זאָלן נישט מאַכן קיין גערויש. מיר לעשן אויס די עלעקטריע, לאָזן פאָרזיכטיק אַראָפּ די שטריק, וואַרטן אַ פּאָר מינוט, עס איז שטיל. אַבראַשע בייגט זיך איבער איבערן פענצטער, כאַפּט אָן די שנור און פאַרשווינדט אין דער פינצטערניש.

איך הער זיך צו מיט אָן איינגעהאַלטענעם אָטעם. פּלוצלונג דערהערט זיך אַ הילכיקער קנאַל און אַ יאָמערדיק געשריי. די שנור האָט זיך איבערגעריסן, אַבראַשע איז אַרונטערגעפאַלן!

עס הייבט זיך מיר אָן מישן אין קאָפּ. איצט איז שוין אַבראַשע אַ פאַרפאַלענער. איך ליג אויפן בעט און בין האַלב ביים באַוואוסטזיין. דאָך הער איך ווי פון ווייטן דעם טומל אין הויז, דאָס קלאַפּן אין מיין טיר און דאָס שרייען פון די שכנים. איך קען זיך אָבער נישט רירן פון אָרט. איך ליג ווי געליימט אויפן בעט. ווען איך בין אַ ביסל געקומען צו זיך, איז די טיר פון מיין צימער שוין געווען אויפגעריסן און די שטוב איז געווען פול מיט מענטשן. מען האָט גערעדט, געפרעגט, געשריען, זיך געבייזערט אויף מיר. די שכנים האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס גאַנצע הויז וועט פאַרברענט ווערן צוליב מיר.

עס קומען אַריין אין צימער דריי פּוילישע פּאָליציאַנטן. זיי בעטן אַלעמען אַרויסגיין און הייבן מיך אָן צו פּאָרשן. איך ווייס נאָך אַלץ נישט גענוי, וואָס עס טוט זיך מיט מיר. ווי פון שלאָף ענטפער איך אויף די געשטעלטע פראַגן. איך חזר איבער דאָס זעלביקע וואָס איך האָב גערעדט בעת דעם פריערדיקן באַזוך פון דייטש. די פּאָליציאַנטן זוכן אין שטוב, נישטערן אין די ווינקעלעך, יעדע ווילע באַהאַלט אַן אַנדערער עפּעס אַ זאַך אין דער קעשענע. איך רעאַגיר נישט אויף דעם, עס אַרט מיך גאָרנישט. די איינציקע פראַגע, וועלכע קריסטאַלי־זירט זיך, אַלץ קלאָרער, אין מיין געדאַנק איז:

— וואָס איז געשען מיט אַבראַשען, לעבט ער אָדער איז ער טויט!...

פּלוצלונג ווער איך אויפגעציטערט — אַ פּאָליציאַנט פירט אַריין אין צימער אַבראַשען. ווי שרעקלעך ער זעט אויס! דאָס פּנים בלוי און פון איין זייט אָנגעלאָפן, דער קאָפּ צעבלוטיקט, די הענט צעדראַפּעט און פון מויל רינט בלוט... ער וואַקלט זיך. איך בעט די פּאָליציי אים צו לייגן אויפן בעט, זיי פאָלגן מיין עצה, אָבער זיי לאָזן אים נישט צורו. זיי מאַטערן אים מיט פאַרשיידענע פראַגן. אַבראַשע קען נישט ריידן, קוים וואָס דאָס מויל עפנט זיך.

נאָך אַ לאַנגער צייט פון פאָרשן, פירט די פּאָליציי אונדז אַרויס פון שטוב. אַבראַשע גייט אַליין. ביי יעדן טריט וואָס ער שטעלט, פאַר־קרימט זיך אים דאָס מויל. עס טוט אים זיכער שטאַרק ווי. אָבער ער רעדט נישט. אַפילו ווען מיר גיט זיך איין אים שטיל צו פרעגן, ווי ער פילט זיך, זאָגט ער אויך גאָרנישט.

עס הייבט שוין אָן צו טאָגן. אויף דער גאַס זעט מען נישט קיין מענטשן. מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט פּאָליציאַנטן. לאַנגזאַם דער־נעענטערן מיר זיך צו דאַנילאָוויטשאָווסקע גאַס, צום פּוילישן פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט. ווען מיר קומען אַריין אין וואַרטע־זאַל, לאָזט זיך אַבראַשע גלייך אַראָפּ אויף דער איינציקער הילצערנער באַנק, וואָס שטייט דאָרט. אָבער ער זיצט נישט לאַנג. מען פירט אים ערגעץ אַוועק. איך בלייב אַליין. מען רופט מיך אין קאַנצעלאַריע. מען פרעגט, מען שרייבט, איך ענטפער אויטאָמאַטיש, אַלץ דאָס זעלביקע. איך ווייס גאָרנישט, איך קאָן נישט דעם מאַן, איך האָב וועגן גאָרנישט קיין אַנונג. ענדלעך הייסט מען מיר גיין. אַ פּאָליציאַנט פירט מיך דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר. פון איין זייט געפינען זיך פינצטערע קאַמערן, פון דער צווייטער זייט — אַ שטיינערנע וואַנט. איך קוק דורך די פאַרקראַטעוועטע טירן און זוך מיט די אויגן אַבראַשען. אפשר זיצט ער ערגעץ. נאָענט פון קאַמער, וואו מען הייסט מיר אַריינגיין, דערזע איך אים דורך די קראַטעס. ער זיצט אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויף דער וואַנט. דער פּאָליציאַנט לאָזט מיך נישט זיך פאַרהאַלטן. ער שטופּט מיך אַריין אין אַ שכנותדיקער

קאַמער. אין קאַמער איז פּוסט און קאַלט. עס איז פינצטער, בלויז אַ שוואַכע ליכט־שיין פון קליינעם עלעקטרישן לעמפּל, וואָס הענגט אין קאָרידאָר, באַלויכט אַ ביסל די קאַמער, די טיר, וואָס איז געדיכט פאַר־קראַטעוועט און די גלאַטע ווענט. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן בין איך אַרעסטירט. איך פיל איצט נישט קיין שרעק, נאָר אַן אויסערגעוויינלעכע מידקייט: דער קאָפּ איז ווי מיט בליי, די פיס ברעכן מיר... איך זעץ זיך אַוועק אויף דער שטיינערנער באַנק, אַ קעלט נעמט מיך אַרום. איך דרימל איין.

עס וועקט מיך אויף דאָס סקריפּן פון דער טיר. מען לאָזט אַריין צו מיר אַ פרוי. אין דער פינצטער זע איך נישט איר געזיכט. איך הער בלויז, ווי זי אַמפּערט זיך מיטן פּאָליציאַנט. פון אירע רייד דערקען איך, אַז זי מוז זיין אַ גאַסן־פרוי אָדער אַ גנבטע. איך מאַך זיך שלאָפנדיק.

דער קאָפּ אַרבעט שוין איצט. נעפּלדיק לויפן דורך די בילדער פון די לעצטע שעהן. מיך מאַטערט איצט כסדר דער געדאַנק, ווי אַזוי גיט מען צו וויסן אונדזערע חברים וועגן דורכפאַל. אין דער פרי דאַרפן אין מיין וואוינונג קומען אַבראַשעס פרוי און אַנדערע חברים. זיי קענען אַריינ־פאַלן. ווי אַזוי וואָרנט מען זיי? אפשר פּרוּוון ריידן מיטן פּאָליציאַנט, ער זאָל מיר באַזאָרגן אַ בריוועלע אַרויס אין דרויסן? איך האָב ביי זיך 60 זלאָטעס, און פאַר געלט פלעגן, געוויינלעך, פּוילישע פּאָליציאַנטן דער־לײדיקן אַזעלכע זאַכן. איך הייב זיך אויף פון דער באַנק און גיי צו צו דער אייזערנער, פאַרקראַטעוועטער טיר. מיין שכנטע שלאָפט. איך וועל פּרוּוון רעדן מיטן דיזשורנעם פּאָליציאַנט. אפשר?

און ווירקלעך, דער דיזשורנער פּאָליציאַנט נעמט ביי מיר צו דאָס געלט, ער גיט מיר פּאַפּיר און בלייפעדער און הייסט מיר שנעל שרייבן. אַלס צוגאָב, ברענגט ער מיר אַריין אַ ביסל הייסע קאַווע. איך בעט אים אַריינפירן מיך צו אַבראַשען. פון אָנהייב וויל ער פון דעם נישט הערן, אָבער ווען איך הער נישט אויף צו בעטן, שטימט ער ענדלעך איין. ער עפנט אַבראַשעס קאַמער, אַליין גייט ער צום הויפּט־אַריינגאַנג היטן.

איך דערנענטער זיך צו אַבראַשען. ער דרעמלט. איך וועק אים אויף און גיב אים די קאַווע. שעפּטשענדיק, דערצייל איך אים גיך וועגן בריוועלע, וואָס איך קען אַרויסשיקן. אַבראַשע שווייגט אַ ווײלע און מיט אַ געבראָכענער שטימע, ברענגט ער פון זיך אַרויס אַ פּאָר אָפּגעהאַקטע זאַצן:

— געדענק, גיב ניט אויף קיין אַדרעס פון אונדזערס אַ חבר! „זיי" דאַרף מען נישט גלייבן.

צום סוף גיט ער נאָך שטיל צו, קוים וואָס איך הער: — דו האַלט זיך, אַז דו ביסט אַ קריסטין; אפשר וועט דיר געלינגען...

דאָס איז געווען אַלץ, וואָס אַבראַשע האָט געזאָגט. דאָס זיינען געווען זיינע לעצטע ווערטער, וואָס איך האָב געהערט.

דער פּאָליציאַנט איז צוריקגעקומען. איך האָב געמוזט אומקערן זיך אין מיין קאַמער.

אַכט אַ זייגער אין דער פרי האָט זיך געביטן די וואַך. מען רופט מיך צו דער אויספאָרשונג. ווידער פראַגן און ווידער דאָס שרייבן. ביים אַוועקגיין מעלדעט מיר דער אויספאָרשער, אַז דריי אַ זייגער בייטאָג פירט מען „דעם יידן" אויף אַלייע־שוכא און אין אַ האַלבע שעה שפּעטער וועט מען מיך, „די קריסטין", אַוועקפירן... הייסט עס, אַז דער אורטייל איז שוין פאַרטיק.

אויף אַלייע־שוכא איז די דייטשישע געשטאַפּאָ. דאָרטן איז טויט...

און כאָטש איך האָב אין די לעצטע שעהן געלעבט מיטן געדאַנק וועגן טויט, האָט דאָך דער פּסק־דין געגעבן אַ שנייד אין האַרץ. עס לויפט די צייט, מען רופט מיך נאָכאַמאָל אַרויס.

דאָס מאָל רופט מיך אַ דיזשורנער פּאָליציאַנט. ער וויל וויסן צי איך האָב אַ פּוילישן פּאַס, אָדער אַ קען־קאַרטע. ניין, איך האָב קיין פּאַס נישט, — פאַרוואָס? ווייל איך האָב נישט באַוויזן אָפּצונעמען.

— אין וועלכן אַמט האָסטו עס אַוועקגעגעבן!

— איך רוף אָן אַמט. אַלץ, וואָס איך זאָג, איז ליגן. איך האָב קיינמאָל קיין גוטע „קען־קאַרטע" נישט געהאַט. אַ „גוטע" קען־קאַרטע איז געווען אַזאַ, וואָס מען האָט אָפּגעקויפט ביי דער משפחה פון אַ פאַרשטאָרבענער קריסטין. איך האָב שטענדיק געהאַט „געמאַכטע" דאָקו־מענטן, אין וועלכע עס זיינען געווען אָנגעגעבן צוגעטראַכטע נעמען, אָפּ־שטאַמונג און געבורט. אָבער וואָס מאַכט שוין אויס דער ליגן, אַז דער אורטייל איז שוין פאַרטיק? ווידער קומען פראַגן: ווער איז דער ייד? וואָסערע נאָך קאַנטשאַפטן האָב איך? ; וואו איז דער קריסט, אויף וועמענס נאָמען עס איז די וואוינונג? איך ווייס גאָרנישט וואָס צו זאָגן. איך בין אויסגעשעפּט פון די כסדרדיקע פראַגן, זיי רעגן מיך אויף. נאָך וואָס דאָס כסדרדיקע מאַטערן מיך? און ווען וועט זיך דאָס שוין אַמאָל ענדיקן?

נאָך מיטאָג ווער איך אומרואיק. עס רוקט זיך אָן די צייט, ווען מען וועט אונדז אַוועקפירן. אָט הער איך ווי מען עפנט די שכנותדיקע קאַמער. מען פירט עמיצן אַרויס. — זיכער אַבראַשען. איך לויף צו צו די קראַטעס, אָבער איך זע גאָרנישט. איצט איז מיין ריי. עס לויפט אַ שעה נאָך אַ שעה און קיינער קומט נישט נאָך מיר. עס ווערט טונקל, קיין שום ענדערונג. איך פרואוו דערגיין ביים וועכטער, וואָס עס איז געשען. ער ווייס גאָרנישט. און ווידער גייט דורך אַ שלאָפלאָזע נאַכט.

אויף מאָרגן רופט מען מיך אַפילו ניט צו דער אויספאָרשונג. דער

דיזשורנער פּאָליציאַנט מעלדעט מיר, אַז עלף אַ זייגער פאַר איך צו דער געשטאַפּאָ. ווידער אַ געשפּאַנטקייט. איך בלייב אָבער ווידער אין קאַמער, מען קומט נישט נאָך מיר. וואָס האַלטן זיי מיך דאָ? ערשט אַרום פינף אַ זייגער רופט מען מיך אַרויס. גרויס איז מיין איבעררעשונג, ווען איך זע אין דער טיר מיין קריסטלעכן באַלעבאָס. וואָס טוט ער דאָ? מען קאָן דאָך אים פאַרהאַלטן!

ער באַרואיקט מיך מיט אַ שמייכל, אַז עס איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. די פּאָליציי איז געוואָרן איבערגעקויפט. פון זיינע ווײַטערדיקע ווערטער דרינג איך אַרויס, אַז מיין בריוועלע איז דערגאַנגען אויפן ריכטיקן אַדרעס, צו אונדזערער אַ קריסטלעכער פאַרטרויאונגס־פרוי, צו אַננא וואָנכאַלסקא אויף קזשיזשאַנאָווסקיעגאָ 44. זי האָט תיכף צוואויסן געגעבן מיינע חברים, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן באַמיאונגען אונדז אַרויסצוראַטעווען. עס איז זיי געלונגען איבערצוקויפן דעם נאַטשאַלניק פון קאָמיסאַריאַט.

איך בין אין אַ האַלבע שעה אַרום געוואָרן באַפרייט. אַבראַשאָ איז אָבער אומגעקומען. די הילף פאַר אים איז געקומען צו שפּעט. מען האָט אים שוין געהאַט אָוועקגעפירט אין דער געשטאַפּאָ.

אַזוי האָט פאַרענדיקט דאָס לעבן איינער פון די שענסטע און וויכטיקסטע פירער פון אונטערערדישן „בונד". אַבראַשע בלום איז געווען די נשמה, דער קאָפּ און דאָס האַרץ פון אַלע צווייגן פון דער אומלעגאַלער בונדישער טעטיקייט — צי דאָס איז געווען ביים אָרגאַניזירן פאָלקסקיכן, ביים אָוועקשטעלן אין געטאָ דעם בונדישן „רויטן קרייץ", ביים אָרגאַניזירן די אומלעגאַלע קולטור־אַרבעט, ביים אַרויסגעבן די אומלעגאַלע בונדישע פּרעסע, ביים פירן פּאָליטישע קרייזלעך און צום סוף ביים העלפן אָרגאַניזירן דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ. אַבראַשעס אומדערמידלעכע אַרבעט, זיין האַרציקע מענטשלעכע באַנעמונג, זיין שטענדיקע מונטערן אַנדערע און ברידערלעכע זאָרגן זיך פאַרן צוויטן, האָט אים געמאַכט באַקאַנט און באַליבט נישט נאָר אין די בונדישע רייען, נאָר אויך בכלל צווישן די יידן אין געטאָ.

יאָ, אַפילו אין אָנבליק פון טויט, אין טראַגישן מאָמענט, ווען ער איז אַליין אַ פאַרפייניקטער, אַ פאַרבלוטיקטער געלעגן אין תפיסה־קאַמער, האָט אַבראַשע נאָך אַלץ געזאָרגט וועגן דער זיכערקייט פון אַנדערע.

— געדענק, גיב נישט אויף קיין אַדרעס פון אונדזערס אַ חבר, האַלט זיך!!

וועגן זיך האָט אַבראַשע נישט גערעדט אַפילו אין די לעצטע שעה'ן פון זיין לעבן.

אַזוי איז פאַרשוואונדן פון צווישן די לעבעדיקע אַ געשטאַלט וואָס איז געוואָרן די לעגענדע פון געטאָ, — אַבראַשע בלום.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

# אין דאָרף

נאָך מיין באַפרייאונג פון אַרעסט, האָט חבר „מיקאָליי" מיר געראָטן, איך זאָל אויף אַ קורצער צייט פאַרלאָזן וואַרשע.

צוזאַמען מיטן אָנווערן די וואוינונג אויף באַראַקאָווע 2, האָב איך אויך געמוזט ענדערן מיין נאָמען. מיכאַלינא מאַרקאָווסקאַ, פאַר וועלכע איך בין אַנגעגאַנגען, האָט געמוזט אויפהערן צו עקזיסטירן. מען טרעט מיר שוין צופיל אויף די פיס. עס איז אויך נישט באַוואוסט צי פּאָליציי האָלט מיך נישט אויפן אויג און צי מען גייט מיר נישט נאָך. מיר האָבן נישט געקאָנט דערגיין, ווער עס האָט מיך אויסגעגעבן.

נישט האָבנדיק וואו זיך אַהינצוטאָן אין שטאָט, האָב איך אָנגעהויבן צו זוכן אַן אָרט אויף דער פּראָווינץ. גראָד האָט זיך געקליבן אויף זומער־וואוינונג די קריסטין דוביעלאָווא. זי האָט אין אַ דאָרף, הינטער שעדלעץ, געהאַט משפּחה און דאָרטן האָט זי געוואָלט פאַרברענגען דעם זומער און האָט איינגעשטימט מיטצונעמען איינע פון די יידישע מיידעלעך, וואָס האָבן זיך ביי איר אויפגעהאַלטן; דאָס צווייטע מיידעלע האָב איך איינגעאָרדנט ביי אַן אַנדער קריסטין.

נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען איז די דוביעלאָווא אויך מסכים געווען, איך זאָל פאָרן מיט איר, אַלס איר מאַנס אַ קוזינע.

אין אַ קליינע הייזקע, נעבן ראַנד פון אַ געדיכטן וואַלד, האָט געוואוינט אירס אַ שוועגערין און דאָרטן האָבן מיר, אַלע דריי, זיך אַריינגעצויגן. אין דאָרף האָב איך זיך געמוזט איינמעלדן ביים סאָלטיס און דאָ איז אַנטשטאַנען אַ פרישע פּראָבלעם. איך האָב נישט געהאַט קיין שום דאָקומענטן. נישט האָבנדיק קיין ברירה האָב איך געמוזט ריזיקירן מיט מיין אַלטן נאָמען, אויף וועלכן די פּאָליציי־אַגענטן האָבן מיך שוין געזוכט: — וולאַדיסלאַווא קאָוואַלסקאַ. עס הייבן זיך פאַר מיר אַן לאַנגע טעג פון ליידיק גיין, גאָרנישט טאָן. דעם גרעסטן טייל פון מיין פרייער צייט פאַרברענג איך אין וואַלד.

דאָ מוז איך נישט זיין אָנגעשטרענגט און היטן זיך מיט יעדן וואָרט. פאַר די ביימער דאָרף איך נישט שפּילן מיין ראָל פון אַ „שיקסע".

דאָ קאָן איך פריי לאָזן מיינע רעיונות. עס עגבערן פראַגן און פראַגן; זיי יאָגן זיך נאָך נאָך מיר און מאָנען אַ תשובה:

— נאָך וואָס און פאַר וועמען דריי איך זיך דאָ אַרום? פאַרוואָס מוז איך דאָס אַרויסקריכן פון מיין אייגענער הויט? צוליב וואָס קלאַ־מער איך זיך אַזוי אין דער ווייטער, פרעמדער וועלט? וואָלט דען נישט בעסער געווען, ווען איך וואָלט צוזאַמען מיט מיינע נאָענטסטע אַוועק. איך וואָלט כאָטש געווען צוזאַמען מיט זיי אין זייערע פיינלעכע שעה׳ן!...

און בולט הייבן אָן אויפצוטויכן אין זכרון טייערע און נאָענטע געשטאַלטן: די עלטערן, די שוועסטער, דאָס ברודערל, קרובים, פריינד, חברים...

איך בין צוריק אין דער צערודערטער היימישער וועלט. איך הער זייערע אומרואיקע שטימען, דעם ברודערלס שנעלע לויפן איבער די שטיגן, דער מאַמעס דרעבטשען ביי דער קיך...

אָט זע איך איר צעקנייטשט, אויסגעמאַטערט געזיכט, אירע קלוגע, ברוינע אויגן און די פריש־אַנגעלאָפענע בערגלעך ביי דער נאָז און אַרום דעם מויל — הונגער געשווילעכץ!

עס דוכט זיך מיר די מאַמע שמייכלט צו מיר. יאָ, זי קאָן זיין איצט רואיק, איך הונגער שוין מער נישט; איצט קאָן איך שוין קריגן פאַר איר גענוג ברויט צו דער זעט. דאָס געשווילעכץ פון איר פנים וועט באַלד שוין אָפגיין, זאָל זי זאָל נאָר בלייבן אַ ביסל מיט מיר.

איר געזיכט הייבט אָבער אָן לאַנגזאַם אַוועקצושווימען אין דער ווייטקייט — — —

און ווידער אַ שוואַרצע וויסטע פוסטקייט אַרום...

זי איז אַוועק. צוזאַמען מיט איר איז אויך פאַרשוואונדן די גאַס, די שטוב, דער ברודער, די שוועסטער... געבליבן איז בלויז אַ נאַגנ־דיקער ווייטיקדיקער טרויער.

איך בין צוריק אין מיין טרויעריקער ווירקלעכקייט. אַליין אין וואַלד, נישט ווייט פון דער דוביעלאָווע און איר קריסטלעכער משפחה. צוריק אין דער נאָרמאַלער, רואיקער, פוילישער וועלט.

דווקא דאָ, אויף דער פרייער נאַטור, וואו עס פליסט זיך אַ רואיק לעבן, פיל איך שטאַרקער דעם נאַקעטן אמת, די גרויסע בראָך, וואָס האָט אונדז געטראָפן און מיט וועלכער מען קאָן זיך גאָרנישט קיין עצה געבן.

גאָר שווער זיינען פאַר מיר די זונטיקן. די דאָזיקע פריילעכע, יום־טובדיקע טעג זיינען פאַר מיר אַן אָפּקומעניש. גלייך אין דער פרי איל איך צוזאַמען מיט אַלע דאָרפס־שיקסעס אין קלויסטער אַריין מיט די שיך אין דער האַנט און מיטן תפילה־ביכל אונטערן אָרעם.

בעת דעם שטילן דאַווענען טראָגן מיך מיינע געדאַנקען אַוועק

צו מיין פאַרשוואונדענער וועלט... צום טאַטן, וועלכן איך פלעג זען מיטן פאַר־דעקטן טלית איבערן קאָפּ. (ער איז אין געטאָ געשטאָרבן פון אַ לונגגן־אָנצינדונג), צו דער מאַמען, וואָס פלעגט וויינען ביים בענטשן די שבת־ליכט. אַ, דעמאָלט האָבן זיי זיך גאָרנישט פאַרגעשטעלט, אַז זייער טאָכטער זאָל זינגען קאַטוילישע רעליגיעזע לידער, קושן דעם גלח אין דער האַנט אַריין און זאָגן קריסטלעכע תפילות! אָפּט פאַרגעס איך זיך און פאַרטראַכט זיך. ערשט אַ שטויס פון דער דוביעלאָוועס עלענבויגן דערמאָנט מיך צוריק וועגן דער ראָל, וואָס איך מוז ווייטער שפּילן.

נאָך מיטאָג שטיי איך ווידער מיט אַלע אַנדערע אַרום דער „רעמיזע" פון די פייערלעשער און קוק זיך צו צום פריילעכן האָפּסען. דאָס איז די צייט, ווען דאָס דאָרף ווײַלט זיך. די דאָזיקע פריילעכקייט און לעבע־דיקייט איז אַזוי אין קעגנזאַץ צו מיין שטימונג, אַז איך פיל זיך נאָך מער דערשלאָגן ווי פריער.

איך האָב זיך געריסן צוריק אין שטאָט, צוריק קיין וואַרשע. עט־לעכע מאָל בין איך אַריינגעפאָרן אַהין, געזען זיך מיט חברים און געבעטן מען זאָל מיך צוריקרופן פון דאָרף, מיין איזאָלאַציע דויערט שוין גענוג לאַנג. פּאָליציי געדענקט שוין מיך זיכער נישט. איך האָב שוין גענוג דאָס אויסבאַהאַלטן זיך. עס איז אָבער געקומען אַן ענטפער איך זאָל נאָך דאָ אַ ביסל בלייבן.

איך האָב פאַרבראַכט אין דאָרף פינף זומער־וואָכן, און גענומען זיך קלייבן צוריק אין שטאָט.

פאַר מיין אָוועקפאָרן האָב איך געהאַט אַ מאָדנע באַגעגעניש.

אַ געוויסן פאַרטאָג האָב איך געהערט אַ שטילן סקראָבן אין טיר. פון אָנהייב האָב איך געמיינט אַז דאָס איז דער הונט, וואָס לויפט אַרום ביינאַכט אַן אָפּגעבונדענער אַרום הויז, אָבער ווען איך האָב גוט אָנגע־שפּיצט די אויערן, האָב איך דייטלעך אונטערשיידט שטילע, פאַרזיכטיקע קלעפּ...

ווער קען דאָס זיין אַזוי פרי? דאָס דאָרף שלאָפט דאָך נאָך! איך האָב געהערט, ווי די באַלעבאָסטע איז אַראָפּ פון בעט עפענען די טיר און ווי עמיצער איז מיט איר אַריין אין קיך. אפשר איז דאָס אַ פאַרטיזאַנער? — האָב איך געטראַכט. דאָס הייזל איז דאָך נעבן וואַלד און די באַלעבאָסטע האָט נישט איינמאָל דערמאָנט, אַז פון מאָל צו מאָל ווייזן זיך ביי איר וואַלד־מענטשן...

פון קיך דערגייט אַ שטיל שעפּטשעריי. איך כאַפּ עפּעס אויף זיך און פאַרזיכטיק שאַר איך זיך אַריין אין קיך. אין דער גרויקייט פון אָנקומענדיקן טאָג, אונטערשייד איך אין קיך דריי געשטאַלטן: די באַלעבאָסטע, איר טאָכטער און אַ פרעמדן באָרוועסן מאַן. די קריסטין

גיט מיר אַ צייכן זיך אָוועקצוזעצן נעבן איר און זי ווענדעט זיך היימיש צום פרעמדן:

— נו, בערקע, ווי אַזוי איז עס ווייטער געווען? — מיר גיט אַ זעץ אין האַרצן... עס איז דאָך אַ ייד!... דער מאַן שטעלט אויף מיר אַן שטומע דערשראָקענע אויגן און שווייגט.

— רייד, האָב נישט קיין מורא, עס איז אַן אייגענע — גיט אים צו מוט די טאָכטער.

— ווען ער ווייסט נאָך, סאַראַ מין אייגענע איך בין! — טראַכט איך שווייגנדיק. אין דער שטילקייט פון קיך, הערט זיך אַ לאַנגער, שטילער זיפץ און דער מאַן זעצט פאָר זיין דערציילן, וואָס עס איז ווייזט אויס איבערגעריסן געוואָרן מיט מיין באַווייזן זיך.

...— פלעגן מאַרטשינס יינגלעך ברענגען מיינע צוויי קינדער אויפן בערגל אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל קאַרטאָפל. דער ליעשניצי (וואַלד־ווערכטער) האָט געוואוסט וועגן זיי און ער ווייסט דאָך וועגן מיר אויך, אָבער ער האָט געשוויגן, — דער ייד האָט גערעדט נישט קיין שלעכטן פוילייש. — האָט אָבער דערשנאַפּט דער סאָלטיס און געהייסן דורך די יינגלעך זאָגן מיינע, אַז זיי זאָלן זיך תיכף אָפּטראָגן. זיינען זיי אַוועק, ווען איך בין נישט געווען, און איך ווייס נישט וואו זיי זיינען אַהינגעקומען. מאַרטשינס יינגלעך ווייסן אויך נישט. איך האָב שוין אויך געפרעגט ביי די קריסטן אין די שכנותדיקע דערפער, קיינער ווייס נישט. אָדער, אפשר ווילן זיי מיר נישט זאָגן דעם אמת?...

דעם פרעמדנס שטים ברעכט זיך. ער פאַרשטעלט מיט דער האַנט דאָס געזיכט און בלייבט אַזוי שווייגנדיק מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. איך קוק אויף דעם יידנס איינגעבויגענע צעבראָכענע געשטאַלט, אויף די אָפּגעריסענע קליידער, אויף די טונקעלע, צעדראַפּעטע הענט און אויף דער אַראָפּגעהאַנגענער טאָרבע. אַ וואַרעמע היימישקייט ציט און רייסט מיך צו דעם פאַרצווייפלטן יידן. אַזוי נאָענט געפינט זיך אַן אייגענער מענטש און איך מוז זיצן שטיל, נישט אַרויסווייזן קיין סימן פון נאָענטקייט, האַלטן זיך ווי אַ ווילד פרעמדע, עס זאָל חס־ושלום קיין חשד נישט פאַלן.

אין קיך שאַרט זיך אַריין דאָס יידישע מיידעלע — נעלי. זי זעצט זיך נעבן מיר. די באַלעבאָסטע שיקט אַרויס די טאָכטער, זי זאָל היטן דעם וועג. אַליין שניידט זי אָפּ אַ שטיק ראַזאָווע ברויט, גיסט אָן אַ טעפל קאַלטע מילך און גיט דעם פרעמדן. איך וואָלט אַזוי געוואָלט בלייבן אַליין מיטן יידן כאָטש אויף אַ פּאָר מינוט, זאָגן אים עפּעס אַ וואַרעם וואָרט, דערלאַנגען אים אַ האַנט, לאָזן זיך דערקענען... דערציילן אַז אויך איך בין די זעלביקע ווי ער און אַז דאָס מיידעלע, וואָס זיצט נעבן מיר, איז אויך אַן אייגענע, אַ נאָענטע... איך וואָג

אָבער נישט צו רירן זיך פון אָרט. די באַלעבאָסטע דרייט זיך ביי דער קיך, זי מאַכט פייער. זי דערציילט איצט נייעסן פון דאָרף. ער, בערעק, קאָן דאָך אַלעמען גוט! ביי דעם איז געפאַלן אַ חזיר, ביי אַ צווייטן איז פאַרברענט געוואָרן אַ סטאָדאָלע, ביי אַ דריטן האָט מען גענומען אַ זון אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד.

וואָס אינטערעסירט עס דעם יידן אָט די אַלע מעשות, זיינע געדאַנקען זיינען אוודאי פאַרנומען מיט זיינע צוויי קינדערלעך, וועלכע ער האָט געלאָזן אויפן בערגל אין וואַלד און שוין דאָרטן מער נישט געטראָפן...

אָבער דער פרעמדער רייסט נישט איבער דאָס ריידן, לאַנגזאַם טרינקט ער די מילך, דאָס ברויט האָט ער באַהאַלטן אין טאָרבע און שאָקלט, שווייגענדיק, צו מיטן קאָפּ.

אָפּגעטרונקען די מילך, קלייבט דער ייד זיך אַוועקצוגיין. ביי דער טיר גיט אים די קריסטין אַ פּאָר ציבעלקעס. דער פרעמדער דערלאַנגט איר, שווייגענדיק, די האַנט, בייגט אַראָפּ זיין געדיכט באַוואָקסענעם, שוין לאַנג נישט געשוירענעם קאָפּ האָר און שטאַמט שטיל אַרויס:

— דזשענקויען פּאַני, דזשענקויען. —

— נו, בערעק, גיי שוין, עס ווערט טאָג. — אײַלט אים די קריסטין.

ער הייבט אויף זיין סענקאַטן שטעקן, וועלכן ער האָט געלאָזט ביי דער פורטקע און לאָזט זיך איינגעבויגענערהייט גיין צום וואַלד.

איך און נעלי באַגלייטן אים אַרויס. מיר שטייען און קוקן אים נאָך ביז ער פאַרשווינדט צווישן דיביימער.

צי איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָס האָבן אים נאָכגעקוקט נאָענטע יידישע אויגן?

— דאָס איז דער יידישער פּאַכטשאַזש פון אונדזער דאָרף — דערקלערט די קריסטין — מען דאַרף קיינעם נישט זאָגן, אַז ער איז היינט דאָ געווען. ער ווייס גאָרנישט, דער אָרעמער, אַז זיינע צוויי קינדער, וועלכע ער זוכט אַרום, זיינען שוין דורך די דייטשן לאַנג דערשאָסן! בידני, בידני זשיד! — (אָרעמער, אָרעמער ייד!) — פאַרענדיקט זי מיט אַ זיפץ.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

# געטאָ-אויפשטענדלער אויסערן געטאָ

איך בין שוין צוריק אין שטאָט און אַרבעט שוין צוגלייך מיט אַנדערע קוריערן. מיר לעבן ווי אין אַ גיהנום. יעדן פרימאָרגן רייסט דער טויט אַרויס פון אונדזערע רייען אַן אַנדערן. כסדר ווערן אויפגעדעקט מעלינעס. עס האָט נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געברענט דער באָדן אונטער די פיס, ווי אין די לעצטע עטלעכע וואָכן.

אַמטראַגישסטן איז דער גורל פון די גרעסטעוועטע געטאָ־אויפשטענדלער. אַן ערך זיבעציק געטאָ־קעמפער האָבן זיך דורך אונטערערדישע קאַנאַלן אַרויסגעקריגן אויף דער אַרישער זייט. מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין וועלדל לאָמיאַנקי, הינטער וואַרשע, דאָרטן האָבן זיי געוואַרט אויף וויטערדיקע הילף.

דאָס וועלדל לאָמיאַנקי איז אַ קליינס. די פויערים האָבן זיך גלייך דערוואוסט וועגן די פרישע יידישע שכנים. די פּאָליאַקן האָבן מורא געהאַט און געדראָט, אַז אויב מען וועט זיי תיכף נישט צונעמען פון דאָרטן, וועט מען זיי איבערגעבן אין די הענט פון די דייטשן. אַ ליאָדע טאָג האָבן די דייטשן געקאָנט אַרומרינגלען דאָס וועלדל און אַלעמען אומברענגען.

איך געדענק גוט די פאַרצווייפלונג פון אונדזערע טוער. אונדז האָט אַלעמען געפייניקט איין און די זעלביקע פראַגע. ווי אַזוי ברענגט מען צו די גרעסטעוועטע שנעלע הילף?

מען האָט געזוכט קאָנטאַקטן, מעלינעס, פאַרבינדונגען מיט פּוילישע פּאַרטיזאַנער גרופּן, געפּרוווט אייַנאָרדענען אַ טייל אין קריסטלעכע וואוינונגען. קליין זיינען אָבער געווען אונדזערע מעגלעכקייטן. צום צווייטן מאָל איז אַזוי בולט געקומען צום אויסדרוק אונדזער גאַנצע הילפלאָזיקייט און איינזאַמקייט. פריער בעתן געטאָ־אויפשטאַנד און איצט בעתן וועלן ראַטעווען דאָס לעצטע ביסל ניצול־געוואָרענע געטאָ־קעמפער.

יאָ, דער פּוילישער אונטערגרונד איז דאַן געווען באַגייסטערט און מיטגעריסן פון דעם העלדישן יידישן ווידערשטאַנד אין געטאָ. אין

אומלעגאַלע בלעטלעך האָט מען געלויבט דעם יידישן מוט, געבויגן דעם קאָפּ פאַר דער יידישער גבורה, אָבער דאָס אַלץ איז געווען בלויז אויפן פּאַפּיר. קיין הילף האָט מען אויך אין די דאָזיקע גרויליקע שעה׳ן פון יידישן לעצטן העראישן קאַמף נישט געגעבן.

און איצט — וויטער די זעלביקע באַציאונג, די זעלביקע אַזוי כאַראַקטעריסטישע גלייכגילטיקייט צו יידישע ליידן און צום יידישן אומקום ! ...

אין וועלדל לאָמיאַנקי זיינען געווען בלויז ביי זיבעציק געראַטעוועטע יידישע העלדן און עס איז נישט געווען פאַר זיי קיין רעטונג! די שטאָט וואַרשע, די גאַנצע פּוילישע געזעלשאַפט, וועלכע האָט אויסבאַהאַלטן טויזנטער אומלעגאַלע פּוילישע פּריוואַט־קעמפער, האָט „נישט געקענט״ געפינען קיין אָרט וואו צו באַהאַלטן דאָס ביסעלע פאַרבליבענע יידישע קעמפער.

איז דען מעגלעך איבערצוגעבן אונדזער ווייטיק, אונדזער צער, אונדזער ברענענדיקן פאַרדראָס, בעת עס איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג און די אויפשטענדלער זיינען נאָך אַלץ געווען אין דעם באַדראָטן וועלדל ? ...

עס דערמאָנט זיך מיר דער דרייצנטער מאַי. דריי טעג נאָכן אַרויסגיין פון די אויפשטענדלער דורך די קאַנאַלן, האָבן זיך געטראָפן אויף סטאַרינקיעוויטשא גאַס „זיגמונט״ (פרידריך), „באַלעק״ (חיים עלענבויגן), איך און אַ פירער פון אַ פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע — באַלעק באָסאַווסקי. מען האָט גערעדט וועגן אַרויסנעמען אַ טייל פּאַרטיזאַנער פון לאָמיאַנקי און איינגלידערן אין אַ פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע (פּ. א. ל.). חיים עלענבויגן איז צוזאַמען מיט באַלעק באָסאַווסקי אַרויסגעפאָרן קיין ריקי (אין דער ריכטונג פון דעמבלין), כדי פעסטצושטעלן, ווי עס זעען אויס די באַדינגונגען אויפן אָרט גופא. ליידער איז ער צוריקגעקומען מיט אַ נעגאַטיוון ענטפער. דאָרט איז נישט מעגלעך דאָס אויפהאַלטן זיך פון אַ יידישער פּאַרטיזאַנער גרופּע. די פּוילישע פּאַרטיזאַנער גרופּירן זיך אין די דערפער ביי די פּויערים, וואָס קענען נישט און ווילן נישט אויסבאַהאַלטן יידן. ווידער גאָרנישט. ווידער זיינען מיר אויסגעשטעלט אויף זיך אַליין ! „אַנטעק״ (יצחק צוקערמאַן), דער לעצטער פאָרשטייער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף דער אַרישער זייט, האָט געזוכט קאָנטאַקטן דורך די א. ל. (קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון קאָמוניסטן און פון קאָמוניסטיש־באַאיינפלוסטע פּויערים־גרופּן), וואָס האָט אגב געהאָלפן אַרויסראַטעווען די אויפשטענדלער דורכן קאַנאַל. מיט פרייד האָבן מיר זיך אָנגעכאַפּט אָן יעדע באַהעלטעניש, וואָס קריסטן האָבן

אונדז פאַרגעלייגט, כדי נאָר וואָס מער אַרויסראַטעווען פון באַ־דראָטן וועלדל!

דאָס איינאָרדענען אַ טייל אויפשטענדלער אין שטאָט, האָט אָבער געהאַט גאָר טראַגישע פאָלגן. אָנגעהויבן האָט זיך עס אין פּלודי, אַ דאָרף הינטער וואַרשע.

דער קריסטלעכער באַלעבאָס, וואָס האָט ביי זיך געהאַלטן די פאַ־מיליע וואַסערמאַן, האָט מסכים געווען צו נעמען צו זיך פרישע פיר יידן. ער האָט משמעות געטראַכט: אַלץ איינס ריזיקירט ער, זאָל ער כאָטש האָבן פון דעם מער געלט!

זיגמונט פרידריך האָט אַרויסגענומען פון וואַלד יורעק בלאָנעסן, זיין שוועסטער גוטע בלאָנעס, דאָס ברודערל לושעק בלאָנעס און פייגעלע גאָלדשטיין, אַלע פינף זיינען אין אַ טראַנספּאָרט־אויטאָ, (וועלכן זיגמונט פרידריך האָט געקויפט פאַר געלטער פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט אויף דער אַרישער זייט ספּעציעל אויף איבערצופירן די אויפשטענד־לער), אָפּגעפאָרן קיין פּלודי צו דער באַהעלטעניש.

דער וועג איז אַדורך אָן שטערונגען און אַלע זיינען בשלום אָנגע־קומען קיין פּלודי. דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ וועלדל, נישט ווייט פון דעם קריסט׳ס כאַטע. זיגמונט האָט איבערגעלאָזן זיינע פריינד און איז אַליין אַוועק צום קריסט אָנמעלדן זייער קומען. נישט ווייט פון דער טיר איז ער פּלוצלונג אַרומגערינגלט געוואָרן דורך פּאָלי־ציי. מען האָט אים רעווידירט, געפונען ביי אים אַ רעוואָלווער און גלייך אים אָפּגעפירט אין אַרעסט.

די פאַרבליבענע פיר אויפשטענדלער האָבן אין וואַלד געוואַרט אויף זיין צוריקקערן זיך. עס איז אַוועק אַ שעה, צוויי, דריי — קיינער ווייזט זיך נישט. עס איז געוואָרן נאַכט, דער טאָג איז געווען אַ הייסער, זיי זיינען געווען פאַרחלשט נאָך אַ טרונק. אַמשטאַרקסטן האָט דער דורשט געפייניקט יורעקן, וואָס איז קראַנק געווען און געהאַט הויכע היץ. ער האָט ריזיקירט צוצוגיין צו דער נאָענטסטער כאַטע און בעטן אַ ביסל וואַסער.

עס איז געווען שפּעטער פאַרנאַכט. אַרום איז געווען שטיל. ער האָט פאָרזיכטיק אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, דער באַלעבאָס האָט געעפנט, גלייך דערקענט ווער עס איז. ער גיט אים אַרויס וואַסער און מאַכט זיך וועגן גאָרנישט ווויסנדיק. זיגמונטן האָט ער נישט געזען און ווייס נישט בכלל וואָס צו זאָגן. אויב יורעק וויל, קאָן ער אים געבן, אויף אייניקע טעג, ביי זיך אַ באַהעלטעניש, נאָר אַריינקומען זאָל ער מיט זיינע פריינד ערשט ווען עס וועט ווערן גוט פינצטער, ווייל ער האָט מורא פאַר זיינע שכנים. דעם קריסט׳ס האַלטונג האָט, ווייזט אויס, ביי יורעקן נישט אַרויסגערופן קיין שום חשד. ביינאַכט האָבן זיך אַלע

פיר אַריינגעגנבעט אין דער כאַטע. דער באַלעבאָס האָט זיי אַלע אַריינגעפירט אין אַ קעמערל און פאַרמאַכט. עס זיינען אַדורך עטלעכע שעה, אַלץ אַרום איז געווען רואיק. ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפן, איז די כאַטע אַרומגערינגלט געוואָרן דורך פוילישע פּאָליציי, וועלכע איז שטילערהייט אַריין אינעווייניק, דורכגעפירט אַ רעוויזיע און געפונען די פיר אויפשטענדלער און וואַסערמאַן מיט דער פרוי.

עס איז פאָרגעקומען אַ פאַרביסענער געראַנגל צווישן די געפונענע און דער פּאָליציי. די יידן האָבן זיך נישט געלאָזט אַרעסטירן. שטאַרקער זיינען אָבער געווען די מנובלדיקע אָנפאַלער.

צומאָרגנס האָט מען אַלע צוגענומענע געבונדענערהייט אַרומגעפירט אויף אַ וועגעלע איבער פּלודי און איבער די שכנותדיקע דערפער, מיט גרויסע אויפשריפטן:

— זיי וועט מען שיסן, דאָס זיינען יידישע באַנדיטן! אַזוי וועט מען זיך אָפּרעכענען מיט אַלע יידן! די וואָס וועלן אַזעלכע העלפן, וועלן האָבן דעם זעלביקן סוף!

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט מען אַלע זיבן דערשאָסן.

ווידער זיינען אַוועק פינף נאָענטע חברים. חברים, מיט וועלכע מען איז יאָרן לאַנג געזעסן אויף איין שול־באַנק, דורכגעלעבט שווערע גיהנומדיקע געטאָ־טעג און צוזאַמען געאַרבעט אין אונטערערד און דורכגעפירט געפערלעכע שליחותן. אַזוי שווער איז צו גלייבן, אַז זיי זיינען נישטאָ! עפּעס איז דער קאָפּ, דאָס האַרץ אומפּעאיק דאָס אַלץ אויפנעמען. מען איז אָפּגעטעמפּט געוואָרן. נישט מען פילט שוין דעם ווייטיק, נישט מען קען שוין טרויערן און עס זיינען שוין נישטאָ קיין טרערן זיי צו באַוויינען! מיר זיינען פאַרהאַרטעוועט געוואָרן! נאָר טייל מאָל בליצן אויף דערינערונגען, דערמאָנונגען וועגן דעם אָדער יענעם געפאַלענעם חבר — קורצע, אָפּגעריסענע בילדער...

אָט זע איך „זיגמונטן" (זלמן פרידריך), זיין הויכע שטאַרקע פיגור, זיינע בלויע לעבעדיקע אויגן, זיינע אומרואיקע באַוועגונגען. איך האָב אים באַגעגנט אויף דער גאַס, ער איילט זיך. ער זוכט צו קויפן אַן אויטאָ, כדי צו קענען ראַטעווען די געטאָ־אויפשטענדלער. ער ווייס שוין וועגן אַזאַ מאַשין, זי דאַרף קאָסטן פינף און זיבעציק טויזנט זלאָטעס. עס איז אַ ריזיקע סומע געלט, אָבער ער וועט שוין דאָס געלט אַרויסקריגן. ער דאַרף נאָר אַ שאָפער, אַן ערלעכן גוטן שאָפער.

— פאַרשטייסט, מען מוז זיי וואָס גיכער אַרויסראַטעווען — ער פיבערט אין גאַנצן. זלמן פרידריך האָט זיך געוואָרפן אין דער רעטונגס־אַקציע פאַר זיינע חברים און איז אין איר אומגעקומען.

און אָט טויכט אויף אין זכרון יורעק בלאָנעס, דער יונגער בחור מיט דער שטענדיק־צעשויבערטער בלאָנדער טשופרינע. שטענדיק האָט

ער זיך געריסן צו די שווערסטע אַרבעטן, אויסגעפירט די געפערלעכ־סטע שליחותן און דערביי מיט אַזאַ פשוטקייט און זעלבסטפאַרשטענד־לעכקייט!...

עס קלינגען מיר נאָך איצט יורעק'ס ווערטער. געווען איז דאָס ביי מיין לעצטן באַזוך אין געטאָ. יורעק האָט ווי געוויינלעך מיך אָפּ־געפירט צום געטאָ־מויער. מיר האָבן זיך געזעגנט און מיר איז פּלוצ־לונג איינגעפאַלן צו פרעגן:

— ווען עס געלינגט איצט צו געפינען אַ מעלינע פאַר דיר אויף דער אַרישער זייט, וואָלסטו אַרויס פון דאַנען?

ער האָט מיך דאַן פאַרוואונדערט אָנגעקוקט און געענטפערט:

— ווי פאַלט דיר איין אַזעלכעס צו פרעגן? דאָ אין געטאָ מוז מען בלייבן און דאָ „זיי" אָנלערנען!

העלדיש איז געווען זיין אָנטייל אין די געטאָ־קאַמפן. מיט באַ־וואונדערונג האָט מיר אַבראַשאַ בלום דערציילט וועגן יורעקן. זיין דרייסטקייט, זיין נישט פאַרלירן דעם קאָפּ אין די געפערלעכסטע אומ־שטענדן האָט אונדז פשוט געמאַכט שטוינען. איצט איז ער שוין נישטאָ. אַוועק צוזאַמען מיט זיין דרייצן־יעריק ברודערל, וואָס האָט זיך אויך אויסגעצייכנט אין די געטאָ־קאַמפן און אַלס אָנערקענונג באַקומען פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אַ מתנה — אַ פינף קוליקן רעוואָלווער, צו־זאַמען מיט זיין שוועסטער גוטען, מיט דעם שטאָלצן באַשיידענעם מיידל, וואָס איז ווי אַ מוטער געווען צו אירע ברידער. אַ געטרייע איבערגעגעבענע נשמה. מיט וויפל ליבשאַפט האָט גוטע געפירט די ווירטשאַפט פאַרן קאָלעקטיוו פון דער בונדישער קאַמפּס־גרופּע אויף שוויענטאָיערסקע 32. שטיל, געהאַרכזאַם אויסגעפירט אַלע אַרבעטן און געקעמפט אין די העראָישע טעג האַנט ביי האַנט מיט אירע ברידער.

און פייגעלע גאָלדשטיין, אַ פרעכטיק אכצן־יעריק מיידל, וואָס האָט געשפּראָצט מיט לעבן, שטענדיק פול מיט הומאָר... איך בין אַ מאָל געווען אין געטאָ און יורעק האָט מיך אַרויפגעפירט צו איר אין שטוב. אויף מילע האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן. פול מיט אינטערעס און נייגערי־קייט האָט זי זיך אויסגעפרעגט וועגן דער אַרישער זייט:

— אַ, ווען איך קען דאָרטן זיין, דאָרטן לעבט מען דאָך!

פייגעלע האָט גאָרנישט געקענט דעמאָלט טראַכטן, אַז אויך דאָרטן קומט מען אום.

יאָ, פינף זיינען זיי אומגעקומען! מיר ווייסן, אַז נאָך נישט מיט זיי ענדיקט זיך עס.

ס'איז נאָר אַזוי שווער אויפן האַרצן, וואָס אַליין בלייבט מען פון די לעצטע.

געמסרט די באַהעלטעניש האָט דער באַלעבאָס אַליין. ער, צוזאַמען

מיט דער אַרטיקער פּאָליציי, האָבן דורכגעפירט דאָס שרעקלעכע שטיקל אַרבעט.

וועגן דאָזיקן טראַגישן געשעעניש האָט מיר איבערגעגעבן איינער טאַדעק ניעוויאַראָווסקי, וועלכער וואוינט נאָך היינט אויף פּראַגע, אויף סטאָליארסקע 6. דער פּראָוואָקאַטאָר האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט טאַדעקן אין אַן אַמוניציע פאַבריק און האָט אים דערציילט אַלע פּרטים פון אַרעסט. ער האָט זיך נאָך פאַרקלאָגט פאַר אים, אַז די פּוילישע פּאָליציי האָט אים „וויקיוועט" (אָפּגענאַרט); זיי האָבן צוגענומען די יידנס געלטער און אים גאַרנישט געלאָזן.

ווען האָט דאָס געקענט איינפאַלן, אַז דער זעלביקער קריסט, וואָס האָט אַ צייט לאַנג געהאַלטן דאָס קליינינקע מיידעלע קרישקע קלאָג (זי איז צופעליק געבליבן לעבן, די באַלעבאָסטע האָט זי געהאַט אַריינגעגעבן אין אַן אַנדער כאַטע), זאָל פעאיק זיין אויף אַזאַ שענדלעכן פאַרברעכן!

אַ קורצע צייט נאָכדעם איז אויך אומגעקומען וועלוול ראַזאָווסקי, דער פירער פון דער קאַמפס־גרופּע אויפן געביט פון רעריכ'ס שאָפּ. ער איז מיט מאַרעק עדעלמאַנען געזעסן אין אַ צייטווייליקער מעלינע, וואָס מאַרישע (בראַנקע פיינמעסער) האָט געפונען. אומגעריכט זיינען אָנגעקומען „שמאַלצאָווניקעס" און געדראָט איבערצוגעבן זיי אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ. נאָך אַ גרויסע געלט־סומע קען זיי ראַטעווען. וועלוול איז שפּעט ביינאַכט אַוועק צו חבר פישגרונט אין דער וואוינונג איינצושאַפן דאָס געלט. ס'איז געווען שוין נאָך דער פּאָליציי־שעה, ווען וועלוול האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין מעלינע. אויף דער גאַס האָט אים אַ דייטשישער באַן־באַאַמטער דערקענט פאַר אַ יידן און אַרעסטירט. מיר האָבן נאָך אויף דער אַרישער זייט באַקומען דורך אַ פּוילישן פּאָליציאַנט אַ בריוול פון וועלוולען, דעם לעצטן הילפס־רוף, מען זאָל אים זען צו ראַטעווען. ליידער איז גאַרנישט באַוויזן געוואָרן פאַר אים צו טאָן. ער איז שנעל אומגעבראַכט געוואָרן.

גאָר אַ שוידערלעכער פאַל איז געשען אויף פּראַגע, אויף דער גאַס 11־טער נאָוועמבער נומער 10 אין אַ צעלולאָיד־פאַבריק. אויפן בוידעם, צווישן פּעק און קאַסטנס, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען לייכטער ברען־מאַטעריאַל, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אַכט געטאָ־אויפשטענדלער, צווישן זיי צוויי פאַרוואונדעטע. איך געדענק בלויז דריי נעמען: אליעזר געלער, טאָשיע אַלטמאַן און מאיר שוואַרץ. בעת'ן אָנוואַרעמען אַ שטיקל זאַלב, וואָס מען האָט געדאַרפט צולייגן אַ פאַרוואונדעט מיידל צום קאָפּ איז אומגליקלעכערווייז דאָס אָנגעצונדענע שוועבעלע אַראָפּגעפאַלן אויף דער פאָדלאָגע. גלייך האָט זיך דערהערט אַן אויפרייס. עס האָט אַ שלאָג געטאָן אַ שטיק פייער. דער בוידעם

איז פול געוואָרען מיט רויך. יעדע ווילע האָט אויפגעריסן אַן אַנדער קאַסטן. די פלאַמען האָבן בליץ־שנעל אַרומגעכאַפּט די ווענט, די פּאָדלאָגע, אַלץ אַרום האָט געפלאַקערט.

אין מיטן פון דעם שרעקלעכן פייער האָבן זיך געפונען די באַהאַל־טענע געטאָ־אויפשטענדלער. מען מוז אַרויס פון דעם פייער! איין שאַנס איז פאַרבליבן, פּרואוון מאַכן אַן עפענונג אין סופיט אויף שנעל און זיך אַרויסקריגן אויפן דאַך. פון דאָרטן וועט מען ווייטער זען וואָס צו טאָן. מיט די בלויזע הענט, וואָס ברען זיך כסדר אָפּ ביים באַרירן דעם אָנגעגליטן סופיט, געלינגט ענדלעך צו מאַכן די עפענונג. עס באַווייזן אַרויסצוקריכן אליעזר געלער, מאיר שוואַרץ און טאָשיע אַלטמאַן. אָבער אויף טאָשיען ברענען שוין די קליידער, זי האָט נישט קיין כוח צו האַלטן זיך אויף די פיס, קיין הילף פון אַרום איז נישטאָ... אַ ברענענדיקע פאַלט זי אַנידער אויף דעם דאַך. דערווייל איז דאָס גאַנצע הויז אויפ־געפלאַקערט געוואָרן. מענטשן לויפן לעשן דאָס פייער. גלייך דערהערן זיך אויסרופן:

— יידן זיינען דאָ, יידן ברענען!

די מורא פאַר די אומגליקלעכע דריי יידן איז גרעסער, ווי די מורא פאַר דער שׂרפה. עס ווערט אַ צעטומלעניש, קיינער איילט אָבער נישט מיט קיין הילף צו די ברענענדיקע מענטשן. מען אַליאַרמירט פייער־לעשער, מען רופט דייטשן. אין דער דאָזיקער מהומה איז אליעזרן געלונגען צו אַנטלויפן. ער איז ענלעך געוואָרן אויף אַ קריסט, האָט ער זיך אויסגעמישט מיט דעם ליאַרעמדיקן קריסטלעכן עולם און אַוועק. מאיר שוואַרץ איז אַריין צו אַ פרעמדער קריסטין אין שטוב און פאַר־צווייפלט געבעטן אויסצובאַהאַלטן אים. גראָד האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַן אָרנטלעכער קריסטין, זי האָט אים באַהאַלטן אין אַ קליידער־שאַנק. עס זיינען אָנגעקומען פייערלעשער, שפּעטער דייטשן, מען האָט געזוכט יידן. דאָס הויז איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן, אַלע לאָקאַטאָרן האָבן געמוזט אַראָפּגיין אויפן הויף און לאָזן זייערע וואוינונגען אָפן פאַר אַ דייטשישער קאָנטראָל. מאיר שוואַרצ׳ס קריסטין האָט צוגלייך מיט אירע שכנים פאַרלאָזן די וואוינונג. זי האָט שטאַרק מורא געהאַט, ווייל קוים געפינט מען ביי איר אין שאַנק דעם יידן, איז זי אַ פאַר־פאַלענע. דאָך האָט זי געשוויגן. צום גליק האָבן די דייטשן אויסגעמיטן איר וואוינונג.

נאָך דער קאָנטראָל איז זי צוריק אַרויף אין שטוב און צו צו דער שאַנק. זי עפנט אויף דאָס טירל און — עס פאַלט אויף איר אַרויף אַ מת. מאיר שוואַרץ, דער אַזוי מוטיקער געטאָ־אויפשטענדלער, האָט אין דער שאַנק באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק...

אויפן דאָך האָבן דייטשן דערוויילן געפונען דעם פאַרברענטן קער־פער פון אַ פרוי — טאָשיע אַלטמאַן. אויפן בוידעם האָבן זיך געוואַלגערט די פאַרקוילטע קערפּערס פון די איבעריקע באַהאַלטענע אויפשטענדלער.

וועגן דער דאָזיקער שוידערלעכער געשעעניש האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן אליעזר געלער אַליין, דער איינציק־געראַטעוועטער פון טראַגישן אומגליק. איך האָב אים באַגעגנט מיט אָפּגעבריטע, פאַרבאַנ־דאַזשירטע הענט, אין „האָטעל פּאָלסקי״, אויף דלוגע 29. וועגן „האָטעל פּאָלסקי״ שרייב איך אין אַ ווייטערדיק קאַפּיטל.

מיר זיינען געווען צעבראָכן, דערשלאָגן און פול מיט ווייטיק צוליב די שוידערלעכע דורכפאַלן.

און ווידער קומען אָן טרויעריקע גרוסן. גלייך אין די ערשטע טעג פון מיין אומקערן זיך צו דער אַרבעט, האָב איך זיך געטראָפן מיטן פאַרשטייער פון אַ גרופּע לעבנגעבליבענע אויפשטענדלער, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ וואַלד — מיט זיגמונט איגלאַ.

זיגמונט איגלאַ, אַ לאַנגיעריקער „צוקונפטיסט״, האָט פאַר דער מלחמה געהערט צו דעם „צוקונפט־שטורעם״, דער בונדישער יוגנט־מיליץ, איז שפּעטער געווען אַ מיטגליד פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, געקעמפט אויפן געביט פון שולצ׳ס שאָפּ און זיך אויסגעצייכנט אין געטאָ־אויפשטאַנד.

איך האָב אים באַגעגנט אויף גזשיבאָווסקע 29, אין דער באַהעל־טעניש פון קריסט ניעוויאַראָווסקי. ער איז געווען אַ הויכער בחור פון אַ יאָר 23, מיט טונקעלע אויגן, קורצע נאָז און נישט קיין זייער גוטן אַרישן אויסזען.

זיגמונט איז איצט דער פאַרבינדלער צווישן וואַלד און שטאָט. ער קומט ספּעציעל קיין וואַרשע, כדי קריגן פאַר זיין פּאַרטיזאַנער־גרופּע הילף פון שטאָט: געלט, געווער. ער וויל אויך קריגן פאַר עטלעכע מיידלעך־פּאַרטיזאַנערינס מעלינעס.

מיר זיצן אין טונקעלן, קליינטשיקן צימערל, אויף גזשיבאָווסקע 29 און שמועסן. איך פרעג וועגן באַקאַנטע, געראַטעוועטע געטאָ־אויפ־שטענדלער, וועגן לעבן אין וואַלד און וועגן זיינע ביזאַיצטיקע שליחותן.

—אין וואַלד איז די לאַגע זייער און זייער אויסזיכטסלאָז — הייבט ער אָן צו דערציילן.

זיגמונט איגלאַ איז פאַרבליבן אין וועלדל לאָמיאַנקי צוזאַמען מיט די איבעריקע אויפשטענדלער, פאַר וועלכע מען האָט נישט געקענט געפינען קיין מעלינע... „טאַדעק״, „קאַזשיק״, קזשאַטשעק פון פּ. פּ. ר. און אַ קריסט — דער „קליינער סטעפאַן״, האָבן זיך באַמיט וועגן אויטאָס, און די פאַרבליבענע זיינען, נאָך אַ וואָך ליגן אין וועלדל לאָמי־אַנקי, איבערגעפירט געוואָרן אין דיווישקאָווער וועלדער. דאָרטן האָבן

זיי זיך געדאַרפט צוזאַמענטרעפן מיט אַ פּוילישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע.

די פּוילישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון א. ל. האָבן מסכים געווען אַרייַנצונעמען צו זיך עטלעכע חברים יידן, אָבער נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט גוט געווער און דערצו בלויז מענער. אייניקע זיינען צו זיי אַוועק.

די איבערגעבליבענע געטאָ־אויפשטענדלער, צוזאַמען מיט אַ גרופּע „פינקערטאָוצעס" — געוועזענע לוויה־איינאָרדנער און באַגראָבער אין וואַרשעווער געטאָ — האָבן געבילדעט פיר פּאַרטיזאַנער־גרופּן. אין איינער אַזאַ גרופּע איז געווען איגלאַ.

אין אַן אומבאַקאַנטן וואַלד, אַן וועלכע עס איז אָנווייזונגען, אַן דער־פאַרונג, אַן געהעריקער באַוואָפענונג האָבן די פרישע יידישע פּאַרטיזאַ־נער־גרופּן אַן אויפהער באַקומען קלעפּ. די אַרומיקע קריסטן האָבן זיך צו זיי פיינטלעך באַצויגן. ס'איז שווער געווען, צוליב דעם יידישן אויסזען, איינצושאַפן זיך ביי די פּויערים עסן. נאָך ערגער איז געווען מיטן אויסגעפינען אַ זיכער שטיקל וואַלד. די דייטשן פלעגן זיי אויס־שפּירן, מאַכן פּלוצלונגדיקע איבערפאַלן, יאָגן זיך נאָך זיי, ווי נאָך משוגענע הינט. זיי האָבן כסדר געליטן פאַרלוסטן. פון טאָג צו טאָג זיינען די גרופּן מער איינגעשרומפּן געוואָרן.

לעצטנס — דערציילט איגלא — איז די לאַגע אין וואַלד געוואָרן גאָר ביטער. עס זיינען אָנגעקומען פרישע דייטשישע אויסשפּיר־אָפּטיי־לונגען. פאַרלאָזן פון דער וועלט, אָן קאָנטאַקט, אָן אָנפירונג און באַדראָט צוליב דער פיינטלעכער האַלטונג פון די פּוילישע פּאַרטיזאַנער־גרופּן, זיינען זיי כסדר אויסגעשטעלט אויף אומקום.

אין וואַלד זיינען צו זיי דערגאַנגען טרויעריקע ידיעות פון זייערע חברים. דער גרעסטער טייל, וואָס האָבן זיך מיט זיי געשיידט, זיינען אומגעקומען.

אַזוי האָבן זיי זיך דערוואוסט וועגן טויט פון זייערע זעקס חברים, מיט וועלכע זיי האָבן צוזאַמען געקעמפט אין די טראַגישע טעג פון געטאָ־אויפשטאַנד, צוזאַמען זיך אַרויסגעראַטעוועט דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן און אַ צייט געווען צוזאַמען אין וואַלד.

ישראל ראַמאַנאָוויטש, שימעק שיינטאל, דוד נאָוואָדוואָרסקי, העניעק קליינוויס, רבקה סאַפּערשטיין, דאָרקע דעמבינסקא, האָבן זיך געהאַט אָפּגעטיילט פון זייערע חברים און באַשלאָסן צו געפינען אַ וועג קיין אונגאַרן.

זיי האָבן זיך צוריקגעקערט קיין לאָמיאַנקי, וואו עס האָט געוואוינט אַ פריינדלעכער קריסט, וואָס האָט געקענט זיי געבן אָנווייזונגען. אויפן וועג צו דעם פּויערס כאַטע האָבן די קעמפער אָנגעטראָפן אַ „פאָלקס־דייטש". יענער האָט דערקענט אין זיי יידן און גלייך אַוועק אָנמעלדן

דער דייטשישער פּאָליציי. עס איז צווישן די געטאָ־אויפשטענדלער און די אָנפאַלער פאָרגעקומען אַ פאַרביסענער געראַנגל, אַלע זעקס זיינען אָבער אומגעקומען.

צעבראָכענע, פאַרצווייפלטע, האָבן די לעבן־געבליבענע יידישע פאַרטיזאַנער באַשלאָסן עמיצן אַרויסצושיקן אין שטאָט אַריין, כדי צוריק קענען אָנקניפּן דעם איבערגעריסענעם קאָנטאַקט מיט אונדזער אונטער־ערד.

פון דער קליינער צאָל איבערגעבליבענע אויפשטענדלער, איז איגלא אַממערסטן ענלעך געווען אויף אַן אַריער. אויף אים איז טאַקע געפאַלן דער גורל צו פאָרן אין שטאָט אַריין.

אָן שום דאָקומענטן, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, בלויז מיט אַ רע־וואָלווער אין קעשענע, האָט ער זיך דערשלאָגן קיין וואַרשע.

גלייך פון דער באַן איז איגלא אַוועק צו מיר אין דער וואוינונג, אויף צאַראַקאָווע 2־א, און — געטראָפן אַ פאַרמאַכטע טיר. דאָס איז געווען צוויי טעג נאָך אַבראַשאַ בלומס און מיין אַרעסט. אַ נס, וואָס קיינער פון די איינוואוינער האָט אים נישט געזען.

איגלאַ'ן איז אָבער געלונגען אָנצובינדן דעם קאָנטאַקט דורך אַ צווייטן אַדרעס, וואָס ער האָט געהאַט. ער האָט זיך געזען מיט חבר „מיקאָליי" (בערעזאָווסקי), מיט „אַנטעק" (יצחק צוקערמאַן) האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן זייער וואַלד־לעבן און זיך צוריקגעקערט צו זיינע חברים מיט געלט און קליידער.

איגלא איז שפּעטער געוואָרן אַ שטענדיקער קוריער פון קאָאָרדי־ניר־קאָמיטעט. אין אַ צייט אַרום איז ער אומגעקומען צוזאַמען מיט צוויי געטאָ אויפשטענדלער, שפּעטער פאַרטיזאַנער, גוטע קאַוועגאָקי און יעקב פייגנבלאַט. די מעלינע וואו זיי האָבן זיך געפונען אויף פרושנע 14 איז דורכגעפאַלן. בעת די דייטשישע געשטאַפּא האָבן געוואָלט אַריין אין זייער באַהעלטעניש, האָבן איגלא און זיינע חברים געשטעלט אַ באַ־וואָפנטן ווידערשטאַנד. אַלע דריי זיינען געפאַלן אין אומגלייכן קאַמף.

### קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

## פרישע יידישע קרבנות

אין דער צייט, ווען איך בין נאָך געווען אין דאָרף, האָט זיך צווישן די יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט, אין וואַרשע, אויפגעהויבן אַ טומל.

פון דער שווייץ איז אָנגעקומען אַ געוויסע צאָל פּעסער פון פּאַלעס־טינער בירגער און בירגער פון די דרום־אַמעריקאַנער לענדער. אַזוי ווי די יידן פאַר וועמען די פּעסער זיינען באַשטימט געווען, זיינען מער נישטאָ, איז די געשטאַפּאָ מסכים, פאַר גרויסע געלט־סומעס, זיי אָוועק־געבן צו אַנדערע יידן, וועלכע וועלן מוזן אָננעמען דעם נאָמען, וואָס איז אָנגעמערקט אין דעם פּאַס. מיטן מאָמענט, ווען אַ ייד שאַפט זיך איין אַזאַ פּאַס, ווערט ער גלייך באַטראַכט פאַר אַן אויסלענדישן בירגער און ווערט אָפּגעשיקט קיין פראַנקרייך אין אַ ספּעציעלן אינטערנירונגס־לאַגער פאַר אויסלענדער, וואו ער וואַרט אויף אַן אויסטויש פון געפאַנ־גענע דייטשישע זעלנער און אויסלענדער.

בליץ־שנעל האָט זיך די דאָזיקע ידיעה פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט. אין דער צייט, ווען דער דייטש האָט אַזוי שוידערלעך פאַר־ניכטעט דעם וואַרשעווער געטאָ; ווען ספּעציעלע דייטשישע ס. ס.־לייט זיינען צוגעטיילט געוואָרן צו זוכן באַהאַלטענע יידן און זיי אומצוברענגען; ווען יעדער קריסט, וואָס באַהאַלט אויס אַ יידן, ווערט דערשאָסן; ווען פּוילישע הייזער, וואו מען געפינט אַ יידן ווערן אונטערגעצונדן; ווען אַן אויפהער פאַלן דורך מעלינעס — אַט אין דער צייט פון שרעקלעכן דייטשישן טעראָר איבער יידן, האָט גאָר די געשטאַפּאָ צוגעטיילט אַ ספּעציעלע געביידע פאַר דער גייער יידישער עמיגראַציע.

אויף כמיעלנע גאַס, אין האָטעל „ראָיאַל” איז געווען דער פּונקט, וואו מען דערליידיקט די פּעסער. אַ גאַנץ הויז איז אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר יידן. דאָרט זיינען שוין געווען צענדליקער מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט אויפן טראַנספּאָרט. פון לאַגער „פּאָניאַטאָוו”, הינטער לובלין, האָט מען אַהער אַראָפּגעשיקט עטלעכע דרייסיק רייכע יידן. וואו מען איז

נאָר געקומען, ווען מען האָט נאָר באַגעגנט, קריסטן, יידן — אַלע האָבן גערעדט און געפיבערט מיט דער דאָזיקער פרישער נייעס...

אַ קליינינקייט, יידן, ווען מען די דייטשן האָבן ביז איצט אומגעבראַכט, באַקומען פלוצלונג רעכט צו לעבן! געשטאַפּאָ אַליין מאַכט זיי פאַר אויסלענדישע בירגער...

עס האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכטראַכטענישן: — איז עס נישט אַמאָל איינער פון די דייטשישע צוגעטראַכטע פאַרניכטונגס־פּלענער? צי איז עס נישט אַ פרישער אַריינגאַרונגס מיטל? אָדער אפשר איז עס טאַקע אַ וועג פון רעטונג? אויף דער אַרישער זייט דראָט דעם יידן טויט, דאָרטן וועט ער סוף־כל־סוף געכאַפּט ווערן און דאָ האָט מען דאָך צו טאָן מיט אויסלענדישע קאָנסולאַטן, מיט אַן אָפענער וועלט. דאָרטן אין אויסלאַנד וועלן דאָך די דייטשן מוזן זאָגן, וואָס זיי האָבן מיט די פּעסער געטאָן. און ווידער, טאָמער וואָלט דאָס געווען אַ נייע פּאַסטקע, איז וואָס הייסט מען זיך באַצאָלן שווערע טויזנטער פאַר אַ פּאַס! עס וואָלט דאָך געווען מער בעלנים, ווען מען טיילט זיי בחינם! אמת קיין צוטרוי צו די דייטשן איז נישטאָ, אָבער ווי קען מען זיך אָפּזאָגן פון אויסנוצן אַזאַ גאָלדענע מעגלעכקייט, אַרויסצוקריגן זיך אין דער וועלט אַריין?... דער פּאַס מאַכט דאָך פון הפקרדיקן יידן אַ בירגער, וועלכער ווערט געאַכטעט און געשיצט...

אַזוי האָבן יידן אַליין געפונען אַ באַרעכטיקונג, כדי צו קענען זיך אָנכאַפּן אין שאַרף פון אַ שווערד. אפשר דאָך?...

די נייע האָפענונג איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן, ווען עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען בריוו פון דער ערשטע גרופּע אַרויסגעשיקטע. די גרופּע יידן איז טאַקע, ווי דייטשן האָבן צוגעזאָגט, אָנגעקומען קיין וויטעל — אַ שטאָט אין פראַנקרייך. די באַדינגונגען זייַנען דאָרטן גוטע און די יידן ווערן באַטראַכט אַלס אויסלענדער...

— וואָס־זשע דאַרף מען נאָך מער? — האָבן זיך יידן געפרייט.

אַמשטאַרקסטן האָט געווירקט אויף די יידן דאָס, וואָס אַן אָנגעזעענער ייד מיט אַ געזעלשאַפטלעכן סטאַזש, האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער עמיגראַציע בהלה אין „האָטעל ראיאל" און שפּעטער אין „האָטעל פּאָלסקי" — ד ו ד ג ו ז ש י ק, איינער פון די דירעקטאָרן פון „דזשוינט" אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן.

רייכע יידן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן זייערע באַהעלטענישן. מען האָט אַרויסגענומען קינדער פון די קלויסטערס, מען איז אַוועק פון די בעסטע מעליבעס, פון די פאַרטרויליכסטע, ערלעכסטע קריסטן און זיך געריסן אין האָטעל אַריין.

דער, וואָס האָט זיך נאָר געקענט אַרויפקריגן אויף דער רעגיס־טראַציע־ליסטע, האָט זיך שוין באַטראַכט פאַר אַ געראַטעוועטן. יידן

האָבן פאַרקויפט דאָס לעצטע ביסל צירונג: רינגעלעך, גאָלדענע קייטע־לעך, בריליאַנטן, אַבי נאָר צו קענען שאַפן די געפאָדערטע געלט־סומע און באַקומען דעם אַזוי געגאַרטן פּאַס.

ווען מען דער ענין האָט אינטערעסירט, ווער עס האָט זיך געקענט באַוועגן אין גאַס, האָט ריזיקירט און געלאָפן אין „האָטעל ראָיאַל" און שפּעטער אין „האָטעל פּאָלסקי" אויף דלוגע 29, וואו עס האָט זיך דערנאָך איבערגעטראָגן דאָס פאַרשרייבן זיך. איך האָב אויך געוואָלט פון דער נאָענט געבן אַ קוק, ווי די זאַך זעט אויס, אַליין זיך איבערצייגן, אַליין זען.

אין האָטעל אַריין האָבן קיין פרעמדע נישט געטאָרט אַריינקומען, געשטאַפּאָ האָט אָבער געקוקט דורך די פינגער און יעדן איינעם אַריינ־געלאָזט. ווי מען איז נאָר איבערגעטראָטן די שוועל פון האָטעל, איז מען אַנגעשטעקט געוואָרן מיט דער רייזע־שטימונג, וואָס האָט דאָרטן געהערשט.

עס האָט זיך דאָרטן געטומלט, ווי אויף אַ יריד. דער הויף איז פול געוואָרן מיט ריידנדיקע יידן. צעיאָכמעטע מענער און פרויען זיינען כסדר געלאָפן צו דער ביוראָ כאַפּן אַ קוק, צי זי איז שוין טעטיק. אַנדערע האָבן זיך געאײַלט אויף די שטיגן, געשלעפּט פּעקלעך, וואַליזעס צו זיך אין די צימערן אַריין. אייניקע ווידער האָבן גערופן זייערע פריינט אין אַ זייט און עפּעס געהיימניספול זיך געסודעט. אָפּגעריסענע זאַצן האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן:

— האָסט גערעדט מיט זיי?

— נו, וויפל?

— סאָראַ פּאַס?

פּאַלעסטינער פּעסער האָבן איינמאָל געקאָסט ביליקער, דרום־אַמע־ריקאַנער — טייערער; אַן אַנדער מאָל ווידער — פאַרקערט. דאָס איז אָפּהענגיק געווען דערפון, ווי גרויס עס איז געווען דער נאָכפרעג. טראָץ דער פרייקייט און טראָץ דעם פיבערדיקן גרייטן זיך צום אַרויס־פאָר, האָט זיך געפילט אַן אומרואיקייט, אַ באַהאַלטענע, דערשטיקטע שרעק.

אויף די דענערווירטע, צעטראָגענע פנימער האָט מען געקאָנט אַראָפּלייענען אַ שטילן צווייפל:

— נאָרט מען אונדז נישט אַמאָל?

פאַרן אָפּפאָרן פון יעדן טראַנספּאָרט האָבן דייטשן געהאַלטן רעדעס. רואיק, העפלעך האָבן זיי אויפגעקלערט, אַז מען וועט מוזן וואַרטן אין די לאַגערן, ביז עס וועט קומען דער אויסטויש פון געפאַנגענע דייטשישע זעלנער און אויסלענדער. זיי האָבן געבעטן, מען זאָל אַרויסווייזן פאַר־

שטענדעניש; נישט איבערנעמען זיך מיט די שוועריקייטן און אומבאַ־קוועמלעכקייטן, וואָס וועלן זיין אין וועג.

— „עס איז קריגס־צייט, מען דאַרף אונדז פאַרשטיין, דאָס דייטשישע פאָלק האָט אויך נישט אַלץ, וואָס עס וויל".

יידן האָבן געהערט און געשטוינט. דייטשן זאָלן זיך פאַר זיי פאַר־ענטפערן? עפּעס איז דאָך נאָך אַזעלכעס נישט געווען!

זיכער זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געגלייבט, וואָס האָבן געהאַט ספקות. די לעצטע האָבן זיך באַמיט צו טרעפן גוזשיקן, אים אויסצופרעגן און צו הערן פון אים אַ מיינונג.

גוזשיק איז געווען די אויטאָריטעטע פערזאָן, צו וועמען די יידן האָבן געהאַט צוטרוי. ער איז אויך געווען שפּעטער דער, וואָס האָט באַשטימט, וויפל אַ ייד דאַרף באַצאָלן פאַר זיין פּאַס. אָרעמע האָבן געצאָלט קלענערע פּרייזן אָדער גאָרנישט. גוזשיקן האָט מען געהערט, אים האָט מען געגלייבט און צוליב אים איז מען געפאָרן. האָט ער דאָך אַליין אויך אָוועקגעשיקט זיין גאַנצע פאַמיליע! אויב גוזשיק גלייבט אַזוי שטאַרק אין דער גאַנצער אַקציע, מוז ער דאָך האָבן אַ גרונט; אפשר שטייט ער גאָר אין פאַרבינדונג מיט אויסלאַנד? ווען נישט, פאַרוואָס פאַרנעמט ער אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט?...

די געשטאַפּאָ ווידער האָט אַלץ געטאָן כדי אונטערצושטרייכן די פּריווילעגירטע לאַגע פון די האָטעל־יידן. עס זיינען געווען פאַלן, ווען די געשטאַפּאָ האָט אַפילו באַפרייט אַרעסטירטע יידן, ווען זיי האָבן זיך פאַר־רופן, אַז זיי זיינען רעגיסטרירט אין „האָטעל פּאָלסקי".

עס דערמאָנען זיך מיר צוויי פאַקטן פון יענער צייט, וואָס האָבן אויף אַלעמען געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק.

די יידן האָבן נישט געטאָרט פאַרלאָזן דעם האָטעל. דאָך פלעגט מען זיך, פון צייט צו צייט, אַרויסכאַפּן כדי צו דערליידיקן עפּעס אַן ענין. גייט זיך אַזוי אויף דער גאַס אַ יידישע פרוי, וואָס האָט שוין געהאַט אַן אויסלענדישן פּאַס און עס פאַרהאַלט זי פּאָליציי. אַ גאַנץ נאָרמאַלער פאַל. ווי נאָר דער פרוי׳ס פריינד האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם אַרעסט, זיינען זיי אַוועק זיך פאַרקלאָגן פאַר די האָטעל־געשטאַפּאָווצעס, צו די „מאַכערס", צו קאָסאָווסקין, וועמען די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט נאָך אין געטאָ פאַרוואונדעט צוליב זיין דינסט אין געשטאַפּאָ, און זשוראַווין, אויך אַ געשטאַפּאָוועץ. זיי האָבן געטענהט, אַז מען האָט אַרעס־טירט אַן אויסלענדישע בירגערין. נאָך עטלעכע שעה איז די פרוי באַ־פרייט געוואָרן.

אַ צווייטער פאַל:

אַ ייד, וועלכער האָט זיך געקליבן צו פאָרן, איז אַוועק אָפּנעמען פון זיינס אַ קריסטלעכן פריינד זיינע זאַכן, וועלכע ער האָט מיט אַ צייט

צוריק אים געגעבן. דער קריסט האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט די זאַכן צו־ריקצובּרענגען. דאָס איז אין יענער צייט געווען אַ גאַנץ געווינ־לעכע דערשיינונג, צו וועלכער מיר זיינען שוין געווען צוגעוואוינט. אין דעם פאַל האָט זיך אָבער דער ייד נישט אונטערגעגעבן. ווי אַן אויסלענדישער בירגער האָט ער דאָך רעכט מיטצונעמען זיינע זאַכן. ער איז אַוועק צו די „האָטעל מאַכּבּרס" און — עס זיינען אַוועק צום קריסט צוויי דייטשן און דער ייד האָט אַלץ אָפּגעקריגן.

אָט אַזעלכע פאַקטן האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם גלויבן אין די אויסלענדישע פּעסער.

אין חודש יוני האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשטאַרקן דער צווייפל. מען האָט געקאָנט קויפן אויסלענדישע פּעסער פאַר שפּאָט ביליק און אַפילו אויסבעטן פאַר אומזיסט. אַלע, וועלכע האָבן זיך געווענדעט וועגן פּאַרן, זיינען באַשטעטיקט געוואָרן. עס האָט אָנגעהויבן צו פיניקן די אומזי־כערקייט. עפּעס צו לייכט קאָן מען געהאָלפן ווערן! איז עס טאַקע נישט קיין שווינדל?!

אָט אַזעלכע פראַגן האָבן זיך געהערט פון באַקאַנטע, פריינד, ווען איך האָב אין די לעצטע מינוטן פאַר זייער אָפּפאָרן, באַזאָרגט אין האָטעל אַריין אַ ביסל געלט פון אונדזער הילפס־קאַסע.

לייבל שפּיכלער, מיטגליד פון אומלעגאַלן וואַרשעווער „צוקונפט"־קאָמיטעט, מיט ווייב, קינד און שוועגערין, האָט שטאַרק געגלייבט אין פּאַרן. זיי זיינען אַלע פיר געזעסן מיט פאַרפּאַקטע וואַליזעס און געוואַרט אויף דער ריי.

— האָבן דאָך די יידישע געשטאַפּאָוצעס אַליין אַהין אַוועקגעשיקט זייערע משפחות — האָט חיה שפּיכלער דערקלערט ביים געזעגענען זיך מיט מיר. זי האָט נישט געהאַט קיין צווייפל.

אַנדערש איז געווען מיט חבר זימאַן. ח' זימאַן, אַ לאַנג־יעריקער רעפערענט פון אַ „צוקונפט"־קרייז אויף פּראַגע, איז געווען אין זייער אַ גוטער באַהעלטעניש אויף גזשיבּאָווסקע 29. זיין פינף־יעריק טעכ־טערל האָט ער געהאַט איינגעאָרדנט ביי אַ קריסטין. איצט זיינען זיי אויך געווען אין „האָטעל פּאָלסקי" און געוואַרט אויף דעם אָפּפאָר. הגם ער האָט שוין געהאַט דערלידיקט אַלע פאָרמאַליטעטן, האָט ער זיך פאַר מיר אָפּט מודה געווען אין זיינע ספקות...

— איך האָב טאַקע אַלץ דערלידיקט, אָבער איך ווייס נישט צי איך טו גוט. מען גיט זיך דאָך אַליין איבער אין זייערע הענט!

עסטושע ליפּשיץ, פרוי פון חבר יוסף ליפּשיץ — (פאָרזיצער פון צ. ק. פון דער „צוקונפט" פאַר דער מלחמה, וועלכער איז דאַן געווען אין דער פּוילישער אַרמיי אין אויסלאַנד), איז צוגעשריבן געוואָרן צו זימאַנס פּאַס ווי זיין כלומרשטע פרוי. זי איז אַ צוטומלטע אַרומגעלאָפן

איבערן האָטעל און יעדן איינעם פון די אָריינגעקומענע פון דרויסן געשטעלט די זעלביקע פראַגן.

— וואָס זאָגט איר? דאַרף מען זיי גלייבן? אפשר נישט פאָרן? וואָס זאָגט דער אומלעגאַלער הילפס־קאָמיטעט?

שווער געווען צו געבן עצות. מען האָט אַליין געדאַרפט דעצידירן, אַליין פאַר זיך באַשליסן.

דעם אמת געזאָגט, האָבן אַ סך פון אונדזערע טוערס נישט געגלייבט אין דער גאַנצער אַקציע. זיי האָבן עס געהאַלטן פאַר אַן אַפּנאַרעריי, פאַר איינעם פון די ראַפינירטע דייטשישע אַריינגאַרונגס־מיטלען. אָבער אין גאַנצן זיכער ביי זיך זיינען זיי נישט געווען. זיי האָבן טאַקע געטענהט, אַז מען דאַרף נישט גלייבן די דייטשן און אַפילו אַרויסגע־שיקט דורך אונטערערדישע וועגן טעלעגראַמעס מיט אָנפראַגעס וועגן דאָזיקן ענין. קיין קאַטעגאָרישן „ניין" האָבן זיי אָבער נישט געקאָנט זאָגן. מיר זיינען דאָך געווען אין אַן אָפּגעשלאָסן לאַנד. עס איז דאָך נישט געווען קיין זיכערקייט, אַז עס איז אַן אפּערע. ווי קען מען בעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און הייסן יידן בלייבן דאָ, וואו זיי קענען יעדע מינוט אומגעברענגט ווערן? אפשר איז פאָרט מעגלעך, אַז דורך דעם וועג וועט אימיצן געלינגען אָפּגעראַטעוועט צו ווערן! ...

ענלעך האָט אויך געטראַכט אליעזר געלער, וואָס האָט זיך אויס־געצייכנט אין געטאָ־אויפשטאַנד. ער האָט זיך שוין, ווי באַוואוסט, אַרויסגעראַטעוועט פון דער שרפה אין דער צעלולאָיד־פאַבריק אויף פּראַגע. איך האָב אים געטראָפן אין „האָטעל פּאָלסקי", אויף דלוגע 29, נאָך מיט אָפּגעבריטע פאַרבאַנדאַזשירטע הענט.

— איך וויל נאָר אויף דעם אופן זיך אַרויסקריגן פון פּוילן, ווייטער וועל איך פּרוּוון אַליין זיך ערגעץ צו דערשלאָגן — האָט ער בעת אַ געשפּרעך פאַר מיר זיך מודה געווען. אליעזר האָט געוואָרט אָפּצופאָרן מיט נאָך איין געראַטעוועטן געטאָ־קעמפער — ישראל קאַנאַל, אַ שוואַרצן בחור, וועלכער איז נישט לאַנג צוריקגעקומען פון דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין די ווישקאָווער וועלדער. ישראל קאַנאַל, דער מוטיקער דרייסטער געטאָ־אויפשטענדלער, האָט נאָך פאַרן אויפשטאַנד זיך באַרימט געמאַכט, שיסנדיק אויף דעם הינטישן יידישן פּאָליציי־שעף שערינסקי.

איך האָב דאָרטן אויך באַגעגנט מיינע אַ באַקאַנטע, סאַלע טשאַר־נאָבראָדע, אַ געוועזענע שילערין פון דער יידישער וועלטלעכער פאָלקס־שול, און אויך איינעם פון מיינע געוועזענע שאָפּ־פאַרוואַלטער, דעם מאַנופאַקטור־סוחר, ד. פרידמאַן.

מען האָט זיך געוואַקלט, געצווייפלט אָבער פאָרט זיך אַנטשלאָסן און געפאָרן.

ערשט דער לעצטער טראַנספּאָרט האָט אַלעמען געעפֿנט די אויגן. די דײַטשן זײַנען, ווי געווײנלעך, געקומען אין האָטעל „פּאָלסקי" נעמען אַ טראַנספּאָרט ייִדן אויף אָפּצופֿאָרן. מען האָט דעם האָטעל, ווי שטענדיק, אַרומגעשטעלט מיט דײַטשישע באַוואָפֿנטע זשאַנדאַרמען, אַלע אַרויס־געגנג זײַנען פֿאַרמאַכט געוואָרן. אין דרויסן האָבן געוואַרט עטלעכע טראַנספּאָרט־אויטאָס. עפּעס אַ מאָדנע אומרואיקייט האָט די ייִדן אַרומ־געכאַפּט. מען האָט זיך, אין דער שטיל, איבערגעגעבן אונטערגעהערטע שמועסן פֿון די געשטאַפּאָ־מענטשן, אַז מען וועט אַלע צובעמען... און ווירקלעך, די דײַטשן האָבן אויפֿגעפֿאָדערט, אַז אַלע ייִדן, וואָס געפֿינען זיך אין האָטעל, זאָלן אַרויפֿגיין אויף די וועגענער. עס איז געוואָרן אַ בהלה. וואָס הייסט אַלע? ביז איצט האָט מען דאָך נאָר גענומען די רעגיסטרירטע! דאָ זײַנען דאָך דאָ אַ סך, וועלכע זײַנען נאָך נישט דערליידיקט געוואָרן אָדער וואַרטן אויף זייערע משפּחות?!...

צעשראָקענע איז מען געלאָפֿן אין אָפּיס נאָך אַן אויפֿקלערונג, אָבער אויך דאָרטן איז שוין געווען זשאַנדאַרמעריע. ייִדן האָבן זיך אָפּ־געזאָגט צו פֿאָרן, זיי וועלן נאָך וואַרטן, זיי ווילן פֿאָרן מיט אַ צווייטן טראַנספּאָרט. אומזיסטע טענות. עס האָבן נישט געהאָלפֿן קיין פּראָ־טעסטן, אויפֿקלערונגען — אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ שטײַג און עס איז נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג ווי צו פֿאָרן.

די זשאַנדאַרמען האָבן אומעטום געזוכט, קיין איינעם האָבן זיי נישט איבערגעלאָזן. אַפֿילו גוזשיקן האָבן זיי צוגענומען.

דער גאַנצער האָטעל איז אויסגעליידיקט געוואָרן. בלויז עטלעכע פּערזאָן איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן און זיי האָבן אויסגעמיטן דאָס אַרויספֿאָרן. צווישן זיי האָט זיך אויך געפֿונען מײַן מאַן — בנימין מיענדזיזשעצקי. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אויפֿן בוידעם אין האָטעל און איז אַזוי אַרום געראַטעוועט געוואָרן. אַרום פֿיר הונדערט מאַן זײַנען דאַן אַרויסגעפֿירט געוואָרן אין פּאַוויאַק אַרײַן.

אין אַ צוויי טעג אַרום האָט זיך איבער וואַרשע פֿאַרשפּרייט די ידיעה, אַז אַ העלפֿט פֿון די צוגענומענע ייִדן זײַנען אויפֿן פּאַוויאַק־הויף דערשאָסן געוואָרן דורך די דײַטשן. די פֿאַרבליבענע העלפֿט איז אַוועק־געשיקט געוואָרן קיין בערגן־בעלזן... אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. בלויז איינציקע האָט די געשטאַפּאָ פֿאַר גרויסע געלט־סומעס באַפֿרײַט פֿון פּאַוויאַק, צווישן זיי איז אויך געווען דוד גוזשיק.

מיר, די פֿאַרבליבענע אויף דער אַרישער זײַט, סײַ די וועלכע האָבן געגלייבט אין דעם פֿאָרן און סײַ די וועלכע האָבן געצווייפֿלט, אַלע האָבן זיך געפֿילט שרעקלעך צעבראָכן און אָפּגעגאַרט.

ראַפֿינירט, קונציק־אויסגערעכנט, האָבן די דײַטשן געשפּילט אויף דעם ייִדנס נאָך אַלץ טליִענדיקע האָפֿענונג צו ראַטעווען זיך, צו לעבן.

סאַראַ נידערטרעכטיקע שפּיל! סאַראַ שענדלעכע אָפּנאַרעריי! יידן, וועלכע האָבן שוין דורכגעמאַכט אַלע גיהנומס, ניצול געוואָרן פון טויט, נאָך שווערע מי און מאַטערניש זיך אַרויסגעקראָגן פון געטאָ, געהאָפּט דורך אַ לעגאַלן אופן זיך צו ראַטעווען, — זיינען אַזוי ראַפּינירט באַ־שווינדלט געוואָרן!

אַ פרישער וויטיקלעכע בלוט־אָפּצאַפּונג פון אַזוי אויך קליינעם ביסל פאַרבליבענע יידן.

די דייטשישע ביטערקייט, די דייטשישע סיסטעמאַטישקייט אין מאָרד, די דייטשישע טייוולאַנישע מעטאָדן פון פאַרניכטונג האָבן איינגע־שלונגען פרישע קרבנות!

פון די העכער דריי טויזנט קרבנות, וועלכע זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן מיט די פריערדיקע טראַנספּאָרטן, האָבן זיך קוים געראַטעוועט עטלעכע צענדליק. דאָס זיינען געווען פערזאָנען, וואָס האָבן געהאַט אמתע אויסלענדישע פּעסער.

אַזוי האָט זיך געענדיקט דער גלויבן פון די געיאָגטע און געפּייניקטע יידן געראַטעוועט צו ווערן — אויף אַ געזעצלעכן וועג.

**
*

נאָך דער באַפרייאונג, באַזונדערס לעצטנס, אין ניו־יאָרק, האָב איך זיך דערוואוסט אַ רייי פּרטים וועגן גאַנצן ענין. עס איז אמת, אַז די דייטשן האָבן זיך פון אָנהייב באַצויגן אַנדערש צו די יידן מיט אויס־לענדישע פּעסער און האָבן זיי געהאַלטן אין פאַרהעלטעניסמעסיק גוטע באַדינגונגען. ס'איז אויך זיכער, אַז יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אויס־לאַנד האָבן געמאַכט באַמיאונגען צו קריגן וואָס מער אַזעלכע פיקטיווע פּעסער פון לאַטיין־אַמעריקאַנישע מלוכות פאַר די יידן אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע און אַז עס זיינען אַפילו געפירט געוואָרן געוויסע אונטערהאַנדלונגען מיט נאַציס וועגן אַרויסלאָזן אַ געוויסע צאָל יידן. מעגלעך, אַז די נאַציס האָבן געוואָלט אויסטוישן אָט די יידן פאַר אַ צאָל געפאַנגענע דייטשן, וואָס זיינען געווען אין די הענט פון די אַליאירטע. ס'איז אָבער אויך אַ טראַגישער פאַקט, אַז בלויז אַ גאָר נישטיקע צאָל יידן איז אין סך־הכל פון אָט די אַלע אָנשטרענגונגען, ניצול געוואָרן און אַז אַ פיל, גרעסערע צאָל איז אויף אַזאַ אופן אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די מערדער.

דער ענין „האָטעל פּאָלסקי" און די אַלע פראַגן, וואָס זיינען מיט אים פאַרבונדן, דאַרפן נאָך גענוי אויסגעפאָרשט ווערן.

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

# יידישע הילפס-אַרבעט אויף דער אַרישער זייט

דער יידישער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט, איז געשאַפן געוואָרן אין וואַר־שעווער געטאָ דעם 20־טן אָקטאָבער 1942 מיטן צוועק צו אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד קעגן די דייטשן. אין אים זיינען געווען פאַר־טראָטן כמעט אַלע יידישע פּאָליטישע גרופּירונגען. אַזוי איז אין פּרע־זידיום פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט געווען: ח' אַבראַשע בלום — פון „בונד", מנחם קירשנבוים — פון די ציוניסטן און יצחק צוקערמאַן — פון „החלוץ". אין דער זעלביקער צייט איז אויך באַשטימט געוואָרן די אָנפירערשאַפט פון דער ניי־געשאַפענער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַ־ציע, וועמענס הויפּט־קאָמענדאַנט איז געווען מרדכי אַנילעוויטש — פון „השומר הצעיר".

די צוויי כוחות, אויף וועמען עס האָט זיך געשטיצט דער קאָאָרדי־ניר־קאָמיטעט, דער „בונד" און דער „נאַציאָנאַלער יידישער קאָמיטעט", — האָבן געהאַט זייערע פאָרשטייער און טוער אויף דער אַרישער זייט, וואָס האָבן ענג צוזאַמענגעאַרבעט מיטן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט.

בראָש פון דער דאָזיקער געמיינזאַמער אַרבעט אויף דער אַרישער זייט זיינען געשטאַנען פון סאַמע אָנהייב אָן: „מיקאַליי בערעזאָווסקי" — (ח' לעאָן פיינער) און „העניק" — (ח' פישגרונט) — פון „בונד", „יורעק" — (אריה ווילנער) און „באָראָווסקי" — (אַדאָלף בערמאַן) — פון דעם „נאַציאָנאַלן קאָמיטעט".

רעפּרעזענטאַנטן פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע זיינען אויף דער אַרישער זייט געווען: דער ערשטער „יורעק" — (אריה ווילנער), נאָך זיין דורכפאַל, אַ געוויסע צייט — מיכאל קלעפּפיש און האַרט פאַרן געטאָ־אויפשטאַנד — „אַנטעק" (יצחק צוקערמאַן).

פאַרן געטאָ־אויפשטאַנד איז כמעט די גאַנצע אַרבעט און ענערגיע געגאַנגען אין דער ריכטונג פון באַוואָפענען די קאַמפּס־אָרגאַניזציע. איצט, ווען דער געטאָ איז שוין געווען ליקווידירט, ווען פון אַלץ און אַלע־

מען זיינען געבליבן חורבות און סמאַלעניש, האָבן די געציילטע פאַרבלי־בענע יידישע טוערס זיך געווידמעט דער עיקר איין אויפגאַבע: העלפן די, וואָס זיינען על פי נס, ניצול געוואָרן פון אומקום!

דער יידישער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט אויף דער אַרישער זייט איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אויסלאַנד. ער פלעגט אַרויסשיקן באַריכטן, בריוו און הילפס־רופן דורך דער אַלגעמיינער פוילישער דעלעגאַטור; זי האָט זיי איבערגעשיקט צו דער פוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן, און די לעצטע פלעגט זיי איבערשיקן די אַנטשפּרעכנדיקע אַדרעסאַטן. נאָך אַ געוויסער צייט האָבן אַלס ענטפער אָנגעהויבן אָנצוקומען דורך די זעלבע אומלעגאַלע וועגן — געלט. פון אָנהייב איז אַממערסטן געלט אָנגעקומען פון די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע, געשיקט דורך דעם „יידישן אַרבעטער קאָמיטעט", שפּעטער אויך פון אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס, טיילווייז אויך פון דער פוילישער עמיגראַציע־רעגירונג. אָט די דאָזיקע באַקומענע געלטער האָבן אונדז געגעבן די מעגלעכקייט ווייטער אָנצוגיין מיט דער אַרבעט. דאָס געלט פלעגט קומען צום קאָאָרדיניר־קאָמיטעט אין דאָלאַרן און מיר פלעגן עס אויסבייטן אויף דער שוואַרצער בערזע אויף פוילישע זלאָטעס.

עס זיינען געווען פאַרשיידענע געלט־קאַסעס: פון „יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט", פון „בונד", פון יידישן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט און פון דעם ספּעציעל געשאַפענעם „הילפס־ראַט פאַר יידן", וואָס די פוילישע אונטערערדישע באַוועגונג האָט אָרגאַניזירט. די אַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָבער קאָאָרדינירט זייער טעטיקייט און אַ רייע אַרבעטן האָבן זיי געטאָן געמיינזאַם. פאַרשטייער פון די יידישע פּאָליטישע גרופּירונגען זיינען געווען פאַרטראָטן אין קאָאָרדיניר־קאָמיטעט און פאַרשטייער פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט זיינען געווען טעטיק אין פּוילישן הילפס־ראַט. די הויפּט־אַרבעטן פון יידישן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט זיינען געווען:

א. מאַטעריעלע הילף פאַר באַהאַלטענע יידן אויף דער אַרישער זייט.

ב. באַזאָרגן יידן מיט פאַלשע דאָקומענטן.

ג. באַזאָרגן יידן מיט דירות ביי פּאָליאַקן און איינאָרדענען באַהעלטענישן.

ד. הילף פאַר קינדער.

ו. אָנקניפּן פאַרבינדונגען מיט אַרבעטס־לאַגערן און באַזאָרגן אַהין הילף.

ז. איינשטעלן אַ פאַרבינדונג מיט יידישע פּאַרטיזאַנער.

ח. אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט אויסלאַנד.

ט. אָנהאַלטן אַ כסדרדיקע פאַרבינדונג מיט דער פּוילישער אונ־טערערדישער באַוועגונג.

צו דער דאָזיקער פאַרצווייגטער טעטיקייט האָט דער קאָאָרדינירקאָמיטעט געהאַט אַ קליינע צאָל מיטאַרבעטער. אָבער די איבערגעבנקייט פון אַט די טוער האָט מעגלעך געמאַכט, ביי די שווערסטע באַדינגונגען, צו פירן די אַרבעט.

פון מויל צו מויל, פון אויער צו אויער, האָט זיך שטיל און געהיים פאַרשפּרייט צווישן די יידן אויף דער אַרישער זייט די ידיעה וועגן דער הילפס־אַרבעט.

דער יידישער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן די הילפס־אַרבעט זייער פאַרזיכטיק, מורא האָבנדיק פאַר גרויסע דורכפאַלן צוליב די נישט געניטקייט פון יידן אויפן געביט פון פירן אומלעגאַלע אַרבעט אויף דער אַרישער זייט. אין זייער אַ קורצער צייט האָט ער אָבער גע־מוזט נאָכלאָזן די שטאַרקע קאָנספּיראַציע און פשוט נאָכגיין דעם רוף פון הילף וואָס איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ גרעסער. מיר האָבן נישט געהאַט קיין וואוינונגען און קיין לאָקאַלן, וואו זיך צו טרעפן. מיר פלעגן זיך דעריבער אָפט באַגעגענען מיט די, וואָס האָבן געהאַט אַ גוטן אַרישן אויסזען, אין גאַס, אין פאַרשיידענע פונקטן פון שטאָט.

אַ לאַנגע צייט איז מיר אויסגעקומען זיך אַקטיוו צו באַטייליקן אין אַט דער הילף־אַרבעט. כמעט יעדעס מאָל, ווען איך פלעג צוקומען צו אַן אָפּגערעדטן פונקט, פלעגט שוין פון דערווייטנס וואַרטן אַן אומבאַ־קאַנטער מאַן אָדער פרוי, וועמען מיינע יידישע פריינד האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט.

נישט דרייסט, מיט פאַרשטעלטע רייד, מיט אַ באַהאַלטענער שרעק אין די אויגן, פלעגט זיך דער פרעמדער פאַר מיר מודה זיין, ווער ער איז און וואָס עס האָט אים אַהער געבראַכט. ער האָט זיך דערוואוסט וועגן דער הילף, וואָס יידן באַקומען; זיינע באַקאַנטע האָבן עס אים אין געהיים געזאָגט; ער נויטיקט זיך שטאַרק אין דעם; מיר קענען אים ראַטעווען פון אונטערגאַנג.

נישט לייכט איז דעם פרעמדן אָנגעקומען דאָס זען זיך מיט אונדז — ער האָט מורא געהאַט... וואָס פאַרא געלטער זיינען דאָס? דורך וואָס פאַרא געהיימע וועגן קומען זיי אָן? ווער זיינען די פונאַנדערטיילער? צי גיט מען עס נישט ספּעציעל כדי אַריינצונאַרן?! די יידן אויף דער אַרישער זייט האָבן געציטערט פאַר יעדער נייער באַקאַנטשאַפט. זיי האָבן זיך אויסגעהיט נישט נאָר פאַרן דייטש, פאַר פּוילישע פּאָליציי, נאָר בכלל פאַר יעדע צודרינגלעכע אויג. זיי האָבן דאָך שוין דורכגעמאַכט

אַזוי פיל געפאַרן, דורכפאַלן, שאַנטאַזשן! איז ווי אַזוי קען מען זיך דאָס פאַר פרעמדע קוריערן אַליין זיך מודה זיין, אַז מען איז אַ ייד? און נאָך מער — דערציילן פון וואַנען מען שטאַמט, ווי אַזוי מען לעבט?...

מיט די דאָזיקע מענטשן האָט מען זיך געמוזט זען אַמווייניקסטנס איינמאָל אָדער צוויי מאָל אַ חודש — ברענגען זיי געלט, דאָקומענטן, העלפן דערליידיקן פאַר זיי מעלינעס און אַנדערע זאַכן.

כדי אַלץ צו באַזאָרגן ווי געהעריק און צו דער צייט און כדי אינפאָרמירט זיין וועגן אַלץ, האָבן מיר צוגעצויגן צו הילף אַ פּאָר סאָלידע און פאַראַנטוואָרטלעכע יידן, אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט אַ גוטן אַרישן אויסזען און פלעגן פריי זיך באַוועגן אין גאַס. מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט עטלעכע אַזעלכע איבערגעגעבענע פרישע קוריערן, וואָס פלעגן שוין פון מיר באַקומען גרעסערע סומעס געלט אויף צו באַזאָרגן זייערע נאָענטע פריינד.

די אַקטיווסטע און טיכטיקסטע פון זיי איז געווען „קרישע" (איר פאַמיליע־נאָמען האָב איך פאַרגעסן) פון וואַרשע. זי איז געווען אַ שיינע, בלאָנדע, שלאַנקע מיידל פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציק. זי האָט אויסבאַהאַלטן אין איר וואוינונג איר קראַנקע מאַמע. „קרישע" פלעגט אָפט פאַרשליסן די מוטער אין שטוב און פלעגט לויפן דערליידיקן די אָנפאַרטרויטע ענינים. זי לעבט, געפינט זיך איצט אין וואַרשע און אַרבעט אין אָרטיקן יידישן קאָמיטעט.

אַ צווייטע איז געווען „העלענקע" פון פיאָטרקאָוו, אַ שניידערין. זי האָט געפירט די הילפס־אַרבעט צווישן אירע לאַנדסלייט, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַרשע. זי לעבט אויך. מיט אַ יאָר צוריק איז זי געווען אין דייטשלאַנד אין פעלדאַפינגער ד. פּ. לאַגער.

דער דריטער איז געווען „יורעק" איגרא. היינט איז ער אין פוילן אין דער שטאָט סאָסנאָוויעץ.

מיר, די ענגערע צאָל קוריערן, וואָס זיינען געשטאַנען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיטן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט, האָבן געדאַרפט זאָרגן, אַז יעדע צוגעטיילטע געלט־סומע זאָל טאַקע דערגיין אויפן נויטיקן אַדרעס.

יעדער ייד, וואָס האָט זיך געווענדעט נאָך הילף, האָט געמוזט ביילייגן אַ שריפטלעכע ביטע צום קאָאָרדיניר־קאָמיטעט. אויפן סמך פון די באַמערקונגען פון קוריער און דעם יידנס ווענדונג גופא, פלעגט דער קאָמיטעט באַשטימען די גרויס פון דער הילף. אויף אַזאַ אופן האָט דער קאָמיטעט געהאַט אַ גענויע קאָנטראָל איבער דער פאַרוואַלטונג פון געלט. פאַרשטייט זיך, אַז די גאַנצע אַרבעט האָט זיך געמוזט שטיצן אויף ערלעכקייט, גלויבן און קעגנזייטיקן צוטרוי.

דורך מיינע הענט זיינען דורכגעגאַנגען צענדליקער הילפס־ווענ־

דונגען. די קורץ־פאַרשריבענע בויגעלעך פּאַפּיר זיינען געווען איין גרויסער וויי־געשריי פון יידישער פּיין און פאַרצווייפלונג.

...איך בין איינער אַליין געבליבן פון דער גאַנצער משפּחה — האָבן אַראָפּגעשריגן די זאַצן — געהאַט אַ פרוי, קינדער, אַ שטוב — אַלץ איז אַוועק אין די גאַז־אויוונס, אַוועק מיטן פייער, גאָרנישט געבליבן; דורך פאַרשיידענע ניסים אַליין זיך געראַטעוועט פון טויט; אַנטלאָפן פון אַ טויטן־לאַגער, געשפּרונגען פון אַ לויפנדיקן צוג און — געוואָרן אַ קריסט...

יעדער פון די דאָזיקע יידן איז דורכגעגאַנגען שבעה מדורי גיהנום, געבליבן צעבראָכן, צעשלאָגן אָן שום מיטלען. אָבער קיינעם פון זיי ווילט זיך נישט, נאָך אַזוי פיל פּיין און מאַטערניש, אומקומען.

עס ווילט זיך לעבן, לעבן און דערזען דעם סוף פון פאַרהאַסטן, פאַרשאָלטענעם שונא!

פאַרשיידענע זיינען געווען די הילפס־רופן. מיר זיינען אַ געוויסע צאָל נעמען און זאַצן פאַרבליבן אין זכרון.

ד״ר גאָלדמאַן פון פּיאָטרקאָוו האָט זיך געראַטעוועט צוזאַמען מיט אַ זון. אַליין אַ ספּעציאַליסט פון מויל־קראַנקייטן און דענטיסטיק, איז זיין בקשה געווען וועגן אַ ביסל מכשירים. „איך וויל זיך שטעלן צו אייער דינסט״ — האָט ער געשריבן. „איך וויל נישט אומזיסט זיך ראַטעווען״. ער האָט געוואָלט העלפן אין דער אַרבעט, גיין אין די באַהעלטענישן, אומעטום וואו מען וועט נאָר פאַרלאַנגען, אַבי נאָר צוריק נוצלעך צו ווערן.

מיט דעם אינזשעניער בלומענטאַל פון לעמבערג האָב איך זיך באַקענט דורך דער קריסטין וואָלאַנסקאַ, וועלכע וואוינט היינט אין לאָדזש. ער האָט איינער אַליין זיך געראַטעוועט. אים איז געלונגען אויסצוגעפינען זיין ברודערס צוויי קינדערלעך און זיי באַהאַלטן ביי אַ קריסטין. פאַר זיך האָט ער גאָרנישט געבעטן, ער וועט זיך שוין ווי עס איז אַן עצה געבן, — נאָר די קינדער העלפט, ראַטעוועט די יתומים! אָן געלט וועט מען נישט וועלן זיי האַלטן — האָט ער געשריבן אין זיין בקשה.

מיעטעק ראָזנפאַרב — אַ וואַרשעווער, אַנטלאָפן פון טרעבלינקע, די פרוי און צוויי קינדער פאַרלוירן. אַליין אַ שניידער, האָט ער, אַ דאַנק זיין אַרבעט, אויסגעפונען אַ באַהעלטעניש און עסן. גאַנצע טעג פלעגט ער האָרעווען פאַר זיין קריסטלעכן באַלעבאָס. ער האָט נאָר געבעטן מען זאָל אים באַזאָרגן מיט פּוילישע דאָקומענטן. „דאָס איז פאַר מיר אַ לעבנס־פראַגע״ — האָט ער געשריבן.

אירענע פון שעדלעץ, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אויף אַ בוידעם, האָט געשריבן:

„מיין באַהעלטעניש איז אין געפאַר, געפינט פאַר מיר אַ מעלינע, לאָזט מיר נישט אומקומען, איך האָב קיינעם מער נישט"...

צענדליקער און הונדערטער אַזעלכע בריוו מיט הילפס־ווענדונגען פלעגן דורך יעדן פון די קוריערן געבראַכט ווערן צום קאָאָרדיניר־קאָמיטעט. יעדער זאַץ — אַ שטיק טראַגעדיע. עס בעטן זיך די שוואַרצע אותיות, זיי שפּרינגען און שטעלן זיך אויס אין אַ ווייטיקלעכן רוף:

„העלפט אונדז ווייטער אָנגיין מיט געראַנגל! מיר ווילן לעבן"!!!

עס פלעגן אָבער טרעפן אין אונדזער הילפס־אַרבעט גאָר טראַגישע אומגליקן. אָט איז איינער פון זיי:

זאָשקע קערש האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון וואַרשעווער געטאָ, האָט געהאַט אַ גוטן אַרישן אויסזען און געאַרבעט אַלס אַ שניידערין ביי אַ קריסטין. איר איינציקער פאַרלאַנג איז געווען מען זאָל ראַטעווען איר ברודער, וואָס איז איינער פאַרבליבן פון איר גאַנצער משפחה, ער געפינט זיך אין לאַגער „סקאַרזשיסקאָ". מען קען אים פון דאָרטן אַרויסקריגן, נאָר געלט דאַרף מען — האָט זי געשריבן אין איר ווענדונג. זאָשקע האָט באַקומען די נויטיקע סומע געלט אויף אַרויסצוראַטעווען איר ברודער פון לאַגער. די נאַכט, ווען ער האָט באַדאַרפן אָנקומען קיין וואַרשע, איז זאָשקע אַוועק שלאָפן אין דער וואוינונג פון דער שמוגלערין, וואָס האָט אים געזאָלט ברענגען. אין דער זעלביקער וואוינונג האָט זינט עטלעכע טעג אויך גענעכטיקט אונדזער „צעלעק" — (י. צעלעמענסקי). אויפגערעגט, פול מיט אומגעדולד, האָבן די שטוביקע געוואַרט אויף דעם צוריקקומען פון דער שמוגלערקע. אַזאַ אַקציע ווי אַרויסשלעפּן אַ ייִדן פון לאַגער און ברענגען אים מיט דער באַן קיין וואַרשע איז אַ גרויסע ריזיקע. ענדלעך, נאָך האַלבע נאַכט איז דער אַנטלאָפענער „לאַגערניק" צוזאַמען מיט זיין רעטערין בשלום אָנגעקומען אין שטוב אַריין. ס'איז שווער איבערצוגעבן די פרייד פון שוועסטער און ברודער, זייער גליק איז געווען נישט צו דערשאַצן. נאָך אַזאַ לאַנגע צייט פון נישט זיין צוזאַמען, ווען איינער האָט געמיינט, אַז דער צווייטער איז זיכער שוין אומגעקומען, זעט מען זיך ווידער! פּלוצלונג, אין מיטן פון דער גאַנצער פריידיקער באַגריסונג, קלאַפּט עמיצער אין טיר. איידער מען האָט צייט געהאַט אַ טראַכט צו טאָן, וואָס דאָ קומט פאָר, האָבן זיך פון הינטער דער טיר דערהערט בייזע דייטשישע שטימען. די באַלעבאָסטע האָט מורא געקריגן און געעפנט. עס זיינען אַריין דייטשישע זשאַנדאַרמען. דאָס זיינען זיי געקומען אַרעסטירן אַ פאַרדעכטיקן מאַן, וואָס האָט זיך שוין לאַנג געהאַט אַרויסגעצויגן פון דער וואוינונג. די פּערזאָן, וועמען די דייטשן האָבן געזוכט איז טאַקע נישט געווען, אָבער דאַקעגן האָבן זיי אָנגעטראָפן די דריי ייִדן: זאָשקע מיטן ברודער און „צעלעקן". זאָשקען מיטן ברודער האָט מען גלייך אָפּגעפירט אין פּאַוויאַק

אַריין, ביידע זיינען אומגעקומען. „צעלעקן", איז אַ דאַנק זיין רואיקער און באַהערשטער האַלטונג, אַ דאַנק די גוטע אַרבעטס־פּאַפּירן געלונגען זיך אַרויסצודרייען. פון אים האָבן מיר זיך שפּעטער דערוואוסט אַט די אַלע פּרטים.

פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך זיינען געקומען די יידן: פון פּיאָטרקאָוו, קראָקע, לעמבערג, שעדלעץ און וואַרשע. דער גרעס־טער טייל האָט זיך קאָנצענטרירט אין וואַרשע און אומגעגנט.

דאָ, אין וואַרשע, אין גרויסן ים פון מענטשן, צווישן אומבאַקאַנטע קריסטן, איז געווען לייכטער זיך אויסצובאַהאַלטן. דאָ זיינען געווען בעסערע אויסזיכטן נישט דערקענט צו ווערן. דאָ איז אויך געווען דער קאָנטאַקט מיט דער געהיימער יידישער הילף.

ווער זיינען געווען די יידן, וואָס האָבן זיך צו אונדז געווענדעט?

זייער ווייניק פון די אָרעמע פאָלקס־מאַסן האָבן זיך געראַטעוועט אויף דער אַרישער זייט. זיי האָבן נישט געהאַט קיין געלט אויף אַרויסצוגיין, נישט געקענט קיין קריסטן, און נישט גערעדט קיין גוטן פּויליש. זיי זיינען געווען פון די ערשטע דייטשישע קרבנות.

די מערסטע פון די געראַטעוועטע זיינען פאַרן קריג געווען פאַר־מעגלעכע, גוט־איינגעאָרדנטע באַלעבאַטים, געהאַט געשעפטן, פאַבריקן און אונטערנעמונגען. אַנדערע האָבן באַלאַנגט צו פרייע פּראָפעסיעס, ווי דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשעניערן, לערער און באַאַמטע. אַ געוויסע צאָל יידן האָבן אַרויסגעבערענגט אויף דער אַרישער זייט געלט און צירונג. זיי האָבן גערעכנט, אַז עס וועט סטאַיען ביז נאָך דעם קריג, געמאַכט פּלענער, געטרויט זייערע קריסטלעכע פריינד, מיט וועמען זיי זיינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג. זייער שנעל זיינען אָבער זייערע פּלענער צונישט געוואָרן, דאָס געלט איז צערונען געוואָרן און דער צוטרוי צום קריסטלעכן אָרום איז פאַרשוואונדן. די געוועזענע גרויסע גבירים, די רייכע אַסימילירטע יידישע אינטעליגענץ, זיינען געוואָרן צעבראָכענע, אומבאַהאָלפענע אָרעמעלייט.

גאָר קליין איז געווען די צאָל געראַטעוועטע יידישע קינדער. פאַר זיי האָט דער קאָמיטעט געצאָלט אַלע אויסגאַבן און האָט זיי מיט אַלץ פאַרזאָרגט. מיר האָבן זיי געזוכט אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך, נאָכגעפרעגט זיך ביי יעדן באַקאַנטן קריסט. ליידער זיינען זיי געווען זייער און זייער ווייניק אין צאָל.

עס איז שווער געווען פעסטצושטעלן גענוי די צאָל פאַרשטעלטע און באַהאַלטענע יידן. נישט מיט אַלע זיינען מיר געשטאַנען אין פאַר־בינדונג און נישט וועגן אַלע האָבן מיר געוואוסט. מען האָט געשמועסט, אַז אין וואַרשע און אומגעגנט האַלטן זיך אויף אַ 30—40 טויזנט יידן. עס האָט געקענט זיין ווייניקער און אויך מער.

נישט צו אַלעמען האָבן מיר געקענט צוקומען און אויך נישט יעדן איינעם יידן איז דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט אימשטאַנד געווען צו געבן די נויטיקע הילף. אָפּט פלעגט מען מוזן פאַרקלענערן די אַזוי אויך קליינע געלט־סומע ביז 500—1,000 זלאָטעס חודשלעך, בעת אויף קוים־קוים דורכצולעבן האָט מען געמוזט האָבן ביי צוויי טויזנט זלאָטעס. מען האָט עס געטאָן כדי יעדער איינער, וואָס האָט זיך געווענדעט, זאָל כאָטש האָבן אַ געוויסן מינימום.

בלויז אויפן געביט פון וואַרשע און אומגעגנט האָט די יידישע הילפס־אַרבעט אַרומגענומען ביי צוועלף טויזנט יידן.

קאַפּיטל דרייסיק

# געהיימע דירות

וואָס מער עס האָט זיך פאַרברייטערט אונדזער אַרבעט, אַלץ גרע־סער איז געוואָרן די נאָכפראַגע אויף דירות. אַן אויפהער פלעגן מיר, קוריערן, אַרומלויפן צו פּוילישע פּאַרמיטלער, מעקלערס און זוכן וואוי־נונגען פאַר ייִדן. איז שוין ערגעץ געפונען געוואָרן אַ גוטע דירה, האָט מען קודם־כל באַזאָרגט אַהין אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַ שלעכטן אויס־זען — אַ טיפּיש ייִדיש פּנים. מיר גופא, די באַטייליקטע אין דער אומלעגאַלער הילף־אַרבעט, פלעגן זיך צונויפקומען בלויז אויף געציילטע פּונקטן. אין וואוינונגען פון עטלעכע אַריש־אויסזעענדע מיטאַרבעטער, צו וועמען עס האָבן געקאָנט אַרויפקומען „געסט".

אין די דאָזיקע וואוינונגען פלעגן מיר טאַקע האָבן צוזאַמענטרעפן, באַראַטונגען און אָפּהאַלטן זיצונגען אָדער סתם שמועסן.

איך וועל דאָ דערציילן בלויז וועגן אייניקע אַזעלכע דירות, אין וועלכע איך פלעג אַרויפקומען און וואָס האָבן אין אונדזערע אונטער־ערדישער אַרבעט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל.

די ערשטע מעלינע, וואָס איז שטאַרק אויסגענוצט געוואָרן און וועגן וועלכער איך האָב שוין אַ סך געשריבן, איז געווען גורנאָשלאַנסקע 3, אין קעלער. דאָרטן האָט צוערשט געוואוינט מיכאל קלעפּפיש, שפּעטער איך און צום סאַמען סוף — „טאַדעק" (טוביה שיינגוט). אין דאָזיקן קעלער האָבן זיך דורכגעוואָרפן כמעט אַלע אונדזערע ערשטע קוריערן. צווישן זיי אַ סך, וואָס זיינען שוין איצט טויט, ווי: „זיגמונט" (פרידריך), מיכאל קלעפּפיש, „טאַדעק" (שיינגוט), טאָשיע אַלטמאַן, „יו־רעק" (אריה ווילנער) און אַנדערע. מיטן פאַרראַט פון באַלעבאָס סטע־פאַן מאַכאַי איז דער פּונקט ליקווידירט געוואָרן.

די צווייטע דירה, אין וועלכער איך פלעג אָפט קומען, איז געווען סענאַטאָרסקע 9. אויפן דריטן שטאָק האָט ח' העניריק פישגרונט, מיט־גליד פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט, און צ. ק. פון בונד פאַרנומען אַ קליין צימערל. דאָס איז געווען איינער פון די ערשטע בונדישע טרעף־פּונקטן אויף דער אַרישער זייט. נאָך פאַרן געטאָ־אויפשטאַנד פלעגן אַהער

קומען בונדישע פֿאַרשטייער און אָפּהאַלטן ספּעציעלע זיצונגען. אַזוי האָב איך דאָרטן געטראָפֿן ח׳ אַבראַשע בלום, ח׳ בערעק שניידמיל, מיטגליד פֿון בונדישן צ. ק. אין געטאָ און פֿירער פֿון אַ קאַמפּס־גרופּע בעת דעם געטאָ־אויפֿשטאַנד, — און אַ גאַנצע ריי בונדישע טוער, וואָס האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן אויף דער אַרישער זייט, ווי ח׳ סאַמסאָנאָוויטש, ח׳ מושקאַט, ח׳ לעאָן פֿיינער און ח׳ צעלעמענסקי. אַהער פֿלעגן אויך אַרויפֿקומען די בונדישע קורירן אויף זיצונגען, באַראַטונגען אָדער כדי אָפּנעמען געלט, פֿאַלשע דאָקומענטן און אומלעגאַלע פּוילישע ליטעראַטור, וואָס מיר פֿלעגן ספּעציעל באַקומען פֿון פּוילישן אונטערערד צום פֿונאַנדער־טיילן פֿאַר פֿאַרשטעלטע און באַהאַלטענע יידן.

די דירה איז געווען אַ צו „באַשווערטע" ד. ה. צופֿיל אונדזערע מענטשן פֿלעגן זיך דאָרטן דרייען. נישט איינמאָל פֿלעגט מען, צוליב פֿאָרזיכטיקייט, איבעררייסן די באַזוכן און איבערטראָגן דאָס צוזאַמענ־טרעפֿן זיך אויף אַנדערע פּונקטן.

אַ גאַנץ קורצע צייט, פֿלעג איך אָנהאַלטן דעם הויפּט־קאָנטאַקט מיטן ח׳ מיקאַליי „בערעזאָווסקי" — (לעאָן פֿיינער), אויף זשאָליבאָזש, אין דער דירה פֿון ח׳ מושקאַט. דאָרטן פֿלעג איך קומען יעדן צווייטן טאָג באַריכטן וועגן דער אַרבעט און נעמען אָנווייזונגען. דער קריסטלעכער באַלעבאָסטע איז געוואָרן אויפֿפּאַלענד די גרויסע באַוועגונג אין איר הויז און כ׳האָב געמוזט אויפֿהערן אַרויפֿקומען. אויך דאָס כסדרדיקע פֿאָרן מיטן טראַמוויי קיין זשאָליבאָזש איז געווען געפֿערלעך צוליב די אומ־אויפֿהערלעכע „לאַפּאַנקעס" (כאַפּעניישן).

דאָס טרעפֿן זיך מיט ח׳ מיקאַליי האָט זיך דאַן איבערגעטראָגן אויף זשוראַוויע 24. דאָרטן האָט זיך אויפֿגעהאַלטן, ביי דער קריסטין וואָ־סאָווסקאַ, ח׳ סאַמסאָנאָוויטש. די באַלעבאָסטע, אַן איידעלע פֿרוי, וואָס האָט אַליין מיטגעאַרבעט אין פּוילישן אונטערערד, האָט דערלויבט, אַז ביי איר זאָלן פֿאָרקומען זיצונגען, קאָנפֿערענצן און וויכטיקע צוזאַמענ־טרעפֿן. זי אַליין איז שפּעטער געווען אַ מיטאַרבעטערין אין אונדזער יידישער הילפֿס־אַרבעט.

די דאָזיקע דירה האָט זיך ביי אונדז פֿאַררעכנט פֿאַר איינע פֿון די וויכטיקסטע, אויב נישט די וויכטיקסטע. דאָרטן איז געווען דער צענטראַ־לער טרעף־פּונקט פֿון פֿאַרשיידענע אָנפֿירנדיקע פּערזענלעכקייטן פֿון פּוילישן און יידישן אונטערערד. צוליב דעם טאָקע איז דער צוטריט צו איר געווען זייער באַגרענצט און בלויז געציילטע קורירן האָבן דאָרט אַהין געקענט אַרויפֿקומען אין באַשטימטע שעה׳ן און דאָס אויך — בלויז אין דרינגנדיקע ענינים.

ביי ח׳ סאָמסאָנאָוויטשן אין דער וואוינונג זיינען געווען אויסבאַ־האַלטן אין דער פּאָדלאָגע געוויסע טיילן פון אונדזער אומלעגאַלן אַרכיוו און אין אַ פֿאַרמאַסקירטער עפענונג פון אַ וואַנט איז געלעגן אַ טייל פון געלט, וואָס איז געקומען צו אונדז דורך אומלעגאַלע וועגן פון אויסלאַנד — דורך לאָנדאָן. די דאָזיקע דירה האָט זיך געהאַלטן ביזן נאָכן וואַרשע־ווער אויפשטאַנד. גאַנץ שטאַרק פֿאַרקאָנספּירירט איז אויך געווען די דירה, וואָס איז געקויפט געוואָרן דורך „מאַרישען" (פייגמעסער) אויף לעשנאָ 18. דאָרטן איז געמאַכט געוואָרן אַ גוטע באַהעלטעניש און אין איר האָט זיך אויפגעהאַלטן צביה לובעטקין, „אַנטעק" (יצחק צוקערמאַן) און מאַרעק עדעלמאַן — די לעבנגעבליבענע מיטגלידער פון דער קאָמענדאַנטור פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ. די דאָזיקע דירה איז געווען דער פונקט, וואו מען פלעגט ספּעציעל זאָרגן פֿאַר די רעשטלעך געבליבענע געטאָ־אויפשטענדלער, פֿאַר די יידישע פֿאַרטיזאַנער אין די וועלדער און פֿאַר יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין פֿאַרשיידענע לאַגערן אין פוילן.

אין דער דאָזיקער דירה האָבן זיך שפּעטער אויך אויסבאַהאַלטן: בערנאַרד גאָלדשטיין, רבקה ראָזנשטיין (פֿאַר־מלחמהדיקע טוערין פון „סקיף") און „קרישע" פון „חלוץ". אויך אַהין פלעגן אַרויפקומען נאָר געציילטע קוריערן.

אַ גאָר ספּעציעלע באַדייטונג פֿאַר אונדזער אַרבעט, ספּעציעל פֿאַרן צוזאַמענטרעפן זיך פון אונדזערע קוריערן, האָט געהאַט די דירה אויף מיאָדאָווע 24.

נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד איז פֿאַרן געלט פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט געקויפט געוואָרן דורך אינקע שוויגער און בראָנקע פייגמעסער („מאַרי־שע") די דאָזיקע איינצימערדיקע וואוינונג. דאָ איז געווען דער צוזאַ־מענקום פון אַלע אונדזערע מיטאַרבעטער. כמעט אַלע האָבן געהאַט גוטע אַרישע פּנימער, גערעדט אַ גוטן פויליש, די האַלטונג איז געווען אַ זיכערע און האָט נישט אַרויסגערופן ביי די אַרומיקע קריסטן קיין ספּעציעלן פֿאַרדאַכט. פון די צוויי צענדליק קוריערן, וואָס פלעגן דאָ אַרויפקומען, זיינען די מערהייט געווען יונגע מיידלעך.

דער קאַמפּס־־בונד צווישן אַלע ווידערשטאַנד־כוחות אויף דער יידישער גאַס, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין געטאָ אין דער צייט פון דער אויסזידלונג, בעתן אַנטשטיין פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַ־ציע, און וואָס איז אַזוי שטאַרק פֿאַרפעסטיקט געוואָרן אין די טעג פון פֿאַרצווייפלטן געראַנגל, אין העראָאישן קאַמף אין די טעג פון געטאָ־אויפ־שטאַנד, האָט אויך אָנגעהאַלטן אויף דער אַרישער זייט און ספּעציעל ביי די קוריערן — די טאָג־טעגלעכע אויספירער פון דער אומלעגאַלער הילפס־אַרבעט.

פונקט ווי די טוער, וואָס האָבן אַ חוץ דער אַלגעמיינער קאָאָרדי־ניר־אַרבעט אויך געפירט באַזונדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעטן, אַזוי האָבן אויך די קוריערן געהאַט אַ געוויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעטס־פּאַרטיילונג. עס זיינען געווען קוריערן אונטער דער אויפזיכט פון ציוניסטישן פליגל, מיט זיי האָט אָנגעפירט „אַנטעק" (יצחק צוקערמאַן) און „באַראַווסקי" (ד"ר בערמאַן). צו זיי האָבן געהערט: „זאָשקע" (רבקה מאָשקאָוויטש), „אירקע", „קאַזשיק" (ראַטהייזער), „וואַנדע", „מאַרישע" (די גרינע), און נאָך אייניקע אַנדערע. די נעמען פון די בונדישע קוריערן זיינען געווען: צעלעמענסקי, „זיגמונט" (איגלא), אַלאַ מאַרגאָליס, אינקע שוויגער, „מאַרישע" (בראָנקע פיינמעסער), „קרישע", זאָשקע", פעליציע מושקאַט, ד"ר עליזשביעטא ליפשיץ, „האַלינקע" (פערעלע עלענבויגן), „וואָלאַדקע" און נאָך אַנדערע, וועמענס נעמען איך געדענק לײדער נישט.

כמעט אַלע, וואָס זיינען אַרויסגעקומען אויף מיאַדאָווע, האָבן פאַרן קריג זיך נישט געקענט. זיי האָבן געשטאַמט פון פאַרשיידענע שיכטן און געהערט צו פאַרשיידענע פּאָליטישע גרופּירונגען, פונדעסטוועגן האָט מען דאָך זיך געהאַלטן צוזאַמען און געבילדעט אַ געוויסע געשלאָסענע איינהייט, אַ מין משפחהלע, וואו איינער האָט געזאָרגט און געטראַכט וועגן צווייטן. די קוריערן, די אויספירער פון די פאַרשיידענע געפערלעכע שליחותן, וואָס זיינען גאַנצע טעג אַרומגעלאָפן איבער דער שטאָט צו דערליידיקן הונדערטער ענינים, האָבן געהאַט ווייניק צייט פאַר זיך. מיר זיינען בסדר געווען אָנגעשטרענגט און געשפּאַנט מיט אויפגעשפּיצטע אויערן און אויפמערקזאַמע אויגן, זיך געהיטן נישט אַריינצופאַלן אין דער נעץ פון טויט.

דאָס איינציקע אָרט, וואו מען האָט געקאָנט כאַטש אויף אַ ווײלע אָפּכאַפּן דעם אָטעם, די קליינינקע פרייע אָפּרו־סטאַציע צווישן איין אַרבעט און דער צווייטער, איז געווען ביי אינקען און מאַרישען אויף מיאַדאָווע 24. דאָרטן איז מען אַרויפגעקומען צו טרעפן זיך מיט עמיצן אויף אַ זיצונג, אָפּגעבן אַ באַריכט אָדער פשוט אויף צו כאַפּן אַ שמועס, און — צו שטילן דעם הונגער.

דאָ, אין דעם איינציקן צימערל, זיינען שטענדיק געווען מענטשן און שטענדיק איז געווען אַ טומל; דאָ האָט מען געקאָנט נאָכלאָזן אַ ביסל די נערוון. אין דער חברישער אַטמאָספער פון אייגענע האָט מען זיך געפילט אַ סך פרייער און זיכערער, ווי אין דער בעסטער מעלינע, טראָץ דעם, וואָס דאָ איז אַפילו נישט געווען קיין באַהעלטעניש וואו צו פאַרשטעקן אַ פאַרדעכטיק שטיקל פּאַפּיר.

ווער עס האָט זיך נאָר געקענט באַוועגן אין גאַס אָדער ווער עס איז אויף אַ טאָג אַרויס פון באַהעלטעניש, איז אַרויפגעקומען אויף מיאַדאָווע

אָפּאָטעמען, זיין כאָטש אויף געציילטע שעהען אין צאַפּלדיקן נערוו־צענטער פון אונדזער אַרבעט. דאָס ווייזן זיך דאָרטן איז מיט דער צייט געוואָרן אַ מין נויטווענדיקייט. האָט מען עמיצן עטלעכע טעג נישט געזען, האָט מען אים, אַז ער איז געקומען, אויפגענומען מיט אַ באַמערקונג:

— געמיינט, אַז דו ליגסט שוין!

יאָ, יעדער פון אונדז האָט געקאָנט יעדע מינוט דורכפאַלן — „ליגן". האָבן מיר דאָך שטענדיק געהאַט ביי זיך געלט, פאַלשע דאָקומענטן, אומלעגאַלע בלעטלעך צום פונאַנדערטיילן. ווען מיר זיינען אַרויס אין גאַס, האָבן מיר באַטירלעך, נישט געקענט וויסן, צי אונדז וועט טאַקע געלינגען אויסצומיידן די דייטשישע „לאַפּאַנקעס", די פּאַטראָלירנדיקע זשאַנדאַרמען און די „שמאַלצאָווניקעס"... איז מען נישט אַרויפגעקומען אויף מיאַדאָווע, איז עס געווען אַ סימן, אַז עפּעס האָט פּאַסירט.

אין די צייטן, ווען אויף דער גאַס איז שווער געווען אַדורכצוגיין, ווען מען האָט אָן אויפהער געכאַפּט מענטשן און אַרעסטירט, ווען עס איז דורכגעפאַלן איגלאַ, דער „קליינער יוזשעק", (אַנטעקס אַ קוריער), זאַשקע קערש, האָט אויף מיאַדאָווע געהערשט אַ פּיינלעכע געדריקטע שטימונג. מען האָט שווייגנדיק אויסגעפירט די אַרבעט. איבער דער שטוב האָט געשוועבט אַ נישט אַרויסגעזאָגטע פראַגע: וועמענס ריי איז איצט? מיר האָבן געוואוסט, אַז דער טויט וועט סוף כל סוף אונדז אַלעמען דערגרייכן, אָבער צווישן זיך האָט מען וועגן דעם נישט גערעדט.

ס'זיינען געווען אין דער דאָזיקער דירה אויך הייטערע מאָמענטן, שעהען פון פאַרגעסונג, פון וועלן, פאַר יעדן פרייז, אָפּטרייסלען זיך פון דער גאַס, פון די שכנים, פון דעם גאַנצן קאָשמאַרן אַרום. דאָס זיינען געווען קליינע געבורטס־טאָג־פייערונגען, „אימענינעס", וועלכע מען האָט לויטן פוילישן שטייגער איינגעאָרדנט, כדי צו „דעקן" די אַזוי אָפטע צוזאַמענקונפטן. אין געמיטלעכע שמועסן, צווישן אייגענע האַרציקע חברים, פלעגט זיך אַ מאָל אָן עפּן טאָן אַ פאַרקאָוועט האַרץ און אָן אַ פאַרוואָס פלעגט זיך עמיצער פונאַנדערוויינען. מיר האָבן אין אַזעלכע פאַלן גאָרנישט נישט געפרעגט — מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען. אָט גאָרנישט... עס איז אויף אַ רגע געקומען די דערמאָנונג ווער מיר זיינען און וואו מיר זיינען — און דאָס אַלץ...

אין דער דאָזיקער וואוינונג האָב איך באַגעגנט צביה לובעטקין, יצחק צוקערמאַנען, קאַזשיקן, פישגרונדן, מיקאַלייען, צעלעמענסקין, אירקען, מאַרישען, זאַשקע מאַשקאָוויטש, אַלע מאַרגאַליס, קרישען, האַלינען, (פּערעלע עלענבויגן) און נאָך פיל אַנדערע קוריערן און טוער.

איך פאַרשטיי נישט ביז היינטיקן טאָג, ווי אַזוי די דירה איז נישט דורכגעפאַלן, ווי אַזוי די קריסטלעכע שכנים האָבן זיך נישט געכאַפּט אויף דער יידישער „גייעריי". עס איז געווען אַ גרויסער נס און גליק פאַר דער אַרבעט, וואָס מיר, קוריערן, האָבן ביז דער לעצטער מינוט פון פאַר־לאָזן וואַרשע, אין גרויסן פיבער פון אַרבעט, געפונען אין דער דאָזיקער דירה אַ וואַרעם היימיש ווינקעלע.

צום סוף וויל איך זיך אָפּשטעלן נאָך אויף איין אַדרעס, די דירה פון דוד קלינען, כלאָדנע 17.

אויף אַ פּערטן שטאָק האָט חבר דוד קלין — אַ פאַר־מלחמהדיקער טוער פון בונד, דער געוועזענער דירעקטאָר פון דער אָפּראָוויזאַציע ביי דער יידישער זעלבסט־הילף אין געטאָ — זיין שוואָגער, בעלא שלאָס־בערג, גאַלקע ליעשטשינסקאַ, יוסף לעשטשצינסקי — כמורנעם טאָב־טער, וואָס איז שפּעטער אָוועקגעפאָרן מיטן האָטעל פּאָלסקי און נאָך אַ חבר, פאַרנומען אַ גרויסע וואוינונג, וועלכע עס האָט „געדעקט" אַ קריסט, אַ באַאַמטער אין דער שטאָטישער גאַז־לייטונג. ביי זייער טיר איז געווען פאַראייניקט אַן עלעקטריש גלעקל אויף זייער אַ דיסקרעטן אופן. אין דרויסן זיינען געווען אַריינגעקלאַפּט אין דער טיר צוויי טשוועקלעך, איינס אָפּגערוקט פון צווייטן אויף אַ צוויי צענטימעטער; ווען מען האָט מיט אַ שטיקל מעטאַל גלייכצייטיק אָנגערירט ביידע טשוועקלעך האָט זיך אינעווייניק פונאַנדערגעקלונגען אַ גלעקל. אַ סימן אַז עס גייט אַן איי־גענער. ביי קלינען פלעג איך אָפט באַגעגענען צעלעמענסקין, זלמן פרידריך און קאַזשיקן. קלין האָט געהאַט קאָנטאַקטן און אינפאָרמאַצי־עס וואו מען קען באַקומען געווער. ביי זיי אין דירה איז אויך געווען אַ געהיימער ראַדיאָ. אָט דער ראַדיאָ האָט מיך אַהין געצויגן.

אין דער דאָזיקער וואוינונג האָט מען זיך שטענדיק געקאָנט דערוויסן די לעצטע פראָנט־ידיעות און דווקא נישט פון קיין דייטשישע קוועלן, נאָר דירעקט פון אויסלאַנד. דאָס ערשטע מאָל, ווען ח' קלין האָט מיר אָנגעטאָן אויף די אויערן די טרייבלעך און כ'האָב פון ענג־לאַנד דערהערט די פּוילישע סטאַציע „שוויט" האָב איך אויפגעציטערט, אַ מאָדנע פרייד האָט מיך באַהערשט. עס איז דאָ עפּעס אַן אַנדער וועלט, אַ וועלט אָן דייטשן! מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָב איך געהערט אין דער פּוילישער שפּראַך די פּופצן־מינוטיקע אוידיציע פון לאָנדאָן, פון איבער גרענעצן, איבער ימים רופט מען די פּוילישע באַפעלקע־רונג צו אויסדויער, נישט צו פאַרצווייפלען, נישט אונטערצוגעבן זיך, נישט צו פאַרלירן די האָפענונג — די צייט פון באַפרייאונג רוקט זיך אָן... איך קוק אויף די שטוביקע, יאָ זיי הערן זיך אויך צו, אין זייערע אויגן באַווייזן זיך טרערן פון געררירטקייט. איך בין איין שטיק געהער, כ'שטרענג אָן די אויערן, אפשר וועל איך עפּעס וועגן אונדז, יידן, דער־

הערן. מען רעדט דאָך צום פוילישן פאָלק, צי דען וועט מען נישט דערמאָנען די, וועלכע בלוטיקן אַממערסטן און די וועלכע זיינען אַמ־טראַגישסטן אומגעקומען? עמיץ זינגט אַ פויליש זעלנעריש לידל, עמיץ דעקלאַמירט, — די אוידיציע איז געענדיקט.

איך בין אַ לאַנגע ווײַלע געבליבן אָן לשון. געמישטע געפילן פון פרייד און צער האָבן מיך באַהערשט. — הייסט עס, אַז מיר זיינען נישט אַליין, עס זיינען דאָ פאַרבינדעטע, פריינד, וועלכע פירן אַ פאַרביסענעם קאַמף קעגן אונדזער געמיינזאַמען שונא — קעגן דייטש! אָבער פאַר־וואָס דערמאָנט מען נישט אונדז, דאָס רעשט פאַרבליבענע, וואָס ראַנגלען זיך ווייטער?

מיר זיינען דאָך נאָך דאָ! אמת ווייניק, אָבער פאָרט נאָך דאָ!...

קאַפּיטל איין און דרייסיק

# פּוילישע פריינד

עס וואָלט געווען נישט ריכטיק צו טראַכטן, אַז אַלע פּאָליאַקן, מיט וועלכע מיר זיינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג, זיינען געווען נישט קיין זיכערע מענטשן, פּראָוואָקאַטאָרן, אָדער אין בעסטן פאַל, הוילע געשעפטס־לייט. אמת, דער גרעסטער טייל קריסטן, מיט וועלכע מיר האָבן געאַר־בעט, האָבן פאַר זייער קלענסטער לייסטונג, פאַר יעדע הילף גענומען געלט. אָבער ביי אַ סך פון זיי האָט אויך געקלאַפּט אַ וואַרעם האַרץ און זיי האָבן געהאַט אַ מענטשלעכע, האַרציקע פאַרשטענדעניש פאַר אונ־דזערע ליידן. געווען אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן זייער לעבן איינגע־שטעלט, כדי אַרויסצוראַטעווען יידן פון שווערע געפאַרן.

ווי קליין עס זאָל נישט האָבן געווען זייער צאָל, מוז מען אָבער מודה זיין, אַז אָן דער דאָזיקער קליינער מיטאַרבעט פון די פּאָליאַקן, וואָלטן מיר, די אומלעגאַלע טוער אויף דער אַרישער זייט, נישט געקאָנט זיך אַן עצה געבן. מיר וואָלטן, אָן זייער אָנשפּאַר, וויייניק וואָס געקאָנט טאָן. זיי האָבן אונדז געהאָלפן אין די שווערסטע געפערלעכסטע מאָמענטן און אַזוי אַרום דערמעגלעכט צו פירן אונדזער הילפס־אַרבעט.

אויב איך האָב איבערגעגעבן וועגן פּוילישע שאַנטאַזשיסטן, וועגן מוסרים, וועגן פּראָוואָקאַטאָרן און אויך וועגן דער גלייכגילטיקער האַל־טונג פון דער גאַנצער פּוילישער באַפעלקערונג אין דער צייט פון אונדזער אומגליק, מוז איך זיך אויך אָפּשטעלן אויף די, וועלכע האָבן אונדז, אין יענער צייט, אויסגעשטרעקט אַ האַנט. איך וועל בלויז איניקע, איצט דערמאָנען פון פיל אַנדערע; געציילטע פון די, מיט וועלכע איך בין געווען אין ענגן קאָנטאַקט.

ד ו א נ ד א  ו ו נ אַ ר אָ ו ו ס ק א איז געווען פון די ערשטע קריסטינס, מיט וועמען איך האָב זיך צוזאַמענגעטראָפן גלייך נאָכן אַרויסגיין פון געטאָ.

זי איז געווען אַ פרוי פון איבער פערציק, אַן אַלמנה פון אַ פּוילישן אָפיציר — אַ שטילע אַריסטאָקראַטקע, איינע פון דער, אַזוי גערופענער, בעסערער פּוילישער געזעלשאַפט. זי האָט געפירט אַ דאַמען שניידער־

וואַרשטאַט און ביי איר האָב איך, ווי ס'איז שוין באַוואוסט, גלייך אין די ערשטע טעג פון מיין זיין אויף דער אַרישער זייט, געפונען אַן אָרט וואו צו אַרבעטן. האָבן אין ווינטער־צייט אַ וואַרימע, ליכטיקע שטוב, זיין אַ גאַנצן טאָג באַשעפטיקט, איז געווען אַ וויכטיקע „דעקונג".

נאָכדעם, ווי איך האָב געמוזט מיין שניידער־אַרבעט איבעררייסן און מער זיין פאַרנומען מיט אונדזער אומלעגאַלער טעטיקייט, האָט די קריסטין, וואַנדאַ, זייער גערן אָנגענומען, אויף מיין אָרט, מיינע חברטעס, וועלכע זיינען נאָר וואָס אַרויס פון געטאָ. אַזוי האָבן ביי איר געאַרבעט: חנהטשע ווערקצוויינ־עלענבויגן, רבקה ראָזענשטיין, זאָשקע קערש, העניעקע און בראַנקע פון פּיאָטרקאָוו. זי האָט אַלעמען פריינדלעך און האַרציק אויפגענומען, זייער גוט זיך באַצויגן, געצאָלט פאַרהעלטניס־מעסיק גוטע לוינען און געפּרוּווט, בעת דער אַרבעט, פאַרלייכטערן אונדזער זיין ביי איר. די פרוי וואַנדאַ האָט זיך שנעל איינגעלעבט מיט אירע יידישע אַרבעטערינס, זי האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט אונדזערע שוועריקייטן און געפּרוּווט מיט אַן עצה, מיט אַ פּוילישן קאָנטאַקט אונדז העלפן. זי איז ביסלעכווייז אַריינגעצויגן געוואָרן אין אונדזער וועלטל און געוואָרן איינע פון אונדזערע פאַרטרויאונגס־מענטשן.

איר פרישע דירה, אויף ווספּולנע 39, אין וועלכער זי האָט געמוזט זיך איבערציען, איז שוין געוואָרן אַ געהיימער יידישער טרעף־פּונקט. דאָרטן פלעגן מערסטנטייל אַרויפקומען פאַרשטעלטע יידן פון פּיאָטרקאָוו. וואַנדאַ האָט פאַר יעדן איינעם געהאַט אַן אָפענע טיר און אויך אַן אָפּן האַרץ. פאַר איר פלעגן זיך פאַרקלאָגן די נידערגעשלאָגענע, פאַר־צווייפלטע יידן. האָט ווער אָנגעוואוירן זיין מעלינע, נישט געהאַט קיין דאָקומענטן, קיין אָרט וואו זיך אַהינצוטאָן, פלעגט וואַנדאַ שוין אויס־געפינען דעם געהעריקן מענטשן, פאַרבינדן אים מיט דעם נויט־באַ־דערפטיקן און שטילערהייט דערליידיקן די הילף.

ווי נאָר זי פלעגט מיך דערזען אַריינקומען, פלעגט זי מיך גלייך נעמען אויף אַ שמועס און פלעגט מיר אַרויסלייענען אַ צעטל פון „אירע" נויטבאַדערפטיקע יידן. די קריסטין פלעגט זיך מיט מיר אַמפּערן און דינגען, אַז „אירע מענטשן" זאָלן באַקומען מער הילף. זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין אונדזערע שוועריקייטן און אונדזערע באַשרענקטע מעגלעכקייטן. פאַר איר האָט עקזיסטירט נאָר איין זאַך — וואָס שנעלער צו העלפן דעם ליידנדן פריינד, וואָס האָט זיך צו איר געווענדעט.

וואַנדאַ האָט דורך מיר באַקומען גרויסע סומעס געלט פון דער אונטערערד, וועלכע זי פלעגט צעטיילן, לויט אונדזערע אָנווייזונגען. זי האָט קיינמאָל פאַר זיך גאָרנישט געפאָדערט. ווען מיר האָבן, אין אַ שווערער פאַר איר צייט, געוואָלט איר אַרויסהעלפן מיט געלט, האָט זי, אַ באַליידיקטע, זיך אָנטזאָגט עס אָנצונעמען.

— איר זיינט אין אַן ערגערער לאַגע פון מיר — האָט זי זיך באַשיידן פאַרענטפערט.

איר גרעסטע פרייד איז געווען דער טאָג פון איר געבורטס־טאָג. דעמאָלט פלעגט זיך איר שטוב טונקען אין בלומען, וועלכע זי האָט באַקומען צוגעשיקט פון אירע יידישע פריינד. אַ שטאָלצע פלעגט זי מיר ווייזן די צעטעלעך און אויפקלערן פון וועמען די בלומען שטאַמען. דאָס איז געווען די איינציקע פאַרגיטיקונג, וואָס די איידעלע פרוי האָט זיך דערלויבט אָנצונעמען.

אַ צווייטע „פוילישע צדקניות" איז געווען — יוליאַנאַ לאַריש, — אַ יונגע קריסטין, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געאַרבעט אַלס בוכהאַלטערין ביי דער יידישער פאַמיליע זילבערבערג אין פּראַגע.

ווען אין געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן די אויסזידלונג, האָבן איינציקע פאַמיליאַנטן באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו זייער אַמאָליקער קריסטלעכער פריינדין, זי זאָל זיי פּרואוון ראַטעווען. די גוטהאַרציקע קריסטין האָט גלייך מסכים געווען. פאַרזיכטיק האָט זי אָנגעהויבן אַרויסציען פון פון געטאָ אירע באַקאַנטע יידן. זייער צאָל האָט דערגרייכט ביז 21.

אַ מאָן צען האָט זי אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין דער וואוינונג אויף בזשעסקע 7. אַכט יידן האָט זיך איינגעאָרדנט ביי אירס אַ חברטע אויף טאַרגאָווע 38. אַ דריי־יעריק יידיש מיידעלע איזע בלאַכאָוויטש האָט זי אָוועקגעשיקט קיין ראַדזימין צו אַ באַקאַנטער קריסטלעכער פאַמיליע און איין יידישע פרוי מיט נישט קיין שלעכטן אַרישן אויסזען האָט זי ספּעציעל איינגעאָרדנט אין אַ פּריש־געקויפטער דירה.

יוליאַנאַ האָט געפירט אַ גרויס פלייש געשעפט. אירע פאַרדינסטן פלעגן הויפּטזעכלעך גיין פאַר די באַהאַלטענע יידן. זי פלעגט זיי אויסהאַלטן מיט אַלעם נויטיקן, צאָלן פאַר די באַהעלטענישן, ברענגען זיי עסן און באַזאָרגן אַפילו מיט קליידער און ביכער. די גוטהאַרציקע פרוי פלעגט גאַנצע טעג זיין פאַרנומען מיט יידישע ענינים, פלעגט לויפן פון איין באַהעלטעניש צו דער צווייטער. זי האָט זיך באַמיט מיט אַלע מעגלעכקייטן לייכטער און באַקוועמער צו מאַכן די יידנס לעבן.

זי פלעגט די יידן העלפן אָפּהיטן די יידישע יום־טובים. אויף פּסח האָט זי אַפילו אַליין געהאָלפן באַקן מצות.

כדי נישט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אירע שכנים אויף די גרויסע קוישן עסנוואַרג, וואָס זי האָט געמוזט באַזאָרגן פאַר די באַהאַלטענע, האָט יוליאַנאַ אָנגעהויבן פאַרבעטן צו זיך אין דער וואוינונג פוילישע און דייטשישע קונים און איינאָרדענען פאַר זיי אויפ־

נאָמעס. אויף אַזאַ אופן האָט דער הויף באַקומען פאַר איר דרך־ארץ און אַפילו אַ ביסל מורא.

די יידן פלעגן דורך דעם דינעם ווענטל פון זייערע באַהעלטעניש זיך צוהערן צו די דייטשישע געשפּרעכן און נישט איינמאָל פלעגן צו זייערע אויערן דערגיין גאַליקע מערדערישע באַמערקונגען וועגן יידן.

עס זיינען אַוועק וואָכן, חדשים. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט פּלוצלונג אין דער וואוינונג פון יוליאַנאַ לאַריש אויף בזשעסקע 7 אָנגעקלאַפּט דייטשישע זשאַנדאַרמעריע. צום גליק האָבן די יידן אין צייט זיך באַוויזן צו באַהאַלטן. עס איז דורכ־געפירט געוואָרן אַ רעוויזיע, אָבער מען האָט קיין שום פאַרדעכטיקעס נישט געפונען. די קריסטין האָט זיך געהאַלטן רואיק און דרייסט גע־ענטפערט אויף אַלע פראַגן. דאָך האָבן די דייטשן נישט געוואָלט נאָכ־געבן, זיי האָבן זיך געהייסן פירן אויף טאַרגאָווע 38 צו דער פריינדין, וואָס האָט ביי זיך אין וואוינונג אויך געהאַט יידן. די דייטשן האָבן ווייזט אויס געהאַט גענויע ידיעות.

ס'איז געווען צו באַוואונדערן די האַלטונג פון יוליאַנאַ לאַריש. זי האָט דורך אַ געשיקטן אויסרייד זיך אויף אַ רגע אַוועקגעשליכט פון זשאַנדאַרמען און באַוויזן פון איר אייגענער שטוב טעלעפאַניש מודיע צו זיין איר פריינדין וועגן דער געפאַר, וואָס רוקט זיך אָן. אויך דאָרטן האָבן אַלע זיך באַוויזן צו באַהאַלטן און צום גליק האָבן די דייטשן אויך דאָרט קיינעם נישט געפונען. די באַהעלטענישן זיינען נישט דורכגע־פאַלן.

שפּעטער האָט זיך יוליאַנאַ דערוואוסט, אַז עס האָבן זי אויסגעגעבן די אָנגעשטעלטע פון איר אייגן געשעפט. זיי האָבן אין עפּעס פאַרדעכ־טיקט זייער ברויט־געבערין, איר נאָכשפּיאָנירט, דערגאַנגען דעם סוד און איבערגעגעבן אים דער געשטאַפּאָ.

די מוטיקע קריסטין האָט זיך נאָך דעם וויזיט פון די דייטשן נישט דערשראָקן. זי האָט די יידן ביי זיך נאָך געהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז זי האָט פאַר זיי געפונען פרישע מעלינעס. ביזן סוף פון דער מלחמה האָט יוליאַנאַ לאַריש געזאָרגט און זיך פאַרנומען מיט אירע יידישע פריינד.

איך פלעג אַריינקומען אין אַלע יידישע באַהעלטענישן פון יוליאַנאַ לאַריש און באַזאָרגן די באַהאַלטענע מיט פאַלשע דאָקומענטן. ז י ב ע צ ן פון די באַהאַלטענע יידן זיינען געבליבן לעבן. פון זיי: דריי פון דער פאַמיליע בלאָכאָוויטש, דריי פון דער פאַמיליע זיפּערמאַן, פיר פון דער פאַמיליע זילבערבערג, פיר פון דער פאַמיליע מיענדזיזשעצקי

און דריי פון דער פאַמיליע גאָלדשטיין. פיר יידן זיינען אַרויסגעפאָרן מיטן „האָטעל פּאָלסקי", וועגן וועלכן מיר האָבן שוין געשריבן אויבן.

אַ גאָר נאָבעלער מענטש איז געווען פּעראַ. אַ קריסט אין די מיטעלע יאָרן, אַ באַאַמטער אין אַ פּוילישן האָטעל אויף מאַרשאַלקאָווסקע גאַס.

דורך דער יידישער פרוי מאַליע פּיאָטרקאָווסקאַ, וועמען ער האָט אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיט אַ טאָכטער, איז ער געוואָרן אונדזערס אַ פאַרבינדעטער.

ווי ווייט עס האָט דערגרייכט פּעראָס מענטשלעכקייט, באַווייזט דער טראַגישער פאַקט, וואָס עס האָט מיר דערציילט די פרוי מאַליע פּיאָטרקאָווסקאַ, אַליין פון לאָדזש.

די יידישע פרוי מאַליע און איר 13־יעריקע טאָכטער בראָנקע איז געוואָרן שאַנטאַזשירט אין אירע מעלינע אויף קראָכמאַלנע 36.

געווען איז עס העלער טאָג, די פרוי האָט נישט געהאַט קיין גוטן אַרישן אויסזען, אָבער זי האָט געמוזט גלייך פאַרלאָזן איר איצטיקע וואוינונג. אַ פאַרצווייפלטע האָט זי זיך אַרומגעדרייט אין גאַס, זוכנדיק ערגעץ אַן אָרט וואו זי זאָל קענען איבערנעכטיקן. פּלוצלונג איז זי אויף דער גאַס אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ כאַפּטע שקצימלעך, וועלכע האָבן אין איר אָנגעהויבן וואַרפן שטיינער און האָבן הויך אויף אַ קול נאָכגעשריגן: „זשידאָווקאַ, זשידאָווקאַ"!... די שקצימלעך האָבן אין איר דערשנאַפּט אַ יידישקע. אייניקע האָבן פון איר געוואָלט אַרויסרייסן דעם טאַש, זי האָט אָנגעהויבן אַנטלויפן — די שקצימלעך נאָך איר. עס איז אָנגעקומען פּוילישע פּאָליציי און האָט די פרוי מיט דער טאָכטער אָפּגע־פירט צו דער דייטשישער וואַך.

עס איז פאַר דער מוטער און טאָכטער קיין צווייפל נישט געווען, אַז פון דאַנען איז שוין נישטאָ קיין וועג צוריק. דער גורל פון יעדן יידן, וועלכער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשישע אויס־וואורפן איז געווען אַ באַוואוסטער. אָבער אַזוי ווי זיי האָבן זיך געהאַט אַרישע דאָקומענטן, האָבן זיי באַשלאָסן ווייטער צו שפּילן די ראָל פון קריסטן. וואָס אָנצוואווערן איז דאָך שוין סיי ווי נישט געווען. מען האָט זיי גענומען פאָרשן, אויסגעפרעגט די אָפּשטאַמונג, פאַרהערט צי זיי קענען די קריסטלעכע תפילות, מנהגים. די טאָכטער האָט אויף אַלעס געוואוסט צו ענטפערן, די מוטער אָבער האָט זיך געפּלאָנטערט, זי האָט נישט גוט געדענקט די פּוילישע „מאָדליטוועס".

שלעכט, די דייטשן זיינען נישט געווען זיכער, צי זיי זיינען טאַקע קריסטן. זיי זיינען מער געווען געניגט צו גלייבן, אַז דאָס זיינען צוויי יידישע פרויען. די מערדער האָבן איבערגעלאָזן די פאַרדעכטיקע

איבער נאַכט אויף דער וואַך־שטעלע. אויב דורך דער צייט וועלן די פרויען נישט קענען אַנווייזן קיין פּאַליאַק, וועלכער קען זיי פון פאַרן קריג און קען שווערן אַז זיי זיינען קריסטן, וועלן זיי אומגעברענגט ווערן.

בלויז איין פוילישן פריינד האָט די מוטער מיט דער טאָכטער געהאַט, טאַקע אָט דעם קריסט פּערא, ביי וועמען זיי האָבן זיך שוין אַ מאָל אויסבאַהאַלטן.

עס איז נאַכט. קיין טעלעפאָן אין זיין שטוב איז נישטאָ. מען דאַרף קלינגען אין זיין אַרבעטס־פּלאַץ. עס קאָן אויך מעגלעך זיין, אַז דער קריסט זאָל גראָד נישט זיין ביי דער אַרבעט. וואו איז אָבער דאָ די זיכער־קייט, אַז דער איינציקער באַקאַנטער פּאַליאַק וועט וועלן זיך איצט מיט זיי פאַרנעמען און וועט גרייט זיין צו ריזיקירן? פאַר פאַלש שווערן קען דאָך דער קריסט באַצאָלן מיטן לעבן! דאָס איז אָבער זייער לעצטער שאַנס, נישטאָ קיין ברירה!

עס פּלאָנטערן זיך ביי זיי אין די קעפּ פאַרשיידענע טעלעפאָן־נומערן, זיי געדענקען נישט גענוי, וועלכער נומער איז פּערא'ס. דער דייטש קלינגט, ער האָט הנאה פון זייער ראַנגלען זיך.

זיי האָבן גליק. דער אָנגעגעבענער טעלעפאָן־נומער איז געווען ריכטיק. פּערא איז געווען ביי זיין ביינאַכטיקער אַרבעט. איצט איז וויכטיק, צי יענער וועט זיך דערשרעקן צי נישט... עס רעדט די דייטשישע וואַך־שטעלע, זי פרעגט אָן דעם קריסט צי ער קען די פרוי מאַריא פּיאָטרקאָווסקא מיט איר טאָכטער; זיי ווערן פאַרדעכטיקט אַלס יידן. זיי לייקענען, צי קען ער פאַר זיי שווערן? אויב יאָ, זאָל ער באַלד אינדערפרי זיך צושטעלן אויף דער וואַך, וואו מען וועט אים אויספאַרשן.

פול מיט אומגעדולד און מיט ציטער אין האַרצן וואַרטן די מוטער און טאָכטער אויף דעם פרימאָרגן. צי וועט ער וואַגן צו קומען?

דער קריסט פּעראָ איז געקומען, ער האָט זיך נאָר אַ ביסל פאַרשפּעטיקט. די דייטשן פאַרשן אים. יאָ, ער קען זיי נאָך פון פאַר דעם קריג אַלס קריסטן. ער קען פאַר זיי שווערן. די דייטשן פרעגן אים, צי ער ווייס מיט וואָס אַ פאַלשע שבועה איז פאַרבונדן. דער קריסט האַלט זיך פעסט — ער האָט נישט פאַרוואָס מורא צו האָבן, ער זאָגט דעם אמת. זיין שטים איז זיכער, ער רעדט אַ גוטן דייטש. די זשאַנדאַרמען גלייבן אים. די מוטער מיט דער טאָכטער זיינען ריינגעוואַשן. פאַרן פריי־לאָזן בעטן די דייטשן אַנטשולדיקונג פאַרן שרעקלעכן בילבול... זיי ראָטן, אַז אין פאַל פון „אומאַנגענעמלעכקייטן", זאָל די פרוי פּיאָטרקאָווסקאַ זיך גלייך מעלדן צו די דייטשן נאָך הילף, וואָרום ווערן באַשולדיקט אַלס יידישקע איז נישט קיין קלייניקייט!

פּעראָ האָט געגעבן זיין אייגן געלט די צוויי יידישע פרויען און זיי געהאָלפן זיך איינאָרדענען. צוליב דער כסדרדיקער נישט־זיכערקייט, האָט דער קריסט, טראָץ דעם, וואָס זיין וואוינונג איז געווען אונטער אַ פאַרדאַכט, גענומען זיי צו זיך אין שטוב אַריין. אונדז איז געלונגען ביי אים איינצואָרדענען נאָך אַנדערע יידן. ער האָט אונדז געהאָלפן ביז דער לעצטער מינוט. אַלע יידן, וועלכע האָבן זיך ביי אים אויסבאַהאַלטן, לעבן. ער אַליין איז אומגעקומען אַלס פּוילישער אָפיציר אין אַלגעמיינעם וואַרשעווער אויפשטאַנד אין 1944.

אָ זייער איבערגעגעבענע מיטאַרבעטערין איז געווען ה ע ל ע נ ע ש ט ש י ב אָ ר אָ ו ו ס ק א, פון קראָכמאָלנע 36. דאָס איז געווען אַ קליינע טונקעלע פרוי אין ברילן, אַן אַלמנה, מיט צוויי קינדער. זי האָט זיך אָבער וויניק פאַרנומען מיט איר שטוב. איר צייט האָט זי אָפּגעגעבן די געיאָגטע, צעבראָכענע יידן. איז ביי אַ באַהאַלטענעם „פאַרברענט" געוואָרן אַ מעלינע און ער האָט נישט געהאַט וואו זיך אַהינצוטאָן, איז ער געלאָפן צו העלענע שטשיבאָראָווסקא זיך אויסבאַהאַלטן. איר וואוינונג איז שוין אויך געווען אַ פאַרברענטע — די שכנים האָבן איר געמסרט אַז זי האָט צו טאָן מיט יידן און עטלעכע מאָל האָט איר שוין באַזוכט פּאָליציי. פונדעסטוועגן פלעגט זי דאָך זיך איינשטעלן, און לאָזן איבערנעכטיקן אַ פאַרצווייפלטן יידן אָדער גאָר אים פאַרבאַהאַלטן ביי איר'ס אַ פאַרטרויליכע שכנטע.

אַלע אירע קריסטלעכע באַקאַנטע פלעגט זי צורעדן, זיי זאָלן נעמען צו זיך יידן. זי פלעגט זיך נישט אָפּשרעקן, טאָמער יענע האָבן איר נישט פריינדלעך אויפגענומען, און אַפילו אויסגעזידלט. העלענע פלעגט אַזוי לאַנג צושטיין, ביז זי פלעגט באַקומען אַ צוזאָג, אַז מען קען עמיצן ברענגען צו פירן. דאַן פלעגט זי אַ גליקלעכע לויפן אויף אונדזערע „טרעפונגען" און מיט פרייד אונדז איבערגעבן אירע פרישע דער־גרייכונגען.

העלענע שטשיבאָראָווסקא האָט גענומען געלט פאַר איר טירחה, זי פלעגט אָבער דאָס גענומענע געלט אַוועקשענקען צו אירע באַהאַלטענע יידן, וועלכע האָבן אַליין זיך נישט געקאָנט אַן עצה געבן. זי פלעגט זיי שיקן עסן, באַקן קיכלעך און אַפילו אַליין באַצאָלן פאַר זייער באַ־העלטעניש. מיר זיינען געווען פול מיט באַוואונדערונג פאַר דער גוטס־קייט פון דער דאָזיקער פרוי.

אַליין האָט זי געלעבט אין דחקות, זי האָט אויספאַרקויפט איר אייגן צירונג און אַלץ אַוועקגעשאָנקען אירע יידישע פריינד. זייער אַ סך פון די געראַטעוועטע יידן, האָבן צו פאַרדאַנקען זייער לעבן דער קליינער, גוטהאַרציקער פרוי, וועלכע האָט מיט אַזאַ מין פשוטקייט און זעלבסט־

פאַרשטענדלעכקייט געגעבן איר הילף. זי לעבט און געפינט זיך איצט אין וואַרשע.

דאָס זיינען בלויז איינציקע פון די, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען. לײדער איז די צאָל פון אַזעלכע אָרנטלעכע, האַרציקע קריסטן געוועזן קליין. אין גאַנצן אַנדערש וואָלט אויסגעזען אונדזער הילפס־אַרבעט, פיל מערער יידן וואָלטן זיך געראַטעוועט, ווען דאָס פוילישע פאָלק וואָלט פאַרמאָגט מערער מענטשן מיט האַרץ און מיט געוויסן.

## קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

# יידן — אַריער

דאָס גאַנצע יידישע לעבן אויף דער אַרישער זייט וואָלט מען געקענט אַרומנעמען מיט איין וואָרט — ש ר ע ק.

שרעק פאַרן דייטש. שרעק פאַרן פּוילישן אַרום. שרעק פאַרן „שמאַל־צאָווניק". שרעק פאַרן פאַרלירן די מעלינע און שרעק צו בלייבן אָן אַ גראָשן געלט. די שרעק איז געווען אַ שטענדיקער באַגלייטער. זי איז באַגלייטער פון יעדן שריט און טריט, סיי נאָך די, וועלכע האָבן געהאַט דעם אַזוי גערופענעם אַרישן אויסזען: בלאָנדע האָר, העלע אויגן, אַ פּאַרריסענע נאָז, און סיי נאָך די, וועלכע האָבן צוליב דעם יידישן פּנים געמוזט ליגן באַהאַלטן אין קריסטלעכע וואוינונגען.

די ערשטע האָבן געמוזט זיך אויסמישן מיטן אַרום, איבערנעמען אַלע פּוילישע מנהגים און געוואוינהייטן, פּראַווען קריסטלעכע יום־טובים און גיין אין קלויסטער אַריין. זיי האָבן זיך כסדר געשראָקן, צי אַלץ קומט ביי זיי גוט אַרויס. מען האָט געמוזט אַכטונג געבן אויף יעדע באַוועגונג, אויף יעדע האַנדלונג, אויף יעדן אַרויסגעזאָגטן וואָרט. צי איז אַמאָל דאָס וואָרט נישט אַרויסגעזאָגט מיט אַ יידישן אַקצענט? נאָר זיך, חלילה, מיט עפּעס נישט פאַרראָטן!... נאָר זיך נישט אונטערשיידן פון אַרום!...

טראָץ די גרעסטע אָנשטרענגונגען אויסצוזען און צו האַלטן זיך ווי אַן אמתער קריסט, זיינען דאָך געווען קליינינקייטן, אומבאַמערקלעכע זאַכן, וואָס מען האָט מיט זיי זיך נישט געקענט קיין עצה געבן און וועלכע פלעגן פאַרראָטן. דאָס מורא האָבן פאַר קריסטלעכע קאָנטשאַפט, דאָס נישט האָבן קיין משפחה האָט אַרויסגערופן פאַרדאַכט ביים אַרום. עס האָט אויך געמסרט דער פאַרזאָרגטער, אומעטיקער פּנים, דער שטילער טרויער אין די אויגן.

נישט איינמאָל האָבן מיינע קריסטלעכע פריינד באַמערקט, אַז אַמ־ערגסטן זעען ביי אונדז אויס די אויגן.

— אייערע אויגן גיבן אייך אויס, מאַכט זיי לעבעדיקער, פרייַ־לעכער, וועט מען אייך ווייניקער דערקענען — פלעגן זיי אָפט איבער־חזרן.

— האָט דען דאָס פּנים געקענט האָבן אַ פּרייען, זאָרגלאָזן אויס־זען, אַז מיר האָבן כסדר געלעבט מיט אונדזער אומגליק, געהאַט פֿאַר זיך כסדר דאָס בילד פֿון אונדזערע נאָענטסטע און די כסדרדיקע שרעק אַליין נישט דערקענט צו ווערן...

די אַריש־אויסזעענדע יידן פלעגן אָפט שטעלן אײן און די זעלבע פֿראַגע:

— זאָגט, פֿאַרוואָס דערקענט מען מיך, זע איך דען נישט גוט אויס? —

יאָ, דער אויסזען איז געווען אָן שום פֿאַרוואורף: עכטע אַרישע פּנימער, גוטע האַלטונג, די שפּראַך מיטן ריכטיקן אַקצענט, און דאָך האָט מען דערקענט געווען ביי אונדז ווייזט אויס עפּעס יידישעס, וואָס אַ געניט פּויליש אויג און ספּעציעל די „שמאַלצאָווניקעס" פלעגן עס אויפכאַפּן.

די גרעסטע צאָל שאַנטאַזשן און דורכפאַלן האָבן געהאַט די אַריש־אויסזעענדיקע יידן, וואָס פלעגן זיך באַוועגן אין גאַס. אויף אונדז האָבן שטענדיק געלויערט דורכדרינגלעכע, בייגעריקע אויגן, אונדז האָט מען כסדר נאָכגעקוקט.

דאָס שטענדיקע אַנטלויפן פון שאַנטאַזשן, דאָס אומאויפהערלעכע בייטן די וואוינונגען, דאָקומענטן, די אייביקע מורא דערקענט צו ווערן האָט אויסגעשעפּט און צעבראָכן דאָס לעצטע ביסל לעבן, וואָס דער מאָדערנער מאַראָן האָט נאָך מיט זיך מיטגעבראַכט פון געטאָ. ווער קען דען איבערגעבן אַלע אָנגעטראָפענע פאַלן? ווער קען דען דערציילן אַלע יידישע ראַנגלענישן און נסים? כמעט יעדעס לעבן פון אַ געראַ־טעוועטן יידן איז אַ גרויל־געשיכטע אַליין פאַר זיך, פול מיט אויסערגע־וויינלעכע געשעענישן. איך וועל בלויז דערמאָנען אייניקע פון פיל אַנ־דערע, מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן.

## יורעק איגרא

די קריסטין העלענא שטשיבאָראָווסקא, אונדזערס אַ געטרייע אַרויס־העלפערין, איז איין מאָל געקומען אויף אונדזער געוויינלעכן טרעף־פונקט און מיך געבעטן גלייך מיטצוגיין מיט איר אין אַ קליינער קאַווי־אַרניע אויף כלאָדנע גאַס. דאָרט וואַרט עמיצער אויף מיר. אויף מיין פראַגע ווער דער עמיצער איז, האָט די קריסטין געענטפערט. זי איז זיך משער, אַז דאָס מוז זיין אַ ייד, וואָס נויטיקט זיך אין הילף. אירער אַ יידישער באַקאַנטער, וועלכן זי פלעגט באַזאָרגן מיט אונדזער געלט, האָט איר צוזאַמענגעפירט מיט אַ יונגערמאַן, וואָס

ווייל זיך אומבאַדינגט זען מיט אונדזערס אַ מענטש. איך בין מיט איר אַוועק אויף דעם אָפּגערעדטן אָרט.

אַ בלאָנדער איינגעדאַרטער בחור מיט אַן אויסגעצויגן איינגעפאַלן געזיכט איז געזעסן ביי אַ גלעזל שוואַרצע קאווע און אומרואיק געקוקט צו דער טיר. „דאָס איז ער" — האָט מיר די קריסטין אָנגעוויזן שטיל מיט די אויגן. אויך דער פרעמדער האָט אונדז שוין באַמערקט, ער האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט. די קריסטין האָט מיך פאָרגעשטעלט און אונדז געלאָזן אַליין. און יורעק איגרא, אַזוי האָט ער געהייסן, האָט אָנגעהויבן דערציילן זיין געשיכטע.

אים איז געלונגען צו אַנטלויפן פון קיעלצער לאַגער און זיך דער־שלאָגן קיין וואַרשע. ער האָט געהאַט מיט זיך זייער ווייניק געלט און דאָך איז אים געלונגען צו קויפן ערגעץ אַ פאַלשן דאָקומענט, צו באַקומען אַ פּאָסטן אין אַ וואַרשטאַט און אויך אַן אָרט צום שלאָפן. אין שטוב, וואו ער האָט געוואוינט, פלעגט ער אַליין צו זיך שרייבן בריוו, כדי די באַלעבאָסטע זאָל וויסן, אַז ער האָט אַ משפחה. אַמאָל פלעגט ער זיך אַרויסכאַפּן אין אַ דאָרף און אַהיימשיקן צו זיך אין שטוב אַריין אַ פּעקל שפּייז. זאָל מען זען, אַז ער האָט קרובים, וואָס זאָרגן פאַר אים. אַזוי איז געלאָפן די צייט. מען האָט זיך צו אים גוט באַצויגן. ער האָט פאַרדינט און געווען אַ פאָלגער קריסט. אין פאַבריק זיינען צוגעקומען נייע אַרבעטער און דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן צרות. מען האָט זיך גענו־מען שושקען און אין זיך אָנווזנהייט פלעגט מען וועגן אים מאַכן צווידייטיקע באַמערקונגען; ביז זיינער אַ פאַך־חבר האָט אים אָפן געזאָגט, אַז מען רעדט וועגן אים, אַז ער איז אַ ייד. ער האָט פּרובירט לייקענען, די פאַבריק־מענטשן האָבן אים אָבער אויסגעלאַכט.

עס האָבן אים אָנגעהויבן נאָכגיין פאַרדעכטיקע טיפּן. ער האָט געמוזט אויפגעבן די אַרבעט און זוכן אַ פרישע וואוינונג. דערווייל האָבן זיך „די טיפּן" צו אים צוגעקלעפּט און אים שאַנטאַזשירט. איין מאָל, צוויי מאָל האָבן זיי צוגענומען ביי אים דאָס ביסל געלט, וואָס ער האָט געהאַט און נאָך אַלץ נישט געוואָלט אָפּטרעטן.

נאָך לאַנגע אַרומדרייעניש איז אים געלונגען צו געפינען אַ דירה, אין גאָר אַ צווייטן טייל פון שטאָט. ער האָט געענדערט דעם נאָמען און, כדי נישט אַרויסצורופן קיין פאַרדאַכט, האָט ער זיך אָנגעגעבן אַלס אַ מעכאַניקער.

אין פאַבריק האָט ער שוין מורא געהאַט צו גיין. יעדן פרימאָרגן פלעגט ער, מיט דעם פּעקעלע עסן אונטערן אָרעם, זיך לאָזן מכלומרשט צו דער אַרבעט. פאַקטיש אָבער, פלעגט ער זיך אַרומדרייען אין די גאַסן און וואַרטן, אַז דער זייגער זאָל שוין ווייזן פינף נאָך מיטאָג. דעמאָלט פלעגט ער זיך ווידער קאָנען ווייזן אין שטוב. אויף די גאַסן איז אָבער

אומרואיק, דייטשן פירן דורך אָפטע אָבלאַוועס, כאַפּן פון דער גאַס אַראָפּ אויף אַרבעט אדער גאָר אַן אַ פּאַרוואָס אין תּפיסה אַריין. ער האָט זיך שוין עטלעכע מאָל אַרויסגעדרייט פון זייערע לאַפּעס. זיצן ווידער אין די קאַוויאַרניעס איז אויך נישט זיכער. עס קומען אַריין פאַרשיידענע טיפּן און דער עיקר — ער האָט נישט צו באַצאָלן פאַר דער קאַווע. עס זיינען שוין ביי אים אויסגעגאַנגען די לעצטע גראָשנס. ער האָט שוין פון זיך פאַרקויפט די זאַכן, וואָס האָבן געהאַט וועלכן עס איז ווערט. ער האָט געגעסן בלויז איין מאָל אין טאָג. יורעק האָט נישט געהאַט קיין שום אויסזיכטן, אַז עמיצער זאָל אים העלפן. ער ווייס אַליין נישט, וואָס עס וואָלט געשען מיט אים, ווען ער טרעפט נישט צופעליק זיין פריינד, וועלכער האָט אים פאַרבונדן מיטן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט.

לעצטנס האָט אים גאָר שטאַרק צעטומלט די פלוצלונגדיקע באַגע־גענישן מיט זיינע פאַרפאָלגער. ער האָט אויף דער גאַס דערזען די זעלביקע „שמאַלצאָווניקעס", וועלכע האָבן אים מיט אַ צייט צוריק שאַנטאַזשירט.

— אויב זיי וועלן מיך נאָך איין מאָל אָנכאַפּן, בין איך אַ פאַר־פאַלענער — האָט ער מיט פאַרצווייפלונג און שרעק פאַרענדיקט זיין דערציילן.

איך האָב „יורעקן", גלייך אויפן אָרט געבעטן אָנשרייבן צום קאָאָר־דיניר־קאָמיטעט אַ ווענדונג מיט אַ קורצן איבערבליק פון זיין לעבן. אין עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך אים שוין געבראַנגט אַ צוגעטיילטע געלט־סומע.

דער בחור איז ביסלעכוויז געקומען צו זיך. די מורא איז אָבער פון אים אַ לאַנגע צייט נישט אָפּגעטראָטן. אויף דער גאַס פלעגט ער זיך האַלטן אין איין אומקוקן, אָפט אַריינגיין אין אַ טויער און דאָרטן וואַרטן עטלעכע מינוט. דאָס האָט ער געוואָלט קאָנטראָלירן, צי מען גייט אים נישט נאָך. אים האָט כסדר פאַרפאָלגט די שרעק נישט צו באַגע־גענען זיך מיט די „שמאַלצאָווניקעס".

נאָך עטלעכע מאָנאַטן איז יורעק ביסלעכוויז אַריינגעצויגן געוואָרן אין אונדזער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט. ער האָט מיר געהאָלפן אָנקניפּן קאָנטאַקטן מיט אַנדערע באַהאַלטענע יידן און מאַכן פאַר זיי קונציקע באַ־העלטענישן. יורעק איגרא לעבט און געפינט זיך אין פוילן אין דער שטאָט סאָסנאָוויעץ.

## מאַריע די דינסט

זיין אַ דינסט האָט אין די דאָזיקע צייטן באַדייט האָבן איינעם פון די בעסטע אַרבעטס־פּאָסטנס. אַ דינסט איז געווען פאַרזיכערט מיט

אַ וואוינונג און עסן. פיל פאַרשטעלטע יידישע מיידלעך און פרויען האָבן געזוכט זיך איינצואָרדענען אַלס דינסטן ביי פוילישע אָדער דייטשישע פאַמיליעס. דאָס איז געווען אַ גוטער שאַנס אויף צו „דעקן" זיך.

פרוי מאַריע פון דער וואַרשעווער פאַמיליע זילבערבערג האָט געהאַט נישט קיין שלעכטן אַרישן אויסזען, געקענט אַ גוטן פויליש און געווען אַ גוטע ווירטין. זי האָט אַ לאַנגע צייט געזוכט פאַר זיך אַן אָרט, וואו זיך אויסצובאַהאַלטן און צו קענען גלייכצייטיק עפּעס פאַרדינען. זי האָט געלייענט אין דער צייטונג אַן אַנאָנס, אין וועלכן עס שרייבט זיך, אַז אַ קליינע, דייטשישע פאַמיליע זוכט אַ דינסט מיט גוטע רעקאָמענדאַציעס. אַ דייטש קען זיך ווייניקער אויף יידישקייט ווי אַ פּאָליאַק, ער וועט זיך אַזוי שנעל נישט כאַפּן ווער זי איז... פרוי מאַריע האָט ריזיקירט און איז אַוועק צום דייטש. אַלס רעקאָמענדאַציע האָט זי אָנגעגעבן אירע אַ באַקאַנטע קריסטין, וואָס האָט מסכים געווען צו זאָגן, אַז מאַריע האָט שוין ביי איר אַ מאָל געדינט און ערלעך אויסגעפירט אירע אַרבעטן. דער דייטש האָט איר געהייסן בלייבן און פרוי מאַריע האָט זיך געפילט גליקלעך. אַ קליינינקייט ! באַקומען אַרבעט, אַ וואוינונג און דערצו ביי אַ דייטש, דאָס איז דאָך אַ גלענצנדע פאַרזיכערונג !

אַ ביסל האָט זי מורא געהאַט פאַרן אַרום און דער עיקר פאַר די אַנדערע דינסטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין זעלביקן הויז, זיי זאָלן נאָר אין איר עפּעס נישט דערשמעקן...

זי פלעגט זיך ווייניק ווייזן אין גאַס, אויסגעמיטן באַקאַנטשאַפטן. עס איז איר גוט געגאַנגען. דער דייטש האָט געקראָגן צוטרוי און איר אַלץ אָנפאַרטרויט.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן, ווען זי האָט, ווי געוויינלעך, געראַמט און געשטויבט אין די צימערן, האָט זיך אין דער טיר באַוויזן דעם דייטש'ס איינציקע טאָכטער. זי האָט אַ ווײַלע אָבסערווירט דער דינסטס אַרבעט און מיט אַ מאָל צו איר זיך געווענדעט : —

— זאָל מיר מאַריע עפּעס דערציילן וועגן וואַרשעווער געטאָ !

פרוי מאַריע האָט זיך באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שוויס. וואָס עפּעס איז דער קליינער איינגעפאַלן צו פרעגן וועגן געטאָ ? האָט מען זי דערקענט ? !

אַ צעטומלטע האָט די דינסט זיך פאַרענטפערט, אַז ליידער קאָן זי איר גאָרנישט דערציילן, זי איז אַ פרומע קאַטאָליטשקע און האָט קיינמאָל קיין געמיינזאַמעס מיטן געטאָ נישט געהאַט. דאָס דייטשישע מיידל איז שוין מער צו איר נישט צוגעשטאַנען. זי האָט צווידייטיק געגעבן אַ שמייכל און איז אַוועקגעגאַנגען. פרוי מאַריע אָבער איז געוואָרן אומרואיק. זי האָט אָן אויפהער געטראַכט וועגן איינס און דעם זעלביקן:

פון וואַנען קומען צו דעם מיידל אַזעלכע פראַגן ?, האָט איר עמיצער וואָס געזאָגט ?

אַ צעטראָגענע האָט זי זיך אַרומגעדרייט איבער די דייטשישע שטובן און נישט געוואָגט נאָטירלעך צו פאַרלאַנגען אַן אויפקלערונג. אַזוי אומגע־ריכט אָבער ווי עס איז געקומען די פראַגע, אַזוי אומגעריכט איז אויך געקומען די אויפקלערונג.

דעם דייטש'ס טאָכטער האָט זיך פאַרטרויט פאַר דער „קריסטלעכער" דינסט... דאָס בילד, וואָס שטייט אויף דער קאָמאָדע און די דינסט שטויבט עס יעדן טאָג אָפּ, איז פון איר מוטער. איר מוטער איז געווען אַ יידישע. ווען עס איז אַרויס דאָס געזעץ, אַז אַלע יידן מוזן וואוינען אין געטאָ, האָט דער דייטשישער פאָטער אַהין אַוועקגעשיקט זיין פרוי. איר דער טאָכטער האָט ער באַפוילן מער וועגן דער מוטער נישט צו ריידן. מער האָט זי איר מאַמען נישט געזען. דעם פאָטער וואָגט זי נישט צו פרעגן. זי ווייס, אַז ער וועט איר גאַרנישט זאָגן. ביי אים איז געזעץ — געזעץ. ער פירט שטענדיק אויס פינקטלעך אַלץ וואָס מען באַפעלט אים. זי וויל שטאַרק זיך דערוויסן עפּעס וועגן געטאָ, דאָרט איז דאָך געווען איר מאַמע !

אין עטלעכע טעג אַרום איז אין דעם דייטש'ס וואוינונג אַרויפגע־קומען געשטאַפּאָ. פרוי מאַריען האָט מען אויסגעלעגיטימירט, און עט־לעכע מאָל אויסגעפרעגט. ווען די געשטאַפּאָ איז אַוועק, האָט דאָס מיי־דעל דערציילט דער דינסט בסוד־סודות, אַז דאָס האָבן זיי געזוכט איר מאַמען.

— זיי גלייבן נישט מיין טאַטן, זיי מיינען, אַז זי ליגט באַהאַלטן אין דער וואוינונג — האָט זי געזאָגט.

פון דעם טאָג אָן האָט זיך פרוי מאַריעס שוין אינגאַנצן געענדערט. זי האָט פאַרלוירן איר רו, האָט כסדר געלעבט אין אין שרעק ; יעדער קלאַפּ אין טיר האָט איר געמאַכט ציטערן דאָס האַרץ.

זי האָט זיך אויך אָנגעהויבן שרעקן פאַרן דייטשישן באַלעבאָס. אויב עס וועט עפּעס אַרויסקומען און מען וועט אים וועגן איר עפּעס אונטער־טראָגן, וועט ער זי זיכער לאָזן אַרעסטירן. אַז ער האָט אַזוי געהאַנדלט מיט זיין אייגן וויב, וועט ער דאָך זי, זיין דינסט, אודאי נישט שוינען ! !

דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס פרוי מאַריע האָט נישט געקענט פאַרלאָזן דעם פּאָסטן. דער דייטש האָט נישט געוואָלט זי פריילאָזן, ער דאַרף זי האָבן. זי איז געוואָרן שטאַרק נערוועז, זי האָט מורא, אַז זי וועט סוף־כל־סוף מיט עפּעס זיך פאַרראַטן. זי פילט, אַז אויב זי וועט דאָ מוזן בלייבן וועט זי משוגע ווערן !

זי האָט זיך געווענדעט צו מיר : זי וויל ענדערן איר נאָמען און אַזוי אַרום אַוועק פון איר דייטשישן פּאָסטן. זי מוז אַוועק פון געפאַר. אין

אַ קורצער צייט אַרום האָב איך איר געברענגט פרישע פאַלשע דאָקו־מענטן. זי איז אַנטלאָפן פונעם אַזוי גוטן דייטשישן פאַסטן. די גרויסע שרעק האָט זי געטריבן צום ווייטערדיקן שווערן לעבנס־געראַנגל.

## קיין דייטשלאַנד

נישט יעדן פון די אַריש־אויסזעענדע יידן, איז געלונגען גלייך זיך דערשלאָגן צו אונדז. עס פלעגט אָפט נעמען צייט און מי ביז וואַנען עס איז געפונען געוואָרן דער וועג צום יידישן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט. גע־וועזן אויך אַ סך, וועלכע האָבן בכלל נישט געקאָנט צו אונדז צוקומען. זיי האָבן נישט געפונען דעם קאָנטאַקט.

זייער אַ סך פון די איינזאַמע, פאַרצווייפלטע אַריש־אויסזעענדיקע מיידלעך, פרויען און אויך מענער, וועלכע האָבן זיך מער נישט געקאָנט אַן עצה געבן אין דער פוילישער וועלט, פלעגן זיך אַנכאַפּן אין דער לעצטער מעגלעכקייט — פאַרשרייבן זיך צו פאָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט...

טויזנטער און טויזנטער פאָליאַקן פון שטעט און דערפלעך האָבן פרייוויליק זיך געמאָלדן צום אַרויספאָרן.

צווישן אָט די פרייוויליקע פוילישע אַרבעטער זיינען אויך געווען פאַרשטעלטע יידן, וואָס האָבן אויף דעם דאָזיקן וועג זיך געוואָלט ראַ־טעווען.

דאָרט, אין דעם ווייטן דייטשלאַנד, איז שווערער דערקענט צו ווערן. די דייטשן קענען נישט אַזוי לייכט אונטערשיידן פון אַ ייד ביז אַ קריסט. אַלע געקומענע, וויסן זיי, זיינען פאָליאַקן, פרעמדע מענטשן, וואָס אינטערעסירן זיי נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זיי פירן אויס זייער אַרבעט.

די געקומענע פלעגן ווערן פונאַנדערגעשיקט צו די דייטשישע פויערים אויף לאַנד־אַרבעט אָדער אין שטאָט אין קריגס־פאַבריקן. זיי פלעגט מען איבערגעבן די שווערסטע און געפערלעכסטע אַרבעטן.

איך וועל דערמאָנען בלויז איין פאַל פון די, אויף וועלכע איך האָב מיך אָנגעטראָפן:

ליזע יעליען, היינט פרוי באַטשקאָווסקא, שטאַמט פון אַ באַלעבאַ־טישער חסידישער פאַמיליע פון וואַרשע. אין דער צייט פון דער „אויס־זידלונג" האָבן די דייטשן אַוועקגענומען איר גאַנצע משפחה. זי איז געבליבן איינע אַליין. מיט דעם לעצטן ביסל געלט, וואָס זי האָט געהאַט, האָט זי זיך אַרויסגעריסן פון געטאָ און פרובירט זיך איינאָרדענען אויף דער אַרישער זייט. ליידער האָט איר יידישער אויסזען געמאַכט איר אוממעגלעך דאָס באַוועגן זיך אין גאַס. נישט האָבנדיק קיין אויסוועג, האָט זי זיך צוגעשטעלט אויפן פוילישן זאַמל־פונקט, וואָס ווערבירט

פּריוואַטיקע פּאָליאַקן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. איר האָט אָפּגע־גליקט און זי איז בשלום אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד.

ליזע האָט באַקומען אַרבעט ערגעץ אין אַ פּאַרוואָרפן דאָרף. גאַנצע טעג איז זי געווען פאַרנומען ביי דער הויז־ווירטשאַפט. האָט זיך געמאַכט אַ ביסל פרייע צייט, פלעגן איר די באַלעבאַטים שיקן אין פעלד אַרבעטן. אַזוי האָט מען פון די צוגעשיקטע אַרבעטער אויסגעזויגן יעדעס ביסל כּוח און ענערגיע. צעבראָכן, פאַרמאַטערט פון די שווערע לעבנס־באַדינגונ־גען, האָט זי אָבער אָממערסטן זיך געשראָקן פאַר אירע פּוילישע מיט־אַרבעטער.

— ווען זיי דערוויסן זיך ווער איך בין, וואָלטן זיי מיך זיכער אויסגעגעבן! — האָט זי מיר געזאָגט נאָך דער באַפרייאונג, ווען איך האָב זי געטראָפן אין וואַרשע. יאָ, זי איז געווען איינע פון די מזלדיקע, וועמען מען האָט דורך דער גאַנצער צייט פון איר אַרבעט אין גאַרנישט חושד געווען. נישט אַלעמען האָט אַזוי אָפּגעגליקט. עס פלעגט נישט איינמאָל טרעפן, אַז אַ צודרינגלעך אויג האָט טאַקע דערקענט און געמסרט.

## דער קליינער ציטונגס־פאַרקויפער

ביז גאָר אַ מאָדנע באַגעגעניש האָב איך געהאַט מיטן קליינעם, 12־יאָריקן יינגל — יוזשעק. ער האָט געשטאַמט פון פּיאָטרקאָוו.

איינער פון מיינע יידישע פריינד, וועמען איך פלעג באַזאָרגן מיט געלט, האָט מיר אים אָנגעוויזן פון דערווייטנס.

ביי ראָג קראָליעווסקע און קראַקעווער פאַרשטאָט גאַס האָט אַ דאָר „שייגעצל" פאַרקויפט ציטונגען. דאָס אויסגעוואַקסענע אָנצוגל איז געווען אויסגעריבן און ערטערווייז צעריסן, דאָס היטל צעקנייטשט און פאַררוקט אין אַ זייט און אויף די פיס — גרויסע צעפּאַרענע קאַמאַשן. אַ טיפּ פון די אָרעמסטע גאַסן־יינגלעך.

דער דאָזיקער קליינער ציטונגס־פאַרשפרייטער האָט נישט געצויגן קיינעמס אויפמערקזאַמקייט אויף זיך. ווען מען וואָלט מיר ניט אָנגע־וויזן אויף אים, וואָלט איך נישט געגלייבט, אַז דאָס איז אַ יידיש יינגל. דער גאַנצער הולך, דאָס זיכערע אויסשרייען די סחורה, די וואויל־יינגלערישע האַלטונג, האָט אים מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון זיינע פאַך־חברים, וועלכע האָבן זיך געדרייט נעבן אים.

איך האָב געקויפט ביים יינגל אַ ציטונג און שטיל זיך פאַרגע־שטעלט, אַז כ'קום פון יידישן הילפס־קאָמיטעט. דער ציטונגס־פאַר־שפּרייטער האָט שוין געוואוסט ווער איך בין, ער האָט שנעל געכאַפּט אַ קוק צו זיינע חברים און געבעטן איך זאָל זיך אַריינדרייען אין אַ זייטיקער גאַס, איך זאָל צוואַרטן; ער וועט באַלד צוקומען.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָב איך שוין שפּאַצירט מיטן קליינעם, אָפּגעריסענעם „שייגעצל" און אויסגעהערט זיין „קריסטלעכע" לעבנס־געשיכטע.

דער קליינער האָט גערעדט ווי אַ דערוואַקסענער מענטש, קורץ און זאַכלעך.

ער איז געווען אויף אַ מעלינע צוזאַמען מיט זיין מאַמען, טאַטן און ברודערל. אַלע זיינען זיי אומגעקומען... אים איז, על פּי נס געלונגען זיך צו ראַטעווען. ווען די דייטשן זיינען צו זיי געקומען, איז ער גראָד נישט געווען אין שטוב. ער איז געבליבן איינער אַליין. אויף אַ געוויסע צייט האָט אים גענומען צו זיך זיין טאַטנס אַ פריינד. זיי האָבן צוזאַמען אויסגעאַרבעט סיגאַרעטן און פאַרקויפט צו קריסטלעכע גאַסן־הענדלער. לאַנג האָט ער אָבער נישט געקאָנט זיין צוזאַמען מיט זיין טאַטנס פריינד. אויף זייער דירה איז געפאַלן אַ פאַרדאַכט און זיי האָבן געמוזט אַוועק. דער קליינער איז ווידער געבליבן אַליין. ער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט, געבעטלט, וואו געטאָגט, נישט גענעכטיקט, ביז ער האָט אויף עלעקטאָראַלנע 11 אָנגעטראָפן אַ גוטהאַרציקע קריסטין, וועלכע האָט זיך מיט אים פאַראינטערעסירט. די קריסטין האָט נישט געוואוסט, אַז ער איז אַ ייד, ער האָט איר אויך נישט געזאָגט. פאַרקערט, ער האָט איר געזאָגט, אַז זיין טאַטן האָבן די דייטשן געכאַפּט אויף אַרבעט און ער איז געבליבן אַליין. די קריסטין האָט אים געגלייבט, געהאָלפן אים באַקומען צייטונגען און געשיקט אים האַנדלען אויפן גאַס. פאַרשיידענע צרות איז ער שוין אויסגעשטאַנען אין דעם גאַסן־האַנדל. די צייטונגס יינגלעך האָבן אים נישט געוואָלט צולאָזן, זיך געשלאָגן מיט אים, אַרויסגעריסן פון אים די צייטונגען און געטריבן אים פון די ראָגן. עטלעכע האָבן גאָר אָנגעהויבן שרייען אויף אים „מאָשעק!"

ער וויס ביז היינטיקן טאָג נישט צי עמיצער האָט אים דער־קענט אָדער זיי האָבן סתם אים אַזוי איבערגערופן. „יוזשעק" האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, ער האָט זיין קריסטין גאָרנישט דערציילט. ער האָט מורא געהאַט, אַז זי קאָן אים הייסן גיין. סוף־כל־סוף האָט ער געזיגט. די גאַסן־יינגלעך האָבן זיך צו אים צוגעוואוינט, זיי לאָזן אים שוין צורו. דאָס גאַנצע פאַרדינסט גיט ער אַוועק דער קריסטין. זי וואַשט פאַר אים אויס אַ העמד, קאָכט אים עסן און זאָרגט זיך בכלל פאַר אים. ער שרעקט זיך נאָר פאַרן אָנקומענדיקן ווינטער. ער פאַרדינט נישט אַזוי פיל, אַז ער זאָל זיך קאָנען קויפן אַ מאַנטל און אַ פּאָר שיך. אָן דעם אַלעם קאָן ער נישט האַנדלען. וואָס וועט זאָגן דעמאָלט די קריסטין?, וועט זי אים וועלן ווייטער האַלטן?

איך פרעג דעם קליינעם, צי ער וואָלט נישט געוואָלט ליבערשט גיין אויף אַ מעלינע און מיר זאָלן פאַר אים אַלעס צאָלן, ער וועט דע־

מאָלט זיין מיט אַלעם באַזאָרגט. יוזשעק וויל נישט. אַ מעלינע שרעקט אים. ער וויל נישט זיצן פאַרשלאָסן און ציטערן פאַר יעדן שאָרך, ער וויל נישט אומקומען אַזוי ווי זיינע עלטערן. אים איז בעסער אויף דער גאַס, דאָ איז ער פריי און קאָן בעת אַ געפאַר אַנטלויפן, די גאַס איז אים נאָענט און היימיש. ער איז געווען דער איינציקער ייד, וועמען איך האָב דאָן געטראָפן, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין מורא. ער האָט נאָר געדאַרפן האָבן מלבושים.

דער קליינער צייטונגס־פאַרקויפער האָט פון אונדז באַקומען די ווייט מעגלעכסטע הילף.

נאָך דעם קריג, זייענדיק אין דייטשלאַנד, אין לאַגער פעלדאַפינג, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער קליינער לעבט און געפינט זיך ערגעץ אין עסטרייך אין דער אַמעריקאַנער זאָנע.

קאפיטל דריי און דרייסיק

# דאָס לעבן פון באַהאַלטענע יידן

נאָך ערגער איז געווען מיט די יידן, וועלכע האָבן געהאַט יידישע פּנימער און זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן. זיי זיינען שוין אינגאַנצן געווען הילפלאָז און אָפּהענגיק פון קריסטלעכן באַלעבאָס, ביי וועלכן זיי האָבן געוואוינט פאַר גרויסע געלט־סומעס.

פאַרשטעקט אין די פינצטערע באַהעלטענישן, אָן אַ מעגלעכקייט אַרויסצוגיין אין גאַס און אַליין עפּעס פאַר זיך צו טאָן, זיינען די יידן אין גאַנצן געווען מאַכטלאָז און נידערגעשלאָגן. דער באַלעבאָס איז געווען דער האַר פון זייער לעבן. ער האָט געקאָנט מיט זיי טאָן אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט. קיין שום אויסדרוק פון פּראָטעסט, קיין שום אומצו־פרידנקייט האָבן די יידן נישט געטאָרט אַרויסווייזן, ווייל דאָן וואָלט זיי געדראָט די געפאַר צו פאַרלירן די באַהעלטעניש און דאָס הייסט — טויט. האָבן זיי זיך טאַקע מיט אַלע כוחות געקלאַמערט אין באַלע־באָס, געקוקט אים אין די אויגן אַריין, אין מויל אַריין און געהאָרכזאַם אויסגעפירט יעדן באַפעל זיינעם.

נישט צו אַלע באַהעלטענישן האָבן מיר, קוריערן, געקאָנט צוקומען. געווען אַזעלכע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן פאַרווערט אַ פרעמדן צו ווייזן זיך אין דער וואוינונג, וואו עס געפינען זיך „זיינע" יידן. עס פלעגט לאַנג דויערן ביז מיר פלעגן באַקומען די צושטימונג פון אַזאַ קריסט־לעכן באַלעבאָס אַריינצוקומען אין הויז. און גראָד איז אַזאַ אַריינקומען געווען די גרעסטע הילף פאַר די באַהאַלטענע.

איז דען מעגלעך איבערצוגעבן דאָס גליק פון די באַהאַלטענע יידן, ווען זיי האָבן דערזען אונדזערס אַ קוריער?

אויף זייערע געלע, איינגעפאַלענע פּנימער, פלעגן זיך אָפּט באַ־ווייזן טרערן פון גערירטקייט. מען געדענקט אין זיי! פרישע האָפענונגען, פרישער גלויבן האָט אויפגעשיינט אין זייערע פאַרלאָשענע אויגן. זיי האָבן מיט אומרו און אומגעדולד געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען עמיצער פון אונדז וועט קומען. האָט מען זיך פאַרשפּעטיקט, איז זייער מורא געווען אויסערגעוויינלעך.

— איז עפּעס נישט פאָרגעקומען, איז מיט דעם קוריער גאָרנישט געשען ? !

די קוריערן זיינען געוואָרן אַ טייל פון זייער לעבן. דורך זיי האָבן די יידן געהאַט אַ גרוס פון דער וועלט, אַן אויפריכטיקן, פאַרטרויליכן גרוס פון אַ נאָענטן מענטשן, פאַר וועלכן זיי האָבן זיך נישט באַדאַרפט שרעקן.

עס זיינען געווען לייכטערע און שווערערע מעלינעס. איך וויל זיך צום ערשטן אָפּשטעלן אויף די שווערערע מעלינעס, אויף די באַהעלטענישן, וועלכע האָבן דעם יידן פאַרוואַנדלט אין אַ חיה, אָפט אָפּגעטעמפּט דאָס געפיל פון מענטשלעכקייט און פאַרוואַנדלט אין אַ קנויל נערוון.

*****

אויף ראַדזימינסקע 53 האָבן זיך אויפגעהאַלטן: די פרוי מערמעלשטיין מיט איר זון סאַלעק און די פרוי קלאַרע העכטמאַן מיט איר 16-יעריקער טאָכטער, גוטקע.

אין פּאַרטער, אין אַהילצערנער, אַלטער געביידע, האָט די קריסטלעכע פאַמיליע פאַרנומען איין צימערל מיט אַ קיך. אין צימערל, הינטער דער שטענדיק פאַרמאַכטער טיר, האָבן געוואוינט די יידן. עס איז נישט געווען קיין שום באַזונדערע באַהעלטעניש. ביי יעדן קלאַפּ אין טיר, ביי יעדן פרעמדן קלאַנג, פלעגן זיי אויפציטערן. אויב עס זיינען געקומען געסט צו דער באַלעבאָסטע, איז זייער לאַגע געווען אַ ביטערע. די קריסטין פלעגט מיט זיי שעה'ן לאַנג פאַרברענגען אין דער דערבייאיקער קיך, און די יידן, באַהאַלטן אין אַ ווינקל, פלעגן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם זיך צוהערן צו יעדן שאָרך. צי פאַלט אַ מאָל נישט אין דעם גאַסט אַריינצוגיין אין צווייטן צימער ? ער וואָלט זיי גלייך באַמערקט און דאַן...

גאָר שלעכט איז געוואָרן ווען עס האָט אָנגעהויבן אויסגיין דאָס געלט. די לעצטע גראָשנס פלעגן זיי אָוועקגעבן דער באַלעבאָסטע און אַליין זיך באַגנוגנט מיט איין מאָגערן מאָלצייט אַ טאָג. יעדן צווייטן טאָג האָט די קריסטין זיי אָפּגעזאָגט די וואוינונג — זי וויל זיי מער נישט האַלטן.

ווען איך בין צו זיי דאָס ערשטע מאָל געקומען, האָבן זיי אַלע אויסגעזען ווי מתים. קוים וואָס זיי האָבן זיך געהאַלטן אויף די פיס. די קריסטין האָט זיי שוין געהאַט אויפגעפאָדערט קאַטעגאָריש צו פאַרלאָזן די וואוינונג. עס איז נישט געווען קיין אָרט, וואו זיי איינצואָרדענען. פאַר אַ גרעסערע געלט-סומע האָט מען זיי דערלויבט נאָך אַ ביסל צו בלייבן, אָבער דאָ איז געשען אַ פרישער אומגליק:

פון דער שטענדיקער נערוועזיטעט און שרעק איז קלאַרע העכטמאַן קראַנק געוואָרן, זי האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן סימנים פון משוגעת.

פון אָנהייב איז עס געווען אַ שטילע מעלאַנכאָליע; שפּעטער איז עס אָבער איבערגעגאַנגען אין ווילדע אַטאַקעס. זי האָט אָנגעהויבן אין יידיש שרייען און זיך שלאָגן מיט יעדן אָנוועזנדיקן.

מיר האָבן צו דער קראַנקער געבראַכט דאָקטוירים און מעדיצינען, עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. איר צושטאַנד האָט זיך כסדר פאַרערגערט. די באַהעלטעניש איז געוואָרן אַ גיהנום. די יידן האָבן מורא געהאַט, אַז די געשרייען קאָנען זיי אויסגעבן און די באַלעבאָסטע האָט זיי, קיין איין מינוט, מער נישט געוואָלט האַלטן.

מיר האָבן זיך באַמיט די קראַנקע פון דאָרטן אַרויסצונעמען, אָבער עס איז נישט געווען וואוהין.

אין שפּיטאָל וואָלט מען זי גלייך דערקענט אַלס יידין און זי וואָלט אומגעקומען. חוץ דעם האָבן די שטוביקע אויך מורא געהאַט, אַז די קראַנקע קען אויסגעבן זייער מעלינע. קיין נייע באַהעלטעניש האָבן מיר נישט געקענט געפינען. מיר האָבן געוואָלט דער קראַנקער העלפן כאָטש מיט באַרוישונג־מיטלען. וואָס אַ טאָג איז די לאַגע געוואָרן געפער־לעכער, פיינלעכער. אַלע האָבן אָנגעהויבן צושטיין מען זאָל די קראַנקע אַפּרוימען...

— זי וועט אַלעמען אומברענגען — פלעגן זיי טענהן.

מיר האָבן געוואָלט מיט אַלע מיטלען איינהאַלטן אַלע פיר יידן אין דער דאַזיקער וואוינונג, כאָטש אַזוי לאַנג, ביז עס וועט זיך נישט אונטעררוקן די ערשטע בעסטע מעלינע. אונדזערע באַמיאונגען האָבן אָבער נישט געהאָלפן.

אין אַ געוויסן טאָג האָט דעם באַלעבאָס׳ זון, אויף דער ביטע פון אַלע שטוביקע, אָפּגעסמט די קראַנקע פרוי. דעם טויטן קערפּער האָבן זיי באַגראָבן אונטער דער פּאָדלאָגע אין זעלביקן צימער וואו זיי האָבן געוואוינט... די ערד איז געוואָרן אויסגעגלייכט נישט צו דערקענען.

נאָך דעם פאַל, איז די שטימונג אין דער באַהעלטעניש געוואָרן אומדערטרעגלעך. די איבערגעבליבענע דריי יידן זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרמרה־שחורה׳ט, די פאַריתומטע טאָכטער האָט אָן אויפהער געוויינט. זיי האָבן אָן אויפהער אַרומגעקרייזט דאָס אָרט, וואו די טויטע איז געלעגן באַגראָבן. מיר האָבן געמוזט זיי אַרויסנעמען פון דאָרטן וואָס שנעלער; זיי האָבן געקענט אַלע משוגע ווערן. גראָד האָט זיך געמאַכט אַ דירה אויף אָרלע 6. דער זעלביקער באַלעבאָס האָט פּאָר אונדזער געלט זיך אַהין אַריבערגעצויגן. און מיטגענומען זיינע יידישע סובלאָקאַטאָרן.

**
*

אין מיעדזעשין, הינטער וואַרשע, האָט זיך אויפגעהאַלטן, ביי דער קריסטין ריבאָווא, די פרוי קלאַרע פאַלק מיט איר צען־יעריקן זון אדאש.

לויט דער פאַראָרדענונג פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט, האָב איך באַדאַרפט מיט איר זיך שטעלן אין פאַרבינדונג און געבן הילף.

מיעדזעשין איז אַ זומער־וואוינונג־אָרט. איך בין דאָרט עטלעכע מאָל געווען אַלס קינד, אין דער מעדעם סאַנאַטאָריע. עס האָט דאָרט שטענדיק געשפּרודלט מיט פרייד און געזאַנג. זינט די דייטשן האָבן אומגעבראַכט די יידישע קינדער פון דער סאַנאַטאָריע, האָט דאָרט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. קיין לעבעדיקן מענטשן האָט מען דאָרטן נישט געזען. די סאַנאַטאָריע איז געשטאַנען פּוסט און פאַרלאָזן.

איך דערנענטער זיך צו אַ קליין הייזקעלע אַרומגערינגלט מיט אַ שיין גערטנדל, פול מיט בלומען און ביימער. — עס מוז דאָ זיין גוט זיך אויסצובאַהאַלטן — טראַכט איך.

עס נעמט מיך אויף אַן עלטערע קריסטין מיט אַ הונט. דאָס איז די באַלעבאָסטע פון דער הייזקע. איך מוז אַ ביסל וואַרטן, ווייל אין שכנותדיקן הויז לאַדעוועט מען קאַרטאָפל און צוליב דעם איז אוממעג־לעך צוצוקומען צו דער באַהעלטעניש. איך פאַרפיר דערווייל אַ שמועס מיט דער אַלטער. זי באַקלאָגט זיך אויף דער קליינער באַלוינונג. זי באַקומט 1500 זלאָטעס מאָנאַטלעך. לעצטנס איז שוין גאָר שלעכט, די יידן האָבן נישט מיט וואָס צו צאָלן. זיי דערנערן זיך פון דעם, וואָס זי, די אַלטע פאַרקויפט זייערע קליידער. צום סוף בעט זי מיך, איך זאָל די יידן צונעמען. איך זאָג איר, אַז איידער איך וועל דערליידיקן מיט איר, מוז איך צוערשט זען די יידן זעלבסט.

ענדלעך גייען מיר אַרויס פון הויז. זי פירט מיך צו צו אַ קליינ־טשיק, אָפּגעזונדערטס הילצערן קעמערל. דאָרטן זיינען זיי. זי עפנט די טיר און הייסט מיר אַריינגיין. דאָס גאַנצע קעמערל איז פול מיט האָלץ און אַלטע שטיקער מעבל. עס איז אַזוי באַלייגט, אַז איך קען קיין טריט נישט מאַכן. איך זוך מיט די אויגן די מענטשן, אָבער עס איז שווער עפּעס צו זען. עס איז טונקל, בלויז דורך די שפּאַרעס דרינגט אַריין אַ ביסל ליכט. די באַלעבאָסטע ווייזט מיר אַ ווינקל, פול מיט צעזעגטע האָלץ און שטיקלעך טרוקענע צווייגן. איך שטרענג זיך אָן די אויגן און אָט דערזע איך ווי אַ האַנט שטרעקט אַרויס פון צווישן די צווייגלעך און גלייך הערט זיך אַ שטילער „גוט מאָרגן". די זעלביקע האַנט הייבט אָן אָוועקצושאַרן דאָס האָלץ. איך עפן אַ ביסל די טיר כדי בעסער צו זען.

אויף דער בלויזער ערד ליגן צענויפגעקאָרטשעט אַ פרוי מיט אַ יינגל. זיי ליגן פעסט צונויפגעפרעסט, כדי צו פאַרנעמען ווייניקער אָרט. אַרום זיי און איבער זיי איז פול אָנגעוואָרפן מיט האָלץ. ס'איז זיי אומ־מעגלעך זיך אַ ריר צו טאָן. די געזיכטער זיינען אויסגעמאַגערט, פאַר־חושכט, בלויז הויט מיט ביינער, די ליפּן — צעהאַקט, די אויגן זיינען

טיף־איינגעפאַלן און מאָדנע גרויס. די האָר זיינען צעשויבערט, פול מיט האָלץ שפענדלעך. דאָס זיינען געשפענסטער, נישט קיין מענטשן.

קודם בעטן זיי מיך צו פאַרמאַכן די טיר, ווייל דאָס טאָג־ליכט שטעכט זיי אין די אויגן און זיי קענען עס נישט פאַרטראָגן. אַזוי אָנגע־שפּאַרט, האַלב־ליגנדיק, שלאָפן זיי, עסן און וואַכן. קיין אַנדער פּאָזיציע קענען זיי נישט פאַרנעמען, ווייל עס איז נישטאָ קיין אָרט.

צוויי מאָל אַ טאָג ברענגט זיי די באַלעבאָסטע עפּעס צו עסן. זי איז איבערגעטריבן פאַרזיכטיק און לאָזט זיי נישט אַרויס פון דאָרטן. שוין עטלעכע חדשים, ווי זיי האָבן זיך נישט געוואַשן און איבערגעטאָן.

טיילמאָל, ביינאַכט, ווען עס איז שוין דער פרוי קלאָרע אוממעגלעך אויסצוהאַלטן; ווען איר דוכט זיך, אַז די פיס זיינען איר געליימט געוואָרן, ריזיקירט זי אויף אַ מינוט אַרויסצוגיין און אויסגלייכן דעם קערפּער. זי קאָן שוין אין גאַנצן נישט באַוועגן מיטן רעכטן אָרעם, ער טוט איר שרעקלעך וויי.

— מיר דוכט זיך, אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט קענען גיין — רופט זיך אָפּ דער קליינער אדאש. ער קוקט אַרויס פון הינטערן האָלץ מיט גליענדיקע אויגן.

אין דער מוטערס אויגן באַווייזן זיך טרערן. זי אַליין קען אַלץ איבערטראָגן, נאָר פאַרן קינד האָט זי מורא. ער איז לעצטנס קראַנק געווען. ליגנדיק אויף דער הוילער ערד, האָט ער זיך פאַרקילט און אָנגע־הויבן הוסטן. עטלעכע טעג איז ער אָפּגעלעגן אויף אירע הענט אין גרויסער היץ. זי האָט נישט געוואוסט, פאַר וואָס זיך פריער צו שרעקן: צי פאַרן הוסטן, וואָס קען יעדע מינוט פאַרראַטן זייער באַהעלטעניש, צי פאַרן פיבער, פון וועלכן דער קליינער האָט געקענט אומקומען.

— און די באַלעבאָסטע האָט גאָרנישט געהאָלפן? — רייסט זיך מיר אַרויס אַ פראַגע.

— ניין, זי האָט אפילו מורא געהאַט אים אַריינצולייגן אין בעט. —

איך פרעג שוין מער גאָרנישט. מיט אַ שטילער שטים ענטפער איך אויף אַלע פראַגן פון דער פרוי. מיט דער באַלעבאָסטע דאַרף מען ריידן פאַרזיכטיק, פון איר איז אַלץ אָפּהענגיק. זי קען הייסן גיין. איינמאָל האָבן זיי טאַקע געמוזט פון דאַנען אַוועקגיין. די קריסטין האָט זיך פאַר עפּעס דערשראָקן און געהייסן תיכף פאַרלאָזן איר וואוינונג. צוויי טעג האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט אין דערבייאיקן וועלדל און נישט געהאַט וואו זיך אַהינצוטאָן. ניט האָבנדיק קיין אויסוועג, האָבן זיי זיך מיט געבעט צוריקגעקערט צו דער זעלביקער קריסטין. זי האָט זיי דאַן פאַרשטעקט צווישן האָלץ, און אַזוי ליגן זיי שוין דאָ חדשים. איצט האָבן זיי נישט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַרן באַהאַלטן זיך און דאָס ווינקעלע אין הילצערן קעמערל איז אויך באַדראָט.

ביים געזעגענען זיך ווענדעט זיך צו מיר פרוי פאַלק מיט אַ ציטערנ־דיקער שטים:

— געדענקט, פאַרגעסט נישט אָן אונדז! —

צי קען מען דען דאָס געזעגענע פאַרגעסן?!

אין אַ קורצער צייט אַרום איז מיר געלונגען צו געפינען פאַר זיי אַ מעלינע אין וואַרשע. מיר האָבן זיי אַרויסגענומען פון דעם האַלץ־קעמערל און ווייטער געזאָרגט פאַר זייער קיום.

פרוי פאַלק מיט איר זון האָבן איבערגעלעבט דעם קריג. ביידע געפינען זיך איצט אין פוילן.

*****

טראָץ די שטאַרקע דייטשישע פאַרפאָלגונגען, האָבן מיר געמוזט די גאַנצע הילפס־אַרבעט, ווי דאָס צעטיילן געלט, צושטעלן דאָקומענטן, פירן הויפּטזעכלעך אויף דער גאַס, ווייל מיר האָבן פשוט נישט געהאַט קיין לאָקאַלן און וואוינונגען, וואו זיך צו טרעפן מיט די יידן.

בעת די שטאַרקסטע דייטשישע אַבלאַוועס און אַרעסטן פלעגן מיר זיך מוזן באַגעגענען מיט די הילף־זוכנדיקע יידן אויף פאַרשיידענע פונקטן אין שטאָט און אויף דער גאַס אַלץ דערליידיקן.

איינמאָל שטיי איך אויף קראָקעווער פאָרשטאָט און גיב שנעל עט־לעכע וואַרטנדיקע יידן געלט. ווען איך האָב שוין געהאַט פאַרענדיקט און געוואָלט אַוועקגיין, שטעלט מיך פלוצלונג אָפּ אַ הויכער מאַן און פרעגט:

— זיינט איר דאָס די וואָלאַדקע, וועלכע טיילט פאַנאַנדער געלט פאַר יידן? — איך האָב זיך אין ערשטן מאָמענט דערשראָקן. — האָט מען מיך שוין ווידער אויסגעגעבן? איך ענטפער נישט אויף דער פראַגע און פרוביר זיך שנעל דערווייטערן פון דעם אומבאַקאַנטן מאַן. ער לויפט מיר אָבער נאָך און אויסגלייכנדיק זיך מיט מיר הייבט ער אָן ריידן:

— איר דאַרפט פאַר מיר נישט מורא האָבן, איך בין אַליין אַ ייד. דאָ נישט ווייט, אין באָמבאַרדירטן הויז אויף עק מיאָדאָווע און קראָקע־ווער פאָרשטאָט, געפינט זיך מיין בונקער. אין די חורבות וואוין איך צוזאַמען מיט נאָך 4 יידן, ווען עס איז געלונגען צו אַנטלויפן פון וואַר־שעווער געטאָ.

פון אָנהייב זיינען זיי געווען צען מאַן. די דייטשישע אוממענטשן האָבן שוין באַוויזן פינף פון זיי צו כאַפּן. זיי האָבן נישט קיין גראָשן געלט אויף צו דינגען אַ וואוינונג ביי אַ קריסט; ליגן זיי שוין חדשים באַהאַלטן אין די חורבות. איינער בלויז גייט פון צייט צו צייט אַרויס. מען לעבט פון דעם, וואָס ער באַקומט נדבות פון גוטע פאַליאַקן. אָפּט־מאָל, ווען עס פעלט אויס צו עסן און מען הונגערט שטאַרק, כאַפּט מען

זיך בייגאַכט אַרויס פון די חורבות און מען קלויבט צונויף דעם אָפּפאַל, וואָס מען געפינט אויף די ליידיקע טראָטואַרן. לענגער קאָן מען אַזוי נישט אויסהאַלטן. שוין עטלעכע מאָל, גייענדיק אין גאַס, האָט ער אויף איין און דעם זעלביקן אָרט, געטראָפן זיך דרייען יידיש־אויסזעענדיקע מענטשן. זיי פלעגן עפּעס באַקומען און גלייך פאַרשווינדן. ער האָט זיך מיט דער נייעס געטיילט מיט זיינע מיטוואוינער אין די חורבות. יענע זיינען צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל ריזיקירן צו שמועסן מיט איינעם, אפשר קען עס פאַר זיי האָבן אַ באַדייטונג.

ס'איז שוין צוויי וואָכן ווי ער שטייט אַזוי יעדן טאָג אויפן זעלביקן אָרט און וואַרט אויף די מענטשן. ענדלעך האָט ער זיי געטראָפן. ער האָט זיך מיט איינעם צונויפגערעדט און יענער האָט אים אויפגעקלערט, וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט שוין גערעדט מיט אַ קוריערין „אינקע" (אינקע שווייגער, אונדזערס אַן אַקטיווע מיטאַרבעטערין) האָט זי אים געהייסן דאָ קומען און מיט מיר זיך דורכרעדן.

— צי ווייסט איר דען, וואָס אייער הילף באַדייט פאַר אונדז ? — ענדיקט ער דעם געשפּרעך.

איך שאָקל שווייגנדיק מיטן קאָפּ.

דער אומבאַקאַנטער זאָגט נישט קיין ליגן. די צעקנייטשטע קליי־דער, דאָס בלאַסע אויסגעמאָגערטע געזיכט און דאָס כסדרדיקע נערוועזע זיך אַרומקוקן, צי עמיצער גייט נישט נאָך, באַשטעטיקן זיינע רייד — ער איז אַ ייד.

פון דעמאָלט אָן איז דער דאָזיקער ייד, ווי אויך זיינע באַהאַלטענע חברים, אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך דעם קאָאָרדיניר קאָמיטעט.

**
*

איך האָב באַקומען פון מיינער אַ יידישער פריינדין דעם אַדרעס פון צוויי באַהאַלטענע יידן, וואָס דאַרפן זיך געפינען אויף נאָפּאָלעאָנא 3. דאָס איז אַ גרויס הויז באַוואוינט דורך דייטשישע אָפיצירן און העכערע פּאָסט־באַאַמטע. איך האָב געדאַרפט זיך פאַרשטענדיקן מיט אַ פּוילישער דינסט, וועלכע האָט געדינט אין איינע פון די דאָרטיקע וואוינונגען. די קריסטין, אַן עלטערע, אויסגעמאָגערטע פרוי, האָט לכתחילה געלייקנט, אַז זי האָט צו טאָן מיט יידן. זי האָט מיר געהייסן גלייך זיך אָפּטראָגן, עס איז אַ דייטשיש הויז און יעדער פרעמדער ווערט דאָ פאַרהאַלטן. —

איך האָב אָבער נישט נאָכגעגעבן און געבראַכט פאַרשיידענע סימנים פון פריינד און באַקאַנטע, וואָס האָבן מיר דעם אַדרעס געגעבן. ענדלעך האָט די אַלטע מיר דערלויבט איבערצוטרעטן די שוועל. אין קיך האָט זי פון מיר ווידער אַרויסגעקראָגן מער איינצלהייטן, לסוף איז זי פאַרשוואונדן הינטער אַ טיר. נאָך עטלעכע סעקונדן האָט זי זיך ווידער באַוויזן און געהייסן איך זאָל איר נאָכגיין.

איך בין אַריין אין אַ פּיצל צימערל. ביי אַ קליין טישל איז געזעסן אַ יונגע, שיינע פרוי און אַ ביסל אַן עלטערער מאַן, ביידע מיט טיפּישע יידישע פּנימער. — יאַדזשיע ראָזנבערג, אַ געוועזענע קראַנקן־שוועסטער פון יידישן שפּיטאָל, און איר מאַן, אַ דאָקטאָר...

נאָך אין זייער פריערדיקער מעלינע, ביי דער קריסטין יאַבלאָנסקאַ, האָט זי זיך דערוואוסט וועגן דער הילף, וואָס מען קאָן באַקומען. זיי האָבן געבעטן די קריסטין, אַז אירע יידישע פריינד, זאָלן שאַפן פאַר איר אַ קאָנטאַקט מיט אונדז, אָבער אָן דערפאָלג. זי האָט שוין פאַרלוירן דעם גלויבן, אַז זי וועט דעם קאָנטאַקט געפינען און דאָ פּלוצים — אַזאַ אומדערוואַרטעטער וויזיט!

צוליב דעם אַרעסט פון יאַבלאָנסקין, האָבן זיי געמוזט פאַרלאָזן די מעלינע. זיי האָבן נישט געהאַט קיין אָרט וואו זיך אַהינצוטאָן, נישט געהאַט קיין אַנדערע קריסטלעכע באַקאַנטשאַפט אויסער יאַדזשיעס אַלטע ניאַניע, וועלכע איז געבליבן דינען ביי די דייטשן אין זעלבן הויז, וואו עס איז געווען אַמאָל זייער אייגענע וואוינונג.

מיט פאַרשיידענע קונצן האָבן זיי זיך דורכגעגנבעט פאַרביי דעם הויז־וועכטער, וועלכער האָט יאַדזשיען געקענט נאָך פון אירע יוגנט־יאָרן, און זיינען אַרויף צו דער קריסטין. אָדער זי, די ניאַניע, וועט זיי אַרויפנעמען צו זיך אָדער זיי זיינען פאַרלוירן. זיי האָבן געוואוסט, אַז די אַלטע אַרבעט ביי דייטשן, אַז דאָס אָרט איז געפערלעך, אַז זיי שטעלן איין דאָס אייגענע לעבן און דאָס לעבן פון זייער גוטער ניאַניע.

— מיר האָבן אָבער נישט געוואָלט אומקומען! — האָט שטיל, ווי זיך פאַרענטפערט דער מאַן.

די דינסט האָט זיי נישט אַרויסגעטריבן. די האַרציקע, גוטע ניאַניע האָט ריזיקירט. זי שלאָפט אין אָט דעם קליינעם צימערל און דאָ באַהאַלט זי זיי.

געטראַכט האָבן זיי, אַז עס איז אַ פראַגע פון אַ טאָג צוויי, זיי וועלן געפינען ערגעץ אַ מעלינע און אַוועק. זייערע אויסרעכענונגען האָבן פאַרפירט, זיי האָבן גאָרנישט געפונען.

זיי זיינען געווען פאַרצווייפלט. אין דעם פּיצינקן צימערל קומען אויך אַריין פון צייט צו צייט די דייטשישע באַלעבאַטים. דאָ וואוינען צוויי ס. ס.־אָפיצירן און אַ צוויי העכערע דייטשישע פּאָסט־באַאַמטע. בעת די דייטשישע וויזיטן האָבן זיי, נאַטירלעך, געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן. דאָס איינציקע אָרט איז געווען די קליינע שאַפע וואו די ניאַניע האָט געהאַלטן אירע אייגענע קליידער. עס איז אַ גיהנומדיק לעבן! די גאַנצע צייט מוזן זיי האָבן אָנגעשפּיצטע אויערן און אָנגעשטרענגט אויפּ־כאַפּן יעדן שאָרך, צי עס דערנענטערן זיך אַ מאָל נישט טריט צו דער קיך. קוים יאָ, שטופּט מען זיך שנעל אַריין אין שאַפּקעלע. זיי עפענען

עס פאַר מיר און ווייזן דאָס אָפּגערוימטע אָרט. איך פאַרשטיי באמת נישט, ווי זיי קאָנען זיך דאָרטן אַריינפּאַקן.

— איר וואונדערט זיך? — ווענדעט זיך צו מיר דער מאַן. — דעם אמת זאָגנדיק, קענען מיר אויך נישט באַגרייפן ווי אַזוי מיר האַלטן דאָרטן אויס. —

פּלוצלונג הערן זיך טריט פון אַ צווייטן צימער. ביידע רייסן זיך אויף פון די ערטער און בליץ־שנעל זיינען זיי שוין אין שענקל. ווי געשיקט זיי מאַכן עס! די קריסטין וואַרפט אַ בליק צי אַלץ איז אין אָרדענונג און הייבט זיך אָן פּאַרען אין קיך. איך בלייב אַליין זיצן אין צימערל. מיך מעג מען דאָך געפינען, איך בין דאָך אַ קריסטין! — טראַכט איך מיט איראָניע. אין קיך רעדט מען עפּעס דייטש. מיינע אויערן זיינען אָבער אָנגעשפּיצט צום שענקל; צי עס הערט זיך נישט פון דאָרטן קיין ריר? ניין, עס איז אַזוי שטיל, פּונקט ווי עס וואָלט דאָרטן קיינער נישט געווען. די טריט דערווייטערן זיך. דאָס פאַרפאַלק זיצט שוין ווייטער נעבן מיר.

זיי וועלן סוף־כל־סוף אונדז כאַפּן — רופט זיך אָפּ די פרוי.

זייער גרעסטע שרעק איז אָבער די ניאַניע. די ניאַניע ריזיקירט אַזוי פיל! זי איז געוואָרן זייער נערוועז. זיי האָבן מורא, די אַלטיטשקע זאָל זיך נישט איינברעכן.

— זאָגט, לוינט עס דען אַזוי זיך צו מאַטערן? — פרעגן זיי מיך.

אוודאי, ענטפער איך, אַז עס לוינט זיך. עס וועט דאָך אייביק נישט דויערן.

צי קאָן איך זיי גאַראַנטירן, אַז אין דעם שענקעלע, אין מויל פון וואָלף, וועלן זיי אויסהאַלטן. איך זאָג זיי צו צו באַזאָרגן געלט, צו מאַכן פאַרן מאַן אַ פּוילישן דאָקומענט, איך זשאַלעווע נישט קיין טרייסט ווערטער. אָבער נישט דאָס איז דאָס וויכטיקסטע איצט פאַר זיי. פאַר זיי מוז מען וואָס שנעלער שאַפן אַ מעלינע, אַרויסנעמען זיי פון דאַנען. אַ מעלינע, וואָס זאָל געבן וואָס מער שאַנסן צום לעבן.

— אָבער וואו געפינט מען אַ מעלינע?...

דאָס איז געווען די וויכטיקסטע פראַגע, וועלכע האָט אין אָט די באַדינגונגען טאָג און נאַכט געעקבערט אונדזערע מוחות.

קאַפּיטל פיר און דרייסיק

# אין גוטע מעלינעס

לייכטער אַ ביסל האָט אויסגעקוקט דאָס לעבן אין די, אַזוי גערו־פענע, „נאַרמאַלע" מעלינעס, ד. ה. אין די באַהעלטענישן, אין וועלכע מען האָט זיך ווי עס איז געקאָנט איינאָרדענען מענטשלעכער און איינהאַלטן דעם אייגענעם איך.

טראָץ דער אומאויפהערלעכער שרעק געפונען צו ווערן און טראָץ די טאָג־טעגלעכע צרות פון באַלעבאָס, האָבן יידן אין די מעלינעס געאַרבעט, שטודירט און געשאַפן. איינע פון די גרעסטע מעלינעס וואָס האָט געהאַט אַן אומגליקלעכן סוף און מיט וועלכן איך בין בלויז טיילווייז געשטאַנען אין פאַרבינדונג, איז געווען די גרויסע באַהעלטעניש אויף גרויעצקא גאַס.

אַ גרופּע יידן איז געלונגען זיך צונויפצורעדן מיט אַ פּוילישן גערטנער. דער גערטנער האָט פאַר אַ גרויסע סומע געלט געמאַכט אַן אונטערערדישן בונקער אויפן פּלאַץ, וואו ער האָט געאַרבעט. מיר איז אויסגעקומען צו באַזאָרגן פאַר עטלעכע יידן פון דאָזיקן בונקער געלט און פאַרשיידענע זאַכן. אַלע ענינים האָב איך אָבער געמוזט דערליידיקן אין דעם באַלעבאָס' וואוינונג אויף גרויעצקא 83. דאָרטן פלעג איך זיך אויך טרעפן מיט מענטשן פון בונקער. אַליין גיין אין בונקער אַריין האָט דער באַלעבאָס מיר נישט דערלויבט. ער איז געווען זייער פאָרזיכטיק און קיין שום פרעמדע נישט צוגעלאָזן. פון דעם, וואָס מען האָט מיר איבערגעגעבן, האָב איך געוואוסט, אַז דער בונקער איז געווען אונטער דער ערד. דאָס איז געווען אַ גרויסע אויסגעגראָבענע גרוב. די ווענט און דער סופיט זיינען געווען באַפּעסטיקט מיט היל־צערנע בעלקעס. עס זיינען דאָרטן געווען הילצערנע „פּריטשעס" צום שלאָפן. אַ פאַרמאַסקירטע טיר, אונטער אַ גלעזערנעם צודעק פון אַ בלומען־ספּעקט, האָט געפירט אין דעם אונטערערדישן בונקער, וואו עס האָבן געוואוינט איבער דרייסיק פערזאָן — מענער, פרויען און קינדער. בייטאָג איז דאָרטן געווען זייער ענג, הייס און דושנע. ערשט ביינאַכט פלעגט מען אויפהייבן דעם פאַרמאַסקירטן צודעק און אַריינלאָזן

אַ ביסל לופט. און אין אַט די שווערע באַדינגונגען האָבן מענטשן געאַרבעט. ד"ר עמנואל רינגעלבלום, דער באַקאַנטער יידישער היסטאָריקער און טוער פון די לינקע פועלי ציון, פרוי מעלמאַן, אַ יידישע לערערין פון דער לאַדזשער מעדעם שול און נאָך אַנדערע האָבן דאָרטן געשריבן אַרבעטן וועגן דער געשיכטע פון יידן און וועגן דער יידישער ליטעראַטור. פון דאַנען איז אַרויסגעשיקט געוואָרן צו דער וועלט דער היסטאָרישער באַריכט וועגן דער יידישער קולטור־אַרבעט אין געטאָ. מען פלעגט זיי פון דרויסן צושיקן מאַטעריאַלן צו זייערע אַרבעטן. עס האָט זיך אונדז געדוכט, אַז דער גוט פאַרמאַסקירטער בונקער וועט איבערלעבן די דייטשן.

דער באַלעבאָס האָט באַשעפטיקט אויף באַדינען דעם בונקער נאָר אייגענע משפחה־מיטגלידער. כדי צו באַזאָרגן אַזוי פיל מענטשן מיט עסן און נישט ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרומיקע, האָט ער אַליין געעפנט אַ שפייז־געוועלבל. עס האָט דאָרטן אַלץ גוט געקלאַפּט. אַפילו ווען עס איז אין דעם בונקער געבוירן געוואָרן אַ קינד, האָט קיינער, אַ חוץ די שטוב־מענטשן, וועגן דעם נישט געוואוסט.

אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך איבער גאַנץ וואַרשע פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז די דייטשן האָבן אַנטדעקט אַ בונקער מיט איבער דרייסיק באַהאַלטענע יידן. דער בונקער אויף גרויעצקא גאַס איז דורכגעפאַלן. און אַט ווי אַזוי:

דער באַלעבאָס האָט זיך צעווערטלט מיט זיין געליבטער, וואָס האָט געוואוסט וועגן דער באַהעלטעניש. זי האָט זיך אין אים געוואָלט נוקם זיין און האָט אויסגעגעבן צו די דייטשן דעם בונקער. אַלע יידן פון בונקער זיינען אומגעקומען.

מער מזל האָבן געהאַט קלענערע באַהעלטענישן. מיר האָט זיך איינגעגעבן צו געפינען דורך דער קריסטין שטשיבאַראַווסקא אַ גלענצנדיקע מעלינע אויף אַגראַדאָווע 55 ביי דער קריסטין דענקעוויטש, וואָס האָט פאַרנומען אַ צוויי־צימערדיקע דירה מיט אַ באָד־צימער. אין דעם באָד־צימער איז געמאַכט געוואָרן אַ דאָפּלטע וואַנט. די ווענט זיינען דאָרטן, ווי אין די מערסטע באָד־צימערן, געווען אויסגעפלאַסטערט מיט ווייסע קאַפלעס. ווען מען האָט פון דער וואַנט אַרויסגענומען אַ טירל פון עטלעכע פאַראייניקטע קאַפלעס, האָט זיך באַוויזן אַ קליינע עפענונג, וואָס האָט געפירט אין דער באַהעלטעניש. אַז מען האָט די קאַפלעס צוריק אַריינגעזעצט אין דער וואַנט אַריין, איז נישט געווען צו דערקענען קיין שום שפּאַרעלע — אַזוי קונציק און גוט האָבן געפּאַסט די קאַפלעס.

אין דער מעלינע אויף אגראַדאָווע האָב איך זומער 1944 איינגעאָרדנט די חברטע העלענע שעפּנער (געוועזענע לערערין פון קאַלעצקיס

גימנאַזיע און פרוי פון באַקאַנטן יידישן זשורנאַליסט ב. שעפּנער), כעווקע האָדעס, — אַ שפּיטאָל־פלעגערין (זי איז די טאָכטער פון זשורנאַליסט ל. האָדעס; כעווקע מיטן מאַן זיינען דורכגעגאַנגען גיהנומדיקע צייטן ביז ס'איז אונדז געלונגען אַריינצונעמען זיי אין דער דאָזיקער מעלינע) און כעווקעס מאַן שוויאַדאָשטש לוטעק. די קריסטין האָט זיי אָפּגעגעבן אַ צימערל, וואו זיי האָבן זיך געמוזט זייער שטיל פאַרהאַלטן, די שכנים זאָלן נישט הערן קיין פרעמדע שטימען. ביי יעדן קלאַפּ אין טיר פלעגן זיי מוזן בליץ־שנעל אויפרוימען נאָך זיך אַלע זאַכן און אַריינלויפן אין דער באַהעלטעניש אין באָד־צימער.

אַלע דריי פלעגן אין דער באַהעלטעניש אַרבעטן, זיך לערנען. פרוי העלענע שעפּנער האָט געלערנט כעווקען מיטן מאַן פראַנצויזיש, דער באַלעבאָסטעס מיידעלע — פּויליש און אליין — ענגליש. אַהין פלעג איך מוזן אַרויפבאַזאָרגן ביכער, צייטונגען, אומלעגאַלע בלעט־לעך. עס איז דאָרטן געווען אַן אמתער שטודיר־צימער. אויך איך האָב זיך אָנגעשטעקט מיט דער דאָזיקער לערן־אַטמאָספערע: ווען כ'פלעג אַרויפקומען האָט מיר העלענע שעפּנער געמוזט געבן לעקציעס פון דער רוסישער שפּראַך. אָט אַזוי האָט מען נישט געלאָזט אומזיסט לויפן די צייט, מיט פּחד אין האַרצן האָט מען איינגעחזרט פראַנצויזישע, ענג־לישע און רוסישע גראַמאַטיק. מען האָט זיך אַזוי אַרום געגרייט אויף בעסערע צייטן...

אַלע דריי זיינען געבליבן לעבן. פרוי שעפּנער איז איצט אין ניו־יאָרק, כעווקע און לוטעק זיינען אין שוועדן. כעווקע איז מיט אַ פּאָר חדשים צוריק געוואָרן אַ מאַמע...

סטעפאַן מערמלשטיין, וואָס איך האָב וועגן אים שוין דערציילט, האָט אין זיין נייער מעלינע אויף אָרלע גאַס אַ ביסל אויפגעלעבט. אין זיין באַהעלטעניש האָט זיך, ווי אין פיל אַנדערע מעלינעס, אין וועלכע כ'פלעג אַריינקומען, געפונען אַ גרויסע מאַפּע פון דייטש־רוסישן קריגס־פראָנט. מיט שפּילקעלעך זיינען געווען באַצייכנט די פּונקטן, וואו עס קומען פאָר קריגס־אָפּעראַציעס. סטעפאַן האָט געשלונגען יעדע פראָנט־ידיעה, יעדע נייע פאַרנומענע שטאָט איז געוואָרן דורך אים אויסשטו־דירט. איך האָב אים צו דעם צוועק געמוזט באַזאָרגן אַ געאָגראַפיע־ביכל. אָבער חוץ דער שטאַרקער פראָנט־פאַראינטערעסירונג, וואָס עס האָבן, אַגב, אַרויסגעוויזן, אַלע באַהאַלטענע יידן (פון דעם איז דאָך אָפּ־העננגיק געווען זייער לעבן), האָט דער בחור זיך שטאַרק פאַראינטערע־סירט מיט מוזיק. פאַרן קריג האָט ער געענדיקט אין לאָדזש די קאָנ־סערוואַטאָריע; ער האָט שוין דאַן אַרויסגעוויזן, ווי די מוטער האָט מיר איבערגעגעבן, גרויסע מוזיקאַלישע פעאיקייטן. איצט, אין דער באַ־העלטעניש, האָט ער אָנגעהויבן שאַפן. איך האָב אים געמוזט באַזאָרגן

אַ קאָמערטאָן און ספּעציעלע העפטן אויף נאָטן. ווען איך פלעג קומען אין דער באַהעלטעניש, פלעגט מיר סטעפאַן אַנטקעגנטראָגן פריש אָנגע־שריבענע קאָמפּאָזיציעס.. זיינע אָנגעשריבענע מאַזורקעס און וואַלצן פלעגט ער פאַר מיר שטיל אויסזינגען אָדער אויספייפן. איך בין ווייט פון זיין אַ קענערין פון מוזיק, אָבער כ׳מוז מודה זיין, אַז די שאַפונגען, וועלכע זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף אַזאַ אייגנאַרטיקן אופן, האָבן געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק.

אויף אַ געוויסער צייט האָט סטעפאַן געמוזט איבעררייסן דאָס זינגען פאַר מיר זיינע מאַזורקעס. זיין מוטער איז קראַנק געוואָרן. אירע פיס זיינען געשוואָלן געוואָרן און זי האָט אויפגעהערט צו גיין. ס׳איז נישט לייכט אָנגעקומען אַרויסצוקריגן פון דער קריסטלעכער באַלע־באָסטע אַ דערלויבעניש אויף אַריינצוברענגען אין שטוב אַ דאָקטאָר. איצט איז נאָר געבליבן דאָס פאַרשטענדיקן זיך מיט אונדזער „רויטן קרייץ". וועלכן מיר האָבן דאַן געהאַט געשאַפן. אייגענע באַקאַנטע יידישע און פּוילישע דאָקטוירים פלעגן ספּעציעל באַדינען און ברענגען מעדיצי־נישע הילף אויסבאַהאַלטענע יידן. אויף דעם געביט האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט אומדערמידלעכער אַרבעט ד״ר אַננאַ מאַרגאָליס פון לאָדזש. (לעבט און וואוינט איצט צוריק אין לאָדזש.) אַליין מיט אַ יידישן אויס־זען, האָט דאָך ד״ר אַננאַ נישט מורא געהאַט זיך צו באַוועגן אין גאַס. אין אַ ווייסן פאַרטוך, מיט אַ פלעגערין־היטעלע אויפן קאָפּ און אַ קליי־נעם דאָקטאָר־טאַש אין האַנט פלעגט זי איילן מיט הילף אין די פאַר־וואָרפענע באַהעלטענישן. ד״ר מאַרגאָליס איז צוזאַמען מיט מיר אַוועק אין דער מעלינע אויף אָרלע גאַס אונטערזוכן די קראַנקע.

פרוי מערמלשטיין האָט געליטן פון אַ שוואַך האַרץ און פון מאַנגל פון אַ גאַנצער ריי וויטאַמינען. מען האָט פאַר איר באַזאָרגט די נויטיקע מעדיצין און אַ ספּעציעלע סומע געלט אויף צוגאָב־דערנערונג. דער צושטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן בעסערן. ווען פרוי מערמלשטיין האָט צוריק אָנגעהויבן גיין, האָט מיר איר זון געוויזן אַ דיקן באַשריבענעם העפט מיט דערציילונגען. „מיין קאָפּ איז נישט געווען צו מוזיק, האָב איך דאָס געשריבן", — האָט ער מיר אויפגעקלערט. שפּעטער האָט ער ווידער אָנגעהויבן שאַפן זיינע מאַזורקעס און וואַלצן. ער לעבט, געפינט זיך אין פּוילן.

מיין מאַן, בנימין מיענדזיזשעצקי, צוזאַמען מיט זיינע עלטערן און אַן עלף־יעריק שוועסטערל, האָבן זיך אויפגעהאַלטן אויף דעם פּראַגער פּראַוואָסלאַוונעם בית עולם אויף גראָכאָווסקע 307, ביי דעם וועכטער קאַרטאַשעוו. כדי אַריינצוקומען אין דער דאָזיקער מעלינע האָט מען צוערשט געמוזט אָנקלאַפּן אין פענצטערל פון וועכטערס שטי־בעלע און וואַרטן ביז קאַרטאַשעוו וועט עפענען דעם אייזערנעם טויער.

דאַן האָט מען געדאַרפט דורכגיין אַ שטיקל בית־עולם, אַריינגיין אין אַ קליין פאָדער־הייזל, וואָס האָט ערשט געפירט צו די באַהאַלטענע.

אין אַ פיצינקע קיכל האָבן זיך געפונען מיינע שוויגער־עלטערן מיט זייער טעכטערל. עס איז געווען דאָרטן אַזוי ענג, אַז ווען אַ פריישער מענטש איז אַריינגעקומען, האָט עמיצער פון די שטוביקע געמוזט אַרויסגיין. אַנדערש איז נישט געווען וואו זיך אַהינצוטאָן. בנימין פלעגט זיך נישט אויסבאַהאַלטן. ער האָט געהאַט נישט קיין שלעכטן אויסזען. גאַנצע טעג פלעגט ער זיין אין שטאָט, באַזאָרגן פאַר די עלטערן אַלע נויטיקע זאַכן, אָפט אונדז אַרויסהעלפן אין אונדזער הילפס־אַרבעט, אָדער גאָר זיין פאַרנומען ביי דעם קריסט קאַרטאַשעוו. דער וועכטער האָט געמאַכט פון אים זיין געהילף און צוליב דעם טאַקע האָט ער מסכים געווען צו האַלטן ביי זיך די עלטערן מיטן שוועסטערל. בנימין האָט אים געמוזט העלפן באַגראָבן מתים, באַאַרבעטן און צוהיטן די פאַרזייטע שטיקלעך ערד אויפן בית־עולם, און העלפן אויפשטעלן פרישע הילצערנע קעמערלעך פאַר דעם קריסטס הויז־באַלעבאַטישקייט.

אַזוי איז בנימין געוואָרן אין דער באַהעלטעניש אַ באַגרעבער, אַן ערד־אַרבעטער און אַ מויערער. אַלס באַלוינונג פאַר דער שווערער אַרבעט האָבן די באַלעבאַטים דערלויבט זיינע עלטערן אָפצוהיטן אין דער באַהעלטעניש אַ ביסל יידישקייט.

דער פאָטער פלעגט אָפט דאַוונען. ער האָט צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע אַרויסגעשמוגלט פון געטאָ זיין טלית, תפילין און אַפילו אַ סידור. די מוטער פלעגט פרייטיק־צונאַכט צינדן ליכט. די קריסטין האָט זיי אַפילו צוגעטיילט ספּעציעלע צוויי טעפּלעך, אויסשליסלעך צו זייער דיספּאָזיציע. זיי האָבן זיך באַמיט ביי די שווערסטע און געפערלעכסטע באַדינגונגען אָפּצוהיטן כשרות. איך פלעג אַממערסטן ליב האָבן צו קומען אין דער דאָזיקער באַהעלטעניש פרייטיק־צונאַכט. אין אַזאַ אָוונט פלעגט ביים אַריינגיין אין דער מעלינע אויף מיר אַ שלאָג טאָן אַ היימישע וואַרעמקייט. אויפן קיך־טישל איז געווען אויסגעשפּרייט אַ ווייס טישטעכל און אויף אַן איבערגעדרייט טעלערל האָבן געברענט צוויי קליינע ליכטעלעך. כאָטש דער טיש איז געווען ליידיק און דאָס פענצטערל פאַרהאַנגען און כאָטש די שרעק און פחד האָט אַרויסגעקוקט פון אַלע ווינקעלעך, האָט אָבער אין דער לופטן געשוועבט עפּעס אַ מאָדנע יום־טובדיקייט.

דער געהיימער שבת האָט מיר דערמאָנט מיין שטוב. ווי אַנדערש האָט דאָס אַלץ אַמאָל אויסגעזען! וויפל רואיקייט, ס'אַראַ יום־טובדיקע שכינה האָט דאַן אַראָפּגעשיינט פון אַלע פּנימער! ווי לעבעדיק, היימלעך, וויפל צעזונגענקייט איז געווען ארום דעם פול־געדעקטן טיש! איך האָב אין דעם אַלעמען נישט געגלייבט. אָבער ווי גוט, ווי ליב ס'איז

מיר געווען צו זען דער מאַמעס ליכט־בענטשן, צו הערן דעם טאַטן קידוש מאַכן, דעם ברודערלס זמרל...

דער שטאַרקער גלויבן האָט איצט מיינע שוויגער־עלטערן צוגע־געבן מוט, בטחון. אין די שווערסטע מאָמענטן פון זייער לעבן האָט עס זיי נישט געלאָזט זיך איינברעכן.

אַפילו זייער קליין טעכטערל, גיטעלע, פלעגט יעדן נאַכט פאַרן שלאָפן־גיין לייענען קריאת־שמע. דאָס קינד האָט מיטגעלעבט מיט דעם גלויבן פון די עלטערן.

מיינע שוויגער־עלטערן לעבן. זיי זיינען איצט אין דייטשלאַנד. גיטעלע איז אין ארץ־ישראל אין קיבוץ יגור.

די גוטע מעלינעס זיינען אויך פול געווען מיט שפּאַנונג און שרעק. אויך דאָרטן האָט געלויערט דער טויט. אָבער די צייט פון דערוואַרטונג איז דאָרטן אויסגעפילט געוואָרן מיט לערנען און אַרבעטן. די גוטע מע־לינעס זיינען געווען אַ גרויסע דערלייכטערונג אינם קאַמפּאַרפולן לעבן, זיי האָבן געשטאַרקט דעם גלויבן, אַז מ'וועט דאָך איבערלעבן דעם שונא.

## קאַפּיטל פינף און דרייסיק

# ביי יידישע פּאַרטיזאַנער

אַ קליינע גרופּע געטאָ־אויפשטענדלער האָט זיך געראַטעוועט אין די ווישקאָווער וועלדער און האָט דאָרט געלעבט ווי פּאַרטיזאַנער. די גאַנצע צייט האָבן מיר זיך באַמיט אָנצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט זיי. ענדלעך איז געלונגען איינצושטעלן אַ רעגולערע פאַרבינדונג. עס פאָרן שלוחים פון שטאָט אין וואַלד. מיר באַקומען ידיעות און בריוו. יעדע צוויי וואָכן קומט אין דער וואוינונג פון אַננא וואָנכאַלסקאַ אויף קזשיזשאַנאָווסקע 44 אַ פויערטע און ברענגט אונדז גרוסן און בריוולעך פון די פּאַרטיזאַנער. מיר ווידער שיקן דורך איר איבער קליידער, געלט און אַנדערע נויטיקע זאַכן. די דאָזיקע פויערטע וואוינט נישט ווייט פון אָרט, וואו עס האַלטן זיך אויף אונדזערע וואַלד־חברים. אין די נעכט קומען זיי צו איר אַריין, נעמען אָפּ די געשיקטע זאַכן פון וואַרשע, דערוויסן זיך נייעס פון דאָרף און בעטן אַ מאָל מ'זאָל פאַר זיי איינקויפן שפּייז. די קריסטין איז זייערס אַ פאַרטרויאונגס־מענטש, זי וואָרנט זיי פאַר דייטשישע איבערפאַלן.

אין מאַי 1944 איז מיר אויסגעקומען צוזאַמען מיט צעלעקן (צעלעמענסקי) און צוויי קריסטן: מאַרישע סאַוויצקאַ און וולאַדעק וואויטשעכאָווסקי (ביידע קריסטן האָבן אויסבאַהאַלטן יידן און ביידע האָבן אונדז אָפּט געהאָלפן אין אונדזער אַרבעט) צו זיין ביי אונדזערע יידישע פּאַרטיזאַנער אין וואַלד.

אַכט אַ זייגער אין דער פרי זיינען מיר אָנגעקומען קיין טלושטש און פון דאָרטן האָבן מיר געהאַט צו גיין עטלעכע קילאָמעטער צופוס, מיטן וואַלד. צעלעק האָט אַ ביסל געקענט דעם וועג, ער איז שוין דאָ איינמאָל געוועזן און ער איז געוואָרן אונדזער וועג־וויזער. עס איז געוועזן אַ שיינער זוניקער פרימאָרגן. שנעל האָבן מיר דורכגעשפּאַנט דאָס שטעטל און זיך געלאָזן מיט אַ ברייטן פּוילישן טראַקט. מיר זיינען געגאַנגען לענגאויס אַ געדיכטן וואַלד. אַ לייכט פרילינגס־ווינטעלע האָט געמאַכט רוישן די בלעטער. אָנגעשטרענגט האָבן מיר געקוקט צווישן די ביימער. אַ פּאַרטיזאַנער האָט אונדז געדאַרפט אָפּוואַרטן און צופירן צום אָרט.

און אַט האָט איינער פון אונדז באַמערקט אַ סילועט צווישן דיביימער. — דאָס איז זיכער אַן „אונדזעריקער" — רופט זיך אָפּ צעלעק נאָך אַ לאַנגגן איינקוקן זיך.

איך זע ווי עמיצער פון צווישן די צווייגן גיט אונדז צייכנס מיט דער האַנט אַז מיר זאָלן גיין פאַראויס. מיר קומען צו אַן אָרט, וואו דער וועג צעצווייגט זיך. מיר זוכן ווידער אונדזער געהיימען וועג־ווייזער ער זאָל אונדז געבן אַ צייכן. אָבער מ'זעט אים נישט. מיר שטייען אין אַ פאַרלעגנהייט. וואו זאָל מען גיין? פּלוצלונג הערן מיר פון דער זייט אַ רואיקן „גוט מאָרגן". מיר דרייען זיך אויס און פאַר אונדז שטייט נישט קיין אַנדערער ווי יאַנעק בילאַק. דערזעלבער בילאַק, וועל־כער פלעגט נאָך אין געטאָ, פאַרן אויפשטאַנד, אָפּנעמען פון מיר דעם געשמוגלטן אויפרייס־מאַטעריאַל. שוין איבער אַ יאָר צייט ווי איך האָב אים נישט געזען.

אַ הויכער, אַן אָפּגעברענטער, מיט אַ שמייכלדיק פּנים, אָנגעטאָן אין שוואַרצע שטיוול און גרינע הויזן, מיט אַ ביקס איבערן אַקסל, זעט ער אויס ווי אַן עכטער מיליטערמאַן.

לאַנג אַזוי שטיין און רעדן קען מען נישט. מען דאַרף וואָס שנעלער אַריין אין וואַלד, קיין פרעמד אויג זאָל אונדז נישט באַמערקן.

מיר גייען אַראָפּ פון וועג און לאָזן זיך אין דער טיפעניש פון וואַלד. אַ ריח פון פרישער סאָסנע־זאָפט נעמט אונדז אַרום. אַ טרילעריי פון פייגעלעך; אַ וועווערקע שפּרינגט פאַרביי. אַן אַנדער וועלט. עס שפּילן זיך מיט אונדז די זונען־שטראַלן, אַט באַהאַלטן זיי זיך און אַט רייסן זיי זיך דורך און פאַרבלענדן די אויגן. דער בליק וואַנדערט מיט באַוואונדערונג פון איין אָרט אויפן צווייטן און קאָן זיך פשוט נישט אָנזעטיקן מיט דער גרינער רחבותדיקייט.

— גייט אַ ביסל שטילער — מאַכט אונדז בילאַק אויפמערקזאַם.

מיר מוזן די אויגן בייגן צו דער ערד, בעסער היטן אונדזערע טריט. עס פּלאָנטערן זיך כסדר טרוקענע צווייגן און וויפל מיר באַמיען זיך נישט אויסצומיידן דאָס כסדרדיקע קנאַקן פון אונטער די פיס, הערט זיך פאָרט אַ גערויש. בילאַק באַוועגט זיך פרייער און לייכטער. ער מיידט געשיקט אויס אַלע וואַלד־שטערונגען. מען זעט גלייך, אַז ער איז אַ וואַלד־מענטש.

אַ לאַנגע צייט גייען מיר אַזוי אַן אַ וועג און אַן אַ צייכן פון אַ וואַלד־סטעזשקע.

— מ'קאָן דאָך דאָ לייכט פאַרבלאָנדזשן, — באַמערקט עמיצער הויך.

בילאַק ענטפערט שמייכלענדיק:

— זאָרגט זיך נישט. דאָס זיין לאַנג אין וואַלד האָט אונדז אויס־

געלערנט צו דערשפּירן דעם וועג מיט דער נאָז. אַפילו ביינאַכט וועל איך טרעפן.

פּלוצלונג שטעלט ער זיך אָפּ און הייבט אָן צו סווישטשן פּונקט ווי אַ פויגל. דאָס סווישטשן חזרט ער איבער עטלעכע מאָל. מיר דערהערן ווי פון דערווייטנס ענטפערט מען אָפּ מיט דעם זעלביקן סיגנאַל. די פּאַרטיזאַנער רופן זיך איבער.

אין עטלעכע מינוט אַרום צעשאַרן זיך די צווייגן און עס באַווייזן זיך צוויי ייִדן. איינער אַ נידעריקער מיט שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן, מען רופט אים יאַנעק ציגיינער. דער צווייטער אַ ביסל אַ העכערער מיט טונקל־בלאָנדע האָר, בלויע אויגן און אַן אָפּגעברענט קיילעכדיק געזיכט. „מאַציעק" — האָט ער זיך פאַר אונדז פאָרגעשטעלט.

— דער וועג איז פריי? — פרעגט בילאַק.

— יאָ, מיר קענען גיין — קומט אָן ענטפער.

מיר לאָזן זיך ווייטער אין וועג אַריין. מיר שפּאַנען אין מיטן פון אַ ברייטן וואַלד־וועג. עס איז שוין נישט ווייט פון אָרט. פּלוצלונג ווערן מיר אַלע אויפגעציטערט, עס הערט זיך אַ הויכער — האַלאָ! האַלאָ! מיר דרייען זיך אום. פון דערווייטנס, אין מיטן וועג, שטייט עמיצער און גיט אונדז צייכנס מיר זאָלן בלייבן שטיין. ער איז אַ פרעמדער, די פּאַרטיזאַנער קענען אים נישט. מיר לויפן שנעל צוריק אַריין אין וואַלד. דער פרעמדער רופט ווייטער.

— מען מוז זיך דערוויסן וואָס דאָס איז אַזוינס — רופט זיך אָפּ בילאַק.

ער לאָזט אונדז איבער מיט די צוויי פּאַרטיזאַנער און אַליין מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט גייט ער צום אומבאַקאַנטן מאַן. עס געדויערט עטלעכע מינוט, ער קומט צוריק.

דער, וואָס האָט גערופן איז אַ ייִד. ער געפינט זיך מיט נאָך צוויי ייִדן אין וואַלד. זיי זיינען אַנטלאָפן פון אַ לאַגער. שוין עטלעכע טעג ווי זיי דרייען זיך אַרום און זוכן אַ פאַרבינדונג מיט אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע. קיין עסן האָבן זיי נישט, קיין געווער אויך נישט. דער פרעמדער ייִד האָט זיך אָנגעשטויסן ווער מיר זיינען. ער בעט מען זאָל זיי אַריינעמען אין אַ פּאַרטיזאַנער גרופּע.

— איר וועט זיי איצט מיטנעמען? — פרעגט מען.

— ניין, איצט נישט, מיר וועלן זיך מיט זיי טרעפן נאָך מיטאָג און געהעריג זיך צונויפרעדן... — ענטפערט בילאַק.

מיר גייען ווייטער. די ערד אונטער די פיס ווערט וואָס אַמאָל ווייכער, די ביימער — שיטערער. עס הייבן זיך אָן זומפּן. די פּאַרטיזאַנער ציען אַראָפּ די שיך; מיר טוען זיי נאָך. מיר שפּרינגען פון איין

קופּקע מיט גראָז אויף אַ צווייטער. איטלעכע מינוט זינקט מען איין אין דער קלעפּיקער שוואַרצער מאַסע. די בלאָטע דערגייט ביז איבער די קני.

אונדזערע וואַלד־חברים זיינען געשיקטער פאַר אונדז. זיי זיינען שווין צו די דאָזיקע זומפּן צוגעוואוינט. דאָס האָבן זיי זיך אַהער ספּעציעל אַריבערגעקליבן, די דייטשן זאָל שווער זיין צו זיי צוצוקומען. „די זומפּן זיינען אונדזערע פאַרבינדעטע" — רופט זיך אָפּ אַ פּאַרטיזאַנער. ענדלעך ווערט די ערד האַרטער, ערשט איצט טרעפן מיר אָן אויפן ערשטן פּאַרטיזאַנער־פּאָסטן.

צווישן די קוסטעס שטייט אַן אומבאַקאַנטער ייִד מיט אַ ביקס. אַ שטילער היימישער „גוט מאָרגן", — און ער לאָזט אונדז דורך. אין עטלעכע מינוטן אַרום בלייבן מיר שטיין ביי אַ קליינער פּאָליאַנע, וואָס איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט וואַלד — אַ קליין אינדזל אין דער וואַלד־געדיכטעניש. ד אָ   ו ו א ו י נ ע ן   ד י   פּ אַ ר ט י ז אַ נ ע ר. גלייך ווערן מיר אַרומגערינגלט פון אַ גרופּע ייִדן. מען גריסט זיך, מען קושט זיך; מען פרעגט און מען ענטפערט. וואַלד און שטאָט האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן.

איך קוק אויף די וואַלד־מענטשן... כמעט אַלע האָבן אָפּגעברענטע פּנימער, צעשויבערטע טשופּרינעס. אייניקע טראָגן בלוזעס, אַנדערע מאַרינאַרקעס, קיין גאַנץ מלבוש זעט מען ביי קיינעם נישט. דער גרעסטער טייל האָט אויף זיך לעדערנע פּאַסן, פון דער זייט סטאַרטשן אַרויס רעוואָלווערן. אייניקע טראָגן ביקסן אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסל.

צווישן דער וואַלד־גרופּע באַמערק איך בלויז דריי פרויען. אין זייער אָנטאָן אונטערשיידן זיי זיך גאָרנישט פון די מענער. אויך אין הויזן און אויך מיט געווער.

אַן אויפהער שיטן זיך פראַגן וועגן קריג, וועגן דער שטאָט און וועגן באַקאַנטע חברים. אַ שטראָם פון רייד, וועלכן קיינער טראַכט אַפילו נישט צו צוימען.

אַ גאַר וואַרעמע און האַרציקע באַגעגעניש האָב איך מיט מיינע צוויי אַלטע שול־חברים: גבריאל פרישדאָרף און זיין פרוי חנה קרישטאַל. מיר האָבן זיך צוזאַמען דערצויגן אויף איין שילער־קרייז אין דער סאָציאַליסטישער קינדער־אָרגאַניזאַציע — „סקיף", שפּעטער אין דער „צוקונפט". ביידע האָבן געהערט אין געטאָ צו דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. אויף גבריאלס געזיכט ליגט די זעלביקע אַנטשלאָסענע רואיקייט, וואָס איז געווען זייער גוט באַקאַנט אין געטאָ, וואו ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין העלדישקייט.

איינמאָל, בעת אַן אַקציע, האָבן די דייטשישע ווערק־שוץ־אַרבעטער פון דעם סטאָליאַר־שאָפּ האַלמאַן, געכאַפּט דריי מיטגלידער פון דער

קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און אַרעסטירט. ביינאַכט האָט אַ גרופּע פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון רעדיכס שאַפּ אונטער דער אָנפירונג פון גבריאל פרישדאָרף אָרגאַניזירט אַן איבערפאַל אויף דער וואַך. אַ דאַנק דער גוטער אָרגאַניזאַציע און פּלאַנמעסיקער צוגרייטונג, איז דאַן גבריאלס גרופּע געלונגען צו אַנטוואָפענען די דייטשישע וואַך און באַפרייען די דריי קאַמפּס־חברים.

יעדע האַנדלונג זיינע, בעת אַן אָנפאַרטרויטער אַקציע פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, איז געווען אויסגעערכנט און דורכגעטראַכט און פול מיט פּערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אויך דאָ אין דער וואַלד־גרופּע רופט ער אַרויס צו זיך אַכטונג.

די פּאַרטיזאַנער־גרופּע ציילט ביי אַ פופצן פּערזאָן. עס געפינען זיך צווישן זיי צוויי דאָקטוירים, אַן אַנטלאָפענער ייד פון טרעבלינקע, עטלעכע יידן פון קלענערע שטעטלעך און אויפשטענדלער פון וואַרשע־ווער געטאָ. די גרופּע איז פריער געווען אַ גרעסערע, געהאַט מער מענטשן. צוליב די כסדרדיקע איבערפאַלן מצד די דייטשן ווערט זי אָבער אַלץ מער און מער איינגעשרומפּן.

מ׳פירט אונדז אַרום איבערן ליידיקן פעלד. אין ערגעץ זע איך נישט קיין סימן פון עפּעס אַן איינריכטונג. אַ ביסל אין אַ זייט באַמערק איך צווישן דיביימער אַ קלייןביידל געפלאָכטן פון צווייגן און בלעטער. מיר גייען צו. אינעווייניק ליגן עטלעכע ברעטלעך, אַ האַק, אַ האַמער און אַנדערע קלייניקייטן.

— דאָ האַלט מען דאָס עסנוואַרג, עס זאָל בעת אַ רעגן נישט דורכ־געווייקט ווערן — באַמערקט איינער פון די מיטגייער.

ניט ווייט פון דאָרטן געפינט זיך די פעלד־קיך. אַ שמאָלע גרוב, אַרומגערינגלט מיט עטלעכע שטיינער. פון איין זייט לייגט מען אונטער טרוקענע צווייגן, פון דער אַנדערער זייט איז אַן עפענונג פאַר דעם רויך. אַ ביסל מער אין דער זייט זע איך אַ פּירקאַנטיקע גרוב אָנגעפילט מיט געל וואַסער — דאָס איז דער ברונעם...

— און דאָס איז אייער גאַנצע ווירטשאַפט? — פרעגן מיר, שטאַטישע, פאַרוואונדערט.

— יאָ, מיר אָרדענען זיך ספּעציעל בעסער נישט איין, כדי עס זאָל לייכטער זיין, אין פאַל פון אַ געפאַר, אַלץ צו פאַרניכטן און עס זאָלן נישט בלייבן קיין שום סימנים.

— און וואו שלאָפט איר?

— דאָ אויף דער ערד — קומט אַן ענטפער.

— און אַז עס רעגנט?

— ווערט מען דורכגענעצט ביזן ביין און מען וואַרט, אַז די זון זאָל אויסטריקענען.

אונדזער געשפּרעך ווערט איבערגעריסן, חברה גרייט זיך צום עסן. אין מיטן פלאַץ ווערט אַנידערגעשטעלט אַ פּאַרעדיקער קעסל מיט זופּ. יעדער האָלט שוין אין האַנט אַ מענאַשקע, אַ לעפל, וואָס מען האָט אַרויסגעשלעפּט פון די כאָלעוועס פון די שטיוול. מען עסט געשמאַק. חברה וויצלט זיך און שטיפּט. עס איז פריילעך.

— איר, שטאָטישע, מיינט נאָר נישט, אַז שטענדיק איז דאָ אַזאַ עסן, אַזאַ זופּ — זאָגט איינער. — מערסטנטייל לעבט מען מיט טרוקנס. איין טאָג איז דאָ צו עסן, די אַנדערע הונגערט מען אונטער.

יאָ, פון דער הייטערער שטימונג, פון דעם שיינעם אַרום, פון דעם געשמאַקן עסן, וואָלט מען גאָרנישט געקענט אורטיילן, אַז דאָס פּאַרטיזאַנער־לעבן איז פול מיט געפאַרן, אַז דער טויט לויערט דאָ פון הינטער יעדן בוים.

די פּאָליאַנע ווערט כסדר געהיט, יעדע עטלעכע שעה ענדערט מען די וואַך. בייטאָג און ביינאַכט איז מען גרייט אויפצונעמען אַ דייטשישן איבערפאַל. שוין עטלעכע מאָל ווי די גרופּע האָט געמוזט, צוליב די דייטשן, אַנטלויפן פון דעם אָרט און אַוועקוואַנדערן עטלעכע קילאָמעטער ווייטער. ווי נאָר עס פלעגט זיך באַרואיקן פלעגן זיי זיך אומקערן אויף דער פּאָליאַנע. דאָ קענען זיי שוין די פויערים, דאָ איז דער וואַלד־וועכטער זייערער אַ מענטש, דאָ האָבן זיי שוין געוויסע פאַרבינדונגען מיטן פוילישן אונטערערד. לעצטנס איז אָבער אין דער געגנט געוואָרן זייער אומרואיק. אין די שכנותדיקע וועלדער האָט זיך באַוויזן אַ פּויליש־אוקראַינישע פּאַרטיזאַנער גרופּע. די דאָזיקע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך געהאַלטן הפקרדיק. זיי האָבן אָנגעהויבן איבערפאַלן און באַרויבן דערפער, פאַרגוואַלדיקן פרויען. די פויערים האָבן זיך נישט פונאַנדערגעקליבן, ווער עס מאַכט די אָנפאַלן. זיי האָבן צוליב דעם געענדערט די באַציאונג צו די יידישע פּאַרטיזאַנער און דאָס האָט פאַרערגערט די לאַגע פון אונדזער גרופּע.

מיר זעצן זיך אַנידער אויף דער ערד מיט אַ גרופּע וואַלד־חברים און ווידער הייבן זיך אָן צו שיטן פראַגן. דאָס מאָל זיינען שוין די ענטפערס אויספירלעכע און פאַרשטענדלעכע.

— איז ווי אַזוי גיט איר זיך אַן עצה ווינטער־צייט? — פרעגט איינער פון אונדז, וואַרשעווער.

די פּאַרטיזאַנער זיינען דאָ געוועזן דעם לעצטן ווינטער. ווען עס האָבן זיך נאָר אָנגעהויבן די קאַלטע וועטערן האָבן זיי זיך געמאַכט עטלעכע „זשעמליאַנקעס" — וואוינונגען אין דער ערד, גרויסע פאַר־מאַסקירטע גריבער, וואו זיי פלעגן שלאָפן און האַלטן זייערע זאַכן. דאָרטן, אין דער ערד איז געווען וואַרעמער, דאָרטן זיינען די פיס אַזוי נישט פאַרשטייפט געוואָרן ווי אין דרויסן. די דייטשן האָבן אָבער אויס־

געשפּירט די „זשעמליאנקעס", אומגעריכט איבערגעפאַלן זיי און ביי אַ צענדליק חברים זיינען אומגעקומען. די איבעריקע האָבן געמוזט אַוועק פון אָרט. אין די גרעסטע קעלטן איז נישט געווען וואו זיך אַנצואוואַרע־מען. מען האָט זיך נישט געקענט וואַשן, איבערטאָן זיך. אַלץ פלעגט גלייך פאַרפרוירן ווערן; מען איז פאַרקראָכן געוואָרן מיט לייז, און דאָס האָט נאָך מער פאַרסמט דאָס לעבן. ווי שאָטנס זיינען די פּאַרטי־זאַנער אַרומגעקראָכן אין וואַלד, געזוכט טיפערע געדיכטענישן, וואָס זאָלן זיי כאָטש באַשיצן פון ווינט. אַזוי האָבן זיי זיך געמאַטערט אין פראָסטיקן ווינטער, וואָס האָט פאַר זיי אויסגעזעען אומענדלעך.

די גרעסטע פּלאָג אָבער זיינען די דייטשישע איבערפאַלן. זיי קומען פאַר אי ווינטער אי זומער, שטענדיק קען מען זיך אויף זיי ריכטן. באַוויזט מען באַצייטנס זיך צו דערוויסן, אַז דייטשן זיינען אַראָפּגעקומען, טראָגט מען זיך גלייך איבער אין אַן אַנדער געגנט. קוים אָבער וואָרענען נישט די פּויערים און די דייטשן רינגלען פּלוצלונג אַרום די פּאָליאַנע, איז גאָר געפערלעך. אויפנעמען אַן אָפענעם קאַמף מיט די דייטשן האָט נישט קיין זין. די יידישע פּאַרטיזאַנער זיינען אַ קליינינקע גרופּע, שוואַך באַוואָפנט און עס וואָלט געהייסן אויסשטעלן זיך אויף אַ זיכערן טויט. בלייבט בלויז איין וועג — אַנטלויפן. מען לויפט פון דעם אָרט, פון וואַנען עס הערט זיך די גרעסטע שיסעריי. מען לויפט וואו די אויגן טראָגן. געלינגט דורכצורייסן זיך די דייטשישע קייט, בלייבט מען לעבן, ווען נישט — קומט מען אום.

אין די רואיקע מאָמענטן פירט די גרופּע דורך פאַרשיידענע סאַבאָ־טאַזש־אַקטן. מען צינדט אונטער דייטשישע מאַיאָנטקעס, מען צעשטערט טעלעגראַף־סלופּעס, מען באַפאַלט דייטשישע וואַך־פּאָסטנס — מען שטערט דעם שונא, ווי ווייט מען קען נאָר.

איצט איז די ריי אויף אונדז, שטאָטישע צו דערציילן. מיר גיבן זיי אין קורצן איבער וועגן אונדזער אַרבעט, אונדזערע שוועריקייטן און אונדזערע דורכפאַלן.

— עס איז אונדז ביידע גוט אין ד'רערד — באַמערקט הויך אַ פּאַרטיזאַנער.

דערווייל זעצט זיך די זון. דער שמועס ווערט איבערגעריסן. מען פאַרטראַכט זיך, עמיצער פון דער גרופּע הייבט אָן ברומען אַ לידל, אייניקע כאַפּן אונטער און עס צעגיסט זיך איבערן וואַלד אַ האַרציקער, אומעטיקער ניגון:

איך בענק צוריק אַ היים,
אין שטעטעלע אין דעם,
וואו ס'האָט געלעבט זיך
רואיק און באַקוועם...

מען זינגט וועגן אַ היים און דאָ איז נישטאָ קיין שטיקל דאַך איבערן קאָפּ, מען איז אויסגעשטעלט אויף ווינט, קעלט און שטורעם. ווי וויט איז איצט דאָס שטעטעלע, די שטוב? עס איז אַ טרוים אַזאַ, אַ חלום, אין וועלכן מען וויל זיך אַליין פאַרגעסן.

ביז טיף אין אָוונט אַריין האָבן מיר געזונגען. אין היימישע אַלטע לידער איז אַריינגעוועבט געוואָרן אונדזער פּיין, אונדזער שטילער טרויער און די טיפע נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָכן נעכטן, וואָס וועט שוין קיינמאָל, קיינמאָל נישט צוריקקומען.

ווען עס איז שוין געוואָרן גענוג טונקל, האָבן זיך חברה גענומען גרייטן צום שלאָפן־גיין. יעדער האָט זיך גענומען זיינס אַ שטיקל קאַץ, עפּעס אַ צודעק און אָוועקגעגאַנגען אין אַ זייט. קיינער האָט זיך נישט אויסגעטאָן. מען האָט בלויז לויזער געמאַכט די שיך, די קליידער און אין אָנטועכץ, מיט דעם געווער ביי דער זייט, זיך אַנידערגעלייגט אויף דער ערד. באַלד האָט זיך דערהערט אַ כראָפּן פון די שלאָפנדיקע.

איך בין געלעגן אויף דער ערד און נישט געקענט איינשלאָפן. דאָס זשומען פון וואַלד, דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס און דער סווישטש, פון צייט צו צייט, פון אַ פויגל, זיינען אין מיינע אויערן אויסגעוואַקסן צו ווילדע קולות. פון וואַנען קען די וואַך אונטערשיידן און אויפכאַפּן פרעמדע טריט, אַז אַרום איז אַזאַ טומל? דאָס רואיקע אַרומגיין פון דעם וואַך־פּאָסטן האָט אַ ביסל געשטילט מיין אומרו. זייערע אויערן זיינען אָפּנים צוגעוואוינט צו דעם שטילן וואַלד־גערויש, זיי אונטערשיידן זיכער יעטוועדן נייעם קלאַנג.

עס הייבט אָן טאָגן. מיר, די געסט מוזן זיך איילן. נאָך איידער מיר האָבן באַוויזן צו ברענגען זיך אַ ביסל אין אָרדענונג, איז שוין די גאַנצע פּאַרטיזאַנער־גרופּע געווען אויף די פיס. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן זעגענען, אַ וואַרעמער האַנט־דרוק, עטלעכע האַרציקע ווערטער און מיר זיינען גרייט. פון אַלעמענס אויגן לייענט מען אַראָפּ איין און דעמזעלביקן געדאַנק:

— ווער ווייסט, צי מיר וועלן זיך נאָך אַ מאָל זען?!...

צוזאַמען מיטן „שוואַרצן יאַנעקן", באַך וועלכן מיר זיינען געקומען, האָבן מיר זיך צוריקגעלאָזן אין שטאָט אַריין.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך זיך דערוואוסט, אַז גבריאל פרישדאָרף, איינער פון די פּאַרטיזאַנער, מיט וועמען איך האָב זיך נאָר וואָס אין וואַלד האַרציק געזעגנט, איז אומגעקומען אין וואַלד בעת אַן איבערפאַל פון די דייטשישע הענקער.

שווער געווען מיר זיך צוצוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז גבריאל איז טויט. ערשט נישט לאַנג, ווי מיר האָבן זיך געזען אין וואַלד און — שוין איז ער נישטאָ!... עס איז פאַר מיינע אויגן אָפּט אויפגעשוואומען: זיין

הויך געשטאַלט, דאָס שיינע קלוגע געזיכט און דער טיפער ערנסט פון זיינע אויגן. ס'אַראַ רואיקע זיכערקייט ס'האָט געשטראַלט פון אים, ס'אַראַ אָפענער קלוגער בליק אויף אַלץ, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט! ס'איז נישט געווען קיין מינדסטע זאַך אין וואַלד־לעבן, אַז מען זאָל זיך מיט גאַברישן זיך נישט באַראַטן. זיינס אַ דערקלערונג, זיין עצה, זיין וואָרט פלעגט זיין אַנטשיידנדיק. עס דערמאָנען זיך מיר עטלעכע זאַצן פון אַ שמועס, וואָס כ'האָב מיט אים געהאַט זייענדיק אין וואַלד. מיר האָבן זיך פונאַנדערגערעדט וועגן דער האַלטונג פון די חברים, וועגן קליינע עולות, וועגן אַרומרייסענישן, וואָס טרעפן זיך אין טאָג־טעגלעכן וואַלד־לעבן. גאַבריש האָט אין מיטן שמועס זיך אָפּגערופן:

— ווייסט, מיר דאַרפן אויף די אַלע זאַכן זיך נישט אָפּשטעלן, דאָס איז אַלץ אַ רעזולטאַט פון אונדזער געפּלאָגטן לעבן; זאָל מען נאָר איבערלעבן און אַלץ וועט זיכער צוריק גוט ווערן...

גאַבריש האָט שטענדיק געזען פאַר זיך די עצם זאַך, שטענדיק געזוכט די סיבה און געפּרואווט פאַרענטפערן, פאַרטיידיקן זיינע חברים. געווען ביי אים אַ טיף־מענטשלעכע פאַרשטענדעניש פאַר יענעמס טראַכטן און האַנדלונגען און דאָס האָט אים אין די שווערסטע מאָמענטן דערהויבן איבער דעם אָפּגרונט פון שלעכטס.

ווידער איז פון אונדז אַוועק אַן ערלעכער, אַ קלוגער איבערגעגעבע־נער סאָציאַליסט און אַ האַרציקער חבר!! זיין פרוי חנה מיט זייער זונעלע, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין קורצן נאָך גאַברישעס אומקום — לעבן און געפינען זיך היינט אין שוועדן.

פון די ווישקאָווער וועלדער האָבן אָנגעהויבן אָנקומען וואָס אַ מאָל אַלץ ערגערע ידיעות. די דייטשישע אַבלאַוועס האָבן זיך כסדר פאַר־שטאַרקט, דאָס צוזאַמענלעבן מיט די פּוילישע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס האָט זיך פאַרערגערט. דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט האָט זיך דעריבער באַמיט וואָס מער יידישע פּאַרטיזאַנער איינצואָרדענען אין שטאָט אויף מעלינעס.

אַ טייל פון דער גרופּע איז אָבער פאַרבליבן אין וואַלד ביז דער באַפרייאונג.

קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

# פאַלשע דאָקומענטן און נייע באַהעלטענישן

וואָס לענגער עס האָט זיך פאַרצויגן די מלחמה, וואָס גרעסערע קלעפּ אונדזערע גרויזאַמע פייניקער האָבן באַקומען אויף די פראָנטן, אַלץ שטאַרקער האָט געבושעוועט דער טעראָר אויף דער אַרישער זייט און אַלץ טראַגישער איז געוואָרן די לאַגע פון קליינעם ביסל פאַרבליבענע יידן.

דייטשן פלעגן אָפּט אָפּשליסן גאַסן, פוילישע הייזער, אַריינרייסן זיך אין די וואוינונגען, דורכפירן רעוויזיעס און אַרויספירן טויזנטער קריסטן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט אָדער גאָר אין „פּאַוויאַק" צום דערשיסן.

דאָס ווילדעווען פון די דייטשן האָט אָנגעוואָרפן אַ גוואַלדיקע פּאַניק אויף דער פוילישער באַפעלקערונג. פיל שטאַרקער איז אָבער געווען די שרעק צווישן די יידן, וועלכע זיינען געלעגן פאַרשטעקט אין קריסטלעכע וואוינונגען און האָבן בעת אַ געפאַר נישט געהאַט קיין אָרט וואו זיך צו באַהאַלטן.

עס איז שוין ווייט נישט גענוג געווען די בלויזע געלט־שטיצע פון אונדזערע הילף־קאַסעס און דאָס שאַפן פרישע מעלינעס. דער קאָאָר־דיניר־קאָמיטעט האָט געמוזט שאַפן נאָך אַנדערע מיטלען, ווי אַזוי צו פאַרהיטן די רעשטלעך איבערגעבליבענע יידן פון אומקום.

איך וועל זיך אָפּשטעלן אויף צוויי אַזעלכע מיטלען, וועלכע האָבן אין יענער צייט געשפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָל. דאָס איז געווען: באַזאָרגן יידן מיט פאַלשע פוילישע דאָקומענטן און בויען פאַר זיי באַ־העלטענישן.

בעת די כסדרדיקע דייטשישע כאַפּערייען און גאַסן־קאָנטראָלן האָט יעדער פּאָליאַק געמוזט האָבן ביי זיך דעם פּאַס און די אַרבעטס־קאַרטע אין אָרדענונג און שטענדיק זיין גרייט זיי צו ווייזן.

דער יידישער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט האָט מיט דער גרעסטער

מסירת־נפש אויך אָנגעהויבן באַזאָרגן יידן מיט די נויטיקע פאַלשע דאָקומענטן. טאָמער קומט אָ צופעליקע רעוויזיע, טאָמער מוזן יידן פאַרלאָזן זייערע מעלינעס און אַרויס אין גאַס, זאָלן זיי האָבן מיט וואָס אויסצולעגיטימירן זיך.

אויף אָט דעם געביט פון אַרבעט האָט זייער פיל אַרויסגעהאָלפן דער געהיימער פּוילישער הילפס־ראַט פאַר יידן. דער דאָזיקער ראַט האָט געהאַט זיינע געהיימע פאַבריקלעך און זיינע פאַרטרוילעכע מענטשן, דאָס. אַלע אַנדערע זאַכן, ווי דער נאָמען, געבורטס־אָרט און פּאַך דייטשישע אונטערשריפטן. צו די דייטשישע דאָקומענטן זיינען נויטיק געווען נאָר די פאָטאָגראַפיעס פון די מענטשן פאַר וועמען מען מאַכט דאָס. אַלע אַנדערע זאַכן, ווי דער נאָמען, געבורטס־אָרט און פּאַך זיינען געווען אויסגעטראַכט אָדער אָנגעשריבן לויטן פאַרלאַנג פון די, וואָס האָבן זיך אין דעם גענויטיקט. מאַכן אַ פאָטאָגראַפיע פאַר אַ שלעכט־אויסזעענדיקן יידן, איז געווען אַ גאַנצע פּראָבלעם. ריזיקירן און גיין צו אַ פאָטאָגראַפיסט האָט מען נישט געטאָרט — מען קען דערקענען. ברענגען ווידער אַ פאָטאָגראַפיסט אין אַ באַהעלטעניש האָט מען גע־דאַרפט אָנטרעפן אויף אַ פאַרטרוילעכן, זיכערן מענטש, וואָס זאָל קענען האַלטן אַ סוד...

גאַנץ צופעליק האָט זיך מיר איינגעגעבן צו געפינען אַזאַ איינעם. אין אַ פאָטאָגראַפישן אַנשטאַלט ראָג זשעלאַזנע און זלאָטע האָט מען מיך באַקענט מיט אַן אַרבעטערין, וואָס איז זייער ענלעך געווען צו אַ יידין. איך האָב זיך גענומען נאָכפרעגן וועגן דער פרוי און מיין השערה האָט זיך באַשטעטיקט. זי איז געווען אַ געשמדט יידיש מיידל. פאַר אַ גרעסערן געלט־אָפּצאָל פלעגט זי מיט מיר מיטפאָרן אין די באַהעלטענישן, מאַכן פאָטאָגראַפיעס און אַליין זיי אויספאַרטיקן. זי איז געווען אַ פאַרטרוילעכע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטערין.

מיר, די קוריערן, פלעגן ביי די יידן צונויפזאַמלען די פאָטאָגראַ־פיעס, אויסשרייבן געגוי אַלע נויטיקע רובריקן, אַוועקגעבן דעם טוער, וואָס האָט געהאַט די פאַרבינדונג מיט די מענטשן, וואָס אַרבעטן אין די געהיימע פאַבריקלעך. ח' „העגריק" (ס. פישגרונט) האָט אינקע שוויי־גער און מיך פאַרבונדן מיט אַזאַ געהיימען אַדרעס.

אויף מאַקאָטאַאָוסקע 31, אין אַ לעצט צימערל, האָט געוואוינט „פּאַן יוליאַן", אַ פאַרשטעלטער ייד. צוויי מאָל אין דער וואָך, אין באַ־שטימטע שעה'ן, פלעג איך צו אים גיין מיט אַ פּעקעלע פאָטאָגראַפיעס און דאָקומענטן. אין קאָרידאָר פון זיין וואוינונג פלעג איך אָפּט באַגע־גענען אייך און די זעלבע געזיכטער. כאָטש מען האָט צו זיך נישט גערעדט און אַפילו זיך נישט באַגריסט, האָט מען אָבער גוט געוואוסט,

נאָך וואָס יעדער איינער קומט אַהער. דאָ איז געווען דער פּונקט פון ברענגען פּאַפּירן און צוריקקריגן פּאַרטיקע, פאַלשע דאָקומענטן. די שמועסן מיטן „פּאַן יוליאַן" זיינען געווען קורצע און זאַכלעכע. דאָ דאַרף מען אויף איין דאָקומענט ענדערן דאָס געבורטס־אָרט, אַ צווייטן דאָקו־מענט דאַרף מען אָפּשטעמפּלען, אויף אַן אַרבעטס־קאַרטע דאַרף מען פאַרלענגערן די דאַטע פון גילטיקייט אָדער גאָר מאַכן פרישע „קען־קאַרטעס". שווייגנדיק פלעגט „פּאַן יוליאַן" אַרויסשלעפּן פון הינטערן קאַפּל־איוון אַ פּעקעלע, עס איבערקוקן, צי עס געהערט צו מיר און עס מיר דערלאַנגען. שנעל פלעג איך עס ערגעץ ביי זיך באַהאַלטן. אַלץ איז געטאָן געוואָרן איילִיק און מערסטנטייל שווייגנדיק.

דאָס טראָגן ביי זיך די פּעקלעך דאָקומענטן איז אין די דאָזיקע אומרואיקע צייטן, ווען מען האָט אויף יעדן שריט און טריט קאָנטראָ־לירט, געווען זייער געפערלעך. נישט איינמאָל פלעגט מען מוזן אין מיטן וועג אַראָפּשפּרינגען פון טראַמוואַי, באַהאַלטן זיך אין הייזער אָדער אַפילו קלאַפּן אין פרעמדע טירן. דאָך האָט מען זיך באמת צו זיין שטענדיק פּינקטלעך צו דער אָפּגערעדטער צייט אויף מאַקאַטאָווסקע 31. ביז — איינמאָל האָט מיך די באַלעבאָסטע נישט אַריינגעלאָזט אין שטוב. מיט אַ נערוועזע שטים האָט זי מיר מודיע געווען, אַז דער „פּאַן יוליאַן" איז אַרעסטירט געוואָרן און אַז אַגענטן זיינען שוין ביי איר עטלעכע מאָל געווען. כ׳בין צוריק אַוועק מיט מיין פּעקעלע פּאַפּירן. דאָס געהיימניספולע גיין אויף מאַקאַטאָווסקע האָט אויפגעהערט. פּאַן יוליאַן איז אומגעקומען. ס׳איז אַדורך אַ צייט און ווידער האָט אונדז „הענריק" מודיע געווען וועגן אַ פרישן אָרט, וואו מען דאַרף גיין דערליידיקן די דאָקומענטן.

אָט אַזוי שטיל־געהיים, אויסגעשטעלט בסדר אויף דורכפאַלן, האָט דער קאָאָרדינירן־קאָמיטעט באַזאָרגט צו יעדן איינעם, וואָס האָט זיך נאָר צו אונדז געווענדעט, די נויטיקע פּאַפּירן. כדי אָנוויזן ווי וויכטיק זיי זיינען געווען, וויל איך בלויז זיך אָפּשטעלן אויף איין פאַל, וואָס אַזוינע זיינען געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג.

אין אַ געוויסן אָוונט האָב איך געדאַרפט איבערפירן דעם יידן זאַם פון קראָכמאַלנע גאַס אין אַ מעלינע אַזש אויף ברודנאָווסקע. מיר האָבן געוואָרט עס זאָל שטאַרק טונקל ווערן, ווייל זאַם האָט געהאַט אַ יידישלעכן אויסזען און די פינצטערניש איז נויטיק געווען, זי זאָל פאַרשטעלן זיין געזיכט. דער וועג איז געווען אַ ווייטער און מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן מיטן טראַמוואַי. גלייך נאָכן אַראָפּגיין פון טראַמוואַי האָבן מיר זיך גענומען פאַרקערעווען אויף דער נויטיקער גאַס. מיר האָבן ספּעציעל אויסגעקליבן דעם ווייניק באַלויכטענעם טראָטואַר און שנעל געאיילט צום הויז. פּלוצלונג האָט אונדז אָפּגעשטעלט איינע פון די פיל דייט־

שישע „פּאַטרולקעס", וועלכע פּלעגן זיך אָפט דרייען איבער די וואַר־שעווער גאַסן. צוליב דער פינצטערניש האָבן מיר פון דער ווייטנס זיי נישט געזען.

— דאָקומענטן ווייזן!

מיר האָבן ביידע אויפגעציטערט. מיין פריינד האָט אַ פאַלשע „קען־קאַרטע" און אַ יידיש פּנים און אויך מיינע פּאַפּירן זיינען נישט אינגאַנצן קיין ראַיעלע. נישטאָ אָבער וואָס צו טראַכטן. מיר האָבן ביידע שווייגנדיק אַרויסגעצויגן אונדזערע דאָקומענטן און געוויזן. ביים שיין פון אַן עלעקטריש לעמפּל האָבן זיי נאָכגעקוקט די קאַרטן, געוואָרפן אַ ביסל ליכט אויף אונדזערע פּנימער און די קאָנטראָל איז געענדיקט. מען גיט אונדז צוריק די פּאַפּירן און מ'הייסט גיין. אַלץ איז אַדורך אין אָרדענונג.

ווען די דייטשן וואָלטן נאָר לויטן פּנים און פּאַפּירן געדאַרפן דערקענען יידן, וואָלט איך דאָך פריי געקענט גיין אויף דער גאַס — האָט זיך אַ צעפרידענער געוויצלט זאַם.

יאָ, פאַר די צופעליקע גאַסן־קאָנטראָלן זיינען אונדזערע פּאַפּירן געווען אויסגעצייכנט. הונדערטער יידן האָבן די פאַלשע דאָקומענטן אַרויסגעהאָלפן אין די געפערלעכסטע סיטואַציעס.

די צווייטע וויכטיקע הילפס־אַרבעט אין יענער צייט איז ווי, כ'האָב שוין באַמערקט, געווען דאָס בויען באַהעלטענישן אין די קריסטלעכע וואוינונגען, וואו יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. אין פאַל פון אַן אומגע־ריכטן דייטשישן איבערפאַל אָדער טאָמער ס'פאַלט אַן אויג פון נייגיריקע שכנים אָדער „שמאַלצאָווניקעס", זאָל דער פאַרפאָלגטער ייד האָבן אַן אָרט, וואו זיך צו פאַרשטעקן. אין אַ גאַנצע ריי קריסטלעכע וואוינונגען האָט זיך אָנגעהויבן אַ געהיים פאַרזיכטיק בויען באַהעלטענישן.

אויף פּרוזשנע 14, ביים קריסטלעכן שניידער ראַגאַזשינסקי, האָבן זיך אויפגעהאַלטן די צוויי יידן נאַטקע און מיעטעק. ביידע האָבן דאָרט געאַרבעט ביי שניידעריי. דער קריסט יאַבלאָנסקי, דער וועכטער פון יענעם הויז, האָט צוויי וואָכן צייט געטראָגן פאַרבאַהאַלטענערהייט אין דער וואוינונג אַריין ציגל, זאַמד און קאַלך. ווען אַלע צוגרייטונגען צום בויען זיינען שוין געווען פאַרטיק, האָט ער, צוזאַמען מיטן באַלעבאָס פון דער דירה און מיט די צוויי יידן, אין משך פון צוויי טעג אויפגעשטעלט פון ציגל אַ טאָפּלטע וואַנט. דער אַריינגאַנג אין דער באַהעלטעניש איז געווען פון אַ קעמערל, וואָס האָט זיך געפונען אין קאָרידאָר. אַלץ איז געווען אַזוי גלאַטיק און קונציק אויסגעפאַרטיקט, אַז נישט נאָר אַ גע־ווינלעך אויג האָט גאָרנישט געקענט פאַרדעכטיקן, נאָר אַפילו ווען אין דער וואוינונג איז צוליב אַ מסירה אַרויפגעקומען געשטאַפּאָ, דורכגע־פירט אַ גרינטלעכע רעוויזיע, געזוכט און גענישטערט אין יעדן ווינקעלע,

האָבן זיי אָבער די באַהעלטעניש נישט אויפגעדעקט.ביידע יידן זיינען געבליבן לעבן.

אַן ענלעכע באַהעלטעניש, וואָס האָט געקאָסט אַ סך מי, אַרבעט און געלט, איז געמאַכט געוואָרן אין דער פרישער דירה, וואָס איז געקויפט געוואָרן דורך „מארישען"-פיינמעסער. אויך דאָרטן האָט מען אויפגעשטעלט אַ טאָפּלטע וואַנט. ביים מויערן די וואַנט האָבן געאַרבעט: „באַלעק" (חיים עלענבויגן), דער קריסט וואַיטשעכאָווסקי און „קאַזשיק" (ראָטהייזער). דער אַריינגאַנג אין דער באַהעלטעניש איז דאָרטן געמאַכט געוואָרן דורך אַ ווענטל פון אַ שאַפע, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ שכנותדיקן צימער. אין דער דאָזיקער וואוינונג האָבן זיך אויפגעהאַלטן, צביה לובעטקין, „אַנטעק" (יצחק צוקערמאַן), מארעק עדעלמאַן, רבקה ראָזענשטיין, בערנאַרד גאָלדשטיין און „קרישע".

אַ זייער קליינע באַהעלטעניש האָט געמאַכט „יורעק" (יעזשי איגראַ), אונדזער אַ פרישער מיטאַרבעטער.

אין אַ קריסטלעכער דירה אויף קראַכמאַלנע 36, האָט זיך אויפגעהאַלטן די פרוי פראַנקע זלאָטאָווסקא. „יורעק" האָט אין אַ קליינטשיקן טואַלעט אָוועקגעשטעלט אַ הילצערן ווענטל מיט אַ גוט פאַרמאַסקירטע טירל. דאָס ווענטל איז געוואָרן אָפּגעפאַרבט און באַהאַנגען מיט אַלטע צעבראָכענע באַרשטן און שיסלען. פרוי זלאָטאָווסקא לעבט און געפינט זיך היינט אין בריסל.

אַ גאַר מערקווירדיקע באַהעלטעניש איז געווען ביים קריסט דאָנקעוויטש, וואָס האָט געוואוינט אין פּרושקאָוו. דאָרט האָט זיך אויסבאַהאַלטן די פרוי צוקער. די באַהעלטעניש האָט דער גוי געמאַכט אין אַ קאַפּלענעם אויוון. דער אויוון איז געווען אַ נידעריקער, אינעווייניק איז ער געוואָרן אויסגעהוילט, אַריינקריכן האָט מען געדאַרפט פון דער הויך; אַ בלעכערנע דעק האָט פאַרמאַכט די עפענונג.

אין יענעם הויז פלעגן אָפט פּאַרקומען רעוויזיעס. דער אויוון האָט טאַקע אויסגעהיטן די פרוי צוקער פון אומקום. זי לעבט און געפינט זיך אין פּוילן.

באַהעלטענישן זיינען אויך געמאַכט געוואָרן ביים קריסט וואָיטשעכאָווסקי אויף זשעלאַזנע, ביי דער קריסטן וויסאָצקא אויף שעגנע 33, אויף אָקענטשע און נאָך אין אַ סך אַנדערע דירות.

דאָס בויען פון יעדער אַזאַ מין באַהאַלטעניש איז געווען פאַרבונדן מיט אַ סך געלט, מיט פיל אַרבעט, מיט שטאַרקער שרעק, אָבער קודם כל מיט אַ גרויסער ריזיקע.

אויף אָרלע 6, ווי איך האָב שוין דערמאָנט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, האָבן זיך איבערגעצויגן און אויסבאַהאַלטן די פרוי מערמלשטיין מיט איר זון און גוטקע העכטמאַן. איך פלעג דאָרטן זיין די פאַר-

בינדערין. ווען דער דייטשישער טערור האָט זיך פאַרשטאַרקט, האָט די קריסטין גרוזעל אָנגעהויבן מיך בעטן איך זאָל פון איר צונעמען די יידן. עס זאָגט זיך זייער לייכט „צונעמען", אָבער וואוהין? וואו געפינט מען אין דער דאָזיקער צייט אַן אָרט אַזש פאַר דריי מענטשן? מיר האָבן געוואָלט העכערן דעם מאַנאַטלעכן געצאָלט, עס האָט נישט געהאָלפן. די באַלעבאָסטע האָט מורא געהאַט, אַז בעת אַ בלאָקאַדע, וועט מען די יידן געפינען און דאַן איז זי אַ פאַרפאַלענע. מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ באַהעלטעניש: אויפבויען אין זייער קליין צימערל אַ טאָפּלט ווענטל און דאָרטן זאָלן די יידן, בעת אַ געפאַר, זיך קענען באַהאַלטן. פון אָנהייב איז די באַלעבאָסטע נישט געווען מסכים: מען וועט דאָך מוזן אַרויפברענגען אין שטוב אַריין ברעטער, בעלקעס, קאַלך, דיקטן א. א. וו. ווי וועט זי דאָס אַלץ קענען אויסבאַהאַלטן פון די שכנימס נייגיריקע אויגן? איבעריקנס, האָט זי נישט לאַנג צוריק דורכגעפירט אַ רעמאָנט און זי וויל זיך נישט צושטערן אַ צימער. מיר האָבן אָנגעהויבן איינטענהן, בעטן, אויפקלערן, איבערצייגן און ענדלעך האָט זיך איר עקשנות געבראָכן.

„טשעסלאַוו" — בנימין מיענדזיזשעצקי, מיין מאַן, האָט דאָס שטיקל אַרבעט געזאָלט דורכפירן. דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט האָט צוגעטיילט אַ ספּעציעלע געלט־סומע, און בנימין, דער באַלעבאָסטעס זון און איך הייבן אָן פאַרזיכטיק איינצוקויפן די נויטיקע מאַטעריאַלן. די אַרבעט הייבט זיך אָן פאַרנאַכט. די טיר ווערט פאַרשלאָסן, די פענצטער זיינען פאַרהאָנגען. מען באַמיט זיך צו מאַכן וואָס ווייניקער טומל. בנימין נוצט אַ ספּעציעלן בויערער, וועלכער מאַכט לעכער אין דער וואַנט און אין האָלץ און פאַרשפּאָרט דאָס קלאַפּן מיטן האַמער. ביי דעם בעסטן ווילן אָבער קען מען נישט אויסמיידן קיין קלעפּ. יעדער העכערער קלאַנג מאַכט ציטערן דאָס האַרץ. האָט די שכנטע נישט געהערט? וועט איר אַ מאָל נישט איינפאַלן אַריינצוקומען און זען פון וואַנען עס קומען די קלעפּ? אַלע שטוביקע העלפן שווייגנדיק צו. נאָר וואָס שנעלער, עס זאָל וואָס גיכער שטיין דאָס ווענטל! די באַלעבאָסטע לויפט אַרום איבער דער שטוב אַ צעטומלטע און בייסט זיך די נעגל. זי איז אַזוי איבערגעשראָקן, אַז אַלע מינוט ווייגט זי. נאָך וואָס האָט זי דאָס אַלץ געדאַרפן, וואָס האָט מען זיך אויף איר אָנגעזעצט?

כאָטש מיר אַלע זיינען אָנגעשטרענגט, דענערווירט און האָבן מורא פאַר אַ דורכפאַל, באַמיט מען זיך פאַר דער קריסטין צו פאַרהאַלטן רואיק. מען מוז מאַכן דעם אָנשטעל, אַז איר שרעק איז אַן אומזיסטע.

— עס וועט זיכער אַלץ גוט אָדורך.

ביי זיך זיינען מיר גאָרנישט אַזוי זיכער. דאָס צימער איז אָנגעוואָרפן מיט ברעטער, דיקטן, טשוועקעס, האַמערס. ס'איז גענוג אַ

פרעמדער זאָל נאָר אויף אַ סעקונדע כאַפּן אַ קוק, אַז עס זאָל גלייך קלאָר ווערן, וואָס מען מאַכט דאָ.

בנימין און סטעפאַן מערמלשטיין אַרבעטן אַן איבעררייס. עס פעלן די געהעריקע מכשירים. ביי יעדן פאַרדעכטיקן קלאַנג, וואָס דערגייט פון דרויסן, רייסט מען איבער די אַרבעט. זעלטן ווער עס רעדט אַ וואָרט. דאָס קלאַפּן, דער גערויש קען ביי די שכנים אַרויסרופן אַ פאַרדאַכט. עס לויפט די צייט, די אַרבעט רוקט זיך פאָראויס. די באַלעבאָסטע לייגט זיך שלאָפן; מיר אָבער אַרבעטן ווייטער. פיר און צוואַנציק שעה אָן איבעררייס האָט מען געאַרבעט. אַמשווערסטן איז געווען דאָס צו־פּאַסן ווי געהעריק דאָס טירל, דורך וועלכע מ׳וועט דאַרפן אַריינקריכן. עס האָט געמוזט אַזוי גלאַטיק און קונציק געמאַכט ווערן, אַז עס זאָל זיך נישט זען קיין שום שפּאַרעלע, מען זאָל מיינען, אַז עס איז איין גאַנצע וואַנט. ענדלעך איז אויך דאָס טירל געמאַכט געוואָרן.

דעם אַנדערן טאָג, ביינאַכט, איז שוין דאָס צימערל געווען אויפ־געררימט, די ווענט אויסגעמאַליעוועט — די באַהעלטעניש פאַרטיק.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער איז אין שכנותדיקן הויז, אַרלע 4, געווען אַן איבערפאַל אויף אַ דייטשישן באַאַמטן. עס איז גלייך אָנגעקומען דייט־שישע זשאַנדאַרמעריע און אַלע אַרומיקע הייזער זיינען געוואָרן „בלאָ־קירט". מען האָט געזוכט די אָנפאַלער.

ווי געוויינלעך האָבן אַלע לאָקאַטאָרן געמוזט לאָזן אָפן זייערע דירות אויף קאָנטראָל און אַליין אַראָפּגיין אויפן הויף.

דייטשישע זשאַנדאַרמען זיינען אויך אַריין צו גרוזעלן אין דער וואוינונג. זיי האָבן געזוכט אין די שענק, אין די בעטן, זיי האָבן מיט עלעקטרישע לעמפּלעך באַלויכטן דאָס קליינע צימערל, וואו עס האָט זיך געפונען דאָס טאָפּלטע ווענטל, אָבער קיין פאַרדעכטיקס האָבן זיי נישט געפונען.

די באַהעלטעניש האָט אָפּגעראַטעוועט די דריי יידן ווי אויך די קריסטלעכע פאַמיליע גרוזעל פון אַ זיכערן טויט.

אַזוי האָבן די באַהעלטענישן געזיכערט אַ סך יידן פון אומקום.

קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

# צווישן קעמפער פון טשענסטאָכאָווער געטאָ

אויף דער פּראָווינץ איז די דייטשישע שחיטה געווען נישט ווי־ניקער גרינטלעך ווי אין וואַרשע. נאָר געציילטע יידן איז מיט ניסים געלונגען אויסצובאַהאַלטן זיך אין בונקערס, וועלדער אָדער ביי פּויערים.

דער יידישער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט אין וואַרשע האָט זיך באַמיט צו דערגרייכן, ווי ווייט מעגלעך, צו די דאָזיקע באַהאַלטענע יידן. חבר לעאָן פיינער האָט מיך איין מאָל, סוף זומער 1943, אין אַ געשפּרעך געפּרעגט, צי איך בין גרייט צו פאָרן אָן אַ רייזע־דערלויבעניש אין אַ שליחות פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט. פאָרן אויף די באַנען אָן אַ דייטשי־שער דערלויבעניש איז געווען אַ גרויסע געפאַר. די צוגן פלעגן ווערן אָפּגעשטעלט דורך דער דייטשישער זשאַנדאַרמעריע, מען פלעגט רעווי־דירן די פּאַסאַזשירן און די, וואָס פלעגן זיך נישט קענען ווי געהעריק אויסלעגיטימירן, פלעגן אַרעסטירט ווערן.

— דו ווייסט, וואָס דייטשן באַדייטן און דו ווייסט, ווי נויטיק דאָס פאָרן איז פאַר די באַהאַלטענע יידן: דו דאַרפסט ביי זיך אַליין באַשליסן. — האָט מיר חבר פיינער דערקלערט.

איך האָב באַשלאָסן — כ׳פאָר.

גלייך נאָכן געשפּרעך האָב איך זיך געטראָפן מיט „אַנטעקן" (יצחק צוקערמאַן). ער האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט דער אויפגאַבע פון מיין ערשטער רייזע. אין אַ דאָרף, הינטער קאָניעצפּאָל, קיעלצער געגנט, באַהאַלטן זיך אויס ביי איניקע פּויערים אַ גרופּע אויפשטענדלער פון טשענסטאָכאָווער געטאָ. די דאָזיקע גרופּע האָט געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט וואַרשע. איצט איז דער קאָנטאַקט צוליב די דורכפאַלן אויף די באַנען איבערגעריסן געוואָרן. די יידן געפינען זיך דאָרטן אין זייער אַ שווערער לאַגע און מען דאַרף וואָס שנעלער אַהין באַזאָרגן געלט. „אַנטעק" האָט מיר געגעבן אָנגעצייכנט דאָס אָרט פון דער מעלינע. כ׳האָב באַקומען געלט, בריוו און איך האָב זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

די באַן איז געווען געפּאַקט מיט שמוגלערס. דער עולם האָט געטומלט ווי אויף אַ יאַריד. מען האָט גערעדט וועגן פּרייזן פון חזיר־פעטס, וועגן די קליינע פאַרדינסטן, וואָס מ׳האָט ביים איבערפירן סחורה פון איין שטאָט אין דער צווייטער, דערביי האָט מען געשאָלטן די דייטשן, די באַן־באַאַמטע, וואָס רויבן צו די שפּייז־פּעקלעך. איך האָב זיך מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון מיינע מיטפאָרערס. כ׳בין געווען אָנגעטאָן ווי אַ הענדלערקע מיט אַ גרויסער האַנדלס־טאָרבע. דאָס געלט און די בריוו האָב איך געהאַלטן באַהאַלטן אונטערן פּאַסיק.

איך בין אָנגעקומען בשלום אין טשענסטאָכאָוו. פון דאַנען דאַרף איך זיך איבערזעצן אין אַ צוג, וואָס גייט נאָך קיעלץ. אויפן פּעראָן איז אַ שטרענגע רעוויזיע. דייטשישע באַן־שוץ קאָנטראָלירט דעם באַגאַזש און דאָקומענטן. ווי אַזוי מיידט מען אויס די קאָנטראָל? איך טשעפּע זיך צו צו אַן עלטערער קריסטין, אַ שמוגלערין. זי פאָרט אויך מיט דער קיעלצער באַן און זי האָט אויך נישט קיין רייזע־דערלויבעניש. זי איילט איבער די שינעס צו אַ זייטיק־שטייענדיקן צוג. איך לויף איר נאָך. ביידע שפּרינגען מיר אַריין אין אַ ליידיקן וואַגאָן.

— דאָ קען מען איבערוואַרטן די צייט פון קאָנטראָל, — רופט זיך אָפּ מיין שכנטע.

פון ווייטערע וואַגאָנען דערגייען צו אונדז שטימען: נאָך אַנדערע שמוגלערס געפינען זיך דאָ. נאָך פיר שעה וואַרטן, פאָר איך ענדלעך מיטן קיעלצער צוג. אַ דייטשישער און פּוילישער באַן־באַאַמטער קאָנ־טראָלירן רייזע־דערלויבענישן. איך בין אומרואיק. אַנטלויפן איז נישטאָ וואו. איבעריקנס, איז דער צוג אַזוי געפּאַקט, אַז מען קען זיך אַפילו נישט געבן קיין ריר. איך פאַרטרוי זיך פאַר דער עלטערער שמוגלערין, מיט וועמען כ׳זיץ צוזאַמען, אַז כ׳האָב נישט קיין פאַרשיין.

— פּרוביר זיי געבן עפּעס אין דער לאַפּע אַריין — עצהט זי מיר.

— און אויב ס׳וועט ניט העלפן, האָב אויך נישט קיין מורא, זיי וועלן דיר אַראָפּנעמען אויף אַ סטאַנציע, קאָנטראָלירן און אָפּלאָזן. ערגער איז מיט זשאַנדאַרמען.

איר באַרואיקן שטעלט מיך ווייט נישט צופרידן. אויב ס׳וועט פאָר־קומען אַ שטרענגע קאָנטראָל, וועט מען דאָך זיכער ביי מיר געפינען דאָס געלט און דעם בריוו. אָבער עס בלייבט נישט עפּעס אַנדערש צו טאָן, ווי צו פּרוּוון. צום גליק האָט דאָס געבן געלט געהאָלפן.

סטאַציע זשעליסלאַוויצע. דאָ שטייג איך אויס; פופצן שעה גע־פאָרן. גלייך נאָכן אַראָפּגיין פון צוג טייל איך זיך אָפּ פון דער גרופּע שמוגלערס, וואָס איז צוזאַמען מיט מיר אויסגעשטיגן און לאָז זיך אַליין גיין מיטן הויפּט־וועג. דער שאָסיי קרייצט זיך; דאָ דאַרף איך זיך פאַר־נעמען אויף רעכטס און עס דאַרף שוין זיין נישט ווייט.

ענדלעך דערזע איך פון דערווייטנס אַן אָפּגעבערענטן קוימען. כ'דער־נענטער זיך. יאָ, די סימנים שטימען. אויף אַ קליין אַרומגעצוימט שטיקל ערד שטייט אַ סקעלעט פון אַ פויערישער כאַטע, וועלכע מען האָט נאָר וואָס גענומען בויען. אויף דער ערד וואַלגערן זיך בעלקעס, ציגל, שטיק־לעך בלעך. אַ ביסל רעכטס געפינט זיך אַ גרויסער הילצערנער שייער, נישט ווייט פון אים שטייט אַ קליין פּרימיטיוו קיכל — דאָ איז עס.

אַ צופרידענע טרעט איך איבער דעם פּאַרקאַן. אַ הונט צעבילט זיך און גלייך הערט זיך אַ פרויען־שטימע:

— ווער איז דאָרט?

כ'בלייב שטיין און קוק זיך אַרום. פון הינטער דעם שייער איילט אין מיין ריכטונג אַן עלטערע פויערטע.

— צו וועמען דאַרפט איר? — פרעגט זי צוקומענדיק.

— כ'וויל ביי אייך קויפן פוטער, — באַמערק איך הויך. ווען די קריסטין איז שוין גאַנץ נאָענט, זאָג איך איר שטילערהייט צו וועמען איך בין געקומען. די אַלטע שטעלט אויף מיר אויס אַ פּאָר אויגן. ניין, זי ווייס נישט וועגן וואָס איך רייד, זי קען מיר גאָרנישט זאָגן, קיין פוטער האָט זי נישט און בעסער זאָל איך זיך גלייך אָפּטראָגן. כ'בלייב אַ ביסל אין אַ פאַרלעגנהייט. עס איז דאָך פאָרט דאָ, די סימנים שטימען דאָך! נאָך אַ מאָל הייב איך אָן איינטענהן מיט דער אַלטער, דערביי גיב איך צו, אַז כ'האָב פאַר די באַהאַלטענע געבראַכט געלט. די פּוי־ערטע קוקט מיך אָ לאַנגע ווײַלע אָן. צום סוף הייסט זי מיר וואַרטן, לויפט שנעל אַריין אין שייער און קערט זיך גלייך צוריק.

— קומט אַריין!

מיר גייען צוזאַמען אין שייער. ווי נאָר מיר קומען אַריין, פאַרקייטלט די פויערטע די טיר. אין שייער איז טונקל, פול אָנגעוואָרפן מיט שטרוי, שטוב־מעבל און בעטגעוואַנט. אין דער הויך, פון דער סטעלע הערט זיך אַ גערודער. איך שטרענג אָן מיין בליק און זע ווי פון אַ באַרג שטרוי קוקן אַרויס עטלעכע קעפּ.

— טאַקע צו אונדז פון וואַרשע? — פרעגן מיך איבער נייגעריקע שטימען.

— יאָ, פון וואַרשע, — ענטפער איך אַרויף. די באַלעבאָסטע האָט, ווייזט אויס, שוין פריער אָנגעזאָגט מיין קומען.

עמיצער לאָזט פון דער הויך אַראָפּ אַ לייטערל, איך קלעטער אַרויף. כ'בלייב איינגעבויגענערהייט שטיין. די סטעלע איז דאָ זייער נידעריק. אויף צעשאָטענע שטרוי זיצן און שטייען איבער אַ צענדליק בחורים. פון זייערע קליידער און האָר סטאַרטשן אַרויס שטרויעלעך. איבערן קאָפּ, פון דער סטעלע הענגען אויך אַראָפּ סנאָפּעס שטרוי, מען זינקט פּשוט אין שטרוי.

— מיר האָבן אייך אויסגעקוקט ווי מיט ליכט, — רופט זיך אָפּ אַ יונגער בחור. ער שטעלט זיך פאָר מיר פאַר: „קובא", פאַראַנטוואָרט־לעכער פון דער גרופּע. עס איז טונקל און איך זע נישט גוט זיין געזיכט. קובא באַקענט מיך מיט די אנוועזנדיקע. כמעט אַלע יונגע חברה.

— האָט מען דאָך אונדז נישט פאַרגעסן, — באַגריסט מיך מיט צופרידנקייט אַ יונג מיידל, די איינציקע אין דער גאַנצער גרופּע.

— אַבי מיר האָבן געמיינט, אַז קיינער וועט שוין מער נישט קו־מען. — רופט זיך אָפּ אַ ביסל אַן עלטערער מאַן. דער זעלביקער מאַן שרייט אַראָפּ צו דער פּויערטע:

— איר זעט, אונדז דאַרף מען גלייבן!

— דאָס איז חיים, אונדזער אַדמיניסטראַטאָר, קלערט מיר אויף דער גרופּע־פאַראַנטוואָרטלעכער.

— וואָס פאַראַ אַדמיניסטראַציע פירט מען דאָס ביי אייך אין שטרוי?

— פרעג איך דערשטוינט.

— אָ, לאַכט נאָר נישט! חיים איז דער פאַרבינדלער מיט די פּויערים. זיי קענען אים זייער גוט און נאָר מיט אים ווילן זיי ריידן.

עמיצער כאַפּט פון מיר צו מיין האַנדלס־טאַרבע, מען ברענגט מיר וואַסער. חברה פרעגט זיך וועגן דער רייזע, צי איז אַלץ גוט אַדורך, צי האָב איך געהאַט עפּעס שוועריקייטן. מען פרעגט וועגן קריג, וועגן דער שטאָט. „קען מען אייך אפשר דוצן?" — פרעגט מיך פּלוצלונג איינער פון דער גרופּע. „זיכער קען מען!" ענטפער איך מיט צופרידנ־קייט. גלייך הייבט מען אָן צו מיר צו רעדן אויף דו, עס שאַפט זיך אַ נאָענטע היימישע אַטמאָספער. כ'פיל ווי כ'וואָלט אַריינגעפאַלן צו אַלטע באַקאַנטע און פריינד.

„קובא" בעט מען זאָל זיך זעצן, עס קען עמיצער קלאַפּן און נישט אַלע וועלן באַוויזן זיך צו באַהאַלטן אין שטרוי. מיר לאָזן זיך אַראָפּ. דאָס אָרט איז קליין און איינער מוז זיך האַלטן נאָענט צום צווייטן. די חברה האָבן געזען מיין אָנקומען. זיי האָבן אָבער נישט געגלייבט, אַז דאָס גיי איך צו זיי. — דורך די שפּאַרעס פון די ברעטער זעען זיי אַ שטיקל שאָסיי, דאָס איז זייער אָבסערוואַציע־פּונקט, אַזוי אַרום ווייסן זיי, צי עס דערנענטערט זיך אַ געפאַר.

די ערשטע איבערראַשונג איז אַדורך. „קובא" רעדט. די לאַגע דאָ אין דאָרף איז אַ שווידערלעכע. זיי זיינען דריי און צוואַנציק מאַן. דרייצן האַלטן זיך אויף אין דעם שייער און צען אין צוויי אַנדערע מעלינעס. שוין עטלעכע וואָכן, ווי זיי זיינען אָן אַ גראָשן געלט. די באַלעבאָסטע האָט זיי שוין געוואָלט אַרויסיאָגן, האָבן זיי זיך קוים ביי איר איינגעבעטן נאָך צוצוואַרטן די וואָך. איצט לעבן זיי אויף באָרג. די פּויערטע גיט זיי צוביסלעך עסן אויף קרעדיט. צוליבן נישט צאָלן קיין געלט איז דאָס

עסן מאָגערער געוואָרן און זיי הונגערן זייער שטאַרק. זי רעכנט זיי דריי־סיק זלאָטעס טעגלעך פון אַ מאַן. זיי זיינען איר שוין שולדיק ביי צען טויזנט זלאָטעס. בייטאָג און ביינאַכט ליגט מען אין ברודיקן שטרוי, דאָס איז זייער מקום. אַ סך פון די באַהאַלטענע האָבן געקראָגן קרעץ. נישטאָ קיין געלט אויף הייל־מיטלען. חברה האָבן נישט קיין העמדער איבערצובייטן, קיין קאָצן מיט וואָס זיך צוצודעקן, ווען עס ווערט קאַלט.

חיים האָט זיך צוזאַמענגערעדט מיט אַ קריסט פון דאָרף, אַ קאָמו־ניסט, וואָס באַהאַלט אויס חיימס אַ קוזינע. יענער וויל אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע, דאָרף מען האָבן געווער. (מיט דעם קריסט האָב איך זיך שפּעטער געטראָפן אין וואַרשע און אים קאָנטאַקטירט מיט „אַנטעקן"), זיי האָבן שוין געוואָלט עמיצן פון דער גרופּע שיקן קיין וואַרשע, האָבן זיי נישט קיין אַדרעס. קובאַ בעט מיך אָנצוגעבן אַן אַדרעס בלויז אויף צו שרייבן בריוו. זיי זיינען דאָך דאָ פאַרוואָרפן ווי אין אַ העק און אינגאַנצן אומבאַהאָלפן.

— קוים רייסט זיך איבער דער קאָנטאַקט מיט וואַרשע, וועלן מיר דאָ אומקומען!" — פאַרענדיקט קובאַ זיין באַריכט.

מען בעט מיך אויך זיך דורכשמועסן מיט דער פויערטע. צו אַ מענטש פון וואַרשע האָט די קריסטין מער דרך־ארץ. זאָל איך איר פאַרזיכערן, אַז דאָס געלט, וואָס זי באַרגט, איז קוראַנט, זיכער, מען וועט עס איר שטענדיק אָפּגעבן. פאַרשטייט זיך, אַז איך דערפיל זייער ביטע. די שטימונג ביי דעם עולם איז אַ הייטערע, עס איז דאָך אָנגעקומען געלט. מען דערציילט מיר וועגן ניסים פון דאָרף, ווי אַזוי מען פאַרשטעלט זיך פאַר פויערים און ווי אַזוי מען מיידט אויס דייטשישע געפאַרן, ווי אַזוי מען איז אַנטלאָפן פון טשענסטאָכאָווער געטאָ.

ס'רוב פון די באַהאַלטענע זיינען ציוניסטן, שומרים, חלוצים. זיי בעטן מיך דערציילן וועגן באַקאַנטע ציוניסטן, וועגן דער אַרבעט, וועגן דער מלחמה. איך גיב זיי איבער אַלץ וואָס איך ווייס. די לעצטע פראָנט־ידיעות זיינען גוטע, דער דייטש קריגט קלעפּ. דער פּוילישער אונטערערד הרגעט דייטשן, אין וואַרשע גלייבט מען שטאַרק, אַז ס'וועט שוין לאַנג נישט דויערן.

חברה שלינגען מיינע רייד.

— הייסט עס, אַז מיר קענען זיך דאָ נאָך דערוואַרטן דעם סוף פון קריג?

— זיכער! — ענטפער איך.

אמת, איך טרייב אַ ביסל איבער מיט מיין אָפּטימיזם, אָבער מיר אַליין ווילט זיך אויך גלייבן אין דעם, וואָס כ'זאָג. כ'דערצייל זיי פון וואַרשעווער אויפשטאַנד, פון ציוניסטן, וועלכע כ'קען. אַלץ אינטערע־סירט זיי. ספּעציעל דאָס לעבן פון צביה לובעטקין און „אַנטעקן". יעדע

נייעס ווערט צעגלידערט, איבערגעקייט און צען מאָל איבערגעפּרעגט. זיי לעבן איבער דאָס געהערטע.

ביז שפּעט אין אָוונט האָב איך מיט זיי גערעדט. צום סוף האָב איך זיי איבערגעלאָזט דעם אַדרעס פון מאַריאַ באַרקאָווסקאַ, קראָכ־מאַלנע 83. כ'האָב מיטגענומען פאָטאָגראַפיעס פון די, וואָס האָבן אַזעלכע געהאַט כדי צו מאַכן פאַר זיי פאַלשע דאָקומענטן, באַקומען אַ בריוו ספּעציעל פאַר צביה'ן און אַנטעקן, אַ בריוו פאַרן קאָאָרדינירקאָמיטעט און זיך געקליבן צוריק אין וועג אַריין. גאָר האַרציק איז געווען די געזעגענונג.

— איר זאָלט אין אונדז געדענקען! — האָט מען מיר נאָכגע־שריגן, ווען כ'האָב אַראָפּגעקלעטערט פון לייטער. כ'האָב פאַרלאָזט דעם שייער מיט אַ געפיל, ווי כ'וואָלט אַוועק פון אַ נאָענטער משפּחה.

פון דאַן אָן פלעג איך יעדע פאַר וואָכן פאָרן קיין זשעליסלאָוויצע און מיטברענגען פאַר די באַהאַלטענע געלט, קליידער און מעדיקאַמענטן. וואָס אַמאָל איז דאָס פאָרן מיט די באַנען געוואָרן געפערלעכער, וואָס אַמאָל האָב איך געמוזט זיין פאָרזיכטיקער און מערער זיך היטן. אָבער דער קאָנטאַקט האָט טראָץ די אַלע שוועריקייטן אָנגעהאַלטן. עס זיינען נאָכדעם געפאָרן די קוריערן אינקע שווייגער, „אירקע" און די קריסטין מאַרישע סאָוויצקאַ.

קאַפּיטל אַכט און דרייסיק

# אין די קאָניעצפּאָליער וועלדער

אין שפּעטן האַרבסט פון יאָר 1943 איז אונדזער הילפס־אַרבעט אַריין אין אַ קריטישן צושטאַנד. די געלטער פון אויסלאַנד זיינען צו אונדז נישט דערגאַנגען רעגולער און די יידן פון די מעליניעס האָבן זיך געפונען אין זייער אַ שווערער לאַגע. עס האָט אַזוי געדויערט איניקע וואָכן. איך האָב אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס פון דער קריסטין באַרקאָווסקא באַקומען פון זשעליסלאַוויצע בריוו, וואָס האָבן געבעטן תיכפדיקע הילף. ווידער האָב איך באַקומען אַ גרעסערע סומע געלט. און כאָטש אויף די באַנען זיינען לעצטנס פאָרגעקומען גרויסע „לאַפּאַנקעס" (כאַפּעררייען) האָב איך זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין אָן אַ דער־לויבעניש.

ווען מיר זיינען שוין געפאָרן אין קיעלצער צוג, איז פּלוצלונג אין וואַגאָן געוואָרן אַ גערודער. דער פּולישער קאָנדוקטאָר האָט געוואָרנט עטלעכע פּאַסאַזשירן, אַז אויף דער נאָענטסטער סטאַציע וואַרטן שוין אַפּ דעם צוג דייטשישע זשאַנדאַרמען. מען מוז וואָס שנעלער אַנטלויפן! גראַד שטעלט זיך די באַן אָפּ צוליב אַ רויטער ליכט. כמעט אַלע פאַרלאָזן די באַן, איך אויך. פון אָרט, וואו עס געפינען זיך די יידן, טיילן מיך אָפּ 27 קילאָמעטער. דאָס איז זעקס שעה גיין. איך זע ווי אַ גרופּע שמוגלערינס טוען אויס די שיך און קלייבן זיך אין מיין ריכטונג. אויך איך צי אַראָפּ מיינע פּאַנטאָפל, פּונקט ווי די קריסטינס בינד איך זיי איבער מיט אַ שטריקל, פאַרוואַרף זיי איבערן אַקסל און לאָז זיך צוזאַ־מען מיט זיי דורך זייטיקע וועגעלעך נאָך זשעליסלאַוויצע.

פאַרנאַכט בין איך אַ מידע, אַ פאַרשטויבטע, מיט צעדראַפּעטע פיס, אָנגעקומען אין שייער. ווי נאָר די פויערטע האָט מיך דערזען, האָט זי פאַר־צווייפלט פאַרבראָכן מיט די הענט. מיר האָט געגעבן אַ זעץ אין האַרץ. עס האָט שוין עפּעס געמוזט פּאַסירן! די אַלטע קריסטין ווישט זיך די אויגן, שלאָגט זיך אין האַרצן, שווערט ביי יעזוסן, ביי דער הייליקער מוטער, אַז זי איז נישט שולדיק. איך שטיי אַ צעטומלטע און ווייס נאָך

אַלץ נישט וואָס עס האָט פּאַסירט. ענדלעך הייבט די קריסטין אָן דער־ציילן, וואָס עס איז פאָרגעקומען.

אירע שכנים האָבן געוואָרפן אַן אויג אויפן שייער. זיי האָבן אָנגע־הויבן רעדן, אַז צו איר קומען אַריין יידן. דערוויילּ איז דאָס געלט ביי דער גרופּע אויסגעגאַנגען און זי האָט זיי געהייסן גיין. עטלעכע מאָל איז געלונגען איינצואָרדענען זיך ביי אַן אַנדער פּויער און די איבעריקע זיינען אַוועק אין וואַלד אַריין.

די אַלטע הערט אויף צו ריידן, זי ווישט זיך די אויגן און חזרט ווייטער איבער: „איך בין נישט שולדיק, די מאַטקע באַסקע איז אַן עדות".

— זאָג מיר שוין שנעלער דעם סוף — אייל איך זי אונטער אַ צערו־דערטע.

די קריסטין רעדט ווייטער: מיט עטלעכע טעג צוריק זיינען צום פּויער, וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן די יידן, געקומען פּוילישע פּאַר־טיזאַנער. זיי האָבן דאָרטן געטראָפן צוויי יונגע יידישע מיידלעך און צוויי בחורים. די יידן האָט מען אָנגענומען פאַר קאָמוניסטישע פּאַר־טיזאַנער. מען האָט זיי צעשלאָגן ביז בלוט און אַרויסגעיאָגט פון דער פּויערישער כאַטע. דאָס איז געשען אין מיטן העלן טאָג. גלייך האָט זיך דאָס גאַנצע דאָרף דערוואוסט וועגן דער געשעעניש. עס איז אָנגע־קומען פּוילישע פּאָליציי און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג אויף די יידן. דריי האָט מען געכאַפּט. איינעם איז געלונגען צו אַנטלויפן. ביידע מיידלעך און דעם בחור קובא האָט מען דעם גאַנצן טאָג אַרומגעפירט אין אַ פּור איבערן דאָרף. פאַרנאַכט האָט מען זיי אומגעבראַכט.

איך בלייב זיצן אָן לשון, הייסט עס, אַז כ'בין געקומען צו שפּעט! איך רייד גאָרנישט מיט דער קריסטין. כ'פרעג זי נאָר, וואו די איבעריקע יידן קענען זיך געפינען. די אַלטע ווייס נישט גענוי, זי גלייבט, אַז ביים פּויער ראָמאַנאָוו קען מען זיך אפשר עפּעס דערוויסן. זיין כאַלופּע שטייט נעבן וואַלד. ער העלפט אָפט פּאַרטיזאַנער, אפשר קומען די יידן דאָרטן אויך אַריין. זי ווייזט מיר דעם וועג צו אים.

עס איז שוין גוט פינצטער, ווען איך קום צו צו דער כאַטע. אַ הויכער קריסט עפנט די טיר. ער לאָזט מיך אַריין אין אַ באַלויכטענער קיך און וואַרט, כ'זאָל אים זאָגן, וואָס עס ברענגט מיך אַהער. איך קוק זיך אַרום. אויף דער פּאָדלאָגע שפּילן זיך צוויי קליינע יינגלעך. אַ יונגע פרוי פּאָרעט זיך ביי דער קיך. אַלץ ווייזט אויס אייגענע.

— צי קאָן איך עפּעס מיט אייך אַליין ריידן? — ווענד איך זיך צום קריסט.

ער עפנט שווייגנדיק אַ טיר פון אַ צווייטן צימער און בעט מיך זיצן. איך הייב גלייך אָן דערציילן צוליב וואָס איך בין געקומען צו

אים. אפשר קען ער מיר זאָגן אָדער ווייזן, וואו יידן געפינען זיך. דער קריסט שווייגט אַ לאַנגע ווײַלע. ער הוסט זיך אויס און הייבט מיך אָן צו פרעגן וועמען פון די יידן איך קען. איך רוף אָן נעמען.

— יאָ, עס שטימט — זאָגט ער. ער דערציילט מיר: פון צייט צו צייט קומען צו אים באַנאַכט אייניקע יידן פון וואַלד. זיי בעטן ביי אים עסן. ער גיט זיי אַ ביסל זופּ, אַ שטיקל ברויט. אייניקע קען ער אַפילו ביי די נעמען. זיי זיינען שוין ביי אים געווען עטלעכע מאָל. גענוי קען ער מיר נישט זאָגן, וואו זיי זיינען. נאָר אויב איך וויל, וועט ער מיר דערלויבן איבערצונעכטיקן ביי אים. אפשר וועט היינטיקע נאַכט עמיצער פון זיי קומען. דער קריסט רופט אַרויס צו זיך צוטרוי. איך נעם אָן זיין איינלאַדונג און בלייב נעכטיקן. דערווייל פרעגט מיך דער פויער אויס וועגן דער שטאָט, וועגן קריג־נייעסן. ער איז אַ פאַרביסענער שונא פון גרויזאַמען אָקופּאַנט און קלייבט זיך זייער גוט פונאַנדער אין פאָליטישע ידיעות.

אַלע זיינען אַוועק שלאָפן. אין דער כאַטע איז שטיל געוואָרן. איך האָב זיך מיט אָנגעשפּיצטע אויערן צוגעהערט צום גערויש פון דרויסן. דאָס שטילע וואָיען פון ווינט, דאָס גערויש פון די ביימער באַאומרואיקט מיך, איך מיין כסדר, אַז עמיצער גייט. אָבער אָט דערהער איך אַ לייכט סקריפּען ביים פענצטער, און גלייך דערנאָך — עטלעכע דייטלעכע קלעפּ אין שויב. איך האַלט איין דעם אָטעם. די קלעפּ חזרן זיך איבער. איך הער ווי דער פויער גייט אַראָפּ פון בעט און קומט צו צום פענצטער.

— ווער איז דאָרט? — רופט ער.

— שטילער, שטילער, דאָס זיינען מיר... — ענטפערט מען אים פון דרויסן.

— אַהאַ! — איך פיל ווי אַ האַנט טרייסלט מיך. — פּאַני, זיי זיינען געקומען.

דער פויער צינדט אָן אַ ליכט און גייט עפענען. ער שושקעט זיך מיט עמיצן ביי דער טיר. איך וואַרט מיט אומגעדולד. צי וועט עס גראָד זיין אַ ייד, וואָס איך קען? אָט עפנט זיך די טיר. ביי דער שוועל בלייבט שטיין דער פויער מיט צוויי מענער. דאָס ליכט באַלויכט זייערע פּנימער. איך דערקען זיי, דאָס זיינען דאָך סטאַשיעק און דער קליינער יאַקובעק! מיר צעקושן זיך פריידיק. די צוויי חברים לאָזן מיך נישט ריידן. זיי מוזן גלייך צוריקגיין אין וואַלד און מעלדן אַלע איבעריקע וועגן מיין וויזיט.

— דו קענסט גאָרנישט וויסן, וואָס דיין קומען באַטייט פאַר אונדז!

— דריקט מיר די האַנט יאַקובעק. ער לויפט גלייך אַרויס פון דער כאַטע. דער פויער האָט אָנגעצונדן אַ לאָמפּ. ערשט איצט קען איך זען דאָס אויסגעדאַרטע געזיכט און די ברענענדיקע אויגן פון סטאַשיעקן.

— זייער פיל איז דאָ צו דערציילן, — הייבט ער אָן מיט אַ ציטער־דיקער שטים. — פון דיין לעצטן באַזוך ביי אונדז ביז היינט איז אַ סך פאָרגעקומען. עטלעכע, וואָס דו האָסט געקענט, לעבן שוין נישט.

דער באַלעבאָס רייסט אים איבער. ער בעט אונדז אַריינגיין אין קיך. דאָרטן וועט מען קענען אומגעשטערט ריידן.

— ווען נישט דער קריסט, וואָלטן מיר אפשר אַלע אומגעקומען פון הונגער, — באַמערקט ער, ווי נאָר דער פויער לאָזט אונדז אַליין. ער דערציילט: ווען עס איז נאָך געווען געלט, איז אַ גרופּע חברים אַוועק אין די וועלדער און געבילדעט מיט דער הילף פון אַ פּאָליאַק, (מיט וועלכן איך האָב זיך אגב עטלעכע מאָל באַגעגנט) אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע. די יידן האָבן זיך שנעל צוגעוואוינט צום וואַלד, צום ווינט, צום רעגן. דערנערט האָבן זיי זיך דערפון, וואָס מען פלעגט אין רייכע פריצישע הויפן מיט כוח איינמאָנען פאַר די פּאַרטיזאַנער ברויט און קאַרטאָפל. פון צייט צו צייט פלעגן זיי גיין אויף „דייטשישע אַרבעטן": צעשטערן דייטשישע מילן, דערהרגענען אַ דייטשישן וועכטער. די אַרומיקע געגנט האָט געוואוסט וועגן דער יידישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע; זיי האָבן זיך צו איר נישט שלעכט באַצויגן.

לעצטנס איז אָבער אָנגעקומען אין די זעלביקע וועלדער אַ גרויסע פּוילישע פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע „אָזשעל" (אָדלער). דאָס איז געווען דער פּסעוודאָנים פון זייער קריגז־קאָמענדאַנט. די דאָזיקע גרופּע האָט זיך דערוואוסט וועגן די יידן. די ערשטע באַגעגעניש איז געווען אַ גאַנץ פריינדלעכע. די יידישע גרופּע האָט אַפילו זיך געווענדעט, מען זאָל זיי אָננעמען אין דער פּוילישער פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע. שטענדיק איז בעסער צו זיין מיט דערפאַרענע וואַלד־מענטשן און אין אַ גרעסערער פּאַרטיזאַנער־גרופּע. קיין ענטפער האָבן זיי אָבער נישט געקראָגן. אין אַ געוויסער נאַכט, ווען די יידן זיינען אַוועק זיך איינשאַפן עסן, זיינען פּלוצלונג אָנגעקומען אָן ערך צען גוט באַוואָפנטע פּוילישע פּאַרטיזאַנער. די יידן האָבן קיין שום פאַרדעכטיקעס נישט פאָראויסגעפילט און צוגעלאָזן צו זיך די פּוילישע פּאַרטיזאַנער. ווען די פּאָליאַקן זיינען צוגעקומען שוין גאָר נאָענט, האָבן זיי פּלוצלונג אויפגעעפנט אויף די יידן אַ שיסעריי. עטלעכע יידישע פּאַרטיזאַנער זיינען דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט, די אַנדערע איז געלונגען צו אַנטלויפן. דער איבערפאַל איז געווען אַזוי אומגעריכט, אַז מען האָט אַפילו נישט באַוויזן צוצונעמען דאָס געווער ביי די געפאַלענע חברים. פון די פויערים האָבן די ניצול־געוואָרענע זיך דערוואוסט, אַז „אָזשעל" זוכט אַרום די אַנטלאָפענע יידן און אַז דאָס האָבן זיי טאַקע אויסגעפונען די באַהעלטעניש פון קובא מיט די צוויי מיידלעך. איצט איז צו דער יידישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע צוגע־קומען די לעצטע גרופּע יידן, וואָס מען האָט אַרויסגעטריבן פון דער

באַקאַנטער פויערטעס באַהעלטעניש. זיי דרייען זיך צוזאַמען אַרום אין דערבייאיקן וואַלד און היטן זיך אי פאַר די דייטשן אי פאַר די פוילישע פאַרטיזאַנער. זיי געפינען זיך צווישן צוויי פייערן.

— לאַנג זיך אויסהיטן אין וואַלד קען מען נישט, — באַמערקט צום סוף סטאַשיעק.

ביי טאָג האָב איך זיך אין וואַלד געזען מיט דער גרופּע באַקאַנטע יידן. דאָס זיינען געווען סקעלעטן, נישט קיין מענטשן. אויסגעדאַרט, קוים וואָס זיי האָבן זיך געהאַלטן אויף די פיס. די קליידער — צעריסן. איינער האָט אין גאַנצן נישט געהאַט קיין שיך, זיינע פיס זיינען געווען אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס. מען האָט געמוזט פאַר יעדן פּרייז זיי איינאָרדענען אין באַהעלטענישן. דורך געלט איז געלונגען צוריק איבערצורייידן די באַקאַנטע קריסטין און אַנדערע פויערים, זיי זאָלן זיי אַריינעמען צו זיך אין דאָרף. נאָך אַ געוויסער צייט האָב איך געבראַכט פאַר די באַהאַלטענע יידן אַ פּאַפּיר, וואָס אונדזער אונטערערד אין וואַרשע האָט אַרויסגעקראָגן פון פוילישן אונטערערד, אַז זיי ווערן געשיצט פון דער אומלעגאַלער פוילישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע. דאָס האָט די יידן באַדאַרפט פאַרזיכערן פון ווייטערדיקע איבערפאַלן פון אָרטיקע פוילישע פאַרטיזאַנער־גרופּן. ביזן סוף פון קריג איז אָנגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנטאַקט מיט דער זשעליסלאַוויצער גרופּע יידן. שוין נאָך דעם קריג האָב איך אין לאָדזש זיך באַגעגנט מיט איניקע פון די געראַטעוועטע.

קאַפּיטל ניין און דרייסיק

# דאָס לעבן גייט אָן...

איך אין מיין אייגן לעבן, זיינען כסדר פאָרגעקומען נייע פּאַסירונגען. אָט האָב איך אַ לאַנגע צייט געוואוינט אין אַ לעצט צימערל, אַלס סוב־לאָקאַטאָרקע, ביי פרעמדע קריסטן. כ׳בין אַנגעגאַנגען אַלס שמוגלערין און פלעג אָפט מוזן אַוועקגיין פון שטוב ערגעץ אַנדערשוואו נעכטיקן, עס זאָל הייסן, אַז כ׳בין אַרויסגעפאָרן אויף האַנדל. מיינע פּאַפּירן זיינען געווען האַלב גוטע און האַלב פאַלשע. איך בין געווען איינגעמאַלדן, אָבער נישט געהאַט קיין „גוטע״ קען־קאַרטע, און דערפאַר האָב איך מורא געהאַט פאַר יעטוועדע דייטשישע קאָנטראָל. נאָך לאַנגע באַמי־אונגען, איז מיר ענדלעך געלונגען אַרויסצונעמען פון דייטשן שטאָטישן ביורא אַ ריכטיקע קען־קאַרטע אויפן נאָמען פון סטאַניסלאַווא וואָנ־כאַלסקא. דאָס איז געווען דער נאָמען פון דער פאַרשטאָרבענער טאָכ־טער פון אונדזער געטרייער קריסטלעכער מיטאַרבעטערין אַננע וואָנכאַל־סקא. די קריסטין האָט פאַר געלט דערליידיקט מיטן גלח פון איר קלויסטער, מען זאָל אין די ביכער זען צו מאַכן, אַז איר טאָכטער זאָל לעבעדיק ווערן. מיך האָט די אָרנטלעכע אַננע נאָך פאַרזיכערט, אַז טאָמער מען וועט מיך חושד זיין אַלס יידישע, וועט זי זיך פאַר מיר איינשטעלן. זי איז דאָך אַ געבוירענע אַריערין און איצט מיין כלומרשטע מוטער! זי האָט מיט מיר געגעבן איינגעלערנט מיין פרישן יחוס — די נעמען פון די באָבעס, מומעס, קוזינען און כ׳בין געוואָרן אַ „קריסטין״ מיט אַן „אייגענער משפחה״.

אַ סך יידן פלעגן אויף אַן ענלעכן אופן, דורך פאַרטרויענסווערטע פּאָליאַקן, זיך איינשאַפן נעמען, מעטריקעס פון געשטאָרבענע פּאָליאַקן און אויסאַרבעטן זיך ראַיעלע דייטשישע פּאַספּאָרטן. בעת דייטשישע קאָנטראָלן האָט מען אין דער שטאָטישער עווידענץ און אין קלויסטער אַלץ געדאַרפט געפינען אין אָרדענונג. פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע דאָקומענטן זיינען געווען אַ געוויסע שוץ, אָבער אינגאַנצן זיך אויף זיי פאַרלאָזן האָט מען נישט געטאָרט, ווייל אַפילו מיט די ראַיעלסטע דייטשישע פּאַפּירן האָט מען געקענט דורכפאַלן און דערקענט ווערן.


rechter Zeigefinger
palec wskazujący prawej ręki
linker Zeigefinger
palec wskazujący lewej ręki
Unterschrift des Kennkarteninhabers
Podpis posiadacza karty rozpoznawczej
Warschau, den 9 Oktober 1943
dnia października
Ausstellungsbehörde
Władza wystawiająca
Dienstsiegel
Pieczęć służbowa
Unterschrift des ausfertigenden Beamten
Podpis sporządzającego urzędnika

„קענקאַרטע" — עכטער דייטשישער דאָקומענט פון „וולאַדקען" אויף דעם פּוילישן נאָמען סטאַניסלאַווא וואָנכאַלסקאַ.

אין דער זעלביקער צייט, דאָס איז געווען ענדע יאָר 1943, האָט זיך מיר אונטערגערוקט אַ פרישע דירה. מיינס אַ באַקאַנטע, אַ פּאַר־שטעלטע יידישע פרוי פון פּיאָטרקאָוו, „בראַנקע", האָט זיך געקליבן צו פאָרן קיין אונגאַרן און געוואָלט פאַר אַ קליינעם פּרייז מיר איבערגעבן איר וואוינונג. נישט דאַרפן וואוינען ביי פרעמדע, האָבן אַן אייגענע זעלבסטשטענדיקע דירה און דערצו פאַר שפּאָט־ביליק איז געווען ווי געווינען אַ גרויס געווינס.

פרוי בראַנקע האָט מיך אויך באַקאַנט מיטן שמוגלער, וואָס האָט איר באַדאַרפט „אַריבערפעקלען" קיין אונגאַרן. דער קריסט ריבאַ, אַ גרויסער הורט־הענדלער, האָט געשמוגלט פון פוילן קיין אונגאַרן טיי, קאַווע און מענטשן. פאַר אַ „קעפּל" פלעגט ער נעמען ביז 200 דאָלאַר. אַ סך יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט, האָבן זיך באַמיט אַריבערצוכאַפּן זיך קיין אונגאַרן. דאָרטן, אין אונגאַרן, האָבן נאָך יידן פאַרהעלטניסמעסיק רואיק געלעבט. עס איז דאָרטן טאַקע געווען אַ פאַשיסטישע רעגירונג, וואו דער דייטש האָט געהאַט אַ סך צו זאָגן, אָבער יידן האָט מען דערווייל נישט אויסגעראָטן. זיי האָבן זיך נאָך פריי געקאָנט באַוועגן איבער דער שטאָט און פירן זייערע געשעפטן.

ווי ריבאַ האָט דערציילט, האָט דאָרטן געאַרבעט אַ געהיימער קאָמיטעט, וואָס האָט געהאָלפן די אַריינגעוואָנדערטע יידן לעגאַל זיך איינצואָרדענען אין לאַנד. וועגן דעם דאָזיקן צופעליקן קאָנטאַקט האָב איך גלייך איבערגעגעבן אונדזער אָנפירערשאַפט. ח' סאַמסאָנאָוויטש האָט זיך געטראָפן מיט ריבאַן, אויסגעפאָרשט דורך אים דעם וועג קיין אויסלאַנד און מען האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַריבערשמוגלען אַהין אייניקע אונדזערע מענטשן. דערווייל איז די פרוי בראַנקע מיטן מאַן אַוועקגעפאָרן, דער שמוגלער איז ווי אין וואַסער אַריין און איך בין געבליבן ביי אַ דירה.

מיין נייע וואוינונג איז געווען אין הויז טוואַרדע 36, וואָס גרענעצט זיך מיט דער פּאַנסקע גאַס, וואו עס שטייט נאָך אַלץ דער געטאָ־מויער. אויפן פּערטן שטאָק אין אַ קליינטשיק צימערל און קיכל, האָט מען דורך די פענצטער געקענט זען אַ שטיק אָפּגעברענטן געטאָ. דאָרטן פלעגן פון פרי ביז פאַרנאַכט אַרבעטן קריסטן ביים צענעמען פאַרברענטע הייזער, ביים סאָרטירן ציגל און ביים אויסגלייכן דעם באָדן. דער „קליינער געטאָ" איז וואָס אַ טאָג געוואָרן גערוימער, פוסטער, מיט אַלץ ווייניקער סימנים, וואָס זאָלן קענען דערציילן וועגן פריערדיקן יידישן לעבן.

באַלד ביים אַריינגאַנג אין קיך, קעגנאיבער דער טיר, איז אויף דער וואַנט געהאָנגען אַ גרויסער שפּיגל, וואָס האָט פאַרשטעלט אַ געהיי־

מע עפענונג צו אַ קליינטשיקן פינצטערן קעמערל. דאָס קעמערל האָט אין סופיט געהאַט אַ פאַרמאַסקירטע לאָך, דורך וואַנען מען האָט געקענט זיך אַרויסקריגן אויפן בוידעם. דאָס איז געווען דאָס אָרט, וואו עס פלעגט זיך פריער בעת אַ געפאַר אויסבאַהאַלטן בראָנקעס מאַן.

אויך איצט, פלעגט דאָס קעמערל אָפט דינען פאַר אַ באַהעלטעניש פאַר מיין נאָנטסטן האַרציקן חבר — בנימין, מיין מאַן. בנימין, כאָטש אַ בלאָנדער, מיט בלויע אויגן האָט דאָך אַ יידישלעכן אויסזען און דערפאַר האָט ער טאַקע געמוזט זיין זייער שטאַרק פאָרזיכטיק. טראָץ דעם, פלעגט ער אָפט זיין אין גאַס און צוהעלפן אין דער אַרבעט. דעם אמת־זאָגנדיק האָב איך באַלד דעם צווייטן טאָג נישט געהאַט קיין חשק צו פאַרבלייבן אין דעם חרובדיקן דירהלע אויפן פערטן שטאָק. עפעס אַזאַ מאָדנע עלנדקייט האָט געווייעט פון אַלע ווינקעלעך, אַזאַ פאַרלאָזנקייט, אַז עס האָט אַרויסגעיאָגט פון שטוב. כ'וואָלט אפשר טאַקע אַוועק, ווען נישט בנימין. ער האָט פאַראַרבעט מעשים כדי דער וואוינונג צוצוגעבן אַ לייטישן אויסזען. פאַר די אַרומיקע שכנים האָט ער נישט עקזיסטירט, ער פלעגט זיך שטענדיק מוזן געהיים אַדורכגנבענען דורכן קאָרידאָר און ווי נאָר ער האָט פאַרמאַכט די טיר אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן זיין באַלעבאַטעווען. ער איז געווען אַ „ספּעץ" ביי מאַכן „מעלינעס", דערפאַר האָט מיין דירה ביסלעכוויז אָנגעהויבן אויסזען ווי איין גרויסע באַהעלטעניש. ער האָט איינגעאָרדנט פאַרשיידענע „ערטעלעך", וואו כ'פלעג באַהאַלטן פאַרדעכטיקע פאַפירן און געלטער. אַזוי האָב איך געהאַט אַ הילצערן וואַליזקעלע מיט אַ טאָפּלט ווענטל, אַ קעסטל אויף קוילן מיט אַן אויסגעהוילטע דעק, אַ גרויסן קאָך־לעפל מיט אַן אַריינגעשרויפט הענטל און אַ נייע פאַרמאַסקירטע באַהעלטעניש הינטערן פאַראַפעט פון פענצטער.

זיין האַרציקע זאָרגפעליקייט האָט נישט איינמאָל פאַריאָגט יאוש און צווייפל. אין אונדזער שווערן לעבן איז ער געווען פאַר מיר דער אָנשפּאַר, דער, וואָס האָט מיך געשטאַרקט און צוגעגעבן מוט. אים האָב איך טאַקע נישט איין מאָל געהאַט צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס כ'האָב זיך נישט איינגעבראָכן נאָך אַזוי פיל איבערלעבונגען.

פאַר די שכנים האָט די דירה געדעקט מיין מאַנס קריסטלעכער חבר — טאַדעק ניעוויאַראָווסקי. ער איז אָנגעגאַנגען פאַרן כלומרשטן באַלעבאָס.

נאָך עטלעכע וואָכן וואוינען איז מיין פרייד פון האָבן אַ נייע דירה אינגאַנצן צערונען געוואָרן. אין אַ געוויסן טאָג האָט מיר די סטרוזשקע פלוצלונג אָפּגעשטעלט און מודיע געווען, אַז ביי איר זיינען נעכטן געווען פאָליציי־אַגענטן און זיך נאָכגעפרעגט אויף דער פרוי „בראָנקע".

— דאָס שטילע לעמעלע האָט אונדז אַלעמען געגנאַרט, זי איז אַ יידישקע! — האָט זי מיט כעס אויסגעשריען, קוקנדיק מיר שאַרף אין פּנים אַריין, ווי זי וואָלט געוואָלט אַראָפּלייענען דעם איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט איר אַנטדעקונג. — און ווי אַזוי קומט איר עפּעס צו איר וואוינונג? — האָט זי מיר ווייטער פאַרשנדיק געפרעגט.

איך האָב איר אויפגעקלערט, אַז די פריערדיקע איינוואוינערין פון מיין דירה קען איך נישט, אַ מעקלער האָט פאַר מיר אַלץ דער־לײדיקט.

— אַזוי! און צי ווייסט איר כאָטש, אַז די שכנים פון פערטן שטאָק האָבן זיך פאַר מיר פאַרקלאָגט, אַז צו אייך אין דער וואוינונג קומען פאַרדעכטיקע טיפּן, יידן? . . .

איך פּרואוו איר אויפווייזן, אַז עס איז אַ גרויסער טעות, דאָס רעדט מען אַזוי ווייל עס איז דאָ אַ חשד אויף דער דירה. די סטרוזשקע ענטפערט מיר נישט, זי שאָקלט שווייגנדיק מיטן קאָפּ. ס'איז שווער צו פאַרשטיין, צי זי גלייבט מיינע רייד, אָדער נישט. איך גיי פון איר אוועק אַ צערודערטע. די פרוי בראָנקע איז אין דער ריכטיקער צייט פאַרשוואונדן, אָבער וואָס וועל איך איצט טאָן?

גלייך זיך אַרויסציען פון דער דירה טויג נישט. כ'וואָלט דורך דעם בלויז פאַרגרעסערט דעם פאַרדאַכט און איינגעשטעלט מיין אַזוי שווער דעראָבערטן ראַיעלן נאָמען. כ'מוז דערווייל ווייטער וואוינען און ווי ווייט מעגלעך פּרואוון צונישט מאַכן דעם חשד.

מיינע חברים קומען שוין זעלטענער צו מיר. דאַקעגן וויזיט זיך אָפט די פרוי אַגנעַ. זי רעדט מיט מיינע שכנים און שטעלט זיך פאַר זיי פאַר אַלס מיין מוטער. איך ווידער היט אָפּ אַלע קריסטלעכע יום־טובים, פאַרבעט אָפט צו זיך אַ שכנטע. כ'האָב אַריינגעשטעלט אין שטוב אַריין אַ געבאָרגטן פּאַטעפאָן, וואָס האַלט אין איין שפּילן. זאָל דער אַרום זען, אַז ביי מיר איז פריילעך. גאָרנישט ווי ביי יידישע.

איין מאָל, ביים אָנקומען אַהיים, פאַרהאַלט מיך אין קאָרידאָר אַ יונגע שכנטע. זי וויל מיר זאָגן עפּעס וויכטיקעס. זי איז אויפגערעגט. פון אירע אויגן לייען איך אַרויס אַ שטאַרקע אומרואיקייט. מיר גיט אַ קלאַפּ אין האַרצן. איז שוין ווידער עפּעס געשען? שטיל, אין איין אָטעם, וואַרפט די שכנטע פון זיך אַרויס די ווערטער:

— די שכנים פון הויז ריידן וועגן אַ רעוויזיע פון פּאָליציי, אָדער געשטאַפּאָ־אַגענטן. זיי זאָלן האָבן אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט אָנגעגעבן, אַז אויפן פערטן שטאָק באַהאַלטן זיך אויס יידן. —

אַ ווײלע בלייב איך אָן לשון.

— פון וואַנען שטאַמען די דאָזיקע ידיעות? — פרעג איך שוין אויך אַ צערודערטע. איך קוק בעת מעשה אויף דער שכנטע און עס

חידושט מיר אַ ביסל איר אויפגערעגטקייט. ווי קומט זי זיך אַזוי צו שרעקן?

די דאָזיקע פרוי האָט שוין לאַנג געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. מיר איז אויפפאַלנד געווען איר איינזאַמקייט, איר ווייכן פון די שכנים און איר שטילע סאָלידע האַלטונג, וואָס איז געווען שטאַרק אין קעגנזאַץ מיט אונדזער אַרום. איצט, זעענדיק באַשיימפּערלעך איר שרעק, איז מיר דורך אַ געדאַנק: זי מוז זיין אַ יידישע! עס איז זייער מעגלעך, אַז זי פאַרדעכטיקט אויך מיך אין זעלבן. ווייל ווען נישט, איז פאַרוואָס איז זי גראָד געלאָפן אָנזאָגן מיר די דאָזיקע ידיעה? אָבער מודה זיין זיך פאַר איר וועל איך נישט. בעסער גאָרנישט זאָגן וועגן זיך. די שכנטע רעדט ווייטער שנעל: אַ קריסטלעכע חברטע פון הויז האָט איר וועגן דעם דערציילט און זי האָט געהאַלטן פאַר נויטיק מיר עס צו זאָגן.

כ׳דאַנק איר און, אויפשליסנדיק די טיר, באַמערק איך הויך: —

— וואָס גייט עס מיך אַלץ אָן? זאָל אין הויז געשען, וואָס עס וויל, איך האָב זיך נישט וואָס צו שרעקן.

— „און איך אויך נישט. — האָט מיין שכנטע זיך אָנגערופן אַוועקגייענדיק צו זיך אין צימער אַריין.

כ׳בין אָבער אַ צייט געווען גאַנץ שטאַרק אומרואיק. צום גליק האָט גאָרנישט פּאַסירט. מיט דער שכנטע פלעג איך זעלטן ווען ריידן; ווען מיר פלעגן זיך צופעליק באַגעגענען אויף די טרעפּ, פלעגט זי מיך שווייגנדיק מיט אַ לייכטן שמייכעלע אויסמיידן. ערשט מיט עטלעכע מאָנאַטן שפּעטער, בעת דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד, האָט די פרוי זיך פאַר מיר מודה געווען, אַז זי איז אַ יידישע און האָט די גאַנצע צייט אויסבאַהאַלטן אין איר וואוינונג איר מאַן, דעם זון פון אַ באַקאַנטן וואַרשעווער שוך־סוחר טאַפּאַס. זי האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז אויך איך בין אַ יידיש־קינד, נאָר צוליב פאָרזיכטיקייט האָט זי נישט געוואָלט ווערן צופיל היימיש. „אַזוי האָט מען אַלעמען בעסער געקענט אָפּנאַרן" — האָט זי מיט סאַטיספאַקציע דערקלערט. פרוי טאַפּאַס מיטן מאַן געפינען זיך היינט אין אַמעריקע.

אָט אַזוי פלעגן די נערוון אומאויפהערלעך זיין אָנגעשטרענגט; מ׳האָט כסדר געמוזט זיין צוגעגרייט אויפצונעמען ווי געהעריק יעדע פרישע געשעעניש.

געווען אָבער אויך אין אונדזער חושכדיקן לעבן מאָמענטן, וואָס האָבן אַריינגעברענגט אַ ביסל דערמונטערונג. אין שפּעטן האַרבסט 1943 זיינען מיר, אַ קליינע גרופּע חברים, זיך צוזאַמענגעקומען, כדי סימבאָליש צו פייערן דעם יאָרטאָג פון גרינדונג פון „בונד". אין יענער צייט, ווען עס איז שוין פאַרשניטן געווען אַלץ, וואָס האָט אונדז פריער אַרומגערינגלט, איז דער דאָזיקער קליינער צוזאַמענטרעף געווען

בלויז אַ דערמאָנונג פון נעכטן. אַ דערמאָנונג פון אַ שפּרודלענדיקער לעבעדיקער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אין וועלכער מיר, די רעשט־לעך פאַרבליבענע זיינען אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן. און כאָטש דאָס אַלץ איז שוין אייגנטלעך געווען פאַרגאַנגענהייט, האָבן מיר אָבער געוואוסט, אַז ביים בלויזן דערמאָנען זיך וועלן מיר זיך אַליין אויך אַ ביסל שטאַרקן.

ביינאַכט, אויף מיאַדאָווע 24 אין אַ קליינעם צימער, ביי פאַר־האַנגענע פענצטער, ביי אַ טיש מיט רויטע בלומען זיינען געזעסן: י. צעלעמענסקי, בנימין מיענדזיזשעצקי, חיים עלנבויגן, חנהטשע ווערק־צווייג, פּערעלע עלנבויגן, זיגמונט איגלאַ, אינקע שווייגער, בראָנקע פיינמעסער און איך. אַ לאַנגע צייט האָבן מיר זיך שטום אָנגעקוקט און נישט געקענט אָנבינדן קיין געשפּרעך. ערשט עטלעכע שטילע ווערטער אַרויסגעזאָגטע פון צעלעקן, וואָס האָבן אונטערגעשטראָכן די סיבה פון אונדזער צוזאַמענקום, האָבן אַ ביסל אויפגעמונטערט די געמי־טער. גאַר שטיל, כמעט שעפּטשנדיק, מיט שטומע איבעררייסן האָט מען זיך אָנגעהויבן דערמאָנען אַנדערע צייטן. יענע טעג, ווען אַזעלכע פייערונגען פלעגן פאַרקומען אין גרויסע זאַלן מיט אַ ריזיקן פאַרזאַמלטן התלהבותדיקן אַרבעטער־עולם, מיט געזאַנג, מוזיק און מיט רויטע פלאַ־טערנדיקע שטורעם־פענער. היינט איז דאָס אַלץ נישטאָ. געבליבן איז נאָר אַ טיפער ווייטיק, אַ פאַרביטערטע טענה צו דער וועלט, וואָס האָט דאָס אַלץ געלאָזט אומברענגען. יאָ, מיר דאָ פאַרזאַמלטע ווייסן זייער גוט, אַז רעשטלעך פאַרבליבענע שמאַכטן אין די לאַגערן, אין די באַ־העלטענישן, אין די וועלדער. מעגלעך, אַז אויך זיי דערמאָנען זיך יענע אומפאַרגעסלעכע צייט.

— מיר שטעלן זיך שווייגנדיק אויף און מיט אַ הייליקן ציטער אין האַרצן הייבט מען שטיל אָן צו מורמלען די אַלטע בונדישע „שבועה". דוכט זיך, אַז נאָך קיינמאָל האָט אַ מורמלעריי אַזוי מיסטיש־הייליק נישט געקלונגען ווי אין אָט די דאָזיקע מינוטן . . .

טיף גערירט, מיט פייכטע גלאַנציקע אויגן זיינען מיר אַ לאַנגע ווײַלע שטום געבליבן שטיין. טאָקע די דאָזיקע שטילקייט האָט אָמ־בעסטן אויסגעדריקט אונדזער שטימונג. ס'זיינען אַדורך עטלעכע מינוט, — עמיצער האָט אָנגעהויבן מורמלען אַ מונטערן קאַמפּס־ליד. אַ ליד, וואָס דערמאָנט פרייהייט, שיינקייט, אַ ליד פול מיט האָפענונג. ס'איז געווען דאָס ליד „דעם מאָרגנרויט אַנטקעגן" — אונדזער יוגנט־הימן, וואָס מיר, די געוועזענע צוקונפטיסטן, פלעגן אַזוי אָפט פריידיק זינגען אויף יום־טובים, אויספלוגן, לאַגערן. כ'ווייס נישט צי די, וואָס האָבן דאָס ליד געמורמלט, האָבן טאַקע געגלויבט, אַז זיי וועלן דעם מאָרגן דערלעבן. אָבער פאַרט האָבן זיך די געמיטער אַ ביסל אויסגעלייטערט.

עס איז געוואָרן מונטערער אויפן האַרצן. ווער ווייס, אפשר וועט מען זיך פאָרט דערוואַרטן, אפשר?

מיר האָבן נאָך אַ ביסל פאַרבראַכט, זינגנדיק נאָך אַנדערע לידער. האַרט פאַר דער פאָליציי־שעה איז מען זיך איינציקווייז, פאָרזיכטיק פאַנאַנדערגעגאַנגען.

אַ צווייטער יום־טובדיקער צוזאַמענטרעף, וואָס מיט דער דערינערונג פון אים האָב איך אַ לאַנגע צייט געלעבט, איז געווען אין טאָג פון ערשטן מאַי, יאָר 1944. דער בונדישער אונטערערדישער צ. ק. אויף דער אַרישער זייט האָט באַשלאָסן סימבאָליש צו פייערן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־יום־טוב, דעם ערשטן מאַי. אין אייניקע געהיימע וואוינונגען זיינען זיך צוזאַמענגעקומען קליינע גרופּקעלעך בונדיסטן, ס׳רוב אַזעלכע, וואָס האָבן פריי זיך געקענט באַוועגן אין גאַס. איך בין געווען צוגעטיילט צו דער גרופּע, וואָס האָט זיך געזאָלט צוזאַמענקומען אויף דער גאַס „שוסטעגאָ שיערפּניא״ ביים ח׳ וואַצעק ליימקראַן אין שטוב. דאָרטן האָב איך געטראָפן וואַצעקן, ער איז געלעגן קראַנק אין בעט, זיין פרוי רוזשקע, ח׳ מיקאָליי (ל. פיינער), ח׳טע העלענע שעפּנער, ח׳טע רוזשקע קלעפּפיש. צוזאַמען זיינען מיר געווען 7 מאַן (די זיבעטע פערזאָן האָב איך, ליידער פאַרגעסן). ביי אַ געדעקטן טיש, באַצירט מיט בלומען, איז מען געזעסן און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צום פּאָליטישן איבערבליק, וואָס עס האָט אונדז פאָרגעבראַכט ח׳ מיקאָליי. עס זיינען איבערגעשיקט געוואָרן גרוסן צו אַלע אַרבעטער פון דער וועלט, וואָס קעמפן פאַר פרייהייט, קודם כל צו אונדזערע ברידער אין די לאַגערן, וועלדער און בונקערס. די גרוסן זיינען געווען פול מיט גלויבן און האָפענונג, אַז מיר, די רעשטלעך, וועלן סוף כל סוף דערלעבן צו זען די מפּלה פון אונדזער בעסטיאַלישן שונא. מיר וועלן נקמה נעמען פאַר דעם פאַרברעכן, וואָס איז לגבי אונדז באַגאַנגען געוואָרן און מיר וועלן זיך ווייטער עקשנותדיק באַטייליקן אין קאַמף פאַר אַ גערעכטער יושרדיקער וועלט, פאַר אַ סאָציאַליסטישן מאָרגן...

אין אַ געהויבענער פייערלעכער שטימונג זיינען מיר זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

צום סאַמע סוף וויל איך נאָך דערמאָנען נאָך איין צוזאַמענטרעף, וואָס האָט זיך אַ ביסל אונטערשיידט פון די פריערדיקע און וואָס איז געווען אַן אויסנאַם פון אונדזער אָנגענומענער קאָנספּיראַציע.

אין דער דאָזיקער צייט פלעג איך גאַנץ אָפט קומען צו מיין בלומרשטער מוטער, צו דער פרוי אַננע וואָנכאַלסקא אויף קאָשאָנאָווסקעגאָ 44. אַננע וואָנכאַלסקא, אַן אַלמנה, האָט געוואוינט צוזאַמען מיט איר שוועסטער מאַריא סאַוויצקא. ביידע פרויען זיינען געווען אונדזערע איבערגעגעבענע מיטאַרבעטער. ביידע האָבן אויך געהאָט

אַ שייכות צו דער פּוילישער סאָציאַליסטישער אונטערערדישער אָרגאַ־ניזאַציע. מאַרישע סאַוויצקאַ איז אַפילו געווען אַ פאַרשפּרייטערין פון דער אומלעגאַלער פּוילישער פּרעסע. די צוויי קריסטינס האָבן ביי זיך אויסבאַהאַלטן צוויי יידישע קינדער זאָשקע רובאַק, דרייצן יאָר אַלט, און קאַזשיק ראַטהייזערס זיבן־יאָריק שוועסטערל.

אין דער דאַזיקער וואוינונג פלעגן קומען אַ סך פאַרשטעלטע יידן. אַזוי האָב איך דאָרטן געטראָפן באַשע בערמאַן, די פרוי פון ד״ר בערמאַן. פרוי בערמאַן איז געווען אַ טיכטיקע טוערין אין דער הילפס־אַרבעט. זי פלעגט קומען ספּעציעל צו זאָשקען. כ׳פלעג דאָרטן אויך באַגעגענען אַנטעקן, קאַזשיקן און נאָך אַנדערע. ביידע שוועסטער האָבן זיך זייער שטאַרק צוזאַמענגעלעבט מיט זייערע יידישע פריינד. זיי פלעגן יעדן איינעם האַרציק אויפנעמען, זיך אינטערעסירן מיט אונדזערע שוועריקייטן און ווי ווייט מעגלעך אונדז אַרויסהעלפן אין דער אַרבעט. אויך צו מיר האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ וואַרעמע פאַראינטערעסירונג. כדי מיר צו פאַרשאַפן אַ ביסל פרייד, האָט די פרוי אַננע מיר צוגערעדט כ׳זאָל מאַכן אַ פרייען צוזאַמענטרעף, פאַרוועגן „אימענינעס״ אין טאָג פון הייליקן סטאַניסלאַוו. (איך האָב דאָך דאַן געהייסן „סטאַניסלאַווא״). זי האָט מיר דערלויבט צו פאַרבעטן אין איר וואוינונג מיינע יידישע פריינד און אַליין האָט זי צוגעזאָגט זיך צו פאַרנעמען מיט אַלע צוגרייטונגען.

כ׳מוז מודה זיין, אַז כ׳בין געווען גערירט פון דעם דאָזיקן פאָר־שלאָג. שטענדיק פלעגן מיר דאָך דאַרפן אַרומלויפן צו עטלעכע קריסטן ביז מען האָט אויסגעפונען אַן אָרט, וואו אַ קליינע צאָל „אַרישע״ יידן זאָלן זיך קענען צוזאַמענטרעפן אויף אַ זיצונג. און דאָ האָט די שטענ־דיק אַזוי אָפּגעהיטענע און קאָנספּיראַטיווע אַננע זיך געלאָזט אויף אַזאַ ריזיקע.

כאָטש אַזאַ מין צוזאַמענטרעף איז געווען געפערלעך און קעגן יעטווידער קאָנספּיראַציע, האָב איך אָבער נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון. עס האָט זיך דאָך אַזוי געבענקט נאָך נאָענטע מענטשן! עס האָט זיך שטאַרק געוואָלט זיין צוזאַמען אין אַ גרופּע אייגענע חברים, זען נאָענטע באַקאַנטע פּנימער און האָבן כאָטש אויף אַ קורצער צייט דאָס געפיל, אַז מען איז נישט אַליין. עס ווילט זיך כאָטש אויף אַ קורצער ווײַלע נאָכלאָזן די נערוון און ווערן אַזוי ווי אַמאָל!

כ׳האָב צוואויסן געגעבן מיינע נאָענטע חברים און אַלע האָבן מיט צופרידנקייט צוגעזאָגט צו קומען. דעם 8טן מאַי נאָך מיטאָג האָבן אין דער וואוינונג פון אַננע וואַנכאַלסקאַ אָנגעהויבן זיך זאַמלען יידישע געסט. עס זיינען געקומען: בנימין מיענדזשישעצקי, צעלעמענסקי, אינקע שוויגער, בראָנקע פיינמעסער, בערנאַרד גאָלדשטיין, חיים עלנ־בויגן, זיין פרוי חנהטשע, פּערעלע עלנבויגן, רוזשקע קלעפּפיש (אלמנה

פון מיכאל קלעפפיש), בעלע שלאָסבערג, יולעק פישגרונד (ה׳ פיש־גרונדס זון) „זאַשקע" קרישע זלאָטאָווסקא און „קרישע".

דאָס ערשטע מאָל, ווי אַזאַ גרויסער יידישער עולם איז זיך צונויפ־געקומען נישט צוליב אָרגאַניזאַציאָנעלער נויטווענדיקייט. טראָץ דער יום־טובדיקייט, וואָס האָט געהערשט, איז פון אָנהייב די שטימונג געווען אַ געדריקטע. שווער געווען זיך צוצוגעוואוינען, אַז מען איז טאַקע אין קרייז פון אייגענע נאָענטע חברים. ביסלעכווייז האָבן זיך אָבער די צינגער אויפגעבונדן און חברה איז טומלדיק געוואָרן. מען האָט געכאַפּט אַ כוסה און מען האָט זיך צעוואָרעמט. ס׳איז געוואָרן פריילעך, אייניקע האָבן זיך צעזונגען אַזוי ווי אויף יום־טובים. דאָך האָט מען פון די צעשמייכלטע געזיכטער אָראָפּגעלייענט אַ טרויער, וואָס יעדער האָט זיך באַמיט צו באַהאַלטן. די פריילעכסטע, די, וועלכע האָבן אַממערסטן געלאַכט און זיך געוויצלט, פלעגן פלוצלונג אָן פאַרוואָס אויף אייניקע מינוטן פאַרשוויגן ווערן און זיך וועגן עפּעס פאַרטראַכטן.

— עפּעס אייער גאַנצע לוסטיקייט איז אַ מאָדנע, ס׳איז גאָר קיין פרייד נישט, — האָט מיר אַננע געמאַכט אַ באַמערקונג. איך האָב זי גוט פאַרשטאַנען, ווייל אָט בין איך אַליין געווען צופרידן, פּשוט גליקלעך, וואָס עס האָבן זיך צוזאַמענגענומען אַזוי פיל נאָענטע חברים, און דאָך האָט זיך אין מיר געוועקט עפּעס אַ שטאַרקער אומעט, אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט. „טאַקע ווייל ס׳איז אַזוי פריילעך, ווערט נאָך מער אומעטיקער און נאָך ערגער" — האָט זיך איינע פון די פאַר־זאַמלטע שטיל אָנגערופן.

עס האָט זיך מיר איצט שטאַרק געוואָלט טיילן מיט די אַנוועזנדיקע מיט מיינע אייגענע שטימונגען און געדאַנקען. מיר האָט זיך עפּעס געדוכט, אַז אַלע פאַרזאַמלטע פילן דאָס זעלבע. כ׳האָב פאָרגעלייענט אַ בריוו, וואָס כ׳האָב אָנגעשריבן צום דאָזיקן היימישן צוזאַמענטרעף. אין דער יידישער שפּראַך, האָב איך די חברים פון יענער זייט ים אין קורצן דערציילט וועגן אונדזערע איבערלעבונגען, וועגן אונדזער געראַנגל, וועגן דעם אַזוי שטאַרקן ווילן צום לעבן און וועגן גרויסן ווייטיק, וואָס פילט אויס די גאַנצע נשמה. אין זכרון זיינען מיר פאַר־בליבן די לעצטע צוויי שורות פון בריוו: „מיר שיקן אייך איבער, טייערע חברים, האַרציקע גרוסן פון אַ געהיימען צוזאַמענטרעף אויף דער אַרי־שער זייט. ווער ווייס, צי מיר וועלן זיך אַמאָל זען? זייט אָבער וויסן, אַז אין די שווערסטע מינוטן, אין אָנבליק פון כסדר דרייענדיקן טויט, באַמיט מען זיך צו בלייבן מענטשן." — אַ קורצע שטימונג־זאַך, וואָס איז קיינמאָל נישט אַרויסגעשיקט געוואָרן.

ס׳איז מיר שווער צו זאָגן ווי ווייט דער דאָזיקער בריוו האָט אַנט־שפּראָכן דער שטימונג פון די אָנוועזנדיקע. כ׳ווייס בלויז אַז אַ לאַנגע

ווײַלע האָט צווישן עולם געהערשט אַ שטילקייט. מיט געדעמפּטע שטי־מען האָט מען אָנגעהויבן שטיל צו זינגען אַלטע יידישע ניגונים. זינגען מיט ווערטער האָט מען מורא געהאַט — די שכנים זאָלן נישט הערן. אייניקע האָבן אָנגעהויבן שעפּטשען יידישע זאַצן, אַנדערע — דערציילן אייגענע איבערלעבונגען. מען איז אויף אַ קורצער צייט צוריק אַרײַן אין דער אייגענער הויט. דאָס זיינען געווען אומפאַרגעסלעכע שעה'ן וואָס האָבן אין אונדזער לעבן אַרײַנגעבראַכט וואַרעמקייט, יום־טובדיקייט און דער־הויבונג.

## קאַפּיטל פּערציק

# הילף אין די לאַגערן — טשענסטאָכאָוו

נאָר אין אייניקע שטעט פון פּוילן האָבן דייטשן איבערגעלאָזן צו ביסלעך ייִדן. די פאַרבליבענע זיינען געווען איזאָלירט אין ספּעציעלע לאַגערן, וואו זיי האָבן געמוזט ביי די שווידערלעכסטע באַדינגונגען אַרבעטן פאַר דער דייטשישער קריגס־פּראָדוקציע.

דער אומלעגאַלער ייִדישער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט האָט געפּרוווט אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט אָט די רעשטלעך ייִדן און זיך באַמיט זיי צו שיקן הילף. עס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן איבערן לאַנד ספּעציעלע ייִדישע און קריסטלעכע קוריערן, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צונויפצונעמען וואָס מער ידיעות פון ייִדישן לאַגער־לעבן און געפינען וועגן, דורך וועלכע די הילף וואָלט געקענט אַריינגעשמוגלט ווערן.

אין די דאָזיקע פאַראַנטוואָרטלעכע שליחותן זיינען געפאָרן צווישן אַנדערע: אינקע שווייגער, „אירקע", „וואַנדע" אָליע מאַרגאָליס און זאָשקע, — יונגע אַריש־אויסזעענדיקע ייִדישע מיידלעך.

מיר האָט מען איבערגעגעבן צו פּרוּוון איינצושטעלן אַ קאָנטאַקט מיט די פאַרבליבענע ייִדן פון טשענסטאָכאָוו. כ'האָב באַקומען געלט און בריוו צו די חברים: מאָטל קושניר און לייב ברענער, געוועזענע בונדישע טוער, וואָס האָבן געאַרבעט אין די דייטשישע פאַבריקן אויף פּעלצערי און ראקוואוו.

די רייזע קיין טשענסטאָכאָוו איז אַדורך בשלום. גלייך פון דער באַן האָב איך זיך געלאָזט אויף דעם איינציקן קריסטלעכן אַדרעס, וואָס עס האָבן מיר געגעבן מיינע באַקאַנטע טשענסטאָכאָווער געטאָ־קעמפער, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין קאָניעצפּאָל. אין אַן אַרבעטער־קאָלאָניע הינטער ראקוואוו האָט געוואוינט אַן עלטערער קריסטלעכער פאַבריק־אַרבעטער (דעם נאָמען האָב איך ליידער פאַרגעסן), וואָס האָט מיר באַדאַרפט העלפן איינצושטעלן דעם נויטיקן קאָנטאַקט. ער האָט מיך נישט פריינדלעך אויפגענומען. — יאָ, ס'איז אמת, אַז מיט אַ צייט צוריק האָט ער געהאָלפן ייִדן, אָבער היינט וועט ער עס נישט טאָן, ער האָט מורא. דערביי האָט ער גלייך באַמערקט, אַז ביי אים אין שטוב איז זייער ענג

און ער איז נישט אימשטאַנד אויפצונעמען קיין געסט. אַ גאַנץ קלאָרע אָנצוהערעניש, אַז כ׳זאָל זיך אָפּטראָגן. איך פּרואוו דעם אַלטן געווינען דורך צוזאָגן אים געלט פאַר דער טירחה. ניין, ער וויל פון גאָרנישט הערן. זיינע שכנים און אויך די פאַבריקס־חברים האָבן אויף אים אַן אויג און ער וויל נישט ריזיקירן. ער עצהט מיר אַליין צוצוגיין צום פאַבריקס־טויער אויף ראקואוו. דאָרטן וואוינען און אַרבעטן די יידן צוזאַמען מיט קריסטלעכע אַרבעטער, כ׳קען עמיצן פון די קריסטן בעטן, מען זאָל פון מיר נעמען אַ בריוול; ער גופא וועט עס בשום אופן נישט טאָן.

עס האָט נישט געהאָלפן מיין בעטן. דער קריסט איז געבליבן איינגעעקשנט. כ׳בין אַוועק מיט גאָרנישט.

כ׳לאָז זיך אַליין צום פאַבריקס־טויער. אפשר וועט מיר פּאָרט עפּעס געלינגען. אַ לאַנגע בלאָטיקע גאַס פירט צו דער באַן־סטאַציע אויף ראקואוו. אַז מען קומט אָן פון שטאָט, זעט מען פון לינקס אַ גרויסן פאַרצוימטן שטח מיט הויכע אַרויסטאַרטשנדיקע קוימענס. דאָרטן איז די דייטשישע פאַבריק, וואו עס געפינען זיך די יידן. איך דריי זיך אַרום פאַרן טויער. דייטשישע ווערק־שוץ שטייען ביים אַריינגאַנג און רעווי־דירן יעדן אַריינגייענדיקן אָדער אַרויסגייענדיקן קריסטלעכן אַרבעטער. קיין שום יידן זע איך נישט. זיי מוזן, ווייזט אויס, זיין טיפער אויפן פאַבריק־שטח. אַריינגיין אָן אַ דערלויבעניש איז אוממעגלעך. כ׳פּרואוו פאַרהאַלטן אייניקע אַרבעטער, וואָס זיינען נאָר וואָס אַרויס פון דער פאַבריק. כ׳בעט זיי זאָלן פאַר אַן אָפּצאָל באַזאָרגן צו עמיצן פון דער פאַבריק אַ בריוועלע. דערביי טראַכט איך: צוערשט וועל איך אַליין אָנשרייבן עטלעכע ווערטער, ווען עס וועט קומען אַן ענטפער און ס׳וועט שוין זיין אַ קאָנטאַקט, וועל איך ערשט דאַן אָנפאַרטרויען די בריוו פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט און געלט. סוף־כל־ סוף האָט אַן עלטערער פּוי־לישער אַרבעטער, איינגעשטימט צו נעמען פון מיר אַ בריוול. אויפן אָרט שרייב איך אָן עטלעכע ווערטער און אַדרעסיר צום חבר קושניעזש. דער נאָמען קושניעזש קלינגט פּויליש לעך. דאָך באַטאָן איך, אַז וועגן דעם מענטשן קען מען אויסגעפינען נאָר ביי יידן. דער קריסט פרעגט נישט קיין סך. ער שטויסט זיך מסתמא עפּעס אָן. ער באַמערקט נאָר, איך זאָל שרייבן פּאָרזיכטיק, טאָמער וועט עפּעס פּאַסירן זאָל ער נישט האָבן קיין אומאַנגענעמלעכקייטן. נאָך אַן ענטפער דאַרף איך קומען צו־מאָרגנס אויפן זעלביקן אָרט און אין דער זעלביקער צייט.

איצט מוז איך וואַרטן. כ׳האָב זיך נישט וואו אַהינצוטאָן, וואו אַריינצוגיין און די נאַכט איבערצושלאָפן. קיין האָטעלן פאַר ציווילע פּאָליאַקן זיינען אין שטאָט נישטאָ. דרייען זיך אויף דער גאַס איז אַ מורא. עס קומען פאָר דייטשישע „לאַפּאַנקעס" און מען קען אומגעריכט

אַריינפאַלן. אויפן וואָקזאַל קען מען זיך אויך ריכטן אויף אַ דייטשישער קאָנטראָל. עס בלייבט מיר איין אויסוועג, זוכן ערגעץ אַן אכסניה. פון די הענדלער, מיט וועלכע איך בין געפאָרן אין באַן האָב איך זיך דערוואוסט, אַז קעגנאיבער דעם באַנהויף זיינען פאַראַן די אָרעמע קריסטן־דירות, וואו עס שלאָפן שמוגלערס פון פרעמדע שטעט. עס געלינגט מיר צו דערוויסן זיך איין אַזאַ אַדרעס. אין אַ שמוציק צימער, אויסגעלייגט אויף שטרוי־זעק ליגן אין אָנטועכץ ביי אַ פופצן מענער, פרויען און כראָפּן. די באַלעבאָסטע, אַן עלטערע קראַנקע קריסטין, דערקלערט מיר, אַז זי וועט ערשט האָבן אַן אָרט צום שלאָפן ביינאַכט, נאָך דער פאָליציי־שעה. גלייכצייטיק וואָרנט זי מיך פאַר גניבות. קוים וועט מיר עפּעס פעלן, זאָל איך נישט האָבן קיין טענות. בעסער וועט זיין, אַז כ׳וועל שלאָפן אין אָנטועכץ. פאַרן פאַרמאַכן די טיר עצהט זי מיר נאָך, אַז אויב איך האָב צייט, זאָל איך גיין באַקוקן זייער „יאסנא גורא". דער פּלאַן איז אַ גוטער. סיי ווי האָב איך נישט וואו צו גיין. איך איל אַהין מיט איין געדאַנק — אָפּרוען זיך!

אויף יאסנא גורא שטייט דער באַרימטער קאַטוילישער קלויסטער פון דער הייליקער מוטער. פאַרן קריג פלעגט דאָס דאָזיקע אָרט צוציען צו זיך טויזנטער פרומע קאַטאָליקן און סתם טוריסטן. וועגן דער רייכקייט פון קלויסטער, און וועגן די פאַרשיידענע געטלעכע נסים, וואָס פאַרלויפן זיך דאָרטן, פלעגט מען זיך אָנדערציילן וואונדער איבער וואונדער. און אָט בין איך אין קלויסטער. ס׳איז טונקל, ווייניק מענטשן. דאָ, אין דער געדעמפטער שטילקייט, וואו אַלץ איז אַזוי רואיק, דערפיל איך נאָך שטאַרקער, ווי מיד כ׳בין. אַ גאַנצע נאַכט געפאָרן מיט דער באַן, נישט געשלאָפן, כסדר אויף די פיס. איך זוך מיט די אויגן, וואו זיך אַוועקצוזעצן. עס גייען מיר נישט אָן די גרויסע מאַלערייען. כ׳קוק אויף די בילדער און זע זיי נישט. כ׳שטעל זיך אָפּ ביי פאַרשיידענע שניצרייען און אַנטיקן און דאָס אינטערעסירט מיך נישט. איך שלעפּ זיך נאָך אַ מידע נאָך אַ גרופּע קריסטן, וואָס באַקוקן, פונקט ווי איך, דעם קלויסטער און איך הער אפילו נישט די אויפקלערונגען פון דעם גרופּן־פירער. כ׳בין גלייכגילטיק צום גאַנצן רחבותדיקן אַרום. אָפּרוען זיך! — דאָס איז איצט מיין איינציקער פאַרלאַנג. ענדלעך — געפונען אַ ווינקעלע. קיינער לייגט נישט קיין אַכט אויף מיר. דאָ איז מען געוואוינט צו אַלערליי באַזוכער, אַפילו צו אַזעלכע, וואָס זאָגן נישט קיין תפילות.

איך פיל זיך גאַנץ זיכער צווישן די הייליקע אַנטיקן. נישטאָ קיין דייטשישע זשאַנדאַרמען, נישטאָ קיין דורכדרינגלעכע עקבערנדיקע אויגן, — נאָר עפּעס אַן אומעטיקע שטילקייט, וואָס וויגט איין דאָס געמיט. — אויף „יאסנע גורא" פלעג איך טאַקע פון דאַן אָן פאַרברענגען דעם גרעסטן טייל פון מיין פרייער צייט. אין יענע ערשטע טעג, ווען איך

האָב אין טשענסטאָכאָוו געזוכט אַ קאָנטאַקט, איז דער קלויסטער געווען מיין איינציקער זיכערער מקום.

פון דער פאַרבינדונג מיטן פרעמדן קריסט, וואָס כ'האָב פאַר־האַלטן ביי דעם פאַבריק־טויער, האָט זיך נאָך צוויי טעג וואָרטן גאָר־נישט אויסגעלאָזט. ער האָט נישט געקענט געפינען די נעמען, וואָס זיינען מיר נויטיק געווען. כ'האָב ווייטער פרובירט פאַרהאַלטן קריסט־לעכע פאַבריק־אַרבעטער אָבער אָן דערפאָלג. נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָב איך צוריק אָנגעהויבן צו לויפן צום קריסט אויף ראַקואָוו. ער מוז מיר אַרויסהעלפן. דאָס איז געווען דער איינציקער וועג, וואָס איז מיר פאַרבליבן. איך האָב מיט אים כסדר איינגעטענה'ט, געבעטן, דער־קלערט די וויכטיקייט פון זיין מיטהילף און כ'האָב סוף־כל־סוף גע־פועלט. קיין שלעכטער איז ער נישט געווען, ער האָט ביי מיר פאַרט גענומען דעם בריוו פון קאָאָרדינירן־קאָמיטעט. אמת, ווי ער האָט אַליין געזאָגט, האָט ער עס געטאָן בלויז כדי זיך פון מיר אָפּצוטשעפּן. מער וועט ער מיט מיר קיין יידישע געשעפטן נישט מאַכן! איך מוז זיך עס גוט אריינגעמען אין זינען...

דערווייל בין איך אָבער צופרידן. אפשר וועט דאָס מאָל שוין געלינגען? וועט זיך דעם קריסט איינגעבן איבערצוגעבן דעם בריוו אין די ריכטיקע הענט אָדער נישט? — אַ נישט אויסגעשלאָפענע, אַ שמור־ציקע אין די נישט געטוישטע קליידער, וואַרט איך מיט אומגעדולד אויף דעם קריסטס ענטפער.

עס זיינען אַדורך נייע צוויי טעג. כ'זיץ פול מיט אומרו אין שטי־בעלע אויף ראַקואָוו און וואַרט. היינט נאָך דער אַרבעט דאַרף דער באַלע־באָס ברענגען אַן ענטפער. דער אַלטער קומט אַריין. ער איז אויפגע־רעגט. גלייך נאָכן באַגריסן זיך, דערציילט ער, אַז ער איז היינט שיער נישט דורכגעפאַלן. אַ דייטשישער ווערק־שוץ האָט אים באַמערקט שמועסנדיק מיט אַ יידן. אַ נס, וואָס אין דעם זעלביקן מאָמענט האָט מען דעם ווערק־שוץ אָוועקגערופן.

— אָבער אַן ענטפער האָט איר געברענגט? קען איך שוין נישט איינהאַלטן מיין נייגעריקייט.

ער קוקט מיך ברוגזלעך אָן:

— יאָ, כ'האָב געברענגט. אָבער מיט דעם ענדיקט זיך עס!

איך האַלט דאָס קליינע שטיקל פּאַפּיר, דאָס בריוועלע אין האַנט. איז עס טאַקע פון די יידן? יאָ, איך געדענק נאָך היינט די עטלעכע קורצע זאַצן פון דעם בריוול. די יידן האָבן קוים געגלייבט, אַז עס איז אַן אמת. זיי זיינען איבערגליקלעך, וואָס זיי זיינען נישט פאַרגעסן געוואָרן. די אויסגעשטרעקטע האַנט פון וואַרשעווער הילפס־קאָמיטעט גיט זיי צו מוט און האָפענונג אין זייער שווערער לאַגע. דער בריוו וועט דער־

גיין צו די חברים קושניר און ברענער. מען וועט זיך מיט זיי פּאַר־שטענדיקן און אַלץ אָרגאַניזירן. אונטערגעשריבן איז געווען „יאַצעק" — אַ פּסעוודאָנים פון אַ יונגן ציוניסט פון דער פאַבריק אין ראַקואָוו, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט דער גרופּע טשענסטאָכאָווער געטאָ־קעמפער אין קאָניעצפּאָל און שוין געוואוסט וועגן דער הילף, וואָס יענע באַקומען. עס איז אָנגעגעבן געוואָרן אַן אַדרעס פון אַ פּוילישן פאַבריק־אַרבעטער יאַן ברוסט, וואָס דורך אים קאָן מען זיך שטעלן אין פאַר־בינדונג.

דער ערשטער קאָנטאַקט איז געמאַכט געוואָרן! איצט דאַרף מען צוריק פאָרן נאָך וואַרשע איבערגעבן די פריידיקע נייעס און וואַרטן אויף ווייטערדיקע אָנווייזונגען.



אַ פראַגמענט פון דער פאַבריק „האסאג" אין טשענסטעכאָוו, וואו עס האָבן געאַרבעט ייִדן, וואָס זיינען געשטאַנען אין פאַר־בינדונג מיט דעם יידישן קאָאָרדינער קאָמיטעט.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך צוריק געקומען קיין טשענסטאָכאָוו. ווידער מיט בריוו און געלט. דאָס מאָל בין איך גלייך אַוועק צו יאַן ברוסט, וואָס האָט אויך געאַרבעט אין דער פאַבריק אויף ראַקואָוו און געוואוינט נישט ווייט פון זיין אַרבעטס־פּלאַץ. יאַן ברוסט האָט מיך דערוואַרט. ער האָט מיך אויפגענומען מיט דער גרעסטער גאַסט־פריינדלעכקייט. איך האָב ביי אים אין שטוב געגעסן, גענעכטיקט און געוואַרט אויף ענטפערס אויף די אַריינגעשמוגלטע בריוו. יאַן ברוסט איז געווען אַ פאַבריקס־מייסטער. געאַרבעט צוזאַמען מיט יידן. ווען ער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט, פלעגט ער אַריינשמוגלען געלט און בריוו. ווען ער פלעגט זיך אומקערן, פלעגט ער כמעט שטענדיק ברענגען אַן ענטפער. אַ רעגולערער און שטענדיקער קאָנטאַקט איז געוואָרן אַוועק־

געשטעלט. יעדע פאַר וואָכן פלעג איך קומען צום קריסט מיט געלטער און פרישע אָנווייזונגען פון וואַרשע. אין לאַגער איז אַ דאַנק אונדזער אויסערלעכער הילף און אָנווייזונגען, אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אומלעגאַלער הילפס־קאָמיטעט, מיט פאָרשטייער פון אַלע פאָליטישע ריכטונגען, „בונד”, ציוניסטן און קאָמוניסטן, וואָס האָט געפּרוּווט, ווי ווייט מעגלעך לינדערן די נויט פון די דאָרטיקע יידן. אמת, דער קריסט האָט געקראָגן גוט באַצאָלט פאַר יעדן דורכגעשמוגלטן בריוו, אָדער פעקל געלט, אָבער זיין סאָלידער מענטשלעכער צוגאַנג און זיין באַהאַנדלונג האָבן אַלץ איבערגעוואויגן.

פון די אַרויסבאַקומענע בריוו און פון די דערציילונגען פון קריסט האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אין טשענסטאָכאָוו האָבן זיך דאַן געפונען אַרום 3,000 יידן. זיי האָבן געאַרבעט און געוואוינט אין די פאַבריקן, פעלצערי אין ראקואוו. זיי פלעגן אַרבעטן שיכטנווייז בייטאָג און ביינאַכט ביי די שווערסטע און געפערלעכסטע אַרבעטן.

די גרויסע פלאָג אין די פאַבריקן זיינען געווען די „סעלעקציעס”. אָפט פלעגן די דייטשן מאַכן אָפּקלייבונגען פון יידישע אַרבעטער, אויף אַרויסצופירן אין אַנדערע לאַגערן. אויף צו פאַרהיטן זיך פון אַזעלכע אַרויספירונגען, וואָס האָבן שטענדיק געדראָט מיט אומקום, האָבן יידן געבויט אויפן פאַבריק־שטח אונטער דער ערד בונקערס וואָס האָבן זיי געניצט אַלס באַהעלטענישן.

גאָר שוידערלעך איז געווען מיט דער דערנערונג. כדי כאָטש אַ ביסל צו שטילן דעם הונגער, פלעגן די יידן פאַרקויפן פון זיך די קליידער צו זייערע קריסטלעכע מיטאַרבעטער און פאַר דעם באַקומענעם געלט פלעגן זיי אין געהיים איינקויפן אַריינגעשמוגלט עסנוואַרג פאַר זייער הויכע פרייזן. אין גאַנצן הילפלאָז איז מען געווען קעגן די דייטשישע רעוויזיעס, וואָס האָבן זיך אַממערסטן אָפט איבערגעחזרט אין דער פאַבריק אין ראקואוו. ביי די רעוויזיעס האָבן די יידן זיך געמוזט אויסטאָן אינגאַנצן באַקעט. די דייטשן פלעגן זייער אויפמערקזאַם אויסטרייסלען יעדע שטיקל וועש, זוכן אין די קליידער, אין די באַראַקן אונטער די געלעגערס. טאָמער האָט מען געפונען געלט אָדער אַן אַריינגעשמוגלט שטיקל ברויט, איז עס נישט בלויז געוואָרן צוגענומען, נאָר דער ייד האָט נאָך באַקומען געשלאָגן ביז בלוט. אין אַזעלכע פאַלן זיינען געווען פיל קרבנות.

נישט איינמאָל זיינען אונדזערע אַריינגעשמוגלטע געלטער געווען אין געפאַר געפונען צו ווערן. די גרויסע קאָנספּיראַציע און שטאַרקע פאָרזיכטיקייט האָבן אָבער פאַרהיטן פון דורכפאַלן. די באַקומענע געלטער פלעגן אויף אַ שטרענגען און געהיימען אופן פונאַנדערגעטיילט ווערן צו די נויט־באַדערפטיקע. אָפט האָבן די יידן נישט געהאַט קיין אנונג, אַז די הילף קומט פון אַן אָרגאַניזירטן קאָמיטעט און אוודאי האָבן זיי

נישט געוואוסט, אַז דאָס שטאַמט פון דרויסן. גאָר פיל האָט מען געזאָרגט פאַר דער קליינינקער צאָל לעבנגעבליבענע קינדערלעך, וואָס האָבן זיך געפונען אין לאַגער, און פאַר די קראַנקע. פאַר זיי איז געגעבן געוואָרן צוגאָב־דערנערונג און פאַר זיי האָט מען אויך אַריינגעשמוגלט די נויטיקע מעדיקאַמענטן. מיר איז אויך געלונגען אַריינצושמוגלען אומלעגאַלע פּויל־ישע צייטונגען און דעם אומלעגאַלן בונדישן ביולעטין געווידמעט דעם טויט פון ח׳ אַרטור זיגלבוים. אַזוי האָט מען אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און הילף פון וואַרשעע אָרגאַניזירט אונטערן נאָז פון דייטש אַ פאַר־צווייגטע געהיימע הילפס־טעטיקייט.

שפּעטער האָבן פון די רעשטלעך יידן אין טשענסטאָכאָוו אָנגעהויבן אָנקומען נייע ווענדונגען. דער געהיימער יידישער קאָמיטעט אין טשענ־סטאָכאָוו האָט אָנגעהויבן אַרויסשיקן בריוו, אַז די יידן פון לאַגער ווילן זיך באַוואָפענען. אויב מען וועט זיי וועלן אומברענגען, וועלן זיי זיך אַנטקעגנשטעלן מיט געווער אין האַנט: „מיר ווילן קעמפן אַזוי ווי אונדזערע ברידער אין וואַרשעווער געטאָ", האָבן זיי געשריבן צו אונדז אין די בריוו. „באַמיט זיך וועגן רעוואָלווערן, גראַנאַטן". אָט דער דראַנג איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן, ווען עס איז דערגאַנגען צו זיי די ידיעה וועגן דער פאַרניכטונג פון די יידן אין די לאַגערן אין פּאָניאַ־טואָוו און טראַווניקי.

יידער האָבן אונדזערע באַמיאונגען און אָנשטרענגונגען אויף צו באַוואָפענען די לאַגער־יידן קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן נישט געגעבן. מיר האָבן נישט געפונען קיין וועגן אויף אַריינצושמוגלען געווער. מיר האָבן זיך געמוזט באַגרענעצן מיט געלט־הילף און מעדיקאַמענטן. אין אונדזער אַרבעט איז דערווייל געשען אַן אומגליק. אונדזער קריסטלע־כער פאַרטרויאונגס־מאַן יאַן ברוסט איז בעת אַ קאָנטראָל שווער פאַר־וואונדעט געוואָרן דורך אַ דייטשישן ווערק־שוץ. די יידן אין פאַבריק האָבן מיט אַלע מיטלען געפּרוווט ראַטעווען דעם אָרנטלעכן און איידעלן קריסטלעכן מיטאַרבעטער. זיי האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין מי, קיין געלט. אָבער צו אונדזער גרעסטן ווייטיק איז ברוסט געשטאָרבן. מיר האָבן טיף באַדויערט דעם טויט פון דעם דאָזיקן איידעלן פריינד, וואָס האָט צו אונדז אַרויסגעוויזן אַזוי פיל מענטשלעכקייט.

מיר האָבן ערנסט מורא געהאַט, אַז דער גוט איינגעשטעלטער קאָנטאַקט מיט די יידן, וועט זיך דאָס מאָל איבעררייסן. צום גליק איז אַזוי נישט געשען. נאָך אַ קורצער צייט האָבן מיר געפונען אַ צווייטן פאַרטרויאונגס־מאַן. דאָס איז געווען דער אַרבעטער מענדזשעץ פון דער פאַבריק פּעלצערי. ער האָט געוואוינט אויף טאַרטאַקאָווע 44. דער דאָזיקער פּאָליאַק האָט פאָרגעזעצט דאָס אַריינשמוגלען געלט און בריוו פאַר די לאַגער־יידן. דער קאָנטאַקט איז דורך אונדזער אונטערערד אָנגע־

האַלטן געוואָרן ביז צו דער באַפרייאונג. עס זיינען שפּעטער דאָ געפאָרן די קוריערן: „אירקע" און „קאזשיק" (ראָטהייזער). דער גרעסטער טייל פון טשענסטאָכאָווער יידן פון די פאַבריקן פעלצערי און ראַקואוו זיינען געבליבן לעבן. מיר איז נאָכן קריג אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט אייניקע אָנפירער פון דעמאָלטיקן אומלעגאַלן יידישן קאָאָרדינירקאָמיטעט אין טשענסטאָכאָווער לאַגער מיט די חברים: ברענער, קושניר, לעבער און אַנדערע.

## קאַפּיטל איין און פערציק

# יידן־לאַגער אין ראַדאָם

גאָר אַנדערש האָט אויסגעזען דאָס איינשטעלן אַ פאַרבינדונג מיט די יידן פון ראַדאָמער לאַגער. דער קאָאָרדינירן־קאָמיטעט האָט געהאַט עטלעכע נעמען פון יידן אין ראַדאָם און האָט אויך געוואוסט, אַז אייניקע יידן פון וואַרשע, צווישן זיי אברהם מעלצער (היינט אין ניו־יאָרק) און קאָטלאַר (היינט אין ארץ־ישראל), אַרבעטן אין ראַדאָם אין אַ דייטשישער דרוקעריי. קיין פּריוואַטע אַדרעסן פון קריסטן וועלכע זאָלן העלפן פאַר־בינדן זיך מיט זיי, האָט ער נישט געהאַט.

נאָך אַ געשפּרעך מיט חבר לעאָן פיינער און חבר סאַמסאָנאָוויטש האָב איך באַקומען אַ בריוו, געלט און אָנווייזונגען און אַוועקגעפאָרן קיין ראַדאָם צו פּרואוון אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די אָרטיקע איבערגעבליבענע יידן. איבערגעבן זיי די ערשטע הילף, דורכשמועסן זיך מיט זיי און אָנרעגן זיי צו אָרגאַניזירן אין די אַרבעטס־לאַגערן אַן אומלעגאַלן הילפס־קאָמיטעט, וואָס זאָל צוזאַמענאַרבעטן מיט וואַרשעווער קאָאָרדינירן־קאָמיטעט.

ראַדאָם איז געווען אַ דייטשישער מיליטערישער צענטער. די גאַסן זיינען פול געווען מיט זעלנער און זשאַנדאַרמעריע. מען האָט דאָ געזען וויניק ציווילע מענטשן, ווי אויך נישט קיין אָפענע געוועלבער. דער האַנדל איז דאָ פאָרגעקומען שטאַרק געהיים. איבער דער שטאָט איז אויסגעשפּרייט געווען אַ מין פאַרבאָרגענע שרעק. דאָ איז דער דייטשישער טעראָר געווען פיל שטאַרקער ווי אין אַנדערע שטעט. דאָ זיינען די דייטשישע פאַראָרדענונגען שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרן.

גלייך פון דער באַן גיי איך אַוועק אויפן אַדרעס פון דער דייטשישער דרוקעריי אויף נוישטאָט גאַס. איך בלייב שטיין ביי דער פאַבריק. דאָס איז אַ נידעריק־געמויערט הויז, דער אַריינפאָר־טויער איז פאַרמאַכט, די פענצטער פאַרשטעלט, אַרום איז שטיל. קיין שום סימן פון יידן. ביים הויפּט־אַריינגאַנג דרייען זיך עטלעכע דייטשן. דאָרט געפינט זיך דער אָפיס. ביי וועמען דערוויסט מען זיך עפּעס? איך באַמערק, אַז ביים עק

גאַס שטייט אַן עלטערע קריסטין. זי פאַרקויפט עפּל. איך נעם עטלעכע עפּל און פּרוביר פאַרבינדן מיט דער אַלטער אַ געשפּרעך.

אפשר קענט איר מיר ווייזן, וואו מען קאָן באַקומען אַלטע זאַכן צו קויפן? מען האָט מיר געזאָגט, אַז ייִדן פאַרקויפן דאָ ביליק אַזעלכע זאַכן, אָבער איך ווייס נישט, ווי אַזוי צו זיי צוצוקומען.

די אַלטע שווייגט אַ ווײַלע, קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן און הייבט אָן שעפּטשענדיק צו ריידן:

— מיט ייִדן — זאָגט זי — קען מען שוין קיין שום געשעפטן נִיט מאַכן. די בעסערע זאַכן האָבן זיי שוין לאַנג פאַרקויפט, איצט שלעפּן זיי פון זיך אַראָפּ דאָס, וואָס זיי טראָגן, אָבער דאָס זיינען שמאַטעס, וואָס עס לוינט נישט אײַנצוהאַנדלען. איבעריקנס, האָבן די דײַטשן שוין אַ סך שמוגלערס געכאַפּט און געשאָסן.

איך שלאָג איר איבער די רייד. זאָל זי מיר נאָר זאָגן, וואו די ייִדן געפינען זיך, איך וועל שוין אַליין זען, צי עס לוינט זיך דאָס געשעפט, צי נישט. די אַלטע ווייזט מיר אויפן מויער, פון וועלכן איך בין נאָר וואָס אָוועקגעגאַנגען:

— דאָרטן זיינען זיי דאָ — און גאָר שטיל און אָנגעכמורעט גיט זי צו: — זיי קען מען זען ערשט צוועלף אַ זייגער, ביים מיטאָג־איבער־רייס. פּרובירט גיין אין דער צווייטער גאַס, צו דער שטאָטישער באָד, היינט דאַרפן זיך די ייִדן באָדן". הייסט עס, אַז דאָ איז גאָרנישט אַזוי שווער אָנצוטרעפן ייִדן.

איך לאָז זיך צו דער צווייטער גאַס. עס איז איצט צען אַזייגער אין דער פרי. איך האָב נאָך צוויי שעה צייט. די ערשטע אינפאָרמאַציע האָב איך געקראָגן; אפשר וועל איך גראָד האָבן גליק און דאָרטן זיי טרעפן?

און ווירקלעך, אין דער זייט פון טראָטואַר, אויף אַ ליידיק פעלד, ביי אַ געמויערטער גרויער געביידע, וואָס איז מסתמא די באָד, זע איך שטיין אַ גרופּע מענטשן מיט ווייסע אָרעם־בענדער. דאָס זיינען טאַקע ייִדן!

ניט ווייט פון דער גרופּע, אויפן פעלד ציען זיך קליינע הילצערנע הייזלעך. איך אייל אין יענער ריכטונג, דאָרטן וועל איך זיך זיכער קענען עפּעס מער דערוויסן. הינטער די ווענט פון די הייזלעך שטייען שוין פאַרשטעקט עטלעכע קריסטלעכע הענדלערקעס מיט קיישלעך. איך שטעל זיך צו צו זיי, אָבער דאָ הייבט זיך אָן אַ שטילע קריגעריי. די קריסטינס ווילן, איך זאָל תיכף פאַרלאָזן דאָס אָרט. ס'איז זייער פּלאַץ, זייער פּרנסה, און קיין פרעמדע ווען זיי נישט צולאָזן. זיי וואַרטן טעג אויף דער דאָזיקער געלעגנהייט צו קענען עפּעס איינהאַנדלען מיט די זשידקעס. איך פאַרזיכער זיי, אַז איך בין נישט געקומען האַנדלען נאָר

קויפן פאַר זיך אַ פּאָר זאַכן. איבעריקנס, וועלן זיי זיך אַליין איבערצייגן. עס האָט געווירקט. די הענדלערינס שטילן זיך איין, זיי לאָזן מיך שטיין.

איצט קאָן מען נאָך נישט צוגיין; דאָרטן דרייען זיך דייטשן. מען דאַרף אַ ביסל צוואַרטן ביז זיי וועלן אַוועקגיין. פון מיין באַהעלטעניש אָבסערוויר איך די יידן. אויפן פּלאַץ דרייען זיך אַרום צוזאַמען מענער, פרויען און עטלעכע קינדער. אייניקע זיינען נישט שלעכט אָנגעטאָן; דער גרעסטער טייל אָבער טראָגט אָרעמע קליידער. זיי האַלטן אין איין געבן אונדז צייכנס. דערנענטערן זיך צו אונדז קענען זיי נישט. עס היטן זיי יידישע פּאָליציאַנטן. ענדלעך הייבן די יידן אָן צו רופן מיט די הענט. די דייטשן זיינען, הייסט עס, אַוועק. די הענדלערקעס לאָזן זיך לויפן, איך — נאָך זיי. איך פאַל אַריין אין דער גרופּע יידן. פון אַלע זייטן באַפאַלן מיך מענער און פרויען מיט פראַגן: צי האָב איך נישט קיין ברויט, קאַרטאָפל, פעטס?

ליידער — נישט. עס פאַרדריסט מיר זייער שטאַרק, וואָס איך האָב מיט זיך גאָרנישט מיטגענומען.

ערשט איצט זע איך די געלע אויסגעמאָגערטע פּנימער, די איינגעזונקענע אויגן און די דאַרע איינגעשרומפּפטע גופים. קוים וואָס די מענטשן האַלטן זיך אויף די פיס. איך באַמערק אין דער גרופּע אַן עלטערע פרוי מיט צוויי אַלטע ציכלעך אין די הענט. איר צעקנייטשטע געזיכט, די גרויע האָר און די אומעטיקע טונקעלע אויגן רופן ביי מיר אַרויס צוטרוי. כ'פאַרפיר מיט איר אַ שמועס. איך דערצייל איר, אַז איך האָב אין לאַגער באַקאַנטע יידן, מיט וועלכע איך וויל זיך זען. אפשר קען זי מיר העלפן זיי צו געפינען? איך רוף אָן נעמען, וואָס איך האָב באַקומען פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט. ניין, זי קאָן דאָ קיינעם נישט. זי אַליין איז נישט לאַנג אין ראַדאָמער לאַגער. אויב איך וועל צוואַרטן וועט זי צורופן אַ געבוירענעם ראַדאָמער יידן, און יענער וועט קאָנען מיר געבן גענויע אינפאָרמאַציעס. זי פאַרשווינדט און גלייך הייבט זיך אָן אַ געלויפעריי און טומל.

מען גייט! — די יידן ציען זיך צוריק צום מויער, די קריסטלעכע הענדלערקעס לויפן איינגעבויגענערהייט צוריק צו די הייזלעך. איך לויף אויך. ווי עס מאַכט זיך, בעסער זיך צו האַלטן לעבן די דערפאַרענע שמוגלערקעס! מיר באַהאַלטן זיך. פון דערווייטנס זעט מען דורכגיין צוויי ציווילע מענער אין קאַפּעלושן — דייטשן.

ווי נאָר זיי פאַרשווינדן, אַזוי לויפן שוין מיינע שכנים צוריק צו דער גרופּע. איך אויך. דאָס לויפן חזרט זיך אַזוי איבער עטלעכע מאָל. אַלע זיינען אויפגערעגט, אומרואיק, האַלטן זיך אין איין אַרומקוקן. און אַזוי אין שרעק ווערט געפירט דער אויסטויש־האַנדל.

איך זוך די באַקאַנטע פּרוי. אָט גייט זי טאַקע מיט אַ מאָגערן נידעריקן מאַן. זי האָט מיך דערזען.

איצט הייבט זיך אָן אַ ווייטערדיק אויספרעגן. דער פּרעמדער קען די נעמען וואָס איך האָב אָנגערופן. מען האָט זיי אָבער צוגענומען ביי דער ערשטער „אויסזידלונג". דער ייִד רעדט רויִק, געלאַסן. אויך ער רופט אַרויס צו זיך צוטרוי. איך גיי מיט אים אָפּ אין אַ זייט און הייב אים אָן שנעל צו דערציילן וועגן וואָס איך בין געקומען, וועגן ייִדישן קאָאָרדינירקאָמיטעט אין וואַרשע, וועגן איינשטעלן אומלעגאַלע הילפס־אַרבעט, וועגן געלט. דער פּרעמדער שווייגט, זיין געזיכט ווערט טויט־בלאַס און מיט אַ טרוקענער שטים רופט ער זיך אָפּ:

— איר דערציילט מיר נאָר נישט קיין מעשיות וועגן הילף. איר האָט געפרעגט אויף ייִדן, האָב איך געענטפערט.

און ער גיט צו מיט אַן איראָנישן שמייכל:

— מיינט נאָר נישט, אַז די ייִדן קענען זיך נישט אויף אַזעלכע „שפּיצלעך". —

ער גייט אַוועק. איך בלייב שטיין ווי געפּלעפט. דער ייִד גלייבט נישט מיינע רייד. ער האָט גאָר מורא פאַר מיר! איך לויף אים נאָך. איך קוק זיך אַרום, לעבן אונדז דרייט זיך קיינער נישט. איצט וועל איך פּרוּוון אויף אַן אַנדערן אופן אים איבערצייגן. איך הייב אָן צו ריידן צום פּרעמדן ייִדיש, מאַמע־לשון. ער שטייט מיט אַן אָפן מויל און רעדט גאָרנישט, ענטפערט נישט קיין וואָרט. ווען איך ענדיק, זאָגט ער מיט אַ ציטערדיקער שטים:

— מעגלעך, אַז איר זאָגט אמת, אָבער קיין געלט וועל איך נישט נעמען.

— פאַרוואָס? עס גייט דאָך וועגן אייער טובה וועגן. —

דער ייִד ענטפערט:

— ביי אונדז אין ראַדאָמער לאַגער, זיינען דאָ אַ סך מוסרים און שפּיאָנען. עטלעכע ייִדן זיינען שוין אומגעקומען צוליבן שטיין אין פאַרבינדונג מיט קריסטן, מען האָט זיי אויסגעגעבן. — ניין, ער וועט פון מיר גאָרנישט נעמען. בעסער זאָל איך זיך דורכריידן מיט די ייִדן פון דער דרוקעריי. אפשר וועלן זיי וועלן זיך פאַרנעמען מיט הילפס־אַרבעט. ער האָט מורא.

איך פּרוביר אים איבערצייגן, אָבער עס העלפט נישט. דער ייִד גע־געזעגנט זיך מיט מיר מיט אַ וואַרעמען שמייכל. איך בלייב אַליין שטיין. איך בין בייז אויף זיך אַליין און אויפן פּרעמדן. עס איז אַזוי לייכט געוועזן איבערצוגעבן געלט און דורכצוריידן זיך וועגן אַרבעט און דאָ — גאָרנישט דערליידיקט.

דאָס צווייטע מאָל, ווען איך בין געקומען צו דער באַד, האָב איך

יאָ אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט אַ געוויסן יידן, דוכט זיך גרינבלאַט אָדער גרינהויז. דער ייד האָט מיר צוגעזאָגט צו פאַרנעמען זיך מיט הילפס־אַרבעט און אפילו זיך פאַרשטענדיקן מיט די יידן פון דער דרוקער־פאַבריק. איך האָב אים דאָן געלאָזן צען טויזנט זלאָטעס. לײדער האָב איך שוין דעם יידן מער נישט געטראָפן.

ווידער הייבט מען אָן לויפן. איך אַנטלויף אַ פאַרביטערטע צוריק הינטער די הייזקעס, פון דאָרט פאַרנעם איך זיך צו דער דרוקער־פאַבריק.

ביים טויער פון פאַבריק דרייען זיך שוין צוויי קריסטנס. אָן אַ זייט שפּילן זיך עטלעכע שקצימלעך. דעם אַריינגאַנג היט איצט אַ יידישער פּאָליציאַנט. דורך די גראַטעס פון טויער זע איך ווי יידן לויפן מיט מענאַשקעס און שיסעלעך. עס איז שוין מיטאָג־איבערייס. איך בעט דעם יידישן פּאָליציאַנט, אַז ער זאָל צורופן צו די גראַטעס די אַרבעטערין מעלצער. עס געדויערט עטלעכע מינוט. דער פּאָליציאַנט פאַרשווינדט און אָט זע איך אים פון דערווייטנס גיין מיט אַ יונגער פרוי. זי איז דאָס די פרוי מעלצער, אויף וועמען איך פרעג זיך. איך שעפּטשע צו איר שטיל, אַז איך האָב פאַר איר פון וואַרשע בריוו און געלט. זי לאָזט מיך שטיין, שושקעט זיך עטלעכע מינוט מיטן פּאָליציאַנט. יענער עפנט דעם טויער און הייסט מיר אַריינגיין. די פרוי איז צעטומלט פון מיין וויזיט. זי קען מיך נישט און וויס נישט וואָס איך וויל. איך הייב איר אָן שנעל צו דערציילן מיט וואָס איך קום. אין דער פרוי׳ס אויגן באַווייזן זיך טרערן. זאָל איך נאָר צוואַרטן איין מינוט! זי קומט גלייך צוריק צו לויפן מיט איר מאַן און שוואָגער. איך חזר נאָכאַמאָל שנעל איבער וועגן געלט, וועגן דער הילפס־אַרבעט און וועגן קאָאָרדי־ניר־קאָמיטעט. אויף זייערע געזיכטער צעגיסט זיך אַ פריידיקער שמייכל.

איינער הייבט אָן גאָר שטיל צו רעדן: עס איז אים שווער צו גלייבן, צי דאָס איז נישט קיין חלום? זיי וועלן שוין אָרגאַניזירן אַ געהיימע הילפס־אַרבעט. דאָס וויכטיקסטע איז, וואָס מען האָט זיי נישט פאַרלאָזן און דאָס געלט וועט זיי אַרויסראַטעווען פון הונגער־טויט.

פון דערווייטנס גיט דער יידישער פּאָליציאַנט צייכנס, אַז מיין צייט האָט זיך געענדיקט, כ׳מוז אַרויסגיין. זיי הייבן ערשט איצט אָן צו פאַרשיטן מיך מיט פראַגן וועגן דער וועלט, וועגן דער מלחמה, וועגן אונדזער אומלעגאַלער אַרבעט. זאָל איך זיי נאָר וואָס מער דערציילן, זיי וועלן עס שוין ווייטער איבערגעבן. איך ענטפער און גיב זיי שנעל איבער געלט און בריוו פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט. זיי זאָגן מיר צו אין אַ האַלבער שעה אַרום אַרויסצושיקן אַ בריוועלע מיט אָנווייזונגען אין וואָס זיי נויטיקן זיך; אויך אַדרעסן פון זייערע באַהאַלטענע קינדער. זיי בעטן, מיר זאָלן זיך פאַרנעמען מיט זייערע קינדער, וואָס זיי האָבן געלאָזן ביי פרעמדע קריסטן. אַ צעפרידענע פאַרלאָז איך די פאַבריק. איך דריי

זיך פאַרן טויער. די קריסטן זיינען שוין אַוועק. פון דערווייטנס שפּילן זיך נאָך די קינדער. אַלץ איז אַדורך גוט. ענדלעך איז עפּעס אָנגעקניפּט געוואָרן, איצט דאַרף מען נאָר וואַרטן אַ ביסל אויף זייערס אָן ענטפער. פּלוצלונג דערפיל איך, ווי מען האָט מיר עפּעס געוואָרפן אין דער פּלייצע. איך דריי זיך אויס, די שקצימלעך לאַכן און פאַרמעסטן זיך אויף מיר מיט נאָך אַ שטיין. וואָס פאַר אַ וואַרפן איז דאָס? גלייך ווערט מיר אָבער אַלץ קלאָר. די קליינוואַרג הייבן אָן צו שרייען:



קינדער פון ייִדן אין ראַדאָמער לאַגער — קאַטלאַר און מעלצער, צוויי פון די, וואָס זיינען געראַטעוועט געוואָרן דורכן ייִדישן קאָאָרדיניר קאָמיטעט.

— זעט נאָר, זי האָט דאָך גאָרנישט געקויפט ביי זיי!

אַ צווייטער כאַפּט גלייך אונטער:

— זי מוז זיין די זעלביקע, וואָס זיי דאַרטן!

און עס הייבן זיך אָן צו שיטן אויסגעשרייען איינער נאָכן צווייטן:

— „זשידואווקאַ (ייִדישקע), זשידואווקאַ"!

עס העלפט נישט מיין שרייען, מיין ריידן. דאָס קליינוואַרג ווערט חוצפּהדיקער. די אויסגעשרייען אַלץ העכער. שלעכט, מען דאַרף זיך וואָס שנעלער פון דאַנען אָפּטראָגן.

איך הייב אָן צו גיין, די שקצימלעך — נאָך מיר. איך דריי זיך אַריין אין אַ צווייטער גאַס, — זיי — נאָך מיר און דערביי הערן זיי נישט אויף צו רופן: — זשידואווקאַ! זשידואווקאַ!

פאַרביגייער הייבן זיך אָן אָפּצושטעלן. מיר ווערט הייס. אַזאַ אומ־געריכטע צוטשעפּעניש! איך פאַרקערעווע אין אַ הויף, פון איין הויף אין צווייטן. איך ווייס אַליין נישט, וואָס עס איז דעמאָלט געווען, וואָס קיינער האָט מיך נישט פאַרהאַלטן. אַ צעטומלטע האָב איך זיך אַריינגעזעצט אין דער ערשטער דורכפאָרנדיקער דראָזשקע און זיך געהייסן פירן צום איינציקן מיר באַקאַנטן אַדרעס, צום באַן־הויף. פון דערווייטנס האָב איך נאָך געהערט די קינדערשע שטימען: זשידואָוואַ! זשידואָוואַ!

אַ גאַנצע נאַכט בין איך אָפּגעזעסן אויפן וואָקזאַל. וואָס טוט מען? ווייטער, צוריקפאָרן קיין וואַרשע, אָדער נאָכאַמאָל פּרוּאוון? אָבער ניין, ווי קען מען דאָס לאָזן איבעררייסן דעם אַזוי שוואַכן קוים אָנגעקניפּטן פאָדים? אויף מאָרגן, באַלד אינדערפרי, האָב איך זיך געלאָזט אין דער פאַבריק אָפּנעמען דאָס בריוול. אַזוי פרי וועלן די שקצים זיכער נאָך נישט זיין.

די יידן האָב איך גראָד געטראָפן מאַרשירן צו דער אַרבעט. עס האָט זיי געהיט יידישע פּאָליציי. זיי זיינען גרופּעסוויז געגאַנגען אין מיטן דער גאַס. איך האָב זיך אויף אַ מינוט אַריינגעדרייט אין דער גרופּע, אָפּגענומען דאָס בריוול פון מעלצערן און פאַרשוואונדן.

אין ראַדאָם האָבן זיך דאַן געפונען ביז אַ פיר טויזנט יידן. זיי האָבן געוואוינט הינטער דער שטאָט אין אַרומגעצוימטע לאַגערן, געלעבט האָבן זיי אין ספּעציעל־אויפגעשטעלטע הילצערנע באַראַקן. פון דאָרט פלעגן גרופּעס גיין אויף פאַרשיידענע אַרבעטן. די צוויי גרעסטע אַר־בעטס־פּלעצער זיינען געווען די אָרטיקע אַמוניציע־פאַבריק און די דייטשישע דרוקעריי. די באַדינגונגען, ווי אין יעדן לאַגער — ביטערע, שווערע אַרבעט, הונגער, קראַנקהייטן, „סעלעקציעס״ און כסדרדיקע טויט־פאַלן.

דער הונגער איז דאָרט געווען פיל גרעסער ווי אין טשענסטאָכאָווער לאַגער. אויך דאָרט האָבן די יידן אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט, וואָס האָט געפירט די הילפס־אַרבעט. אין קאָמיטעט זיינען געווען: מעלצער, קאָטליאַר, גרינבערג א. א. שוין פון די ערשטע אַריינבאַקומענע געלטער האָבן געגאָסן אַ הונדערט אַמערסטן באַדערפטיקע יידן.*

דעם אַנדערן מאָל, ווען איך בין געווען אין ראַדאָם, האָב איך מיט זיך שוין געהאַט מער געלט — פ ו פ צ י ק ט ו י ז נ ט זלאָטעס — אומלעגאַלע ליטעראַטור (דעם אונטערערדישן בונדישן ביולעטין) און בריוו. אויך דאָס מאָל בין איך גלייך אַוועק צו דער דייטשישער דרוקעריי.

לעבן דער דרוקער־פאַבריק האָב איך נישט באַמערקט קיין לעבע־

---

* מעלצערס און קאָטליאַרס קינדער זיינען ביזן סוף קריג אויסגעהאַלטן גע־וואָרן דורך אונדזער אונטערערדישן הילף־קאָמיטעט.

דיקן מענטש. אַפילו בעת'ן מיטאָג־איבערבייס איז קיינער נישט געווען. איך האָב אַרומגעקריכט די גאַנצע געביידע. דער גאַנצער פאַבריק־שטח איז געווען אַרומגערינגלט מיט שטעכיקן דראָט; לעבן די דראָטן זיינען געשטאַנען הילצערנע ברעטלעך מיט אויפשריפטן: „נישט דערנענטערן זיך, טויט־געפאַר".

פאַרקירעווענדיק זיך אין אַ זייטיק שמאָל געסעלע, האָב איך הינטער דראָטן באַמערקט יידן. זיי האָבן שוין נישט געטראָגן קיין ציווילע קליידער, נאָר כאַלאַטן מיט בלוי־ווייסע פּאַסן. דעם פּלאַץ האָט געהיט אַ באַוואָפנטער מונדירטער דייטש, אָדער אוקראַינער. איך האָב זיך אַוועקגעדרייט אָן אַ זייט, פאַרשטעקט זיך הינטער אַ הויז און אָנגעהויבן פון דערווייטנס צו אָבסערווירן די דראָטן מיטן וועכטער.

ווי אַזוי גיט מען זיי איבער דאָס געלט מיט די בריוו און דעם ביולעטין?

איך מאַך קודם פון געלט און פון די פּאַפּירן אַ שמאָל פּעקעלע עס זאָל קענען אַדורכגיין די דראָטן און באַהאַלט עס אונטער דער דעק פון מיין האַנדלס־טאַרבע. וואָס קומט אָבער אַרויס פון מיינע צוגרייטונגען, אַז עס איז איצט אוממעגלעך זיך אַ ריר צו טאָן, אַז דער וועכטער זאָל נישט באַמערקן. וואָס טוט מען? נישטאָ קיין עצה — איך באַשליס צו ריזיקירן, דערנענטערן זיך צום זעלנער און אים בעטן, ער זאָל מיר דערלויבן עפּעס צו קויפן ביי די יידן.

מיט אַ געמאַכטער רואיקייט גיי איך אַרויס פון מיין באַהעלטעניש און הייב אָן צו גיין אין דער ריכטונג פון די דראָטן, דער וועכטער האָט מיך דערזען. ער הייסט מיר פון דערווייטנס שטיין. איך פאָלג אים. כ'בין שטאַרק אומרואיק. דער זעלנער קומט צו. איך הייב אָן מיט אַן אומשולדיקן טאָן אים צו בעטן, ער זאָל זיין אַזוי גוט און מיך לאָזן ביי די יידן קויפן פאַר זיך אַ פּאָר שיך. פון אָנהייב קוקט מיך דער באַוואָפנטער וועכטער אָן בייז, אָבער ביסלעכווייז הייבט ער אָן אונטערהאַלטן דעם לייכטן טאָן פון געשפּרעך.

ער איז אַן אוקראַינער און רעדט אַ שלעכטן פּויליש. אונדזער שמועס געדויערט אייניקע מינוטן, מיר דוכט זיך, אַז עס איז אַן אייביקייט. וועט דערפון עפּעס אַרויסקומען?

פון דערווייטנס זע איך ווי פון הינטער די דראָטן אָבסערווירן יידן די סצענע. ענדלעך געפּועלט. דער וועכטער דערלויבט מיר צוצוגיין צו די דראָטן, אָבער כ'מוז עס מאַכן שנעל, ווייל ער האָט מורא פאַר זיינע קאַמעראַדן. איך לויף שנעל צו. צווישן די שטייענדיקע זע איך אָבער נישט די באַקאַנטע יידן, מיט וועמען איך האָב, מיט אַ צייט צוריק אָנגעקניפּט דעם קאָנטאַקט. איך פרעג אומרואיק, צי מעלצער אָדער קאָטליאַר געפינען זיך נאָך אין לאַגער.

— „יאָ, זיי זיינען דאָ, מען קאָן עמיצן פון זיי צורופן" — דער־קלערט מיר אַ ייד. כ׳בעט ווי אַמשנעלסטן דאָס צו טאָן. צו די דראָטן קומט צו דער וועכטער.

— האָט ווער שיך פאַר איר? — פרעגט ער די ייִדן אין דייטש.

— איך וויל טאַקע קויפן אַ פּאָר שיך — חזר איך איבער אין פּויליש. ייִדן פרעגן מיך, צי וויל איך אפשר אויך קויפן אַ קליידל, אַ סוועטער. זיי באַטראַכטן מיך ווי אַ געוויינלעכע שמוגלערקע.

— ניין, נאָר שיך דאַרף איך.

דערוויייל באַווייזן זיך מיינע באַקאַנטע ייִדן, זיי שושקען זיך מיט עמיצן. יענער רופט אַוועק אין אַ זייט דעם וועכטער, דערלאַנגט אים עפּעס דורך די דראָטן און שמועסט מיט אים אַ ווײַלע. לעבן מיר שטייט שוין מעלצער, ער גיט אַכטונג אויפן זעלנער, איך נוץ אויס אַ מאָמענט, ווען דער אוקראַינער קוקט נישט אין מיין ריכטונג, און רוק שנעל אַריין דורך די דראָטן מיין צוגעגרייט פּעקעלע. מעלצער באַהאַלט עס גלייך הינטערן כאַלאַט און פאַרשווינדט.

די ייִדן אַרום זעען עס, אָבער אַלע שווייגן. איצט שטיי איך שוין רואיקער. מען ברענגט מיר שיך, איך מעסט זיי אָן און דערביי הער איך נישט אויף צו שמועסן מיטן וועכטער, וועלכער איז שוין צוריקגע־קומען. ווידער באַווייזט זיך איינער פון מיינע באַקאַנטע ייִדן און רוקט מיר פאַרזיכטיק אַריין אין האַנט אַ בריוול. דער שמוגל איז דערליידיקט. הינטער דער נאָז פון דייטש האָבן די ייִדן באַקומען הילף...

קיין שיך האָב איך נישט געקויפט. ביים אַוועקגיין האָב איך בלויז צוגעזאָגט דעם אוקראַינער זיך מיט אים שפּעטער צו טרעפן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב נישט געהאַלטן וואָרט...

ביים דערוויטערן זיך האָב איך אַ לאַנגע צייט געזען פון הינטער די דראָטן פאַכענדיקע הענט. דאָס האָבן מיך געזעגנט די באַקאַנטע ייִדן. מיט אייניקע פון זיי, מיט גרינבוימען, מעלצערן און זעלצערן, וועלכע האָבן אין דער צייט פון קריג געגאָסן פון די אַריינגעשמוגלטע געלטער פון אונדזער אונטערערדישן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט, האָב איך זיך שפּעטער, נאָכן קריג, געטראָפן אין אַמעריקע.

נישט שטענדיק פלעגט דער שמוגל געלינגען. אין די דאָזיקע שליחותן פלעגן אָפט זיין דורכפאַלן.

מיין חברטע אַליע מאַרגאַליס (ד"ר אננאַ מארגאַליס׳ טאָכטער), הייַנט אין לאָדזש, איז גליקלעכערוויַיז געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון די דייטשישע הענט.

געוועזן איז עס פּיאָטרקאָוו, וואו מיר איז אויך איינמאָל אויסגע־קומען איבערצוגעבן פּופּציק טויזנט זלאָטעס פון קאָאָרדיניר־קאָמי־טעט און איך האָב עס דערליידיקט דורך אַ פּוילישן ווערק־שוץ.

אַליע׳ן האָט זיך איינגעגעבן אַריינצובאַקומען זיך אין דער פאַבריק, וואו עס האָבן געאַרבעט יידן. זי האָט זיי איבערגעגעבן געלט און בריוו. פאַר־בייגייענדיקע דייטשן האָבן זי אָבער געזען און פאַרהאַלטן. אַליע איז געוואָרן אַרעסטירט און באַשולדיקט אין באַוועגן זיך אויף אַ פאַרבאָ־טענעם שטח, וואו עס אַרבעטן יידן. איר האָט געדראָט טויט־טשראָף. די יידן, וואָס האָבן נאָר־וואָס באַקומען הילף פון אַליען, האָבן אויף די פיס געשטעלט דעם גאַנצן לאַגער. זיי זיינען אַרומגעלאָפן כמעט צו אַלע אָפיצירן און דייטשישע באַאַמטע צו פועלן מען זאָל באַפרייען די „אומ־שולדיקע אַריערין".

די יידנ׳ס מי האָט דאָס מאָל געהאָלפן. מיטן זעלביקן געלט, וואָס זיי האָבן נאָר וואָס באַקומען פון אַליען, האָבן זיי זי אויסגעקויפט פון די דייטשישע הענט.

זי איז באַפרייט געוואָרן. געוועזן אָבער אויך דורכפאַלן, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט טויט. דאָך האָט אונדזער הילפס־אַרבעט אין די פאַר־שיידענע לאַגערן אָנגעהאַלטן ביז ענדע מלחמה.

אַ דאַנק דער מיפולער אַרבעט און די געבראַכטע קרבנות האָבן פיל פון די לאַגער־יידן דערלעבט די באַפרייאונג.

# ערב אַ דעצידירנדיקער צייט

יאָר 1944. פון די קריגס־פראָנטן קומען אָן גוטע ידיעות. דער דייטש באַקומט קלעפּ און האַלט זיך אין איין צוריקציִען.

די פּוילישע אונטערערדישע באַוועגונג הייבט אָן דורכצופירן פאַרשיידענע געוואַגטע אָנפאַלן אויף דייטשן. עס ווערן אָפּגעשלאָגן אַרעסטאַנטן פון דייטשישע תפיסה־קעטשלעך, מען פאַרהאַלט אויטאָס, וואָס פירן דייטשיש געלט, מען באַגנבעט דייטשישע געווער־סקלאַדעס. עס ווערן דערהרגעט געשטאַפּאָ־אַגענטן און העכערע דייטשישע מיליטער־לייט.

יעדן טאָג ווערט די שטאָט וואַרשע אויפגערודערט פון אַן אַנדע־דער דרייסטער געשעעניש. די פּוילישע באַפעלקערונג באַגעגנט די דאָזיקע געוואַגטקייט מיט אָנערקענונג און מיט שטאַרקער אומרואיקייט. ווי אַזוי וועט דער אַכזריותדיקער דייטש דערויף ענטפערן? — דער ענטפער לאָזט אויף זיך לאַנג נישט וואַרטן. עקזעקוציע־אויטאָס מיט באַוואָפנטע דייטשן פליען ווי טייוולאָנים איבער דער שטאָט. ווי נאָר עס הערט זיך זייער כאַראַקטעריסטישע גרוליקע פייפעריי, ווערט די באַוועגונג אין גאַס אָפּגעשטאָרבן. אויף אַלעמענס דערשראָקענע פּנימער לייענט מען אַראָפּ איינע און די זעלביקע פראַגע: וועמען וועלן זיי דאָס מאָל אומברענגען? —

אויף מויערן־סלופּעס ווערן כסדר אויסגעהאנגען דייטשישע באַקאַנטמאַכונגען מיט צענדליקער נעמען פון „זאַקלאַדניקעס" — אומשולדיק־אַרעסטירטע פּאָליאַקן, וואָס מען וועט דערשיסן, ווי נאָר עס וועט געפונען ווערן אַ געהרגעטער דייטש.

---

דער פראָנט ברענגט אָבער פּאָרט כסדר האָפערדיקע נייעסן. דעם דייטש טרייבט מען אַלץ אויף צוריק... אין וואַרשע, ווי אויך אין דער אומגעגנט, איז אַ כסדרדיקע לעבהאַפטע באַוועגונג. די וועגן זיינען איצט פול מיט מיליטער. דייטשישע טראַנספּאָרטן ציִען אָן אויפהער אין דער מערב־ריכטונג. אין דער לופט טראָגט זיך אַ טראַסקעריי פון טאַנקען,

האַרמאַטן און פּאַנצער־אויטאָס. נאָך זיי שלעפּט זיך נאָך אַ לאַנגע קייט פון פויערישע פורלעך מיט פאַרחושכטע, פאַרשטויבטע זעלנער.

— דער דייטש טרעט שנעל אָפּ אויף צוריק — גיט מען זיך איבער מיט אַן איינגעהאַלטענער, שטילער פרייד.

די גאַסן זיינען פול מיט מענטשן. יעדע ווילע שטעלט זיך אַן אַנדערער אָפּ און הערט זיך צו צום ווייטן דונערן, וואָס דערגייט פון פראָנט און ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. ביי די טויערן און גאַסן־ווינקלען גרופּירן זיך מענטשן און שושקען זיך געהיימניספול. אָפּגע־האַקטע זאַצן שלאָגן זיך אָפּ אין די אויערן:

— שוין נישט לאַנג... מעגלעך מאָרגן... מען וואַרט אויף אַ סיגנאַל...

דו הערסט די פאַרשיידענע שטימען און עס ציטערט דיר דאָס האַרץ. דו ווייסט גאַנץ גוט אין וואָס עס גייט: די רויטע אַרמיי איז שוין נאָענט פון וואַרשע. די אומלעגאַלע פּוילישע מיליטערישע כוחות האָבן זיך מאָביליזירט, זיי גרייטן זיך אַרויסצוגיין אין קאַמף קעגן דייטש. זיי גרייטן אַן אויפשטאַנד.

אויך דער יידישער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט מאַכט צוגרייטונגען. נאָך פריער, ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צום טייך בוג, האָט מען פון די ווישקאָווער וועלדער אַראָפּגעברענגט קיין וואַרשע אייניקע פאַרטיזאַנער. צווישן זיי: חנהלע פרישדאָרף, וואָס איז געווען שוואַנגער, פראַנקע און יאַנעק בילאַק. מען האָט זיי איינגעאָרדנט אין מעלינעס. אין אַזעלכע דעצידירנדיקע צייטן איז בעסער צו זיין צוזאַמען. עס ווערט פונאַנדערגעטיילט שטיצע צווישן די באַהאַלטענע יידן פאַר צוויי חדשים פאָראויס. אַ טייל מענטשן גיבן מיר דאָלאַרן אָנשטאָט פּוילישע זלאָטעס. 40—35 דאָלאַר אויף אַ פּערזאָן. ס'איז אויך געלונגען אַרויס־צוקריגן פון אַ קריסטלעכער הילפס־אינסטיטוציע אַ צאָל פּושקעס מיט קאָנסערווירטע פלייש און צו קויפן אַ גרעסערן סכום צוקער. דאָס אַלץ טיילן די קוריערן שנעל פונאַנדער צווישן די באַהאַלטענע יידן. טאָמער וועלן זיין קאַמפן און מיר וועלן פאַרלירן דעם קאָנטאַקט צווישן זיך, זאָלן כאָטש אונדזערע יידישע פריינד זיך קענען טיילווייז אַליין אַן עצה געבן. אין די מעלינעס איז מען האָפּערדיק. אמת, בעת די אָפטע נאַכט־באָמבאַרדירונגען פון די סאָוויעטן, מוזן די באַהאַלטענע יידן זיין אויף די הויכע שטאָקן, ווייל די באַלעבאַטים האָבן מורא זיי אַראָפּ־צולאָזן אין די בונקערס; פונדעסטוועגן הערשט אַ געהויבענע שטי־מונג. מען קלאַפּט זיך איבער דער פּלייצע, מען קושט זיך, טייל ווישן שנעל אויס אַ טרער; אַלע זיינען פריידיק צערודערט.

נערוועז שטודירט מען די פראָנט־מאַפּעס, מען חשבונ'ט ווי לאַנג עס קאָן דויערן ביז די סאָוויעטן וועלן אַריין קיין וואַרשע און מען קוקט

פאַרבאַהאַלטן דורך די פאָרהענגלעך פון די פענצטער אַרויס אויף דער גאַס — אפשר וועט מען זיך פון דאָרטן, נאָך עפּעס דערוויסן. דער אַזוי לאַנג געגאַרטער חלום פון דערלעבן דעם שונא׳ס סוף ווערט ענדלעך מקוים. אין דער גאַנצער אומגעדולדיקער דערוואַרטונג מערקט זיך אָבער אַ טרויעריקע אומרואיקייט, אַ באַהאַלטענע מורא פאַר דעם, וואָס קען זיין מאָרגן. „מיר וועלן נאָך דער באַפרייאונג דערפילן נאָך שאַרפער אונדזער בראָך״... — הערן זיך שטילע באַמערקונגען.

מען ציטערט פאַר דער גרויסער פוסטקייט, פאַר דעם עלנד, וואָס מען וועט אַרום זיך דערזען, ווען מען וועט ענדלעך קאָנען פאַרלאָזן די באַהעלטעניש.

דערווייל וואַקסט אין שטאָט די שפּאַנונג. דער דייטשישער צוריק־מאַרש ווערט שנעלער, די באָמבאַרדירונגען עפטער און דער ווייטער האַרמאַטן־דונער — אַלץ דייטלעכער און דייטלעכער. וואַרשע פיבערט אינגאַנצן, וואַרשע דערוואַרט עפּעס!...

## קאַפּיטל דריי און פערציק

# יידן אין וואַרשעווער אויפשטאַנד

און מען האָט זיך דערוואַרט...

דעם ערשטן אויגוסט 1944, פינף אַ זייגער נאָכמיטאָג האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ פייפעריי פון פאַבריק־סירענעס. גלייך נאָכדעם דערטראָגט זיך פון דרויסן אַ שיסעריי און ס׳הערן זיך אויסגעשרייען: „נאַ שוואַבאַ! נאַ שוואַבאַ!" אויף די דייטשן! אויף די דייטשן! און שוין רופט מען פון דער גאַס שנעל אַראָפּצוגיין בויען באַריקאַדן.

דער וואַרשעווער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן.

בנימין און איך פאַרלאָזן שנעל די שטוב. פון אַלע הייזער שטראָמען מענטשן. קיין דייטשן זעט מען נישט. ביי אַ טייל טויערן הענגט מען אַרויס די פּוילישע נאַציאָנאַלע רויט־ווייסע פענער. איינציקע מענער מיט רויט־ווייסע אָרעם־בענדער גיבן קורצע באַפעלן: מען דאַרף שנעל אויפשטעלן ביי די ראָגעס פון די גאַסן באַריקאַדעס. זיי דאַרפן זיין אַ שטערונג פאַר די דייטשישע טאַנקען. מען מוז זיך צואיילן, איידער עס ווערט נאַכט. באַלד זעט מען שוין, ווי איינצלנע און גרופּן מענטשן שלעפּן שטיקער מעבל, ברעטער; מענער רייסן מיט שטיקער אייזנס אַרויס פון ברוק שטיינער און טראָגן עס צום אָרט פון דער באַריקאַדע. די אַרבעט ברענט אונטער די הענט. איינער דעם צווייטן העלפט אַרויס. אַלע פיבערן. מען באַמיט זיך וואָס מערער זאַכן אָנצוטראָגן. אַ ווײַלע פאַרקוק איך זיך אויפן מענטשלעכן מוראַשניק, אויף דער גרויסער פאַרהאַוועטקייט, אויף די פאַריאכמערטע פּרויען אין די טיכלעך אויף די קעפּ, אויף די פאַרשוויצטע יונגע פּאָליאַקן, אויף זייער אָפּפערווילי־קער התלהבותדיקער אַרבעט און עס איז מיר שווער צו גלייבן, אַז די זעלבע, מיט וועמען מיר פיבערן איצט פאַר איין געמיינזאַמע זאַך, פאַר אונדזער אַלעמענס באַפרייאונג, האָבן אונדז אַזוי פיל צרות אָנגעטאָן... נאָר איצט איז דאָך נישטאָ קיין צייט צו טראַכטן, מ׳דאַרף אַרבעטן, איילן, שנעלער, גיכער טראָגן שטיקער מעבל, מען דאַרף שטערן דעם דייטש! אָט האָבן מיר אומגעריכט, ביים העלפן צושלעפּן צו דער באַריקאַדע אַן איבערגעדרייטן טראַמוויי, אָנגעטראָפן אויף אַ באַקאַנטן יידישן בחור

— יאַגאָדזשינסקי. ער איז ביז היינט געווען באַהאַלטן אויף פּאַנסקע גאַס, איצט וויל ער שוין נישט מער ליגן אין דער באַהעלטעניש.

— איך מוז מיינס אָפּצאָלן — וואַרפט ער אונדז צו אַ געזעגענונגס־וואָרט, שלעפּנדיק צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע מענטשן אַ גרויסע איי־זערנע שטאַבע.

די וואַרשעווער באַפעלקערונג האָט זיך מיט ברען געוואָרפן אין קאַמף קעגן דעם אַזוי פאַרהאַסטן אָקופּאַנט. צוזאַמען מיט די מיליטערי־שע אָפּטיילונגען פון „א. ק." (אומלעגאַלע „לאַנד־אַרמיי"), וואָס האָט אַרויסגערופן דעם אויפשטאַנד און מיט אים אָנגעפירט, האָט די באַ־פעלקערונג געשטורעמט דייטשישע פאַרפעסטיקונגען, געהאָלפן אין די ריזיקאַלישסטע מיליטערישע אָפּעראַציעס און געיובלט, ווען עס איז גע־לונגען צו נעמען אין געפאַנגענשאַפט דייטשישע זעלנער. אַפילו די ערשטע דייטשישע באָמבאַרדירונגען, דאָס באַשיסן די שטאָט מיט שווערע אַרטילעריע האָט מען פון אָנהייב אויפגענומען מיט אַ שווייגנ־דיקע פאַרביסנקייט; עס איז דאָך דער לעצטער דייטשישער צאַפּל. מען דאַרף אויסהאַלטן; די סאָוויעטן וועלן באַלד אַריינקומען — דאָס איז געווען די שטימונג פון די וואַרשעווער איינוואוינער.

חוץ דער „א. ק." זיינען פאַרשיידענע אַנדערע פּוילישע מיליטערישע פאָרמאַציעס, צוגעשטאַנען צום אויפשטאַנד (די סאָציאַליסטישע „פּ. אַ. ל.", די קאָמוניסטישע „אַ. ל.") הונדערטער, הונדערטער יידן זיינען אונ־טער פאַרשטעלטע פּוילישע נעמען געווען איינגעגלידערט אין די קאַמפּס־פאָרמאַציעס נישט נאָר אַלס זעלנער, נאָר אויך אַלס וויכטיקע אָנפירער. אַזוי איז אין דער קאָמענדאַנטור פון „א. ל.", וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער העלדישער פאַרטיידיקונג אויף אַלט־שטאָט געפאַלן דער יידי־שער שטאַב־אָפיציר, דער מאַיאָר „נאַסטעק" — מנשה מאַטיוויעצקי. (ער איז אויך געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער יידישער הילפס־אַר־בעט). נאָך עטלעכע טעג פון קאַמף האָט דער אומלעגאַלער צ. ק. פון „בונד" אויף דער אַרישער זייט און די איבערגעבליבענע מיטגלידער פון דער קאָמענדאַנטור פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, גערופן דורכן ראַדיאָ, אַז אַלע יידן זאָלן אַרויס אין קאַמף קעגן דייטש און זיך אָנשליסן אין די דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטישע קאַמפּס־אָפּטיילונגען. וועגן שאַפן גלייך פון אָנהייב אייגענע יידישע אָפּטיילונגען האָט נישט געקענט זיין קיין רייד, ווייל גלייך די ערשטע טעג פון אויפשטאַנד, ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן באַפעסטיקן די גאַסן, וואָס האָבן געדאַרפט זיכערן זייער צוריקמאַרש, איז די שטאָט איינגעטיילט געוואָרן אין פינף קאַמפּס־פראָנטן: זשאָליבאָזש, אַלט־שטאָט, וויסל־געגנט, מאָקאָטאָוו און צענ־טער־שטאָט. ס'איז שווער געווען צוליב די גאַסן שלאַכטן און כסדרדיקע דייטשישע באַשיסונגען אָנצוהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט די פאַרשיי־

דענע שטאָט־טיילן. דער יידישער קאָאָרדינירקאָמיטעט האָט דאַן פאַר־לוירן די פאַרבינדונג מיט די איבערגעבליבענע יידן פון וואַרשע, וואָס האָבן געזוכט הילף. מען איז געווען אָפּגעריסן איינער פון צווייטן און אויסגעשטעלט הויפטזעכלעך אויף זיך אַליין.

אָבער אַ קליינע גרופּע קוריערן און געטאָ־אויפשטענדלער, וואָס האָבן געוואוינט אויף לעשנאָ און אומגעגנט, איז געלונגען אויף אַלט־שטאָט און אויף זשאָליבאָזש, זיך צו האַלטן צוזאַמען און צו קעמפן אין די רייען פון „אַ. ל.״ יידן האָבן זיך מערסטן טייל פאַרשריבן אין די פּ. פּ. ס.׳שע און קאָמוניסטישע קאַמפּס־גרופּן. נישט נאָר דערפאַר וואָס זיי זיינען געווען פון דער איבערצייגונג סאָציאַליסטן אָדער קאָמוניסטן, נאָר אויך דערפאַר, וואָס אין די פאַרמאַציעס פון „אַ. ק.״ האָט געשוויבלט מיט אַנטיסעמיטישע העצער. דאָרטן זיינען יידישע פרייהייטס־קעמפער אָפּט פאַרפאָלגט געוואָרן דורך זייערע פּוילישע קאָלעגן, וועלכע האָבן זיי געשיקט אויף די געפערלעכסטע פונקטן, געגעבן זיי די שווערסטע אַר־בעטן און אַמאָל אויך אינגאַנצן אָפּגערוימט, — פּשוט דערשאָסן. דאָס האָט טאַקע באַוואויגן די יידן זיך אַנצושליסן אין די קאַמפּס־גרופּן, וואו די באַציאונג צו זיי איז געווען אַ פריינדלעכע.

אַ דאַנק דעם שטאַרקן קאַמפּס־ווילן און גרויסער אָפּפערווילי קייט איז די אויפשטענדלער געלונגען, טראָץ זייער שוואַכער באַוואָפענונג, צו באַהערשן אויף אַ קורצער צייט וואַרשע. זיי איז אויך געלונגען צו באַ־פרייען פון תפיסה אויף דזשיקע גאַס ביי אַ דריי הונדערט גריכישע און אונגאַרישע יידן. די דאָזיקע יידן, וועלכע האָבן נישט געקענט די פּוי־לישע שפּראַך און וועמען ס׳איז געווען שווער צו געפינען אַ פאַרבינ־דונג מיטן אַרום, האָבן גלייך נאָך דער באַפרייאונג אַנטייל גענומען אין די קאַמפן אויף אַלט־שטאָט. אומעטום, אויף אַלע אָפּשניטן פון קאַמף, זיינען געווען פאַרטראָטן יידן. אי אַלס פּשוטע זעלנער, אי אַלס גרופּן־פירער, אַלס דאָקטוירים, פלעגערינס און הויז־אויפזעער. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פאַרביסנקייט און עקשנות.

די גאַסן־קאַמפן האָבן זיך אַלץ שטאַרקער צעפלאַקערט און די סאָ־וויעטן האָט מען נאָך אַלץ נישט געזען. עס האָט זיך עפּעס אינגאַנצן איינגעשטילט דער ווייטער פראָנט־דונער, וואָס מען האָט פאַרן אויפ־שטאַנד שוין אַזוי דייטלעך געהערט.

— זאָלן די סאָוויעטן פּלוצלונג האָבן אָפּגעשטעלט זייער פאַראויס־מאַרש? — האָט מען מיט פּחד געפרעגט.

פאַר דער שטאָט האָבן זיך אָנגעהויבן גיהנומדיקע טעג. גאַסן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די הענט פון די אויפשטענדלער, זיינען אָן אויפ־הער געוואָרן באָמבאַרדירט. דאָס האָבן די דייטשן דורך אומברחמנותדיקער פאַרניכטונג געוואָלט צווינגען די באַפעלקערונג זיך אונטערצוגעבן.

דער הימל איז כסדר געווען רויט. אַלע מאָל האָט זיך אין אַן אַנדער אָרט אַ ריס געטאָן אין דער הויך אַ פלאַמיקע פייער־צונג — וואָרשע האָט געברענט!... פון האַלב־אַרונטערגעריסענע הייזער האָט זיך געטראָגן אַ ריזיקער שטויב און שטיקנדיקער ריח פון טויטע קערפּערס, וועלכע מען האָט נישט געקענט אַרויסנעמען פון אונטער די חורבות. די שפּיטעלער און פונקטען פון פּוילישן „רויטן קרייץ״ זיינען איבערפילט געווען מיט פאַרוואונדעטע. אויף אַלע פרייע פּלעצער, סקווערן, טראָטואַרן, אומעטום האָבן זיך געזען אַנגעשאָטענע בערגלעך מיט הילצערנע קרייצן, — פרישע קברים פון געפאַלענע אויפשטענדלער און ציווילע. דורך די חרובע גאַסן פלעגן אונטערן האָגל פון קוילן, פון צייט צו צייט, דורכלויפן פאַרשטויבטע צעטומלטע מענטשן מיט זעקלעך אויף די פּלייצעס אָדער קינדער אויף די הענט. דאָס איז מען אַנטלאָפן פון אַ פאַלנדיק הויז אָדער פון די דייטשן. דער טויט האָט געלויערט פון אַלע זייטן.

— ווען וועלן שוין די סאָוויעטן אַריינקומען? — האָט מען אין אַנמעכטיקער דערשלאָגנקייט זיך איבערגעפרעגט.

אין דער צייט, ווען די דייטשן האָבן אָן אויפהער באַשאָסן און באַוואָרפן די שטאָט מיט באָמבעס, ווען אַלץ אַרום האָט געברענט איז, פאַרשטייט זיך, אויך אַ תל געוואָרן פון די מיט מי איינגעאָרדנטע יידישע מעלינעס. יידן מיט טיפּיש יידישע פּנימער האָבן זיך געמוזט אַנטפלעקן, צוריק אַרויפשווימען אויף דער אויבערפלאַך. און כאָטש די גאַנצע פּוילישע באַפעלקערונג האָט זיך אין דער צייט פון אויפשטאַנד דערהויבן צו די העכסטע הויכן פון העלדישקייט און אָפּפערוויליקייט און איז שטאַרק געווען באַהערשט מיטן באַפרייאונגס־גייסט, זיינען ליידער דאָך געווען האַנדלונגען, פאַרברעכערישע טאַטן, וואָס האָבן געוואָרפן אַ שאָטן אויף דעם אַזוי העראָאישן פאַלקס־קאַמף, — דאָס איז געווען די אַנטיסעמיטישע פיינטלעכע האַלטונג פון אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער פּוילישער באַפעלקערונג צו די יידן, וואָס זיינען אַרויס פון די באַהעלטענישן.

איך האָב זיך אומגעריכט באַגעגנט אין מיין הויז מיט עטלעכע נאָענטע חברים, געוועזענע געטאָ־אויפשטענדלער: חייקע בעלכאטאָווסקאַ, ברוך שפּיגעל, מאַשעלע גליטמאַן און יאַקובעק איר מאַן. זיי זיינען אַלע געווען אין אַ מעלינע ביים קריסט וואַיטשעכאָווסקי, אויף זשעלאַזנע 64. דאָס הויז האָט אָנגעהויבן ברענען און דייטשן האָבן זיך אַריינגעריסן אין זייער גאַס. אין דער לעצטער מינוט איז זיי געלונגען זיך אַראָפּצולאָזן אין די קאַנאַליזאַציע־רערן און אַנטלויפן פון דער דייטשישער געפאַר. גראָד האָבן זיי געדענקט מיין אַדרעס און זיי זיינען געקומען אויף טוואַרדע 36. (די גאַס איז נאָך געווען אין די הענט פון די אויפשטענדלער) מיין ערשטער געדאַנק, נאָכן פריידיקן באַגריסן זיך

מיט זיי, איז געוואָרן ווי וועט זיי אויפנעמען דער הויף. וועגן אויסבאַהאַלטן זיי האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד. אַלע שכנים האָבן זיך כסדר געדרייט אין הויז און אין די שוץ־קעלערן. די טיפּיש־יידישע פּנימער פון די פריש־צוגעקומענע האָבן זיך גלייך געוואָרפן אין די אויגן.

— „זשידקעס זיינען דאָ, זשידקעס!”... — האָבן קריסטן מיט פאַרוואונדערונג איבערגעגעבן.

צו איין ייד, טאַפּאַס, וועגן וועלכן איך האָב שוין געשריבן, וואָס האָט זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן אויפן פערטן שטאָק און האָט צוליב אַ שרפה געמוזט אַרויס פון דער באַהעלטעניש, האָבן זיך שוין די שכנים געהאַט צוגעוואוינט, אָבער פרישע יידן אַריינלאָזן, דאָס איז שוין, לויט זיי, געווען צו פיל.

— פון וואַנען נעמט זיך די דאָזיקע נייע אָנשיקעניש? זיי האָבן דאָך שוין פון לאַנג נישט געדאַרפן זיין!... מען דאַרף זיי וואָס שנעלער אַרויסטרייבן... — האָבן קריסטן זיך דענערווירט. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף די יידן יאָ האַלטן...

— סטייטש, עס קומען דאָך אַריין די רוסן און זיי קענען צוליב דעם נקמה נעמען!...

אַנדערע ווידער האָבן געטענהט, אַז אין אַזאַ וויכטיקן מאָמענט איז נידעריקער פון פּוילישן כבוד זיך צו פאַרנעמען מט עפּעס דאָרטן יידן...

— זאָלן זיי אַרומקריכן! וועמען אַרט עס?

דעם הויף האָט עס אָבער יאָ „געאַרט”. אין שוץ־קעלער האָט מען זיי קיין אָרט נישט געגעבן. אויפן ערשטן שטאָק, אין אַ האַלב חרובער דירה, וואו מיינע חברים האָבן זיך איינגעאָרדנט, איז נאָך צוויי טעג אַרויפגעקומען פּוילישע אויפשטענדלער־זשאַנדאַרמעריע. עמיצער פון די הויז־לאָקאַטאָרן האָט דערטראָגן צו דער ראַיאָן־קאָמענדאַנטור, אַז די יידן, וואָס האַלטן זיך אויף אין אונדזער הויז זיינען נישט אַנדערש, נאָר דייטשישע שפּיאָנען. די פּוילישע זשאַנדאַמעריע האָט געפאָרשט, רעווידירט, קיין שום פאַרדעכטיקעס נישט געפונען און אָוועק. מיר זיינען אָפּגעקומען נאָר מיט שרעק. די דאָזיקע בייזוויליקע מסירה האָט צווישן די שכנים פאַרשטאַרקט דעם האַס. אין אַ געוויסן טאָג האָט אַן אָרנטלעכע קריסטין אין געהיים געוואָרנט דעם ייד, טאַפּאַס'ן, ער זאָל וואָס שנעלער אַוועק פון הויז, ווייל די „כלאָפּצעס” וועלן אים אָפּרוימען. זיינען מיר באַצייטנס אַוועק פון טוואַרדע 36.

פון די הייזער האָט מען יידן געטריבן, ווי נאָר מען האָט דערקענט לויט די שטריכן, אַז עמיצער איז אַ ייד, אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן שיקאַנעס און אָנצוהערענישן מען זאָל וואָס שנעלער פאַרלאָזן דאָס געגעבענע הויז.

פרוי פאַלק מיטן זון און אינזשעניער גאָלדע האָבן זיך לעצטנס

אויפגעהאַלטן אין אַ באַהעלטעניש אויף שליסקע גאַס. אין דער וואוי־נונג איז אַריין אַ שראַפּנעל און זיי זיינען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן אין שוץ־קעלער. אָבער דאָ האָט מען די יידן געלאָזט וויסן, אַז מען וויל זיי נישט האָבן אין הויז. נאָך איניקע טעג פון טרייבן און פון אויסשטיין העצערישע אַנטיסעמיטישע פאַרפאָלגונגען, איז אינזשעניער גאָלדע געווען געצוואונגען בעת אַ שטאַרקער דייטשישער שיסעריי, צו פאַרלאָזן דעם קעלער. אויפן וועג איז ער דערהרגעט געוואָרן פון אַ שפּליטער...

עס דערמאָנט זיך מיר ווי אַ טאָג פאַרן אויסברוך פון אויפשטאַנד האָב איך אַרויפגעברענגט צום אינזשיניער גאָלדע אין דער באַהעלטעניש געלט און אַ שפּייז־פּעקל פון אונדזער הילפס־פאָנד. דער ליבלעכער גוטמוטיקער פריינד האָט מיר האַפּעדיק געדריקט די האַנט און מיט אַ שטילער שטים זיך אָפּגערופן:

— אָ, איצט בין איך שוין זיכער, אַז מיר וועלן דערלעבן צו ווערן פריי!...

די עטלעכע טעג, פון דער אַזוי גערופענע „פריי־הייט", האָט דעם אינזשעניער גאָלדע געקאָסט דאָס לעבן.

שוין גאָר אַ מערדערישע האַנדלונג איז פאָרגעקומען אין הויז פון די פּוילישע באַן־אַרבעטער, אויף ראָג זשעליאַזנע און כמיעלנע. אויפן פינפטן טאָג פון אויפשטאַנד זיינען איניקע יידן אַוועק אין גרויסן בנין פון די באַן־באַאַמטע זיך אויסבאַהאַלטן פון די דייטשישע באָמבאַרדי־רונגען. דריי פון זיי, מיט אויסגעשפּראָכענע יידישע שטריכן, האָט די פּוילישע אויפשטענדלער־וואַך פון „א. ק." פאַרהאַלטן. עס האָט נישט געהאָלפן קיין שום אויפקלערונגען, אַז זיי זיינען יידן, קיין לעגיטימירן זיך. די וואַך האָט אַלע דריי חושד געווען, אַז זיי זיינען דייטשישע שפּיאָנען און האָט זיי אַריינגענומען אין אַ ליידיקער וואוינונג אויף אַ רעוויזיע. אייניקע מינוט שפּעטער זיינען אין זעלבן צימער אַריינגע־קומען נאָך עטלעכע מונדירטע מענער און מיט געווער אין האַנט טראַ־ריזירט די פאַרהאַלטענע. דערביי האָבן זיי ציניש דערקלערט, אַז אין דעם באַפרייטן פּוילן איז נישטאָ קיין אָרט פאַר יידן. צוויי פון די פאַרהאַלטענע האָבן זיך אַ ריס געטאָן צום פענצטער און זיינען אַרויסגע־שפּרונגען. נאָך זיי האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ סעריע קוילן. איין אַנט־לאָפענער, ליוטעק פרידמאַן, איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין פוס. אים איז אָבער צוזאַמען מיט זיין חבר אַדעקן געלונגען צו אַנטלויפן און ביידע לעבן. דעם דריטן, ישעיה סאָלאָמאָן, האָבן די אויפשטענדלער דער־שאָסן אויפן אָרט. זיי האָבן אַראָפּגענומען פון טויטן אַלע קליידער און דעם קערפּער באַגראָבן אונטער דעם פּוילישן נאָמען: לעשטשינסקי יו־ליעק. איך ווייס וועגן דעם געננוי, ווייל די דערמאָנטע יידן האָבן דורך מיר באַקומען שטיצע פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט.

ווי ווייט טראַגיש עס איז געווען די לאַגע פון די „שלעכט" אויס־זעענדיקע ייִדן קען דינען אַלסביישפּיל דער הויף שעננע 28. פון אַ חרובן, צעשטערטן הויף, וואָס איז פול געווען מיט פרישע קברים, זיינען אַנטלאָפן אַלע קריסטלעכע איינוואוינער. דאָרטן, אין אַ שמוציקן, פינצ־טערן קעלער האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַ צוויי צענדליק ייִדן. דער גרעס־טער טייל האָבן זיך פריער נישט געקענט, געווען פאַרשטעקט אין פאַר־שיידענע באַהעלטענישן; איצט, ווען מען האָט זיי געטריבן פון די הייזער, האָבן זיי זיך אַמזיכערסטן געפילט אין די חורבות. די „כלאָפּ־צעס" וועלן אויף אַזאַ גרעסערע גרופּע נישט וואַגן אָנצופאַלן. איינמאָל, נאָך אַ שטאַרקער באָמבאַרדירונג, בין איך אַריין אין דעם הויז זען מיט דער פרוי שפרה מאַזעלשאַ. אַ מאָדנע בילד האָט זיך אַנטפּלעקט. ייִדן זיינען אַרומגעגאַנגען מיט פאַרבונדענע טיכלעך אויף די נעז און מיילער און עפּעס געקליבן פון דער ערד. אַרום האָט שרעקלעך גע־שטונקען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ דייטשישער גראַנאַט האָט געטראָפן אין עטלעכע שכנותדיקע קברים און אַרויסגעוואָרפן פון דער ערד שטיקער נישט לאַנג באַגראָבענע מתים. דאָך האָבן די ייִדן בעסער געוואָלט בלייבן אין דער עיפּושדיקער לופט, פאַרנעמען זיך מיט באַגראָבן געפונענע שטיקער אברים איידער זיך איבערטראָגן אין אַן אַנדער הויז — דאָ איז מען כאָטש אויסגעהיט פון די קריסטלעכע שכנים, — האָבן זיי מיר אויפגעקלערט. אָן עסן, אָן וואַסער, אויסגעפּייניקט; צעבראָכן פון די כסדרדיקע באָמבאַרדירונגען, האָבן ייִדן געבעטן גאָט, אַז דער אויפ־שטאַנד זאָל כאָטש אָנהאַלטן אַזוי לאַנג ביז די רויטע אַרמיי וועט אַריין קיין וואַרשע.

דערוויילע זיינען שוין געפאַלן די שטאָט־טיילן: מאָקאָטאָוו, אַלט־שטאָט, טשערניאַקאָוו און זשאָליבאָזש. עס האַלט זיך נאָר דער צענטער שטאָט, וואו עס זיינען קאָנצענטרירט די פאַרשיידענע געשאַפענע פּוי־לישע רעגירונגס־מיסיעס. אָבער אויך דאָ האָבן די דייטשן אָנגעפאַנגען שטאַרק צו באָמבאַרדירן. אַלץ איז שוין געווען מיד, ערשעפּט פון דער כסדרדיקער שיסעריי. דאָס זיין וואָכן לאַנג אין מיטן פון אַ קריגס־פראָנט האָט פון די מענטשן געמאַכט געשפּענסטער. עס איז שוין קלאָר געווען פאַר אַלעמען, אַז דער אויפשטאַנד איז פאַרשפּילט. די פאַרביטערונג פון די דערשלאָגענע מענטשן איז געווענדעט געווען אויס־שליסלעך קעגן רוסלאַנד.

— פאַרוואָס זיינען זיי געבליבן שטיין לעבן דער קעמפנדיקער וואַר־שע? — הערן זיך ווייטיקלעכע פראַגן.

אַממערסטן פאַרצווייפלט פילן זיך אָבער דאָס הייפל איבערגעבלי־בענע ייִדן. וואָס וועלן זיי טאָן, ווען די דייטשן וועלן צוריק פאַרנעמען וואַרשע? וואו וועלן זיי זיך באַהאַלטן, אַז די בונקערס זיינען צעשטערט

און די היימישע קריסטן זיינען איצט פאַרנומען מיט זיך אַליין ?... מער ענערגישע יידן הייבן שוין אָן באַצייטנס פיבערדיק צו זוכן באַהעלטע־נישן אין חרובע הייזער. פאָרזיכטיק, אַ פיינטלעך אויג זאָל נישט דערזען, גראָבט מען אין די נעכט, אונטער אַ האָגל פון קוילן; שלעפּט מען אין די אויסגעגראָבענע גריבער צו ביסלעך וואַסער פון די ברונימער, מאַגע־רע רעשטלעך פון עסנוואַרג; מען גרייט זיך איבערצואוואַרטן אַ פּאָר וואָכן, ביז די רויטע אַרמיי וועט זיך אַ ריר טאָן פאָראויס.

אויך בנימין גראָבט אויף ראָג שענגע און סאָסנאָווע אַ בונקער. ער האָט שוין מיט מזל דורכגעהאַקט אַ דיקע וואַנט און געפּונען דורך אַ געדרייטן דורכגאַנג אַ פּוסטן קעלער. עטלעכע מאָל בין איך געקראָכן אויף אַלע פיר אין דעם שמאָלן אונטערערדישן טונעל און שטענדיק האָב איך געהאַט דאָס געפיל, ווי איך וואָלט לעבעדיקערהייט באַגראָבן געוואָרן. נישט יעדער ייד קען געפינען אַ פּאַסיק אָרט פאַר אַ בונקער און נישט יעדן געלינגט צו דערגראָבן זיך צו אַ קעלער. איז יעדער טאָג, וואָס דער אויפשטאַנד האַלט נאָך אָן — אַ טאָג פון פּיינלעכע שרעק פאַרן מאָרגן...

דעם ערשטן סעפּטעמבער, נאָך צוויי חדשים פון שווערן קאַמף, האָט די אויפשטענדלער קאָמענדאַנטור דורך ראַדיאָ מודיע געווען דער באַפעלקערונג, אַז די שטאָט וואַרשע האָט קאַפּיטולירט. עס איז אויך גלייך באַוואוסט געוואָרן, אַז גאַנץ וואַרשע וועט ווערן דורך די דייטשן עוואַקואירט. די איינוואוינער מוזן אין משך פון דריי טעג פאַר־לאָזן די שטאָט. כאָטש קיינער איז נישט געווען צופרידן אַרויסצוגיין פון וואַרשע, האָבן די פּאָליאַקן די קאַפּיטולאַציע אויפגענומען מיט אַ געוויסער דערלייכטערונג: ענדלעך וועט דער גיהנום אויפהערן און מען וועט קענען אַרויסקריכן פון די חושכדיקע קעלערס! ביי יידן האָט די דאָזיקע ידיעה אַרויסגערופן אַ שרעקלעכע פּאַניק.

— וואָס טוט מען? — האָבן זיך געהערט פאַרצוויפלטע פראַגן. אין שטאָט האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן פאַרשיידענע קלאַנגען. מען האָט געשמועסט, אַז אַלע געזונטע און יונגע מענטשן וועלן גלייך אָפּגעשיקט קיין דייטשלאַנד אין לאַגערן. טייל האָבן שוין געוואוסט איבערצוגעבן, אַז יעדער איינער מוז דורכגיין אַ קאָמיסיע וואָס געפינט זיך אין לאַגער פּרושקאָוו, אונטער דעם דייטשישן אויפזיכט און דאָרט ווערט דעצידירט דער גורל פונעם מענטשן. קיינער פון אונדז האָט קיין גוטס פון די דייטשן נישט דערוואַרט. האָט מען זיך טאַקע געשראָקן פאַר דעם, וואָס דאַרף קומען. צוזאַמען מיט אַנדערע פריינד בין איך געלאָפן איבער פאַרשאָטענע און צעשטערטע גאַסן, דורך קעלערס, טונעלן. דאָס זיינען געווען די איצטיקע שטאָטישע וועגן.

אויף זשוראַווע 24, האָבן זיך געפּונען פאַרשטייער פון קאָאָר־

דיניר־קאָמיטעט און מיטגלידער פון אומלעגאַלן בונדישן צ. ק. חבר „מיקאַלײ" — לעאָן פײַנער, אַליין אַ קראַנקער אויף אַ ראַק, אַן ערשעפּ־טער, צוזאַמען מיט די חברים: מושקאַט, פישגרונד און ליפּשיץ. די גאַנצע צײַט פון אויפשטאַנד האָבן זיי געפּרוּאווט דורך אינטערווענצן און שמועסן מיט פּוילישע פירער ווירקן, אַז די פּוילישע אויפשטאַנד־אינ־סטאַנצן זאָלן אָננעמען מיטלען קעגן די אַנטיסעמיטישע שיקאַנעס און יידן־פאַרפאָלגונגען. אויך איצט האָבן די חברים געאַרבעט ביים פּונאַנ־דערטיילן צווישן יידן שטיצע אין דאָלאַרן, וואָס דער הילפס־קאָמיטעט האָט נישט לאַנג דערהאַלטן פון אויסלאַנד. פאַר יידן האָבן דאָלאַרן איצט געהאַט אַ ספּעציעלן ווערט. פאַרן דאָזיקן געלט האָט מען געקענט איינשאַפן עסנוואַרג און קליידער. מען קען איצט אויך פאַר דאָלאַרן באַ־קומען ביי טייל אויפשטענדלער געווער. אויב מען באַהאַלט זיך דאַרף מען אויך זיין באַוואָפנט.

איך בין איצטער צוזאַמען מיט מיינע עלטערע חברים. איך וויל קריגן אָנווייזונגען פון זיי. זיי איז אָבער שווער עפּעס צו עצה'נען. מען דאַרף אַליין פאַר זיך באַשליסן, אַליין זיך דעצידירן וואָס צו טאָן. אָדער מען דאַרף זיך באַהאַלטן, אָדער אַרויסגיין פון שטאָט. איבער צוויי יאָר האָט מען פּרובירט העלפן מיט אַלע מעגלעכקייטן דעם ביסל לעבנגעבליבענע יידן אויף דער אַרישער זייט. מען איז פון וואַרשע געפאָרן אויף דער פּראָווינץ, אין די לאַגערן, דורכגעמאַכט פאַרשיידענע פיינלעכע מאָמענטן, באַמיט זיך אַלץ צו טאָן, כדי צו זיכערן די שאַנסן פון זייער לעבן. איצט דאַרף דער בנין פון דער, אַזוי גערופענער, אונ־טערערדישער הילפס־אַרבעט, וואָס איר צענטער, איז געווען אין דער שטאָט וואַרשע, צעשטערט ווערן. מיר ווייסן אַפילו נישט, וואָס עס איז געשען מיט די יידן, וואָס האָבן חדשים לאַנג געגאַסן פון אונדזער הילף און זיך אויפגעהאַלטן אין די שטאָט־טיילן, וואָס זיינען שוין אין די הענט פון דעם דייטש, ווי: מאָקאָטאָוו, אַלט־שטאָט, ווייסל־טייל און זשאָליבאָזש. ווי אַזוי האָבן זיי זיך אַן עצה געגעבן? ווער קען דען איצט וויסן די צאָל יידן, וואָס זיינען העלדיש געפאַלן אין קאַמף אָדער פאַרשאָטן געוואָרן אונטער די חורבות פון די הייזער. מיר ווייסן גאָרנישט וועגן די געפאַלענע, אַפילו נישט וואו זייערע קברים געפינען זיך!...

זיינען מיר, געצײלטע פון די רעשטלעך לעבנגעבליבענע, הילפּ־לאָז; קיינער ווייס נישט פון אונדז, וואָס עס וועט ברענגען מיט זיך די נאָענטסטע שעה... כמעט אַלע פון די עלטערע חברים האָבן זיך דעצידירט, אַז זיי וועלן אַרויסגיין אַלס קריסטן פון שטאָט. קיין יונגע מענטשן זיינען זיי נישט, גוטע אַרישע פּנימער האָבן זיי; וועלן זיי זיך אויסמישן מיטן עולם און אפשר וועט זיי געלינגען זיך אַרויסצודרייען פון אַרויסגעשיקט ווערן אין די דייטשישע לאַגערן. מעגלעך, גאַנץ

מעגלעך, אַז דאָך וועלן אפשר די דאָזיקע נישט געבראָכענע, אומדערמיד־לעכע טוער, דאָרטן, וואו זיי וועלן זיין, צוריק אויפבויען אַ יידישן הילפס־אַפּאַראַט. צי וועט אָבער מיר מיט בנימינען און אַנדערע אונדזער גלייכן אויך געלינגען אויסצומיידן די דייטשישע לאַגערן? מיר זיינען יונג און עס זיינען דאָ זייער שוואַכן שאַנסן, אַז מיר זאָלן זיך קענען אַרויסדרייען פון דייטשישע לאַגערן.

— איר דאַרפט אָבער יאָ ריזיקירן — עצה׳ט אונדז חבר „מיקאַליי".

— מען קאָן גאָרנישט וויסן ווי לאַנג עס קאָן דויערן דאָס ליגן באַהאַלטן אונטער דער ערד. — חבר „מיקאַליי" איז שטאַרק אויסגעמאַ־גערט, קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס; דאָך באַמיט ער זיך צו זיין האָפערדיק.

— נישט פאַלן ביי זיך, מען וועט דאָס אויך דורכהאַלטן — פּרוּווט ער טרייסטן די חברים.

נאָך פיר טעג וואַקלען זיך, האָב איך און בנימין באַשלאָסן אַרויס־צוגיין פון שטאָט. דעם גוט מאַסקירטן בונקער אויף ראָג סאָסנאָווע און שענגע, וואו בנימין האָט אַזויפיל אַרבעט אַריינגעלייגט, האָבן מיר איבערגעגעבן די פריינד: פרוי שפרה מאַזעלשאַ, ברוך שפּיגל, חייקע בעלכאַטאָווסקאַ און נאָך עטלעכע יידן, וואָס האָבן צוליב זייערע טיפּיש־יידישע פנימער געמוזט פאַרבלייבן אין שטאָט.

ס׳איז אַ רעגנדיקער טאָג. בנימין און איך האָבן גענומען אונדזערע זעקלעך, געגני געוויזן אונדזערע פריינד אַלע אומוועגן פון בונקער און געבליבן שטיין מיט אייניקע חברים אויף דער גאַס. פאַר אונדז האָבן געאיילט מענטשן מיט פּעקלעך, קיישלעך און וועגעלעך. אַ לאַנגע ווײַלע האָט מען נאָכגעקוקט די שטראָמענדיקע מענטשן־מאַסע, געוואָרפן צעטומלטע בליקן אויף די דערנעבנשטייענדיקע חברים און — געשוויגן...

— איר דאַרפט זיך צואײַלן — האָט עמיצער זיך שטיל אָפּגערופן.

אמת, מיר דאַרפן זיך שוין זעגענען. דער טערמין פון פאַרלאָזן פּריוויליק די שטאָט האָט זיך געענדיקט. די דייטשן זיינען נאָך נישט אַריין אין צענטער פון שטאָט. זיי קענען יעדע מינוט אַריינגיין אַהער אין גאַס, מען דאַרף גיין... שווער איז אויפן האַרצן. נאָך אַ מינוט נאָך אַ מינוט און מיר וועלן פאַרלאָזן די לעצטע פון אונדזערע נאָענטע חברים.

— נו, וואָלאַדקע, זיי געזונט און זאָל מען זיך נאָך זען! — דריקט מיר מאַשעלע גלייטמאַן די האַנט.

— און דאָ האָסטו אויפן וועג עטלעכע פּלעצעלעך, וואָס איך האָב באַוויזן היינט אָפּצובאַקן — די פרוי שפרה מאַזעלשאַ רוקט מיר אַריין אונטערן אָרעם אַ וואַרעמע מאַסע, איינגעוויקלט אין פּאַפּיר.

— איר זאָלט נאָר געדענקען, ווען איר וועט צוריקקומען, אַרויס־

צונעמען אונדז פון בונקער, לעבעדיקע אָדער טויטע... — באַמערקט אומעטיק פּרוי פאַלק.

עס שטיקן מיך די טרערן, כ'וויל זיי עפּעס זאָגן אַ לעצטן „זייט געזונט"... ווער ווייס דען צי מיר וועלן זיך נאָכאַמאָל זען; ווער ווייס ווער פון אונדז וועט בלייבן לעבן? אויפן זכרון קומט מיר דאָס באַקאַנטע געטאָ־ווערטל:

— ייִנגל האַלט זיך, האַלט זיך — רוף איך דורך טרערן צו ברוך שפּיגלען.

ברוך איז איצט דאָ דער קאָפּ פון דער דאָזיקער בונקער־גרופּע.

עס פאַלן נאָך אייניקע טרייסט־ווערטער. בנימין דרייט זיך אַוועק, ווישט שנעל זיך אויס די אויגן, דער לעצטער האַנט־דרוק, מיר גייען.

— צום ווידערזען, צום ווידערזען! — באַגלייטן אונדז אַ לאַנגע ווײַלע באַקאַנטע היימישע שטימען.



ב. מיענדזיזשעצקי „טשעסלאַוו” אויף די חורבות פון וואַרשע.

קאַפּיטל פיר און פערציק

# ווען מען איז געקומען צוריק...

געזען האָבן מיר זיך ערשט אין פינף חדשים אַרום, אייניקע טעג נאָכדעם ווי קיין וואַרשע איז אַריין די רויטע אַרמיי. בנימינען און מיר איז געלונגען, אַלס קריסטן, זיך אַרויסצודרייען פון די דייטשישע הענט און נישט ווערן אַרויסגעשיקט קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. מיר האָבן זיך געוואַלגערט איבער שטעטלעך און דערפער. געפונען דעם קאָנטאַקט מיט דעם יידישן הילפס־אַפּאַראַט, וואָס האָט געאַרבעט אין גראָדזשיסק; אַדורכגעמאַכט פאַרשיידענע גיהנומדיקע טעג און לסוף דערלעבט די פרייהייט. אויך מיינע פריינד, וואָס זיינען געבליבן אין דער חרוב־געוואָרענער שטאָט, האָבן געהאַט גליק, זיי זיינען גראָד געווען צווישן די ווייניק־פאַרבליבענע יידן, וועמענס בונקער די דייטשן האָבן נישט געפונען און אויך זיי האָבן איבערגעלעבט. קורץ איז געווען אונדזער באַגריסונג. אין דעם גאַנצן פריידיקן ווידערזען זיך האָט זיך אַרויסגעפילט אַן אומרואיקייט, אַ מאָדנע שרעק האָט געטאַטשעט דאָס האַרץ; אַן אינערלעכער פיבער האָט געטריבן פון אָרט... געצויגן אַהין וואו מען האָט יאָרן לאַנג געלעבט און אַלץ געלאָזן. עס האָט געצויגן צום געטאָ.

— נאָך וואָס יאָגסטו אַהין? ווייסטו דען נישט, אויף וואָס דו וועסט זיך דאָרטן אָנטרעפן? — האָט מיר יעדעס מאָל, ווען איך האָב אָנגעהויבן גיין, אַ געהיימע שטים אַריינגעשעפּטשעט אין אויער.

אָפּגעשלעפּט אַ טאָג און נאָך אַ טאָג און אַוועק אין געטאָ צוזאַמען מיט בנימינען.

פאַרזיכטיק קריכן מיר איבער די געטאָ־חורבות, איבער בערג און גריבער, איבער בערג און בערגלעך; איבער ציגל, שטיינער, אייזנס. פאַרזיכטיק, נאָר נישט אַוועקשאַרן עפּעס... נאָר נישט עפּעס צעבייגן... עס ליגט דאָך דאָ דאָס לעבן פון אונדזערע טייערסטע! שטיל... שטי־לער זיי, האַרץ! נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן, זעסטו דען נישט, אַז דאָ איז קיינער נישטאָ?... אַז עס איז בלויז אַ וויסטער חורבן פול מיט



געטאָ־חורבות.

ציגל, מיט בערג צעשאָטענעם טינק. אומעטום פאַר זיך און הינטער זיך האָסטו הויפנס ברוכוואַרג, חורבות...

— איז וואָס־זשע דאָס ציטערן אַזוי? דערמאָן זיך נאָר: דיינע אויגן האָבן דאָך שוין געזען אַפילו דאָ אויף די דאָזיקע ערטער, צווישן קנוילן רויך און פלאַמענדיקע צונגען, גרויליקערע בילדער... אמת, דעמאָלט האָט נאָך געצאַנקט אַ ביסל לעבן, דעמאָלט האָט מען זיך נאָך געפייניקט, געראַנגלט זיך אין קאַמף, עס האָט נאָך דעמאָלט געטליעט אַ פונק פון האָפענונג...

אָבער, ווי אַנדערש איז היינט! ! ! ניין, נאָר נישט טראַכטן איצט... בלויז קוקן אויף דער טויטער וויסטעניש, אויף יעדן שטיין, אויף יעדע זעמדעלע, וואָס איז אַדורכגעווייקט געוואָרן מיט יידיש בלוט און טרערן, און — שווייגן!... איך עס זיך איין מיט די טרוקענע ברענענדיקע אויגן אין די בערגער פון אומקום. די בליקן וואַנדערן שטום פון איין הויפן ציגל צום אַנדערן. אָט דערזע איך אַן אַרויסטאַרטשענדיק שטיקל רער, אַ צעבויגענע אייזערנע שינע, אַ פאַרסמאַלעט האַלב־אָפּגע־ברענטע שטיקל בעלקע. יאָ, דאָס זיינען די איינציקע סימנים, די איינציקע שפורן פון אונדזער פאַרשניטענער וועלט. דאָס אויג פאַרהאַלט זיך אויף אַ צעריסענעם פאַרבלאָטיקטן סידור, אויף אַ צעקנייטשט אַלט טעפל און גלייך שווימט אויף פאַר דיר דיין היים: דיין מאַמע, דיין טאַטע. ניין, פאַריאָגן מוז מען די בילדער, מען מוז געדענקען, אַז דאָ

און אויך אין אַנדערע נאָענטע און ווייטערע שטעט זײַנען אבידות ווי מײַנע געווען אין טויזנטער, אין צענדליקער טויזנטער. אָבער אַפילו די גרויסע ציפערן מיט אַ סך, אַ סך נאָלן, זײַנען דאָך נישט אימשטאַנד אַרומצונעמען אונדזער ריזיקע בראָך...

די אויגן זוכן ווידער, זיי נישטערן, און נישטערן; יאָ, זיי דערקענען דאָ יעדעס אָרט; אַפילו די פאַרשאָטענע וועגן, די קייט פון הויכע און נידעריקע בערגלעך קענען נישט פאַרהוילן די אָפּגעמעקטע גאַסן און הייזער. דאָ איז געווען דזשעלנע, אַ ביסל ווייטער פּאַוויע, גענשע, נאַלעווקי... דאָ האָט שטענדיק געקאָכט, געגרוישט מיט האַנדלענדיקע און אַרבעטנדיקע יידן; מיט יידן אין אַטלאַסענע קאַפּאָטעס און מיט יידן אין אַרבעטס־קליידער; מיט פרויען אין פּאַטשיילעס און אין היט, מיט יוגנט, מיט קינדער. עס האָט געשפּרודלט מיט לעבן. איצט איז דאָס אַלץ נישטאָ, פאַרשניטן געוואָרן — אויסער חורבות איז גאָרנישט געבליבן.

אָבער מיר, אַליין, איז נאָך ע פּ ע ס געבליבן. אַ ביסל ווייטער, אויפן גענשער בית־עולם, דאַרף זײַן דער קבר פון מײַן פאָטער, וואָס איז געשטאָרבן אין געטאָ. איך געדענק גוט דאָס אָרט: אַלייע 105, דער זיבעטער קבר פון לינקס. און אָט זײַנען מיר אויך פאָרן בית־עולם, אויך דאָ איז גרויס דער חורבן! דער מויער איז ערטערווייז צעהאַקט, קיין שום טויער נישטאָ, אַלץ איז הפקרדיק אָפן, אַרום אַ גרויליקע שטיל־קייט, קיין לעבעדיקן נפש זעט מען נישט. וואו איך קער זיך זע איך איבערגעדרייטע מצבות, צעשטערטע קברים, און נעבן זיי וואַלגערן זיך שאַרבנס, מענטשלעכע שאַרבנס. זייערע אָפענע, שוואַרצע לעכער עסן זיך אײַן אין דײַנע אינגעווייטן, ווי מיט אַ ווייטיקלעכע טענה:

— פאַרוואָס, פאַרוואָס איז עס אונדז אַזוי געקומען?

כאָטש דו ווייסט, אַז דאָס זײַנען סימנים פון דער שווידערלעכער אַרבעט פון די אַזוי גערופענע „דענטיסטן", — פון פּאַליאַקן, וואָס האָבן געזוכט גאָלדענע ציין אין די מײַלער פון יידישע מתים, פילסטו זיך עפּעס מאָדנע שולדיק, שטאַרק דערנידעריקט, פאַרשעמט, וואָס אויך דו געהערסט צו דעם מין, וואָס טראָגט דעם נאָמען מ ע נ ט ש! יאָ, אַפילו רואיק ליגן אין קבר האָט מען די יידן נישט געלאָזן. לאַנג־זאַם, כדי נישט אַרויפצוטרעטן אויף קיין שאַרבנס און כדי נישט אַרײַנ־צופאַלן אין אַן אויסגעגראָבענעם קבר באַוועגן מיר זיך דורך קאָש־מאַרפולע וועגן צום אָרט, וואו עס ליגן די ביינער פון מײַן פאָטער. איך קאָן דאָך גוט דעם פּלאַץ, איך בין זיכער, אַז דאָ דאַרף עס זײַן, און דאָך איז מיר אוממעגלעך אָנצוטרעפן אויף די שפּורן פון זײַן קבר. אַלץ אַרום איז פאַרוואַרלאָזט, די ערד צערויעט, פול מיט גריבער און צע־בראָכענע ברעטלעך. מיר בלײַבן שטיין פאַרלוירן. לעבן אונדזערע

פיס וואַלגערן זיך שאַרבנס און שאַרבנס. ווער ווייס אפשר איז טאַקע איי־נער פון זיי מיין פאָטערס? אָבער ווי אַזוי דערקענט מען דאָס?

גאָרנישט, גאָרנישט איז מיר פאַרבליבן פון מיין קינדהייט, פון מיין יוגנט, אַפילו נישט דער קבר פון מיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער...

# סוף